STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10474

SEFER HA-ZIKHRONOT

Joseph Isaac Schneersohn

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספרי — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל שמיני

שער רביעי

ספר הזכרונות

•

ליובאַוויטשער רבינ'ס זכרונות

•

זכרונות פון כבוד קדושת

אדמו"ר יוסף יצחק

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

שניאורסאהן

מליובאוויטש

ערשטער טייל

צווייטע אויסגאַבע

אַרויסגעגעבען דורך

„אוצר החסידים"

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין (13), נ. י.

יאָהר פינף טויזענט זיבען הונדערט פופצען לבריאה

SEFER HAZICHRONOS

MEMOIRS OF

RABBI JOSEPH I. SCHNEERSOHN

of Sainted Memory

OF LUBAVITZ

Volume I

●

SECOND EDITION

Published and Copyrighted, 1955, by

"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY

770 EASTERN PARKWAY BROOKLYN 13, N. Y.

Tel. HYacinth 3-9250 — PResident 8-4600

Printed in the U. S. A. by

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

זכרונות פון ליובאוויטשער רבי'ן
אדמו"ר יוסף יצחק
זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע
שניאורסאהן

●

איבערזעצט אין אידיש און צוגעגרייט צום דרוק

ד ו ר ך

ד. ל. מעקלער

●

ערשטער טייל

צ ו ו י י ט ע א ו י ס ג א ב ע

אינהאַלט

אינהאַלט .... xi-v

הקדמה xiii

ביאָגראַפישע דאַטען .... xvi-xiv

אַריינפיר .... 1 -14

א. די שטאָט פון מענשען ליבע............ 15 -20

די באַדייטונג פון אידישע שטעט און שטעטלעך — דער גרינדער פון ליובאַוויטש — דער עלטסטער בית מדרש אין ליובאַוויטש און אויף וועמענס נאָמען ער רופט זיך — ווען גזלנים האָבען טע־ראָריזירט די וועלדער אַרום ליובאַוויטש.

ב. דער נסתר............ 20 -24

ר׳ בנימין ראַטעוועט ליובאַוויטש פון גזלנים — דער סוד פון זיינע געהיימע כחות — זיין חבר, וואָלף דער שוסטער — דער פנים חדשות אין ליובאַוויטש — נסתר הערט ווי מען דערצעהלט וועגען זיינע וואונדער.

ג. די אַנטפּלעקונג............ 24 -29

די שרפה אין ליובאַוויטש — דער בית מדרש וואָס איז גערופען געוואָרען אויף ר׳ בנימין׳ס נאָמען — ווער דער שוסטער וואָלף איז געווען אין דער אמת׳ן.

ד. ר׳ וואָלף ווערט ווידער נתגלה............ 29 -33

פּאַרלאָזט ליובאַוויטש און באַזעצט זיך אין אַ דאָרף — דער גלח וואָס וויל אָפּשמד׳ן אידען — אידען אין אַ פאַרלעגענהייט — ר׳ וואָלף דער שוסטער ענטפערט דעם גלח און צושלאָגט אַלע זיינע באַווייזען.

ה. דער מאַרטירער............ 33 -38

ר׳ וואָלף איז ווידער מנצח דעם גלח — זיין אַרעסט — זיינע ויכוחים מיט די גלחים אין קיעוו — דער בלבול און דער טויט־אורטייל — זיין אלמנה און יתום.

ו. אידישע צדקות און גויאישע אכזריות............ 38 -42

דער נייער בנימין און נייער וואָלף — אידישע נגינה און גויאישע שכרות — דער נייער רב אין ליובאַוויטש — דער רב וואָס איז געוואָרן אַ מגיד.

אינהאלט

ז. די נסתרים און דער בעל שם........................ 42 -46

ווי די תורה פון בעל שם האָט זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען צווישען די אידען — דער ליובאַוויטשער מגיד וואָס איז געווען אַ תלמיד פון בעל שם — דער איידים וואָס ער האָט גענומען אויפ׳ן בעל שם׳ס אָנזאָג.

ח. ליובאַוויטשער תלמידים פון בעל שם........................ 46 -51

ווי דעם בעל שם׳ס געהיימע לעהרע האָט געפונען אַן אָנהאַלט אין ליובאַוויטש — די געהיימע באַזוכען ביים בעל שם — דער מגיד און זיין איידים — דעם בעל שם׳ס אַ ווערטעל.

ט. ווען דער בעל שם איז געווען אַ נסתר........................ 51 -55

וואָס דער אַלטער רבי האָט דערצעהלט וועגען דער טעטיגקייט פון בעל שם איידער ער איז נתגלה געוואָרען — ווען מען דאַרף העלפען דעם אידישען גוף און ווען מען דאַרף העלפען די אידישע נשמה.

י. אָפּשטאַם פון דער שניאורסאָן גזע........................ 56 -60

דער יחוס וואָס געהט ביז צום מהר״ל מפּראג און נאָך ווייטער — ר׳ משה פון פּאָזען און זיין זוהן שניאור זלמן — דער יתום ר׳ ברוך און זיין אייגענאַרטיגער דרך.

יא. גוף און נשמה........................ 60 -64

די וואַנדערונגען פון אַ יונגען בחור׳ל וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף אַ נייעם דרך — וויל זיך דערנערען פון אַרבעט — ווען מען שטעהט פּנים אל פּנים מיט׳ן הונגער.

יב. דער כח פון בטחון........................ 64 -69

וואָס מיר קענען לערנען פון די איבערלעבונגען פון דעם יונגען ברוך׳ן — דער נייער דרך אויף וועלכען ער האָט זיך פאַרנומען און די גרויסע נסיונות וואָס ער איז בייגעשטאַנען.

יג. דער אַנטדעקטער סוד........................ 69 -73

ווען ברוך׳ס בעל הבית האָט אויסגעפונען אַז דער שומר פון זיין סאָד איז אַ „נסתר״ — דער באַזוך פון פּריץ אין סאָד און זיין אינטערעס אין ברוך׳ן.

יד. אידישער שטאָלץ........................ 73 -78

ווי ברוך איז ניצל געוואָרען פון אַ סכנה — ער ווערט אויס שומר און זעצט זיך ווידער לערנען אין בית המדרש — זיין חבר׳שאַפט מיט זיין פריהערדיגען בעל הבית.

טו. אידישע עהרליכקייט........................ 78 -82

דער שמיד פון וועמען ברוך האָט געלערענט מדות — ווי איין איד האָט געלערענט מיט׳ן צווייטען — גוים הערען זיך צו צו מעשיות פון עין יעקב און האָבען הנאה.

טז. תורה און מלאכה........................ 82 -87

וואָס ברוך האָט געלערענט פון אַ פּשוט׳ן בעל מלאכה — דער שמיד און זיינע קינדער — די לומדישע איידימס — פון מלאכה צו תורה.

יז. צווישען אייגענע און פרעמדע.. 87 -91

וועו ברוך איז צוריקגעקומען קיין וויטעבסק — פאָלגט דאָרט ווייטער נאָך זיין דרך — דער פאָטער וואָס האָט זיך מצער געווען פאַרוואָס זיין זוהן איז ניט קיין בן תורה.

יח. דער צער פון אַן עהרליכען אידען.. 91 -95

אברהם׳ל דער פישער פון וועמען ברוך האָט אַ סך געלערענט — פאַרוואָס ברוך׳ס פאָטער האָט איהם אָנגעהויבען רופען „ר׳ אברהם״.

יט. דער שדוך.. 96 -100

ר׳ אברהם דער גערטנער געפינט ברוך׳ן און שלאָגט איהם פאָר צו ווערען זיין איידים — ווי ר׳ אברהם האָט אַרומגעזוכט ברוך׳ן — די באַגעגעניש צווישען די צוויי פריינד.

כ. דער בעל שם און די נסתרים.. 100-104

ברוך׳ס באַקאַנטשאַפט מיט די נסתרים — זיין באַגעהר צו ווערען זייער מכניס אורח — די תנאים וואָס ער האָט געשטעלט זיין קינפטיגען שווער, ר׳ אברהם׳ן.

כא. תורה און מוסר... 104-109

מען פאָרט אָנקוקען ברוך׳ס כלה — ברוך בלייבט לערנען ביז דער חתונה און ווערט באַאיינפלוסט פון מוסר ספרים וועלכע עפע־נען פאַר איהם אַ נייע וועלט.

כב. דער פרעהליכער קבצן... 109-113

פון וואַנען די דאָזיגעם פרעהליכקייט האָט זיך גענומען — דער גרויסער בטחון אין אויבערשטען — וואָס ברוך האָט געלערענט דערפון.

כג. פאַר׳ן גוף און נשמה... 113-117

דער מערקווירדיגער שמש פון יאַנאָוויטש וואָס האָט אויף ברוך׳ן געמאַכט אַ גרויסען רושם מיט זיינע מדות — דער בית מדרש אויפ׳ן מאַרק.

כד. אידישע ישוב׳ניקעס... 117-122

ווי דער שמש פון יאנאָוויטש האָט משפיע געווען אויף די ישוב׳ני־קעס — דער מילנער און זיינע איידימס — אַ לומדישער יונגערמאַן וואָס קוקט אַרונטער אויף פראָסטע מענשען און רודפ׳ט לומדים.

כה. שטאָטישע און דאָרפישע אידען... 122-125

טיפען פון די אידישע ישובים — דער מילנער וואָס איז געוואָרען אַ שטאָטישער תושב און זיין איידים וואָס האָט זיך ענדליך פאַר־נומען אויף אַ נייעם דרך.

כו. צוויי וועלטען.. 126-130

די וועלט פון די לומדים און די וועלט פון אנשי מעשה — די מסקנא צו וועלכער ברוך איז געקומען — ווי פשוט׳ע מענשען זיינען געוואָרען לומדים.

כז. דער אויסגעלאַכטער 134-130
אַ פּאַסירונג אין יאנאָװיטש װאָס האָט שטאַרק געערגערט ברודן — דער ויכוח מיט זיין שװאָגער — עבודה זרה און פּאַרװאָס מען טאָר פון דעם קיין הנאה ניט האָבען.

כח. דער שר פון יאנאװיטש 138-134
אַ זעלטענער טיפּ איד פון אַמאָליגע יאָהרען — דער בלבול און װי ער איז בטל געװאָרען — אַ בן יחיד װאָס געהט ניט אין פּאָטערס דרכים.

כט. בעל הבית װאָס פאַרעהרט זיין משרת 143-138
דער ערשטער װאָס האָט צעטיילט זיין פּאַרמעגען אויף צדקה — פון װעמען דער „שר" פון יאנאָװיטש האָט געלערענט זיינע מדות טובות.

ל. בעקער און שוסטער 148-143
דער געפייניגטער בעקער און זיין טרייסטער — דער װאויל־לערנער װאָס איז געװאָרען אַ שוסטער.

לא. שטאָט און דאָרף 153-148
דער איד װאָס האָט פאַרלאָזט װיטעבסק, כדי ניט צו פאַרשאַפען שװער און שװיגער קיין עגמת נפש, דערפאַר װאָס ער איז געװאָרען אַ שוסטער — דער מינסקער דיין װאָס האָט מסכים געװען צו דעם נייעם דרך פון זיין זוהן.

לב. די תפילה אין מיטען נאַכט 157-153
די אַנטדעקונג װעגען דעם „לידיגגייער" פון האטינקא — װען דער שוסטער האָט אַריינגעהאַקט אַ טשװאָק ניט אויפ'ן ריכטיגען אָרט — מיט װאָס אַ מענטש איז גלייך צו די װאָלקענס.

לג. טאַטע און זוהן 162-157
װי דוד ליב דער שוסטער האָט געלערענט זיין זוהן מדות טובות און װי דער זוהן האָט געמוזט שװייגען װעגען זיין פאָטער דעם נסתר — מיט'ן בעל שם'ס כח.

לד. די ערשטע חסידים 168-163
דער אָרימאַן װאָס איז אויפגעריכט געװאָרען דורך זיין גרעסטענעם זוהן — דעם שמיד'ס דריטער אײדים װאָס האָט נאָכגעפאָלגט די פוס־טריט פון זיין שװער — מתנגד'ישע ערענסטקייט און חסידי־שע פרעהליכקייט.

לה. די ערשטע אידען פון װיטעבסק 174-168
די ישיבה װאָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פון אַ פּרוי — דער שװעדישער פּרינץ װאָס איז געװען אַ איד.

לו. דער געהיימער בעל־צדקה 180-174
די גרויסען סומען, װאָס פּרינץ קאמבארי האָט פאַרטיילט אויף צדקה נאָכדעם װי ער איז צוריק געװאָרען אַ איד — ר' נחום'ס פּטירה און דער נייער דרך פון זיין זוהן — דער גירוש פון װי־טעבסקער אידען.

לז. דער געצוואונגענער גט 187-181

ווי אַזוי אַ פֿאָטער האָט געצוואונגען זיין טאָכטער נעמען אַ גט פֿון איהר מאַן דערפֿאַר וואָס זי איז געווען קינדערלאָז — אַ זעלטענע אידישע פֿרוי — ר׳ נחום׳ס מערקווירדיגער דרך אין לעבען.

לח. די דריי ברכות 193-187

דבורה׳ס גרויס השפעה אויף איר מאַן און אויף די וויטעבסקער אידען — די ברכות וואָס ר׳ נחום האָט זיך אויסגעקליבען.

לט. מוטער און טאָכטער 199-193

דער נאָמען פֿון דער טאָכטער וואָס איז פֿאַראייביגט געוואָרען דורך אַ ישיבה און די מוטער וואָס האָט זיך פֿאַראייביגט איהר נאָמען דורך איהרע מעשים טובים — דער גראַטעוועטער.

מ. גוים פֿאַרהייליגען אידישען צדיק 206-199

ווי ער האָט משפיע געווען אויף די גוים און זיי געפֿירט אויפ׳ן דרך הישר — אָפּקלאַנגען פֿון דער שחיטה אין נעמיראָוו — אין אַמאָליגער ווילנע.

מא. שתדלנים און בעלי צדקה 212-206

טיפֿען פֿון דער אַמאָליגער ווילנע — אידישקייט אין שטאָט און אידישקייט אין דאָרף — דער אידישער גוף און די אידישע נשמה — דער „רייכער קבצן״.

מב. צעריסענע פֿאַמיליען-לעבענס 218-212

דעם רב׳ס אײדים אין דאָבראָמיסל העלפֿט פֿאַרשטאַרקען דעם שלום בית אין שטאָט — פֿאַרוואָס דאָרט זיינען פֿאַרגעקומען אַ סך גיטין.

מג. אַן עלילת דם 224-218

דער דאָבראָמיסלער רב און זיין אײדים — די אבילות וואָס צוויי קהלות האָבען געפּראַוועט — אַ פּנים חדשות אין שטעטעל.

מד. די וידוי פֿון צוררי היהודים 230-224

ווי די שטאָט־פֿירער פֿון ליאָזנע האָבען געוואָלט אויסגעפֿינען דעם אמת וועגען עלילת דם — די העלדישקייט פֿון אַ אידישען בחור׳ל.

מה. ווען אידען דאַרפֿען שוץ 237-230

אַן אַנדער מעשה מיט אַן עלילת דם אין ליאָזנע — דער אַלטער שמש פֿון ליאָזנע און דער מוסר השכל וואָס ער האָט גענומען פֿון די אַמאָליגע יאָהרען.

מו. גאוה און בעלי גאוה׳ניקעס 244-237

דער ענין פֿון גאוה און פֿאַרוואָס דאָס איז געגען דעם אידישען גייסט — ר׳ שמעון חיים וועלכער האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגען בעלי גאוה׳ניקעס און באַרימער.

מז. די הייליגע ירושה 250-244

דער סופֿר פֿון דאָבראָמיסל, וואָס האָט איבערגענומען די גייסטיגע ירושה פֿון זיין רבי׳ן — וויל אַ תשובה אויף חטאים וואָס ער איז ניט באַגאַנגען.

מח. דער קאַפּריזנער פּריץ.......... 256-250
ווי ער האָט אַרויפגעצוואונגען זיין אויטאָריטעט אויף זיינע פּאַראַב־קעס — דער פאַרוואַלטער פון זיין גוט און דער אידישער וואַליקעס מאַכער.

מט. אַ אידיש הארץ.......... 262-256
די פריינדשאַפט פון אַ תלמיד חכם צו אַן עם ארץ — דער וואונש פון אַ טאַטען איינצושאַפען זיך אַ לומדישען איידים.

נ. וואו תורה דאַרט איז חכמה.......... 268-262
אַ למדן וואָס איז געוואָרען אַ שמיד און האָט געמאַכט אַ וויכטיגע ערפינדונג — האָט עס גענומען פון דער משנה — צער בעלי חיים.

נא. אנערקענונג פאַר אַ פראַסטען מענשען.......... 274-268
דער כבוד וואָס דער דאַבראָמיסלער רב האָט צוגעטיילט זבלון בנימינ׳ען — ער הערט צום ערשטען מאָל ווי מען רופט איהם „רבי״ — חסידישע נסתרים.

נב. אויפ׳ן שייד וועג.......... 280-274
דער אָנפאַנג פון דער חסידישער באַוועגונג און ווי זי האָט זיך ביסלעכווייז צעוואקסען — דער לומדישער בעל־מלאכה.

נג. אַ מערקווירדיגע ישיבה.......... 287-280
זי איז באַשטאַנען בלויז פון צעהן תלמידים פון וועלכע יעדער איז געווען אַ גאון — די גלגולים פון אַ אידישע פאַמיליע פון שפּאַניע — וואו מען רייסט זיך איבער אורחים.

נד. נייע און אַלטע נסתרים.......... 293-287
ווען חסידישע נסתרים האָבען אָנגעהויבען וואַנדערען איבער אידישע שטעט און שטעטלעך — ביי וועמען זיי זיינען געווען פאַרהייליגט און ביי וועמען ניט.

נה. ר׳ אליהו בעל שם.......... 300-293
די חלוצה פון קראָקע און ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם „שפּאַנישען קדוש״ — דער חלום און דער פּסק פון דעם בית־דין — די מלחמה געגען בעל שם פון ווירמייזע.

נו. נסתרים און חסידים.......... 306-300
דער חילוק פון די אַמאָליגע און די שפּעטערדיגע נסתרים — דער איסור געגען דעם בעל שם פון ווירמייזע — חדוה און עצבות.

נז. ווען לומדים קריגען זיך אַרום.......... 312-306
אַ פּאַסירונג אין דעם דאַבראָמיסלער בית המדרש — בכורים וואָס קומען זיך צוהערען צו אַ סיום ערב פסח אינדערפרי — פּלפול און דרש.

נח. דער בעל תשובה.......... 318-312
דער בחור׳ל מיט „קלעפּיגע״ הענט וואָס איז געוואָרען אַ גרויסער למדן און בעל צדקה — ווען איינער האָט חשק צום לערנען — דער ניט פאַרקויפטער חמץ.

נט. דער גליקליכער נשרף....................................... 325-319

דער איד וואָס איז געווען מלא שמחה וואָס זיין פאַרמעגען איז אַוועק מיט׳ן פייער — גוי׳שע אכזריות — די שרפה אין דער ערשטער נאַכט — געזונטע און קראַנקע מלאכים.

ס. דער בעל שם פון זאמאָשטש.................................. 332-325

ווער ער איז געווען און די ראָל וואָס ער האָט געשפּילט — אַ תלמיד פון ר׳ אליהו בעל שם טוב — ווי ער האָט געראַטעוועט אַן עדה אידען פון די האַידעמאַקעס.

סא. דער זינדיגער און זיין תשובה.............................. 339-332

דער וואויל־לערנער וועמען עשירות האָט אַרונטערגעפיהרט פון אידישען דרך — דער רבי וואָס איז געפאָהרען צום תלמיד און איז צוריקגעקומען אַן אַנטוישטער.

הוספות און בעמערקונגען.. 345-341

פּערזאָנען־אינדעקס.. 350-346

הקדמה

פון כ"ק אדמו"ר מנחם מענדל שליט"א צו דער ערשטער אויסגאַבע פון יאָהר ה'תש"ז

●

ב"ה

זומער ה'תש"ה, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דרייענדיגען יובל פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א: א) פופציג יאָהר עסקנות הכלל. ב) פינף און צוואַנציג יאָהר נשיאות פון חסידי חב"ד. ג) ח"י יאָהר זינט דער באַפריי־אונג פון תפיסה, וואו ער איז געזעסען פאַר זיין איבערגעגעבענער ארבעט בחזוק התורה והיהדות,

איז די לייטונג פון „אוצר החסידים" צוגעטראָטען צו דער זאַמלונג און צום צוגרייטען צום דרוק פון א יובל אויסגאַבע פון די מאמרים, בריף, שיחות, א. א. וו. פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א.

די זאַמלונג איז איינגעטיילט אין פאָלגענדע חלקים:

היכל שמיני (דער אַכטער נשיא זינט דעם מיסד פון תורת החסידות — דעם בעל שם טוב). שער ראשון: מאמרים [א: מאמרים געשריבען אין לשון הקדש. ב: מאמרים געשריבען אין אידיש]. שער שני: בריף. שער שלישי: שיחות. שער רביעי: זכרונות.

* * *

אין דעם „ספר הזכרונות — ליובאַוויטשער רבינ'ס זכרונות" גייט אריין א גרויסער טייל פון די זכרונות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א, וועלכע ער האָט געשריבען קומענדיג אין אַמעריקע. די זכרונות זיינען געשריבען אין לשון הקודש און אין פאַרשידענע צייטען. זיי זיינען געוואָרען איבערזעצט אין אידיש און צוגעגרייט צום דרוק דורך רעדאַקטאָר ד. ל. מעקלער און דאַן פאַרעפענטליכט אין „מאָרגען זשורנאַל *).

אחוץ קליינע ענדערונגען, זיינען דאָ צוגעגעבען געוואָרען: א) איניגע ביאָגראַפישע דאַטען וועגען כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א. ב) הוספות און באַמערקונגען. ג) אינדעקס פון די מענשען וועלכע זיינען דערמאָנט אין די זכרונות.

* * *

אין נאָמען פון די טויזענטער לעזער פון די „זכרונות" וויל איך דאָ זאָגען א הערצליכען יישר כח דעם זעהר געעהרטען רעד. ד. ל. מעקלער פאַר זיין איבערגעגעבענער ארבעט אין דעם צוגרייטען צום דרוק און אין דער פאַרעפענטליכונג פון די זכרונות פון כבוד קדושת מו"ח אדמו"ר שליט"א.

מנחם שניאורסאָהן

יב־יג תמוז, ברוקלין, נ. י.

---

*) פון ה' תשרי תש"א ביז ו' אדר תש"ב (7־טער אָקטאָבער 1940 — 23־טער פעברואַר 1942). אין דעם פאָרליגענדען בוך גייען אריין די קאַפּיטלאַך פאַרעפענטליכט ביז ג' תשרי תש"ב (24־טער סעפּטעמבער 1941).

ביאָגראַפישע דאַטען

●

אייניגע ביאָגראַפישע דאַטען [1]) וועגען דעם ליובאַוויטשער רבי'ן, כ"ק אדמו"ר ר' יוסף יצחק זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע שניאורסאהן: געבאָרען יב תמוז תר"ם אין ליובאַוויטש. צו פופצען יאָר — תרנ"ה — הייבט ער אָן צו נעמען אַן אַקטיוועון אָנטייל אין דער געזעלשאַפטליכער כלל אַרבעט. אין תרנ"ז — י"ג אלול — האָט ער חתונה מיט הרבנית נחמה דינה שליט"א, די טאָכטער פון הרה"צ והרה"ח הר' אברהם נ"ע. אין תרנ"ח ווערט ער דער מנהל־פועל פון ישיבת תומכי־תמימים. אין תרס"ו פאָרט ער אין אויסלאַנד און ווירקט אויס די אינטערווענץ פון פאַרשידענע קרייזען אויף אָפּשטעלען די פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד. פון יאָר תרס"ב ביז תרע"א, צוליב זיין געזעלשאַפטליכער כלל אַרבעט, ווערט ער אַרעסטירט פיר מאָל אין פאַרשידענע צייטען אין מאָסקווע און פעטערבורג. תר"ף, נאָך דער הסתלקות — מוצאי שבת קודש ב' ניסן — פון זיין פאָטער — כ"ק אדמו"ר מוהר"ר שלום דובער נ"ע [2]) נעמט ער איבער די נשיאות פון חסידי חב"ד. תרפ"א — איז מסדר אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט, איבער גאַנץ רוסלאַנד, אין חיזוק התורה והיהדות. גרינדעט ישיבת תומכי־תמימים אין וואַרשא. תרפ"ד — איבער אַ מסירה פון די „יעווסעקציע" ווערט ער גענייט פון דער „טשעקאַ" צו פאַרלאָזען זיין דענסטמאָלדיגע וואוין־שטאָט — רוסטוב און באַזעצט זיך אין פעטערבורג. פאַרנעמט זיך מיט חיזוק התורה והיהדות, דורך גרינדען און שטאַרקען חדרים, ישיבות, רבנים, שוב"ים און מגידי שיעורים און גרינדען מקוואות. גרינדעט ספּעציעלע קאָמיטע צו העלפען די האַנט־אַרבעטער צו היטען שבת. גרינדעט אגודת חסידי חב"ד אין אַמעריקע און קאַנאַדע. תרפ"ז — גרינדעט ישיבות אין בוכאַרא. ט"ו סיון — ווערט אַרעסטירט, אויף אַ מסירה פון די „יעווסעקציע" פאַר זיין אַרבעט אין תורה ויהדות. ג' תמוז — ווערט געשיקט קיין קאָסטראָמאַ, ווערט אָבער באַפרייט יב־יג תמוז. תרפ"ח — באַזעצט זיך אין ריגאַ (דאַמאָלסט הויפּט־שטאָט פון לעטלאַנד). גרינדעט דאָרט אַ ישיבה. תרפ"ט־תר"ץ — באַזוכט צום ערשטען מאָל ארץ ישראל און דאַן אַמעריקע. תרצ"ד — באַזעצט זיך אין פוילען (וואַרשא און שפּעטער — אָטוואָצק). גרינדעט איגוד התמימים. גרינדעט אָפּטיילונגען פון ישיבת תומכי־תמימים אין פאַרשידענע שטעט אין פוילען. תרצ"ה — הייבט אָן ערשיינען דער קובץ „התמים". תרצ"ט — גרינדעט אגודת חסידי חב"ד העולמית. ת"ש־ט אדר שני — קומט אָן און באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק. פאַרנעמט זיך אין דער רעטונג פון זיינע געבליבענע תלמידים אין אייראָפּע. גרינדעט דאָרט צענטראַלע ישיבת תומכי־תמימים. תש"א — הייבט אָן ערשיינען די מאָ־

---

1) פאַר מער פּרטים זע: שלשלת היחס פרק ואו (אין קובץ „היום יום" ע' 9), סאָם אַספּעקטס (אין ענגליש), „דער ליובאַוויטשער רבי" (קורצע ביאָגראַפיע).

2) קורצע ביאָגראַפישע ידיעות וועגען כ"ק אדמו"ר מהרש"ב נ"ע, זע „חנוך לנער" (ברוקלין, נ. י., תש"ג).

נאַטליכע אויסגאַבע „הקריאה והקדושה". גרינדעט „מחנה ישראל" אויף שטאַרקען תורה, עבודה און גמילות חסדים. תש"ב — ערעפענונג פון פאַרלאַג „קה"ת" (קרני הוד תורה — ליובאוויטש). גרינדעט „מרכז לעניני חינוך". גרינדעט ישיבת תומכי־תמימים אין קאַנאַדע. גרינדעט בתי־ספר פאַר מיידלעך „בית רבקה" און „בית שרה". פאַרנעמט זיך לטובת די אידישע סאָלדאַטען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. גרינדעט ישיבות אחי־תמימים אין די פּראָווינץ שטעט פון אַמעריקע. תש"ג — גרינדעט „ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש". תש"ד — הייבט אָן ערשיינען „קובץ ליובאוויטש". גרינדעט חברת „ביקור חולים". גרינדעט חברת „ניחח" (זאַמלונג פון ניגוני חסידי חב"ד). תש"ה — גרינדעט חברת „עדינו". גרינדעט „ועד מרכזי לעזרה ליהודי אירופא" מיט אַן אָפּטיילונג אין פּאַריז. גרינדעט ועד „של"ה" (שיעורי לימוד הדת — רעליגיעזע שטונדע פאַר אידישע קינדער אין די פּאַבליק סקולס). אָרדענט איין די אַרבעט אויף צו שטאַרקען דעם רוחניות׳דיגען מצב פון די אידישע פאַרמערס אין אַמעריקע. יב־יג תמוז (אין יאָר תש"ה) פּייערונג, איבער גאָר דער וועלט, פון דעם דרייפאַכען יובל פון כ"ק אדמו"ר: א) פופציג יאָר עסקנות הכלל. ב) פינף און צוואַנציג יאָר נשיאות חסידי חב"ד. ג) אַכצען יאָר זייט זיין באַפריי־אונג פון תפיסה, וואו ער איז געזעסען פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט בחיזוק התורה והיהדות, עס ווערט אויך צוגעטראָטען צו דער זאַמלונג און צוגרייטונג צום דרוק פון אַ יובל־אויסגאַבע פון די מאמרים, בריף, שיחות, א. א. וו. פון כ"ק אדמו"ר (די דאַ געדרוקטע זכרונות זיינען אַ טייל פון דער יובל־אויסגאַבע). גרינדעט כפר ספריא חב"ד (לעבען תל־אביב אין אה"ק ת"ו) פאַר די רוסישע פּליכטלינגען. תש"ט — דערוועקט צו גרינדען „ועד המסדר" צו ראַטעווען די ערציאונג פון קינדער אין די מחנות המעבר אין אה"ק ת"ו. תש"י — אין די וואָכען פאַר זיין הסתלקות לייגט ער דעם יסוד און דעם סדר פאַר די אַרבעט פון ערציאונג און שטאַרקען תורה אין די לענדער פון צפון־אפריקא, וואָס אַלס פועל יוצא פון דעם זיינען געגרינדעט געוואָרען דאָרט בתי־מדרש פאַר לערערס און לערערינס, ישיבות, תלמוד תורה׳ס פאַר אינגלעך און מיידלעך, אַלע אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אהלי יוסף יצחק — ליובאוויטש".

* * *

אום שבת קודש פ׳ בא, יו"ד שבט ה׳תש"י, אַכט אַזייגער אינדערפרי, איז ער נסתלק געוואָרן ומנוחתו כבוד אין ניו־יאָרק. זכר צדיק וקדוש לברכה לחיי העולם הבא נשמתו בגנזי מרומים זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, ובמהרה בימינו נזכה ליעוד המקווה והקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, אמן כן יהי רצון.

ערשינען אין דרוק *) פון ליובאַוויטשער רבי'ן כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע:

קונטרסים: קונטרס א' ביז קיז (תרפ"ח—תשט"ו).

לקוטי דבורים: לקוט א' ביז לז (תרצ"ג—תשט"ו).

ילמדנו רבנו: אין „הקריאה והקדושה". חוברת א' ביז ס"א (תשרי תש"א—אלול תש"ה).

אגרות קודש: אין „התמים" חוברת א' ביז ח' (ווארשא, תרצ"ה—צ"ח).

מהני מילי מעליותא: אין קובץ „ליובאוויטש" חוברת א' ביז י"א (ברוקלין, תש"ד—תש"ו).

קובץ מכתבים: קובץ א—ג (תרצ"ז—תשי"ב).

זכרונות: אין „מאָרגען זשורנאַל" (ה' תשרי תש"א ביז ו' אדר תש"ב). אין „אַמעריקאַנער" (אדר תשי"ב—אלול תשי"ג).

איינצעלנע מאמרים: גדולים מעשה צדיקים (ווארשא, תרפ"ה). ביום השני הקריב (ווארשא, תרפ"ה). לך אמר לבי (ווארשא, תרצ"ו). וקבל היהודים („התמים" ח"ז). מאמר ב' אלול תרצ"ז (נ. י. תרצ"ז).

איינצעלנע שיחות: באַגריסונג (ריגא, תרצ"ב). רייד פאַר פרויען (ריגא, תרצ"ה). באַזוך אין גלובאקע (ווארשא, תרצ"ה). שביעי ש"פ תרח"ץ (אין „שמע ישראל", נ. י. תרצ"ט). ז' אדר שני תש"ג, י"ט כסלו תש"ד, י"ד אדר תש"ד, ב' אדר תש"ה (ברוקלין, תש"ג—תש"ה). אין „הקריאה והקדושה" (תש"א—תש"ה).

איינצעלנע בריף: לאיגוד התמימים (ווארשא, תרצ"ה). קיום נפש מישראל (ריגא, תרצ"ט). מעסעדזש צו סאָלדאַטען (ברוקלין, תש"ה). אין „חכמי ישראל" (נ. י. תרפ"ד). פוקח עורים (נ. י. ת"ש). קונטרס ומעין (ברוקלין, תש"ג). קובץ חידושי תורה (ברוקלין, תש"ה). קונטרס עץ החיים, קונטרס העבודה (ברוקלין, תש"ו) א. א. וו.

יובל אויסגאַבע: ספר המאמרים — אידיש (ברוקלין, תש"ו). ספר המאמרים ה'ת"ש (ברוקלין, תשי"א. הוצאה שני' — ברוקלין, תשט"ו). ספר המאמרים ה'תש"ג (ברוקלין, תשי"ג). ספר המאמרים ה'תש"ט (ברוקלין, תשי"ב). ספר המאמרים ה'תש"י (ברוקלין, תשי"א). ספר המאמרים ה'תשי"א (ברוקלין, תשי"א). ספר המאמרים ה'תש"א־ב, ה'תש"ה (אין דרוק). ספר השיחות — קייץ ה'ת"ש (ברוקלין, תש"ז). ספר השיחות ה'תש"א־ב (אין דרוק). ספר הזכרונות — אידיש — ערשטער טייל (ברוקלין, תש"ז). ספר הזכרונות — ענגליש (ברוקלין, תש"ט). ספר הזכרונות — לה"ק (אין דרוק). ספר הקיצורים — קיצורי שערי אורה (ברוקלין, תש"ח).

---

*) פאַר מער פרטים זע קונטרס תורת החסידות ז. 30—32. ספר המפתחות (אין דרוק).

דער ליובאוויטשער רבי און זיינע זכרונות

(אריינפיר)

פון

ד. ל. מעקלער

ג ע ש ר י ב ע ן א י ן ת ש " א

1

מיר לעבען איצט אין א הרת'עולם'דיגער צייט. אין משך פון צוויי און א האלב צעהנדליג יאהר האבען מיר צוגעזעהן ווי גרויסע און איינגעפונדעוועטע מלוכות זיינען אונטערגעגאנגען און ווי גרענעצען, וואס האבען עקזיסטירט פאר דורות, זיינען אפגעווישט געווארען. בנוגע אידען, האבען מיר אין משך פון אונזער דור דורכגעמאכט ביז'ן יסוד אויפטרייסלענדיגע שטורמס און דורכגעלעבט מורא'דיגע און בלוטיגע געשעהענישען. דאס לעבען פון מיליאנען אידען איז אויסגעריסען געווארען מיט די ווארצלען. גאנצע אידישע קהילות זיינען פארשוואונדען געווארען, דער אלטער אידישער לעבענס שטיינער איז אין א סך לענדער פונדאמענטאל געענדערט געווארען.

אונזער תקופה איז בלי ספק די מורא'דיגסטע און טראגישסטע, אבער אויך די פאנטאסטישסטע און אויפברויזענדסטע אין דער גאנצער אידישער געשיכטע. דאך קענען ווייניג פון אונז זאגען, אז זיי אליין האבען דורכגעלעבט די אלע איבערקעהרענישען און גלגולים פון אונזער שטורעמדיגער צייט און אליין דורכגעמאכט אלע שרעקען און טראנספארמאציעס סיי אין אלגעמיינעם און סיי אין אידישען לעבען.

דער ליובאוויטשער רבי, ר' יוסף יצחק שניאורסאן, וועלכער האט לעצטענס געמאכט זיין היים אין אמעריקא, געהערט צו די גאר ווייניגע, וואס האבען דורכגעמאכט און דורכגעלעבט כמעט אלע איבערקעהרענישען און קאטאסטראפעס אין אידישען לעבען אין די לעצטע פינף און צוואנציג יאהר.

געבארען און ערצויגען אין דעם באריהמטען רבי'אישען הויף אין ליובאוויטש, וועו דאס חבד'ישע חסידות, ווי די אלע אנדערע פארמען פון חסידות און פון אידישקייט אין אלגעמיין, איז נאך געווען אין פולען גלאנץ, האט דער ליובאוויטשער רבי אין סאמע בליה פון לעבען מוזען די אייגענע אויגען צוגעזעהן דעם גאנצען אידישען חורבן אין רוסלאנד אין משך פון

דער ערשטער וועלט מלחמה, דאן די אלע רעוואלוציאנערע איבערקערענישען מיט זייערע באגלייטענדיגע בלוט־פארגיסונגען, נאכגעפאלגט פון דער מיט די ווארצלען־אויסרייסענדיגער און מיט שטורם פארניכטענדיגער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, פון וועלכער ער אליין איז געווען איינער פון די קרבנות.

געראטעוועט זיך פון די באלשעוויסטישע נעגעל, נאכדעם ווי ער איז געווען אין געפאהר מיט'ן לעבען פאר זיין עקשנות'דיגען קאמף צו פרעזערווירען אידישקייט אין דער סאוועטיזירטער רוסלאנד, האט זיך פאר איהם אנגעפאנגען א סדרה וואנדערונגען פון איין לאנד צום צווייטען, פון איין קאנטינענט צום אנדערען אין א פארזוך ערגעץ צו געפינען א מקום מנוחה פאר זיך און א נייעם באדען וואו איינצוווארצלען דאס חבד'ישע חסידות, וועלכע איז געבליבען היימלאז און פון וועלכער ער איז געווען דער מלך אהן א מלוכה.

אין זיינע וואנדערונגען האט ער זיך אפגעשטעלט אין ארץ ישראל, אין א צייט, ווען דער אויפבוי פון דעם נייעם אידישען ישוב איז געגאנגען פאראויס מיט א שטורים'דיגער טעמפא, און איז שפעטער געבראכט געווארען צו די ברעגעס פון דער פרייער אמעריקע, וואו ער האט, פאר א קורצער צייט, צוגעזעהן דאס אידישע לעבען אין סאמע ברויז פון דער גרעסטער עקאנאמישער מזל ברכה וואס דאס לאנד צוזאמען מיט די אידען האבען ווען גענאסען, און האט דאן אויך צוגעזעהן די גאנצע וואקכאנאליע, וואס איז געקומען ווי א רעזולטאט פון דעם גרויסען פינאנס קראך אין וואל סטריט, וועלכער האט דורך נאכט פארוואנדעלט מיליאנערען אין ארימעלייט און ארויסגעשלייזדערט גרויסע מאסען ארבייטער אין גאס, צייגענדיג די אומזיכערקייט פון מענשליכען עקזיסטענץ אפילו אין פרייע לענדער ווי אמעריקא.

נאך א קורצען אויפהאלט אין אמעריקא איז דער ליובאוויטשער פארטראגען געווארען קיין פוילען, וואו עס האט געברויזט מיט אידיש לעבען. ער האט דארט אנגעהויבען בויען א נייע היים פאר חבד, אנפיהרענדיג א גרויסע און פארצווייגטע תורה טעטיגקייט איבער גאר דער וועלט. די האפענונג איז נאך געווען גרויס, אז פוילען וועט בלייבען דער צענטער פון אידישקייט אין אייראפא און אז דארט וועט מען קענען צוריקבויען דאס וואס איז אנדערשוואו צעשטערט געווארען. אבער ניט לאנג איז באשערט געווען דעם ליובאוויטשער רבי'ן צו האבען מנוחה אין דער אומרוהיגער פוילען. דאס וואס ער האט מיט אזוי פיעל מיה און אנשטרענגונג דארט אויפגעבויט איז ווידער אמאל אויסגעריסען געווארען מיט די ווארצלען דורך דעם נייעם שטורם און מבול פון בלוט וואס האבען זיך א טראג געטאן איבער דער אומגליקליכער אייראפא.

ווידער איז דער ליובאוויטשער רבי געשטאנען פנים אל פנים מיט'ן טויט. ווידער האט ער דורכגעמאכט אלע שרעקען פון דעם אידישען און אלגעמיינעם חורבן־ווארשע און חורבן־פוילען, נאכגעפאלגט פון דער בלוט־פארגליווערענדיגער נאצי־אינקוויזיציע אין וועלכער ער איז פארכאפט געווארען פונקט ווי פריהער אין דער סאוועטיש־יעווסעקישער אינקוויזיציע.

אויך דאס מאל האט דער ליובאוויטשער רבי זיך געראטעוועט, און חוי־

דער איז ער, נאָך א רייהע וואנדערונגען, געבראכט געוואָרען צו די ברעגעס פון אמעריקא. דאָס מאָל שוין דאָ צו פארבלייבען און דאָ איבערצופלאנצען, אויב מעגליך, דאָס חבד׳ישע חסידיזם.

דער ליובאוויטשער רבי ווערט מיט דעם ניט נאָר דער סימבאָל פון אי־דישען נע ונד און פון דער גאנצער אידישער טראגיק פון אונזער צייט, נאָר אויך דער סאמע אויסדרוק פון אידישער ענטשלאָסענהייט זיך צו האלטען ביי אונזערע טראדיציעס און ווייטער צו שפינען דעם גאלדענעם פאָדים וואס איז נאָך קיינמאָל ניט איבערגעריסען געווארען אין משך פון טויזענדער יאָה־רען און וועט זיכער אויך ניט איבערגעריסען ווערען אין דער צוקונפט.

עס איז א גרויסע זכיה צו ווערען, ווי דאָס איז דער פאל מיט דעם ליו־באוויטשער רבי׳ן, די פארקערפּערונג פון אידישער עקשנות׳דיגקייט פאר דעם קיום פון אידישקייט און זיין איינער פון די וואס האלטען אין בויען און שאַ־פען אין אנגעזיכט פון צושטערונג, צי דאָס קומט מצד ״גאָטלאָזע״ באל־שעוויקעס, פוילישע כוליגאנעס, צי נאציישע רוצחים. דער ליובאוויטשער רבי האָט נאָך דערצו די אויסצייכענונג, וואס ער באטראכט עס מיט גרוים ענוות, ווי א היסטאָרישע פליכט, וואס זיין פּאָזיציע אלס מנהיג האָט אויף איהם ארויפגעליינט, — א פליכט וואס די רביי׳אישע דינאסטיע וועלכע ער פאר־טרעט און וועלכע ציהט איהר עקזיסטענץ פאר הונדערט און פינף און זיבעציג יאָהר, האָט איהם איבערגעגעבען בירושה.

דריי מאָמענטען אין דעם לעבען פון דעם ליובאוויטשער רבי׳ן קריצען זיך באזונדערס איין אין זכרון. איהר מוזט זיך אויף זיי אפּשטעלען ווען איהר באקאנט זיך מיט זיין לעבען, דערהויפּט ווען איהר לייענט זיינע זכרונות און שריפטען. די דאָזיגע זכרונות, טאָג־ביכער און שריפטען, וועלכע ווערען אין טייל איצט פארעפענטליכט, שטעלען מיט זיך פאָר אן אויסערגעוועהנליך רייכען קוואל פון היסטאָרישע רעליגיעז־פילאָזאָפישע און פאָלקלאָריסטישע שאפונגען, וואָס זיינען ווען געקומען פון דער פען פון אן איינצעלנעם מענ־שען, וועלכער שרייבט אין תוך נאָר תורה, מוסר און חקירה. די דאָזיגע זכרונות, טאָג־ביכער און שריפטען, וועלכע דער רבי האָט געשריבען אין משך פון יאָהרען און האלט זיי ווייטער אין שרייבען, נעהמען אייגענטליך ארום א פעריאָד פון הונדערט און פינף און זיבעציג יאָהר, וואָס איז דער פעריאָד פון דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון חב״ד.

דעם רבינ׳ס כתבים געהען נאָך אבער א סך ווייטער אין דער פארגאנ־גענהייט ווי די אנטשטייאונג פון חב״ד אדער פון חסידיזם בכלל. ווארום זיי הויבען זיך אָן מיט דער אנטשטייאונג פון ליובאוויטש אלס אידישער ישוב און אָט די געשיכטע פון ליובאוויטש, כאָטש דאכט זיך, ניט מעהר ווי א אידיש שטעטעל, איז אזוי רייך און קאלירפול, אז איהר האָט דאָ פאר זיך א מערקווירדיגע פּאנאראמע פון אידיש לעבען ווי דאָס האָט זיך אויסגעפורמט אין משך פון דורות און אויך א פארכאפּענדיגע גאלעריע פון טיפּען און פּער־זענליכקייטען וועלכע וואלטען פאר דער געשיכטע געבליבען פארגעסען אויב זיי וואלטען ניט פאראייביגט געוואָרען אין דעם רבין׳ס כתבים.

אבער בעת דעם ליובאוויטשער רבינ׳ס כתבים פארטראָגען אייך אין דער

ווייטער פארגאנגענהייט און פיהרען אייך דורך די נאהענטע פארגאנגענהייט, ברענגען זיי אייך אויך צו דער סאמע געגענווארט, פארשטעלענדיג מיט זיך א שטיק רייך אידיש לעבען ווי עס האט זיך געפורמט אין משך פון דורות און ווי עס האלט זיך ווייטער אין פורמען פאר דער צוקונפט, ניט איבעררייסענ־דיג אויף קיין מאמענט דעם המשך וואס פארבינדט אונזער דור מיט דעם דור וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני און נאך פריהער, און מאכט אונז פאר דאס רינגעלע וואס פארבינדט די פארגאנגענהייט מיט דער צוקונפט.

טאקע מיט דעם אין זינען לאזען די דריי מאמענטען, וואס זיינען פריהער דערמאנט געווארען, איבער אזא טיפען איינדרוק.

עס איז געווען אין זומער פון יאהר 1927. דער ליובאוויטשער רבי איז נאך גרויסע שתדלנות פון אינווייניג און פון דרויסען אקארשט באפרייט גע־ווארען פון דער סאוועטישער טורמע אין לענינגראד, וואו ער איז געווען איינ־געשלאסען פאר אנפיהרען זיין אידיש־רעליגיעזע טעטיגקייט, אונטער די סאָ־וועטען. דער באדינג איז געווען, אז ער זאל אין זעלביגען טאג אפפאהרען קיין קאסטראמא, דארט צו פארבלייבען אין גלות דריי יאהר צייט.

אויפ'ן וואקזאל האבען זיך פארקליבען חסידים און פארעהרער מיט איהם זיך צו געזעגענען. שוין זייענדיג אין וואגאן האט דער רבי געהאלטען פאר די פארזאמעלטע חסידים אויף דער פלאטפארמע א קורצע רעדע, וואס פאר איהר טאן און אינהאלט האט עס געשמעקט מיט נייעם ארעסט און איז טאקי דערפאר פון גרוים באדייטונג.

„מיר בעטען ביי השם יתברך, — האט דער ליובאוויטשער געזאגט — אז פונקט ווי ער איז געווען מיט אונזערע אבות, זאל ער אויך זיין מיט אונז, כאטש מיר זיינען ניט גלייך צו אונזערע אבות, וועלכע זיינען באמת געווען גרויסע בעלי מסירת נפש פאר תורה".

האבענדיג אזוי אנגעשלאגען דעם טאן פון עניוות און זעלבסט בטול אין פארגלייך מיט די פריהערדיגע דורות פון חב"ד־רביים, האט דער ליובא־וויטשער ציטירט וואס איינער פון די דאזיגע חב"ד רביים האט אמאל געהאט געזאגט ווען די צארישע מלוכה האט געפאדערט פון די רבנים, אז זיי זאלען מאכען ענדערונגען אין די לימודים פון אידישע קינדער.

דאס איז באטראכט געווארען פאר א גזירה און דער חב"ד־פיהרער האט דאן געזאגט :

„ניט מיט אונזער ווילען זיינען מיר אוועק פון ארץ ישראל און ניט מיט אונזערע כחות וועלען מיר צוריקקומען קיין ארץ ישראל . דער אויבער־שטער האט אונז פארטריבען אין גלות און דער אויבערשטער וועט אונז פון דארט אויסלייזען. אבער דאס דארפען אלע פעלקער אויף דער ערד וויסען : נאר אונזערע גופים זיינען איבערגעגעבען געווארען אין גלות און זיינען אונטערטעניגט צו פרעמדע מלוכות. אונזערע נשמות, אבער, האט מען אין גלות ניט פארטריבען און אין שעבוד מלכיות ניט איבערגעגעבען. דארפען מיר ערקלעהרען גלוי לעין, אז וואס איז נוגע אונזער דת, תורה, מצוות און אידישע מנהגים, האבען מיר אידען אויף זיך ניט קיין דעה־זאגער, קיין שום צוואנג קראפט קען אויף אונז ניט אויסגענוצט ווערען. מיר מוזען זאגען מיט

דער שטארקסטער אידישער עקשנות, מיט דעם טויזענד יאהריגער אידישער מסירת נפש : אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו".

האבענדיג איבערגעזאגט אט די שטאלצע און שטארקע רייד פון זיינע אבות, וואס זיינען געזאגט געווארען פאר אן אנדער צייט און געגען אן אנדער רעזשים, וואס האבען אבער געקענט פונקט אזוי גוט אנגעווענדעט ווערען פאר דער נייער צייט און דעם נייעם רעזשים, האט דער ליובאוויטשער געמאכט זיין אייגענע דעקלאראציע וואס איז געווען א שטאלצער צוריקווארפען אין פנים די יעווסעקעס זייערע פארזוכען מיט גוואלד אויסצוראטען אידישקייט.

ווידער צייגענדיג זיינע עניוות, האט דער ליובאוויטשער געזאגט דאס פאלגענדע :

"אט אזוי האט גערעדט א מסירת נפש איד, און מיר האבען אפילו ניט די ריכטיגע שטארקייט צו זאגען אפען פאר דער גאנצער וועלט און ווייזען די מעשים תעתועים וואס די עטליכע הונדערט צוווילדעוועטע אידישע אינגלאד טוען צו אידען און אידישקייט.

"אלע ווייסען, אז דאס סאוועטישע געזעץ ערלויבט אונז לערנען תורה און היטען מצוות (מיט געוויסע באשרענקונגען), נאר די מסירות און בלבולים פיהרען אונז אין די טורמעס און אויף קאטארגע.

"און דאס איז אונזער בקשה פון השם יתברך : ער זאל אונז געבען די ריכטיגע שטארקייט זיך נתפעל צו ווערען פון די קערפעליכע יסורים. אדרבא, זיי נאר מקבל צו זיין מיט שמחה. יעדער עונש, וואס מיר קריגען פאר אויסהאלטען א חדר, פאר לערנען תורה, פאר היטען מצוות, זאל אונז געבען מעהר שטארקייט אין אונזער הייליגער ארבייט פאר חזוק היהדות".

און דער ליובאוויטשער פארענדיגט זיינע רייד מיט אן אויסדרוק פון פעסטער איבערצייגונג, אז טורמע און קאטארגע זיינען בלויז צייטווייליגע זאכען בעת תורה און אידען זיינען אייביגקייטען, און אויך, אן אויסדרוק פון האפנונג, אז זיין אייגענע צייטווייליגע שטראף וועט דינען ווי אביישפיעל, ארויסצורופען פרישע כחות צו פארשטארקען אידישקייט טאקי אין דעם לאנד פון די סאוועטען.

עס איז געווען א קריעגס ערקלעהרונג געגען די "צוווילדעוועטע אינגלאד", די אידישע קאמוניסטען, וועלכע דער ליובאוויטשער האט באצייכענט אלס די שולדיגע אין דעם, וואס אידישקייט איז פארפאלגט געווארען און ווערט נאך עד היום פארפאלגט אין סאוועט רוסלאנד. עס איז אויך געווען א דעקלאראציע, אין אנגעזיכט פון קערפערליכע שטראף, אז אידען וועלען זיך צו אט די "צוווילדעוועטע אינגלאד" ניט אונטערגעבען.

די קריעגס ערקלעהרונג איז נאך אין קראפט און איז אויפגענומען גע-

ווארען ניט נאר פון אלע רעליגיעזע, נאר אויך נאציאנאלע אידען און בכלל אידען, וואס ווילען ניט אויפגעבען זייער קיום אלס פאלק.

2

איצט, אז דאס אייראפעאישע אידענטום איז חרוב פון מלחמה, פאר־פאלגונגען און געצוואונגענע נאציאנאלע זעלבסט־פארלייקענונג. און דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל איז אין צענטער פון קריג, ריידען שוין אלע וועגען דער נייער ראלע פון די אמעריקאנער אידען. אלע אנערקענען שוין די היסטארישע אויפגאבע פון די גענויע פינף מיליאן אידען אין די פאראייניגטע שטאאטען. די אמעריקאנער אידען זיינען איצט פאקטיש דער שארית הפליטה פון די אידען אין די גלות לענדער און דארפען זיין זייערע גייסטיגע אזוי גוט ווי די מאטעריאלע יורשים.

עס איז אבער געווען א צייט — און גאר ניט לאנג צוריק — וואס די ראלע פון דעם אמעריקאנער אידענטום, באזונדער אין א גייסטיגען זין, איז פאר גאר א סך געשטאנען אונטער א פראגע־צייכען. עס זיינען געווען א סך צווייפלער און קריטיקער. זעלטען ווען איינער האט געהאט א גוט־ווארט פאר די אמעריקאנער אידען. זעלטען ווען איינער האט געגלויבט אין דער גייסטיגער צוקונפט פון די אמעריקאנער אידען וועלכע זיינען תמיד געווען אריינגעטהאן צופיעל אין מאטעריאליזם, אז זיי זאלען אויך פיהלען דעם באגעהר און דעם דראנג צו גייסטיגע און העכערע באדערפענישען אין לעבען. באזונדער האט מען געמאלען אין שווארצע פארבען די רעליגיעזע און נאציאנאל־קולטורעלע צוקונפט פון די אמעריקאנער אידען. אלץ האט דא געזאלט זיין צו פלאך, צו אויבערפלעכליך, צו קאמערציאליזירט, צו קאלירלאז און צו ס'אויך־מיין־דאנה'דיג, אז פון דאנען זאל קענען ארויסוואקסען א אידענטום וואס זאל זיין טראדיציאנעל אזוי איינגעווארצעלט און גייסטיג אזוי טיעף ווי אידען זיינען געווען ביז אהער אין אלע אנדערע לענדער וואו דער גורל האט זיי פארשטויסען.

מען האט געמוזט זיין גאר א גרויסער אפטעמיסט און גאר א גרויסער מאמין צו זעהן א ליכטיגע, גייסטיגע צוקונפט פאר'ן אמעריקאנעם אידענטום. בלויז געצעהלטע זיינען געווען באשאנקען מיט אט דעם אפטימיזם און מיט אט דער אמונה. מען האט געדארפט זיין פולקאם פארקניפט און פאר־בונדען מיט דעם אידישען עבר, האבען א גענויע פארשטענדניס פון דעם גאנג פון דער אידישער געשיכטע, אז מען זאל ניט פארלירען דעם גלויבען אין דעם היסטארישען גורל פון אזא גרויסען אידישען קבוץ ווי אין אמעריקא. עס האט זיך באזונדער געפאדערט א גענויע באקאנטשאפט און גרינדליכע פארשטענדיגונג פון דעם גאנצען צוזאמענשטעל, גייסטיג און מאטעריאל, פון די אמעריקאנער אידען, אז מען זאל בכלל וועגען זיי קענען אורטיילען און ארויסזאגען א באשטימטע מיינונג וועגען זייער געגענווארט און זייער צוקונפט.

עס איז דערפאר פון ספעציעלען אינטערעס וואס דער ליובאוויטשער רבי האט נאך מיט מעהר ווי א צעהנדליג יאהר צוריק פאראויסגעזאגט א

גרויסע און הערליכע צוקונפט פאר די אמעריקאנער אידען, ערקלעהרענדיג אז אט די "עצמות היבשות" וואס דאס אמעריקאנער אידענטום האט מיט זיך פארגעשטעלט, וועלען נאך אויפגעלעבט ווערען און וועלען דא אין לאנד שאפען, ווי דער ליובאוויטשער רבי דריקט זיך אויס אין זיינע כתבים, "א נייע אלטהיים".

עס איז טאקע אין אט די כתבים זיינע, וועגען זיין דאמאלדיגען באזוך אין אמעריקא, וואו דער ליובאוויטשער רבי ציינט זיין טיפען חוש און זיין ברייטען בליק. ער האט מיט א קלאר אויג געזעהן די צוקונפט פון די אמע־ריקאנער אידען.

דער ליובאוויטשער רבי איז דאס ערשטע מאל געקומען קיין אמעריקא סוף זומער 1929, ביים סוף פון דעם גרויסען פינאנציעלען־אויפשוואונג אין אמעריקא, ווען אויף דער אידישער גאס האט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט מיליאנערען און די וואס האבען זיך געריסען צו זיין מי־ליאנערען. עס איז געווען די צייט פון מאטעריאליסטישען געיעג, ווען דאס גלאנץ פון גאלד האט אלעמען געהאט פארבלענדעט, ווען דער עושר האט זיך נעיאגט נאך גרעסערע עשירות און דער ארעמאן האט גע'חלום'ט פון ווערען א עושר. פאבעלהאפטע פארמעגענס זיינען דערווארבען געווארען איבער נאכט. אט אין יענער, כמעט לעגענדארער, צייט איז פשוט געווען ריזיקאליש צו ריידען צום אמעריקאנער אידישען עולם פון א נייעם גייסטיגען לעבען. אזוינע רייד זיינען געווען להוט צו פאלען אויף טויבע אויערען. מען איז געווען צופיעל פארבלענדעט פון די פאנטאסטישע פארמעגענס, וועלכע האבען אויס־געקוקט צו זיין דערגרייכבאר פאר יעדען, אז מען זאל זיין פעהיג צו קענען אויפכאפען דעם "קול דממה דקה" פון אידישער גייסטיגקייט, נאך ווייניגער פון אידישער צדקות וואס פאדערט אפערווילינגקייט און א גרויסע מאס פון זעלבסט־פארלייקענונג, אפזאגענדיג זיך פון עולם הזה'דיגקייט און דערהויבען זיך צו דעם עולם האצילות.

דער ליובאוויטשער רבי האט דאמאלס אויך געהאט די געלעגענהייט צוצוזעהן ווי אין משך פון א קורצער צייט זיינען די פריהערדיגע עשירים פארוואנדעלט געווארען אין אביונים און די וואס האבען גע'חלום'ט פון, און זיך געיאגט נאך, עשירות האבען געדארפט אנהויבען זוכען א שטיקעל ברויט. דער ליובאוויטשער רבי האט געהאט צוגעזעהן דעם גאנצען וואל סטריט קראך מיט אלע זיינע נאכפאלגענדיגע וועהטאגען וואס האבען געבראכט כאאס אין אלגעמיינעם און אידישען לעבען.

אויך נאך דעם פינאנץ־קראך, מיט וועלכען א נייער קאפיטעל פאנגט זיך אן אין אמעריקאנעם אידישען און אלגעמיינעם לעבען, האט מען קוים געקענט ריידען צו די אידישע מאסען וועגען א נייעם גייסטיגען לעבען. מען איז נאך דאמאלס געווען צופיעל אויפגעטרייסעלט פון דער פלוצים'דיגער עקא־נאמישער איבערקעהרעניש וואס האט אנגעריהרט יעדען איינעם אין לאנד, אז מען זאל זיך וועלען, אדער קענען, קאנצענטרירען אויף גייסטיגע ווערטהען.

אונטער אט די אומשטענדען און ערפאהרונגען וואלט אן אנדערער, מיט ווייניגער פארשטענדנים און ווייניגער גלויבען אין די גייסטיגע אייגענשאפ־טען פון אידישען מענשען ווי דער ליובאוויטשער רבי, געקענט ארויסטראגען

א גאַר אנדער אורטייל וועגען דעם מהות פון די אמעריקאנער אידען. גראַד האָט דער ליובאוויטשער רבי געהאַט די געלעגענהייט צו באַקענען זיך גענוי מיט די אמעריקאנער אידען. ער האָט אויף זיין דאמאלסדיגען באזוך אין אמעריקא באריזט דאָס לאנד אין איהר לענג און ברייט. ער האָט באזוכט צעהנדליגע אידישע קהלות און איז געקומען אין פערזענליכען קאָנטאַקט מיט טויזענדע אידען, מענער און פרויען, פון אלע קלאסען, שיכטען, שאַטירונגען און ריכטונגען. מיט א שארף אויג, מיט אן אויפכאַפּענדיגען אויער, מיט א פיהלענדיג הארץ און מיט א פעדער וואָס ער באַנוצט אויס־צודריקען זיינע געדאנקען אין שריפט, האָט דער ליובאוויטשער רבי פאַרמירט א באַשטימטע מיינונג וועגען די אידען אין אמעריקא אין דער געגענווארט און אין דער צוקונפט.

קלינגט דערפאר פּראָפעטיש ווען דער ליובאוויטשער שרייבט אין זיינע כתבים אז "איך האָב, ברוך השם, געפונען דעם צושטאנד פון די אמעריקאנער אידען א סך בעסער און שעהנער ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט לויט פאר־שידענע ידיעות וועלכע איך פלעג באַקומען איידער איך בין דאָרט אליין געוועזן".

פאַראויסזאָגענדיג אז דעם "מעין טהור", וואָס יעדער איד אין אמעריקא האָט געבראכט מיט זיך פון דער אלטער וועלט, אז די גייסטיגע ירושה פון די פריהערדיגע דורות, וואָס יעדער אימיגרירטער איד האָט געבראכט אין זיין הארצען, "וועט ער אויך איבערגעבען צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער", מאכט דער ליובאוויטשער רבי די קאטעגאָרישע ערקלעהרונג, "אז אין אמע־ריקא וועט זיך אויפבויען א ניי־אלטע אידישקייט".

עס איז כאראקטעריסטיש ווי דער ליובאוויטשער האָט נאָך דאמאלס אויפגעכאַפּט און אויפגעפאסט דאָס אידישע לעבען אין אמעריקא. פאר דעם ליובאוויטשער איז גאנץ פארשטענדליך וואָס אידען, קומענדיג קיין אמע־ריקא, נאָך שווערע איבערלעבונגען, און זייענדיג געצוואונגען זיך אריינצו־ווארפען אין דעם היגען שטראָם פון לעבען, האָבען זיי זיך אויסגעמאַטערט דורך דעם קאמף פאר זייערע "צרכי החיים" (לעבענס באדערפענישען) און דערפאר ביסלעכווייז "פארגעסען דאָס וואָס זיי האָבען געזעהן און געהערט און דאָס וואָס זיי האָבען געפיהלט אין דער אלטער היים".

אָבער ווי פארהאוועט די אמעריקאנער אידען זיינען און ווי פארטהאָן זיי זיינען אין מאטעריאליזם, דערקענט אָבער אין זיי דער ליובאוויטשער רבי זייער בייגקעניש נאָך עפּעס גייסטיגעס, אויב אפילו דאָס זאָל זיין ניט מעהר ווי א ניט־פארגעסענע עראינערונג פון דער אלטער היים. דער רבי זעהט אָט די בייגקעניש פון די אמעריקאנער אידען אין זייערע אויגען. "אָהן ווערטער", שרייבט ער, "גיבען זיי (די אמעריקאנער אידען) ארויס דורך זייערע אויגען זייערע אינערליכע הארציגע געפיהלען. ביי געוויסע שמחות (ספּעציעל ביי חסידישע מסיבות) ווערען זיי פּשוט אינגער אויף צעהנדליגע יאָהר. זיי לעבען דאמאלס ווידער איבער זייער פארגאנגענהייט. זיי פרישען אָפּ זייער יוגענד און עס ווערט ביי זיי ארויסגערופען א טיעפע בייגקעניש נאָך דעם אמאָל. זיי הויבען דאן אָן קוקען מיט פאטערליכען רחמנות אויף

זייערע קינדער וועלכע האבען ניט געהאט די געלעגענהייט צו זעהען און צו פיהלען וואס זיי".

דער רבי זעהט אין אט די אפגעפרישטע ערינערונגען און ארויסגערופענע בענקשאפט, צוריק זיך צו פארבינדען מיט דער פארגאנגענהייט פון וועלכער זיי זיינען געווען אפגעריסען, ניט נאר די שטויסקראפט אויבצולעבען די אמעריקאנער "עצמות היבשות" און צו פארבינדען די נייע וועלט מיט דער אלטער, נאר אויך דעם נייעם כח וואס וועט ווירקען, אז טאטעס זאלען איינפלאנצען מעהר אידישקייט אין זייערע קינדער און שאפען א בריק פון אידישער טראדיציע צווישען דעם דור פון אידישע אימיגראנטען און דעם דור פון הי־געבארענע אידען.

טריי צו דעם עכט אידישען גייסט וואס פארבינדט די פארגאנגענהייט מיט דער געגענווארט און די געגענווארט מיט דער צוקונפט, האט דער ליובאוויטשער רבי א גרויסען אינטערעס אין דער ערציהונג פון דער אידישער יוגענד אין אמעריקא. ער וויל א נייעם דור פון א טיעף־פיהלענדיגער יוגענד און גרינדליך־וויסענדיגע אידען אין אמעריקא. ער קוקט זיך שטארק צו צו די אמעריקאנער יוגענד ארגאניזאציעס סיי פון בחורים און סיי פון מיידלעך.

"עס האט מיך", שרייבט דער ליובאוויטשער רבי, "זעהר טיעף אינטערעסירט צו וויסען דעם צושטאנד פון דער אידישער יוגענד אין אמעריקא. איך האב אויסגעפונען, אז אין דער יוגענד ליגען גרויסע אוצרות פון אידישען מאראלישען רייכטום. די דאזיגע אוצרות זיינען נאך דערוויל נישט קיין אויסגעארבייטע, אבער זיי זיינען דארט באשטימט פאראן. מיט גרוים שמחה זאג איך, אז די אמעריקאנער אידישע יוגענד האט א גרויסע צוקונפט אין דער אידישער וועלט".

און דער רבי זאגט ארויס מיט גרוים קלארקייט וואס ער ערווארט פון דער אידישער יוגענד אין אמעריקא.

"די יוגענד קען, דארף און מוז נעהמען א באשטימטע שטעלונג צו דעם אויפבוי און דער באפעסטיגונג פון אידישקייט אין די פעראייניגטע שטאאטען. די יוגענד קען, דארף און מוז העלפען לייגען א ריכטיגען און געזונטען פונדאמענט פון תורה־אידישקייט דא אין לאנד. איך בין זיכער, אז די אידישע יוגענד וועט דא, מיט דעם אויבערשטענס הילף, שרייבען נייע, שעהנע קאפיטלעך אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק".

און וויל דער ליובאוויטשער רבי איז אזוי זיכער מיט דער אידישער יוגענד און די אידישע צוקונפט אין אמעריקא, רופט ער אויס מיט גרוים פאטאס אין זיינע כתבים צו דעם איצטיגען דור פון גלייכגילטיגע אידען: "שמע ישראל". ער פאדערט אלעמען אויף צוריקצוקעהרען זיך צום אידישען שורש און צוריק צו פארקניפען זיך מיט אידישער טראדיציע, וויל, ווי דער רבי דריקט זיך אויס, "פארבינדענדיג זיך מיט דעם עבר פארבינדט מען זיך מיט דער צוקונפט". דער רבי זאגט ארויס דעם געדאנק, אז דורך דעם וואס די איצטיגע טאטעס וועלען זיך דערנעהנטערען גייסטיג צו זייערע טאטעס, וועלען זיי משפיע זיין אויף זייערע קינדער אז אויך זיי, די קינדער, זאלען זיך דערנעהנטערען צו זיי, די טאטעס.

דער ליובאוויטשער רבי מאכט דערביי קלאר וואס אזוינס עס אין די

פליכט פון עלטערען צו קינדער; עס מוזען געשאפען ווערען מעהר און בעסערע אידישע ערציהונג אינסטיטוציעס און דורך דעם וועט די נייע אידי־שע היים אין אמעריקא אנגעפילט ווערען מיט דעם גייסט פון דער אלטער היים.

דאס איז דער צווייטער וויכטיגער מאמענט אויף וועלכען מיר שטעלען זיך אפ אין שייכות מיט דעם רבינ'ס זכרונות.

3

מיט'ן גאנג פון דעם קריג איז אלץ גרעסער געווארען די צאהל פון ציוווילע מענשען — מענער, פרויען און קינדער — וואס מאכען דורך די אלע שרעקען פון לופט־באמבארדירונגען פון שטעדט מיט מיליאנענדיגע באפעלקערונגען. מיליאנען קענען איצט דערצעהלען וועגען זייערע אייגענע ערפאהרונגען אונ־טער לופט־אטאקעס, ווען עס האגעלט פון הימעל מיט פייער און ווען גאנצע גאסען ווערען פארוואנדעלט אין חורבות, באגראבענדיג אונטער זיך מאסען מענשען. קיינער האט נאך אבער געשילדערט מיט אזוי פיעל גרויל־האפטע איינצעלהייטען די טראגעדיע פון א שטאט אונטער דעם פייערדיגען האגעל פון די נאצישע לופט־מחבלים, ווי דער ליובאוויטשער רבי אין זיינע כתבים. דער ליובאוויטשער רבי, וועלכער האט דורכגעמאכט די באמבארדירונג פון ווארשע און האט צוגעזעהן דעם גאנצען חורבן פון דער פוילישער הויפט־שטאט, האט מיטגעבראכט קיין אמעריקא איינדרוקען וואס וועלען אויף שטענדיג בלייבען איינגעקריצט אין זיין מח, און, ווי ער אליין זאגט, איז ער נאך אלץ "אונטער דעם גרויסען רושם פון דעם וואס ער האט איבערגעלעבט און וואס ער לעבט נאך איצט דורך, שוין זייענדיג אויף דעם באדען פון דער מנוחה'דיגער אמעריקא".

עס איז אט די שילדערונג פון זיינע איבערלעבונגען אין ווארשע אויף וועלכע דער לייענער פון דעם רבינ'ס זכרונות און כתבים מוז זיך אפשטעלען. זיי ווייזען אויף דעם רבינ'ס ברייטען פארנעהם און דורכדרינגענדען בליק. עס איז דערביי אויך דער מוסר השכל וואס ער טראגט ארויס פון די אלע מורא'דיגע פאסירונגען פאר די אידען אין אמעריקא. פאר דעם ליובאוויטשער רבי'ן איז נישט גענוג בלויז צו באדויערען און צייגען סימפאטיע צו אונזערע אונגליקליכע ברידער מעבר לים. ער פאדערט אז די אידען אין אמעריקא זאלען פון דעם אלעם עפעס לערנען און ניט נאר העלפען די אונגליקליכע אויף יענער זייט ים, נאר טאקע אויך דא אין אמעריקא באפעסטיגען אידיש־קייט אזוי, אז מיר זאלען קענען דא צוריקבויען דאס וואס א גרויזאמער שונא האט חרוב געמאכט אנדערשוואו.

דער רבי מאכט אין זיינע כתבים א טרעפליכען פארגלייך צווישען דער איצטיגער מלחמה און די מלחמה פון 1914: אין דעם ערשטען וועלט־קריג איז געווען א פראנט. די ציוווילע באפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך זיינען פאקטיש געווען געזיכערט. אין דעם איצטיגען קריג האט זיך דער פראנט אריבערגעטראגען אין די שטעט גופא וואו פרויען און קינדער, זקנים און חלאים זיינען די קרבנות.

וואס איז שייך די באמבארדירונג פון ווארשע, וואס דער ליובאוויטשער רבי האט דורכגעמאכט, איז זי נאך טראגישער און איז ניט דער ערך צו פארגליכען ווערען מיט דער באמבארדירונג ווי, למשל פון לאנדאן. לאנדאן פארטיידיגט זיך געגען דעם שונא, און זי איז שוין איצט אויך ניט די ערשטע גרויסע שטאט וואס ווערט באמבארדירט פון דער לופט. ווארשע איז אבער ניט געווען גרייט זיך צו פארטיידיגען געגען לופט-אטאקעס און האט אויך ניט געהאט די מעגליכקייט דערצו. א חוץ דעם איז ווארשע געווען די ערשטע גרויסע שטאט וואס די נאצים האבען באמבארדירט פון דער לופט אין דעם איצטיגען קריג. איז טאקע דער חורבן ווארשע געווען אזוי גרויס און די צאהל מענשליכע קרבנות אזוי מורא'דיג. הייזער, ווי דער רבי דערצעהלט, זיינען אין עטליכע סעקונדען חרוב געווארען און אלע זייערע איינוואוינער זיינען פארשאטען געווארען. צושמעטערטע מענשליכע קערפערס האבען זיך געוואלגערט אין די גאסען אויסגעמישט מיט די טויטע קערפערס פון פערד און הינט. אפגעריסענע מענשליכע אברים האבען זיך ארומגעוואלגערט אויף שריט און טריט.

אבער דעם גרעסטען רושם אויפ'ן רבי'ן האט געמאכט — און דערפאר מאכט עס אויך דעם גרעסטען רושם אויפ'ן לייענער — דאס וואס ער האט דורכגעלעבט י"ד תשרי פון יאהר ת"ש. מיר ווילען דא איבערגעבען די דאזיגע איבערלעבונג פונ'ם רבי'ן אין זיינע אייגענע ווערטער און זאל עס דיענען ווי זיין אייגענע הקדמה צו זיינע זכרונות:

"עס איז געווען צוועלף אזייגער בייטאג. די באמבארדירונג פון ווארשע איז אין יענעם טאג פארשטארקט געווארען. מיר האבען פארלאזט דאס הויז כדי צו זוכען שוץ אין א קעלער טיעף אין דער ערד. מיר זיינען דארט פארבליבען דעם גאנצען נאכמיטאג, און האבען דארט געדאווענט מנחה בצבור מיט גרויס כוונה און התעוררות. עס האט געמוזט זיין אזייגער פיער נאכמיטאג ווען דער קעלער איז אויפגעטרייסעלט געווארען פון באמבעס וואס האבען געקראכט אין די גאר נאהענטע גאסען. הייזער זיינען איינגעוויקעלט געווארען אין פלאמען. פיעל-שטאקיגע געביידעס האבען צוזאמענגעקראכט און באגראבען אונטער זיך אלע וואס האבען זיך דארט געפונען.

"מיר האבען דערפיהלט די גרויסע סכנה צו בלייבען ווייטער אין קעלער. עס איז געווען א געפאהר אז מיר זאלען זיך פון דארט מעהר ניט קענען ראטעווען. האבען מיר פארלאזט דעם קעלער און געלאפען זוכען שוץ וואו נאר די אויגען האבען געטראגען.

"לויפענדיג דורך די גאסען האבען מיר פאר זיך געזעהן א מורא'דיג בילד.

"הייזער זיינען געווען קנוילען פון פייער און רויך. דערשראקענע מענשען, דער הויפט פרויען, קינדער און זקנים זיינען געלאפען און געיאמערט. די באמבארדירונג איבער אונזערע קעפ האט זיך געשטארקט מיט יעדע מינוט. די גאסען האבען שוין אויסגעזעהן ווי פייערדיגע ימים. פלאמיגע צינגער ווי פון גיגאנטישע חיות האבען זיך געשלענגעלט און געקנוילט, גרייט, ווי אונז האט אויסגעזעהן, צו פארשלינגען די גאנצע וועלט. וואלקענס פון שווארצען

רויק, וואס האבען אויסגעזעהן ווי מורא'דיגע באשעפענישען, האבען ארויס־געזעצט פון די ברענענדיגע הייזער.

"גראד איז דאמאלס געווען א שעהנער, זוניגער נאכמיטאג. נאר עס האט אויסגעזעהן ווי די וואלקענס רויך וואלטען געהאט פארשטעלט די ליכ־טיגע שיין. מענשליכע משחיתים האבען זיך פארמאסטען צו פארשטעלען דאס ליכט וואס איז באשאפען געווארען פון דעם אויבערשטען אליין.

"א פאר שעה זיינען מיר, צוזאמען מיט א גאנצער מחנה פון ביז'ן טויט צושראקענע מענשען, געלאפען פון איין שוץ פלאץ צום צווייטען, פון איין טויער צום אנדערען.

"אין איינעם פון די שוץ־פלעצער האט זיך פארזאמעלט אן עולם פון עטליכע הונדערט נפשות. דאס זיינען געווען מענשען פון פארשידענע ריכ־טונגען און שאטירונגען: אידען מיט לאנגע קאפאטעס און מיט בערד און פאות און מיט די באוואוסטע ווארשעווער היטעלעך אויף די קעפ; פרויען אין שייטלאך און פארוקען; אידען מיט ראזירטע פנים'ער, און פרויען, יונגע און מיטעל־יאהריגע, וואס האבען גערעדט נאר פויליש. אלע זיינען געשטאנען צוגעדרוקט און פארצווייפעלטע. דער גרויסער אומגליק און די גרויסע שרעק האט זיי אלעמען פאראייניגט.

"אונזער גרופע וואס איז באשטאנען פון מיר אליין, מיין פאמיליע און עטליכע מנינים תלמידים פון דער ישיבה תומכי תמימים, האבען אלע גע־האלטען אין זאגען תהילים. פלוצים איז די לופט אויפגעטרייסעלט געווארען פון א מורא'דיגען קראך. א באמבע האט אויפגעריסען לעבען אונז. אין איין אויגענבליק האט זיך פאנאנדערגעגאסען א טייך פון פלאמיגען פייער. יעדער פון אונז האט זיך דערזעהן פנים אל פנים מיט'ן טויט.

"אין איין און דעמזעלביגען מאמענט האבען אלע וואס זיינען דארט געווען פארזאמעלט, — אלע מיט איין קול, און אלע ווי איין מענש — אויסגעשריען: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". עס איז געווען דאס אויס־געשריי פון מענשען וואס זיינען זיכער אז זיי געפינען זיך ביים סאמע שוועל פון טויט...

"אזא שמע ישראל פון פארשידענע מענשען מיט פארשידענע וועלט־אנשויאונגען, מיט אזא טיעף־הארציגען אויסגעשריי, האב איך נאך קיינמאל ניט געהערט. איך בעט ביי השם יתברך אז אט דער שמע ישראל זאל זיך אויף אייביג אויפהיטען אין מיין זכרון.

"מען האט בעשיינפערליך געקענט זעהן ווי גרויס און ווי טיעף עס איז איינגעווארצעלט אין דעם אידישען הארץ די אמונה. עס איז געווען אין אט דעם מאמענט וואס איך האב געלערנט, אז יעדעס שלעכטעס ענטהאלט אויך א סך גוטעס. אט דער אלגעמיינער אמונה־תמימות'דיגער שמע ישראל האט פאר מיר געעפענט נייע קוואלען פון ליעבע צום אידישען מענשען און ארויס־גערופען ביי מיר גרויס דרך ארץ פאר די אידישע זיהן און טעכטער".

מיט אט דעם איינען זינען איז גארניט קיין וואונדער וואס דער ליובאוויטשער רבי טראגט ארויס פון דער גרויסער אידישער טראגעדיע אין אייראפא א מוסר השכל פאר די אידען אין אמעריקא. עס וואלט פאר איהם, ווי פאר אונז אלעמען, געווען נאך א גרעסערע טראגעדיע אויב די אידען אין אמעריקא

זאלען אין זייער מנוחה'דינקייט פארגעסען אדער פארנאכלעסיגען זייער נאַ־ציאנאלע פליכט.

פאר'ן ליובאוויטשער רבי'ן איז עס אַן ענין פון שטענדיגע פליכטען. ווארים לויט זיין אנזיכט דארף און מוז יעדער איד זיך באטראכטען ווי א "זעלנער וואס מוז געהארכזאם אויספאלגען וואס מען הייסט איהם".

טאקע אין שייכות מיט דעם דערצעהלט דער ליובאוויטשער וועגען איי־נעם א ר' זלמן, א באקאנטער חסיד וואס האט געוואוינט אויף א ישוב ניט ווייט פון ליובאוויטש. דער דאזיגע ר' זלמן פלעגט די ימים נוראים פאר־ברייגנען אין ליובאוויטש ביים רבי'ן.

עס איז געווען אין דעם טאג פון ערב יום כפור. נאך תפילת שחרית איז דער דאזיגער ר' זלמן אריינגעקומען צום ליובאוויטשער רבי'ן, — דער פאטער פון דעם איצטיגען רבי'ן — און פרעהליך און ברייטלאך א זאג געטהאן: גוט יום טוב, רבי.

"דער טאטע, זכרונו לברכה, — דערצעהלט דער ליובאוויטשער אין זיינע כתבים — איז דאמאלס גראד געווען זעהר ערנסט, שטארק פארטיפעפט אין א ספר. ער האט געענטפערט ר' זלמן'ען:

"יא, עס איז יום טוב און יום טוב איז א שמחה. אבער עס איז היינט ערב יום כפור. עס איז א מאמענט פון התעוררות און תשובה. מען דארף טהאן תשובה און האבען חרטה אויפ'ן עבר און מקבל זיין אויף זיך צו טהאן גוטעס אויף להבא".

אויף דעם האט ר' זלמן תמימות'דיג א זאג געטהאן: "רבי, מיר זיינען ניט מעהר ווי זעלנער. מען האט אונז אנגעזאגט, אז ערב יום כפור ביז האלבען טאג איז יום טוב און מען דארף זיין פרעהליך. ערפילען מיר וואס מען האט אונז אנגעזאגט און מיר זיינען יום טוב'דיג. נאך האלבען טאג דארף מען דאווענען מנחה, זאגען על חטא און טהאן תשובה. דאמאלס פאנגט זיך אן די צייט פון גרויס תהעוררות און השתפכות הנפש ווי עס פיהרט זיך יום כפור. דערוויל, רבי, גיט מיר א שטיקעל לעקאך".

דער ליובאוויטשער דערצעהלט דאן ווי זיין פאטער איז אריין אין התלהבות פון ר' זלמנ'ס פשוט'ן און תמימות'דיגען ענטפער. עס איז איהם געפעלען געווארען ר' זלמנ'ס אויסדרוק: "מיר זיינען זעלנער". דער ליובא־וויטשער פיהרט אוים, אז אידען דארפען זיך פיהלען ווי זעלנער סיי ווען זיי זיינען אונטער'ן האגעל פון פייער ווי אין די מלחמה לענדער און סיי ווען זיי געניסען די פרוכט פון שלום און מנוחה ווי אין אזא לאנד ווי אמעריקא.

ער זעהט קלאר די פארבינדונג צווישען די אידען וואס לעבען אונטער אט די צוויי ענטגעגענגעזעצטע באדינגונגען ווי די וואס עקזיסטירען איצט אין אייראפא און די וואס עקזיסטירען אין אמעריקא. זיי זיינען זעלנער פון איין ארמיי. זיי זיינען אונטער איינער און דערזעלביגער דיסציפלין. איינעמ'ס פליכט איז צו בלייבען טריי זיין פאסטען אונטער די ערגסטע באדינגונגען פון קריג און אלערליי פארפאלגונגען מצד אונזערע שונאים, און דעם צווייטענס פליכט איז צו בלייבען טריי זיין פאלק לעבענדיג אונטער די גליקליכערע באדינגונגען פון דער פרייער אמעריקא. ניט דער ערשטער, — דער אייראַ־פעאישער איד — דארף אריינפאלען אין יאוש און ניט דער צווייטער — דער

אמעריקאנער איד — דארף און טאָר פארגעסען פון וואוילטאָג זיינע נאציאָ־נאַלע פליכטען.

נאָך אָט די מאָמענטען אויף וועלכע מען מוז זיך אָפּשטעלען ווען מען לייענט דעם ליובאוויטשער'ס זכרונות און כתבים, געהען מיר איבער צו די זכרונות גופא.

זאָל דאָ נאָר באמערקט ווערען, אז דער רבי האָט אייגענטליך זיינע זכרונות און כתבים געשריבען, און שרייבט זיי ווייטער, מיט קיינע כוונות זיי צו פארעפענטליכען אין א ציייטונג און מעגליך אויך ניט אין קיין בוך־פאָרם. עס איז אָבער געווען מיין פריווילעגיע ווי א לאנג־יעהריגער פריינד פון דעם רבי'ן צו ווערען אָנפערטרויט מיט די דאָזיגע זכרונות און כתבים, און פיהלענדיג דעם גרויסען ווערטה פון זיי און דעם אומגעהייער גרויסען אינ־טערעס און אויסערגעוויינליכע באדייטונג וואָס זיי האָבען ווי א היסטאָרישער דאָקומענט און גרויסער ליטערארישער אוצר, האָב איך געפיהלט אז זיי דאר־פען איצט, און דוקא איצט פארעפענטליכט ווערען. דער רבי האָט צו דעם צוגעשטימט איבערגעבענדיג אין מיינע הענד דאָס רעדאקטירען און דאָס צו־גרייטען צום דרוק פריהער אין "מאָרגען זשורנאל", און איצט אין בוך־פאָרם.

תשרי, תש"א, ניו יארק.

א

די שטאָט פון מענשען ליבע

די באדייטונג פון אידישע שטעט און שטעטלעך. — דער גרינדער פון ליובאוויטש. — דער עלטסטער בית מדרש אין ליובאוויטש און אויף וועמעס נאָמען ער רופט זיך. — ווען גזלנים האָבען טעראָריזירט די וועלדער ארום ליובאוויטש.

ניטא כמעט קיין שטאָט אָדער שטעטעל אין גאנץ איירָאפּא וואס זאל ניט זיין פארבונדען מיט דעם אידישען עבר אָדער די אידישע געגענוואַרט, וואס זאל ניט האָבען צו דערצעהלען א שטיק אידישע געשיכטע און וואו די שטיינער און די ערד זאָלען ניט זיין דורכגעווייקט מיט אידיש בלוט און אידישע טרעהרען. בלויז די נעמען פון געוויסע שטעט און שטעטלעך רופען ארויס עראינערונגען און לעבען פאר אונז אויף די געשטאלטען פון ליכטיגע אידישע פערזענליכקייטען וואס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין משך פון דורות מיט זייער תורה און זייערע מעשים טובים, אָדער מיט זייער מארטירערטום.

יעדע שטאָט און שטעטעל האָט זיך איהר אייגענעם קאפּיטעל אין דער אידישער געשיכטע. פאראן שטעט און שטעטלעך וואָס שטעלען מיט זיך פאָר גאנצע באוועגונגען און גאנצע פעריאָדען אין אידישען לעבען. אזא שטאָט, בעסער געזאָגט, שטעטעל איז אויך ליובאוויטש, וועלכע איז אין משך פון הונדערט און צוויי יאָהר און צוויי חדשים געווען דער זיץ פון פיער דורות חבד'ישע רביים און דער צענטער פון דאָס חבד'ישע חסידות מיט הונדערטע טויזענדע נאכפאָלגער איבער גאנץ רוסלאנד און אנדערע לענדער.

אין גאנצען איז דאָס חבד'ישע חסידות, פון וועלכע דער אלטער רבי ר' שניאור זלמן ז"ל, דער בעל התניא, איז געווען דער גרינדער, הונדערט און פינף און זיבעציג יאָהר אלט. דאָס מיינט, אז צוויי און זיבעציג יאָהר און צעהן חדשים האָט חבד געהאט איהר צענטער אנדערשוואו אָדער האָט פּשוט אפּגעריכט גלות. גאָר אין אָנפאנג איז עס געווען ליאזשנע. אין ליאזשנע איז חבד פאקטיש געבאָרען געוואָרען. שפּעטער איז עס געווען ליאדי וועלכע איז מעהר ווי וועלכע אנדער שטאָט פארבונדען מיט'ן נאָמען פון דעם אלטען רבי'ן.

פון י"ח חשון, תרע"ו, אין משך פון דעם פאָריגען וועלט-קריג, ווען ליובאוויטש האָט געמוזט עוואקואירט ווערען, און ווען מיין פאטער, זכרונו לברכה, האָט מיט דער גאנצער רבי'אישער משפחה געמוזט אויסוואנדערען,

איז שוין ליובאוויטש מעהר ניט דער זיץ פון די רביים און דער צענטער פון חבד. אבער דער נאמען ליובאוויטש וועט שטענדיג בלייבען פארבונדען מיט דאס חבד'ישע חסידות און וועט שטענדיג דערוועקען זיסע ערהינערונגען און מיט זיך פארשטעלען א הערליך קאפיטעל אידישע געשיכטע.

כאטש ליובאוויטש האט אנגעהויבען פיגורירען אין דער געשיכטע און די ענטוויקלונג פון חב"ד ערשט מיט'ן צווייטען דור רביים פון דער שניאורסאן גזע, איז אבער כאראקטעריסטיש וואס אט די שטאט שפיעלט א ראלע אין דער סאמע אנטשטעהונג פון חבד און אפשר פון דאס גאנצע חסידות, און טאקע נאך א סך פריהער, — דאמאלס ווען נסתרים, בעלי מקובלים און צדיקים פון פארשידענע מינים און ריכטונגען האבען געווירקט אין אידישען לעבען, און צוגעגרייט דעם וועג פאר דעם בעל שם טוב הקדוש.

ניט אומזיסט איז ליובאוויטש באשטימט געווארען צו שפיעלען אזא וויכטיגע ראלע, פריהער אינ'ם לעבען פון די פארבארגענע צדיקים און בעלי מקובלים, און שפעטער אינ'ם לעבען פון די חבד'ישע רביים און חסידים. ליובאוויטש איז צוליעב איהר, אזוי גערופענע, געאגראפישע פאזיציע געווען א פאסיג פלאץ פאר מענשען פון הויכען גייסט זיך דארט אפצוזונדערען פון דער דרויסענדיגער וועלט און זיך אינגאנצען אפגעבען מיט תורה און עבודה, אדער גאר דארט אנפאנגען א ניי לעבען באזירט אויף די העכסטע און ריינסטע עטישע פרינציפען פון דער תורה.

ליובאוויטש וועלכע געפינט זיך אין מאהליווער גובערניע, פריהער אין דעם באבינאָוויטשער "אויעזד" און נאכהער אין דעם ארשער "אויעזד", ביי דעם טייך דניעפער, אין ווייס-רוסלאנד, איז פון תמיד געווען ארומגערינגעלט פון גרויסע וועלדער, וואס האבען איהר געגעבען א פנים פון אפגעשלאסענקייט און די דארטיגע תושבים געגעבען א געפיהל פון התבודדות און מיט דעם ליו־באוויטש געמאכט פאר אן אנציהונגס-פונקט פאר מענשען וואס האבען גע־וואלט זיין מיט זיך אליין און נאהענט צום אויבערשטען און זיין יצירה.

דאס איז טאקע די אורזאך וואס אזוי פיעל פארבארגענע צדיקים האבען פארבונדען זייער גורל מיט ליובאוויטש און האבען אויף איהר געלייגט זייער חותם, שאפענדיג דעם איינדרוק פאר די וואס זיינען באקאנט מיט דער גאר ווייטער פארגאנגענהייט, און מיט דער סאמע אנטשטעהונג, פון ליובאוויטש, ווי די שטאט וואלט געווען מעהר לעגענדע ווי ווירקליכקייט — א צויבער־שטאט מיט צויבער-מענשען — פארשטעלענדיג מיט זיך א אינספירירענדיג־און-פאנטאזיע-רייצענדיג קאפיטעל אידיש לעבען.

שוין ארום דער אנטשטעהונג פון ליובאוויטש אין דער גאר ווייטער פארגאנגענהייט, פיגוריר א מערקווירדיגע אידישע פערזענליכקייט וועמעס אנדיינק איז ניט פארגעסען געווארען אין משך פון דורות ביז צו אונזער אייגע־נער צייט. ר' מאיר איז געווען זיין נאמען. ער האט געהערט צו יענע צדיקים וואס האבען געוואלט לעבען נאר פון דער פראצע פון זייערע אייגענע הענט, ניט וועלענדיג בלייבען אין זיין אלטער היים און בכלל וועלענדיג לייגען א נייעם יסוד פאר זיין עקזיסטענץ און די עקזיסטענץ פון אנדערע אידען, האט ער מיט דריי אנדערע משפחות אויסגעוואנדערט פון זייער שטאט אדער שטעט־טעל און אוועק זוכען ערגעץ א פארווארפען ווינקעל, וואו זיך צו באזעצען

אויפ'ן לאנד און פון דער איינענער ארבייט זיך מפרנס זיין. קענטיג, אז ר' מאיר האט שוין געהאט נע'חלום'ט פון שאפען א אידישע קאלאניע — א געדאנק וואס איז שפעטער פון די ליובאוויטשער רביים אויפגענומען און דערפיהרט געווארען צו גאנץ פראקטישע רעזולטאטען. ווארים, ווי די מעשיות וואס ווע־רען דערצעהלט, האט דער דאזיגער ר' מאיר זיך טאקע פארנומען צו בויען א קאלאניע דארט וואו ליובאוויטש געפינט זיך. ארומגערינגעלט מיט וואלד, און ביי די ברעגעס פון א טייך, איז דער באדען געווען געוואונשען פאר א קאלאניע. האבען זיך ר' מאיר און די משפחות וואס האבען איהם נאכגעפאלגט, זיך גענומען צו דער ארבייט. מען האט געהאקט בוימער אין וואלד און געבויט מיט זיי הייזער.

וואס פאר א נאמען — אויב מען האט אינגאנצען געטראכט אין אנפאנג פון א נאמען — דער דאזיגער קליינער ישוב האט געהאט, איז ניט באקאנט. אבער דער נאמען ליובאוויטש, וואס איז שפעטער געגעבען געווארען אט דער קאלאניע, וואס ר' מאיר האט געגרינדעט, האט אינגאנצען געזאלט מיט זיך פארשטעלען און כאראקטעריזירען איהר גרינדער.

ווי עס ווערט דערצעהלט, האט ר' מאיר זיך ספעציעל אויסגעצייכענט מיט זיין גרויסער ליעבע צו אידען און אויך ניט־אידען. זיין אהבת ישראל האט ממש קיין גרעניץ ניט געהאט. ער האט ניט וויניגער ליעבע ארויסגע־צייגט צו אלע אנדערע מענשליכע באשעפענישען. ער פלעגט האבען א ווער־טעל, אז דער וואס געפינט חן אין די אויגען פון מענשען וועט אויך געפינען חן אין די אויגען פון אויבערשטען.

פארשטעהט זיך, אז כדי צו געפינען חן ביי מענשען מוז מען זיין גוט און פריינדליך צו יעדערען, מוז מען זיין אפפערווייליג און נאר טהאן טובות מענשען.

און ניט נאר מענשען האט ר' מאיר ליעב געהאט, ניט נאר דעם בחיר היצורים האט ער רעספעקטירט און פארהערליכט. ער האט אויך געליבט און פארהערליכט יעדע באשעפעניש, צי דאס איז א פיער־פיסיגע חיה, צי דאס איז אז עוף אדער א פויגעל אין דער לופט. אלץ וואס האט געהאט לעבען אין זיך האט ער פארהערליכט און ממש פארהייליגט. ער פלעגט זאגען דעם מאמר חז"ל, אז ווען מ'צייגט ליעבע צו מענשען טהוט מען א נחת רוח דעם רבונו של עולם.

זעלבסט פארשטענדליך, אז דער דאזיגער ר' מאיר איז געווען א גרויסער בעל גמילות חסדים, סיי צו אידען און סיי צו ניט־אידען. איז דערפאר זיין נאמען באלד באקאנט געווארען אין דער גאנצער סביבה און זיין פרסום האט אויך דערגרייכט ווייט אוועק. מען האט וועגען איהם דערצעהלט פארשידענע אגדות. עס איז דערפאר גארניט קיין חידוש וואס ווען עס איז געקומען דערצו, אז מען זאל דעם נייעם ישוב, פון וועלכען ר' מאיר איז געווען דער גרינדער, געבען א נאמען, זאל מען דעם נאמען צופאסען צו ר' מאיר'ס כא־ראקטעריסטישע מעשים. וואס האט באזונדערס כאראקטעריזירט ר' מאיר'ן אויב ניט זיין ליעבע — ליעבע צו אידען, צו ניט־אידען און צו די שטומע באשעפענישען? האט מען דעם ישוב א נאמען געגעבען "ליובא", וואס באדייט סיי אין רוסיש און סיי אין פויליש "ליעבע", און ערשט שפעטער

איז צוגעגעבען געווארען דער "וויטש", אזוי אז עס האט זיך באקומען דער נאמען "ליובאוויטש".

אט אזוי איז ליובאוויטש געווארען דער סימבאל פון מענשען־ליעבע: ליעבע צו אידען, צו גוים — אין קורצען, צו דער גאנצער יצירה, און, פארשטעהט זיך, אויך ליעבע צום רבונו של עולם, דער באשאפער פון דער וועלט.

און ר' מאיר איז געווען נאר דער ערשטער פון א רייהע עהנליכע צדיקים און נסתרים וואס האבען אין משך פון הונדערטע יאהרען געמאכט ליובאוויטש פאר זייער היים. אט טאקע צוליעב דעם האט ליובאוויטש שפעטער זוכה געווען צו ווערען א עיר ואם בישראל, פון וואנען עס איז געקומען פיהרערשאפט און אויטאריטעט וואס זיינען אנערקענט געווארען אין דער אידישער וועלט.

ליובאוויטש איז קיינמאל נים געווארען קיין גרויסע שטאט, כאטש אהין פלעגען שטראמען צעהנדליגע טויזענדע חסידים פון אלע טיילען רוסלאנד.

לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבען האבען זיך אין ליובאוויטש געפונען הונדערט און צוואנציג אידישע משפחות ווען דער מיטעלער רבי האט זיך דארט באזעצט אין תקע"ג. ווען דער אלטער רבי האט, אלס אינגעל, געלערנט אין ליובאוויטש ביי זיין רבי'ן, אין די יאהרען פון תקט"ז און תקי"ז איז די צאהל פון די אידישע משפחות דארט געווען צווישען פינף און זיבעציג און אכציג.

אינגאנצען איז ליובאוויטש אן ערך א ווערסט און א האלב די לייננג און א ווערסט און א האלב די ברייט. אין מיטען שטאט איז א גרויסער מארק־פלאץ אויף וועלכען עס האבען זיך געפונען די קראמען. פון אט דעם מארק־פלאץ ציהען זיך דריי לאנגע גאסען. איינע — די בראם גאס, וואס פיהרט צום וועג קיין דאבראמיסל, די צווייטע — שילאווא און פיהרט קיין רודניא, און די דריטע גאס — הייסט באכליוקא וואס פיהרט קיין ראסאסנא. א חוץ די דאזיגע גאסען געפינען זיך דארט קלענערע געסלעך וועלכע זיינען באקאנט, אדער זיינען געווען באקאנט, מיט די נעמען סיריצע, די קאלטע געסעל, די וויגאן געסעל און די טייך געסעל. אין צפון פון שטאט פליסט דער גרויסער טייך און אין מערב, ביים בית הקברות, לויפט א קליין טייכעל.

דער גרויסער טייך הייסט בערעזינא, וועלכער ציהט זיך פון דעם דארף וואס טראגט דעם זעלבען נאמען, און דעם נאמען "בערעזינא" האט דאס דארף באקומען צוליעב דעם וואלד פון "בעריאזא" בוימער וואס רינגעלט איהם ארום. דאס קליינע טייכעל רופט מען "דאס מצבה טייכעל", ווייל ער שטראמט ארום איינע פון די אלטע מצבות אויפ'ן אלטען בית הקברות. די אותיות אויף דער מצבה זיינען אפגעמעקט און מען קען דערפאר ניט וויסען וועמעס קבר דארט געפינט זיך. פון דור צו דור איז געווען אנגעזאגט, אז מ'זאל זיך מיט'ן וואסער פון "מצבה טייכעל" ניט באנוצען צו טרינקען און ניט צום וואשען זיך.

כאטש ליובאוויטש איז אין פויליש טעריטאריע זיינען אבער די ניט־אידישע איינוואוינער דארט תמיד געווען רוסען און ניט קיין פאליאקען. די אידען און די ניט־אידען האבען דארט תמיד געלעבט אין שלום.

דער עלטסטער בית המדרש אין ליובאוויטש איז באקאנט אלס "בנימין'ס

שטיבעל". עס דארף אבער געזאגט ווערען אז דער דאזיגער בית המדרש איז איינענטליך שוין עטליכע מאל איז זיין געשיכטע איבערגעבויט געווארען, ווייל עטליכע מאל איז ער פארניכטעט געווארען פון שרפות.

דער ר' בנימין, אויף וועמעס נאמען דער דאזיגער בית המדרש ווערט גערופען, איז אן אנדער מערקווירדיגע פיגור מיט וועמעס אנדענק און מעשים טובים ליובאוויטש איז פארבונדען. דער דאזיגער ר' בנימין איז געווען א דארפס־מענש. ער פלעגט ארומפאהרען מיט זיין ארים ביסעל סחורה איבער די ארומיגע דערפער. זיין ווייב איז געווען אן עקרה. זיי האבען געוואוינט אין א הויז ביים ברעג טייך און געהאט א גרויסען גארטען מיט אלערליי גרינ־סען. ר' בנימין איז געווען א גרויסער ירא שמים. ער האט אפגעהיט אלע מצוות. דער עיקר האט ער זיך אפגעגעבען מיט צדקה וואס ער האט פארטיילט מיט א ברייטער האנד. א חוץ אט די פיינע מדות האט מען איהם געהאל־טען פאר א פראסטען מענשען.

עס איז געווען אין דעם פערציגסטען אדער פופציגסטען יאהר פון פערטען יאהרהונדערט, פון זעקסטען טויזענד לויט דער אידישער צייט־רעכענונג, וואס מיינט מיט ארום דריי און א האלב הונדערט יאהר צוריק, אט דאמאלס ווען ר' בנימין האט געלעבט. ליובאוויטש איז שוין געווען א שטעטעל מיט א לאנגער געשיכטע הינטער זיך. עפעס האט פאסירט וואס האט אויפגעשטורעמט ניט נאר ליובאוויטש, נאר אויך די גאנצע סביבה ארום.

א שייקע גזלנים האבען זיך פארקליבען אין דעם וואלד אויפ'ן וועג צווי־שען ליובאוויטש און דאבראמיסל. יעדער איינער, וואס פלעגט פאהרען אויף דעם דאזיגען וועג דורכ'ן וואלד, פלעגט באפאלען און בארויבט ווערען פון די גזלנים. די גזלנים האבען זיך ניט באנוגענט בלויז מיט איבערנעהמען דורכפאהרער. זיי האבען ניט געוואלט ווארטען ביז מען וועט קומען צו זיי. זיי האבען אויך אנגעהויבען באפאלען די דערבייאיגע דערפער און בארויבט די פויערים פון אלץ וואס זיי האבען פארמאגט. זיי האבען פון די פויערים אוועקגערויבט זייערע פערד און שאף און רינדער. פארשטעהט זיך, אז אויף דער גאנצער סביבה איז געפאלען א גרויסער פחד. מען האט מורא געהאט צו פאהרען אין וועג און מען האט אויך מורא געהאט צו זיצען אין דער היים.

פאר א לאנגערע צייט איז ליובאוויטש אליין געבליבען אומבאריהרט פון די גזלנים. זיי האבען ניט געוואגט אריינקומען אין שטעטעל, וואו עס האט זיך נאך אלעם דעם, געפונען א באדייטענדע צאהל תושבים. נאר איינמאל האבען די גזלנים זיך אנגענומען מוטה און צוויי פון זיי האבען זיך ארונטער־געלאזט קיין ליובאוויטש. ווארשיינליך האבען זיי שוין געפיהלט, אז זייער מורא איז אויך געפאלען אויף ליובאוויטש, און האבען געמיינט, אז קיינער

דארט וועט ניט וואנגען זיך שטעלען געגען זיי. זיי האבען ניט געוואוסט, אז אין ליובאוויטש געפינט זיך א ר' בנימין, וועלכער, כאטש א פשוט'ער דארפס־מענש, באזיצט פארבארגענע כחות און אז ער וועט זיי קענען מנצח זיין.

ב

דער נסתר

ר' בנימין ראטעוועט ליובאוויטש פון גזלנים. — דער סוד פון זיינע געהיימע כחות. — זיין חבר, וואלף דער שוסטער. — דער פנים חדשות אין ליובאוויטש. — נסתר הערט ווי מען דערצעהלט וועגען זיינע וואונדער.

געוואגט, אבער פארזיכטיג, זיינען געווען די צוויי גזלנים וואס זיינען באפאלען ליובאוויטש. עס איז געווען דער ערשטער פארזוך מצד די גזלנים, וועלכע האבען די גאנצע צייט טעראריזירט די געגענד ארום, זיך אריינצורייסען אינ'ם אידישען שטעטעל. דאס ערשטע הויז וואס זיי האבען אויסגעקליבען פאר זייער איבערפאל, האט זיך געפונען אין עק שטעטעל. די גזלנים האבען משמעות ניט געוואלט צופיעל ריזיקירען. דערצו האבען זיי אויסגעקליבען א הויז וואו קיינער איז ניט געווען א חוץ א דרייצעהן יעהריג אידיש מיידעל.

אריינקומענדיג אין הויז האבען די גזלנים גענומען רויבען אלץ וואס האט זיך געמאכט ביים האנד. דאס יונגע מיידעל, שטארק דערשראקען, האט אנגעהויבען שרייען, און זיך אפילו פרובירט א ריס טהאן צום טהיר מיט דער כוונה ארויסצולויפען אין דרויסען און מיט איהרע געשרייען צוזאמענברייגען מענשען וואס זאלען פארטרייבען די גזלנים.

אבער איידער זי האט באוויזען צו גרייכען די טיהר, האט איהר איינער פון די גזלנים פארשטעלט דעם וועג, איהר א כאפ געטהאן אין זיינע מעכטינע ארימס און איהר פארשטיקט דאס מויל. האלטענדיג דאס מיידעל אין זיינע הענד

דאס מיידעל, א צניעות'דיגע אידישע טאכטער, האט ערשט דערפיהלט די גרויסע סכנה אין וועלכער זי האט זיך געפונען, און זי האט זיך אנגע־פאנגען ראנגלען מיט אלע איהרע כחות. זי האט אנגעהויבען דראפען איהר אנגרייפער מיט די נעגעל, בייסען מיט די צייהן און בריקען מיט די פיס. ווי שטארק דער גזלן איז ניט געווען, האט ער דאך דערפיהלט דעם כח פון דער כשר'ער אידישער טאכטער וואס האט געקעמפט מיט גרויס מסירת נפש פאר איהר ריינקייט. ער האט אנגעהויבען צו באנוצען זיין ברוטאלע מאכט געגען מיידעל, איינטיילענדיג איהר קלעפ מיט זיינע פויסטען אויף איהר פנים און איהר קערפער.

פונ'ם מיידעל'ס פנים האט אנגעהויבען פליסען בלוט. אבער ערשט איצט האט זי געצייגט איהר עקשנות און געראנגעלט זיך נאך מיט מעהר פארבי־טערטקייט ווי פריהער. באפרייט איהר מויל פון גזלן'ס הענד, האט זי באנייט איהרע קולות נאך מיט מעהר שטארקייט און מעהר פארצווייפלונג ווי פריהער. איהרע געשרייען וואלטען מעגליך פארלארען געגאנגען מיט'ן ווינד און

וואַלטען ניט געגרייכט די הייזער ווייטער אוועק. פאַסירט אבער, אז ר' בנימין, דער דאַרפס־הענדלער, קומט גראד אַז אין דער שכונה, ווי א געהיימער כח וואַלט איהם פון ערגעץ געבראַכט. ער דערהערט דאַס געשריי פונ'ם אידישען מיידעל וואָס ראַנגעלט זיך פאַר איהר ריינקייט. ר' בנימין גיט באַלד אַ עפען די טיהר און קומט אריין אין הויז. דאָס מיידעל ראַנגעלט זיך נאָך אין דעם גזלן'ס אַרימס, בעת דער צווייטער גזלן האַלט אין צוזאמענגעהמען אלע ווערטהפולע חפצים וואָס געפינען זיך אין הויז.

דערזעהענדיג ר' בנימין'ען, לאָזט דער גזלן אָפּ דאָס מיידעל און דער צווייטער הערט אויף צו רויבען דאָס הויז.ביידע גיבען זיך א וואַרף אויף דעם פנים חדשות. זיי ווייסען שוין וואָס זיי האָבען מיט איהם צו טהאָן.

ר' בנימין קוקט אוים אויפ'ן מאָמענט צו זיין אין סכנה. ווי קומט א קליין און דאַר אידעל זיך צו שטעלען אקעגען צוויי מעכטיגע מגושם'דיגע גוי'אישע רויבער? אבער ר' בנימין דערשרעקט זיך ניט. ער געהט די גזלנים אנטקעגען. ער איז גאָרניט דערשראָקען. ער גיט א זאָג ארוים עטליכע שמות פון וועלכע נאָר בעלי קבלה ווייסען, און באַלד באַפאַלט די צוויי גזלנים א מין שלאָף און זיי ציהען זיך אוים אויף דער ערד פאַר'חלש'טע און ריהרען זיך מעהר ניט פון אָרט.

דאָס מיידעל באַרוהיגט זיך. די געפאהר איז פאַראיבער. זי שטעהט א פאַרוואונדערטע און קען ניט באַגרייפען וואָס עס איז געשעהן. זי זעהט טאַקע וואָס עס האָט פאַסירט פאַר איהרע אויגען, אָבער זי קען זיך גאָרניט פאָרשטעלען אז דאָס זאָל האָבען געקומען דורך ר' בנימין'ס פאַרבאָרגענע כחות, און אז דער ר' בנימין איז גאָר א נסתר. זי, פונקט ווי יעדער אנדערער ליובאוויטשער תושב, האָט געהאַלטען ר' בנימין'ען פאַר אַן עהרליכען, פרומען, גוטהאַרציגען מענשען, אָבער פאַר א גאַנץ פשוט'ען אידען וואָס האָט זיך ניט געהאַט איבערצונעהמען מיט וועלכע עס איז גייסטיגע כשרונות, ווער רעדט פון גרוים צדקות און פאַרבאָרגענע כחות וועלכע נאָר בעלי מקובלים באַזיצען.

ר' בנימין האָט איצט געהאַט א וויכטיגע אויפגאַבע פאַר זיך. די צוויי גזלנים האָבען זיך שוין מעהר ניט געקענט ריהרען פון אָרט. האָט ער נאָר געדאַרפט לאָזען וויסען דעם פאָליציי'אישען בעאַמטען פון שטעטעל און די צוויי גזלנים זיינען, אין זייער פאַר'חלש'טען צושטאַנד, אוועקגענומען געוואָרען אין תפיסה. ערשט, אַז זיי זיינען געווען הינטער גראַטעס האָבען זיי אויפגעוואַכט. די פאָליציי האָט זיך צו זיי גענומען, און איינטיילענדיג זיי א גוטע פּאָרציע שמיץ, האָבען זיי ארויסגעגעבען זייערע חברים וועלכע האָבען זיך אויסבאַהאַלטען אין וואַלד. א באַוואָפענטע מחנה איז ארויסגעשיקט געוואָרען און אַלע גזלנים פון דער באַנדע זיינען פאַרנומען געוואָרען. אַזוי איז ליובאַוויטש און די גאַנצע סביבה ארום פריי געוואָרען פון די גזלנים וואָס האָבען א לייַנגערע צייט געוואָרפען אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג.

צי אין שטעטעל האָט מען ניט געוואוסט גענוי די פּרטים ווי אַזוי ר' בנימין האָט מנצח געווען די גזלנים, צי מען האָט בכלל ניט געוואָלט גלויבען, אַז דאָס זאָל האָבען געקומען דורך ר' בנימין'ס געהיימע כחות, דער ענין איז באַלד פאַרגעסען געוואָרען. מען האָט עס געהאַט אַנגענומען ווי א גאַנץ

גוויינליכע פאסירונג און ניט גע'חלום'ט אז מען דארף צו אזא פשוט'ען דארפס־מענשען ווי ר' בנימין צושרייבען געהיימע כחות פון א פארבאר־גענעם צדיק.

דערהויפט האט מען אויפגעהערט שיינקען אויפמערקזאמקייט דעם דארפס־הענדלער ר' בנימין צוליעב דעם וואס ער האט זיך אין יענער צייט אנגע־הויבען חבר'ן מיט א פנים חדשות וואס איז פלוצים ערשינען אין ליובאוויטש און קיינער האט דעם דאזיגען ניי־געקומענעם פארשוין קיין אכט ניט געגע־בען. ווארים בסך הכל איז ער געווען ניט מעהר ווי א שוסטער, וועלכער איז דערצו געווען א גרויסער קבצן.

וואלף, האט דער דאזיגער שוסטער געהייסען. ער איז מיט זיין ווייב געקומען קיין ליובאוויטש, ווי ער האט דערצעהלט, פון א קליין שטעטעל אין וואהלין. וואס עס האט איהם געבראכט קיין ליובאוויטש האט ער ניט געזאגט און קיינער האט עס ניט געוואוסט. און וואס האט עס דען אויס־געמאכט? מאלע וואס פאר א סיבה עס האט א אידען פארטראגען קיין ליובאוויטש! קיין סך פרנסה האט ער דארט ניט געקענט דערווארטען. נאר קענטיג, אז דאס האט דעם שוסטער וואלף ניט געקימערט.

וואלף האט זיך מיט קיין באזונדערעס ניט אויסגעצייכענט. ער איז געווארען א חבר אין דער חברה תהילים און פלעגט מיט די אלע אנדערע בעלי מלאכות קומען גאנץ פריה אין בית המדרש אריין זאגען תהילים פאר'ן דאווגען. ער האט זיך אויך פארשריבען ביי די פועלי צדק, א חברה בעלי מלאכות וואס האבען שוין אויך געלערנט א פרק משניות און עין יעקב. וואלף פלעגט זיצען ביים עק טיש ביי וועלכען די פועלי צדק האבען געלערנט און זיך צוגעהערט. קיינער האט אבער ניט געוואוסט אויף זיכער צי דער דאזיגער שוסטער האט טאקע געקענט פארנעהמען אלץ וואס מען האט ביים טיש געלערנט. נאר וועמען האט עס געארט! א גוט הארץ און גוטע כוונות האט דער שוסטער געווים געהאט. נאר קיין ווזען האט מען זיכער פון אזא פשוט'ען מענשעל ניט געהאט וואס צו מאכען. האט מען טאקע ווייניג זיך אויף איהם אומגעקוקט.

פון צייט צו צייט ווערט דער דאזיגער וואלף נעלם פון ליובאוויטש. מען זעהט איהם פארלאזענדיג זיין היים מיט א קלומיק אויפ'ן פלייצע און מען איז זיך משער אז א חוץ זיין טלית און תפילין און דאס ארים ביסעל צידה לדרך וואס זיין פלונית'טע גיט איהם מיט, האט ער דארט אויך זיין שוסטערשען געצייג.

וואלף פלעגט זיך ניט צייגען פאר עטליכע וואכען צייט. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ליובאוויטש און אז מען האט איהם געפרעגט וואו ער איז געווען, האט ער געזאגט, אז ער האט געוואנדערט איבער די דערפער און פארלאטעט גוי'אישע שיך און לאפטשעס און האט אויך דא און דארט אנגעשלאגען אין פריצישע הויפען, וואו ער האט געהאט די געלעגנהייט ניט נאר צו לאטען אלטע שיך נאר אויך צו נייהען נייע.

אט מיט דעם דאזיגען שוסטער איז עס ר' בנימין פלוצים געווארען א חבר. ר' בנימין פלעגט אפילו פארלאזען ליובאוויטש אין דער זעלביגער צייט וואס דער שוסטער וואלף. ער האט אויך זיך פארזאמט אזוי לאנג ווי דער

שוסטער. עס האט געזאלט הייסן, אז זיי וואנדערן צוזאמען איבער די ארומיגע דערפער. ווארים אייגענטליך האבן זיי ניט קאנקורירט איינער מיט'ן צווייטן. ר' בנימין האט געהאנדעלט מיט פארשידענע סחורות, בעת וואלף האט זיך אפגעגעבן מיט מלאכה.

אז צוויי מענשען חבר'ן זיך אזוי שטארק און לאזן ממש ניט אפ איינער דעם צווייטן, מוזן זיי דאך ניט זיין איינער בעסער פאר'ן אנדערן. וואס פאר א מהות דער שוסטער וואלף איז געווען, האט מען שוין קלאר געזעהן — ניט מעהר ווי א פראסטער, כאטש עהרליכער בעל מלאכה. איז ר' בנימין מסתמא אויך ניט געשטאנען אויף קיין העכערער מדרגה. אויב אפילו ר' בנימין האט געצייגט אזא בריה'שקייט מיט דעם וואס ער האט געראטעוועט א אידישע טאכטער פון גזלן'ישע הענד און דערפיהרט דערצו, אז די גאנצע שייקע גזלנים זאל אפגעראמט ווערן, האט עס נאך אלץ ניט געזאלט צייגען די דורכשניטליכע תושבים פון ליובאוויטש, אז ער איז פון אנאנדער ליים געקנאטען.

א יאהר אדער מעהר איז אוועק, זינט די פאסירונג מיט די גזלנים, און אין ליובאוויטש האט זיך באוויזן א גאר וויכטיגע פינור פון יענער צייט. דאס איז געווען הרב ר' בצלאל אורי פון פאלאצק. ר' בצלאל אורי איז געווען באקאנט פאר א גרויסען בעל מקובל. מען האט איהם אויך געהאלטען פאר א בעל מופת.

אנקומענדיג אין ליובאוויטש האט ער די דארטיגע תושבים שטארק איבערראשט מיט דעם וואס ער האט זיך אנגעהויבען נאכפרעגען אויף ר' בנימין'ען, און האט דערביי ארויסגעצייגט גרויס יראת הכבוד פאר אט דעם דארפס-מענשען.

— וואס רעדט איהר, רבי, מיט אזוי פיעל חשיבות וועגען אט דעם בנימין'ען? — האט מען געפרעגט אין פארוואונדערוני דעם בעל מקובל.

אויף דעם האט ער געענטפערט:

— קענטיג אז איהר ווייסט גארניט, אז ר' בנימין איז א בעל מקובל און אז מיט דעם כח פון דער קבלה האט ער מנצח געווען די גזלנים.

די ליובאוויטשער תושבים האבען עס געהערט און געשטוינט. זיי וואלט עס גאר קיין מאל ניט איינגעפאלען. זיי וואלטען עס ניט געגלויבט אויב זיי וואלטען עס געהערט פון אימיצען אנדערש ווי פון אזא גרויסען צדיק ווי ר' בצלאל אורי פון פאלאצק. איצט האט ניט געקענט זיין קיין ספק וועגען דעם.

אבער וואו איז דער ר' בנימין? מען האט איהם אנגעהויבען ארום-זוכען אין שטעטעל. מען האט זיך דערמאנט אז ער איז שוין עטליכע וואכען אוועק פון ליובאוויטש. ער איז אוועק, ווי געוויינליך, אין דער זעלבינער צייט וואס וואלף דער שוסטער. האט דען געקענט זיין א וועלכע עס איז פארבינדונג צווישען אט די צוויי? האט אפשר זייער פארשווינדען צוזאמען און זייער חבר'ן זיך געהאט א ספעציעלע באדייטונג? מען האט איצט אייגענטליך גע-דארפט קומען צו דער מסקנא, אז וואלף דער שוסטער מוז אויך זיין א נסתר וויבאלד ר' בנימין איז מיט איהם אזוי נאהענט!

אבער ר' בצלאל אורי פון פאלאצק האט נאר גערעדט פון ר' בנימין'ען

און ניט פון וואלף'ן. ר' בצלאל אורי האט נאר ארומגעזוכט דעם דארפס-הענדלער און ניט דעם שופטער. סיי ווי זיינען ביידע ניט געווען אין ליובאוויטש און קיינער האט ניט געקענט זאגען געוויס, אפילו ניט זייערע ווייבער, ווען זיי וועלען זיך צוריקקערן אהיים.

ר' בצלאל אורי האט קענטיג געהאט א ספעציעלע שליחות צו ר' בנימין'ען, ווארים ער איז געווען שטארק נייגעריג איהם אויפצוזוכען. ער האט עס גאר ניט פרובירט באהאלטען. איינזעהענדיג אז ער וועט זיך אויף ר' בנימין'ען ניט דערווארטען, האט ער באלד פארלאזט ליובאוויטש און זיך ארויסגעלאזט איהם זוכען איבער דער וועלט.

ליובאוויטש איז איצט געגאנגען אויף רעדלאך. מען האט געהאלטען אין ריידען וועגען דעם נסתר און בעל מופת, ר' בנימין. איצט האט מען שוין קלאר געזעהן אז דער אמאליגער נצחון איבער די גזלנים איז געווען איינער פון ר' בנימין'ס מופתים. איצט וואלט מען שוין ר' בנימין'ען פארהייליגט און איהם צוגעטיילט דעם כבוד וואס ער האט פארדיענט. אבער ר' בנימין איז געווען פארשוואונדען און קיינער האט ניט געוואוסט וואו ער איז.

ר' בנימין האט דערווייל געהאלטען אין ארומוואנדערען איבער שטעט און שטעטלעך. ער איז אנגעקומען קיין דאבראמיסעל, וואו קיינער האט איהם ניט געקענט און וואו ער וואלט זיך פאר קיינעם ניט ארויסגעגעבען. האט ר' בנימין אבער זיך איינמאל צוגעהערט פון דער זייט צו א שמועס צווישען אידען אין בית המדרש. אימיצער האט דערצעהלט די וואונדער פון ניט קיין אנדערען ווי פון איהם, ר' בנימין'ען אליין. ר' בנימין'ס נאמען האט שוין געקלונגען איבער דער גאנצער סביבה. ער אליין איז אבער געבליבען פארבארגען. קיינער אין דאבראמיסעל האט איהם ניט דערקענט.

ג

די אנטפלעקונג

די שרפה אין ליובאוויטש. — דער בית המדרש וואס איז גערופען געווארען אויף ר' בנימין'ס נאמען. — ווער דער שוסטער וואלף איז געווען אין דער אמת'ן.

ר' בנימין האט זיך שטארק גענומען צום הארצען וואס דער סוד, אז ער איז א נסתר און בעל מקובל איז אנטפלעקט געווארען. דאס וואס ער האט געהערט דערצעהלענדיג אין דאבראמיסל וועגען זיינע מופתים האט קלאר געצייגט, אז מען ווייס שוין אין דער גאנצער סביבה וועגען איהם. אין דאבראמיסל האט איהם קיינער ניט דערקענט און ער האט נאך געקענט דארט בלייבען פארבארגען, אבער שוין דאס אליין וואס מען האט גערעדט וועגען זיינע פארבארגענע כחות האט איהם שטארק געערגערט. ער האט בעסער געוואלט אפלעבען זיין וועלט און קיינער זאל פון איהם ניט וויסען און ער זאל זיינע גרויסע כחות באנוצען פארבארגענערהייט.

דערהויפט האט איהם געערגערט דאס וואס ער וועט זיך דארפען צוריק-

קעהרען קיין ליובאוויטש און דארט קענען איהם אלע. איצט וועט ער שוין דארט מעהר ניט קענען זיין קיין נסתר. ער וועט מעהר קיין מנוחה ניט האבען. מען וועט צו איהם קומען פון אלע זייטען מיט בקשות, און דער עיקר — מען וועט איהם אפגעבען צופיעל כבוד. ער האט ליובאוויטש נאטירליך ניט געקענט אויסמיידען. ער האט דארט געהאט זיין ווייב און זיין בעל הבית'יש־קייט. איז ער צוריקגעקומען קיין ליובאוויטש, אבער מיט א שווערער הארץ, ווי איינער וואס איז מיט עפעס געכאפט געווארען ביי דער האנד.

איז עס געווען דערפאר וואס ר' בנימין האט זיך דעם ענין גענומען שטארק צום הארצען, — און דער צער פון א צדיק ווערט אין הימעל ניט פארקוקט, — אדער דאס איז געווען צוליעב אן אנדער סיבה? אין ליובאוויטש האט עפעס פאסירט באלד ווי ר' בנימין איז דארט צוריקגעקומען. אין שטעטעל האט אויסגעבראכען א שרפה און אלע הייזער זיינען פארשלונגען געווארען אין די פלאמען. אויך ר' בנימין'ס הויז איז אוועק מיט'ן רויך. דער איינ־ציגער בית המדרש וואס ליובאוויטש האט דאמאלס פארמאגט, איז חרוב געווארען. אין דעם גרויסען אונגליק וואס האט געטראפען די ליובאוויטשער תושבים האט מען נאטירליך פארגעסען אן ר' בנימין'ען. אויך נאכדעם ווי די לעצטע גליהענדיגע האלאוועשקעס פון די פארברענטע הייזער זיינען אויס־געלאשען געווארען און די צוטומעלטע און דערשלאגענע נשרפים האבען זיך בארוהיגט און אנגעהויבען טראכטען וועגען באזארגען זיך מיט א נייעם דאך איבער'ן קאפ, האט מען קיין גרויס אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט דעם צדיק.

אלע נשרפים האבען זיך איצט געמוזט נעהמען צו דער ארבייט — צוריקצובויען זייערע הייזער. וואלד ארום איז געווען א סך. מען האט נאר געדארפט געהן אין וואלד אריין אויסהאקען בוימער און די קלעצער בריינ־גען אין שטעטעל און זיך בויען א ניי הויז.

די אידען אין ליובאוויטש זיינען דאמאלס געווען הארעפאשנע מענשען. יעדער האט געקענט האלטען א האק און א זעג אין האנד. די וואס האבען ניט געהאט גענוג געלד צו דינגען גוים צו טהאן פאר זיי די ארבייט, האבען עס אליין געטהאן. האבען די וועלדער ארום געהילכט מיט די קלעפ פון העק און די קולות פון מענשען וואס זיינען געווען ביי דער ארבייט. פון וואלד האט מען באלד אנגעהויבען פיהרען קלעצער און גאר אינגיכען האט מען אויף די ליובאוויטשער גאסען ווידער געזעהן הייזער.

אויך ר' בנימין האט זיך גענומען צוריקבויען זיין הויז. ער איז שוין געווען אויף דער עלטער. קיין קינדער, וואס זאלען איהם ארויסהעלפען, האט ער ניט געהאט. האט ער געדונגען מענשען איהם ארויסצוהעלפען, בעת אלע זיינען געווען פארטהאן אין בויען זייערע הייזער האט מען באמערקט, אז ר' בנימין בויט זיך עפעס גאר א גרויסען בנין. האבען זיך מענשען גע־וואונדערט. וואס זאל דאס באדייטען? האט דען ר' בנימין איצט געוואלט זיך בויען א גרויס און פרעכטיג הויז אויפ'ן ארט פון זיין פריהערדיג קליין הייזעל? מענשען האבען געקוועטשט מיט די פלייצעס. זיי האבען ניט געוואגט פרעגען ר' בנימין'ען וועגען דעם און ר' בנימין אליין האט זיי גארניט געזאגט.

אבער וואס ווייטער דער בנין איז געבויט געווארען, אלץ מעהר האט

מען אנגעהויבען צווייפלען אויב ר' בנימין בויט טאקע א הויז פאר זיך. נאר שנעל איז דער ענין קלאר געווארען. עס איז טאקע ניט געווען קיין הויז פאר איהם אליין. עס איז געווען א הויז פאר גאט. ר' בנימין האט געבויט א בית המדרש. ערשט איצט האט מען זיך נעכאפט וואס אזוינס עס האט פאסירט. מ'גז האט אין ליובאוויטש געהאט פארגעסען אז מען דארף אויך צוריקבויען דעם בית המדרש. פריהער האט מען געהאט אין זינען זיך אליין. מען האט פריהער געוואלט צוריקבויען די אייגענע הייזער. ווענען בית המדרש וואלט מען מסתמא אנגעהויבען טראכטען שפעטער, ווען מען וואלט פארטיג גע־ווארען מיט זיך.

ר' בנימין האט אבער געטראכט גאנץ אנדערש. פריהער האט ער געוואלט באזארגען זיך און אנדערע מיט א בית תפלה. האבען איצט אלע אויף דאס ניי געזעהן ר' בנימין'ס צדקות און דער בית המדרש, וואס ער האט אויס־געבויט, איז גערופען געווארען אויף זיין נאמען: "ר' בנימין'ס שטיבעל". איצט האט מען זיך ווידער דערמאנט ווענען ר' בנימין'ס פארבארגענע כחות ווענען וועלכע דער בעל מקובל ר' בצלאל אורי פון פאלאצק האט גערעדט מיט אזוי פיעל התלהבות.

ר' בנימ!ן האט פרובירט לייקענען שטיין און ביין.

— איך בין ניט קיין בעל מקובל, — האט ער גע'טענה'ט, — איך בין ניט מעהר ווי א פשוט'ער דארפס־מענש. איך קען ניט מעהר ווי א פרשה חומש.

און ווי ר' בנימין וואלט ערשט איצט געוואלט איבערצייגען אלעמען אין ליובאוויטש, אז ער איז נישט מעהר ווי א פראסטער מענש, האט ער זיך נאך מעהר אנגעהויבען חבר'ן מיט די בעלי מלאכות אין שטעטעל, באזונדער מיט וואלף דעם שוסטער, וועלכער האט נאך אלץ געמאכט דעם אנשטעל, אז ער וויסט אפילו ניט קיין פירוש המלות.

אין דער אמת'ען, איז וואלף דער שוסטער אליין געווען א בעל מקובל און א בעל שם און די חבר'שאפט צווישען איהם און ר' בנימין'ען איז טאקע געווען צוליעב גאר הויכע צוועקען. קיינער האט עס אבער ניט געוואוסט און קיינמאל וועגען דעם ניט געקענט אויסגעפינען, וויילביידע האבען זיך אפגע־געבען מיט תורה און עבודה נאר דאמאלס ווען זיי זיינען ניט געווען אין שטאט און האבען זיך געקענט באהאלטען אין די ארומיגע וועלדער וועלכע זיינען געווען אזוי מסוגל פאר התבודדות.

ר' וואלף דער שוסטער איז פונקט ווי ר' בנימין געווען קינדערלאז. אין צייט פון דער כאלערע, ווען אין ליובאוויטש, ווי אין די ארומיגע שטעטלעך, זיינען געפאלען מענשען "ווי די פליגען", איז אויך ר' וואלף'ס ווייב געפא־לען א קרבן פון דער מגפה. ר' וואלף, וועלכער איז ביי די ליובאוויטשער תושבים נאך אלץ געווען ניט מעהר ווי א שוסטער, האט דאן חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון א ליובאוויטשער שניידער, אן אלמנה.

ר' בנימין איז דערווייל געווארען עלטער און שוואכער. זיינע פיס האבען איהם שוין אויפגעהערט צו דיענען. ער האט מעהר ניט געקענט זיך לאזען איבער דער וועלט ווי ער פלעגט עס טהאן אין די פריהערדיגע יאהרען. ער האט אויך מעהר ניט געקענט געהן איבער די דערפער האנדלען. אויך זיין פלונית'טע איז אויף דער עלטער געווארען שוואך. זיי האבען געמוזט האבען

אימיצען וואס זאָל זיי ארומזעהן און אָנפיהרען די הויז־ווירטשאַפט פאַר זיי. האָבען זיי צו זיך אין הויז אריינגענומען א געוויסען צבי אריה און זיין ווייב לאה ברײנע, א יונג פּאָרעל וואס האָט נאָך נישט געהאט קיין קינדער. צבי אריה האָט זיך געהאט ערנעהרט פון דעם וואס ער האָט געארבייט אין א זשאַרנע, דרעהענדיג די מיהל־שטיינער. ער איז געװען א פּשוט'ער אָבער גאָטס־פאָרכטיגער מענש וואס האָט שטענדיג זיך ערנעהרט פון זיין אייגענער פראַצע. צי אָט דער צבי אריה האָט אויך געהערט צו יענע נסתרים פון ר' בנימינ'ס און ר' וואָלף דעם שוסטער'ס מין, צי ר' בנימין האָט אים אויסגעקליבען נאָר פאַר זיין פּשטות און גאָטס־פאָרכטיגקייט, איז ניט גענוי באַקאַנט. ער האָט איהם און זיין ווייב אויסגעקליבען ניט נאָר פאַר זייער אויפּפּאַסער אויף די עלטערע יאָהרען נאָר האָט איהם אויך געמאַכט פאַר זייער יורש.

פאַר זיין פּטירה האָט ר' בנימין גערופען די חברה קדישא און האָט אָנגעזאָגט ווי אזוי מען זאָל איהם מקבר זיין. ער האָט אויך אָנגעזאָגט, אז מען זאָל ביי זיין קבר איבערלאָזען אן אָרט פאַר זיין פרוי. ער האָט דאַן אָפּגעזאָגט זיין הויז און גאָרטען און אַלץ וואס ער האָט פאַרמאָגט צו צבי אריה'ן און זיין ווייב, לאה ברײנע. ער האָט אָבער דערביי מיט זיינע יורשים אויסגענומען א תנאי, אז זיי זאָלען דאָס הויז שטענדיג האַלטען אָפען פאַר אורחים און זאָלען זיי אויפנעהמען בסבר פּנים יפות. ער האָט זיי אויך אָנגע־זאָגט אריינצונעהמען אין הויז יתומים און זיי האָדעווען. ר' בנימין האָט פון זיינע יורשים פאַרלאַנגט אז אויב דער אויבערשטער וועט זיי בענשען מיט קינדער, א זוהן און א טאָכטער, זאָלען זיי די קינדער א נאָמען געבען בנימין און שרה, נאָך איהם און זיין פרוי.

ווען ר' בנימין האָט זיך אָפּגעפּאַרטיגט מיט דער חברה קדישא און צבי אריה'ן און לאה ברײנע'ן, האָט ער גערופען צו זיך ר' וואָלף, דעם שוסטער, וועלכער איז מיט איהם פאַרבליבען ביז יציאת הנשמה. עטליכע שעה איז ר' וואָלף, דער שוסטער, געזעסען ביי ר' בנימינ'ס טויטען־בעט. וואס ביידע האָבען גערעדט אין ר' בנימינ'ס לעצטע מאָמענטען, וואָס פאַר א סודות זיי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען אַנטפּלעקט, איז ניט באַקאַנט.

ר' בנימינ'ס לויה איז, ווי ער האָט געהאט אָנגעזאָגט פאַר'ן טויט, געווען אַן איינפאַכע. קיינע הספּדים זיינען נאָך איהם ניט געהאַלטען געוואָרען. אין א חודש ארום איז אויך נפטר געוואָרען זיין ווייב, שרה, און זי איז געבראַכט געוואָרען צו קבורה לעבען איהר מאַן, ווי ער האָט געהאט אָנגעזאָגט.

צבי אריה און זיין ווייב האָבען איבערגענומען די ירושה און האָבען אויסגעפאָלגט אַלץ וואס ר' בנימין האָט זיי אָנגעזאָגט. דאָס הויז איז געוואָ־רען אן אכסניה פאַר אַלע דורכפאָהרער און דורכגעהער. צבי אריה און זיין ווייב האָבען אויך אריינגענומען אין הויז יתומים און זיי געהאָדעוועט ווי אייגענע קינדער.

דערווייל האָט עפּעס פּאַסירט מיט ר' וואָלף דעם שוסטער. צוויי יאָהר נאָכדעם ווי ר' וואָלף האָט חתונה געהאט מיט זיין צווייט ווייב, איז קיין

ליובאוויטש אָנגעקומען א דורכפאָהרער און ער האָט נאָר געדאַרפט אָנקוקען דעם שוסטער ר' וואָלף.

— איהר ווייסט ווער ער איז? — האָט ער אויסגערופען מיט גרויס התלהבות און התפעלות, — דאָס איז דאָך ר' וואָלף דער עלוי, דער וועלט־באַריהמטער עילוי פון לוצק! שוין יאָהרען ווי ער איז פאַרשוואונדען געוואָרען מ... זיין ווייב, די טאָכטער פון דעם גאון ר' יצחק גרשון, דער לוצקער רב, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זיי זיינען אהינגעקומען.

ערשט איצט האָט מען אין ליובאוויטש אויסגעפונען, אז אָט דער ר' וואָלף, דער שוסטער, איז א נסתר און אז ער האָט די אַלע יאָהרען געפיהרט א פאַרבאָרגענעם לעבען. מען האָט איצט אויך אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן פאַר וואָס ר' בנימין האָט זיך מיט איהם אזוי גע'חבר'ט.

אין ליובאוויטש איז געוואָרען א רעש. ר' וואָלף וואָלט איצט געקענט האָבען גדולה און כבוד. ער וואָלט אויך געקענט אוועקוואַרפען זיין שוסטעריי. ער האָט אָבער פון דעם ניט געוואָלט הערען. ער האָט ווייטער געוואָלט בלייבען א נסתר. אויב אין ליובאוויטש האָט מען שוין געוואוסט זיין סוד, האָט ער געזאָלט אויף דאָס ניי פאַרשווינדען.

איצט האָט ער שוין אָבער געהאַט א צווייט ווייב. עס איז ניט געווען דאָס ערשטע ווייב, די טאָכטער פון דעם לוצקער רב, וואָס האָט צוזאַמען מיט איהם געוואָלט אָפּריכטען גלות און פיהרען א לעבען פון דחקות. זיין ערשט ווייב איז געווען ניט ווייניגער צדקת ווי ער. אויך זי האָט געבראַכט א גרויסען קרבן.

איצט האָט ער געהאַט א פּשוט'ע פרוי פאַר א ווייב — די טאָכטער פון א שניידער, די אַלמנה פון אן אנדער בעל מלאכה. ער האָט ניט געקענט וויסען געננוי ווי זי וועט האַנדלען איצט. אז זי האָט זיך דערוואוסט אז ער איז ניט קיין פּשוט'ער שוסטער, נאָר א באַריהמטער עילוי. האָט ר' וואָלף זיך צו איהר געווענדעט און איהר געגעבען איינע פון די צוויי ברירות: אָדער זי זאָל איהם נאָכפאָלגען וואו ער וועט געהן, אָדער זי זאָל פון איהם נעהמען גט. אין ליובאוויטש האָט ער מעהר בשום אופן ניט געוואָלט און געקענט בלייבען. ד... לעבענס־וועג וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכענט האָט ניט געפיהרט דורך גדלות און כבוד און אודאי ניט דורך מאַכען די תורה פאַר א קרדום לחפור בה. ער האָט זיך געמוזט דערנעהרען פון דער פּראַצע פון זיינע אייגענע הענד. פאַר איהם האָט דער "בזיעת אפיך תאכל לחם" געהאַט א באַשטימטען באַדייט. דאָס איז פאַר איהם געווען א ווירקליכקייט. ער האָט אפילו זיך ניט געזאָלט געפינען צווישען מענשען וואָס ווייסען, אז ער איז נישט קיין פּשוט'ער בעל מלאכה. ער האָט דערפאַר צום צווייטען מאָל געמוזט פאַרלאָזען די שטאָט וואו ער האָט זיך געהאַט איינגעאָרדענט — דאָס ערשטע מאָל פון לוצק, וואו ער איז געווען דער באַריהמטער איידעם פון א באַריהמטען שוער, און איצט — פון ליובאוויטש, וואו זיין סוד איז אנטפּלעקט גע־

ווארעז און וואו ער וואלט מעהר קיין מנוחה ניט געהאט, אנפיהרענדיג א לעבען פון א פשוט'ען הכנעה'דיגען שוסטער.

זיין ווייב האט ניט געוואלט קיין גט. זי איז געווען מרוצה איהם נאכצו־פאלגען אין זיין נייעם גלות, און אין משך פון א פאר טאג זיינען מאן און ווייב פארשוואונדען פון ליובאוויטש.

ד

ר' וואלף ווערט ווידער נתגלה

פאר'לאזט ליובאוויטש און באזעצט זיך אין א דארף. — דער גלח וואס וויל אפ־שמדין אידען. — אידען אין א פארלעגענהייט. — ר' וואלף דער שוסטער ענטפערט דעם גלח און צושלאגט אלע זיינע באווייזען.

פאר ר' וואלף דעם שוסטער, דער פארבארגענער לוצקער עילוי, און זיין ווייב, האט זיך איצט אנגעפאנגען א לאנגער גלות. זיי האבען געוואנדערט פון שטאט צו שטאט און פון דארף צו דארף, דערנעהערענדיג זיך אומעטום פון וואלף'ס שוסטעריי — א מלאכה וואס ער האט געטהאן מיט גרויס חשק, דערפאר וואס ער האט אין אט דער מלאכה געזעהן א סך מעהר ווי א מיטעל צו ציהען דערפון זיין ארימע חיונה אדער צו באהאלטען דורך איהר זיין צדקות און לומדות.

בכלל האט ר' וואלף אין מלאכה געפונען זיין מנוחה און אויך זיין אידעאל אין לעבען, באזונדער די גלעגענהייט וואס ער האט געוואלט — צו זיין תמיד צווישען בעלי מלאכות און פשוט'ע פאלקס־מענשען, וועמען ער האט געליעבט מיט דעם גאנצען פייער פון זיין נשמה. שוסטעריי האט איהם אבער אויך געגעבען א געלעגענהייט צו טהאן גוטעס פאר מענשען און טאקע פאר ארימע מענשען. א מלבוש טראגט מען אבי וועלכען. שיך מוז מען אבער האבען גאנצע, כדי ווינטער זאל דורך זיי ניט דורכקריכען דער שניי און אין די רעגענדיגע טעג פון יאהר זאל דורך זיי ניט דורכגעהן קיין נעץ.

ר' וואלף האט דערביי אויך געקענט צייגען זיין גוט־הארציגקייט מיט דעם וואס ער האט ניט נאר געטהאן זיין ארבייט בשלמות, נאר האט קיינמאל ביי קיינעם ניט גענומען קיין איבריגע פרוטה. ער האט גערעכענט פאר זיין ארבייט ביליגער. דאס האט ער געטהאן פאר צוויי טעמים: דערפאר וואס ער האט ניט געוואלט נעהמען מעהר ווי ער האט געדארפט פאר זיינע הצטרכות'ן און דערפאר וואס ער האט ניט געוואלט אז ארימע מענשען זאלען דארפען איבערצאהלען און זיך צוליעב דעם ניט קענען אזוי לייכט פארגינען א נייע פאר שיך אדער פאררירכטען די אלטע.

ר' וואלף'ס וואנדערונגען האבען אנגעהאלטען א לענגערע צייט, ביז ער האט דערגרייכט א דארף אין וואהלין, ניט וויט פון לוקאטש, וואו ער האט זיך באזעצט און געמאכט זיין שטענדיגע היים, — "שטענדיגע" ביז וואנען

ער האָט אויך פון דאָרט געמוזט אויסוואַנדערן ווי דאָס איז געווען דער פאַל ווען ער האָט אויסגעוואַנדערט פון ליובאוויטש.

אין יענעם דאָרף האָט ר' וואָלף צוערשט געהאַט געפונען די מנוחה וואָס ער האָט געהאַט געזוכט זינט ער האָט פאַרלאָזט ליובאוויטש. ער האָט דאָרט געקענט פיהרען זיין לעבען ווי ער האָט עס געוואָלט און קיינעם זאָל ניט איינפאַלען, אַז ער איז אַ נסתר. ר' וואָלף האָט זיך טאַקע געוואונען אַ גוטען נאָמען אין דאָרף צווישען אידען און, להבדיל, אויך צווישען גוים, אָבער דאָס איז נאָר געווען דערפאַר וואָס ער איז געווען עהרליך און געטריי צו זיין מלאכה, און גערעכענט ביליגער ווי אנדערע און גענעבען בעסערע סחורה ווי אנדערע, און אויך דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ שטילער און רוהיגער מענש, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם ניט באַרעדט, קיינמאָל זיך מיט קיינעם ניט געקריגט און, ווי מען זאָגט, קיין פליג אויף דער וואַנט ניט אָנגעריהרט.

אין דער אמת'ן האָט ר' וואָלף בכלל ווייניג גערעדט און ער האָט באַקומען דעם נאָמען פון אַ שותק. מענשען האָבען עס צוגעשריבען צו זיין פּראָסטקייט אָ: אויך צו זיין גוטסקייט. די גוים האָבען איהם גערופען "וואָלפּקע דאַברי" (דער גוטער וואָלף).

וואָלט מסתמא אַלץ געגאַנגען כשורה און קיינער וואָלט ניט אויסגע־פונען, אַז אָט דער שטילער און פּראָסטער מענשעל איז אַ באַהאַלטענער צדיק און גאון. פּאַסירט אָבער אַזוינס וואָס האָט ר' וואָלף'ן געצוואונגען, כדי מקדש שם צו זיין, זיך ארויסצוגעבען אין זיין גאַנצער גדלות.

אין יענעם דאָרף איז געווען אַ קאַטוילישער גלח, וואָס האָט זיך פאַר־נומען געגען דעם אידישען דת און האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער דאָרף און קען אידען געווינען צום קריסטענטום.

צוערשט האָט דער גלח אָנגעפאַנגען מיט גוטע און פריינדליכע רייד. יעדעס מאָל פאַר אַ קריסטליכען חגא פלעגט ער צוזאַמענרופען די גוים און די אידישע איינוואוינער פון דאָרף אויפ'ן מארק און דאָרט פון אַ באַלעמער האַלטען פאַר די פאַרזאַמעלטע אַ דרשה. ער פלעגט ריידען וועגען דעם ווי אַזוי דאָס קריס־טענטום האָט שוין געבראַכט די "גאולה" אויף דער וועלט, און דאַן אויפ־פאָדערען די גוים און די אידען, אַז זיי זאָלען לעבען בשלום צווישען זיך און טאַקע זיך אויך פאַרמישען, ווייל אַלע, פלעגט ער אויספיהרען, דאַרפען זיך פעראייניגען אין איין פאָלק.

די רייד פון דעם גלח האָבען געמאַכט אַ גרויסען רושם אויף די צוהערער, באַזונדער אויף די גוים. יענע האָבען באמת אָנגעהויבען ציינען זייער פריינדליכקייט צו די אידען. די אידען פון זייער זייט האָבען זיך געפיהלט זיכערער.

וואָס איז שייך דעם גלח'ס רייד, אַז אידען און גוים דאַרפען זיך פאַרמי־שען און ווערען איין פאָלק, האָט עס אָבער קיין ווירקונג ניט געהאַט. די אידען זיינען זיך געבליבען ביי זייער אמונה און די גוים ביי זייערע. וואָרים כל זמן דער גלח האָט נאָר גערעדט וועגען פריינדשאַפט צווישען גוים און אידען, אויב אפילו ער האָט עס באַגרינדעט אויף דאָס "משיח'ישע" וואָס דאָס קריס־טענטום זאָל מיט זיך פאַרשטעלען, האָט עס קיינעם ניט געאַרט. די גוים האָבען זיך געמעגט טראַכטען וואָס זיי ווילען וועגען זייער גלח'ס רייד. זיי

האבען אבער פון איהם געהערט קלארע דיבורים, אז מען דארף אידען באַ־האנדלען ווי איינענע מענשען. אויף אזוי ווייט איז עס טאקע פאר אידען געוועזן לטובה, און זיי האבען עס געהעריג אפגעשאצט.

עס האט אבער לאנג ניט גענומען און אידען האבען זיך ארומגעזעהן, אז אט די גוטע רייד פון דעם גלח, איז נאר געווען א צוגרייטונג. ער איז ענדליך ארויס מיט קלארע דיבורים, אז ער וויל, אז אידען זאלען אריבער צום קריסטענטום. ער האט שוין אפען אנגעהויבען דונערען געגען דער אידישער אמונה און "באוויזען" אז דאס קריסטענטום איז די איינציגע און אמת'ע אמונה, און דוקא לויט דעם נוסח פון דער קאטוילישער קירך. דער גלח האט אפילו פרובירט ציינען זיין "געלעהרזאמקייט" און געבראכט פסוקים פון תנ"ך און זיי אויסגעטייטשט אזוי, אז עס האט געדארפט הייסען, אז דער תנ"ך אליין "אנערקענט" דאס קריסטענטום.

דאס זיינען געווען די געוויינליכע און גוט־באקאנטע רייד פון די קריסט־ליכע מיסיאנערען וואס האבען אין אלע צייטען פרובירט מיט כלומרשטע ארגומענטען "איבערצייגען" אידען, אז זיי דארפען איבערגעהן צום קריס־טענטום.

געלערנטע אידען, — אידען וואס זיינען באקאנט מיט אט די ארגומענטען, — וויסען גענוי וואס צו ענטפערען אויף דעם. באריהמטע אידישע פיהרער האבען שוין אין פארשיידענע צייטען געהאט וויכוחים מיט קריסטען וועגען דעם און אלע טענות און כלומרשטע באווייזען צוריקגעשליידערט און צור־שטערט.

אין יענעם דארף אין וואהלין האט זיך אבער ניט געפונען קיין איינ־ציגער איד צווישען די דארטיגע תושבים, וואס זאל וויסען וואס צו ענטפערען דעם גלח. זיי זיינען אלע געווען פראסטע מענשען פאר וועמען די "ראיות" פון דעם גלח מיט זיין גלאטען צינגעל זיינען געווען איבער זייערע כחות.

זיינען די אידען טאקע געווען אין א פארלעגענהייט. דער גלח האט גע־קראגען אלץ מעהר חוצפה. ער האט שוין גערעדט אפען צו די אידען, אז אויב זיי קענען ניט ענטפערען אויף זיינע ארגומענטען און קענען ניט אפ־שלאגען זיינע "ראיות", וואס ער ברייננט טאקע פון תנ"ך, זאלען זיי באלד זיך אפזאגען פון זייער אמונה און אריבער צום קאטוליציזם, צוזאגענדיג זיי דערביי גליקען אויף דער וועלט און אויף יענער.

דער גלח, זעהענדיג, אז קיינער פון די אידען וואגט ניט צו זאגען קיין ווארט, איז געווארען נאך האפערדיגער ביי זיך, פיהלענדיג ווי ער האט די אידען מנצח געווען, אויב טאקע אויך ניט "איבערצייגט". ער האט שוין דערוווארט צו האבען א גאנץ גרויסען פאנג, און אז א היבשע צאהל אידען זאל זיך שמד'ען.

איינמאל, א זומער, פאר א חגא, האט דער גלח אויף דאס ניי צוזאמענ־גערופען אלע גוים און אידען אויפ'ן מארק וואו ער האט זיך געשטעלט פאר זיי דרשן'ען אויף זיין געוויינליכען שטייגער.

דאס מאל האט דער גלח גערעדט נאך מיט מעהר שארפקייט געגען דער אידישער אמונה און געשטעלט די דירעקטע פאדערונג צו די אידען, אז זיי זאלען זיך שמד'ען. ער האט אויסגעלאכט אידען און זייערע מנהגים, —

אין קורצען, די גאנצע אידישע תורה, — אגווייזענדיג מיט זיין שטענדיגער חוצפה, אז דער "אמת" איז נאר אויפ'ן זייט פון דעם קאטוליציזם.

— קען אימיצער דען מיר ענטפערען אויף מיינע רייד? — האט דער גלח אויסגערופען מיט פולער זיכערקייט, אז ביי קיינעם פון די אידען וועט זיך דאס מויל ניט עפענען.

אבער מיט אמאל האט זיך פון צווישען דעם אידישען געזעמעל אימיצער ארויסגערוקט. יענער האט א זאג געטהאן, און גראד אין א גאנץ קלארען און שארפען קול, אז ער וואלט וועלען ענטפערען דעם גלח.

אלע האבען זיך אומגעקוקט אויסצוגעפינען ווער איז דער מענשעל איז און צו זייער איבערראשונג איז עס געווען ניט קיין אנדערער ווי ר' וואלף דער שוסטער, דער "וואולפקע דאברי", ווי די גוים האבען איהם גערופען.

ווי קומט ער צו עפענען א מויל, אז מען האט פון איהם זעלטען געהערט א ווארט און א סך האבען זיך געוואונדערט אויב ער האט בכל לשון! אידען און גוים האבען געהאלטען אויסגעטראסקעט זייערע אויגען אויף אט דעם מענשעל. דער גלח אליין איז אויך געווען פאראינטערעסירט.

— גוט, וואולפקע, — האט ער אויסגערופען, — דו ווילסט עפעס זאגען, קום ארויף דא אויפ'ן באלעמער און לאמיר אלע הערען וואס דו האסט צו זאגען.

דער גלח איז קענטיג געווען זיכער, אז טאקע דורך "וואולפקע דאברי" וועט ער קענען צונאגלען די אידען אז זיי זאלען זיך מעהר פון איהם ניט קענען ארויסדרעהען.

מיט געצעהלטע טריט איז ר' וואלף ארויף אויף דעם באלעמער און האט געעפענט דאס מויל, און צו אלעמענס איבערראשונג, האט מען דערהערט א שפראך וואס קיינער האט פון איהם ניט דערווארט צו הערען. ער האט גערעדט פויליש, פליסיג און קלאר ווי אן "אמת'ער גוי". די גרעסטע איבערראשונג איז אבער געווען דאס וואס ער האט געזאגט. ער האט אנגעהויבען אפצושלא־גען דעם גלח'ס ארגומענטען איינס נאכ'ן אנדערען און בריינגען באווייזען וואס האבען דעם גלח'ס רייד פשוט געמאכט לעכערליך. ער האט אנגעהויבעןווארפען מיט פסוקים און זיי שנעל און פליסיג פארטייטשט אויף פויליש. דער חידוש דערביי איז געווען נאך מעהר וואס יעדער איינער האט איהם געקענט פארשטעהן און וואס יעדער איינער האט געמוזט איינזעהן, אז ער האט רעכט. ער האט פשוט באוויזען, אז דער גלח ווייס ניט וואס ער רעדט און האט ניט נאר פאלש ציטירט די פסוקים, נאר האט זיי אויך ניט ריכטיג פארטייטשט און פארשטאנען.

איצט האט שוין דער גלח געמוזט שווייגען. ער האט זיך מיט ר' וואלף'ן ניט געקענט פארמעסטען.

אין דער ויכוח שנעל פארענדיגט געווארען און אלע האבען שוין גע־וואוסט, אז דער שוסטער האט מנצח געווען דעם גלח. אידען זיינען געווען מלא שמחה. זיי האבען געפיהלט, אז ר' וואלף האט זיי געראטעוועט פון א גרויסע סכנה. אבער אויך די גוים האבען ניט געקענט זיך אפוואונדערען פון

אט דער פּלוצומדיגער אנטפּלעקונג פון דעם שווייגענדיגען און, אויפ'ן אויסקוק, פּשוט'ען ר' וואלף.

דער גלח האָט שוין מעהר ניט געוואגט באלעסטיגען די אידען און האט אויפגעהערט צוזאמענרופען דעם עולם אויפ'ן מארק צו הערען זיינע דרשות.

פאַרגעקומען איז עס אין מיטען זומער, פאַר שניט־צייט, און ביים אנפאנג פון חודש אלול האָט מען זיך ארומגעזעהן, אז ר' וואלף און זיין פרוי זיינען פארשוואונדען געווארען.

ר' וואלף איז אויף דעם אופן נתגלה געווארען. דאס איז געשעהן דורך זיינע אייגענע מעשים. עס איז געווען א שעת הכושר מקדש שם צו זיין און ער האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאט. ער האָט אָבער מעהר ניט געוואלט בלייבען אין דאָרף, וואו אידען און ניט־אידען וואלטען איהם איצט צוגע־טיילט גרויס כבוד און ער וואלט מעגליך געדאַרפט אויפגעבען זיין מלאכה — שוסטעריי.

דאס האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט. ער האָט זיין שליחות אפּגעטהאן. פאר איהם האָט זיך איצט געדאַרפט אָנפאנגען א נייע סדרה פון אָפּריכטען גלות און אויף דאָס ניי וואנדערען איבער שטעט און שטעטלעך, וואו ער זאָל קענען טהאָן זיין מלאכה אומגעשטערט און וואו קיינער זאָל איהם ניט דארפען חושד זיין, אז ער איז עפּעס מעהר ווי א פּשוט'ער פאָלקס־מענש וואס חבר'ט זיך מיט זיין גלייכען און וואס האָט ניט קיין העכערע באדערפעניסען וי צו לעבען איינפאך און זיך צו דערנעהרען פון דער ארבייט וואס ער טהוט, ניט פארלאנגענדיג פון קיינעם קיין איבריגע פּרוטה ווי דאס וואס ער אליין האָט באשטימט, אז עס קומט איהם און וואס דער צווייטער האָט אנער־קענט, אז ער האָט עהרליך און כשר פארדיענט.

די תושבים פון דאָרף, אידען ווי ניט־אידען, האָבען צוערשט פּרובירט ארומזוכען ר' וואלף'ן. זיי האָבען איהם ניט געוואָלט פארלירען. זיי האָבען אָבער מעהר פון איהם קיין שפּור ניט געפונען. ער איז ווי אין וואסער אריין.

ה

דער מארטירער

ר' וואלף איז ווידער מנצח דעם גלח. — זיין ארעסט. — זיינע ויכוחים מיט די גלחים אין קיעוו. — דער בלבול און דער טויט־אורטייל. — זיין אלמנה און יתום.

איצט, אז ר' וואלף דער שוסטער איז שוין מעהר ניט געווען אין דאָרף, האָט דער גלח אויף דאָס ניי אָנגעהויבען האלטען דרשות אויפ'ן מארק וואוהין ער האָט גערופען די אידען, אויספאָדערענדיג זיי אז מען זאָל איהם אויסהערען. ווידער האָט ער אָנגעהויבען געבען זיינע אלטע "ראיות" פאר וואס אידען דארפען איבערגעהען צום קאטוילי‌ציזם. די אידישע תושבים פון דאָרף האָבען געמוזט אויסהערען זיינע רייד און זיינען געווען אין צער

און אין שרעק. זיי האבען זיך מצער געווען וואס ר' וואלף איז שוין מעהר ניטא אין דארף כדי צוצושלאגען דעם גלח'ס רייד און זיי האבען זיך געשראקען דערפאר וואס זיי האבען אלע גוט געזעהן די סכנה, אז דער גלח זאל ווערען צודרינגליכער און זאל פשוט זיי פרובירען צווינגען צו שמד.

די לאנגע פון די אידען איז געווארען נאך ערגער דערפאר וואס דער גלח האט צוגעקראגען אן ארויסהעלפער. דאס איז געווען דער זוהן פון דעם דארפישען פריץ. אט דער יונגער פריץ, וועלכער איז גראד געווען א שטיקעל מלומד, איז געווען א גרויסער פאנאטיקער. ער האט פולשטענדיג געשטיצט דעם גלח אין זיין פארזוך אריינצוציהען די אידען אין דעם נעץ פון שמד. ער האט אנגעהויבען קומען צו די פארזאמלונגען אויפ'ן מארק. ער איז געזעסען מיט'ן גלח אויפ'ן באלעמער און זיך צוגעהערט צו זיינע דרשות און אליין אויך געהאלטען דרשות פאר'ן עולם.

דער יונגער פריץ האט זיך דערביי נאך פרובירט פליסען און ציינען זיין קענטנים. ער האט ארויסגעפעקעלט זיין גאנצען טעאלאגישען וויסען אין א פארזוך צי "איבערצייגען" די אידישע צוהערער, אז זיי דארפען וואס שנעלער אריבער צום קריסטענטום. דערביי האט ער אויך ניט פארגעסען צו מאכען אלערליי סטראשונקעס, אז אויב די אידען וועלען בלייבען פאר'עקשן'ט, וועלען זיי זיך מעגען ריכטען אויף אלערליי נגישות. איז די אידען געווען ביטער אויפ'ן הארצען און זיי האבען זיך קיין עצה ניט געקענט געבען.

עס איז געווען אין מיטען זומער פאר שניט-צייט. דער גלח, ארויסגע־האלפען פון דעם יונגען פריץ, האט אויף דאס ניי צוזאמענגערופען די אידען און די גוים און געהאלטען איינע פון זיינע דרשות, רופענדיג די אידען צו שמד. דער יונגער פריץ איז דערביי ארויסגעקומען מיט נייע "באווייזען" פאר וואס אידען דארפען זיך אפזאגען פון זייער אמונה.

— קען אימיצער דא מיר ענטפערען אויף די באווייזען וואס איך האב געגעבען? — האט דער יונגער פריץ זיך געווענדעט מיט א פראגע צו די אידישע צוהערער.

פאר א ווייל האט געהערשט א טויטע שטילקייט. ווער וואלט דען געוואגט ענטפערען דעם יונגען פריץ און דעם גלח? נאך פלוצלונג האט זיך פון דער זייט אימיצער ארויסגערוקט און אויסגערופען:

— איך וועל ענטפערען! — און מיט דרייסטע טריט איז ער געגאנגען גלייך צום באלעמער.

דער עולם האט איהם אנגעקוקט, און צו אלעמענס פרייד, — עס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי ר' וואלף דער שוסטער. נאכדעם ווי ר' וואלף האט א לאנגע צייט ארומגעוואנדערט איבער שטעט און שטעטלעך און זיך אין ערגעץ ניט געלאזט דערקענען, האט ער זיך מיישב געווען און האט זיך מיט זיין ווייב צוריקגעקעהרט אין דארף אריין. ער האט גוט געוואוסט, אז די אידען וועלען איהם דארפען אויף דאס ניי. ער האט זיך משער געווען, אז ווען ער וועט מעהר ניט זיין אין דארף וועט דער גלח זיך צוריקנעהמען צו זיין טייפלישער ארבייט. איצט איז ער צוריק געווען אויף דער סצענע גרייט

זיך ארײנצולאזען אין א לאנגען ויכוח מיט'ן גלח און זיין ארויסהעלפער דער יונגער פריץ.

ווידער האט ר' וואלף געצייגט זיין כח און האט אין א פליסיגען פויליש צוריקגעשליידערט אלע סברות פון דעם גלח און דעם יונגען פריץ. ער האט זיי פשוט פארמאכט די מיילער. זיי האבען געמוזט צוגעבען אז זיי זיינען באזיגט. די אידען זיינען געווען מלא שמחה. זיי האבען זיך אויף דאס ניי געפיהלט זיכער. ר' וואלף און זיין פרוי זיינען שוין געבליבען אין דארף. קענטיג אז ר' וואלף האט איצט געפיהלט, אז ער טאר מעהר ניט פארלאזען די אידען ווייל אהן איהם ווערען זיי זיין הילפלאז.

עס איז געווען א פארנאכט סוף זומער. ר' וואלף איז געזעסען אין בית המדרש און געלערנט. מיט אמאל זיינען אנגעקומען דריי באוואפענטע פא־ליציאנטען און האבען איהם ארעסטירט, אוועקנעהמענדיג איהם פון דעם אפענעם ספר. עס איז געווארען א גערודער. ר' וואלף'ס ווייב האט ביטער געוויינט. זי האט געבעטען תחנונים. מען האט איהר אבער געענטפערט, אז דער באפעהל צו ארעסטירען ר' וואלף'ן איז געקומען פון די העכערע אינסטאנ־צען און אז דער באפעהל איז צו ברייגגען ר' וואלף'ן צום בישאף אין לוקאטש.

מען האט געקענט קלאר זעהן, ווער עס האט דא ארין געשטעקט. דער גלח און דער יונגער פריץ, פיהלענדיג זיך געקרענקט פון ר' וואלף'ס כח זיי מנצח צו זיין אין די עפענטליכע ויכוחים, האבען באשלאסען פון איהם נקמה צו נעהמען און גלייכצייטיג פון איהם פטור ווערען. זיי האבען איהם פאר'מסור'ט פאר'ן בישאף און יענער האט שוין געפונען א גרונד אויף וועלכען איהם צו לאזען ארעסטירען.

א חודש צייט איז ר' וואלף געווען אין לוקאטש אונטער ארעסט. צוויי מאל א וואך איז ער געווען געצוואונגען צו קומען אין הויז פון בישאף און מיט אט דעם הויכען גייסטליכען זיך מתוכח זיין וועגען אידענטום און קריסטענטום. עס איז דעם בישאף פשוט געגאנגען אין לעבען צו מנצח זיין ר' וואלף'ן. ער האט עס אבער ניט געקענט. ר' וואלף האט שטענדיג צוקלאפט אלע זיינע טענות, ראיות און סברות. איינזעהענדיג, אז ער קען מיט ר' וואלף'ן גארניט מאכען, האט דער בישאף איהם פאר'מסר'ט פאר דעם הויכען קאטוילישען קירכליכען ראטה וואס האט זיך דאמאלט געפונען אין קיעוו און, אונטער א באוואפענטער וואך, איז ר' וואלף איבערגעשיקט גע־ווארען קיין קיעוו.

אין קיעוו האט מען איהם גראד צוערשט אויפגענומען פריינטליך. מען האט איהם ערלויבט אויפצוהאלטען זיך אין א פריוואט הויז, געבענדיג איהם אלע זיינע פריוויליגיעס. איין מאל אין צוויי וואכען, האט מען איהם ארויסגעפאדערט צו האלטען אן עפענטליכען וויכוח מיט איינעם פון די הויכע גייסטליכע. אזוי זיינען אוועק פינף חדשים. אין קיינעם פון די אלע ויכוחים וואס זיינען פארגעקומען, האט אימיצער געקענט קריגען די אויבער־האנד איבער ר' וואלף'ן. ער איז תמיד ארויס מיט נצחון.

די גלחים האבען זיך געפיהלט שטארק געטראפען. זיי האבען פשוט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. האבען זיי אויף דעם אלטען שטייגער געמאכט

א בלבול אויף ר' וואלף'ן. זיי האבען אויסגעטראכט, אז ער האט געלעסטערט און אפגעלאכט פון דעם נוצרי און פון דער קאטוילישער קירך און די גלחים.

ר' וואלף איז געשטעלט געווארען פאר א קירכליכען געריכט. אלץ איז שוין געווען צוגעגרייט אין פאראויס. פאלשע עדות זיינען אויפגעטראטען און "באשטעטיגט" די אנקלאגע, אז ר' וואלף האט טאקע געלעסטערט און אפגע־לאכט פון נוצרי און דער קאטוילישער קירך.

דער אנקלעגער האט געפאדערט די הארבסטע שטראף פאר דעם אונ־גליקליכען ר' וואלף'ן און א פסק איז ארויסגעטראגען געווארען, אז מען זאל איהם פארברענען לעבעדיגערהייט.

די הינריכטונג איז פארגעקומען עפענטליך עטליכע טעג נאכ'ן אורטייל. דאס איז דורכגעפיהרט געווארען אין סאמע צענטער פון קיעוו. די טיפלישקייט פון די גלחים איז געווען אזוי גרויס, אז זיי האבען געצוואונגען דעם רב און די ראשי הקהל צו זיין אנוועזענד ביי דער הינריכטונג.

די טראגעדיע, וועלכע האט שטארק דערשיטערט די אידען פון קיעוו און פון אלע אנדערע אידישע קהלות, איז געווען נאך פיינליכער דערפאר, וואס גראד א קורצע צייט פאר זיין משפט, האט ר' וואלף געקראגען די בשורה, אז זיין פרוי שוואנגערט. עס איז געווען זיין ערשט קינד. דאס האט איהם שטארק דערפרעהט. ער האט אבער ניט זוכה געווען צו זעהן דאס קינד. ווען ר' וואלף איז געשטארבען אויף קדוש השם איז די אלמנה געווען אין די ערשטע מאנאטען.

די אידישע קהלה אין קיעוו האט איהר געבעטען בלייבען אין שטאט, גרייט איהר דארט אויסצוהאלטען מיט אלע באקוועמליכקייטען. זי האט עס אבער ניט געוואלט. זי האט באשלאסען זיך צוריקצוקעהרען קיין ליובאוויטש וואו זי איז געבוירען געווארען און וואו זי האט געהאט איהרע עלטערען.

האט זי ביי דער ערשטער געלעגענהייט פארלאזט קיעוו און האט זיך צוריקגעקעהרט קיין ליובאוויטש. איהר פאטער, אן ארימער שניידער, איז שוין געווען אלט און האט אליין געמוזט אנקומען צו קצבה. זי האט דערפאר בי איהרע עלטערען אין הויז ניט געקענט געפינען קיין מנוחה. קיין אנדערע גאר נאהענטע קרובים, וועלכע זאלען איהר קענען אויסהאלטען, האט זי אויך ניט געהאט. די ראשי הקהל פון ליובאוויטש, וויסענדיג שוין די גרויסע צדקות און וועגען מארטירערטום פון איהר מאן און וועגען איהר שוואנגער־שאפט, זיינען געווען גרייט איהר אויסצוהאלטען מיט אלע איהרע באדערפע־נישען. זי האט זיך אבער פון דעם ענטזאגט. זי האט דערקלעהרט, אז זי האט געלערנט פון איהר מאן דעם קדוש ווי וויכטיג עס איז צו דערנעהרען זיך פון דער אייגענער פראצע און ניט אנצוקומען צו קיין בשר ודם פאר קיין שטיצע. זי האט דערפאר דורכאויס געוואלט נאר טהאן אן ארבייט פון וואס זי זאל זיך קענען מפרנס זיין אפילו אין די הויכע מאנאטען אין וועלכע זי האט זיך געפונען.

איז זי געווארען א דינסט אין איינע פון די בעלי־בית'ישע הייזער אין ליובאוויטש און איז דארט שוין אויך געלעגען געווארען.

דאס קינד איז געווען א אינגעל און זי האט איהם א נאמען געגעבען נאך

זיין פאטער, ר' וואלף. דער ברית איז געפראוועט געווארען מיט גרויס פאראד. גאנץ ליובאוויטש האט זיך משמח געווען. עס איז געווען אן אמת'ע שמחת מצווה.

דריי יאהר האט ר' וואלף'ס אלמנה געהאדעוועט איהר קינד, און אלץ מיט איהר אייגענער פראצע, אפזאגענדיג זיך צו נעהמען פון וועמען ניט איז שטיצע פאר זיך אדער איהר קינד. צי דאס איז געווען פון איהר שווער, ארים לעבען, צי פון עפעס אנדערש, ר' וואלף'ס אלמנה האט זיך געלעגט אין בעט א קראנקע און איז שוין פון בעט מעהר ניט אויפגעשטאנען. דער דריי יאהריגער וואלף איז געבליבען א קיילעכדיגער יתום.

איצט האט שוין קהל געדארפט און געמוזט זוכען מיטלען צו באזארגען דעם יתום. קיין גרויס זארג איז דערביי אבער ניט געווען. גאנץ שנעל האט זיך אימיצער אפגעזוכט וואס האט דעם יתום'ל אריינגענומען צו זיך אין הויז צו האדעווען. דאס איז געווען צבי אריה און זיין פרוי לאה ברײנע, וועלכע, ווי מיר וויסען שוין פון פריהער, האבען גע'ירשנ'ט פון דעם נסתר ר' בנימין'ען זיין הויז און גארטען, האבענדיג איהם צוגעזאגט, אז זיי וועלען אין הויז אריינגעהמען יתומים צום האדעווען און עס האלטען אפען פאר אלע וואס דארפען א נאכטלעגער.

די געלעגענהייט איז איצט געווען א באזונדער פאסיגע. איז דאך דער יתום'ל וואלף ניט נאר געווען הילפלאז, נאר איז אויך געווען ־ער זוהן פון דעם קדוש ר' וואלף, וועלכער איז געווען אין משך פון זיין אויפהאלט אין ליובא־וויטש אזוי ענג צוזאמענגעבונדען מיט ר' בנימינ'ען.

צבי אריה און לאה ברײנע האבען שוין אויך געהאט זייערע אייגענע קינדער — א אינגעל און א מיידעל. זיי האבען דערפאר געהאט די געלע־גענהייט אויסצופאלגען אן אנדער טייל פון ר' בנימין'ס צוואה — צו רופען דאס אינגעל אויף זיין נאמען, בנימין, און דאס מיידעל אויף זיין ווייב'ס נאמען — שרה.

בנימין און שרה זיינען ביידע געווען געראטענע קינדער. בנימין האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע כשרונות אין לערנען, און שרה, זיין שוועסטער, האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר גוטהארציגקייט און אויך איהר שעהנ־קייט. זי איז נאך אליין געווען א קינד און זי האט שוין ארויסגעהאלפען איהר מוטער ביים ארומגעהן ארום די יתומים און יתומות, וואס האבען זיך געהא־דעוועט ביי זיי אין הויז.

ווען דער יתום'ל וואלף איז אריינגענומען געווארען צו זיי אין הויז, האט די קליינע שרה'לע זיך מיט איהם געשפיעלט און איהם מקרב געווען, האלטענדיג זיך צו איהם ווי צו א ברודער.

עס האט לאנג ניט געדארפט נעהמען און עס זאל זיך ארויסווייזען, אז דער קליינער וואלף האט אויך גרויסע כשרונות צום לערנען און דערצו איז ער

אויך א גרויסער מתמיד. עס איז דערפאר געווען גאנץ נאטירליך, אז די צוויי אינגלעך, וואלף און בנימין, זאלען ווערען חברים אין לערנען.ביידע זיינען געווען פאסיג צו זיין חברים. אזוי איז אויף דאס ניי פארבונדען און פארקניפט געווארען א פריינדשאפט צווישען דעם נייעם בנימין און דעם נייעם וואלף.

ו

אידישע צדקות און גויאישע אכזריות

רער נייער בנימין און נייער וואלף. — אידישע נגינה און גויאישע שכרות. — דער נייער רב פון לובאוויטש. — דער רב וואס איז געווארען א מגיד.

ווידער האט ליובאוויטש געהאט א געלעגענהייט צו זעהן א שטארקע פריינדשאפט און חבר'שאפט צווישען א וואלף'ן און א בנימין'ען. אנשטאט דעם אמאליגען ר' בנימין'ען, דעם פארבארגענעם צדיק, איז איצט געווען א בנימין, דער זוהן פון יענעם ר' בנימין'ס יורשים, צבי אריה און לאה ברײנע, וועלכער איז געווען א נאמען נאך איהם, און דער יתום וואלף, וועלכער איז געווען א נאמען נאך זיין פאטער, דער קדוש ר' וואלף דער שוסטער. ביידע אינגלאך האבען געלערענט צוזאמען און זיך געהאדעוועט צוזאמען. ביידע האבען ארויסגעוויזען גרויס כשרונות און האבען געלערנט מיט התמדה. די גאנצע שטאט האט וועגען זיי גערעדט און זיך מיט זיי געצאצקעט.

אז די צוויי אינגלאך זיינען אונטערגעוואקסען און האבען שוין געהאט וואס צו צייגען אין לערנען, האט זיי צבי אריה גענומען צום דאמאלסדיגען ליובאוויטשער רב, ר' שלום שלמה, אז ער זאל זיי פארהערען. דער רב האט די אינגלאך שטארק געלויבט און זיי איבערגעגעבען צו זיין זוהן, דער עילוי ר' יוסף, אז ער זאל ווערען זייער רבי. אין א קורצער צייט ארום איז דער גאון ר' שלום שלמה נפטר געווארען און זיין זוהן ר' יוסף איז געווארען דער ממלא מקומו. די אינגלאך האבען נאך אלץ געלערענט ביי ר' יוסף'ן און זיינען אלץ מעהר און מעהר געשטיגען אין לערנען.

אחוץ תורה האט בנימין זיך אויך אויסגעצייכענט אין נגינה. ער האט ניט נאר שעהן געזונגען נאר אויך שעהן געשפילט אויפ'ן פידעל. דער עולם פלעגט זיך צוהערען צו זיין זינגען און שפילען און איז געווען פארגאפט. אזא מתיקות האט מען נאך קוים געהאט געהערט.

פיער יאהר האבען די תלמידים, בנימין און וואלף, געלערענט ביים ליו־באוויטשער רב, ר' יוסף. זיי זיינען שוין געווען דערוואקסענע בחורים. עס איז געווען צייט צו טראכטען וועגען שידוכים פאר זיי. אין ביידע פאלען האבען שוין צבי אריה און לאה בריינע געזארגט וועגען די שידוכים. פאר וואלף'ן האבען זיי געהאט זייער אייגענע טאכטער, שרה.

די חתונה פון דעם יתום וואלף און שרה איז געווען א שמחה ניט נאר פאר טאטע־מאמע, צבי אריה און לאה בריינע'ן, נאר פאר גאנץ ליובאוויטש. די גאנצע שטאט, קינד און קייט, איז געקומען צו דער חתונה, וועלכע איז

באשיינט געוואָרען פון דער נגינה און פידעל־שפּילען פון בנימין'ען, דער חבר פון חתן און ברודער פון דער כלה.

אז אומדערוואַרטער מחותן אויף דער חתונה איז געווען איינער פון די פּריצים פון ארום ליובאַוויטש, וועלכער איז געקומען ספּעציעל הערען זינגען און שפּילען בנימין'ען. דער פּריץ האָט שוין געהאַט געהערט וועגען בנימין'ס גרויסע אויסצייכנונגען און ער האָט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגען.

אז בנימין האָט שטאַרק אויסגענומען ביים פּריץ מיט זיין זינגען און שפּילען, איז געווען צו זעהן פון דעם, וואָס ווען דער דאָזיגער פּריץ האָט ביי זיך אין הויף געמאַכט א שמחה, האָט ער געשיקט א רייטער צו צבי אריה'ן, פאַר־לאַנגענדיג, אז ער זאָל שיקען זיין זוהן בנימין'ען זינגען און שפּילען אויף דער שמחה. בנימין איז געקומען מיט א צוויי, דריי אידישע יונגעלייט פון זיין על־טער און זיי האָבען אויף דער פּריץ'ישער שמחה געזונגען און געשפּילט פאַר די געהויבענע גוי'אישע געסט, פּריצים פון דער שכונה.

בעת בנימין און זיינע חברים האָבען געזונגען און געשפּילט, האָבען די פּריצים געגעסען און געטרונקען און זיך געלאָזט וואויל באַקומען. איינעם פון די אנוועזענדע פּריצים, וועלכער איז געווען שטאַרק באַטרונקען, האָט זיך פאַרוואָלט האָבען שפּאַס אויף בנימין'ס חשבון. ער האָט פאַרלאַנגט, אז בנימין זאָל זיך אָנטהאָן אין א פעל פון א חיה און זיך שטעלען אויף אַן איבערגע־קערטער פאַס און שפּילען אויף'ן פידעל. עס איז פאַר דעם שכור'ן פּריץ ניט געווען גענוג אונטערהאַלט וואָס דער אידישער בחור און זיינע חברים זינגען און שפּילען די בעסטע און שעהנסטע נגונים. עס האָט זיך איהם דוקא געוואָלט, אז בנימין זאָל אויסקוקען לצנות'דיג און שטעהן אין א פּאָזע וואָס זאָל זיין מעשה חוזק.

די אנדערע פּריצים, וועלכע זיינען אויך געווען שטאַרק באַזויפען, האָבען אונטערגעבאַמקעט. עס איז זיי געפעלען געוואָרען דער איינפאַל צו מאַכען חוזק פון דעם אידישען יונגענמאַן. בנימין איז געווען געצוואונגען נאָכצוקומען די קאַפּריזען פון די שיכור'ע פּריצים.

מען קען זיך משער זיין ווי אַט דער איידעלער און לומד'ישער ווי אויך שטאַרק באַגאַבטער בנימין האָט געפיהלט. ער האָט זיך געווים צוריקגעקעהרט אהיים מיט א פאַרוואונדעט האַרץ. ער האָט שוין געוואוסט ווי ווייניג איינ־זעהעניש אידען קענען האָבען ביי גוים, ווי שטאַרק זיי זאָלען פאַר זיי זיך ניט אויסצייכענען.

דאָס איז נאָך אָבער ניט געווען דאָס ערגסטע. די שמחה אין פּריצישען הויף האָט אָנגעהאַלטען עטליכע טעג און נעכט. די פאַרזאַמעלטע פּריצים האָבען געהאַלטען אין הוליען און שטענדיג צוגעטראַכט נייע אונטערהאַלטונ־גען. איז איינעם פון די פּריצים איינגעפאַלען, אז ער קען דורך בנימין'ען ארויסרופען נאָך מעהר געלעכטער און חוזק. האָט ער געהייסען ברענגען א גרויסע פאַס און איהר אָנפילען מיט וואַסער. איצט האָט ער געהייסען בנימין'ען אריינקריכען אין דער פאַס מיט וואַסער און פון דאָרט זינגען און שפּילען אויף'ן פידעל.

בנימין האָט געמוזט זיך שטאַרק אנשטריינגען, אז דאָס וואַסער זאָל

איהם ניט גרייכען ביז איבער'ן קאפ, ווען ער האט נעדארפט זינגען און אז די הענט זאלען איהם זיין פריי, ווען ער האט נעדארפט שפילען אויף'ן פידעל. עס איז געווען א מורא'דיגע מאטערניש און טאקע אויך פארבונדען מיט סכנה.

בנימין האט דערצו נאך נעדארפט מאכען דעם אנשטעל ווי ער וואלט דאס אלץ געהאט גענומען אין שפאס און אז אויך ער האט "הנאה" פון אט דעם טייפלישען שפיעל. בנימין איז געווען א קרבן פון פריצישער אכזריות און גרינגשעצונג פון אידישע געפיהלען.

פונדעסטוועגען האט דער פריץ, אין וועמעס הויף בנימין האט אונטער־האלטען זיינע געסט, אויך ארויסגעצייגט זיין אנערקענונג פון בנימין'ס טא־לאנט. דער פריץ האט אין ליובאוויטש אויסגעבויט א מויער און ווען בנימין האט חתונה געהאט, האט איהם דער פריץ אוועקגעשיינקט דעם דאזיגען מויער אלס דרשה־געשאנק.

נאך דער חתונה האט בנימין ווייטער געלערענט און נאך אלץ ביי דעם רב ר' יוסף'ן. געלעבט האט ער פון דעם וואס זיין פאטער צבי אריה האט איהם געגעבען.

דער רב ר' יוסף האט איצט אנגעהויבען צייגען א נייגונג צו געהן אויף זיין אייגענעם דרך. ער איז פון צייט צו צייט אוועק אפריכטען גלות. ער פלעגט זיך פארזאמען א האלב יאהר צייט און דאן צוריקקעהרען קיין ליובאוויטש אויף זיין כסא הרבנות. פאר דער צייט וואס ער האט אפגעריכט גלות, פלעגט ער איבערלאזען זיין תלמיד בנימין'ען, אז ער זאל זיין דער ממלא מקומו.

צעהן יאהר זיינען אזוי אוועק. ר' בנימין איז דערוויל געזעסען על התורה ועל העבודה. פארזארגט דורך זיין פאטער מיט אלע באדערפענישען, האט ר' בנימין געהאט פולשטענדיגע מנוחה. עס איז אבער געקומען די צייט, ווען צבי אריה איז נפטר געווארען. ר' בנימין איז געבליבען אהן א מפרנס. אין יענער צייט — דאס האט געמוזט זיין ארום תצ"ו — האט דער רב פון שטאדט, ר' יוסף, צוזאמענגערופען די ראשי הקהל און האט צו זיי אזוי געזאגט:

— ביז אהער פלעג איך געהן אפריכטען גלות פאר עטליכע חדשים צייט און איך פלעג אליין באשטימען מיין תלמיד, ר' בנימין'ען, פאר א במקום. איצט האב איך אבער בדעה צו פארבלייבען אין גלות ניט וויינינער פון צוויי יאהר צייט. עס וואלט ניט געווען רעכט פון מיר אליין צו הייסען ר' בנימין'ען פארנעהמען דעם כסא הרבנות. איך וויל, אז איהר זאלט עס טהאן.

די ראשי הקהל האבען צו דעם מסכים געווען. ר' בנימין איז לכל הדעות געווען ראוי צו זיין דער רב פון ליובאוויטש.

איידער ר' יוסף האט פארלאזען ליובאוויטש האט ער פון רב בנימין'ען פארלאנגט, אז פאר דער צייט וואס ער וועט אפריכטען גלות, זאל ער פון די שכירות, וואס ער וועט באקומען אלס רב, א טייל אפגעבען צו ר' יוסף'ס רביצין און זיין טאכטערעל, די בת יחידה. ר' בנימין איז אויף דעם געווען מרוצה און ר' יוסף האט געקענט מיט א לייכטערען הארצען זיך לאזען אין גלות אריין.

נאך די צוויי יאהר האט זיך ר' יוסף צוריקגעקעהרט פון גלות. ער האט איצט מעהר ניט געוואלט איבערנעהמען דעם כסא הרבנות. ער האט געזאגט,

אז ר' בנימין איז מעהר בארעכטיגט דערצו, דערהויפט אז ליובאוויטש איז געווען אזוי שטארק צופרידען מיט איהר נייעם רב. וואס טהוט מען אבער מיט ר' יוסף'ן? איז ביי דער קהלה געבליבען, בהסכם כולם, איהם צו מאכען פאר דעם שטאט־מגיד און פאר דעם מדריך פון דער קהלה.

ר' יוסף האט זיך איצט געצייגט אין זיין נייער ראָל אלס מגיד. ער איז געגאנגען אויף א גאנץ נייעם דרך, גארניט ווי דער שטייגער פון אנדערע מגידים און מוסר־זאגער פון יענער צייט, ווי אין אלע אנדערע אידישע שטעט און שטעטלאך פלעגען אין ליובאוויטש אפט קומען מגידים און מוסר־זאגער. זיי האבען אלע געהאלטען זייערע דרשות אין בית המדרש און זייערע דרשות זיינען תמיד געווען פון איין שניט. זיי האבען אלע שטארק גע'מוסר'ט דעם עולם און אנגעיאגט גרוים שרעק אויף די צוהערער, מאלענדיג מיט אלע גרויליכע פרטים דעם גיהנם און געשילדערט די שוידערליכע שטראפען און פייניגונגען וואס דערווארטען די וואס פארזינדיגען זיך געגען דעם אויבערשטען.

עס איז ניט געווען קיין נאווינע, אז א מגיד זאל אזוי מעורר זיין מיט זיין אימה־אניאגענדיגע מוסר־רייד, אז דער עולם זאל אויסברעכען אין א געוויין. די לופט פון בית מדרש, סאי ביי די מאנסבילען און סאי ביי די פרויענצימער, פלעגט זיין אנגעפילט מיט זיפצען און קרעכצען און שלוקערצען פון די וויינענדיגע מענער און ווייבער.

אנדערש איז אבער געווען דער דרך פון דעם נייעם מגיד, ר' יוסף. ער האט ניט געגאסען קיין פעך און שוועבעל אויף די זינדיגע. פון זיין מויל איז ניט ארויסגעזאגט געווארען קיין איינציגע קללה. ער האט ניט גערעדט וועגען גיהנם און האט ניט געשראקען דעם עולם מיט קיין שוידערליכע פייניגונגען אין גיהנם. ער האט אויך ניט דערצעהלט, ווי אלע אנדערע מגידים, וועגען די מלאכי־חבלה און די מעשים תעתועים וואס זיי באגעהען מיט בעלי עבירה'ניקעס. אנשטאט דעם האט ער גאר דערצעהלט וועגען די אלע גוטינקייטען וואס עס דערווארטען די וואס לערנען תורה און די וואס זיינען מקיים איהרע מצוות. ער האט בכלל ניט געוואלט באקרען דעם עולם צו תורה און מצוות דורך אניאגען אויף איהם אן אימה, נאר דורך געווינען די הערצער פון יונג און אלט, מענער, פרויען און קינדער — דורך גוטסקייט, הארציגקייט און הויפטזעכליך פארשטענדליכקייט.

ר' יוסף האט דוקא געוואלט, אז אידישע מענער און פרויען זאלען געהן אויף'ן ריכטיגען דרך דורך ליעבע און פארשטאנד. ער פלעגט זאגען, אז אחוץ דעם וואס אידען וועלען קריגען גרוים שכר פאר דאס גוטעס וואס זיי טהוען, וועלען זיי מיט דעם אויך טהאן גרוים נחת רוח זייער באשעפער.

דאס זיינען געווען גאר אנדערע רייד. ר' יוסף האט מיט זיינע דרשות געפאנגען די הערצער פון זיינע צוהערער.

אויך ווען ר' יוסף האט גערעדט וועגען אויבערשטען, דעם באשאפער פון דער וועלט, איז עס געווען גאר אנדערש. ער האט ניט גערעדט וועגען אן "אל נקמות", וועלכערווארפט א שרעק אויף'ן מענשען און פאר וועמען דער בשר ודם דארף זיין אין שטענדיגער מורא. ביי איהם איז דער אויבערשטער געווען א רחמן, א גומל חסדים, פון וועמען עס שטראמט ליעבע און גוטסקייט

און וועמעס איינציגער באגעהר איז, אז דער מענש זאל געהן אויף'ן אנגעוויזע־נעם וועג. דעם אויבערשטען'ס באגעהר איז ניט, אז דער רשע זאל שטארבען, אדער באשטראפט ווערען פאר זיין שלעכטקייט, נאר זאל ווערען א בעל תשובה און לעבען און געניסען פון גאט'ס וועלט. ר' יוסף אלס מגיד האט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט דעם, וואס ער האט זיך טיפער אריינגעלאזט אין די מאמרי חז"ל און האט זיי דערקלעהרט און אויסגעטייטשט אויף א גאר אנדער אופן. ער האט פון זיי ארויסגענומען די סאמע טיפסטע און שעהנסטע געדאנקען. ער האט הויפטזעכליך געוועקט אין עולם די ליעבע צו גאט. ער האט געזאגט, אז אהבה און יראה זיינען די סאמע יסודות פון אידישקייט און אז אהבה קומט תמיד פריהער פון יראה. אהבת השם און יראת השם זיינען צוויי גלייכע מצוות, פלעגט ר' יוסף זאגען אין זיינע דרשות, אבער פונדעסטוועגען קומט אהבת השם פריהער ווי יראת השם. עס שטעהט "ואהבת את ה' אלוקיך", דאן שטעהט אויך "את ה' אלוקיך תירא". פון דעם האט ר' יוסף געדרונגען, אז אחבת אלקים קומט פריהער ווי יראת אלקים.

ז

די נסתרים און דער בעל־שם

ווי די תורה פון בעל שם טוב האט זיך אנגעהויבען פארשפרייטען צווישען די אי־דען. — דער ליובאוויטשער מגיד וואס איז געווען א תלמיד פון בעל־שם. — דער אידים וואס ער האט געגומען אויפ'ן בעל־שם'ס אנזאג.

די ווירקונג וואס ר' יוסף האט געהאט אויף די ליובאוויטשער אידען מיט זיינע דרשות, נאכדעם ווי ער איז געווארען דער שטאט־מגיד, איז געווען אז אויסערגעוויינליכע. ער האט זיינע צוהערער פשוט אריינגעבראכט אין א נייער וועלט. סיי דער נוסח און סיי דער אינהאלט פון זיינע דרשות זיינען געווע־ נען אינגאנצען אנדערש פון דעם וואס מען האט געהערט אין יענער צייט פון אנדערע מגידים.

ר' יוסף האט אריינגעבראכט אין זיינע דרשות א וועלט מיט וויסען, אז אויסערגעוויינליכע עשירות פון לומדות. דערצו איז ער געווען באשאנקען מיט א פליסיגער און צום הארצען־אפעלירענדיגער שפראך. דאס איז אבער נאך ניט געווען אלץ: ר' יוסף האט זיך ניט באנוגענט מיט דעם וואס ער האט געהאלטען שעהנע דרשות. ער איז געווען ניט נאר א נאה דורש נאר אויך א נאה מקיים. אלס מגיד האט ער זיך אנגעהויבען אויסצייכענען מיט זיינע מידות טובות, נאך מעהר ווי דאמאלס ווען ער איז געווען רב פון שטאט, איידער ער האט דעם כסא הרבנות איבערגעגעבען צו זיין תלמיד, ר' בנימין. אין זיינע מידות טובות האט זיך באזונדערס אנטפלעקט זיין גרויסע ליעבע צו יעדען אידישען מענשען, פון וועלכען שטאנד ער איז ניט געווען. מיט דעם האט זיך ר' יוסף אליין שטארק באליעבט געמאכט ביי יעדען אידישען תושב אין ליובאוויטש.

זיינע דרשות זיינען תמיד געווען דורכגעדרונגען מיט אַ דעם גייסט פון אהבת ישראל. דאָס איז געווען דער גאָלדענער פאָדים וואָס האָט דורכגעוועבט זיינע דרשות. ער האָט שטענדיג זיך אָפּגעשטעלט אויף, און אונטערשטראָכען די, גרויסע אידישע מעלות.

מיט באַזונדערער ליעבע האָט זיך ר' יוסף באַצויגען צום פּשוט'ען אידי־שען פאָלקס־מענש, צום אידישען בעל מלאכה, צום אָרימען אידישען הענד־לער און צו יעדען אנדער אידען וואָס האָט כשר פאַרדינט זיין שטיקעל ברויט. ר' יוסף האָט אין אַ די פּשוט'ע אידישע פאָלקס־מענשען געזעהן די גאַנצע שעהנקייט פון אידישען פאָלק און די גאַנצע טיעפקייט פון דער אידישער נשמה. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דאַמאָלס איז געווען אַ צייט ווען דער למדן האָט פאַרנומען דעם אויבען־אָן אין לעבען פון די אידישע קהלות, האָט אָבער ר' יוסף געצייגט, אַז אין זיין הארצען פאַרנעהמט דעם אויבען־אָן ניט דוקא דער וואָס קען לערנען, נאָר אויך דער פּשוט'ער איד וואָס קען ניט מעהר ווי עברי און מעביר זיין די סדרה.

קיינער אין ליובאַוויטש האָט ניט געוואוסט וואו ר' יוסף האָט גענומען זיין נייעם דרך אין זיינע דרשות ווי אויך זיין נייע הנהגה. אָבער אַלע האָבען געמוזט מודה זיין, אַז מיט זיינע דרשות, ווי אויך מיט זיין הנהגה, האָט ער געטהאָן די גרעסטע פּעולה. ער האָט אריינגעבראַכט אַ נייע לעבען, און אריינ־געגעבען אַ נייע נשמה ביי די פּשוט'ע פאָלקס־מענשען וועלכע זיינען ביז דאַמאָלס געווען ווי פאַרשטויסען.

ר' יוסף'ס ווירקונג אויפ'ן אידישען עולם האָט זיך געפיהלט ניט נאָר אין ליובאַוויטש, נאָר אויך אין די אַרומיגע שטעטלעך. שלוחים זיינען געשיקט געוואָרען פון די דערבייאיגע שטעטלעך און מען האָט ר' יוסף'ן פאַרבעטען אהין צו קומען האַלטען זיינע דרשות. אַזוי איז ר' יוסף געוואָרען אַן אָפטער באַזוכער אין אַזוינע שטעטלעך ווי רודניאַ, קאַלישק, יאַנאָוויטש, ליאָזשנאַ, דאַבראָמיסל, באַבינאָוויטש, ראַסאַסנע, דובראָוונע און אַ סך אנדערע, וואו זיין השפעה האָט זיך געפיהלט גאָר שטאַרק.

אויך דאַמאָלס ווען ר' יוסף איז געווען דער מגיד פון ליובאַוויטש און אויך געהאַלטען דרשות אין די אַרומיגע שטעטלעך פלעגט ער פון צייט צו צייט פאַרשווינדען און קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין. מען האָט זיך משער געווען, אַז ער ריכט אָפּ גלות, און זינט ער האָט דאָס געטהאָן כמעט רעגעלמעסיג, פון דער צייט וואָס זיין פאָטער האָט נאָך געלעבט און פון דער צייט וואָס ער איז געווען רב פון ליובאַוויטש, האָט זיך קיינער מעהר אויף דעם ניט אָפּגעשטעלט און ניט פּרובירט דערגעהן דעם סוד דערפון. קיינעם איז ניט איינגעפאַלען אַז ר' יוסף'ס פאַרשווינדען האָט צו טהאָן מיט דער נייער שיטה פון חסידות וואָס האָט שוין אָנגעהויבען שלאָגען ווארצלען אין אידישען לעבען. דער בעל שם טוב איז נאָך דאַמאָלס געווען ניי און באַקאַנט בלויז צו יחידי סגולה. זיינע תלמידים און חסידים האָבען שוין אָבער אָנגע־הויבען אריינדרינגען אין אידישען לעבען און פאַרשפּרייט, אין אַנפאַנג אויף אַ געהיימען אופן, די נייע תורה.

נסתרים פלעגען וואַנדערען פון שטאָט צו שטאָט און דאָרט, וואו זיי

האבען געטראפען א גרויסע אידישע נשמה, האבען זיי איהר פרובירט געווינען פאר דער נייער לעהרע פון דעם בעל שם.

אט אזא נסתר, וואנדערענדיג פון שטאט צו שטאט, איז אמאל אנגע־קומען קיין ליובאוויטש. עס איז געווען נאך דאמאלס ווען ר' יוסף איז געווען א יונגער מאן און איז געזעסען על התורה ועל העבודה. זיין פאטער האט נאך געלעבט און האט פארנומען דעם כסא הרבנות. יענער נסתר, א תלמיד פון דעם בעל שם, האט געווארפען אן אויג אויף ר' יוסף'ן און האט זיך מיט איהם באקאנט. ר' יוסף האט שוין אליין געהאלטען אין זוכען א נייעם דרך אין אידישען לעבען. ער איז געווען להוט אויפצוכאפען דאס וואס דער נסתר האט איהם אנטפלעקט וועגען דעם בעל שם און זיין דרך החסידות.

א חודש צייט איז דער נסתר, אויפ'ן אויסקוק ניט מעהר ווי א פשוט'ער וואנדערער, פארבליבען אין ליובאוויטש און האט פאר דער צייט געהאלטען אין אנטפלעקען פאר ר' יוסף'ן די לעהרע פון דעם בעל שם. ווען דער נסתר איז געווען גרייט צו פארלאזען ליובאוויטש, האט אויך ר' יוסף פארלאזען די שטאט מיט איהם. קיינער האט ניט געוואוסט דעם שייכות וואס איינער האט געהאט צום אנדערען. קיינער האט אויך ניט געוואוסט דעם צוועק פון זייער אוועקוואנדערען פון ליובאוויטש. ביידע האבען אבער שוין געהאט א באשטימטען צוועק. דער נסתר האט ר' יוסף'ן געהאט גענומען מיט זיך צום בעל שם וואו ער איז געווארען זיינער א פלאם־פייערדיגער חסיד.

א יאהר צייט איז ר' יוסף געווען אוועק פון ליובאוויטש און ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט, האט ער קיינעם ניט געזאגט פון זיינע וואנדערונגען. ער האט אויך צו קיינעם ניט גערעדט וועגען דער נייער תורה פון בעל שם. אודאי איז נאך די צייט ניט געווען געקומען, אז ר' יוסף זאל מגלה זיין דעם סוד פון זיינע פארבינדונגען מיט דעם בעל שם און זיינע תלמידים.

עס איז געווען אין יאהר תצ"ה ווען ר' יוסף איז צום ערשטען מאל גע־בראכט געווארען צום בעל שם, און עס האט גענומען פופצעהן יאהר, ביז תקיו"ד ווען דער בעל שם טוב האט ר' יוסף'ן, ווען ער איז שוין דאמאלס געווען דער מגיד פון ליובאוויטש, געגעבען א באשטימטע שליחות דורכ־צופיהרען.

עס איז געווען שבועות. ר' יוסף האט דעם יום טוב פארבראכט ביים בעל שם, האבענדיג אוועקגעוואנדערט פון ליובאוויטש ווי שטענדיג, ניט אנגעבענדיג וואוהין ער וואנדערט און פאר וועלכען צוועק ער וואנדערט. דער בעל שם האט ר' יוסף'ן אריינגערופען צו זיך און איהם אנגעזאגט, אז אויפ'ן וועג צוריק קיין ליובאוויטש, זאל ער דורכפאהרען סמארגאן און בא־זוכען די דארטיגע ישיבה, וועלכע איז דאמאלס געווען באריהמט, ווייל דארט געפינט זיך א ישיבה בחור פון דער שטעטעל קאבילניק, פון לעבען מינסק. יששכר דוב איז זיין נאמען. אט דעם ישיבה בחור, האט דער בעל שם אנגעזאגט ר' יוסף'ן, זאל ער נעהמען פאר אן איידעם פאר זיין בת יחידה.

ר' יוסף האט נאטירליך דערפילט די שליחות וואס דער בעל שם האט איהם געגעבען. אנקומענדיג אין סמארגאן האט ער, ווי דער שטייגער איז געווען, דורך דעם ראש הישיבה, זיך באלד צוזאמענגעטראפען מיט יששכר דוב'ן פון קאבילניק און האט איהם פארגעלייגט דעם שידוך מיט זיין טאכ־טער. ר' יששכר דוב איז געווען מרוצה צו ווערען דעם ליובאוויטשער מגיד'ס

אײדעם. עס איז אפּגעמאכט געװאָרען, אז נאָך א יאָהר צייט זאָל ישׂשכר דוב בלייבען אין דער ישיבה.

אין משך פון אָט דעם יאָהר, האָט ר' ישׂשכר דוב זיך גע'חבר'ט מיט איינעם פון די גאונישע יונגע לייט, וועלכער איז געקומען פון מינסק, און זיין נאָמען איז געווען ר' מנחם מענדעל. דער דאָזיגער ר' מנחם מענדעל האָט צייטווייליג געהאט פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון דעם ראש ישיבה ר' זרח אליה קריטינגער. עס איז דער זעלביגער ר' מנחם מענדעל וועלכער איז שפּעטער געוואָרען איינער פון די זיילען פון חסידות.

אין אנפאנג פון חודש אלול אין יאָהר תקי"א איז ר' ישׂשכר דוב אנגע־קומען קיין ליובאוויטש און איז געוואָרען דער איידעם פון דעם מגיד ר' יוסף. ר' ישׂשכר דוב איז געבליבען אין ליובאוויטש ביי זיין שווער אויף קעסט און האָט זיך ווייטער עוסק געווען אין תורה.

די צאָהל לומדישע יונגע לייט אין ליובאוויטש איז דאמאָלס געווען א קליינע. די וואָס האָבען געוואָלט לערנען תורה זיינען ניט געזעסען אין ליובא־וויטש. זיי זיינען אוועק לערנען אין די גרויסע ישיבות פון יענער צייט.

איינע פון די ישיבות איז געווען אין סמאָרגאָן און די צווייטע אין ווי־טעבסק. פאַר קלענערע תלמידים האָט ליובאוויטש דאמאָלס געהאט אכט מלמדים — דריי דרדקי מלמדים און פינף גמרא מלמדים.

ווען ר' ישׂשכר דוב איז אָנגעקומען אין ליובאוויטש אלס איידעם, איז פאָרגעקומען א מערקווירדיגע חלוקי דעות צווישען דעם רב פון שטאָט, ר' בנימין, און זיין שוואָגער ר' וואָלף, דער זוהן פון דעם קדוש ר' וואָלף דער שוס־טער. בעת ר' בנימין איז געזעסען אויפ'ן כסא הרבנות, האָט זיין שוואָגער ר' וואָלף באַשלאָסען אז ער וועט ציהען זיין חיונה פון דער פּראַצע פון זיינע הענד און ער האָט זיך אויסגעקליבען אלס קוואַל פון פּרנסה א קליינע מיהל, וואָס ער האָט זיך געקויפט אויסען שטאָט.

עס איז באַלד קלאָר געוואָרען אז דער דאָזיגער ר' וואָלף איז געגאַנגען אין די דרכים פון זיין מאַרטירער־פאָטער. פון צייט צו צייט, האָט ער פאַר־לאָזען דאָס הויז און איז אוועק אַפּריכטען גלות. ר' וואָלף איז שוין דאמאָלס געווען א פאָטער פון צוויי טעכטער. ווען ער פלעגט אוועק אין גלות, איז דער גאַנצער עול פון פּרנסה אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף זיין ווייב שׂרה, ר' בנימין'ס שוועסטער.

אָט דערפאַר איז ר' בנימין געווען שטאַרק אומצופרידען מיט זיין שוואָ־גער'ס דרך. ער האָט געהאַט א סך אויסצושטעלען געגען זיין הנהגה. די דרכים פון דעם נייעם ר' בנימין און דעם נייעם ר' וואָלף זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנ־גען. ר' בנימין, דער רב פון ליובאוויטש, האָט ניט געקענט מסכים זיין מיט דער פיהרונג פון זיין שוואָגער, ר' וואָלף, וועלכער האָט דוקא געוואָלט געהן אין די דרכים פון די נסתרים.

ר' ישׂשכר דוב האָט אָבער געהאַט א גוט וואָרט צו זאָגען וועגען ר' וואָלף'ן און האָט אויך באַרעכטיגט זיין דרך. א פריינדשאַפט האָט זיך פאַר־קניפּט צווישען דעם מגיד'ס איידעם און דעם רב'ס שוואָגער. ר' ישׂשכר דוב ה.:ט אפילו געהאַט באַשטימט א צייט ווען ער און ר' וואָלף פלעגען צוזאַמען לערנען ביחידות.

אין יענער צייט איז אין ליובאוויטש געווען א תושב מיט'ן נאמען ר' שלום גרשון. ער איז געווען א פשוט'ער מענש וואס האט געצויגען זיין פרנסה פון האנדלען אין די ארומיגע דערפער. דערצו איז ער אויך געווען א קצב. אלע האבען געוואוסט אז ר' שלום גרשון איז אן עהרליכער און גאטספארכטיגער איד. ער האט אפגעהיט אלע מצוות און איז אויף זיין באשיידענעם אופן געווען א גרויסער בעל מידה. טאקע דערפאר האט מען ביי איהם געקויפט פלייש, וויסענדיג גאנץ גוט, אז ווען עס קומט צו כשרות מעג מען זיך אויף ר' שלום גרשון'ען פארלאזען.

ר' שלום גרשון האט געהאט הצלחה. דאס האט איהם געגעבען נאך מעהר מעגליכקייט צו זיין א בעל צדקה. יעדען ערב שבת פלעגט ער ברייננגען צום רב פון שטאט, ר' בנימין'ען, און צום מגיד פון שטאט, ר' יוסף'ן, פלייש. ער פלעגט אויך אויסטיילען צדקה צו ארימע לייט מיט א ברייטער האנט. דעם האט ער אריינגעשיקט פלייש אויף שבת און יענעם האט ער גלאט געגעבען א מתן יפה. אזוי זיינען אוועק א סך יאהרען. ר' שלום גרשון איז שוין געווען אין טיפען עלטער. ער האט אבער נאך אלץ געהאנדעלט אין די דערבייאיגע דערפער און איז אויך געווען קצב ווי אלעמאל.

אין ווינטער פון יאהר תקי"ב איז דער אלטער קצב ר' שלום גרשון קראנק געווארען און איז אין משך פון א פאר וואכען צייט נפטר געווארען. האט גאנץ ליובאוויטש באדויערט זיין טויט און איז נאכגעגאנגען זיין מטה. זיין לויה איז געווען ווי פון אן אמת'ען צדיק, כאטש קיינער האט נישט גע־האלטען אז אט דער קצב ר' שלום גרשון איז געווען עפעס מעהר ווי א פשוט'ער מענש וואס איז געגאנגען אויפ'ן דרך הישר.

ח

ליובאוויטשער תלמידים פון בעל שם

ווי דעם בעל שם'ס געהיימע לעהרע האט געפונען אן אנהאלט אין ליובאוויטש. — די געהיימע באזוכען ביים בעל שם. — דער מגיד און זיין אוידעם. — דעם בעל שם'ס א ווערטעל.

נאך ד'ער לויה פון דעם קצב שלום גרשון איז גאנץ ליובאוויטש איבער־ראשט געווארען פון דער ידיעה, אז דער נפטר האט איבערגעלאזט א גרויסע ירושה.

דער רב פון ליובאוויטש, ר' בנימין, האט געהאט אנגעזאגט, אז א מנין זאל דריי מאל א טאג דאווענען אין ר' שלום גרשון'ס הויז ביז איבער שלשים. אין משך פון די שבעה טעג האט ר' בנימין מגלה געווען, אז דער קצב האט ביי איהם איבערגעלאזט א קעסטעל מיט געלד צוזאמען מיט א צוואה. איצט איז געווען די צייט צו עפענען דאס קעסטעל מיט'ן געלד און אויך אריינ־קוקען אין דער צוואה. ר' שלום גרשון האט ניט געהאט איבערגעלאזט קיין יורשים. די אלע יאהרען וואס ליובאוויטש האט איהם געקענט, איז ער געווען אליין און איינזאם. דער איינציגער מיט וועמען ר' שלום גרשון האט זיך גע'חבר'ט איז געווען דער סופר ר' זבולון וועלכער איז געווען זיינער א שכן.

דער עולם איז נאטירליך געווען שטארק נייגעריג צו וויסען פאר ועמען ר׳ שלום גרשון האט איבערגעלאזט די ירושה. האט דער רב פון שטאט צוזא־מענגערופען די ראשי הקהל און האט פאר זיי איבערגעלייענט די צוואה.

דער אינהאלט פון דער צוואה איז געווען, אז דער רב ר׳ בנימין, און דער מגיד פון שטאט, ר׳ יוסף, צוזאמען מיט א דריטער פערזאן, וועמען די צוויי וועלען אויסקלייבען, זאלען פארטיילען דאס געלד אויף וועלכע אופן זיי וועלען געפינען פאר פאסיג. אין דער צוואה איז אויך אויסגעדריקט גע־ווארען דער פארלאנג, אז אויפ׳ן ארט וואו דעם נפטר׳ס הויז געפינט זיך און אויף דעם גארטען ארום הויז, זאל מען אויפבויען א בית המדרש פאר דער חברה פועלי צדק. א משך פון דריי יאהר צייט זאל מען אין דעם דאזיגען בית המדרש אויסהאלטען אויפ׳ן נפטר׳ס געלד א תלמיד חכם וואס זאל לערנען מיט די פועלים מדרש, משניות און עהנליכע לימודים.

דעם דריטען וואס דער רב ר׳ בנימין און דער מגיד ר׳ יוסף האבען צו־גענומען צו זיך איז געווען דער סופר ר׳ זבולון. אלע דריי האבען זיך באלד גענומען צו דער ארבייט אויסצופיהרען דעם קצב׳ס צוואה.

איצט אז מען האט שוין געגוי געוואוסט וועגען דער צדקות פון דעם פארשטארבענעם קצב איז גאר ניט שווער געווען צו געפינען בעלנים וואס זאלען קומען צום מנין אין דעם נפטר׳ס הויז. צום מנין זיינען איצט געקומען די וויכטיגסטע בעלי בתים פון שטאט. אויך דער רב ר׳ בנימין און דער מגיד ר׳ יוסף זיינען געקומען צום מנין. ווי באלד אז מען האט שוין געוואוסט דעם אינהאלט פון דער צוואה, אז עס זאל אויפגעבויט ווערען א בית המדרש דארט וואו דעם קצב׳ס הויז איז געשטאנען, האט מען געפיהלט ווי דאס הויז אליין וואלט געווארען א בית המדרש. מען האט דארט ניט נאר געדאווענט דריי מאל א טאג, נאר מען איז אויך דארט געזעסען און געלערנט מיט גרוים התמדה. פרומע אידען זיינען אהין געקומען א שטיק פארטאג און געלערנט אדער געזאגט תהילים ביז עס איז געקומען די צייט צו דאווענען שחרית. פאר מנחה און בין מנחה למעריב, איז מען ווידער געזעסען און געלערנט. נאך מעריב האבען זיך תמיד געפונען אייניגע וואס האבען ווייטער געלערנט. אזוי איז דעם קצב׳ס הויז באלד פארוואנדעלט געווארען אין א מקום קדוש.

שלשים איז נאך ניט געווען פאריבער און עס איז אויסגעקליבען געווא־רען א ועד וואס זאל זיך מתעסק זיין מיט׳ן בויען דעם בית המדרש, לויט ווי דער פארשטארבענעם קצב האט אנגעזאגט אין זיין צוואה. אין משך פון די זומער־חדשים האט מען ארונטערגעריסען דאס אלטע הויז און מען האט אנגעהויבען בויען א גרויסען און שעהנעם בית המדרש. ווען דער חודש אלול איז אנגעקומען איז דער בית המדרש שוין געווען פארטיג און דער חנוכת הבית איז געפייערט געווארען מיט גרוים שמחה און התלהבות. עס איז אויך דורכגעפיהרט געווארען די צוואה מיט דעם וואס א תלמיד־חכם איז אנגע־שטעלט געווארען צו לערנען מיט די מתפללים משניות און מדרש.

דער מגיד ר׳ יוסף, וועלכער האט אלע מאל געצייגט אזוי פיעל ליעבשאפט צו פשוט׳ע מענשען און בעלי מלאכות, האט איצט שטענדיג אנגעהויבען

דאוונען אין אַט דעם דאָזיגען נייעם בית המדרש. ער האָט אין דער אמת'ען צעטיילט די וואָך צווישען דעם אַלטען בית המדרש, וואו ער האָט פריהער געדאַווענט, און דעם נייעם. דאַנענגען, האָט אָבער דער סופר ר' זבולון, וועלכער האָט אַליין געהערט צו די פּועלי צדק, אין קביעות אָנגעהויבען דאַווענען אין אַט דעם נייעם בית המדרש.

אין דעם דאָזיגען בית המדרש האָט זיך געפונען אַ קליין שטיבעל און אין יענעם שטיבעל פּלעגען זיך ר' זבולון און ר' יוסף פון צייט צו צייט צוזאַמענטרעפען און דאָרט לערנען ביחידות.

צוויי יאָהר האָבען זיי געלערנט אין יענעם שטיבעל אין יחידות. מען קען זיך משער זיין, אַז די למודים האָבען געהאַט צו טהאָן מיט קבלה און חסידות. ר' יוסף, ווי מיר ווייסען שוין, איז געווען אַן אָפּטער באַזוכער ביים בעל שם און האָט זיך גערעכענט פאַר זיינעם אַ תלמיד. מיר ווייסען שוין אויך, אַז ווען ר' יוסף פּלעגט פאַרשווינדען אויף אַ לייננגערער צייט, איז ער תמיד אַוועק קיין מעזבוזש, וואו דער בעל שם האָט זיך געפונען און פון וואַנען ער האָט אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען זיין תורה איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

איינמאָל אין אַ געוויסען פריהמאָרגען, האָבען דער מגיד ר' יוסף און דער סופר ר' זבולון פאַרלאָזט ליובאַוויטש. עס האָט געזאָלט הייסען, אַז זיי זיינען ביידע אַוועק אָפּריכטען גלות. וואַרשיינליך האָט שוין ר' יוסף געהאַט געוואָונען ר' זבולון'ען פאַר דער נייער לעהרע פון חסידות און האָט איהם גענומען מיט זיך אויף אַ באַזוך צום בעל שם.

דריי אָדער פיער חדשים זיינען זיי ביידע געווען אַוועק פון ליובאַוויטש. אַז זיי זיינען צוריקגעקומען האָבען זייערע פּנים'ער געשטראַהלט, גאָר ניט ווי זיי וואָלטען געהאַט שטאַרק אָפּגעקומען אונטערוועגענס.

עס איז געווען אויפ'ן דריטען יאָהר, נאָכדעם ווי דער מגיד ר' יוסף האָט גענומען ר' יששכר דוב'ן פאַר זיין איידעם. עס איז געווען אין יאָהר תקט"ו. דער שווער האָט ענדליך מגלה געווען פאַר זיין איידעם, אַז ער און דער סופר ר' זבולון, זיינען תלמידים פון דעם בעל שם, און אַז ווען זיי פאַרשווינדען פון ליובאַוויטש געהען זיי קיין מעזשבוזש צום נייעם אידישען מנהיג. דער שווער האָט איצט אָנגעהויבען באַקאַנען זיין איידעם מיט דער נייער חסידישער לעהרע און ר' יששכר דוב איז באַלד פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער דאָזיגער לעהרע. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר איהם אַנטפּלעקט. דאָס וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען פריהער איז איצט פאַר איהם געוואָרען קלאָר.

עס איז געווען אלול פון יענעם יאָהר. ר' יששכר דוב איז צוזאַמען מיט ר' זבולון'ען אַוועק צום בעל שם. דער מגיד ר' יוסף האָט געמוזט פאַרבלייבען אין ליובאַוויטש צוליעב די ימים נוראים.

דריי חדשים צייט האָט ר' יששכר דוב פאַרבראַכט ביים בעל שם. ער איז דאָרט געווען איבער די ימים נוראים און די ימים טובים און האָט דעם בעל שם געזעהן אין זיין גרויסער פאַרכטיגקייט און אין זיין גרויסער חדות. ער האָט זיך גענוי צוגעקוקט צו זיין הנהגה און צוגעזעהן און צוגעהערט ווי ער איז מתפלל. ער האָט אויך געהערט זיין תורה. דער יונגער ר' יששכר

דוב איז געווארען א פייערדיגער חסיד. ער האט נאך אבער געהאט א סך צו לערנען. האט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים און האט זיך אנגעהויבען נאך מעהר צו פארטיפען אין חסידות. איצט זיינען זיי שוין געווען זאלבעדריט אין ליובאוויטש — דער מגיד ר' יוסף, דער סופר ר' זבולון און דער יונגער ר' ישׂשכר דוב. אלע דריי זיינען געווען תלמידים פון דעם בעל שם און פייערדיגע חסידים. אלע דריי האבען איצט געקענט, אין ליובאוויטש, זיך צוזאמענקומען לערנען חסידות און זיך טיילען מיט זייערע מיינונגען וועגען פארשידענע הויכע ענינים.

קיינער אין ליובאוויטש, אדער ערגעץ אנדערשוואו, האט ניט געטארט וויסען זייער סוד, אז זיי זיינען חסידים, נאכפאלגער פון דעם בעל שם פון מעזשבוזש, וועמעס נאמען האט שוין אנגעהויבען באקאנט ווערען איבער דער אידישער וועלט, אבער וועמען עס איז נאך געווען א סכנה נאכצופאלגען אין דער אפען.

די צייט איז נאך ניט געקומען, אז די תלמידים פון בעל שם זאלען אפען ארויסקומען פאר דער וועלט מיט דער נייער תורה פון זייער רבי'ן. באזונדער איז נאך ניט געווען רייף די צייט פאר דעם אין ווייס-רוסלאנד, אין ליטע און ד דערבייאיגע מדינות. די דאזיגע מדינות האבען נאך געדארפט ווארטען פאר יענע פייערדיגע נשמות, באזונדער פאר דעם אלטען רבי'ן, ר' שניאור זלמן'ען, דער גרינדער פון חב"ד, וועלכער האט אריינגעבראכט די לעהרע פון בעל שם אין אט די געגענדען און איהר דארט פארפעסטיגט פאר די קומענדיגע דורות.

זיינען דערווייל די דריי תלמידים פון בעל שם אין ליובאוויטש געזעסען און געלערנט חסידות, פארפאלקאמענדיג זיך אין דער תורה פון בעל שם און באפעסטיגענדיג זיך אין זייערע אייגענע מעשים טובים כדי מיט דעם צוצוגרייטען דעם באדען פאר חסידות אין דער צוקונפט.

שוין זייער נייער דרך פון מעשים טובים, זייער ליעבשאפט צו די פשוט'ע בעלי מלאכות און זייער נייער צוגאנג, ווי איינצופלאנצען אידישקייט ביי די פאלקס-מענשען, איז געווען א צוגרייטונג פאר די קינפטיגע חסידישע מנהיגים, און, ווי מיר וועלען נאך זעהען, טאקע אין ליובאוויטש גופא געלייגט דעם יסוד פאר חסידות.

ניט קיין וואונדער, אז ליובאוויטש איז געווארען די היים פון חב"ד און דער סאמע צענטער פון חסידות פאר ווייס-רוסלאנד און ליטע. ניט נאר האבען אט די דריי דערמאנטע צדיקים געלייגט דעם יסוד פון חסידות אין ליובאוויטש נאר אויך איז ליובאוויטש געווען דער פלאץ וואו דער אלטער רבי, ר' שניאור זלמן, האט געלערנט תורה און טאקע ניט ביי קיין אנדערע ווי ביי ר' ישׂשכר דוב'ן.

נאך איידער דער לעהרער און באגרינדער פון חב"ד האט געוואוסט וועגען חסידות און אפשר אויך איידער ער האט געהערט דעם נאמען פון בעל שם — ער איז דאמאלס געווען א אינגעל פון צוועלף יאהר — האט ער שוין געהערט די הויפט יסודות פון חסידות ווי זיי פלעגען ערקלעהרט ווערען פון דעם מגיד ר' יוסף אין זיינע דרשות. ר' שניאור זלמן האט אויף אזא אופן

ניט נאר געלערנט פון זיין רבי'ן ר' יששכר דוב'ן, נאר אויך פון זיין רבין'ס שווער, דער מגיד ר' יוסף, און ווארשיינליך אויך פון דעם סופר ר' זבולון, וועלכע האבען זיך תמיד געהאלטען צוזאמען.

דער גייסט פון חסידות האט זיך געפיהלט אין אלע זייערע רייד, אין זייער גאנצער הנהגה און אין זייער באציהונג צו מענשען, באזונדער אין זייער ליעבשאפט צום פשוט'ען פאלקס־מענשען. אט די ליעבשאפט צום פאלקס־מענשען איז געווען, און איז געבליבען, דער סאמע יסוד פון דעם בעל שם'ס לעהרע.

דער בעל שם זוכט נישט קיין לומדות ביי אידען. ער האלט מעהר פון דעם רחמנא ליבא בעי. עס איז פאר איהם געגוג וואס א פשוט'ער איד קען נאר זאגען עברי, אפילו ווען ער ווייסט נישט קיין פירוש המלות. שוין מיט דעם וואס דער דאזיגער פשוט'ער איד זאגט ארויס די, פאר איהם אומ־פארשטענדליכע, ווערטער, פארשאפט ער מיט דעם א נחת רוח דעם רבונו של עולם און איז משפיע אין די הימלישע וועלטען. דער בעל שם פיהלט אויך, אז מען קען א סך מעהר אויפטהאן מיט די פשוט'ע מענשען וואס קענען ניט מעהר ווי א קאפיטעל תהילים.

אט די פשוט'ע מענשען, די וואס ווערען באצייכענט אלס עמי הארץ, און זיינען אין משך פון דורות פארשטויסען געווארען פון די תלמידי חכמים און זיינען שטענדיג גע'מוסר'ט געווארען פון די מגידים מיט די שארפסטע און שטרייגנסטע רייד, זיינען פון בעל שם דערהויבען געווארען און געווארען דער סאמע וויכטיגסטער מאטעריאל פון וועלכען ער האט אנגעהויבען שאפען א גרויסע נאכפאלגערשאפט.

עס וועט דערביי זיין כאראקטעריסטיש איבערצוגעבען איינעם פון די שמועסען פון דעם בעל שם וועגען אט דעם ענין.

— ביז אברהם אבינו — האט דער בעל שם דערקלעהרט, — איז די וועלט געווען אין פינסטערניש. עס זיינען ניט געווען קיין צדיקים, און עס זיינען ניט געווען קיין לעהרער וואס זאלען ווייזען דעם ריכטיגען וועג די מענשען פון יענער צייט אדער פאר זיי בעטען רחמים. אבער ווען אברהם אבינו איז געקומען, האט ער אנגעהויבען לייכטען אויף דער וועלט און האט אנגעהויבען לערנען די מענשען פון זיין דור דעם אמת'ען דרך פון עבודת הבורא. ער האט אנגעהויבען דערוועקען דעם רחמנות פון באשעפער פאר זיינע שפל'ע באשעפענישען. אפילו פאר די פארדארבענע און זינדיגע מענשען פון סדום און עמורה האט אברהם אבינו מתפלל געווען און געבעטען פאר זיי רחמים ביים רבונו של עולם.

—· פון דעסטוועגען, — האט דער בעל שם ווייטער גערעדט, — איז דער המון אין אברהם אבינו'ס דור אנגערופען געווארען עם הדומה לחמור. נאר וואס איז נוגע דעם אידישען המון ווערט ער אנגערופען מיט'ן נאמען עם הארץ. מיט אט דער באצייכענונג זיינען די פראסטע אידען פארגליכען געווא־רען צו דער ערד. ווארים פונקט ווי אויף דער ערד, אזוי טרעטען אלע אויף דער אידישער מאסע. אבער אין דער ערד האט דער רבונו של עולם אריינגע־געבען דעם כח, אז זי זאל פון זיך ארויסגעבען אלע פלאנצען און אלע פרוכ־

טען כדי צו האלטען ביים לעבען אלע זיינע באשעפענישען. אין דער ערד געפינען זיך אויך אלע אוצרות: גאלד, זילבער, דימאנטען און אלע טייער־סטע און וויכטיגסטע מעטאלען. אזוי זיינען אויך די אידישע פאלקס־מענשען. זיי זיינען פול מיט דאס טייערסטע און איידעלסטע וואס דער מענש באזיצט. אפילו די פשוט'סטע אידען זיינען פול מיט מצוות. אט ווי די חז"ל האבען געזאגט: "אפילו רקנים שבך מלאים מצוות כרמון".

ט

ווען דער בעל שם איז געווען א נסתר

וואס דער אלטער רבי האט דערצעהלט וועגען דער טעטיגקייט פון בעל שם איידער ער איז נתגלה געווארען. — ווען מען דארף העלפען דעם אידישען גוף און ווען מען דארף העלפען די אידישע נשמה.

דער אלטער רבי, ר' שניאור זלמן ז"ל, פלעגט רופען דעם בעל שם טוב "זיידע". דאס איז געווען דערפאר וואס ער איז געווען א תלמיד פריהער פון ר' יששכר דוב'ן, דער איידעם פון דעם מגיד פון ליובאוויטש, ר' יוסף, דעם בעל שם'ס א תלמיד, און דאן פון דעם רבי'ן ר' בער פון מעזעריטש, ביי וועמען ער האט געלערנט די חסידישע תורה ווי דאס איז געקומען פון בעל שם.

נאך ר' יוסף'ס פטירה איז ר' יששכר דוב, וועלכער פלעגט שוין דאמאלט מאכען אפטע באזוכען ביים בעל שם, געווארען דער מגיד פון ליובאוויטש, אויף זיין שווער'ס ארט. ווי א תלמיד פון אט די צוויי פון בעל שם'ס תלמידים, באזונדער פון ר' בער'ן, האט זיך ר' שניאור זלמן געפיהלט ווי ער וואלט געווען דעם בעל שם'ס און אמת'ער "אייניקעל".

ער פלעגט זאגען, אז ר' ברוך (ר' ברוך מעזשעבוזשער) איז דעם בעל שם'ס אייניקעל אין פלייש און ער, ר' שניאור זלמן, איז דעם בעל שם'ס אייניקעל אין גייסט. ר' שניאור זלמן האט זיין אייגענעם אייניקעל, דעם צמח צדק, דערצעהלט וועגען דעם בעל שם'ס דרכים און זיינע עובדות איידער ער איז נתגלה געווארען פאר דער וועלט און האט אפען אנגעהויבען פאר־שפרייטען די לעהרע פון חסידות. וואס ר' שניאור זלמן האט דערצעהלט דעם צמח צדק ווארפט א ניי ליכט אויף דער טהעטיגקייט פון בעל שם איידער ער איז נתגלה געווארען.

דער בעל שם האט זיך געהאט ארומגערינגעלט מיט נסתרים, פארבאר־גענע צדיקים, וועלכע פלעגען וואנדערען פון שטאט צו שטאט און פון ישוב צו ישוב צוצוגרייטען דעם באדען פאר דער חסידישער לעהרע וועלכע האט שפעטער געדארפט אנטפלעקט ווערען פאר דער אידישער וועלט. אין אנפאנג איז אבער די עובדה פון די דאזיגע נסתרים באשטאנען ניט אזוי אין פאר־שפרייטען די חסידישע לעהרע נאר אין משפיע זיין אויף אידען, אז זיי זאלען זיך נעהמען צו פארשידענע פרנסות, באזונדער צו מלאכה און צו ערד־ארבייט. דער ברייטער אידישער עולם האט אין יענער צייט געליטען פון צווייערליי

צרות: ערשטענס, פון דעם וואס ער איז געווען גייסטיג אפגעשטאנען, פאר עם הארץ'עוועט, ממש פארלאזען און פארשטויסען פון די קליינע צאהל לומדים און יודעי ספר, וועלכע האבען זיך געהאלטען אפגעזונדערט אין די דלד אמות של הלכה, און צווייטענס, פון דעם וואס זיי זיינען געווען בארויבט און דערוויטערט פון די קוואלען פון פרנסה.

די בלוטיגע טראגעדיע וואס האט זיך אפגעשפילט אין די יאהרען ת"ח ות"ט, ווען מאסען אידען זיינען אויסגעשלאכטעט געווארען און א סך אידישע קהלות און ישובים זיינען פארניכטעט געווארען, האט געבראכט דערצו, אז הונדערטע און טויזענדע אידען זאלען אנטלויפען פון די דערפער און די קליינע שטעטלעך, וואו זיי זיינען געווען אומבאשיצט, און זאלען זיך צוזאמענקלייבען אין די גרעסערע שטעט און שטעטלעך. זיינען די דאזיגע שטעט און שטעטלעך ניט נאר געווארען ענג באזעצט נאר זיינען פשוט אויסגעשעפט געווארען פון אלע קוואלען פון פרנסה. מאסען אידען האבען געהונגערט. זיי האבען זיך פשוט ניט געהאט צו וואס צו נעהמען.

דער בעל שם האט אנגעהויבען ווירקען אין יאהר ת"ע, איבער זעכציג יאהר נאך יענע בלוטיגע יאהרען. די לאגע פון דעם אידישען המון האט זיך אבער אין משך פון דער צייט גארניט געהאט פארבעסערט, ניט גייסטיג און ניט מאטעריעל.

האט דער בעל שם דערפאר איינגעזעהן, אז צוערשט מוז מען די אידען באזארגען מיט פרנסה, און ער האט מיט דער הילף פון זיינע נסתרים אנגעפאנגען א שטארקע באוועגונג אין פאדאליען און אין די ארומיגע פראווינצען, אז אידען זאלען זיך ארויסקלייבען פון די שטעט און די גרעסערע קבוצים און זיך באזעצען אין קלענערע שטעטלאך און דערפער וואו זיי זאלען זיך פארנעהמען מיט מלאכה און מיט ערד־ארבייט.

אויב איינער האט ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו קריגען א באדייטענדיגען שטח באדען, האט ער געזאלט זיך באנוגענען מיט א גארטען, וואו ער זאל זייען פארשידענע גרינסען און פון דעם ציהען זיין חיונה, אדער זיך אפגעבען מיט האדעווען עופות אדער גאר שאף און רינדער.

די נסתרים האבען ניט נאר ערמוטיגט די פרנסה־לאזע אידען אין די שטעט און שטעטלעך אנצופאנגען א ניי לעבען, א פראדוקטיוו לעבען, א לעבען פון זעלבסט ערנעהרונג, באזירט אויף דער פראצע פון זייערע אייגענע הענד, נאר האבען אליין געציינט א ביישפיעל ווי אזוי זיך אפצוגעבען מיט די דאזיגע נייע פרנסות, מלאכה און ערד־ארבייט.

דערפאר זיינען טאקע אזוי פיעל נסתרים געווארען בעלי מלאכות און ערד־ארבייטער און דערפאר איז ליובאוויטש, ווי איינע פון די פונקטען, וואו אידען האבען זיך געקענט אפגעבען מיט מלאכה און ערד־ארבייט אין יענע יאהרען, געווען פול מיט נסתרים, וועלכע זיינען אלע, אדער אין טייל, געווען תלמידים אדער נאכפאלגער פון דעם בעל שם.

ריידענדיג וועגען אט דער לויבענסווערטער און ביז גאר נויטווענדיגער טהעטיגקייט פון בעל שם צווישען די ברייטע אידישע מאסען, האט דער אלטער רבי ערקלעהרט, אז דער "זיידע" האט געהאלטען, אז די ערשטע אויפגאבע וואס ער און זיינע תלמידים — די נסתרים — האבען פאר זיך, איז

געזונט צו מאכען דעם אידישען גוף און ערשט נאכהער זיך נעהמען צו זייער גייסט, צו זייער נשמה.

טאקע דערפאר איז דעם בעל שם׳ס טהעטיגקייט געווען צעטיילט אין צוויי חלקים: ערשטענס, אלס נסתר, ווען ער האט זיך אפגעגעבען נאר מיט דעם אידישען גוף, און צווייטענס, אלס פאר דער וועלט־אנטפלעקטער צדיק, ווען ער האט זיך פארנומען צו ווירקען אויף אידען גייסטיג, דערהויבענדיג זייערע נשמות.

איז זיין טהעטיגקייט אין די ערשטע יאהרען געווען דורכאויס געווידמעט צום פשוט׳ען פאלק בעת די טהעטיגקייט זיינע, אין די שפעטערדיגע יאהרען, איז אויך געווען געווידמעט צו די לומדים און הויכע גייסטער.

דער אלטער רבי האט דערביי איבערגעזאגט אין בעל שם׳ס נאמען, אז אידען זיינען פארגליכען צו א ווייגשטאק צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, דערפאר וואס אין א ווייגשטאק זיינען אויך די בלעטער וויכטיג פאר די פירות, און צווייטענס, דערפאר וואס די בלעטער פון א ווייגשטאק האבען די וויכטיגע אויפגאבע צו באשיצען די וויינטרויבען און זיינען דערפאר פון דער גרעסטער באדייטונג, ווייל דער כח פון באשיצער איז גרעסער ווי פון דעם באשיצטען.

אט צוליעב דעם זיינען די נסתרים פון יענער צייט געווען פון אזא גרויסער באדייטונג ניט נאר פאר דעם ברייטען אידישען עולם נאר אויך ווי צוגרייטער פאר דעם בעל שם׳ס שפעטערדיגע התגלות.

די ארבייט וואס איז אנגעפיהרט געווארען דורך די נסתרים איז געווען א ברייטע און פארצווייגטע. זי איז אויך אנגעפיהרט געווארען מיט אן אייזערנער דיסציפלין. ווען די צייט איז געקומען פאר׳ן בעל שם נתגלה צו ווערען, זיינען שוין אין א סך שטעט און שטעטלאך געווען איינגעפונדעוועטע צענטערען פון חסידות. דעם בעל שם׳ס תלמידים זיינען שוין געווען אויף באשטימטע פאסטענס, יעדער מיט א באשטימטער ארבייט, אלע צוזאמען דינענדיג איין באשטימטען צוועק, — די דערהויבונג פון די אידישע מאסען.

אין משך פון פינף און צוואנציג יאהר האט זיך אויף דעם אופן דעם בעל שם׳ס לעהרע אויסגעשפרייט פון פאדאליען איבער אוקראינע און פוילען און איז אויך געבראכט געווארען קיין ליטע און ווייס־רוסלאנד.

ליטע איז אבער געווען די סאמע שווערסטע פעסטונג איינצונעהמען. ליטע איז געווען ניט נאר דער צענטער פון לומדות, נאר אויך דער צענטער פון התנגדות און עס האט געדארפט דויערן ביז עס איז געקומען דער אלטער רבי, ר׳ שניאור זלמן, דער "איניקעל" פון בעל־שם, אז חסידות זאל זיך דארט אנהויבען באפעסטיגען און שלאגען ווארצלען.

אבער נאך פאר׳ן לעבען פון בעל שם, — און ווי מיר האבען שוין געזעהן פון דער געשיכטע פון ליובאוויטש, נאך א סך פריהער, — האבען דארט שוין געווירקט עהנליכע גייסטער ווי די וואס זיינען שפעטער געווארען דעם בעל שם׳ס תלמידים און אויספיהרער פון זיינע געדאנקען און פלענער.

פאר ליטע האט אבער געמוזט געשאפען ווערען א ספעציעלע סארט חסידות, — די חסידות פון חב״ד — כדי צו געפינען אן אנהאלט דארט. אט דער דאזיגער מין חסידות, וואס איהרע ראשי תיבות באדייטען: חכמה,

בינה, דעת, איז געשאפען געווארען פון דעם אלטען רבי'ן ערשט פינף יאהר נאך דעם בעל שם'ס הסתלקות, פיער יאהר נאכדעם ווי דער רבי ר' בער, דער מעזשעריטשער מגיד, איז געווארען דעם בעל שם'ס ממלא מקום.

ווארים א יאהר צייט נאך דעם בעל שם'ס הסתלקות, האט די הייליגע "חבריא", דעם בעל שם'ס תלמידים, באשטימט דעם בעל שם'ס איינציגען זוהן, ר' צבי, צו ווערען דער מנהיג פון דער חסידישער וועלט. ר' צבי איז אבער ניט געווען שטארק געניגט אנצוהאלטען די הנהגה. עס האבען זיך דערצו געפאדערט גאר גרויסע כחות סיי כלפי פנים, פאר די אייגענע נאכפאלגער, און סיי כלפי חוץ, פאר די פארשידענע געגנער, וואס האבען אנגעהויבען אויפהויבען זייערע קעפ.

אט די געגנער זיינען געקומען פון צוויי באשטימטע ריכטונגען — די מתנגדים, וועלכע האבען נאך פאר'ן לעבען פון בעל שם אנגעהויבען שטורמען נעגען דעם נייעם דרך, און דאן די פראנקיסטען, מיט וועמען דער בעל שם און זיינע תלמידים האבען געהאט עפענטליכע וויכוחים און זיי מנצח געווען.

נאך דעם בעל שם'ס פטירה האבען די דאזיגע געגנער, סיי די מתנגדים און סיי די פראנקיסטען, דערוואַרט, אז די חסידישע באוועגונג זאל זיך צופאַ־לען. עס האט מעהר ניט געזאלט זיין ווער עס זאל שטעהן אין דער שפיץ פון דער דאזיגער באוועגונג.

די שונאים פון חסידות האבען וועניג געוואוסט אז דער בעל שם האט געהאט אויפגעבויט א שטארקע ארגאניזאציע, א גוט דיסציפּלינירטע קערפּער־שאפט, וואס זאל די ארבייט ווייטער קענען אנפיהרען און מאכען פארטשריט.

האט די "חבריא" באלד איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט צו שטעלען אימיצען אנדערש אין דער שפיץ פון דער חסידישער באוועגונג. אויב ר' צבי איז געווען צו שוואך, האט ער ניט געטאַרט בלייבען דער מנהיג, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז דער זוהן פון בעל שם.

אבער ר' צבי האט ניט געווארט אז די חבריא זאל איהם אנווייזען זיינע שוואכקייטען. ער האט אליין געוואוסט. עס איז געווען דער צווייטער טאג שבועות ווען עס איז געפראוועט געווארען די ערשטע "הילולא" פון דעם בעל שם. ר' צבי האט אקארשט געהאט פארענדיגט זאגען תורה, זיצענדיג אויבען אן ביים טיש. פלוצים האט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און געזאגט מיט די ווערטער:

— היינט איז צו מיר געקומען דער טאטע אין חלום און האט מיר מודיע געווען, אז די פמליא של מעלה מיט אלע משמשים וואס זיינען ביז אהער געווען מיט איהם, זיינען אריבער צו ר' בערעניו און דערפאר פארלאנגט ער פון מיר, אז איך זאל איהם, ר' בערעניו'ן, איבערגעבען די הנהגה אין דער נעגענוווארט פון דער גאנצער הייליגער חבריא. זאל ר' בערעניו פארנעהמען מיין ארט אויבען אן ביים טיש און איך זאל פארנעהמען זיין ארט.

ר' צבי האט דאן אויסגעטהאן זיין מלבוש און עס איבערגעגעבען צו ר' בער'ן און איהם אפגעגעבען א הארציגען "מזל טוב". זיי האבען זיך געביטען מלבושים און אויך פלעצער און אזוי איז ר' בער געווארען דער חסידישער מנהיג, און אונטער זיין הנהגה האט זיך די חסידישע באוועגונג ערשט אנגע־הויבען צו פארשפרייטען און וואקסען.

שפעטער ווען דער רבי ר' בער איז שוין געווען אין מעזעריטש און האט פון דארט אנגעפיהרט זיין הייליגע ארבייט צוציהענדיג צו זיך נייע תלמידים, — די בעסטע און שעהנסטע גייסטער פון יענער צייט, — איז ר' שניאור זלמן אויך צו איהם צוגעצויגען געווארען און איז געווארען זיינער א תלמיד אזוי, אז ער איז אין דער אמת'ען געווארען דעם בעל שם'ס א טאפעלטער "אייניקעל", — א תלמיד פון ר' יששכר דוב'ן און א תלמיד פון דעם מעזעריטשער מגיד, דער אמת'ער ממלא מקום פון בעל שם.

מיט אט דער טאפעלטער פארבינדונג מיט דעם בעל שם איז ר' שניאור זלמן אויך פארבונדען געווארען מיט ליובאוויטש וואו ער האט געלערנט אין זיינע יונגע יאהרען ביי ר' יששכר דוב'ן, לייגענדיג אויף אזא אופן דעם יסוד פאר דער חב"ד'ישער חסידות אין ליובאוויטש, כאטש ער, דער אלטער רבי אליין האט גאר פריהער געהאט זיין היים אין ליאזשנע און דערנאך אין ליאדי און ערשט דער צווייטער דור, דער מיטעלער רבי האט זיך באזעצט אין ליובאוויטש.

און טאקע דערפאר וואס די געשיכטע פון חב"ד איז אזוי ענג פאר־בונדען מיט ליובאוויטש, האט דער גייסט וואס ליובאוויטש האט מיט זיך פארגעשטעלט, אויך געהאט א גרויסע ווירקונג אויף חב"ד און אויף איהרע גייסטיגע פיהרער.

דער צמח צדק, וועלכער איז, אגב, געווען דער צווייטער דור פון חב"ר'ישע רביים, וואס זיינען געזעסען אין ליובאוויטש, האט די שטאט באצייכענט אלס דער "צנור" פון חסידישער אהבה און פריינדשאפט.

— מען דארף רחמנות האבען אויף זיך און אויף דעם אנדערען און איינער דעם אנדערען העלפען, — האט דער צמח צדק געזאגט, וועלענדיג ציהען א מוסר השכל פון דעם וואס דער גייסט פון ליובאוויטש אלס שטאט שטעלט מיט זיך פאר, — מען דארף ווערען בעסער אין מדות טובות און אין עבודת הבורא, ווי דאס ווערט געלערנט על פי חסידות.

איז טאקע קיין וואונדער ניט וואס חב"ד און ליובאוויטש זיינען געווארען שמות הנרדפים. איינס האט משפיע געווען אויף דאס אנדערע.

מיט דעם אין זינען קום איך איצט צו דער געשיכטע פון חב"ד, די געשיכטע פון די הייליגע גייסטער, וואס האבען איהר געשאפען און זייער אפשטאם, אט ווי די טראדיציע פון ליובאוויטשער הויף גיט עס איבער און ווי דאס איז פארשריבען אין די כתבים פון אונזערע ארכיוען.

י.

אָפּשטאַם פון דער שניאורסאָן גזע

דער יחוס וואָס גערט ביז צום מהר"ל מפּראג און נאָך ווייטער. — ר' משה פון פּאָזנען און זיין זוהן ר' שניאור זלמן. — דער יתום ר' ברוך און זיין אייגנאַרטיגער דרך.

דער יחוס פון דער שניאורסאָן גזע פאנגט זיך ניט אָן נאָר מיט דעם אלטען רבין, ר' שניאור זלמן, דער בעל התניא און דער גרינדער פון חב"ד, נאָר געהט א סך דורות פריהער, אַזש צו דעם מהר"ל פון פּראג, דער באַשאַפער פון גולם, און נאָך ווייטער; דורות פון באַריהמטע גאונים און בעלי מקובלים האָבען באַשיינט דער שניאורסאָן משפּחה.

מיין אייגענע באַשרייבונג פון דער שניאורסאָן־פאמיליע פאנגט זיך אָן מיט דעם גאון ר' משה, וועלכער האָט געוואוינט אין פּאָזען, וואָס איז דאַמאָלס געווען א מין זעלבסטשטענדיגע מדינה. ר' משה האָט גע'שם'ט פאר זיין לומדות פּונקט ווי פאר זיין עשירות. ער איז אויך געווען געבענשט מיט זיהן און טעכטער. איינער פון זיינע זיהן האָט געהייסען ר' שניאור זלמן, נאָך וועמען דער בעל התניא איז געווען א נאָמען. דער דאָזיגער ר' שניאור זלמן איז געווען נאָר אנדערש פון ר' משה'ס אנדערע זיהן. ער איז פון געבורט געווען שוואַך און קרענקלאַך. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט אין לערנען תורה טאָג ווי נאכט. ער האָט אויך ליעב געהאַט צו פּראַווען התבודדות.

בעת די אנדערע ברידער האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט מסחר, האָט ר' שניאור זלמן זיך עוסק געווען אין תורה. ווען ער איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון א געוויסען ר' ברוך'ן, וועלכער האָט געהאַט דעם צונאָמען "בטלן", אודאי דערפאַר וואָס ער האָט זיך געהאַט אינגאַנצען אויסגעטהאָן פון עולם הזה.

ווי עס קוקט אויס, האָבען ר' משה און אויך די אנדערע ברידער געוואָלט, אַז ר' שניאור זלמן זאָל זיך, ווי זיי אַלע, נעהמען צו מסחר. אָבער ר' שניאור זלמן האָט זיך פון דעם אָנטזאָגט און האָט זיך גענומען צו דער אָרימער פּרנסה פון מלמדות. זינט דאַן האָט ער זיך שוין אינגאַנצען אָפּגעזאָגט פון נעהמען שטיצע פון זיין רייכען טאַטע'ן און זיינע רייכע ברידער.

די פאמיליע וואָלט ווייטער געלעבט אין פּאָזען אין שלום ושלוה. האָט אָבער אין פּאָזען אָנגעהויבען זיך פאַרשפּרייטען די השכלה באַוועגונג. א געפאהר האָט זיך אויפגעהויבען פאר דעם אידישען דת. ר' משה און אַנדערע אידישע תושבים אין פּאָזען האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען, אַז זיי וועלען דאָרט מעהר ניט קענען דינען דעם אויבערשטען און זיך עוסק זיין אין תורה ווי פריהער, און זיי האָבען באַשלאָסען אויסצוואַנדערען, ציעלענדיג צו גרייכען ווייס־רוסלאַנד, וואו עס זיינען דאַמאָלס געווען גרויסע אידישע צענטערען.

האָבען זיי געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין ווייס־רוסלאַנד. ר' משה און איינער פון זיינע זיהן האָבען זיך

באזעצט אין מינסק. צוויי פון זיינע זיהן, ר' יהודה און ר' מרדכי, האבען זיך באזעצט אין ארשע, מאהליוער גובערניע. ר' שניאור זלמן, זיין פרוי און זייער טאכטער דבורה לאה זיינען מיטגעגאנגען מיט יענע אידישע משפחות פון פאזען, ביי וועמען ער איז געווען א מלמד. זיי האבען זיך אלע באזעצט אין וויטעבסק. ר' שניאור זלמן האט זיך ווייטער אפגעגעבען מיט מלמדות.

דריי יאהר שפעטער האט ר' שניאור זלמן'ס פרוי געבארען א איינגעל, וועמען מען האט א נאמען געגעבען ברוך, נאך דעם זיידע'ן, ר' ברוך "בטלן", וועלכער איז נפטר געווארען אין פאזען פאר דער אויסוואנדערונג.

ברוך איז געווען א געזונט קינד און האט זיך פיין ענטוויקעלט, פיזיש אזוי גוט ווי גייסטיג. ר' שניאור זלמן האט זיך אין וויטעבסק געהאט פאר־קליבען אין איינע פון די שמאלע און ארימע געסלאך אין עק שטאט, ניט וויט פון דעם טייך דווינע. פון דארט האבען זיך אויסגעשפרייט גערטנער, פעלדער, לאנקעס און סעדער. די ארימקייט האט זיך דערפאר דארט ווייניגער געפיהלט, ווייל מען איז געווען תמיד נאהענט צו דער נאטור און די נאטור האט ר' שניאור זלמן פון תמיד שטארק ליעב געהאט. ער האט שטענדיג נאר געוואלט זיך מתדבק זיין מיט גאט'ס יצירה.

די ליעבע צו גאט'ס יצירה האט ר' שניאור זלמן באלד פון געבורט אויך איינגעפלאנצט אין זיין זוהן ברוך. די מאיעסטעטישע דווינע און די פרעכטיגע גערטנער און פעלדער, לאנקעס און סעדער, האבען זיך טיעף איינגעקריצט אין זכרון פון דעם קליינעם ברוך פון זיין קינדהייט. דאס האט איהם אבער ניט געזאלט שטערען לערנען תורה. ווארום ווען ברוך איז גאר געווארען פיער יאהר אלט, האט איהם דער טאטע איינגעוויקעלט אין א טלית און אויף די הענט געבראכט צו א דרדקי מלמד. ער אליין איז געווען א מלמד פון א העכערער קאטעגאריע. ברוך האט געדארפט האבען א צוגרייטונג צו קענען לערנען ביים טאטע'ן.

ברוך האט באלד ארויסגעצייגט גרויס חשק צום לערנען. עס איז נאך ניט געווען אריבער קיין יאהר און ברוך איז שוין געווען קלאהר אין א פיינעם טייל פון תנ"ך.

גאר אין גיכען האט איהם ר' שניאור זלמן איבערגעגעבען צו א צווייטען מלמד, ביי וועמען ער האט שויז געלערענט גמרא. ווען ברוך איז גע־ווארען זיבען יאהר אלט, האט איהם ר' שניאור זלמן אריינגענומען אין זיין איינגענעם חדר און איהם געזעצט צווישען זיינע אנדערע תלמידים. דריי יאהר האט דער קליינער ברוך געלערענט ביי זיין טאטע'ן אין חדר און האט ארויס־געצייגט זיינע גרויסע כשרונות. אזוי אז ער האט אין לערנען שנעל איבער־געשטייגט זיינע חברים, וועלכע זיינען געווען א סך עלטער פון איהם.

אחוץ דעם וואס ר' שניאור זלמן האט געלערענט מיט זיין זוהן, האט ער אפט אויך מיט איהם פארבראכט אין יחידות. ער האט דעם קליינעם ברוך'ן גענומען אויף לאנגע שפאצירען ביי דעם ברעג פון דער דווינע. זיי האבען שפאצירט איבער לאנקעס און פעלדער און די גאנצע צייט האט ר' שניאור זלמן גערעדט צו זיין זוהן תורה און איהם דערצעהלט די וואונדער פון גאט'ס באשאף.

די דאזיגע שפאצירען אונטער דעם פרייען הימעל, מיט גאט'ס שעהנע

וועלט פאר די אויגען, האבען איז ברוך'ן ארויסגערופען נאך מעהר ליעבע צו דער נאטור און ליעבע אויך צו זיין מיט זיך אליין, ווייט פון מענשען, פארנומען מיט די אייגענע רעיונות. ברוך האט נאך אלס אינגעל שוין גע־צייגט א נייגונג צו פראווען התבודדות.

ווען ער איז געווארען בר מצוה איז ער שוין געווען קלאהר עטליכע סדרים משניות און האט געקענט עטליכע מסכתות גמרא אויף אויסווענינג. ברוך האט געקענט אנגעהן מיט'ן לערנען אהן דער הילף פון א רבי'ן. האט זיין פאטער, ר' שניאור זלמן, איהם טאקע געלאזט לערנען אליין, אנוויי־זענדיג איהם נאר וואס ער זאל לערנען און ווי אזוי ער זאל מסדר זיין דעם לערנען.

איצט, אז ר' ברוך האט שוין מעהר ניט געדארפט קיין רבי'ן, פלעגט ער נעהמען די גמרא און די אנדערע ספרים, וועלכע זיין פאטער האט איהם געהייסען לערנען, און איז מיט זיי אוועק צום ברעג טייך און דארט אויף א שטיין, אדער אויסציהענדיג זיך אויף'ן ווייכען גראז, האט ער זיך פארטיעפט אין לערנען.

אנשטאט די שעהנקייט פון דער נאטור זאל פאר איהם זיין א שטער, האט עס איהם גאר אונטערגעגעבען חשק צום לערנען. דאס פליוסקען פון דעם פליסענדיגען וואסער און דאס זינגען פון די פויגעל און דאס זשומען פון די פארשיידענע אינסעקטען האבען זיך צוזאמענגעגאסען מיט ברוך'ס געזאנג ביים לערנען.

א יאהר נאך זיין בר מצוה איז זיין מוטער קראנק געווארען אויף קדחת און איז אין עטליכע חדשים ארום געשטארבען. באלד נאך דעם איז אויך ר' שניאור זלמן קראנק געווארען און אין משך פון א האלב יאהר צייט איז ער נפטר געווארען. ברוך איז געבליבען א קיילעכדיגער יתום.

דער טויט פון זיינע עלטערען האט אויף איהם געמאכט א דערשיטער־רענדיגען איינדרוק. דער וועהטאג און צער האבען דעם פערצעהן יאהריגען ברוך'ן פשוט דערשלאגען. צי איז עס געווען דערפאר וואס ער איז צו זיינע על־טערען, באזונדער צו זיין פאטער, געווען אזוי שטארק צוגעבונדען, צי דאס איז סתם געווען די עלענדקייט וואס ער האט פלוצים דערפיהלט, ברוך איז ארומגעגאנגען ווי אין עולם התהו.

אין משך פון די אבילות איז ברוך, ווי דער איינציגער קדיש, געגאנגען דריי מאל א טאג אין בית המדרש און געדאווענט פאר'ן עמוד. ער האט אויך געלערנט משניות פאר די נשמות פון זיינע פארשטארבענע עלטערען. ער האט אבער מיט דעם אלעם ניט געקענט איינשטילען זיין גרויסען צער. מען האט געקענט זעהן ווי דער יונגער ברוך געהט פשוט אויס. מען האט אויך גע־קענט מערקען, אז דער צער ווירקט אויף זיין גייסט.

אין וויטעבסק האט ברוך געהאט א מוהמע, פריידע, וועמעס מאן, דער פעטער, האט געהייסען קדיש. זיי האבען ברוך'ן און זיין שוועסטער דבורה לאה מקרב געווען. זיי האבען דעם יתום און די יתומה, ברוך'ס שוועסטער, דבורה לאה, גענומען צו זיך אהיים. דבורה לאה האט זיך מעהר ווייניגער גע־

פיהלט געטרייסט. ברוך האט אבער אפילו אין הויז פון דער מומע'ן און פעטער נים געפונען קיין מנוחה.

אין א געוויסען טאג האט ברוך געלאזט וויסען זיין מומע'ן און פעטער, ווי אויך זיין שוועסטער, אז ער האט באשלאסען צו פארלאזען וויטעבסק.

—איך וועל געהן ערגעץ אין א מקום תורה, — האט ער ערקלעהרט.

— וואו וועסטו פארוואגעלט ווערען? דו בינסט נאך צו יונג צו וואנדערען — האבען דער פעטער און די מומע מיט איהם פרובירט איינ'טענה'ן — בעסער פארבלייב מיט אונז. עס וועט דיר דא גארניט פעהלען!

די אלע רייד האבען אבער גארניט געהאלפען. דער יונגער ברוך האט שוין געהאט ביי זיך באשלאסען וואס ער זאל טהאן און קיינער האט ביי איהם נים געקענט פועל'ן צו ענדערען זיין באשלוס. עטליכע טעג זיינען פאראיבער און ברוך האט פארלאזען וויטעבסק, נים איבערלאזענדיג קיין שפור הינטער זיך.

דערווייל האט די טרויעריגע בשורה וועגען ר' שניאור זלמן'ס און זיין ווייב'ס טויט דערגרייכט ר' משה'ן, וועלכער האט, ווי מיר ווייסען שוין, זיך געהאט באזעצט אין מינסק, וואו ער האט געפיהרט מסחר און האט געהאט גרויס הצלחה. ר' משה האט באלד ארויסגעשיקט א שליח מיוחד קיין וויטעבסק, אז ער זאל פון דארט ברייינגען דעם יתום ברוך און די יתומה דבורה לאה, זיינע אייניקלאך. ביי איהם וואלט זיי ממש קיין פויגעל-מילך נים געפעהלט. ווען דער שליח איז אנגעקומען קיין וויטעבסק, איז שוין ברוך דארט מעהר נים געווען און קיינער האט נים געוואוסט אין וועלכער ריכטונג ער איז אוועק. דבורה לאה'ן האט דער שליח אויך נים געקענט נעהמען מיט זיך צו איהר זיידע'ן, ווארום איהר פעטער, קדיש, און די מומע, פריידע, זיינען געווען קינדערלאז און זיי האבען איהר נים געוואלט אוועקלאזען.

איז דבורה לאה געבליבען ביי איהר פעטער און מומע'ן אין הויז, ביז זי האט חתונה געהאט. דערווייל האט ברוך ארומגעוואנדערט איבער די שטעט און שטעטלעך אין דער סביבה פון וויטעבסק און האט אין ערגעץ נים געפונען קיין שטענדיגען מקום מנוחה. דריי יאהר האבען געדויערט זיינע וואנדערונגען. ער האט א געוויסע צייט פארבראכט אין דאבראמיסל, קאלישק און אנדערע שטעטלאך. אומעטום, וואו ער איז געקומען, האט ער זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש. אבער ער האט זיך לחלוטין אנטזאגט צו נעהמען וועלכע עס איז שטיצע, צי דאס איז געווען קהל, צי דאס זיינען געווען יחידים. ווי עס האט זיך געפיהרט, האט מען א לערנער אנגעבאטען עסען "טעג". אויב ער האט נים געוואלט שלאפען אין בית המדרש, האט מען פאר איהם אפגעזוכט א קווארטיר ביי אימיצען אין הויז. ברוך האט אבער פון די אלע זאכען נים געוואלט וויסען. ער האט ביי קיין פרעמדע טישען נים געוואלט עסען. ווי דערנערט מען זיך אבער? איז ברוך געווארען א האלץ-העקער און א וואסערטרעגער, אדער ער האט ארויסגעהאלפען קרעמער און סוחרים אין מארק-טעג.

ר' ברוך האט זיך נים געשעהמט מיט קיין ארבייט, ווי שפל זי זאל נים זיין. קיין ארבייט איז אויך פאר איהם נים געווען צו שווער. ער האט געהאלטען פון דעם "פשוט נבילתא בשוק", אבי נים אנצוקומען צו מענשען.

נאר א סך האבען ניט געקענט פארשטעהן ברוך'ן. ווער האט זיך דען געוואלט פארטיפען און זיך דערגרונטעווען אין דער נשמה פון א יונגען איי־נעל, זאל ער אפילו האבען געווען א גרויסער למדן און מתמיד. א סך האבען עס צוגעשריבען צו א "שגעון", וואס מען האט אוועקגעמאכט מיט'ן האנט און ווייניג אויפמערקזאמקייט געשיינקט דעם גאנצען עניו.

ברוך האט דערפון געהאט נאר ווייניג עגמת נפש. זאל מען ווענען איהם זאגען וואס מען וויל, אבי מען לאזט איהם צורוה און מען לאזט איהם געהן זיין אייגענעם דרך.

האט ער ערגעץ געפונען די קלענסטע שטערונג צו זיין ארט לעבען, אזוי איז פון דארט אוועק און האט אויסגעוואנדערט אין אן אנדער שטעטעל, וואו ער האט ווייטער זיך געפיהרט אויף דעם זעלביגען שטייגער — לערנענדיג טאג ווי נאכט אין בית המדרש און ציהענדיג זיין פרנסה פון די שווערסטע ארבייטען, וואס ער האט נאר געקענט געפינען און פאר וואס מען איז געווען גרייט איהם צו באצאהלען.

יא.

גוף און נשמה

די וואנדערונגען פון א יונגען בחור'ל וואס האט זיך פארנומען אויף א נייעם דרך.— וויל זיך דערנערען פון ארבעט.—ווען מען שטעהט פנים אל פנים מיט'ן הונגער.

נאכדעם ווי ברוך האט געוואנדערט איבער א רייהע שטעטלאך איז ער אנגעקומען אין ליאזשנע. דארט האט ער זיך באלד געזעצט לערנען אין דעם גרויסען בית המדרש. ברוך האט געהאט אפגעשפארט אביסעל געלד פון די פארשידענע שווערע ארבייטען וואס ער האט געטהאן אין די אלע שטעטלאך אין וועלכע ער האט פארבראכט פריהער. ווי קליין עס זיינען געווען זיינע פארדינסטען, זיינען אבער זיינע טעגליכע באדערפענישען געווען נאך קלע־נער: א שטיקעל טרוקען ברויט, עפעס צום ברויט און ברוך איז געווען נעזעטיגט. א שוך, א קלייד זיינען געווען פון די קלענסטע זאכען ביי איהם. האט ער דערפאר געקענט באווייזען מיטצוברייננגען מיט זיך קיין ליאזשנע, וואס ביי איהם האט געקענט באטראכט ווערען ווי א "קניפעל", און וואס זאל איהם האלטען באזארגט מיט זיינע באדערפענישען פאר א לייגגערער צייט.

ברוך האט דערפאר געקענט זיצען אומגעשטערט אין בית המדרש און לערנען מיט גרוים התמדה. עס איז איצט אין דער אמת'ען פאר איהם, דעם זיבעצעהן יאהריגען בחור'ל, געווען א גליקליכע צייט: קיין דאגות פרנסה, און די גאנצע צייט, טאג און נאכט, פריי צו לערנען.

אז א בחור'ל ווי ברוך, וואס קומט פון דער פרעמד, זעצט זיך אוועק אין בית המדרש און לערנט מיט גרוים התמדה און פארלאנגט ניט דערביי פון קיינעם וואס א פרוטה איז ווערטה, מוז ער נאטירליך באלד צוציהען גרוים אויפמערקזאמקייט. דער שמש פון בית המדרש, ר' עזרא, איז דער ערשטער וואס הויבט זיך אן צוקוקען צו דעם יונגען מתמיד. ער פרעגט

ברוד'ן, צי ער וויל ניט אז מען זאָל איהם באזאָרגען מיט עסען און אנדערע באדערפענישען. ברוד ערקלעהרט אַבער, אז ניט ער דאַרף און ניט ער וויל פון קיינעם קיין הילף.

ברוד, וועלכער האָט געמאכט דעם בית המדרש פאַר זיין היים, העלפט אפט ארויס דעם שמש אין זיינע פארשידענע עובדות. ער העלפט איהם אויס־קעהרען דעם בית המדרש. ער ברייננט וואסער פאר'ן כיור, און טראָגט ארויס דאָס אומריינע וואסער מיט וועלכען מתפללים האָבען געוואשען די הענד. ער העלפט אַנצינדען ליכט און לאָמפען ערב שבת און אלע טאָג פון דער וואָך. ברוד ווערט ביי ר' עזרא'ן כמעט אַן אונטער־שמש. ר' עזרא וויל ברוד'ן דער־פאר מיט עפּעס מפּצה זיין. ברוד ענטזאגט זיך אָבער צו נעהמען וועלכע עס איז באלוינונג. ער זאָגט, אז ער טהוט עס פון מצוה און אז ער נויטיגט זיך ניט אין קיין שכר. אויב ער וועט זיך נויטיגען אין עפּעס פאר זיין גשמיות'דיגע קיום וועט ער טהאָן פּשוט'ע מלאכות. דערוויילי אָבער פעהלט איהם ניט קיין זאַך.

ר' עזרא קוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט נאָך אזא פארשוין ווי ברוד'ן ניט געזעהן. ער דערצעהלט מיט גרויס באוואונדערונג וועגען ברוד'ן דעם גבאי פון שוהל, ר' אליעזר זונדעל. עס הערען וועגען דעם אויך די אנדערע בעלי בתים וואָס קומען טאָג־טעגליך דאוונען אין גרויסען בית המדרש. זיי אליין האָבען שוין באמערקט דעם בחור'ל וואָס זיצט און לערנט אזוי געשמאַק.

— ווער איז ער? פון וואנען קומט ער? — פרעגט דער גבאי, ר' אליעזר זונדעל.

דער שמש ציהט מיט די אקסלען. ער קען אויף דעם ניט ענטפערען.

— איך האָב עס פון איהם ניט געקענט ארויסקריגען, — זאָגט ר' עזרא, — קענטיג אז ער וויל עס ניט אויסזאָגען.

דער גבאי, ר' אליעזר זונדעל, פּרובירט אליין זיך פאנאנדעררעדען מיט ברוד'ן און דערגעהן פון איהם ידיעות וועגען זיין אָפּשטאַם און וואָס אזוינס עס האָט איהם געבראכט קיין ליאָזשנע. ער באָט איהם אויך אָן צו זאָרגען פאר זיינע באדערפענישען. ברוד וויל אָבער קיין וואָרט ניט זאָגען וועגען דעם פון וואנען ער איז געקומען און פאר וואָס ער האָט דוקא אויסגעקליבען ליאָזשנע. ער דערקלעהרט אויך דעם גבאי, אז ער דאַרף פון קיינעם ניט קיין הילף.

דער גבאי זעהט איין, אז ער וועט מיט ברוד'ן גאָר ניט מאכען. ער איז אַן עקשן.

ער ווענדט זיך צום שמש און זאָגט:

— איך קען מיט איהם גאָרניט מאכען. פּרובירט איהר נאָך אמאָל. מען מוז דאָך פאָרט אויסגעפינען ווער ער איז. מען קען איהם דאָך ניט לאָזען פארהונגערט ווערען.

מאכט זיך ר' עזרא האַרץ און הויבט אָן צושטעהן צו ברוד'ן, אז ער מוז איהם אויסזאָגען ווער ער איז און פון וואנען ער קומט. דער שמש וויל איהם אויך מעהר ניט אָפּלאָזען און וויל איהם פּשוט מיט גוואלד נעהמען צו זיך אהיים און איהם דאָרט געבען עסען.

— א מענש קען דאָך ניט אזוי אָפּקומען, — טענה'ט ר' עזרא איין

מיט ברוך'ן. אבער ברוך בלייבט פאר'עקשנ'ט. אז ער זעהט, אז ער וועט זיך פון ר' עזרא'ס הענד ניט אויסדרעהען, פארלאזט ער דעם גרויסען בית המדרש און פארקלייבט זיך אין א קליינעם בית המדרש, וואס האט זיך געפונען אין עק שטאט. דארט האט איהם קיינער ניט באלעסטיגט. ער האט געקענט פיהרען זיין לעבען ווי ער האט אליין געוואלט.

ברוך האט אבער אנגעהויבען איינזעהן, אז דאס ביסעל געלד וואס ער האט מיטגעבראכט קיין ליאזשנע און מיט וועלכען ער האט דערהאלטען זיין נשמה, האלט ביסלעכווייז אין אויסגעהן. נאך א ווייל און ער וועט ניט האבען מעהו מיט וואס צו קויפען קיין שטיקעל ברויט. האט ער אנגעהויבען קארגען און מצמצם געווען אפילו אויף דעם טרוקענעם שטיקעל ברויט. ברוך האט דאן אויך אנגעהויבען זוכען נייע מעגליכקייטען צו פארדינען פון ארבייט. ער איז ארום אין גאס צו געפינען עפעס צו טהאן. ער האט געוואלט ווערען א טרעגער פון שווערע משאות. האט ער אבער איינגעזעהן אז אין ליאזשנע זיינען פאראן צופיעל טרעגער און יענע זיינען אלע געווען באווייבטע.

— איך וועל פון זיי ניט צונעהמען קיין פרנסה, — האט ברוך צו זיך געזאגט און האט געזוכט עפעס אנדערש.

ער האט געוואלט ווערען א וואסער־טרעגער. האט ער אויסגעפונען, אז אין ליאזשנע זיינען פאראן צופיעל ארימע לייט, וואס קענען זיך ניט פאר־גינען דאס פארגעניגען, אז מען זאל ברייגנען וואסער אין הויז אריין. זיי זיינען אלע געגאנגען צו די ברונימער און די קרעניצעס צו באזארגען זיך מיט וואסער. די בעלי־בתישע מענשען פון שטאט האבען שוין געהאט פון לאנג זייערע וואסער־טרעגער. זאל ברוך פון אימיצען פון אט די וואסער־טרעגער פרובירען אוועקנעהמען זייער פרנסה? חס חלילה! דאס וואלט דאך געווען השגת גבול.

ברוך וואלט געגאנגען האקען האלץ. זיינען אבער אין ליאזשנע געווען גענוג ארימע־לייט וואס האבען זיך פארדונגען צו טהאן כל עבודת פרך אבי צו פארדינען א שטיקעל ברויט. ער וועט מיט אט די דאזיגע נצרכים ניט קאנ־קורירען.

ברוך'ן איז געווארען קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען. זיין הארץ איז אנגע־פילט געווארען מיט צער — צער פאר די אלע ארימע מענשען, וואס דארפען זיך ראנגלען פאר זייער חיונה. ער האט זיך שוין אליין געהאלטען אין מאכען פארוואורפען וואס ער איז ניט געווען שפארזאמער מיט זיין געלט. ער האט געדארפט עסען ווייניגער, וואלט איהם דאס געלט געקלעקט פאר א לייננגערע צייט. אבער ער האט נאך אלץ געהאט אביסעל פון זיין אפגעשפארטען געלט. האט ער אנגעהויבען נאכמעהר קארגען און זיך באנוגענט מיט א סך וויני־גער ווי פריהער. דאס האט געמיינט, אז ער האט פשוט אונטערגעהונגערט. געוויסע טעג איז וואך האט ער געפאסט תעניתים. אין דער זעלביגער צייט האט ער געהאלטען אין לערנען נאך מיט מעהר פייער און ברען.

די מתפללים פון יענעם קליינעם בית המדרש אין עק פון ליאזשנע זיינען אלע געווען גרויסע ארימע־לייט. יעדער פון זיי איז געווען פארנומען מיט זיינע אייגענע זארגען. קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם בחור'ל,

וואס איז געזעסען אין בית המדרש און געלערנט. עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען צו טראכטען פון וואנען ער לעבט און ווי אזוי ער לעבט.

אויף זיין בלייכען און אויסגעדארטען פנים האט מען שוין געקענט זעהן, אז ברוך ליידט הונגער. אבער די אידען פון עק שטאט, וואס האבען צוזאמענגעשטעלט די מתפללים פון בית המדרש, זיינען געווען געוואוינט צו זעהן אזוינע האלב־פארהונגערטע און פאר'צער'טע פנים'ער. עס איז פאר זיי ניט געווען קיין חידוש.

דער איינציגער וואס האט זיך יא צוגעקוקט צו ברוד'ן איז געווען א זקן, וואס האט אליין זיך אויפגעהאלטען אין בית המדרש. דערפאר וואס דער דאזיגער בית המדרש איז געווען צו ארים, האט מען דארט ניט געקענט אויסהאלטען קיין שמש און קיין אנדערע כלי קודש. האט דער זקן אויפגעפאסט אויפ'ן בית המדרש און איז דארט געווען אין דער בחינה פון א שמש, כאטש ער האט פאר דעם ניט געקראגען קיין באלוינונג. פון צייט צו צייט, האט איהם אימיצער פון די מתפללים עפעס געגעבען אין יד און דער זקן האט זיך דערפון דערנעהרט.

אט דער זקן האט גוט געוואוסט ווי גרויס עס איז געווען די התמדה פון דעם יונגען לערנער. ער האט אויך געוואוסט, אז אט דעם לערנער פעהלט צום עסען. ער האט געזעהן מיט וואס און מיט ווי ווייניג ברוך קומט אפ. ער האט אבער אליין ניט געהאט עפעס אנצובאטען ברוד'ן, ניט וויסענדיג אפילו, אז אויב ער וואלט איהם עפעס אנגעבאטען, וואלט ברוך זיך פון דעם ענטזאגט. בכלל האט דער זקן זיך געהאלטען פון דערווייטען פון ברוד'ן. אליין א פראסטער מענש, קוים א יודע ספר, האט ער פשוט ניט געוואגט צו פריינטלען זיך מיט דעם וואויל־לערנער.

אזוי איז אוועק דער ווינטער און עס איז אנגעקומען דער פריהלינג. געפינענדיג זיך אין עק שטאט, איז ברוך איצט געווען נעהענטער צו דער נאטור, וואס ער האט אזוי שטארק ליעב געהאט. ער האט איצט אנגעהויבען נעהמען לאנגע שפאצירען אויסערען שטאט. די זון האט געשיינט. דער הימעל איז געווען קלאר. די ערד האט זיך באדעקט מיט א גרינעם מאנטעל. די בוימער האבען אנגעהויבען בליהען. די וועלדער און די פעלדער האבען אנגעפילט די לופט מיט געשמאקע ריחות. פויגעל האבען געזונגען. אינסעקטען האבען געזשומעט. עס איז געווען פונקט די צייט וואס ברוך האט זיך געקענט אויסציהען אויף א לאנקע, אונטער א בוים און חלום'ן זיינע חלומות. אויף דער פרייער נאטור האט ער אויך געקענט לערנען מיט מעהר התלהבות. ער האט לייכטער געקענט פארגעסען זיין הונגער און זיך מעהר פארטיפען אין עולמות.

מיט'ן אנקומען פון שבועות, האט ברוך זיך ארומגעזעהן, אז אט באלד און זיינע לעצטע פרוטות וועלען פארשווינדען. ער האט פאר דעם הייליגען יו ? טוב כאטש געמוזט האבען חלות צו מאכען קידוש. דער הייליגער יום טוב, דער זמן מתן תורתנו, האט בשום אופן ניט געטארט פארשטערט ווערען. וואס האט ער געזאלט טהאן? האט ער געפאסט תעניתים עטליכע טעג נאכאנאנד, כדי עס זאל איהם בלייבען גענוג אויף אויסקומעניש איבער יום טוב.

אבער וואס וועט זיין נאך יום טוב? עס איז פשוט געווען כלה פרוטה

מין הכיס. ער האט זיך צוליעב דעם שטארק מצער געווען. אבער ער האט אויך געהאט פארדרוס אויף זיך אליין. ער האט זיך געמאכט שארפע פאר־ווארפען. וואס הייסט, אז ער פיהלט זיך אזוי פארלארען? און וואו איז זיין בטחון אין דעם רבונו של עולם? ברוך האט דאמאלס געהאט געלערנט א סך מוסר ספרים. ער האט געוואוסט ווי גרויס עס איז די מידה פון בטחון. האט אבער די דאזיגע מידה אויך געקענט אנגעווענדעט ווערען דאמאלס ווען מען איז געווען איינגאנצען הילפלאז, אהן א פרוטה ביים לייב און לעבען? ברוך האט געפיהלט, אז ער דארף זיך דערהויבען צו אזא הויכער מדרגה, אז אפילו אין דעם שווערען מצב אין וועלכען ער האט זיך געפונען, זאל ער אויף קיין רגע ניט פארלירען דעם בטחון! ער האט ניט געדארפט פרעגען: ווי אזוי, ווען און וואס? ער האט זיך דורכאויס געדארפט פארלאזען אויפ'ן רבונו של עולם, דעם שפייזער פון אלע באשעפענישען און דער שפייזער אויך פון איהם.

עס איז בכלל ניט געווען די צייט צו זיין אין עצבות. שבועות איז געווען נאהענט און די נאטור איז געווען אזוי שעהן! מען האט נאר געדארפט ארויס אויף דער פרייער נאטור, איבערלאזענדיג הינטער זיך די שטאט מיט איהר ארימקייט, מיט איהר יאגעניש און פלאגעניש און זיך איינגאנצען באהעפטען מיט גאט'ס וואונדערליכע יצירה. וואס פאר א שעהנקייט מען האט דאמאלס דערפיהלט און וואס פאר א פרייד עס האט דאמאלס ארומגענומען ביים הארצען! וואס זארג, וואס פלאגעניש? עס איז געווען א וועלט וואו דער גאנצער באשאף האט געזאגט שירה צו זיין באשעפער! ברוך האט זיך אין אזוינע מאמענטען געפיהלט ווי א טייל פון דער יצירה און דערפאר א טייל פון הקדוש ברוך הוא אליין. אין אזוינע דערהויבענע מאמענטען קען מען ניט טראכטען פון די נישטיגע באדערפענישען פון דעם נישטיגען גוף. די נשמה איז דאמאלס איינגאנצען מנצח דעם גוף.

יב.

דער כח פון בטחון

וואס מיר קענען לערנען פון די איבערלעבונגען פון דעם יונגען ברוך'ן. — דער נייער דרך אויף וועלכען ער האט זיך פארנומען און די גרויסע נסיונות וואס ער איז בייגעשטאנען.

מיר וועלען איצט נאכפאלגען די פאסירונגען און די איבערלעבונגען פון דעם יונגען ברוך'ן, וועלכער, ווי דער פאטער פון דעם קומענדיגען גרינדער פון חב"ד, האט מיט זיין צדקות און מיט זיין אייגענארטיגען דרך אין לעבען, אליין ניט וויניג בייגעטראגען צו דער דאזיגער שיטה אין חסידות. ברוך, ווי מיר האבען שוין געזעהן, האט זיך פארנומען אויף א דרך וואס נאר יחידי סגולה האבען אויף איהם געקענט געהן און ניט גע'ניזוק'ט ווערען, רחמנא לצלן.

ברוך רופט ארויס אונזער באוואונדערונג נאך מעהר, דערפאר וואס ער איז אויף אט דעם דרך געגאנגען אליין, מיט אייגענע כחות און אומבאגלייט,

ניט האבענדיג און ניט וועלענדיג קיין הילף פון אימיצען, פארלאזענדיג זיך אויף'ן אויבערשטען, אז ער וועט איהם באשיצען געגען אלע סכנות, אויך די סכנה פון הונגער.

עס איז ניט נאר אינטערעסאנט, נאר אויך וויכטיג זיך צו באקאנען מיט די אלע פרטים פון זיין יוגענט, ווייל מיר קענען דאן זעהן ווי שווער עס איז דער וועג פאר'ן צדיק, וויפיעל דער צדיק דארף זיך אנליידען און וואס פאר נסיונות ער דארף דורכמאכען אין לעבען איידער ער דערגרייכט צו זיינע הויכע מדרגות.

ברוך קען אונז דינען פאר א גלענצענדען ביישפיעל פון גראדליניגקייט, אויסגעהאלטענקייט, פעסטקייט פון כאראקטער, אנטשלאסענקייט און פון יענע צדקות וואס פארבינדט גוף און נשמה, הימעל און ערד, רוחניות און גשמיות.

שבועות איז אריבער און ברוך איז געבליבען אהן א פרוטה. עס האבען זיך פאר איהם אנגעפאנגען טעג פון אומאונטערבראכענע תעניתים. איצט האט ער שוין ניט געפאסט בלויז צו שפארען. ער האט מעהר אין גאנ־צען ניט געהאט וואס צו עסען. אבער ווי לאנג קען א מענש פאסטען? ער האט די טעג פרובירט פארברייngען אין פעלד אונטער'ן פרייען הימעל, פאר־טיפענדיג זיך אין הויכע רעיונות. ער האט אויך פרובירט איבערגעהן אויף אויסוויייניג אלץ וואס ער האט געלערענט. דער הונגער האט אבער געגריזשעט ביים הארצען. די כוחות זיינען ביסלאכווייז אפגעשוואכט געווארען. די חושים האבען אנגעהויבען ווערען פארטעמפט.

ברוך האט זיך נאר געקענט דערפרישען מיט קאלטען וואסער פון א קרעניצע אדער א דערבייאיגען טייכעל. אבער אז צוויי־דריי מעת לעת זיינען אוועק און קיין ביסען איז איהם אין מויל ניט אריינגעקומען, האט קיין קאלט וואסער מעהר קיין דערפרישונג ניט געקענט זיין. געטריבען פון הונגער, האט ער אנגעהויבען ארומזוכען גראזען. ער האט געפונען זויערען שטשאוו. ער האט פארשלונגען עטליכע הויפענס פון אט דעם גראז און פארטרונקען מיט קאלטען וואסער. אבער אזא אכילה נאך אזא לאנגען און אומאונטערבראכע־נעם תענית, האט נאר געקענט פאראורזאכען בויך־וועהטאג.

דער וועהטאג האט אנגעהאלטען שעה'ן לאנג. אז דער וועהטאג איז פאראיבער, האט ברוך ווידער געפיהלט דעם פיין פון הונגער. ברוך האט מעהר קיין רוה ניט געקענט געפינען אין פעלד און האט באשלאסען צוריקצוגעהן אין שטאט אריין. ער האט שוין אנגעהויבען טראכטען, אז עס וואלט געווען ניט פון וועג, אויב ער זאל אריין אין ערגעץ א הויז און בעטען א שטיקעל ברויט. ער האט געוואוסט, אז אידען, און אפילו גויים, וואלטען איהם ניט אנטזאגט קיין שטיקעל ברויט. ער וואלט דאן געקומען צו זיך.

ער איז געשטאנען פאר א נסיון. איבער דריי יאהר צייט האט ער קיינמאל ניט גענומען פון קיינעם קיין צדקה. ער האט די גאנצע צייט געלעבט פון זיין אייגענער הארעוואניע. זאל ער איצט, מיט אמאל, ענדערען זיין דרך? ער האט עס ביי זיך ניט געקענט פועל'ן. ער איז טאקע געווען אין סכנה מיט'ן לעבען, אבער אפילו אין אזא מאמענט, האט ער געפיהלט, דארף ער זיך נאך אלץ פארלאזען אויף'ן רבונו של עולם און ניט אנקומען צו קיין בשר ודם.

א פארהונגערטער, און אפגעשוואכטער, איז ברוך מיט לאנגזאמע טריט געגאנגען אין שטאט אריין. ער איז געגאנגען מיט א נייעם וועג. ער איז פאר־ביי־געגאנגען הייזער און גערטנער, וועלכע ער האט נאך פריהער ניט געהאט געזעהן. גראד זיינען עס געווען אידישע הייזער — הייזער פון אידען וואס האבען זיך אפגעגעבען מיט גערטנעריי און מיט אנדערע ארבייטען, וואס האבען ניט געפאדערט, אז זיי זאלען וואוינען אין די ענגע גאסען פון שטאט.

ברוך'ן איז פארגעקומען פארבייציונגעהן א גארטען פון גרינסען. דורך'ן צוים האט ער באמערקט א אידען, פארענדיג זיך צווישען די בייטען, אויס־רייסענדיג ווילדע גראזען און באגיסענדיג מיט וואסער די גרינסען. דער גערט־נער האט דערזעהן ברוך'ן און איהם געפרעגט, אויב ער וואלט ניט געוואלט איהם ארויסהעלפען אין דער ארבעט.

— איך וועל דיר דערפאר באלוינען — האט ער צוגעלעגט — עס איז מיר צו שווער אליין צו טהאן.

ברוך איז געווען צופרידען. עס איז געווען צום ערשטען מאל, אז מען האט איהם אין ליאזשנע אנגעבאטען ארבייט. דאס איז דאך טאקע געווען וואס ער האט די גאנצע צייט געזוכט. ברוך האט זיך אנגעכאפט. דער גערטנער האט איהם מכבד געווען מיט ברויט און גרינסען און מיט עפעס צו פארטריג־קען. ברוך האט געשטילט זיין הונגער און איז צוריק געקומען צו זיינע חושים.

דער גערטנער האט ברוך'ן געוואלט אין גאנצען ביי זיך, ווי א שטענדיגען ארויסהעלפער. עס איז פונקט געווען די צייט פון יאהר, ווען מען נעהמט ארונ־טער גרינסען פון די גערטנער און מען ברייננט זיי אין שטאט צום פארקוי־פען. דריי וואכען צייט האט ברוך געהאט א היים מיט עסען און אויך אביסעל געלט פאר זיין ארבייט.

ברוך'ס ארבייטזאמקייט און איבערגעבענהייט זיינען דעם גערטנער שטארק געפעלען געווארען. אז די ארבייט אין גארטען האט זיך געענדיגט, האט דער גערטנער נאך אלץ ניט געוואלט אוועקלאזען ברוך'ן. אחוץ דעם גארטען מיט גרינצייג האט דער גערטנער אויך געהאלטען א סאד, וואס ער האט מיט א שותף געהאט אפגעדונגען פון א דערבייאיגען פריץ. די פירות האבען שוין אנגעהויבען ווערען צייטיג. עס איז געווען געקומען די צייט, אז מען זאל דעם סאד דארפען היטען פון גנבים און פון פויגעל, אז זיי זאלען ניט קאליע מאכען די פרוכט אויף די בוימער. שפעטער האט מען אויך גע־דארפט האבען מענשען ארונטערצונעהמען די פרוכט פון די בוימער, זיי פאר־פאקען אין וועגענער און זיי ברייננגען אין שטאט אריין.

עס איז געווען אן עניין פון וואכען. ברוך האט זיך צו דעם געזאלט גוט אויסטויגען. ברוך איז געווען צופרידען. ער האט אויסגענומען א תנאי, אז יעדען פריהמארגען און יעדען פארנאכט זאל ער קענען געהן אין שטאט אריין דאווגען בציבור. דער אלטער גערטנער האט צו דעם מסכים געווען.

די צייט פון הונגער איז פאר ברוך'ן געווען פאראיבער. זיין גרויסער בטחון אין רבונו של עולם איז ניט געווען אומזיסט.

א נייע לעבען האט זיך אנגעפאנגען פאר ברוך'ן. אלס שומר האט ער זיך אויפגעהאלטען אין אביידעל, וואס איז געשטאנען אין מיטען סאד. ברוך

אין איצט געווען נאהענט צו דער נאטור, וואס ער האט זיין גאנצען לעבען אזוי שטארק געליעבט. אומגעהענדיג איבער'ן סאד, בייטאג און ביינאכט, האט ער געקענט חלום'ען זיינע חלומות. ער האט געקענט באוואונדערען גאט'ס באַשאַף. ער האט אויך די מעהרסטע צייט געקענט פארברייגגען אין תורה און עבודה.

איין זאך האט איהם פארשאפט עגמת נפש: ער האט ניט געהאט קיין ספרים צו לערנען. פון שטאט האט ער קיין ספרים ניט געקענט מיטברייגגען. מען וואלט איהם ניט דערלויבט ארויסצונעהמען ספרים פון א בית המדרש. קיין יחידים, ביי וועמען צו לייהען ספרים, האט ער אויך ניט געהאט. אגב האט ער אויך ניט געוואלט ציהען קיינעמס אויפמערקזאמקייט מיט זיין לומדות. האט ער זיך אין די ערשטע טעג, וואס ער איז געווארען שומר, זיך באנוגענט מיט איבער'חזר'ן אויף אויסווייניג אלץ וואס ער האט געהאט געלערענט ביז דאמאלס. עס האט זיך איהם אבער געוואלט לערנען נייע זאכען און פאר דעם האט ער געמוזט האבען ספרים.

האט ער זיך דערמאנט אז דעם זקן איז אין בית המדרש אין עק פון ליאזשנע, וואו ער האט זיך די גאנצע צייט אויפגעהאלטען. ברוך האט באשלאסען צו האבען א שמועס מיט דעם זקן און איהם בעטען, אז ער זאל איהם דערלויבען ארויסצונעהמען ספרים פון בית מדרש. דער זקן איז געווען צופרידען צו דערפילען ברוך'ס בקשה און ער האט איהם געלאזט נעהמען וועלכע ספרים ער האט געוואלט.

איצט איז שוין ברוך געווען אין גאנצען צופרידען. ער האט געקענט זיצען אין סאד און לערנען מיט גרויס התמדה. צוויי מאל א טאג איז ער געגאנגען אין שטאט אריין דאווענען מיט א מנין. אויף'ן וועג הין און צוריק האט ער דערוויילע איבערגע'חזר'ט אלץ וואס ער האט געהאט געלערענט אין סאד. קיין סך ארבייט האט ער אין סאד ניט געהאט. זיין עובדה איז נאר געווען צו שפאצירען איבער'ן סאד און אכטונג געבען, אז קיין בהמות זאלען דארט ניט אריין, אז קיין פויגעל זאלען ניט קאליע מאכען די פרוכט און אויך אז קיין גויים פון דעם דערבייאיגען דארף זאלען ניט גנב'ענען קיין פירות. ברוך האט דערפאר געהאט גענוג צייט צו לערנען און גענוג צייט צו פארטיפען זיך אין הויכע רעיונות.

זייענדיג אין סאד, איז ברוך געווען אפגעהיט אין אלע מצוות. ערב שבת האט ער זיך געמאכט אן עירוב תחומים, כדי ער זאל אויך שבת קענען געהן אין שטאט אריין און קומען צוריק. אבער דעם ערשטען שבת אין דער פריה, אז ער איז צוריקגעקומען פון בית המדרש אין סאד אריין, האט ער זיך פלוצים געכאפט, אז ער האט מיט'ן בעל הבית זיינעם ניט אויסגענומען קיין תנאי, אז ער זאל שבת ניט זיין מחויב אוועקצוטרייבען די פויגעל וואס קומען ארונטער זיך זעצען אויף די בוימער און פיקען די פרוכט. דאס, האט ער זיך דערמאנט, איז לויט'ן דין פארבאטען. ער האט אויך געהאט פארגעסען אויסצונעהמען א תנאי, אז פאר דעם טאג שבת זאל ער ניט קריגען קיין שכר. ער האט וועגען דעם עניין נאכגעטראכט און געקומען צום שלוס, אז ער האט געדארפט אויסנעהמען מיט זיין בעל הבית, אז פאר'ן טאג שבת זאל ער אנ־

שטעלען א גוי צו היטען דעם סאד און אז פאר'ן טאג זאל ער ארונטערנעהמען פון זיין, ברוך'ס, געהאלט.

דאס וואס די אלע זאכען זיינען איהם ארוים פון זינען ביים פארדינגען זיך אלס שומר, האט ברוך'ן פארשאפט גרוים צער. האט עס דען ניט געצייגט, אז ער איז ניט געגוג אפגעהיט אין מצוות? האט עס דען ניט באוויזען, אז נאך די אלע מאטערנישען און אנשטריינגונגען איז ער נאך אלץ הינטערשטעליג און שטעהט אויף א גאנץ נידעריגע מדרגה? ער האט זיך אליין געמאכט שארפע פארוואורפען. סטייטש, ווי האט ער געקענט פארקוקען בפירוש'ע דינים און ווי האט ער געקענט זיין אזוי אומפארזיכטיג, אז ער זאל פשוט דארפען מזלזל זיין אין דעם הייליגען שבת?

יענער שבת איז שוין פאר איהם געווען א פארשטערטער. ער איז אומגעגאנגען איבער'ן סאד שעה'ן לאנג און האט זיך געשלאגען מיט דער דעה, וואס ער זאל טהאן, ווי אזוי ער זאל פארריכטען דעם פעלער וואס ער איז באגאנגען. ער, וואס האט די גאנצע צייט געזוכט שלמות, האט ניט געטארט פאלען אזוי נידעריג, אז ער זאל ממש קומען צו חילול שבת!

ברוך איז ענדליך געקומען צו דער מסקנא. אז ער מוז אויף זיך נעהמען א שווערע תשובה, אז ער דארף זיך אליין שווער באשטראפען. קודם כל, האט ער ביי זיך באשלאסען, וועט ער דארפען פארלאזען דעם סאד און צוריק אנהויבען הונגערען. אין דער זעלבינער צייט וועט ער מוזען לאנג מתפלל זיין. חרטה האבענדיג אויף דער פארגאנגענהייט און מקבל זייענדיג אויף זיך, אז להבא וועט ער מעהר אזוינע פעלערען ניט באגעהן.

ער האט שוין אפילו ביי זיך מסדר געווען ווי אזוי ער זאל אויף זיך נעהמען די תשובה. דריי וואכען האט די דאזיגע תשובה געדארפט אנהאלטען. אין משך פון אט די דריי וואכען האט ער דריי מעת לעת נאכאנאנד ניט געדארפט נעהמען קיין שפייז אין מויל. דאן האט ער געדארפט צוויי מאל א וואך פאסטען און אין משך פון די תענתים לערנען גאנצע נעכט און אין די טעג שלאפען ניט מעהר ווי צו דריי שעה. פאר דער צייט האט ער אויך געוואלט לערנען אויף אויסווייניג די מסכת שבת.

האבענדיג באשלאסען אויף אט דער שווערער תשובה, איז ברוך'ן געווארען לייכטער אויף'ן הארצען. באלד אויף מארגען איז ער אוועק צו זיין בעל הבית און איהם געזאגט, אז עפעס האט פאסירט צוליב וואס ער איז געצוואונגען אויפצוגעבען פאר א געוויסער צייט זיין שטעלע און אז פאר אט דער צייט זאל מען אנשטעלען א אנדער שומר.

דער בעל הבית האט איהם געבעטען פארבלייבען נאך א טאג אין סאד, צוזאגענדיג צו קומען אין סאד מארגען מיט איהם צו איבערריידען וועגען פארבייטען איהם מיט אן אנדער שומר.

דער בעל הבית האט דערקלעהרט, אז עס איז בכלל ניט אזוי לייכט פאר איהם צו געפינען אימיצען אנדערש אויף וועמען ער זאל זיך קענען פארלאזען. עס וועט דערפאר מעגליך מוזען נעהמען עטליכע טעג ביז ברוך וועט קענען פארביטען ווערען.

ברוך האט זיך צוריקגעקעהרט אין סאד און דערווייל אנגעהויבען מאכען

הכנות פאר זיין תשובה. אויף מארגען, ווען דער בעל הבית איז געקומען אין סאד אריין, האט ער דערהערט ווי פון דעם שומר'סביידעל טראגט זיך א הארצרייסענדיגער געוויין ווי פון איינעם וואס איז פארטהאן אין תפילה. דער בעל הבית איז געווען פארגאפט. אזא תפילה האט נאר געקענט קומען פון א גרויסען צדיק. ווער האט עס געקענט זיין? ער האט זיך גארניט געקענט משער זיין, אז דאס איז געווען דער שומר ברוך.

יג.

דער אנטדעקטער סוד

ווען ברוך'ס בעל הבית האט אויסגעפונען, אז דער שומר פון זיין סאד איז א "נסתר". — דער באזוך פון פריץ אין סאד און זיין אינטערעס אין ברוך'ן.

דער נאמען פון ברוך'ס בעל הבית, בעסער געזאגט, איינער פון די בעלי הבתים, — דערפאר וואס דער סאד איז געהאלטען געווארען פון צוויי שותפים—איז געווען ר' אברהם. דער צווייטער שותף האט געהייסען ר' עזריאל. עס איז געווען ר' אברהם, וואס איז יענעם טאג געקומען אין סאד אריין איבער־צוריידען מיט ברוך'ן, וועלכער האט געהאט דערקלעהרט, אז ער וויל מעהר ניט זיין קיין שומר. ר' אברהם איז געווען פארגאפט, ווען ער האט פוי׳ דערוווייטען דערהערט ווי ברוך איז מתפלל מיט גרויס געוויין.

ר' אברהם האט זיך לאנג צוגעהערט צו ברוך'ס תפלה. נאך דער לאנגער תפלה האט ברוך אנגעהויבען זאגען תהילים. נאכדעם ווי ער האט אפגעזאגט עטליכע קאפיטלעך תהילים מיט גרויס התלהבות, האט ער אנגעהויבען לערנען גמרא מיט א זיס קול און מיט גרויס פייער און ברען. ר' אברהם האט שוין געזעהן אז ער האט דא צו טהאן ניט מיט קיין פשוט'ען שומר. ר' אברהם איז שוין ניט אריין אין ביידעל צו ברוך'ן. ער האט איהם ניט געוואלט ציינען אז ער וויים זיין סוד און האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים.

אויף מארגען, ווען ברוך איז געגאנגען צוגאנגען אין שטאט אריין דאווענען, איז ער ווידער געקומען צו ר' אברהם'ן און האט איהם געפרעגט פאר וואס ער האט ניט געהאלטען זיין צוזאג צו קומען אין סאד און איבעררעדען וועגען אנשטעלען אן אנדער שומר אויף זיין ארט. ר' אברהם האט איהם ניט גע־וואלט זאגען דעם אמת. ער האט דערפאר אנגעגעבען א תירוץ, אז צוליעב געוויסע סיבות האט ער ניט געקענט האלטען ווארט. אבער וואס איז בכלל די איילעניש? האט ר' אברהם געפרעגט. וועט זיין אן אנדער טאג, און דאמאלס וועט ער באשטימט דערפילען זיין בקשה.

ר' אברהם, וועלכער איז אליין געווען א גרויסער למדן און צדיק, האט זיך שוין געהאט פארטראכט וועגען דעם שומר זיינעם. ער האט זיך געוואונ־דערט וואס אזוינס עס קען שטעקען אין דעם וואס ברוך האט פלוצים באשלאָ־סען צו פארלאזען זיין שטעלע.

ר' אברהם האט געהערט צו יענע פיינע אידישע גייסטער, וואס האבען שוין לאנג געהאט איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט, אז אידען זאלען זיך נעה־מען צו מלאכה כדי צו באפעסטיגען זייער קיום. ער איז אין זיינע יונגע יאהרען

געווען בארופען פאר אן עלוי. ער איז געווארען דער איידעם פון א פיינעם אידישען בעל הבית און איז עטליכע יאהר געזעסען ביים שווער אויף קעסט. ווען די קעסט האט זיך געענדיגט און ר' אברהם האט געדארפט אנהויבען זארגען פאר פרנסה, האט דער שווער געוואלט אז ער זאל ווערען א רב. ר' אברהם איז געווען ראוי צו פארנעהמען דעם כסא הרבנות אין די שעהנסטע אידישע קהלות. ר' אברהם האט אבער בשום אופן ניט געוואלט זיין קיין רב. ער האט באשלאסען צו דערנעהרען זיך מיגיעת כפיו. האט ער זיך גע־נומען צו גערטנעריי. ער האט געפלאנצט אלערליי גרינסען און זיי פארקויפט אין ליאזשנע. שפעטער איז ער געווארען א שותף מיט ר' עזריאל'ן און זיי האבען זיך אפגעגעבען ניט נאר מיט גערטנעריי נאר אויך מיט אפדינגען סעדער. אין זיין לידיגער צייט האט ר' אברהם זיך עוסק געווען אין תורה, גאנץ ליאזשנע האט געוואוסט, אז ר' אברהם געהערט צו יענע גרויסע גייסטער וואס ווילען ניט מאכען די תורה פאר א קרדום לחפור בו.

עס איז דערפאר געווען גאנץ נאטירליך אז ר' אברהם זאל בעסער פאר־שטעהן און אפשאצען אזא בחור ווי ברוך. עס איז איצט פאר אהם געווען קלאר, אז ברוך געהערט ניט נאר צו די וואס ווילען מקיים זיין דעם "בזיעת אפך תאכל לחם", נאר אויך אז ער איז א נסתר. ער האט אבער ניט געקענט פארשטעהן צוליעב וועלכען טעם ברוך וויל פארלאזען דעם סאד, וואו ער האט, אייגענטליך, געקענט לייכט געהן אין זיינע דרכים און בלייבען א נסתר.

ר' אברהם האט ביי זיך אפגעמאכט, אז ער מוז אויסגעפינען די סיבה דערפון און אויב מעגליך פארהאלטען ברוך'ן מיט זיך. דערפאר, אז ר' אברהם האט זיך אין באשטימטען טאג געוויזען אין סאד, האט ער באלד געשטעלט ברוך'ן די שאלה: פארוואס ער וויל אוועק פון סאד. ברוך האט ניט געהאט קיין חשק אנצוגעבען דעם אמת'ן טעם. ר' אברהם האט איהם אבער ניט אפגעלאזט און ברוך האט קיין ברירה ניט געהאט און דערצעהלט, אז דא איז דערפאר וואס ער האט זיך ארומגעזעהן, אז ער איז אייגענטליך א מחלל שבת. דערפאר האט ער באשלאסען צו נעהמען אויף זיך אן עונש און, אנשטאט צו זיין שומר אין סאד, וואס איז א גאנץ לייכטע עובדה, זאל ער פון איצט טהאן די שווערסטע ארבייטען און זיין גוף זאל מעהר קיין מנוחה ניט האבען.

ר' אברהם האט געוואלט זיך ארייננלאזען אין א טיעפען תורה שמועס מיט ברוך'ן, אבער דאס וואלט געמיינט, אז ער גיט ברוך'ן צו פארשטעהן, אז ער ווייס שוין דעם סוד, אז ער איז א נסתר. האט ר' אברהם באשלאסען בעסער איהם ניט צו צייגען אז ער ווייס ווער ער איז. ער האט דערפאר צו איהם גערעדט מיט דער זעלביגער פשטות ווי ברוך האט גערעדט. ער האט אנגעוויזען אויף דעם וואס עס שטעהט געשריבען "אל תצדק הרבה", אז א מענש זאל ניט פראווען קיין צופיעל צדקות. ער האט איהם אויך אנגעוויזען אופ'ן מאמר חז"ל אז "לא עם הארץ חסיד". ר' אברהם האט דערמיט געגעבען ברוך'ן צו פארשטעהן, אז אויב עס איז טאקע פיין פון זיין זייט, וואס ער וויל אויף קיין האר ניט פארשוועכען דעם שבת, דארף ער אבער ניט פראווען קיין חסידות, וויל די מידה פון חסידות געהערט נאר צו גרויסע לומדים און טיעפע גייסטער.

מיט דעם האָט ער נעשטעלט ברוך'ן אין א פארלעגענהייט. ער האָט איצט געזאָלט פיהלען, אז כדי ניט צו צייגען, אז ער האלט זיך פאר איינעם פון יענע לומדים און הויכע גייסטער, אָדער אז ער האלט בכלל פון זיך, האָט ער אלץ געמוזט ארונטערשלינגען און צונעבען ר' אברהם'ן, אז ער איז גע־רעכט, בפרט נאָך אז ר' אברהם האָט באלד אליין געמאכט אן אנבאָט, אז ער זאָל ווייטער פארבלייבען שומר, אבער שבתים וועט אויף זיין אָרט געדונגען ווערען א גוי צו היטען דעם סאָד.

ברוך האָט איצט ניט געהאט קיין אויסרייד צו פארלאָזען דעם סאָד און איז ווייטער געבליבען שומר. אויב ער איז ביי זיך נאָך ניט געווען איננאנצען צופרידען, האָט ער עס געזאָלט פארגיטיגען מיט תורה און תפלה.

זעקס וואָכען זיינען אוועק. ר' ברוך האָט די טעג און די נעכט פארבראכט אין לערנען מיט גרויס התמדה. וויסענדיג אז ער איז אליין אין סאָד, פלעגט ער זיך צולאָזען אויף זיין פיינעם, זיסען קול און דער סאָד איז תמיד געווען פול מיט זיינע מתיקות'דיגע טענער. ער האָט ניט געוואוסט אז ר' אברהם פלעגט אָפט קומען אין סאָד אריין און פון באהעלטעניש זיך צוהערען צו ברוך'ס התלהבות'דיגען לערנען. ר' אברהם פלעגט אזוי אָפשטעהן שעה'ן לאנג און דאן שטילערהייט צוריקגעהן. פון דעם וואס ער האָט געהערט אין סאָד האָט ער געוואוסט, אז ברוך איז ניט סתם א וואויל־לערנער נאָר איינער פון די גאָר גרויסע לומדים.

די טעג פון וואַרטען ביז די פירות וועלען צייטיג ווערען זיינען אוועק און עס איז געקומען די צייט ווען מען האָט געדאַרפט די פירות ארונטער־נעהמען פון די בוימער. איצט איז שוין אין סאָד מעהר ניט געווען פאר ברוך'ן קיין מנוחה ווי פריהער. ברוך איז מעהר ניט געווען אליין. אין סאָד זיינען ארונטערגעקומען די צוויי שותפים, ר' אברהם און ר' עזריאל, מיט זייערע משפחות, ווייבער און קינדער, און אפילו זייטיגע מענשען, אייניגע געדונגענע און אייניגע אומזיסטע. אלע האָבען זיך איצט מיט גרויס חשק גע־נומען צו דער ארבייט. מען האָט צוגעשטעלט לייטערס צו די בוימער און אין קערב און קאָשיקעס האָט מען אָנגעהויבען ארונטערנעהמען די פרוכט און זיי פאַקען אין וועגענער וועלכע מען האָט אוועקגעפיהרט אין שטאָט אריין.

אין סאָד איז געוואָרען טומלדיג און רוישיג. ברוך איז געווען פארנומען מיט העלפען ארונטערנעהמען די פרוכט פון די בוימער ווי אלע אנדערע. איצט, אז ער איז געווען צווישען מענשען, ארבעטזאם און שטענדיג פאר־נומען, האָט מען געקענט זעהן אז ער איז, א חוץ זיינע אלע אנדערע מעלות, אויך אנציהענד און גוט אנטוויקעלט קערפערליך. ער איז געווען ברייט־פּלייצעדיג, מיט שטארקע מוסקולען, הויך געוואקסען און מיט אַ אויסער־געוויינליך שעהנעם פּנים.

א באזונדער איינדרוק האָבען געמאכט זיינע אויגען. זיי זיינען געווען טיעף און לויטער, ארויסצייגענדיג טיעפזיניגקייט און שטאַרקייט פון כאראקטער, אנטשלאָסענקייט און מורא'לאָזיגקייט. מען האָט אין זיינע אויגען און אויף זיין פּנים תמיד געזעהן א באהאלטענעם צער. דערצו איז ברוך אויך געווען באשאַנקען מיט א פיינעם און אנגענעהמען חיתוך הדבור. ער האָט גערעדט בנעימות'דיג און מיט אן אנגענעהמער, קלינגענדיגער שטימע.

ער האָט אויך גערעדט א פיינעם און פליסיגען פויליש אזוי, אז פאר די עט־ליכע גוים וואָס זיינען איצט, ביים ארונטערנעהמען די פּרוכט פון די בוימער, געוועזען אין סאַד, ווי פאר די אידען, איז עס געוועזען אן אנגענעהמע איבערראשונג.

א צוויי־דריי וואָכען האָט געדויערט דאָס ארונטערנעהמען די פּרוכט פון די בוימער. פאר דער צייט וואָס די ארבעט איז אָנגעגאנגען האָבען זיך אין סאַד באוויזען געהויבענע געסט. דאָס איז געוועזען דער פּריץ, פון וועמען דער סאַד איז געדונגען געוואָרען, מיט זיין משפּחה, — זיין זוהן, זיין טאָכטער און אויך זיין פרוי. זיי זיינען געקומען נעבען זייערע גוטע וואונשען די צוויי אידישע שותפים וואָס האָבען געהאט געדונגען דעם סאַד און פאר דעם באַ־צאָהלט א גאנץ פיינעם מקח. דער פּריץ האָט געצייגט זיין ברייטהארציגקייט און האָט זיך געהייסען אָנפּאקען א קאָרב מיט פּרוכט פאר וואָס ער האָט די צוויי אידען באצאָהלט, אָפּזאָגענדיג זיך פון דעם אָנבאָט מצד די שותפים, אז ער זאָל נעהמען די פּרוכט אומזיסט.

עס איז געוועזען אויך אָט דעם באזוך מצד דעם פּריץ און זיין משפּחה וואָס ברוך האָט פּלוצים געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די געהויבענע געסט. דער פּריץ האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון ברוך'ס פיין אנטוויקעל־טען קערפּער און פון זיין אויסערגעוויינליך איינדרוקספולען פּנים און דורכ־נעהמענדיגע, און מיט חכמה־פולע, אויגען. ווען ער האָט אויסגעפונען אז ברוך רעדט א פיינעם, פליסיגען פויליש, האָט ער זיך פון איהם ממש ניט גע־קענט אָפּוואונדערען.

דער פּריץ האָט זיך מיט ברוך'ן פאנאנדערגערעדט. ער האָט זיך פאר־אינטערעסירט אין איהם און געוואָלט וויסען אלע פּרטים פון זיין לעבען, באזונדער ווען ער האָט געהערט, אז ברוך האָט די גאנצע צייט זיך אויפ־געהאלטען אין סאַד אלס שומר. דער פּריץ האָט פארגעשטעלט ברוך'ן פאר זיינע קינדער אָנווייזענדיג אויף איהם ווי אויף א מערקווירדיגען יונגען מאַן. ברוך האָט באלד געקענט מערקען, אז די גאנצע פּריצישע פאמיליע איז אין איהם פאראינטערעסירט. ער האָט באזונדער באמערקט, און דאָס האָט די דמים ארייגעטריבען אין זיין פּנים, — ווי די טאָכטער פון פּריץ, נאָך גאָר א יונגע פרוי, נעהמט פון איהם ניט ארונטער די אויגען.

—און דו פארברייננגסט אין סאַד די נעכט איינער אליין ? — האָט די יונגע פּריצטע א פרעג געטהאָן ברוך'ן.

ברוך האָט געענטפערט מיט א שאָקעל פון קאָפּ, קענטיג ניט וועלענדיג זיך אריינלאָזען אין א שמועס מיט דער יונגער פּריצטע. ער האָט אָבער מעהר גערן געענטפערט אויף אלע פראַגען פון פּריץ און זוהן, וואָס די יונגע פּריצטע האָט וואַרשיינליך צוגעשריבען צו זיין שעהמעוודיגקייט און ניט צוגעוואוינטקייט צו ריידען מיט פרויען. און האָט איהם מעהר ניט באלעסטיגט מיט קיין פראַגען, איבערלאָזענדיג דעם שמועס צו איהר פאטער און ברודער. זי איז געשטאנען ביי דער זייט מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפּען און נאָך אלץ ניט ארונטערגענומען די אויגען פון ברוך'ן.

אויף מאָרגען איז דער פּריץ און זיין משפּחה ווידער געקומען אין סאַד אריין און דאָס מאָל האָבען זיי שוין אלע קלאָר געצייגט, אז זייער הויפּט אינ־

טערעס איז ברוך. ברוך איז געווען שטארק פארוואונדערט פון דעם. אויך ר' אברהם און זיין שותף, ר' עזריאל, זיינען געווען פארוואונדערט.

— ווען אונז מוזען באזוכען, — האט דער פריץ א זאג געטהאן צו ברוך'ן. — ביי מיר אין הויף וועלען מיר קענען מעהר שמועסען. דער יונגער פריץ האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. ער איז אויך געווען פאראינטערע־סירט אין ברוך'ן. די יונגע פריצטע איז געשטאנען פון דער זייט און גע־שמייכעלט.

יד.

אידישער שטאלץ

ווי ברוך איז ניצול געווארען פון א סכנה. — ער ווערט אויס שומר און זעצט זיך ווידער לערנען אין בית מדרש. — זיין חבר'שאפט מיט זיין פריהערדיגען בעל הבית.

ברוך האט אויף דער איינלאדונג פון פריץ ניט געענטפערט. ער האט ווי פון יוצא וועגען א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ און געשוויגען. דער פריץ און זיין משפחה זיינען אוועק און ברוך האט זיך צוריקגענומען צו דער ארבייט און פרובירט זיך ארויסשלאגען פון קאפ די גאנצע פאסירונג.

עס איז געווען איינעם פון די אווענטען. ברוך איז געווען אליין אין סאד. מיט אמאל איז אין טיהר פון ביידעל אימיצער דערשינען. ברוך האט זיך אומגעקוקט און צו זיין איבערראשונג איז פאר איהם געשטאנען נים קיין אנדערער ווי דער יונגער פריץ.

דער יונגער פריץ האט ברוך'ן אפגעגעבען א ברייטהארציגען "גוטען אווענט" און איהם דערקלעהרט, אז זיין פאטער האט איהם געשיקט צו פארבעטען איהם, ברוך'ן, צו זיי אהיים.

— מיר פיהלען אלע, — האט דער יונגער פריץ געזאגט, — אז דו ביזט עלענד און אליין אין סאד. מיר וואלטען דיך וועלען האבען ביי אונז אין הויז, צו פארברייננגען דעם אווענט.

ברוך האט געצעגערט. ער האט זיך פרובירט ארויסדרעהען פון דער איינ־לאדונג, פיהלענדיג אז דאס וועט ניט פיהרען צו קיין גוטעס.

— איך בין אליין אין סאד, — האט ברוך געפונען א תירוץ, — ווי קען איך איבערלאזען אלץ אויף הפקר?

דער יונגער פריץ איז אוועק. ברוך האט שוין געמיינט, אז ער איז מיט איהם פארטיג. אבער עס האט לאנג ניט גענומען, און ער האט זיך צוריקגע־קעהרט מיט צוויי פאראבקעס באגלייט פון עטליכע גרויסע הינט.

— אט זיי וועלען היטען דעם סאד פאר דער צייט וואס דו וועסט פאר־ברייננגען מיט אונז, — האט דער יונגער פריץ געזאגט.

ברוך איז געווען אין א גרויסער פארלעגענהייט. די פריינטשאפט פון דעם פריץ און זיין פאמיליע איז איהם געווען דערווידער. ער וואלט זיך פון דער איינלאדונג געוואלט אפזאגען. אבער, וויסענדיג ווי קאפריזנע פריצים זיינען געווען און אז עס קענען צוליב דעם ליידען אנדערע, באזונדער זיינע בעלי בתים און אנדערע אידען פון און ארום ליאזשנע, האט ברוך באשלאסען, אז ער זאל

מיטגעהן מיט'ן יונגען פריץ אין הויף אריין. דער ענין פון אהבת ישראל האט דא געזאלט שטעהן העכער פון אלץ.

ער איז אבער געווען ביי זיך באשלאסען, אז ער זאל דעם פריץ צייגען זיין פעסטקייט און מיט קיין איינציג ווארט ניט ווייזען שוואכקייט אדער אונטער־טעניגקייט. ער האט געדארפט האלטען הויך דעם אידישען כבוד און האנדלען און ריידען נאר אין גייסט פון דער תורה.

ברוך האט גארניט געוואלט און גארניט דערווארט פאר זיך. ווען עס וואלט זיך נאר געהאנדעלט וועגען זיך אליין, וואלט איהם ווייניג וואס געארט אויב ער זאל אפילו געגען זיך דארפען ארויסרופען דעם צארן פון פריץ. ער האט אבער געמוזט האבען אין זינען אנדערע און איז דערפאר אוועק אין הויף כאטש מיט גאר ווייניג חשק.

גראד האט מען איהם אין הויף אויפגענומען פריינטליך און מיט גרויס אינטערעס. ברוך'ן איז עס געווען דערווידער. ער האט בכלל ניט געוואלט ציהען צו זיך קיין אויפמערקזאמקייט, בפרט פון אזוינע, פאר איהם פרעמדע, מענשען.

באלד ביים אריינקומען אין הויף האט ברוך געצייגט זיין פעסטקייט מיט דעם וואס ער האט ניט ארונטערגענומען דאס היטעל. ער האט אין א ריינעם פויליש דערקלערט ווארום ער וויל ניט זיין בגלוי ראש. ער האט אנגעוויזען אויפ'ן פסוק "כל הנשמה תהלל ה'" אויף וועלכען די חז"ל זאגען, אז מיט יעדען אטעם דארף מען לויבען דעם בורא עולם. דאס מיינט, אז דער מענש דארף זיך שטענדיג פיהלען ווי ער געפינט זיך פאר דעם אויבערשטען, און ווי אזוי קען מען דאן אפילו אויף א רגע בלייבען בגלוי ראש?

ברוך'ס פעסטקייט און אויסגעהאלטענקייט און די קלארקייט און שעהנ־קייט אין מסביר זיין דעם ענין, האבען געמאכט א טיפען איינדרוק אויפ'ן פריץ און זיין פאמיליע. עס איז אפשר געווען צום ערשטען מאל וואס דער פריץ האט געהערט פון א אידען אזוינע שטאלצע און אנטשלאסענע רייד. סיי פאר'ן פריץ און סיי פאר זיינע קינדער איז געווען פרעמד דער געדאנק, אז אידען קענען זיין עפעס אנדערש ווי הכנעה'דיג און ציטערדיג, גרייט נאר צו קושען די האנט פון די אכזריות'דיגע פריצים. וואו האט זיך גענומען אזא כח און אזא שטאלץ ביי א פשוט'ען אידישען בחור'ל, א שומר? און פון וואנען אזא חכמה און אזא קענטשאפט?

דער פריץ האט געקראגען אזא דרך ארץ פאר ברוד'ן, אז ער האט ניט נאר איהם נעגעבען נערעכט פאר דעם וואס ער איז געבליבען אין היטעל, נאר האט אליין געהייסען ברענגען זיין היטעל און האט צוגעדעקט זיין קאפ.

ברוך האט דאן זיך אריינגעלאזט אין א לאנגער דערקלערונג ווארום ער איז אנטשלאסען צו האלטען זיך שטרענג ביי יעדען אידישען מנהג. ער האט דערביי אויך געגעבען צו פארשטעהן דעם פריץ, אז עס איז אן אומרעכט וואס אימיצער וויל אויסנוצען זיין מאכט צו שטערען דעם צווייטען אין זיין הנהגה און אין זיין גלויבען.

דער פריץ און די משפחה זיינע זיינען געזעסען פארגאפט. זיי האבען זיך צוגעהערט צו ברוך'ס רייד, פול מיט פסוקים און מאמרי חז"ל, וועלכע ער

האָט איבערזעצט אין פּויליש און דערקלערט אַזוי ליכט און עלעגאַנט, זיי האָבן זיך ממש ניט געקענט אָפּוואונדערן.

דער שמועס האָט זיך דאַן פאַרקירעוועט אין גאָר הויכע ענינים. ברוך האָט צום ערשטען מאָל געצייגט זיין גרויסע חכמה און וויסען. ער האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט די צוויי באַזונדערע וועלטען, די וועלט פון גשמיות, וואָס איז די גויאישע וועלט, און די וועלט פון רוחניות, וואָס איז די אידישע וועלט.

דער פּריץ האָט ממש געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון ברוד'ס מויל און ברוך האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען רוהיגער.

די פּריצישע קינדער זיינען אָבער קענטיג ניט געווען צופרידען. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער שמועס זאָל זיין וועגען ליכטערע ענינים.

— אַזוינע ענינים האָבען געדאַרפט באַהאַנדעלט ווערען אין דער אָנוועזענהייט פון א גלח, — האָבען געזאָגט די פּריצישע קינדער, און ביידע, דער זוהן און די טאָכטער, האָבען דערביי דערקלערט — דער טאַטע איז פאַראינטערעסירט אין די אַלע זאַכען. מיר וועלען אָבער קומען מאָרגען אַוועקט צו דיר אין סאַד אריין און דאָרט וועלען מיר זיך שוין אונטערהאַלטען אויף א גאַנץ אַנדער אופן.

ברוד'ן איז אריין דאָס בלוט אין פּנים. ער האָט געזעהן די געפאַהר, אַז די פריינטשאַפט מצד דער פּריצישער משפחה זאָל ווערען א פאַרצווייגונג, וואָס איז איהם לחלוטין געווען דערווידער. ער האָט צו דער דאַזיגער חבר'שאַפט געוואָלט מאַכען א סוף. ער האָט קיין אינטערעס ניט געהאַט אין אָנהאַלטען אַזא חבר'שאַפט.

זיין מח האָט שוין געאַרבייט ווי אַזוי ער זאָל אויסמיידען די דאַזיגע באַגעגעניש.

דער פּריץ האָט אויסגעדריקט באַדויערען וואָס ער האָט פון ברוד'ן ניט געוואוסט דעם גאַנצען זומער וואָס ער איז געווען אין סאַד. ער וואָלט איהם געהאַט מקרב געווען. עס איז איצט שוין סוף זומער. ברוך, דאַגעגען, האָט זיך געפרעהט וואָס עס איז סוף זומער און ער וועט אין עטליכע טעג אַרום קענען פאַרלאָזען דעם סאַד.

מען האָט איצט ברוד'ן פאַרבעטען אין עס־צימער, וואו עס איז אויפ'ן טיש געשטעלט געוואָרען פאַרשיידענע אכילות, טאַקע אַלע אַזוינע זאַכען וואָס א איד מעג עסען ביי א ניט־אידען אין הויז. אָבער ברוך האָט באַשלאָסען ניט צו נעהמען קיין זאַך אין מויל און פּשוט צייגען, אַז ער האָט דעם ווילען און די אַנטשלאָסענקייט גיט געשטעלט צו ווערען צו קיין נסיון.

ער האָט געהאַלטען אין צוגרייטען א געגויע און זאַכליכע דערקלערונג וואָרום ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם כיבוד. אָבער ער האָט די דערקלערונג שוין ניט געדאַרפט מאַכען. אין סאַמע לעצטען מאָמענט איז די לופט איבערגעריסען געוואָרען מיט א יאָמערליכען געשריי פון א קליין קינד, דאָס אינגסטע פּריצישע קינד, וואָס האָט זיך אָפּגעבריט מיט א זודיגען טאָפּ וואַסער.

אין הויז איז געוואָרען א טומעל. מען האָט פּרובירט געבען דעם קינד די חילף וואָס איז נאָר געווען מעגליך אונטער אַזוינע אומשטענדען. ברוך האָט זיך א ווייַלע אַרומגעדרעהט אין הויז און, פּיהלענדיג אַז קיינער קוקט

זיך דארט אויף איהם מעהר ניט אום, האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין סאד אריין. די צוויי פאראבקעס מיט די הינט זיינען צוריקגעגאנגען אין הויף אריין.

יענע נאכט האט שוין ברוך ניט געשלאפען. ער האט געהאט וועגען וואס נאכצוטראכטען. זיין מח האט ניט גערוהט. וואס וועט זיין דעם קומענדיגען אווענט, ווען די פריצישע קינדער וועלען קומען צו איהם אין סאד? ער האט זיך געזעצט זאגען תהילים. באלד איז דער סאד פארקלונגען געווארען מיט דעם וויינענדיגען געזאנג וואס האט זיך געטראגען פון שומר'ס ביידעל.

אויף מארגען זיינען די צוויי שותפים, ר' אברהם או זר' עזריאל, מיט אלע אנדערע ווידער געקומען אין סאד אריין, וויטער אנצוגעהן מיט דער ארבייט פון ארונטערנעהמען די פרוכט פון די בוימער. ווי אלע טאג האט ברוך געהאלפען מיט דער ארבייט. פון הויף איז געקומען די ידיעה אז דאס פריציש קינד וואס האט זיך די פאריגע נאכט אפגעבריהט מיט'ן זודיגען טאפ וואסער, איז געשטארבען. ברוך האט דערפיהלט א וועהטאג אין הארצען, ווי עפעס וואלט דער ענין געהאט מיט איהם צו טהאן. ער האט אבער קיינעם קיין ווארט ניט געזאגט וואס ער האט געוואוסט וועגען דער פאסירונג.

עס איז אוועק דער טאג און ברוך האט דערפיהלט א גרויסע אומרוהיג־קייט. די נאכט וועט באלד צופאלען און די פריצישע געסט וועלען קומען צו איהם אין סאד. ניט קוקענדיג אויפ'ן טויט פון קינד, האט ער זיך אבער משער געווען, אז יענע וועלען האלטען ווארט און קומען צו איהם פארברענגען.

וואס וועט ער מיט זיי ריידען און ווי וועט ער מיט זיי זיך האלטען? דער עלטערער פריץ איז כאטש געווען אן ערנסטער מענש און ער האט אויף איהם געמאכט אן איינדרוק מיט זיינע רייד. די פריצישע קינדער זיינען אבער געווען פון א גאנץ אנדער ליים געקנאטען. קיין גוטס האט פון זייער באזוך ניט געקענט ארויסקומען.

פארנאכט האט ברוך, ווי געוועהנליך, געדארפט געהן אין שטאדט אריין דאווענען בצבור. ער האט באשלאסען צו האבען אן ערנסטען שמועס מיט ר' אברהם'ן. ער האט איהם דערצעהלט אלץ וואס עס איז געשעהן.

— איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, — האט ברוך געזאגט, — אז איך טאר מעהר ניט שלאפען אין סאד. איהר וועט מוזען געפינען אימיצען אנדערש וואס זאל פארנעהמען מיין פלאץ.

ר' אברהם האט זיך צו איהם צוגעהערט און האט מסכים געווען, כאטש ער איז ניט געווען זיכער אויב די פריצישע קינדער וועלען טאקע קומען אין אווענט, ווי זיי האבען צוגעזאגט.

יענעם אווענט איז שוין ברוך ניט צוריקגעקומען אין סאד אריין. אנשטאט דעם איז ר' אברהם און ר' עזריאל געגאנגען היטען דעם סאד. ר' אברהם האט זיין שותף ניט דערצעהלט וואס ברוך האט איהם איבערגעגעבען. ער האט איהם נאר געזאגט, אז ברוך איז ניט מיט אלעמען און וועט דערפאר די נאכט ניט בלייבען אין סאד.

פארברענגענדיג די נאכט אין סאד, דאט ר' אברהם זיך איבערצייגט, אז ברוך האט טאקע געהאט א גוטע אורזאך ניט צו קומען נעכטיגען דארט. דער זוהן און די טאכטער פון פריץ זיינען דארט געקומען, אבער דערזעהענ־

דינ, אז ברוך איז ניטא אין סאַד און אז דאָרט געפינען זיך די צוויי שותפים זיינען זיי אוועק צוריק אהיים אנטוישט.

אז די ארבייט אין סאַד איז געווען פארענדיגט האט ברוך געקראַגען אויסגעצאַהלט פון די צוויי שותפים און האט זיך אויף דאָס ניי געזעצט אין בית המדרש לערנען. ער האט געהאַט גענוג געלד אָפּגעשפּאָרט, אז עס זאָל איהם קלעקען פאַר א לייַנגערע צייט אויף חיונה. ער האט געדאַרפט אַזוי ווייניג אויף אויסקומעניש.

בסך הכל האט ער מאָנטאָגס און דאָנערשטאָגס געפאַסט תעניתים. די איבעריגע טעג פון דער וואָך איז ער אויך אָפּגעקומען מיט גאָר ווייניג. א שטיקעל ברויט און עפּעס צום ברויט און ער איז געווען זאַט. בלויז אויף שבת האט ער זיך פארגונען א בעסערען ביסען. דער עיקר איז געווען צו זיצען און לערנען. איצט האט ער געהאַט גענוג צייט סיי פאַר תורה און סיי פאַר עבודה.

געלערנט האט ברוך איצט ניט נאָר גמרא און פּוסקים, נאָר אויך מוסר ספרים. ער האט געהאַלטען, אז ניט נאָר דאַרף מען לערנען תורה, נאָר אויך דאַרף מען וויסען ווי זיך צו פיהרען אין לעבען. די מוסר ספרים האָבען איהם געצייגט דעם אמת'ען דרך פון לעבען.

די ימים נוראים און די יום־טוב'דיגע טעג זיינען אוועק. עס האט זיך אָנגעהויבען אַגרוקען דער ווינטער מיט זיינע לאַנגע נעכט. איצט האט ברוך פאַר זיך געהאַט חדשים פון אומאונטערבראָכענע טעג און נעכט צום לערנען. האט ער זיך טאַקע אריינגעטהאָן אין לערנען מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין פלאַם־פייערדיגער נשמה. זיצענדיג אין א בית המדרש, וואו אין די לאַנגע נעכט איז ער געווען כמעט דער איינציגער, האט ער נאָך אַלץ געקענט מאַכען דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט געווען א גאַנץ געוויינליכער בחור'ל וואָס צייכענט זיך מיט גאָר ניט אויס, אויסער מיט דעם וואָס ער האט געמאַכט דעם בית המדרש פאַר זיין היים. עס זיינען אפילו ניט געווען ווער עס זאָל אויף איהם זיך אומקוקען. דאָס איז אָבער געווען וואָס ברוך האט געוואָלט.

אין איינע פון די נעכט האט זיך אין בית המדרש באַוויזען איינער פון זיינע פריהערדיגע בעלי בתים, ר' אברהם. ברוך איז דאַמאָלס געווען פאַר־טיפט אין לערנען. ר' אברהם איז צו איהם צוגעקומען און האט מיט איהם פאַרפיהרט א שמועס.

— זיי וויסען, — האט ר' אברהם צו איהם געזאָגט, — אז איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט אויף דיר אַן אויג. איך האָב ביז אהער דיר ניט געוואָלט זאָגען, אז איך וויים דעם סוד, אז דו ביזט ניט קיין פּשוט'ער בחור, ווי דו ווילסט מאַכען דעם אָנשטעל. איך האָב נאָך אין סאַד ניט איינמאָל, פון באַ־העלטעניש, זיך צוגעהערט ווי דו לערנסט און צו דעם וואָס דו לערנסט. איך האָב דיין סוד קיינעם ניט ארויסגעגעבען. עס איז אָבער געקומען די צייט, אז איך זאָל מעהר ניט באַהאַלטען פון דיר, אז איך וויים ווער דו ביזט. איך בין דערפאַר איצט צו דיר געקומען מיט'ן אָנבאָט, אז מיר זאָלען פון איצט אָן און ווייטער קובע זיין א צייט ווען מיר זאָלען לערנען צוזאַמען. איך האָב א באַ־זונדערען פאַרלאַנג, אז מיר זאָלען לערנען צוזאַמען חושן משפט.

ברוך איז געווען געפּלעפט. ער האט זיך געשלאָגען מיט דער דעה וואָס

ער זאָל טהאָן, אויב ער זאָל מאַקע זיך ארויסגעבען פאַר זיין פריהערדיגען בעל הבית אָדער ער זאָל לייקענען שטיין און ביין און באַשטעהן אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ פּשוט'ער בחור, וואָס וואָלגערט זיך אין בית המדרש און קוקט נאָר אַמאָל אריין אין אַ ספר.

טו.

אידישע עהרליכקייט

דער שמיד פון וועמען ברוך האָט געלערענט מדות. — ווי איין איד האָט געלערענט מיט'ן צווייטען. — גוים הערען זיך צו צו מעשיות פון עין יעקב און האָבען הנאת.

ברוך האָט אַ ווײלע געשוויגען. ער האָט ניט געקענט ביי זיך באַשליסען וואָס ער זאָל ענטפערען זיין פריהערדיגען בעל הבית, דעם גערטנער ר' אברהם'ן. ר' אברהם האָט באַמערקט, אַז ברוך שלאָגט זיך מיט דער דעה. האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבען ברוך'ן און האָט אָנגעהויבען זאָגען אַ שווערע סוגיא אין דער גמרא און ער האָט דערביי מחדש געווען גרויסע חדושים. ער האָט באַזונדער איבערגעזאָגט חידושים פון זיין אַמאָליגען רבי'ן, ר' אברהם זאב פון ביעשענקאָוויטש, ביי וועמען ר' אברהם האָט געלערענט. ברוך האָט זיך צוגעהערט צו די חדושים און איז געווען פאַרגאַפט. ר' אברהם איז געווען נאָר אַ גרויסער למדן, און דער עיקר, ער האָט געהאַט אַ סך איבערצייגענגען פון זיין רבי'ן, וועלכער האָט נע'שם'ט פאַר זיין גאונות.

ר' אברהם האָט אַליין גע'שם'ט פאַר זיין גרויסע לומדות. ער האָט געזאָגט אַ שיעור גמרא אין "ר' קדיש דעם יתומ'ס" בית המדרש אויף דער קאַלישקער גאַס אין ליאָזשנע. צום שיעור פלעגען זיך צוהערען לומדים וואָס זיינען געווען בקי' בש"ס. ר' אברהם האָט זיך אויסגעצייכענט ניט נאָר מיט טיעפקייט און חריפות, נאָר אויך מיט דער פיינער הסברה זיינער, מיט דער קלאָרקייט פון זיינע געדאַנקען.

ר' אברהם האָט אָנגעהויבען איבערזאָגען די סוגיא פון "פּגול נותר וטמא". ער האָט עס געזאָגט אויף אַזאַ אופן וואָס האָט ברוך'ן ממש פאַרגאַפט. ברוך האָט ביז דאַמאָלט זיך אָפּגעגעבען מיט לערנען דעם סדר נזיקין, אַזאַ סוגיא ווי "פּגול נותר וטמא" איז איהם נאָך געווען פרעמד. ער האָט איצט געקענט זעהן אַז ניט נאָר קען ער האָבען אין ר' אברהם'ן אַליין אַ גרויסען רבי'ן, נאָר דורך איהם אויך הערען די תורה פון ר' אברהם'ס רבי'ן.

בעת ר' אברהם האָט געהאַלטען אין זאָגען תורה, האָט זיך זיין פּנים צעפלאַמט. עפּעס האָט אַ ליכטיגקייט געשטראַהלט פון איהם. ברוך האָט זיך דערמאָנט אַז זיין אייגענעם פאַטער, ווען ער פלעגט פאַר איהם זאָגען תורה. אויך זיין פאַטער'ס פּנים האָט געפלאַמט און געלויכטען ווי ר' אברהם'ס. דאָס האָט ברוך'ן מיט אַמאָל צוגעצויגען צו ר' אברהם'ן. ער האָט פון זיין פריהערדיגען בעל הבית ניט געדאַרפט זין מעהר באַהאַלטען. אגב האָט ר' אברהם איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט האַלטען זיין סוד אַזוי לאַנג ווי ער וועט דאָס אַליין וועלען.

א גאנצען ווינטער האבען די צוויי געלערנט צוזאמען אין די לאנגע נעכט. ביידע האבען שטארק הנאה געהאט פון לערנען צוזאמען. וואס איז נוגע ברוד'ן, וואלט דער ווינטער זיך פאר איהם געקענט ציהען א לעבענסלאנג. ער האט נאך געהאט אפגעשפארטען געלט מיט וואס זיך מפרנס צו זיין און האט אויך געהאט א חבר און רבי'ן מיט וועמען צו לערנען. עס איז אנגעקומען דער חדש ניסן. מען האט זיך אין ליאזשנע אנגעהויבען גרייטען אויף פסח. עס האבען געארבייט די "פאדריאטען", וואו מען האט געבאקען מצות און אין שטאט האט זיך געטומעלט. יעדער איז געווען א טרוד. מלמדים האבען פארנאנדער־געלאזט די חדרים און לומדים האבען מעהר ניט געלערנט אזוי פיעל ווי תמיד.

אויך ר' אברהם איז געווען פארנומען מיט די הכנות פאר'ן יום טוב. ער איז שוין ניט געקומען יעדע נאכט לערנען מיט ברוד'ן ווי פריהער.

— דער היילינגער יום טוב קומט אן, — האט ר' אברהם געזאגט צו ברוד'ן — די גאנצע צייט האב איך דיר ניט געבעטען צו זיך אין הויז, אז דו זאלסט עסען ביי מיין טיש. איך האב גוט געוואוסט, אז דאס וועט דיר זיין דערווידער. פסח איז אבער אנדערש. דו קענסט ניט אפקומען דעם יום טוב מיט וואס ניט איז. דו מוזט האלטען פסח ביי מיר אין הויז. דו וועסט זיין א שטארק־אנגעלייגטער גאסט.

עטליכע נעכט האבען זיך ר' אברהם און ברוד ניט געזעהן. א פאר טעג פאר פסח איז ר' אברהם געקומען אין בית המדרש, וואו ברוד האט זיך אויפ־געהאלטען. ער האט געוואלט ברוד'ן נאך אמאל דערמאנען, אז ער איז פאר־בעטען צו איהם צו די סדרים און פאר גאנץ יום טוב. ברוד איז שוין אבער מעהר ניט געווען אין בית המדרש. ברוד איז נעלם געווארען. קענטיג, אז איהם איז געווען שווער אנצונעהמען די איינלאדונג פון ר' אברהם'ן און עס איז איהם אויך שווער געווען ר' אברהם'ן אפצוזאגען. איז ער פארשוואונדען און קיין שפור ניט איבערגעלאזט הינטער זיך.

ר' אברהם האט זיך עס גענומען שטארק צום הארצען. אבער וואס האט ער געקענט העלפען? ברוד איז מעהר פאר די אויגען ניט געווען.

וואס האט מיט ברוד'ן פאסירט? ער האט זיך אזוי פיעל אנגע־הערט פון אברהם'ן וועגען דעם גאון, ר' אברהם זאב אין ביעשענקאוויטש, ביי וועמען ער האט געלערנט, אז ער האט געקראגען א גרויסע תשוקה צו זיין אין ביעשענקאוויטש און ווערען זיינער א תלמיד. סאי ווי האט ער מעהר ניט געוואלט בלייבען אין ליאזשנע. עס איז געווען דער שעת כושר צו לאזען זיך אין וועג אריין.

דער וועג פון ליאזשנע קיין ביעשענקאוויטש האט געפיהרט דורך דאבראַ־מיסעל, דאס ערשטע שטעטעל וואו ברוד האט פארבראכט א לענגערע צייט באלד נאכדעם ווי ער איז אוועק פון זיין פעטער'ס הויז אין וויטעבסק. ברוד האט געהאט מערקווירדיגע דערינערונגען וועגען דאבראמיסעל און די מענ־שען, מיט וועלכע ער האט זיך דארט געהאט באקאנט. דאס ערשטע מאל וואס ער איז געווען אין דאבראמיסעל איז איהם אויסגעקומען דארט צו זיין פסח. איצט האט ער ווידער געזאלט אנקומען קיין דאבראמיסעל אויף פסח און טאקע פארגעהן צו דעם זעלביגען מענשען, וועלכער האט איהם מקרב געווען דעם ערשטען מאל, ווען ער איז געווען דארט.

ווען ברוך איז דאס ערשטע מאל געקומען קיין דאבראמיסעל, איז ער נאך אין גאנצען געווען א פערצעהן יאהריגער אינגעל, ער האט זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש, שוין האבענדיג ביי זיך אפגעמאכט, אז ער זאל בשום אופן צו קיינעם ניט אנקומען. איז איהם פשוט אויסגעקומען צו ליידען הונגער. איינמאל האט זיך אין בית המדרש צו איהם צוגערוקט א איד, וועמען ער האט שוין עטליכע מאל געהאט באמערקט. ווי ער הערט זיך צו ווי מען זאגט ביים טיש עין יעקב, נאר האט ניט געוואוסט ווער ער איז און ווי מען רופט איהם.

דער איד האט ברוך'ן אפגעגעבען א ברייטען שלום עליכם און צו איהם אזוי געזאגט:

— מיין נאמען איז אליעזר ראובן. איך בין א שמיד. איך האב מיין קוזנע אין עק שטאט, ביים וועג וואס פיהרט קיין ליאזשנע. איך האב דערביי אויך מיין דירה. איך דארף האבען אימיצען וואס זאל מיר ארויסהעלפען אין קוזניע. אויב דו האסט חשק צו אזא ארבייט דאן וועל איך דיר געבען עסען און טרינקען און אן ארט צום שלאפען.

ברוך איז געווען מלא שמחה. דאס איז גראד געווען, וואס ער האט געוואלט. ער איז געווען גרייט צו טהאן די שווערסטע ארבייטען, אבי צו פארדינען זיין אייגענעם שטיקעל ברויט און ניט דארפען אנקומען צו קיין מענשען.

ברוך האט אבער געהאט א תנאי צו שטעלען צו אליעזר ראובן'ען:

— צאהלט מיר וויפיעל איהר ווילט אליין — האט ער געזאגט — זאל עס אבער זיין אין מזומן. איך וויל ניט עסען ביי פרעמדע טישען און שלאפען אין פרעמדע הייזער. איך פארלאז זיך אין גאנצען אויף אייער יושר.

דער שמיד איז געווען מרוצה. ער האט צוגעזאגט ברוך'ן א געוויסע באלוינונג און ברוך איז געווען צופרידען. ברוך איז באלד געקומען אין קוזניע און האט נעטהאן זיין ארבייט מיט גרויס איבערגעגעבענהייט. ער האט א גאנצען טאג ארויסגעהאלפען דעם שמיד און ביינאכט איז ער געגאנגען אין בית מדרש און געלערענט מיט גרויס התמדה.

ברוך האט זיך דערוייל נעהנטער צוגעקוקט צו אליעזר ראובן'ען און האט אנגעהויבען פיהלען גרויס דרך ארץ פאר איהם. ער האט אין דעם פשוט'ען שמיד דערזעהן א גרויסען בעל מידה. א גאנצען טאג וואס אליעזר ראובן איז געשטאנען ביי דער קאוואדלע און מיט'ן האמער געקלאפט אויף'ן רויט-פלאמינגען אייזען, האט ער געהאלטען אין זאגען תהלים, איין קאפיטעל נאך דעם צווייטען. אליעזר ראובן האט געקענט גאנץ תהילים אויף אויסווייניג.

זיין גאנצע פרנסה האט דער שמיד געצויגען פון פויערים פון די ארומיגע דערפער, וועלכע פלעגען צו איהם בריינגען זייערע פערד צו שמידען, זייערע וועגענער צו פארריכטען און זייערע אקערס און בראנעס, ווען מען האט זיי געדארפט בריינגען אין ארדנונג. ברוך האט שוין לאנג געהאט באמערקט, אז זיין בעל הבית באהאנדעלט זיינע קונדען מיט אויסערגעוויינליכער עהרליכקייט און איבערגעבענהייט. ער נעהמט ביי זיי קיינמאל ניט איבער קיין פרוטה.

איינמאל האט ברוך צוגעזעהן עפעס אזוינס וואס האט אויף איהם גע־

מאכט א גוואלדיגען רושם. א פויער פון א דערבייאיגען דארף האט געבראכט זיין פערד צו אליעזר ראובן'ען צו לייגען א פאדקאווע און אויך צו פאררעכטען א ראד אין זיין וואגען. א צווייטער פויער האט געבראכט א פערד, וועלכען מען האט געדארפט לעגען פיער נייע פאדקאוועס. ווען עס איז געקומען צום אפרעכענען זיך מיט די צוויי גוים, האט אליעזר ראובן געמאכט א טעות און גערעכענט דעם צווייטען פויער דאס, וואס ער האט געדארפט רעכענען דעם ערשטען פויער. אין גאנצען האט זיך דא געהאנדעלט וועגען זעקס גראשען. ער האט, הייסט עס, איבערגענומען ביים צווייטען פויער זעקס גראשען.

דיביידע פויערים זיינען שוין געווען אוועק. אליעזר ראובן האט זיך געכאפט וועגען דעם טעות וואס ער איז באגאנגען און האט זיך דערפון שטארק מצער געווען. ער איז דאן אוועק צו־פוס אין דארף, וואו דער צווייטער פויער האט געוואוינט — א מהלך פון פינף וויארסט — און האט צוריקגעקעהרט דעם פויער די זעקס גראשען, וואס ער האט ביי איהם על פי טעות איבערגענומען.

ברוך איז געווען פארגאפט. ער האט נאך אזא צדקות פון א פשוט'ען אידען ניט געהאט געזעהן. ער האט דעם שמיד געפרעגט, אויב צוליב זעקס גראשען איז געווען כדאי צו ברעכען זיך די פיס הין און צוריק, א מהלך פון צעהן וויארסט. אליעזר ראובן האט אויף דעם געענטפערט: אויף דעם דור המבול האט מען געזאגט, אז די מענשען דאמאלס זיינען געווען אזוי פארדארבען, אז זיי פלעגען רויבען אפילו ווייניגער ווי א פרוטה. ווילסטו דען, אז איך זאל נאך זיין ערגער פון דור המבול און גזלן'ען גאנצע זעקס גראשען?

אליעזר ראובן איז געווען ניט נאר אפגעהיט אין די ענינים פון בין אדם לחברו נאר אויך אין די ענינים פון בין אדם למקום. יעדען פריהמארגען און יעדען פארנאכט, סאי זומער און סאי ווינטער, אין רעגען און אין שניי, איז ער געגאנגען אין בית המדרש. ער האט זיך ניט באנוגענט בלויז מיט דאווענען בצבור. ער האט תמיד אויך אריינגעכאפט א שטיקעל תורה. ער האט געהערט, גיי א סך בעלי מלאכות, צו דער חברה תהילים, חברה עין יעקב און חברה מדרש. דערצו איז ער געווען פארשריבען אין אלע צדקה חברות פון שטאט און האט פינקטליך געצאהלט דעם וואכער. א גאנצען טאג, וואס ער איז געווען ביי דער ארבייט, האט ער, ווי מיר ווייסען שוין, געהאלטען אין זאגען תהילים. א קלאפ מיט'ן האמער און פון זיין מויל האט ארויסגעפרעלט א הייליגער פסוק פון תהילים.

ברוך האט זיך ניט נאר גענוי באקאנט מיט אט דעם מערקווירדיגען שמיד, נאר אויך מיט דעם שמיד'ס שכן, וועלכער פלעגט זיין ביי אליעזר ראובן'ען אן אפטער גאסט. דער נאמען פון דעם דאזיגען שכן איז געווען זבולון בנימין. ער איז געווען א מענש פון א מגושם'דיגען הויך. זיינע פלייצעס זיינען געווען ברייט און שטארק. זיינע הענט זיינען געווען לאנג און מעכטיג. די פינגער האבען אויסגעקוקט ווי פלעקלאך. די הויט פון זיין פנים איז געווען שווארץ ווי פעך. זיין שטערען איז געווען קליין. דער קול זיינער איז געווען גראב און זיין מח איז געווען פשוט א פארשטאפטער. דאס מיינט, אז זבולון בנימין איז געווען א גרויסער עם הארץ. פונדעסטוועגען איז ער געווען נאטס־פארכטיג.

זבולון בנימין האט לכתחילה ניט געוואוסט קיין צורת אלף. נאר אין

משד פון יאָהרען און מיט גרויס אָנשטריינגונג — ווייל פאר אזא מח ווי זיי־נעם איז עס טאקע געווען זעהר שווער — האָט ער זיך קוים אויסגעלערענט דאוונען די וואָכעדיגע תפילות און צו מאכען א ברכה אויף דער תורה. שבתים און ימים טובים פלעגט ער נאר נאכפאָלגען דעם שליח צבור. אליעזר ראובן איז שוין אין פארגלייך מיט אָט דעם זבולון בנימין געווען א גאנצער למדן. דער שמיד פלעגט זיך באציהען צו זיין שכן מיט גרויס רחמנות, דערהויפּט צוליב דעם וואָס זבולון בנימין האָט געציינט, אז ער האָט גרויס עגמת נפש פון דעם וואָס ער איז אזא עם הארץ און וואָס זיין מח פארנעהמט אזוי ווייניג. ווען זבולון בנימין פלעגט קומען צו איהם אין הויז, דערהויפּט שבת, האָט דער שמיד פאר איהם איבערגעזאָגט די ספּורים, וואָס ער האָט געהערט אין בית המדרש ביים לערנען עין יעקב און מדרש.

זבולון בנימין פלעגט זיך צוהערען צו אלץ וואָס דער שמיד פלעגט דער־צעהלען און האָט ממש פארשלונגען יעדעס וואָרט. זבולון בנימין האָט ניט נאָר ניט געקענט די שווארצע פּינטעלאַך, נאָר האָט אויך ניט געקענט ריידען קיין אידיש. שטענדיג, פון זיין געבורט, אויפהאָדעוועענדיג זיך צווישען גויים, האָט ער ממש קיין אידיש וואָרט ניט געהערט. דער שמיד האָט דערפאר אלץ פאר איהם איבערגעזאָגט אין פּויליש. גראד האָט אליעזר ראובן געקענט גוט פּוי־ליש און עס איז איהם ניט געווען שווער זיך פארשטענדליך צו מאכען אין פּויליש, אפילו איבערצוגעבען ענינים וואָס ער אליין האָט ניט צו טיעף פארנומען.

אָט דערפאר וואָס אליעזר ראובן פלעגט אלץ איבערזאגען פאר זיין שכן אין פּויליש, פלעגען זיך ארום זיי אָפּט ארומקלייבען גויים, וועלכע האָ־בען זיך אויך צוגעהערט צו די מעשיות פון עין יעקב און מדרש און פלעגען דערביי מיט גרויס הנאה זיך קראצען אין די פּאטעלניצעס און פלעגען אונטערבאמקען: "דאָבזשע, דאָבזשע, פּאן רופקע".

טז.

תורה און מלאכה

וואָס ברוך האָט געלערענט פון א פּשוט'ען בעל מלאכה. — דער שמיד און זיינע קינדער. — די לומדישע אוידימס.' — פון מלאכה צו תורה.

דער אופן ווי אליעזר ראובן דער שמיד האָט פּרובירט איינפלאנצען אידישקייט אין דעם פּראָסטען און מגושם'דיגען זבולון בנימינ'ען, האָט אויף ברוך'ען געמאכט א גוואלדיגען רושם. דאָס האָט זיך אויף שטענדיג איינגע־קריצט אין זיין זכרון. עס האָט איהם געציינט די סאמע טיפעניש און שעהנ־קייט פון דער אידישער נשמה. דער שמיד, דאכט זיך, אליין א פּשוט'ער מענש, פון דעסטוועגען האָט ער אבער זיך באמיהט איבערצוגעבען דאָס ביסעל וואָס ער האָט געוואוסט צו אימיצען וואָס האָט געוואוסט נאך וויני־גער ווי ער. ברוך האָט אין דעם געזעהן דעם סאמע כח וואָס האלט אויף

אידען און אידישקייט: טאטעס לערנען מיט קינדער, איין איד לערנט מיט'ן צווייטען. קיין איד בלייבט ניט אפגעשלאסען און אפגעפרעמדט פון דעם כלל.

ברוך האט זיך אנגעהויבען שטארקער צו אינטערעסירען אין זבולון בנימינ'ען. ער האט געוואלט מעהר וויסען וועגען איהם. דאס וואס ער האט אליין ניט געקענט אויסגעפינען, האט ער זיך דערוואוסט פון זיין בעל־הבית.

זבולון בנימין איז געבארען און ערצויגען געווארען אויפ'ן דארף צווי־שען גוים. זיין פאטער פלעגט טהאן די פראסטעסטע און שווערסטע ארבײ־טען. ער פלעגט גראבען גרעבענער און אויך אונטערהאנדלען מיט פערד. ער איז אויך געווען א ידען אויף בהמות און פערד. ער האט געוואוסט ווי זיי צו היילען ווען זיי זיינען געווען קראנק, און פויערים ווי אויך פריצים פלעגען איהם רופען צו היילען זייערע קראנקע בהמות.

זבולון בנימין האט ביז בר מצוה קיין מאל ניט געלערנט קיין אידיש ווארט. ווען זיין פאטער איז געשטארבען האט ער אפילו קיין קדיש נאך איהם ניט געקענט זאגען. זבולון בנימין איז געגאנגען אין זיין פאטער'ס דרכים, וואס איז נוגע פרנסה. ער האט גע'ירשנ'ט פון זיין פאטער די קענטעניש צו היילען קראנקע בהמות און פערד. ווען זבולון בנימין האט שפעטער חתונה געהאט, האט ער זיך באזעצט אין עק שטאט און איז געווארען אליעזר ראובנ'ס א שכן. דער שמיד האט איהם אנגעהויבען מקרב צו זיין און האט אין איהם דערוועקט א באגעהר צו היטען אידישקייט.

אונטער אליעזר ראובנ'ס השפעה איז זבולון בנימין געווארען א גרוי־סער פרומאק, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז געווען אזא עם הארץ. שבתים און ימים טובים פלעגט זבולון בנימין שטעהן אין בית המדרש מיט'ן טליה איבער'ן קאפ און פארגיסען ביטערע טרעהרען. דאס איז געווען ערשט נאכדעם ווי ער האט זיך געהאט געדונגען א מלמד וואס האט איהם אויס־געלערענט עברי. פריהער האט ער געדאווענט, טאקע מיט דער הילף פון אט דעם מלמד, ביי זיך אין דער היים אין יחידות.

אליעזר ראובן פלעגט שטארק שטאלצירען מיט דעם דאזיגען זבולון בנימינ'ען. ער האט געפיהלט ווי ער וואלט געהאט א חלק אין דעם וואס זבולון בנימין איז געווארען פרום. אין דער אמת'ען, איז טאקע געווען א סך צו פארדאנקען דעם דאזיגען עהרליכען שמיד פאר דעם וואס אזא אפגעשטא־נענער מיטגליד פון אידישען פאלק איז צוריק געבראכט געווארען אין דער אידישער עדה. אדער זבולון בנימין וואלט ווייטער געבליבען צווישען גוים, אדער ווען ער וואלט ארייגעפאלען צווישען אידען, וואלט מען חוזק געמאכט פון זיין עם הארצות און אזוי ארום וואלט מען איהם אפגעשטויסען אויף צוריק.

אליעזר ראובן האט איהם געוואונען מיט ליעבע. ער האט איהם געצער־טעלט ווי אן אייגען קינד. זבולון בנימין האט אין איהם, דעם שמיד, דערזעהן א חבר און א לעהרער. איז זבולון בנימין געווארען ניט נאר פרום צו גאט, נאר אויך גוט צו מענשען. ער האט געגעבען א סך צדקה און האט ארויסגעצייגט גרויס ליעבע און דרך ארץ צו בני תורה. ער און זיין ווייב האבען געלאזט שרייבען ספרי תורה און זיי אריינגעגעבען אין בית המדרש. זיי האבען אויך אריינגענומען צו זיך אין הויז דריי יתומים. זיינע קינדער האט זבולון בנימין געגעבען צו די בעסטע מלמדים און זיי זיינען אויסגעוואקסען בני תורה.

א לענגערע צייט האט ברוך ארויסגעהאלפען אליעזר ראובנ'ען אין קוזניע. ער האט שוין געפיהלט ווי ער וואלט אין אט דעם שמיד געפונען ניט נאו א מפרנס נאר אויך א מדריך. ברוך האט גאר א סך געקענט לערנען פון דעם דאזיגען פשוט'ען שמיד. דערווייל איז אוועק דער ווינטער און עס האט זיך דערנעהנטערט צו פסח. אליעזר ראובן האט פארבעטען ברוך'ן צו זיך אויפ'ן יום טוב.

— די גאנצע צייט, — האט דער שמיד צו איהם געזאגט, — האסטו ניט געוואלט עסען ביי מיין טיש. אבער פסח קענסטו ניט זיין פאר זיך.

ברוך האט איהם אבער געשטעלט א תנאי: ער מוז ביי איהם נעהמען געצאהלט פאר עסען ביי זיין טיש. דער שמיד האט עס ניט געוואלט. סטייטש, ווי נעהמט מען עס געלד ביי אן ארימען אינגעל פאר מאלצייטען יום טוב? ברוך האט ארער אליעזר ראובן'ען אויפגעקלערט, אז ביי איהם איז עס גאר א וויכטיגער ענין. ער האט זיך אוועקגעלאזט איבער דער וועלט נאר דערפאר וואס ער וויל זיך דערנעהרען פון דער פראצע פון זיינע אייגענע הענט. ברוך האט איהם ניט געזאגט, אז ער האט דערביי אויך אן אנדער צוועק: ניט צו ארויסגעבען זיין לומדות צו אנדערע. צו ריידען וועגען דעם וואלט געהייסען, אז ער דארף זיך ארויסגעבען פאר זיין בעל הבית פאר א למדן און דאס האט ברוך ניט געוואלט. אבער וועגען זיין אנטשלאסענקייט צו דערנעהרען זיך פון זיין אייגענער ארבייט, איז געוועז עפעס אנדערש.

פון דעסטוועגען האט אליעזר ראובן גוט געקענט זעהן, אז ער האט דא ניט צו טהאן מיט קיין פראסטען אינגעל. ברוך האט מיט פסוקים פון תנ"ד און מיט מאמרי חז"ל דערקלעהרט דעם שמיד ווי וויכטיג עס איז צו דער־נעהרען זיך פון דער אייגענער ארבייט. אליעזר ראובן האט אנגעהויבען צו פארשטעהן דעם יונגען ברוך'ן און איז געוועז מרוצה.

דאס האט ברוך'ן געגעבען א געלעגענהייט צו זעהן ווי אט דער פשוט'ער שמיד גרייט זיך פאר'ן הייליגען יום טוב און האלט דעם יום טוב. דאס וואס ברוך האט געזעהן האט ווידער געמאכט אויף איהם א גרויסען רושם. ברוך האט געזעהן אז מען קען זיין א הארציגער איד אפילו ווען מען איז פראסט און איינפאך. דריי טעג פאר יום טוב, האט אליעזר ראובן אוועקגעלייגט די ארבייט אין קוזניע און האט זיך גענומען צו דער ארבייט אין הויז, צוצוגרייטען פאר'ן הייליגען יום טוב. צום קוזניע זיינען געקומען גוים מיט וועגענער צו פארריכטען און מיט פערד צו שמידען. עס איז איהם געשטאנען צו פאר־דיענען א גאנץ פיינע אפותיקי. אבער אליעזר ראובן האט זיי אלעמען אוועג־געשיקט, דערקלערענדיג אז עס איז ביי איהם יום־טוב.

ברוך האט זיך צו אלץ צוגעקוקט פון דער זייט און געפיהלט נאד א גרעסערע פארעהרונג פאר אט דעם בעל מלאכה. אליעזר ראובן האט געהאט קוים אויף אויסקומעניש. גאר ווייניג אויף זיין ארט וואלטען בייגעשטאנען דעם נסיון זיך אפצוזאגען פון פארדינסטען וואס זיינען געוועז דורכאוים כשר. אבער אליעזר ראובן האט געהאט א גרעסערע און וויכטיגע אויפגאבע פאר זיך: ער האט געדארפט אכטונג געבען אז דאס הויז זאל געהעריג נע'כשר'ט ווערען און אז אלץ זאל אין הויז איינגעארדענט ווערען ווי עס באדארף צו זיין. איז ער פאר 'עם געוועז גרייט מקריב צו זיין פארדינסטען.

אליעזר ראובן האט זיך מיט די הכנות פאר פסח ניט געוואלט זיך אויף קיינעם פארלאזען. ער האט אלץ געטהאן אליין. ער האט אלע בעבעכעס פון הויז ארויסגענומען אין דרויסען און האט זיי געוואשען און געשייערט, גע־לופטערט און געשטויבט. דאס הויז האט ער אויסגעקאלכט. ער האט דאן ארויס־געריסען די ציגעל פון אויוען און אריינגעטהאן נייע אויף זייער ארט. ער האט ניט איבערגעלאזט קיין ווינקעלע אין הויז וואס ער זאל ניט וואשען און שייערען און כשר'ען מיט זודיגע וואסער.

ערב יום טוב איז אליעזר ראובן געגאנגען אין מרחץ און אז ער איז צוריקגעקומען, האט ער זיך איבערגעטהאן אין נייע מלבושים און איז געגאנ־גען אין בית המדרש אריין. ברוך איז געגאנגען מיט איהם און ווען זיי זיינען ביידע צוריקגעקומען אהיים צום סדר, האט דאס הויז געהאט א גאר נייעם פנים. דער יום טוב האט געלויכטען פון אלע ווינקעלעך. די הייליגקייט האט זיך געפיהלט אין דער לופט. אליעזר ראובן, זיין ווייב, זיינע טעכטער און זיין בן יחיד, וועלכער איז געווען אין ברוך'ס עלטער, האבען אויסגעזעהן גאר אנדערע מענשען. די נשמה יתירה האט ארויסגעשטראלט דורך זייערע אויגען.

ווען עס איז געקומען צו זאגען די הגדה, האט אליעזר ראובן געבעטען ברוך'ן אז ער זאל זי פארטייטשען פאר די בני בית. ברוך האט עס געטהאן מיט פרייד. עס האט זיך דא ניט געפאדערט קיין צו גרויסע מאס פון לומדות צו פארטייטשען די הגדה.

אלע ארום טיש זיינען געזעסען מיט אפענע מיילער און פארשלונגענע יעדעסווארט וואס איז ארויסגעקומען פון ברוך'ס מויל. פון אליעזר ראובן'ס אויגען האבען זיך געגאסען טרערען. צי דאס זיינען געווען טרערען פון פרייד אדער דאס זיינען געווען טרערען פון פארדרוס, וואס זיין איינענער זוהן איז געווען אזוי שטומפיג און האט צו יענער צייט נאר קוים געקענט א פרשה חומש, איז געווען שווער צו זאגען.

אליעזר ראובן האט זיין בן יחיד גראד געשיקט צו א גוטען מלמד. ער האט געצאהלט א סך שכר לימוד. אבער, צו זיין פארדרוס, האט זיין בן יחיד געהאט א שווערען קאפ און האט געטהאן גאר א קליינע פעולה. אליעזר ראובן האט פון דעם געהאט גרויס צער. עס האט זיך איהם גראד געוואלט הָבען א זוהן א למדן. אבער וואס האט ער געקענט העלפען אז דער זוהן זיינער האט גראד געהאט א "פארשטאפטען מח"?

ברוך האט יענעם פסח ביי אליעזר ראובן'ען אין הויז ניט פארגעסען. אויף איבער־א־יאהר פסח איז ער צוריקגעקומען צו אליעזר ראובן'ען. ברוך איז דאמאלס שוין געווען אין אן אנדער שטעטעל. ער איז אבער אויף יום טוב צוריק אוועק קיין דאבראמיסל כדי צו האלטען יום טוב ביי זיין אמאליגען בעל הבית. פארשטעהט זיך ניט אומזיסט. אליעזר ראובן, שוין וויסענדיג, אז ברוך וויל קיין זאך ניט אומזיסט, האט ביי איהם גענומען באצאהלט ניט איבעררייידענדיג קיין ווארט וועגען דעם.

ברוך האט זיך ביי דעם דאזיגען שמיד אין הויז ניט נאר געפיהלט היימיש, נאר האט אויך דארט זיך תמיד אנגעזאפט מיט אידישער תמימות

און הארציגער פרומקייט. ברוך האט קיין מאל מעהר ניט פארגעסען די עהר־ליכקייט און די אויסגעהאלטענקייט פון אט דעם שמיד אליעזר ראובן.

עס איז דערפאר גאר נישט געווען קיין וואונדער, וואס זייענדיג אין ליאזשנע, און ווען ר' אברהם, דער גערטנער, וועלכער איז געווען דער ער־שטער פאר וועמען ער האט ארויסגעצייגט זיין לומדות, האט איהם געבעטען צו זיך אויף פסח, האט ברוך, אנשטאט צו פארבלייבען דעם יום טוב אין ליאזשנע, זיך פארוואלט ווידער האלטען יום טוב אין דאבראמיסל ביי דעם שמיד אליעזר ראובן. אנגעקומען קיין דאבראמיסל איז ברוך באלד אוועק צו אליעזר ראובן'ען אין קוזניע. דער שמיד איז געשטאנען אנגעטהאן אין זיין לעדערנעם פארטוך מיט א האמער אין האנט ביי דער קאוואדלע, און זיין זוהן שמואל נחום האט מיט א צוואנג געהאלטען א שטיק ברענענדיגען אייזען אויף דער קאוואדלע, אליעזר ראובן האט דעם אייזען געשלאגען מיט זיין גאנצען כח. ווי אין די פריהערדיגע יאהרען האט אליעזר ראובן דערביי גע־זאגט קאפיטלעך תהילים. ווי נאר ברוך האט זיך געצייגט אין דער קוזניע, האט אליעזר ראובן אוועקגעלייגט דעם האמער און אויסגערופען:

— זעה נאר, שמואל נחום, וואס פאר א טייערען גאסט מיר האבען!

דער שמיד האט געוואשען זיינע הענט און דערלאנגט ברוד'ן א ברייטען און הארציגען שלום עליכם. ברוך האט באלד געוואוסט אלץ וואס עס איז געווען אויף דעם שמיד'ס הארצען. ער האט צו ברוד'ן גערעדט ווי צו אן אייגענעם זוהן.

— פון די טעכטער, — האט דער שמיד איהם דערצעהלט, — האב איך ברוך השם גרויס נחת. איך האב זיי חתונה געמאכט מיט וואויל־לערנער. איך האב זיי דערביי אויסגעבויט א הויז און די איידעמס זיצען דארט און לער־נען. אבער פון מיין שמואל נחום'ן האב איך ניט קיין נחת. איך האב גע־האפט, אז ער וועט אויסוואקסען א למדן. אבער ער האט ניט די נויטיגע כשרונות.

אליעזר ראובן האט ברוד'ן ווייטער דערצעהלט ווי אזוי ער האט אויס־פרובירט אלע מיטלען אז שמואל נחום זאל ווייטער לערנען. ער האט זיך אפילו געהאלטען וועגען דעם אן עצה מיט'ן רב פון שטאט, אבער יענער האט איהם געזאגט, אז עס וועט זיין בעסער אז ער וועט מאכען זיין זוהן פאר א בעל מלאכה.

— איך האב עס ניט געוואלט, — האט אליעזר ראובן געזאגט ווי ער וואלט זיך גערארפט פאר ברוד'ן פארענטפערען, — אבער וואס האב איך געקענט אנדערש טהאן? איך האב שמואל נחום'ן אריינגענומען צו זיך אין קוזניע. נאך אלעם דעם וועט זיין בעסער, אז ער זאל זיין ביי מיר איידער איהם אפגעבען צו אן אנדער בעל מלאכה.

ברוך האט איהם גערארפט טרייסטען, אז נאך אלעם דעם איז מלאכה נאר ניט אזא שלעכטע זאך און אז מען קען זיין א בעל מלאכה און דערביי א פיינער, עהרליכער איד, א בעל מצוה און א בעל מידה. ער האט אליעזר

ראובנ'ען אנגעוויזען טאקע אויף איהם אליין ווי א ביישפיעל. אליעזר ראובן האט אבער פענטיג געפיהלט, אז טראץ אלעם דעם, וואלט ער זיך געפיהלט א סך גליקליכער אויב זיין זוהן וואלט דאך געווען א למדן. אט אזוי גרויס איז געווען די ליבע צו לומדות פון אט דעם פשוט'ען שמיד.

יז.

צווישען אייגענע און פרעמדע

וועז ברוך איז צוריקגעקומען קיין וויטעבסק. — פאלגט דארט וויטער נאך זיין דרך — דער פאטער וואס האט זיך מצער געווען פארוואס זוהן איז ניט קיין בן תורה.

יענעם פסח האט ברוך ווידער פארבראכט ביי אליעזר ראובנ'ען דעם שמיד אין הויז. דאס מאל איז שוין אבער דער גייסט דארט געווען א גאנץ אנדערער. דעם שמיד'ס צוויי איידעמס זיינען געווען אמת'ע לומדים. ער האט זיי גענומען פון דער וויטעבסקער ישיבה. ברוך האט געהאט מיט וועמען צו ריידען אין תורה. ער און דעם שמיד'ס איידעם האבען פארבראכט שעה'ן לאנג אין מפלפל זיין זיך אין טיעפע סוגיות פון דער גמרא.

בעת ברוך און דעם שמיד'ס איידעמס פלעגען זיך מתוכח זיין אין תורה, פלעגט אליעזר ראובן זיצען פון דער זייט און זיך צוהערען מיט געוואלדיגען אינטערעס, כאטש ער האט ניט פארשטאנען קיין ווארט פון דעם וואס צווישען די דריי יונגע לומדים איז גערעדט געווארען. זיין פנים איז אויפגעלויכטען געווארען. אין זיינע אויגען האט געברענט א געהיימניס־פול פייערל. מען האט געקענט זעהן, אז אליעזר ראובן דער שמיד פרעגעלט זיך פון נחת. ער איז פשוט געווען אין זיבעטען הימעל וואס ער האט זוכה געווען צו ברייגגען תורה אין זיינע אייגענע פיער ווינקעלער.

ברוך, דאגעגען, האט ביי אליעזר ראובנ'ען אין הויז זיך געפיהלט פולשטענדיג פריי. ער האט ניט גערארפט באהאלטען זיין לומדות. דא האט שוין מעהר ניט גערארפט הייסען, אז ער פיינט זיך אויס מיט תורה, אדער אז ער פיהלט זיך גדלות'דיג מיט דעם וואס ער איז א למדן. דא איז ער געווען, אזוי צו זאגען, צווישען אייגענע מענשען, צווישען פשוט'ע, עהרליכע, גאטס־פארכטיגע און תורה־ליעבענדע מענשען, וועלכע האבען קיין אנדער באגעהר ניט געהאט ווי צו דיענען דעם אויבערשטען און צו היטען די תורה בכל פרטיה ודקדוקיה.

פון דער צווייטער זייט, איז שמואל נחום, דעם שמיד'ס בן־יחיד, געזעסען פון דער זייט אין שטילשווייגען און מען האט געקענט זעהן דעם טיעפען צער אויף זיין פנים. עס איז געווען קלאר, אז שמואל נחום פיהלט זיך דערשלאגען און שפל, צוליעב דעם וואס ער קען ניט נעהמען קיין אנטייל אין די תורה־ויכוחים. ער האט אפילו ניט געקענט משיג זיין דאס וואס איז גערעדט געווארען. עס איז געווען דער צער און די קנאה פון איינעם וואס מוז שטעהן פון דער זייט און קען ניט נעהמען קיין אנטייל אין א מסיבה פון בני־תורה.

ברוך האט מיט זיין שארף און קלוג אויג דאס באמערקט. ער האט

בעסער ווי אימעצער אנדערש געקענט פיהלען דאס הארץ פון אט דעם פשוט'ען אינגעל שמואל נחום'ען. ברוך האט געקענט פיהלען יעדע אידישע הארץ. ער האט אויך געקענט באמערקען ווי אליעזר ראובן ווארפט פון צייט צו צייט א בליק אויף זיין בן־יחיד און שאקעלט מיט'ן קאפ אין גרויס באדויערען. ער האט געוויס, בעת מעשה, געפיהלט שטארקער ווי תמיד דעם קאנטראסט צווישען זיינע לומד'ישע אײדימס און זיין עם־הארצות־דיגען בן־יחיד. ווארשיינליך האט דער שמיד דאמאלס אויך פארגליכען זיין זוהן מיט ברוך'ן, וועלכער האט דורך זיין אייגענער מיה און טראץ אלע שוועריגקייטען, געלערענט תורה און זיך אזוי שטארק אויסגעצייכענט אין דער לומד'ישער וועלט.

ברוך האט זיך נעהנטער צוגעקוקט צו שמואל נחום'ען. זיין צער האט ביי ברוך'ן ארויסגערופען רחמנות. דאס האט אבער איהם אויך אריינגעגעבען א געדאנק אין קאפ. האט דען שמואל נחום'ס צער ניט געצייגט, אז אין הארצען פיהלט ער א גרויסען באגעהר צו זיין ווי זיינע שוואגערס א.. ווי אנדערע לומדים און אליין קענען ריידען דברי־תורה? ברוך האט דערפאר געהאט א שמועס מיט דעם שמיד:

— עס איז טאקע אמת, — האט ברוך געזאגט צו אליעזר ראובן'ען, — אז מען קען זיין אן עהרליכער איד אפילו ווען מען איז ניט קיין למדן. אודאי איז מלאכה א גרויסע זאך. איך אליין דערנעהר זיך נאר פון מלאכה. איך שעם זיך ניט מיט קיין ארבייט. איך האב דערפאר ביי א פריהערדיגער געלעגענהייט אייך געזאגט, אז איהר דארפט זיך גאר ניט מצער זיין וואס שמואל נחום איז א בעל־מלאכה. אבער צוקוקענדיג זיך ווי שמואל נחום איז געזעסען און מיט צער אויף זיין פנים זיך צוגעהערט צו די תורה־שמועסען וואס איך און אייערע איידימס האבען געפיהרט ביים טיש, קוקט מיר אויס, אז ער וואלט דאך געהאט חשק צו לערנען און מעגליך, אז ער וואלט נאך געקענט ווערען א בן־תורה.

ברוך האט דערפאר גע'עצה'ט דעם שמיד צו שיקען זיין זוהן ערגעץ אין א ישיבה. ווען שמואל נחום האט וועגען דעם געהערט האט ער אויסגעבראכען אין א געוויין און האט מיט רחמים געבעטען זיין פאטער, אז ער זאל איהם טאקע שיקען ערגעץ לערנען. אליעזר ראובן האט נאכגעגעבען זיין פארלאנג און, ווי ברוך האט אין עטליכע יאהר ארום געהערט, איז שמואל נחום טאקע געווארען א בן־תורה און איז געווארען דעם אײדימס פון א בן־תורה. ברוך האט דאן געפיהלט ווי ער וואלט געהאט א חלק אין דעם וואס שמואל נחום איז ארויפגעפיהרט געווארען אויף א נייעם דרך. ער האט געפיהלט ווי ער וואלט דא געהאלפען פארשאפען א נחת־רוח ניט נאר שמואל נחום'ען נאר אויך אליעזר ראובן'ען, וועלכער האט אזוי שטארק געגארט, אז זיין זוהן זאל זיין א בן־תורה.

נאך פסח האט ברוך זיך ווידער געלאזט אין וועג אריין. ער האט נאך אלץ געהאט אין זינען צו גרייכען ביעשענקאוויטש, כדי דארט צו לערנען תורה ביי דעם גאון ר' אברהם זאב. דער וועג קיין ביעשענקאוויטש האט געפיהרט דורך וויטעבסק און ברוך האט באשלאסען צו בלייבען א ווײלע אין וויטעבסק, כדי דארט צו זעהן זיך מיט זיין משפחה, זיין פעטער

און מומע און זיין שוועסטער. די שוועסטער איז שוין געווען פארהייראט. זי האט חתונה געהאט מיט א ישיבה־בחור פון סמארגאן מיט'ן נאמען יוסף יצחק. ער איז געווארען איינער פון די ראשי הישיבה אין דער וויטעבסקער ישיבה. דאס פארעל, וואס האט שוין דאמאלס, ווען ברוך איז צוריקגעקומען אין וויטעבסק, געהאט א קינד, האט געוואוינט אין עק־שטאט.

ברוך האט צוערשט אויפגעזוכט זיין פעטער און מומע. זיי האבען זיך שטארק געפרעהט מיט זיין צוריקקומען. זיי האבען געמיינט, אז ער וועט איצט ביי זיי פארבלייבען. עס וואלט איהם ביי זיי אין הויז ממש ניט געפעלט קיין פויגעל־מילך. זיי זיינען אפילו געווען גרייט איהם צו פארגעבען פאר דעם וואס ער האט זיי מיט עטליכע יאהר צוריק פארלאזט און האט פאר דער גאנצער צייט פון זיך גאר ניט געלאזט הערען ווי ער ער וואלט, רחמנא לצלן, אין וואסער אריין. זיי האבען בכלל ניט געוואוסט וואס אזוינס עס האט ברוך'ן פון זיי פארשטויסען און וואס עס האט איהם איצט געהאט צוריקגעבראכט.

ברוך האט זיך ניט געוואלט ארייננלאזען אין קיין לאנגע דערקלערונגען. ער האט בכלל געהאט א טבע צו ריידען נאר געצעהלטע ווערטער. ער האט זיי אבער קלאר געמאכט, אז דאס איז ביי איהם אזא דרך, אז ער האט זיך פארנומען צו לעבען פון זיין אייגענער מיה און וויל מעהר צו קיינעם ניט אנקומען.

האבענדיג געהערט, אז זיין שוואגער, ר' יוסף יצחק, איז איינער פון די ראשי הישיבה, איך ברוך באלד אוועק אין דער ישיבה. ער האט זיך געוואלט באקענען ניט נאר מיט די ראשי הישיבה, נאר אויך מיט די ישיבה בחורים. ער האט בכלל געוואלט אויסגעפינען דעם מהות פון יענער ישיבה. ברוך איז גראד אנגעקומען אין דער ישיבה ווען זיין שוואגער האט געהאלטען אין זאגען דעם שיעור. ער האט איהם באטראכט פון דער זייט און ער האט אויף איהם געמאכט א פיינעם איינדרוק. ער איז געווען א יונגערמאן פון מיטעלען וואוקס, פון שעהנעם אויסזעהן און מיט שווארצע אויגען. דער פנים זיינער האט אויסגעדריקט שטארקייט און אנטשלאסענקייט. ער איז געשטאנען ביי א שטענדער און מיט א קלארער קלינגענדיגער שטימע האט ער מיט א פיינער הסברה געזאגט דעם שיעור.

דער שיעור איז געווען א טיפער. ר' יוסף יצחק האט דעם גאנצען ענין צעגלידערט מיט גרוים חריפות און, גלייכצייטיג, מיט גרוים פשטות. דער שיעור האט געמאכט אויף ברוך'ן א גרויסען רושם. ווען די תלמידים זיינען אוועק, יעדער צו איבער'חזר'ן דעם שיעור, האט ברוך אליין זיך פארטיפט אין דער סוגיא, וועגען וועלכער זיין שוואגער האט געזאגט דעם שיעור און ער האט זיך איבערצייגט, אז אין דעם דאזיגען שיעור איז טאקע געלעגען גאר א סך לומדות און אז זיין שוואגער האט באמת א סך מחדש געווען.

שפעטער האט ברוך אויך געהערט דעם שיעור פון דעם ראש הישיבה, דעם גאון ר' פלטיאל, און ער איז ממש געווען פארגאפט.

אזא טיפקייט האט ער נאך קיין מאל ניט געהערט. ברוך האט איצט נאך געדארפט דערפילען געוויסע שליחות'ן, וועלכע האבען איהם געבראכט

קיין וויטעבסק. ער האט געוואלט גייען אויף קבר־אבות און עס האט זיך איהם אויך געגארט ווידער א מאל צו שפאצירען אויסערן שטאט, ביי דעם ברעג פון דעם טייך דווינע, וואו ער פלעגט, אלס קינד, שפאצירען מיט זיין טאטען. אט יענע שפאצירען און די שמועסען מיט זיין פאטער האבען א ף איהם איבערגעלאזט אן אומפארגעסליכען איינדרוק.

נאכדעם ווי ברוך האט דערפילט די דאזיגע שליחות'ן, איז ער אוועק צו זיין שוועסטער. שפעטער איז אויך אנגעקומען דער שוואגער. זיי האבען זיך ערשט באקענט, כאטש ברוך האט איהם שוין פריהער געהאט געזעהן אין דער ישיבה. ר' יוסף יצחק האט איהם אויך געדענקט פון דארט.

די באגעגעניש צווישען ברודער און שוועסטער און צווישען די שוואגערס איז געווען א הארציגע. בעת ברוך האט מיט עטליכע ווערטער פארענדיגט זיין שמועס מיט דער שוועסטער, האט ער זיך אריינגעלאזט אין א לאנגען שמועס מיט זיין שוואגער אין תורה.

עס איז געווען ערב שבת. די שוועסטער האט איהם ניט געוואלט אוועקלאזען.

-- דו וועסט דאך געוויס בלייבען ביי אונז אויף שבת — האט די שוועסטער געזאגט — מיר האבען זיך דאך אזוי לאנג ניט געזעהן!

אויך דער שוואגער האט איהם געבעטען בלייבען ביי זיי אויף שבת. ברוך האט אבער געהאט א תירוץ. אודאי האט מען זיך אויף איהם געריכט ביי דעם פעטער און דער מומען. נאך אלעם דעם איז ער דאך צוערשט געקומען צו זיי אין הויז.

עס איז געווען אויף אט דעם אופן ווי ברוך האט זיך אפגע'פטור'ט אין זיין שוועסטער'ס הויז. ער איז צוריקגעקומען צו זיין פעטער און מומען אין הויז און ער האט דארט געפונען, אז מען האט פאר איהם צוגעגרייט אין הויז און ער האט אויסגעפונען, אז מען האט פאר איהם צוגעגרייט ער זאל דארט זיין שבת. אבער דארט האט ברוך געהאט אן אנדער תירוץ: ווי אזוי קען ער זיין שבת ביים פעטער און מומען, אז ער האט א שוועסטער וואס איז אזוי נייגעריג, אז ער זאל זיין שבת ביי איהר?

אין דער אמת'ען האט ברוך שוין געהאט געמאכט זיינע פלענער. ער האט אין וויטעבסק ניט געוואלט ענדערען זיין הנהגה. ער האט געוואלט לעבען ווייטער פון זיינע אייגענע הענט און ניט אנקומען צו קיין אנדערע. אפילו קיין איינציגען שבת האט ער ניט געוואלט זיין ביי א פרעמדען טיש, האט דער דאזיגער טיש געמעגט זיין זיין שוועסטער'ס אדער זיין פעטער'ס.

ברוך האט שוין געהאט אפגעזוכט א בית־המדרש וואו צו שלאפען, און וואס איז נוגע שבת, האט ער זיך אליין איינגעקויפט חלות און עפעס צו דעם. אט ווי ער האט עס געטאן די גאנצע צייט.

ברוך האט איצט געהאט ביי זיך באשלאסען, אז אנשטאט צו געהן קיין ביעשענקאוויטש דארט צו לערנען תורה פון ר' אברהם זאב, ווי ער האט געהאט געפלאנט פריהער, זאל ער בלייבען אין וויטעבסק און לערנען אין דער ישיבה וואו זיין שוואגער איז געווען איינער פון די ראשים.

וועט איהם דען אימיצער אין וויטעבסק קענען שטערען אין זיין אייגענער הנהגה? ברוך איז שוין געווען גענוג פעסט און אנטשלאסען ווייטער צו געהן

זיין אייגענעם דרך. ער האט ניט געדארפט פאר קיינעם מעהר מורא האבען. ניט זיין שוועסטער, ניט זיין שוואגער, ניט זיין פעטער, ניט זיין מומע און ניט קיינער אנדערש האט אויף איהם געקענט משפיע זיין.

אז זיין שוועסטער און פעטער האבען זיך ענדליך דערוואוסט, אז ברוך געפינט אלערליי תירוצים כדי זיך ארויסצודרעהען פון שלאפען אדער עסען ביי זיי און אז ער קומט אפ מיט א טרוקען שטיקעל ברויט, זיינען זיי צו איהם צוגעשטאנען, אז ער זאל זיי געבען דערקלערען פאר וואס ער מיידט זיי אוים. ברוך האט ערשט דאמאלס זיי מסביר געווען דעם אמת'ען טעם דערפון. ער האט ביי זיך באשלאסען זיך צו דערנעהרען מיגיע כפיו. דאס איז געווען די אורזאך וואס האט איהם אוועקגענומען פון זיי. דאס איז אויך געווען די אורזאך ווארום ער האט די גאנצע צייט פון זיך ניט געלאזט הערען. כל־זמן ער איז געווען יונג און שוואך האט ער ניט געוואלט האבען קיין זייטיגע איינפלוסען. ער האט פשוט מורא געהאט, אז זיינע קרובים וועלען איהם ניט לאזען געהן אין זיין אויסגעקליבענעם דרך. ער האט דערפאר געוואלט זיין נאר אין דער פרעמד און אפילו פאר פרעמדע זיך ניט ארויסגעבען, כדי מען זאל צו איהם ניט צושטעהן, אז ער זאל פון אימיצען נעמען הילף.

איצט איז ער אבער שוין א דערוואקסענער בחור. ער ווייסט שוין גענוי וואס ער וויל און וואס זיין דרך זאל זיין. אלץ איז ביי איהם באשטימט און באשלאסען. קיינער קען מעהר אויף איהם ניט ווירקען. זאלען עס דערפאר זיינע קרובים וויסען און איהם מעהר ניט באלעסטיגען מיט זייערע אנבאטען איהם באהילפיג צו זיין און אפילו ניט באלעסטיגען איהם מיט קיין פראגען אדער פארוואורפען בנוגע זיין אויסערגעוועהנליכען דרך, וואס איז געווען אזוי פול מיט ליידען און יסורים, אבער דאך מיט דעם באפרי־דיגענדען זעלבסטבאוואוסטזיין, אז ער שטעהט אויף זיינע אייגענע פיס און אז ער דינט דעם רבונו־של־עולם ווי א אמת'ער נקי כפים ובר לבב.

יח.

דער צער פון אן עהרליכען אידען

אברהמ'ל דער פישער פון וועמען ברוך האט א סך געלערענט. — פארוואס ברוך'ס פאטער האט איהם אנגעהויבען רופען "ר' אברהם".

ברוך איז גור׳קגעקומען קיין וויטעבסק, זיין געבורטס־שטאט, מיט א סך תורה און מדות טובות. ער איז אבער געווען דורשטיג פאר נאך תורה. ער איז אויך געווען אנטשלאסען נאך ווייטער זיך צו לייטערען און שלייפען ביז ער וועט דערגרייכען די סאמע העכסטע מדרגה פון צדקות.

תורה, האט ברוך געוואוסט, מוז ער לערנען פון גרויסע גאונים און שארפע מוחות. ביי זיין שוואגער פון איין זייט און ר' פלטיאל, פון דער צווייטער, די ראשי הישיבה אין וויטעבסק, האט ער געקענט לערנען גאר א סך. דאגעגען, האט ברוך געוואוסט, אז ווען עס קומט צו מעשים טובים, מדות טובות, קען ער זיי לערנען ניט דוקא ביי גרויסע לומדים און גרויסע מוחות נאר אפילו ביי די סאמע פשוט'ע אידישע פאלקס־מענשען.

אויף זיינע וואנדערונגען האט שוין ברוך געהאט די געלעגנהייט זיך צו דערגרונטעווען צו דער נשמה פון די פשוט'סטע אידישע מענשען. ער האט פון זיי גאר א סך געלערנט. זיי זיינען פאר איהם געווען אן אינספיראציע, איבער־ציינגענדיג איהם, אז מען קען זיין א פשוט'ער בעל מלאכה און דאך דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון צדקות.

ברוך האט אבער ניט געדארפט זיך לאזען איבער שטעט און שטעטלער צו געפינען די ״זיגע ריינע אידישע נשמות. ער האט קיינמאל ניט געקענט פארגעסען דעם גרויסען רושם וואס עס האט אויף איהם געמאכט א פשוט'ער איד, טאקע אין וויטעבסק גופא. ער האט איהם געדענקט פון זיין פריהסטער יוגענד, פון דער צייט ווען עס האבען נאך געלעבט זיינע עלטערען און זיי האבען געוואוינט אין עק שטאט ניט ווייט פון דער דווינע.

אין שכנות מיט זיי, דאס דריטע הויז צו זיין גענוי, האט געוואוינט אברהם'ל דער פישער, וועמען מע: האט אין דער שכונה און אין גאנץ ווי־טעבסק, אויך גערופען ״אברהם'ל די ליפ״. ״פישער״ האט מען איהם גערו־פען דערפאר וואס ער האט זיך אפגעגעבען מיט פאנגען פיש אין דער דווינע און פון דעם געצויגען זיין חיונה. ״די ליפ״ האט מען איהם גערופען דערפאר וואס זיין אונטערשטע ליפ איז געווען דיק און אפגעשטאנען פון דער אויבער־שטער און האט זיך אנגעזעהן באזונדער שטארק צוליעב איהר רויטקייט.

אברהם'ל יז געווען א גאר פשוט'ער מענשעל. ער האט מעהר ווי דאווענען ניט געקענט און נאך אלע מאטערנישען זיינע האט ער קוים געוואוסט פירוש המלות פון די טעגליכע תפלות. ער איז אבער געווען א גרויסער ירא שמים.

יעדען פריהמארגען און יעדען פארנאכט איז ער געגאנגען אין בית המדרש און געדאווענט מיט גרויס כוונה. ער איז דאן געבליבען אין בית המדרש זיך צוצוהערען ווי מען זאגט עין יעקב, מדרש, אדער האט זיך פארקליבען אין א ווינקעל און געזאגט מיט גרויס כוונה עטליכע קאפיטלעך תהילים.

זיינע זיהן זיינען גראד געווען וואויל־לערנער, ווייל אברהם'ל האט זיך געלאזט קאסטען א סך געלד זיי צו שיקען צו די בעסטע מלמדים און שפעטער אין דער ישיבה. זיינע זיהן זיינען געשטארבען פאר זיין לעבען און האבען איהם איבערגעלאזט אייניקלעך. אברהם'ל האט דערצויגען די אייניקלעך און זיי אויך געשיקט צו גוטע מלמדים און זיך שטארק באמיהט אז זיי זאלען אויסוואקסען בני תורה.

א חוץ בין אדם למקום, איז אברהם'ל דער פישער אויך געווען אפגעהיט בין אדם לחברו. ער האט געגעבען צדקה גאר ניט בערך לויט זיינע מעגליכ־קייטען. דאס וואלט געפאסט פאר אן אמת'ען גביר.

אין ברוך'ס זכרון האט זיך גוט איינגעקריצט דאס ·בילד ווי אברהם'ל דער פישער פלעגט אין די זומערדיגע טעג, שבת נאכמיטאג, קומען צו זייער פענסטער און זיך צוהערען ווי זיין מוטער האט געלייענט דעם ״צאינה וראינה״. ווייבער פון דער שכונה פלעגען זיך דאמאלס פארקלייבען אין הויז און זיך צוהערען מיט גרויס כוונה. אברהם'ל איז געווען דער איינציגער מאנסביל וואס האט זיך צוגעהערט פון צווייטען זייט פענסטער און האט דערביי גרויס הנאה געהאט. זיינע ידיעות זיינען אין דעם פרט ניט געווען

קיין העברעע ווי פון די ווייבער אינעווייניג. דער טייטש־חומש איז געווען גוט־צונעפאסט צו איהם און ער האט דערביי גאר א סך געלערנט.

אויב עס זיינען געווען מאנסבילען וואס האבען געקוקט אויף אברהם'לען פון אויבען אַרונטער און אפשר אויך מיט א שמייכעל, וואס ער דארף זיך צוהערען צום "ווייבערשען" חומש, האט אבער ברוך, אלס קינד, געפיהלט רחמנות פאר אט דעם אידען, וואס האט זיך ניט געשעהמט צו לערנען אפילו פון א אידענע. ברוך האט אויך געפיהלט גרויס פארעהרונג פאר אט דעם פשוט'ען פישער וואס איז געווען אזוי להוט צו הערען א אידיש ווארט.

אברהם'ל, וועלכער האט אליין געפאנגען זיינע פיש אין דער דווינע, האט זיין סחורה אויך אליין פארקויפט דירעקט צו די קונים אויפ'ן מארק. דאס וואס ס'פלעגט איהם איבערבלייבען האט ער געבראכט פון מארק צוריק אהיים און דארט פארקויפט די סחורה צו די ארומיגע שכנים. וויסענדיג אז די שכנים זיינען ארימע מענשען, האט ער זיי די סחורה פארקויפט בחצי חנם.

די וואס זיינען געווען גאר ארים האט ער געגעבען פיש אומזיסט.

איינמאל האט אברהם'ל איבערגעלאזט צו זיינע בני בית דאס פארקויפען פון די איבערגעבליבענע פיש וואס ער האט צוריקגעבראכט פון מארק. זיי האבען געזאלט נאכפאלגען זיין דרך און פארקויפען בזול די סחורה און די גאר ארימע געבען פיש אומזיסט. האט פאסירט, אז דורך א טעות האט מען ביי אימיצען פון די קונים איבערגענומען עטליכע גראשען. גראד איז יענעם מאל איינער פון די קונים געווען א פויער, וואס האט זיך געהאט באוויזען אין דער שכויה און וועמען קיינער האט ניט געקענט.

ווען אברהם'ל האט זיך באוויזען און האט דערהערט, אז מען האט ביי א מיצען איבערגענומען עטליכע גראשען, האט ער זיך דערפון שטארק מצער געווען. ווער האט עס געקענט זיין? יענער האט געמוזט צוריקקריגען דאס וואס מען האט ביי איהם איבערגענומען דורך א טעות.

אבער קיינער האט ניט געוואוסט ווער דאס איז געווען. די בני בית האבען ניט געדענקט צי דאס איז געווען איינער פון די אידישע שכנים, צי דאס איז געווען דער גוי וואס איז געקומען און דאן פארשוואונדען מיט די פיש וואס ער האט געקויפט.

האט אברהם'ל זיך באלד ארויסגעלאזט איבער דער שכונה און איז גע־גאנגען פון הויז צו הויז, פרעגענדיג יעדען באזונדער וויפיעל ער אדער זי האט באצאהלט פאר די פיש, אויסצוגעפינען ווער עס איז געווען דער "אפגענאר־טער". אברהם'ל האט אבער ניט געקענט דערגעהן ווער דאס איז געווען. ניכער האט עס געמוזט זיין דער אומבאקאנטער גוי.

אבער וואו כאפט מען דעם גוי איהם צוריקצוגעבען די עטליכע גראשען, וואס אברהם'ל האט געהאלטען זיינען געווען איבער'ן מקח, אז קיינער האט איהם ניט געקענט און ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען און וואוהין ער איז אוועק?

אברהם'ל האט פשוט ניט גערוהט. ער האט געהאלטען כסדר אין נאכ־פרעגען זיך אויף דעם גוי. ער האט אבער גארניט געקענט אויסגעפינען וועגען איהם. קיינער האט איהם ניט געקענט.

איז אברהם'ל געקומען צו ברוד'ס פאטער, צו ר' שניאור זלמן'ען, דער תלמיד חכם פון דער שכונה.

— גיט מיר אן עצה וואס איך זאל טאן— האט ער געזאגט און עס איז געווען קלאר אז ער האט דערפון גרוים צער, — דאס געלד איז דאך פשוט'ע גזילה און ווי קען איך דערפון הנאה האבען?

אין אברהם'לס אויגען זיינען געשטאנען טרעהרען. ער איז געווען פאר־לארען.

— גיט דאס געלד אוועק אויף צדקה! — האט ר' שניאור זלמן איהם גע'עצה'ט.

— א שעהן פנים וועל איך האבען, — האט אברהם'ל געזאגט, — איך וועל דאמאלס זיין א שותף מיט א גוי אין דער מצוה. און ווידער, — האט ער זיך מתוכח געווען מיט זיך אליין, — אויב איך זאל דאס ניט טהאן און דאס געלט אריינווארפען אין טייך אריין, וועל איך דאך עובר זיין אויף בל תשחית!

ברוד איז געווען צו יונג, אז ער זאל געדענקען וואס אברהם'ל דער פישער האט ענדליך געטהאן מיט די עטליכע גראשען. ער האט אבער גוט גע. ענקט ווי זיין פאטער האט שטענדיג גערעדט וועגען דעם און האט ארויס־געצייגט גרויס פארעהרונג פאר אט דעם פשוט'ען און תמימות'דיגען פישער.

ביי ברוד'ן אין זכרון איז געבליבען וואס זיין פאטער האט געזאגט דערביי. ער האט אנגעוויזען אויף דער גמרא אין חולין (דף צ"ב עמוד א') וואו עס ווערט געזאגט, אז די פשוט'ע מענשען וואס ווערען גערופען עמי הארץ זיינען געגליכען צו די בלעטער פון א ווייגשטאק. אט די בלעטער היטען אפ די ווינטרויבען, אזוי היטען די פשוט'ע מענשען אפ די תלמידי חכמים! וואויל איז דעם תלמיד חכם וואס האט די תמימות און די גוטהארציגקייט פון די פשוט'ע אידישע מענשען.

ברוד האט אויך געדענקט דעם שמועס וואס זיין פאטער האט געהאט מיט אברהם'לען שבת ביינאג. ר' שניאור זלמן האט פון דאמאלס אן אנגע־הויבען רופען דעם פישער "ר' אברהם" און האט תמיד ארויסגעצייגט גרויס פארעהרונג פאר איהם.

ברוד האט דערפאר שוין אין זיין קינדהייט געוואוסט, אז ער האט זיך סך צו לערנען פון די פשוט'ע אידען און אז אויב ער דארף שטענדיג שטרעבען צו דערגרונטעווען זיך אלץ טיעפער אין דעם ים פון תורה, דארף ער אבער ארויסקוקען צו די גאר פשוט'ע אידען פאר מעשים טובים און גוט־הארציגקייט.

עס איז טאקע געווען מיט דעם אין זינען, וואס ברוד האט פארלאזט וויטעבסק און זיך געלאזט איבער "דער וועלט", מיט דעם פעסטען באשלוס, אז ווי הויך ער זאל ניט שטייגען א'ן תורה, זאל ער תמיד זיך האלטען מיט די פשוט'ע מענשען און אפילו נאכפאלגען זיי אין דעם וואס ער זאל זיין ברויט תמיד פארדינען דורך זיין אייגענער פראצע.

איצט איז ברוד צוריק געווען אין וויטעבסק. ער איז נאך ווייט ניט געווען צופרידען מיט זיך, מיט דער תורה וואס ער האט געלערנט אין משך פון זיינע וואנדערונגען און מיט די מדות טובות וואס ער האט זיך דערוואר־

בען. ער האט ווייטער געוואלט קלעטערען אויפ'ן לייטער פון מענשליכע דערגרייכונגען. ער האט שוין עס אבער געקענט טהאן מיט זיינע אייגענע כחות, סיי גייסטיגע און סיי פיזישע. זיין לעבענס-וועג איז געווען אן אנגעצייכענטער. קיינער האט איהם מעהר ניט געקענט בעאיינפלוסען פון אט דעם וועג אפצונייגען.

האט ברוך געלעבט אין דעם, וואס פאר אנדערע וואלט געקענט אויסזעהן ווי צוויי באזונדערע וועלטען, — די וועלט פון תורה און די וועלט פון מלאכה, דורך וואס ער האט זיך מפרנס געווען. פאר איהם איז עס אבער געווען איין וועלט. דער זעלביגער גייסט האט זיי ביידען צוזאמענגעבונדען.

ווען ברוך איז געזעסען און געלערנט, איז תורה פאר איהם געווען די וועלט אין וועלכער ער האט געלעבט. די תנאים און די אמוראים האבען פאר איהם געלעבט ווי זיי וואלטען געשטאנען פאר איהם אין פלייש און בלוט. ער האט זיך מיט זיי מתוכח געווען, זיך מיט זיי גע'פלפול'ט און מיט זיי זיך דורכגערעדט, אט ווי זיי וואלטען געשטאנען לעבען איהם.

ווען ער איז ארויס אין גאס, אדער וואו ניט איז, צו טהאן א שווערע ארבייט דורך דעם צו פארדינען זיין ברויט, איז ברוך ווידער געווען אריינגעטהאן אין דעם, ניט ווי דאס וואלט געווען אן עניין וואס ער דארף בעל ברחו אפ'פטור'ן, נאר ווי עפעס וואס ער האט באמת גערן, טאקע דערפאר וואס ער האט געוואלט יעדע פרוטה פארדינען כשר און עהרליך.

האט זיך דערפאר א מערקווירדיגע הארמאניע געשאפען צווישען זיין גייסטיגען און מאטעריעלען לעבען, צווישען זיין רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע וועלטען, צווישען גוף און נשמה, הימעל און ערד. אלץ איז פאר איהם געווען איינס. אלץ איז פאר איהם געווען איין גאנצע — אלץ דורכגעדרונגען מיט קדושה און מיט טהרה.

האט איהם אימיצער געהאט פארשטאנען? האט זיך בכלל אימיצער געקענט דערגרונטעווען צו דער טיפקייט פון זיין נשמה? ברוך האט ניט געוואלט קיין אנערקענונג און ניט געוואלט אז אימיצער זאל שענקען אויפמערקזאמקייט צו איהם. עס איז ביז דאמאלס נאר געווען איין מענש, וואס האט געהאט פאר א ווילע א נאהענטען צוטריט צו איהם און געקענט אריינקוקען אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. דאס איז געווען ר' אברהם דער גערטנער פון ליאזשנע. ער האט אבער ליאזשנע געהאט פארלאזט און זיך דערווייטערט פון ר' אברהם'ן פון ווענען ער האט אזוי פיעל געלערנט טאקע אין תורה און אויך אין מעשים טובים.

וועלען זייערע וועגען זיך נאך צוזאמענקומען? שווער צו זאגען אויב ברוך האט אין די ערשטע טעג פון זיין צוריקקומען קיין וויטעבסק וועגען דעם געטראכט. ער האט לכתחילה געהאט בדעה צו גרייכען ביעשענקאוויטש כד צו לערנען תורה טאקע ביי ר' אברהם'ס רבי'ן. אבער ער איז שוין געווען באשלאסען צו בלייבען אין וויטעבסק זיינע און ר' אברהם'ס וועגען האבען זיך דערפאר געזאלט האבען איינגאנצען פארנאנדערגעטיילט.

די השגחה האט אבער געהאט עפעס אנדערש באשטימט. אויב ברוך אליין האט דאמאלס ניט געטראכט וועגען ר' אברהם'ן, האט אבער ר' אברהם אן איהם ניט פארגעסען.

יט.

דער שדוך

ר' אברהם דער גערטנער געפינט ברוך'ן און שלאגט איהם פאר צו ווערען זיין איידים.— ווי ר' אברהם האט ארומגעזוכט ברוך'ן.—די באגעגעניש צווישען די צוויי פריינט.

איינגעארדענט זיך אין וויטעבסק, האט ברוך צו־ערשט ווייניג זארג געהאט. ער האט נאך געהאט אביסעל פון זיין אפגעשפארטען געלד. ער האט געהאט געגוג פאר זיינע קליינע באדערפעונישען, דער עיקר איז געווען ביי איהם דאס לערנען, און די ישיבה אין וועלכער זיין שוואגער און דער גאון ר' פלטיאל, האבען געזאגט שיעורים, איז געווען פאר איהם פולשטענדיג צו־פרידענשטעלענד.

אז ברוך האט זיך שפעטער ארומגעזעהן, אז זיין געלד הויבט איהם אן אויסגעהן, האט ער זיך ארויסגעלאזט, ווי זיין שטייגער, זוכען ארבייט. דאס איז איהם ניט אנגעקומען שווער צו געפינען, ווי באלד ער האט ניט איבער־געקליבען קיין ארבייט און וואס עס האט זיך געמאכט צום האנד האט ער געטהאן.

ארויסלאזענדיג זיך איבער'ן שטאט, האט ער זיך אנגעשטויסען אויף א נייעם בנין, וואס מען האט געהאלטען אין בויען. אידען און ניט־אידען זיינען דארט געווען באשעפטיגט טראגענדיג ציגעל און שטיינער און דער־לאנגט צום האנד אנדערע בוי־מאטעריאלען. ברוך האט זיך אנגעבאטען צו דער ארבייט און איז אנגענומען געווארען. צו זיין צופרידענהייט האט מען די ארבייט געטהאן פון שטיק אדער פון שעה. דאס האט ברוך'ן געגעבען א געלעגענהייט צו טהאן ארבייט אין באשטימטע שעה'ן און דאן צוריקקעהרען אין בית המדרש און לערנען.

ברוך האט בכלל געטהאן נאר אזוי פיעל ארבייט וויפיעל דער שכר וואס ער האט באקומען, האט געקענט קלעקען פאר זיינע באדערפענישען. די איבריגע פון זיין צייט האט ער דורכאויס געוואלט נאר פארברייינגען אין לערנען.

אזוי איז אוועק דער זומער. ברוך האט זיך שוין אנגעהויבען פיהלען היימיש אין זיין אייגענער געבורט־שטאט. קיינער האט איהם דארט מעהר ניט געשטערט. ער איז שוין געווען געגוג זעלבסטשטענדיג, אז ער זאל זיך פון קיינעם ניט לאזען שטערען.

ברוך האט גאר ניט געוואוסט, אז בעת ער איז געזעסען אזוי רוהיג אין וויטעבסק און געלערנט, האט אין ליאזשנע, די שטאט, וועלכע ער האט אזוי פלוצלינג פארלאזט דעם פאריגען ערב פסח, אימיצער זיך שטארק מצער געווען און איז געווען שטארק באזארגט איבער דעם וואס ער, ברוך, איז נעלם געווארען. דאס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי ר' אברהם דער גערטנער מיט וועמען ברוך האט זיך אזוי שטארק באפריינדעט דאמאלס ווען ער איז געווען ביי איהם אן אנגעשטעלטער און דערנאך ווען ער האט מיט איהם געלערנט צוזאמען.

ווען ר' אברהם האט יענעם ערב פסח אויסגעפונען אז ברוך איז אוועק פון ליאזשנע און האט ניט איבערגעלאזט קיין שפור הינטער זיך, האט ער קוים געקענט אויסמאכען וואס אזוינס עס איז געשעהן. זאל עס האבען באדייט אז ברוך האט ניט געוואלט זיצען ביי זיין טיש? ר' אברהם האט שוין לאנג געהאט אן אויג אויף ברוך'ן. ער האט שוין פאקטיש געהאט גע־וואוסט אלץ וואס עס איז געווען צו וויסען וועגען אט דעם מערקווירדיגען יונגען מאן. ר' אברהם האט שוין געוואוסט, אז ברוך איז א גרויסער למדן און צדיק. ער האט אויך געוואוסט וועגען זיין פעסטען באשלוס צו דערנעהע־רען זיך פון דער אייגענער פראצע. ר' אברהם האט אפילו שוין אויך געהאט געוואוסט ווער ברוך איז געווען, פון וואנען ער איז געקומען און פון וועמען ער האט געשטאמט. ווי ווייניג ברוך האט גערעדט, האט ר' אברהם דאך פון איהם ביסלעכווייז געהאט ארויסגעקראגען אז ער שטאמט פון א מיוחס'דיגע משפחה וואס האט אויסגעוואנדערט פון פאזען. ברוך האט אויך געהאט דער־צעהלט אז ער איז געבארען און דערצויגען געווארען אין וויטעבסק און אז ער האט זיך אויפגעהאדעוועט אין א הויז אין עק שטאט, ניט ווייט פון די ברעגעס פון דער דווינע.

ר' אברהם, וועלכער איז אליין, אין זיין שיטה און דרך, געווען ניט ווייט פון ברוך'ן, האט געפיהלט א שטארקען צובונד צום דאזיגען יונגען מאן. דער צובונד איז געווען נאך שטארקער דערפאר וואס ר' אברהם האט געהאט א דערוואקסענע טאכטער, און אין זיין מח איז שוין לאנג געבארען געווא־רען דער געדאנק אז ברוך וואלט געווען א פאסיגער שידוך פאר זיין טאכטער.

רבקה איז געווען דער נאמען פון ר' אברהם'ס טאכטער. זי איז געווען א געראטען קינד. ר' אברהם האט ניט געקענט טראכטען פון קיין בעסערען שידוך ווי ברוך. ער האט אבער נאך ניט געוואגטריידען מיט ברוך'ן וועגען דעם. ער האט גוט געוואוסט וועגען ברוך'ס אייגנארטיגען צוגאנג צו זאכען. ער האט נאך ניט געהאט אויסגעפארשט ביי איהם אויב ער איז בכלל גרייט חתונה צו האבען. האט ר' אברהם, ווי א געניטער און פראקטישער מענש, געהאלטען אז צוערשט דארף ער צוגעוואוינען ברוך'ן צו זיך און איהם מקרב זיין צו דער פאמיליע. דאס וואס ער האט ברוך'ן געהאט פארבעטען צו זיך אויף פסח, איז טאקע געווען מיט דער כוונה אז ער זאל ווערען ביי איהם א בן בית.

ביי די סדרים און די אנדערע יום־טוב'דיגע מאלצייטען, וואלט ברוך זיך נעהנטער באקאנט מיט ר' אברהם'ס משפחה, איינשליסענדיג רבקה'ן אליין. עס וואלט דאמאלס איהם אנגעקומען לייכטער צו ריידען מיט ברוך'ן וועגען דעם שידוך. אט דערפאר האט ר' אברהם זיך שטארק גענומען צום הארצען וואס ברוך איז פלוצים פארשוואונדען געווארען.

זאל עס האבען געהייסען, אז ברוך האט דערפיהלט מיט וועלכע מחשבות ר' אברהם טראגט זיך ארום און איז טאקע צוליעב דעם אוועק פון ליאזשנע? דאס וואלט אייגענטליך פאר ר' אברהם'ן געקענט דיענען ווי אן ענטפער מצד ברוך'ן צו די פלענער מיט וועלכע ער האט זיך געהאט ארומגעטראגען. ר' אברהם האט אבער אויך געוואוסט, אז ברוך האט געקענט האבען גאנץ אנ־דערע טעמים צו פארלאזען ליאזשנע, און עס זאל גאר ניט האבען צו טהאן

מיט דעם שידוך וואס ער האט געהאט בדעה איהם פארצוליינען. אט צוליעב דעם האט ר' אברהם כסדר געהאלטען אין נאכטראכטען וועגען ברוד'ן און האט ניט געוואלט אז איהם פארגעסען.

ר' אברהם האט זיך אריינגעזומען אין קאפ אז ער מוז אויפזוכען ברוד'ן און וואו ער זאל זיך ניט געפינען, זאל ער איהם פון דארט צוריקברייינגען קיין ליאזשנע און איהם מאכען פאר זיין איידעם. אבער ווי געפינט מען א שפילקע אין א וואגען היי? וואו זוכט מען דעם פארשוואונדענעם בחור'ל?

אין משך פון דעם זומער האט ר' אברהם מיט א נייעם שותף ווידער אפגעדונגען סעדער. איינער פון די סעדער האט זיך געפונען א גאנץ היבשער מהלך פון ליאזשנע. ווען עס איז געקומען די צייט ארונטערצונעמען די פירות פון די בוימער, האט דער שותף געמאכט דעם פארשלאג, אז ר' אברהם זאל די פרוכט פיהרען קיין וויטעבסק, די איינציגע גרויסע שטאט אין דער געגענד. ער איז געווען זיכער אז דארט קען מען נעהמען א העכערען מקח פאר די סחורה.

בעת דער שותף האט געמיינט, אז ער וועט דארפען א סך אריינ'טענה'ן מיט ר' אברהם'ן, צו פיהרען די פרוכט קיין וויטעבסק, האט ר' אברהם באלד געלאזט וויסען, אז ער איז מרוצה. ר' אברהם האט פשוט געוואלט זיין אין וויטעבסק כדי ער זאל דארט מאכען א חקירה ודרישה וועגען ברוד'ן. ווערליך די סמנים וואס ברוד האט איהם געהאט אנגעגעבען, וועגען זיין יוגענד אין וויטעבסק, איז ר' אברהם געווען בטוח, אז איהם וועט געלינגען צו געפינען ברוד'ן אין וויטעבסק גופא. ר' אברהם האט שפעטער גענומען די פרוכט קיין וויטעבסק וואו ער האט פארקויפט צו גאנץ הויכע פרייזען. ער האט זיך שנעל אפגעפארטיגט מיט זיינע עסקים און האט זיך ארויסגעלאזט איבער'ן שטאט זוכען ברוד'ן. נעדיינקענדיג וואס ברוד האט איהם געהאט דערצעהלט וועגען דער דווינע און דעם טייל שטאט ביי דער דווינע וואו ער האט זיך געהאט אויסגעהאדעוועט, האט זיך ר' אברהם אוועקגעלאזט אין יענעם טייל שטאט צו געפינען ברוד'ן, אבער אהן ערפאלג. ער האט פון ברוד'ן קיין שפור ניט געפונען. ביי די וואס ער האט זיך נאכגעפרעגט וועגען איהם, האט ער אויך גאר ניט געקענט אויסגעפינען. ר' אברהם איז געווען אנטטוישט.

ער האט פון דעסטוועגען נאך אלץ ניט אויפגעגעבען די האפנונג, אז ער וועט ברוד'ן דאך ווען געפינען. יענעם זומער איז ר' אברהם'ן אויסגעקומען צו זיין אין וויטעבסק עטליכע מאל, אבער ער האט וועגען ברוד'ן גאר ניט געקענט דערגעהן.

ר' אברהם האט שוין געהאט באשלאסען צו מאכען א נסיעה צו זיין אמאליגען רבי'ן, ר' אברהם זאב אין ביעשענקאוויטש און פרעגען זיין עצה, צי זאל ער נאך אלץ ארומזוכען ברוד'ן אדער זאל ער זוכען אימיצען אנדערש פאר אן איידעם. ר' אברהם זאב איז פאר איהם געווען מעהר ווי א רבי. ער האט ר' אברהם'ן פאקטיש ערצויגען און שפעטער איהם אויך חתונה געמאכט.

זיין רבי האט ר' אברהם'ן גע'עצה'ט, אז ער זאל א געוויסע צייט נאך ארומזוכען ברוד'ן און אויב ער וועט אין משך פון דער צייט איהם ניט געפינען, זאל ער דאמאלס טראכטען פון אן אנדער שידוך פאר זיין טאכטער.

זייענדיג אין ביעשענקעוויטש האָט ר' אברהם זיך דערוויל באקאנט מיט א ישיבה בחור וואָס האָט געלערנט אין דער וויטעבסקער ישיבה און האָט געהאַלטען אין דערציילען שבחים וועגען דעם ראש ישיבה, דעם יונגען עילוי ר' יוסף יצחק, וועלכער, ווי מיר ווייסען, איז געווען ברוך'ס שוואָגער. דער ישיבה בחור האָט נאַטירליך ניט געוואוסט וועגען דער פאַרבינדונג צווי־שען ר' יוסף יצחק'ן און ברוך'ן. ער האָט אויך ניט געוואוסט אז ר' אברהם זוכט ארום אימיצען וואָס איז דעם דאָזיגען ראש ישיבה'ס א שוואָגער. ר' אברהם האָט זיך אבער באזונדער פאַראינטערעסירט אין דעם ראש הישיבה און באשלאָסען אז ווען ער וועט ווידער זיין אין וויטעבסק זאָל ער זיך מיט איהם באקאַנען.

אזוי איז טאַקע געווען. אין משך פון דעם קומענדיגען ווינטער איז ר' אברהם'ען ווידער אויסגעקומען צו זיין אין וויטעבסק און בעת ער האָט געהאַלטען אין אויג אויף ברוך'ן, האָט ער דערוויל באשלאָסען צו באקאַנען זיך מיט דעם ראש ישיבה ר' יוסף יצחק'ן. ר' אברהם'ען איז צוערשט גאר ניט איינגעפאַלען צו ריידען מיט ר' יוסף יצחק'ן וועגען ברוך'ן. אבער עס האָט לאַנג ניט גענומען און אין זייערע שמועסען איז אויך געקומען צו רייד ווע־גען ברוך'ן. ערשט דאַמאַלס האָט זיך ארויסגעוויזען, צו ר' אברהם'ס פרייד, אז ניט נאָר איז ר' יוסף יצחק ברוך'ס שוואָגער, נאָר אויך אז ברוך געפינט זיך אין וויטעבסק און פיהרט זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער, וואָס מיינט, אז ער לערנט און ארבייט געוויסע שטונדען פון טאָג כדי זיך צו דערנעהרען.

ר' אברהם'ס שמחה איז געווען גרויס. ער האָט באַלד ערקלעהרט וואָס ער האָט געהאַט אין זינען די גאַנצע צייט. ר' יוסף יצחק האָט איהם אבער ערקלעהרט, אז וואָס איז נוגע דעם שידוך, וועט ער דארפען ריידען מיט ברוך'ן אליין. ער האָט שוין געדאַרפט אליין וויסען, אז ברוך געהערט צו יענע פאַרשוינען וואָס לאָזען זיך ניט פון קיינעם בעאיינפלוסען.

אבער וואו געפינט מען ברוך'ן? די אייגענע קרובים האָבען איהם גע־זעהן אזוי זעלטען! ר' יוסף יצחק האָט נאָר געוואוסט אין וועלכען בית המדרש ברוך האַלט זיך אויף. איז ר' אברהם אוועק אין יענעם בית המדרש און זיך געזעצט לערנען. עס האָט לאַנג ניט גענומען און ברוך איז ערשינען אין בית המדרש. צו ר' אברהם'ס איבערראַשונג איז ברוך, וועלכער איז געוויינליך געווען קאַלט און צוריקגעהאַלטען, דאַמאַלס גראד געווען ווארעם און האַרציג. ביידע זיינען זיך געפאַלען איינער דעם צווייטען אויפ'ן האַלז און געקושט.

— איך האָב דיך די גאַנצע צייט ארומגעזוכט, — האָט ר' אברהם ערקלעהרט, — איך האָב זיך שטאַרק מצער געווען וואָס דו ביזט נעלם גע־ווארען פון ליאזשנע און ניט איבערגעלאָזט קיין שפור הינטער זיך.

ר' אברהם האָט אבער שוין מעהר ניט געדאַרפט קיין ערקלעהרונגען פון ברוך'ן. די פריינדשאַפט וואָס ער האָט צו איהם ארויסגעצייגט און די פלוצים'דיגע ווארעמקייט וואָס ער האָט אין איהם געקענט פיהלען, האָבען עדות געזאָגט, אז ברוך האָט געפיהלט דעם זעלביגען צובונד צו ר' אברהם'ען ווי ר' אברהם האָט געפיהלט צו איהם. ר' אברהם האָט איצט געפיהלט, אז

זיין מיה איז ניט געווען אומזיסט. האט ער אָבער געקענט אויך זיין זיכער, אז ברוך וועט זיין וויליג צו טהאן א שידוך?

ער האט וועגען דעם געדאַרפט רעדען זעהר פאָרזיכטיג. ברוך'ס שוואָגער, ר' יוסף יצחק, האט איהם אויך געהאט געראטהען אז ער זאָל מיט איהם ריידען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. ר' יוסף יצחק האט דערוויל אליין פּרובירט צוגרייטען ברוך'ן צו דעם שמועס וואס ר' אברהם האט געוואָלט מיט איהם האלטען. גראד האט ברוך זיך געלאָזט ריידען און ווען דער טאָג איז געקומען און ר' אברהם האט איהם ערקלעהרט אז ער וויל איהם פאר אן איידעם, האט ברוך איינגעווילינגט, אָבער האט דערביי געשטעלט תנאים וועלכע זיינען געווען כאראַקטעריסטיש פאר איהם און פאר דעם דרך אויף וועלכען ער האט זיך געהאט פארנומען.

כ

דער בעל שם און די נסתרים

ברוך'ס באַקאַנטשאַפט מיט די נסתרים.— זיין באַגעהר צו ווערען זייער מכניס אורח.— די תנאים וואס ער האט געשטעלט זיין קינפטיגען שווער, ר' אברהם'ן.

אין משך פון זיינע וואַנדערונגען איבער פאַרשידענע אידישע שטעט־לאך, האט ברוך געהאט די געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט א רייהע אידישע פערזענליכקייטען, וועלכע האָבען אויף איהם איבערגעלאָזט אן אומ־פאַרגעסליכען רושם. דאס זיינען געווען די נסתרים, וואס האָבען אין יענער צייט געוואַנדערט איבער אידישע שטעט און שטעטלאך. די דאָזיגע נסתרים זיינען געווען פון פאַרשידענע מינים. עס זיינען געווען צווישען זיי גרויסע גאונים און צדיקים, וואס האָבען געוואַנדערט פאַרשטעלטערהייט, אָפּצוּריכטען גלות. דאס זיינען געווען מענשען, וואס האָבען געוואָלט אָפּ־קומען אויף דעם עולם התחתון. האָבען זיי אויף זיך גענומען פאַרשידענע סגופים און עונשים אָפּצוקומען פאר געוויסע עבירות וואס זיי אליין אָדער אַנדערע זיינען באַגאַנגען, אָדער דורך דעם צו ברענגען א תיקון פאר כלל ישראל.

עס זיינען אָבער צווישען די נסתרים אויך געווען אַזוינע וואס האָבען זיך אַרויסגעלאָזט צווישען פאָלק כדי מיט זייערע גייסטיגע אייגענשאַפטען און מדות טובות צו דערהויבען דעם אָפּגעשטאַנענעם אידישען המון גייסטיג און מאַטעריעל. נאָך אין יאָהר תכ"ה האט שוין עקזיסטירט א באַשטימטע גרופּע פון פאַרבאָרגענע צדיקים, וואס האט אויף זיך געהאט גענומען די אויפגאַבע צו דערהויבען און פאַרבעסערען דעם אידישען גייסטיגען מצב. דאס איז געווען נאָך איידער דער בעל שם טוב האט אָנגעהויבען ווירקען, צו ערשט אליין ווי א נסתר, אין אידישען לעבען. דאס איז געווען אין יענער צייט, ווען די אָרימקייט צווישען אידען איז געווען מורא'דיג גרויס. אידען זיינען נאָך ניט געקומען צו זיך פון די גזירות ת"ח ות"ט, ווען א סך אידישע קהילות זיינען פאַרניכטעט געוואָרען און ווען אין אידישען לעבען איז געוואָרען א תהו ובהו. צוליב דער גרויסער אָרימקייט האָבען יונגע

אידישע קינדער געמוזט טאָן עבודת פרך כדי ניט צו זיין קיין לאסט אויף זייערע עלטערן אָדער טאקע מיט זייער ארבייט ארויסגעהאָלפען זייערע פאַראָרימטע עלטערן.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין אַזאַ צושטאנד האָבען אידישע קינדער זיך ניט געקענט אָפגעבען מיט לערנען תורה. אַ סך קינדער זיינען אוועקגע־ריסען געוואָרען פון די חדרים. די ישיבות זיינען ממש אויסגעליידיגט גע־וואָרען. דאָס האָט געמוזט פיהרען דערצו, אַז עס זאָל אויסוואַקסען אַ דור פון עמי הארצים. כאָטש די מעהרסטע פון זיי זיינען געוועזען פרום, זיינען זיי אָבער געוועזען ווייט פון תורה. די נסתרים האָבען דערפאַר געהאָט גאָר אַ גרויסע אויפגאַבע פאַר זיך: זיי האָבען אָט די פאַרגרעבטע, און אין אַ גרויסער מאָס אויך פאַר'יאוש'טע, אידען געהאַלטען אין מעורר זיין און ביי זיי ארויסרופען האָפענונג און גלויבען אין זייער אייגענער צוקונפט, ווי אויך אין דער צוקונפט פון דער אידישער אומה. זיינען די דאָזיגע נסתרים געוועזען לעהרער און וועגווייזער, דערמונטערער און טרייסטער און זייער ווירקונג איז געוועזען אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע און וויכטיגע.

דער בעל שם טוב איז געבאָרען געוואָרען ערשט אין יאָהר תנ"ח. טראַדיציע גיט אונז איבער, אַז נאָך אַלס אינגעל פון צעהן יאָהר האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אָן אַ גרופע פון נסתרים און האָט מיט זיי געוואַנדערט איבער אידישע ישובים, העלפענדיג אין אָט דער גרויסער און הייליגער ארבייט צו וועקען און רופען די פשוטע אידען צו עבודת הבורא.

שפּעטער, ווען דער בעל שם האָט אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען זיין נייעם דרך פון חסידות, האָט ער, ווי מיר ווייסען שוין פון פריהער, צו ערשט אליין אָנגעפיהרט אַ גרויסע און פאַרצווייגטע טהעטיגקייט דורך נסתרים. דער בעל שם האָט געוואָלט פריהער צוגרייטען דעם באָדען און ערשט שפּעטער ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט מיט דעם דרך החסידות. איך האָב שוין אָנגעוויזען, אַז דעם בעל שם'ס כוונה דערביי איז געוועזען צו ערשט, אַלס נסתר, צו העלפען אידען אין גשמיות, זיי צוריק צו ברענגען צו מלאכה און ערד־ארבייט און צו אַנדערע באַשטימטע און זעלבסטשטענדיגע פּרנסות. האָבענ־דיג צוגעגרייט דעם באָדען דורך אָט דער דאָזיגער טהעטיגקייט, האָט ער זיך שפּעטער מתגלה געוועזען און זיך אָנגעהויבען פאַרנעמען מיט דער הייליגער ארבייט צו דערהויבען אידען אין רוחניות.

וועגען דער צייט וואָס דער בעל שם האָט אליין אומגעוואַנדערט ווי אַ נסתר, פריהער אַלס אינגעל, און שפּעטער אַלס דערוואַקסענער, ווערען דער־צעהלט פאַרשידענע עובדות. ווי עס איז באַקאַנט, איז דער בעל שם אין זיין יוגענט אַ געוויסע צייט געוועזען אַ באַהעלפער און ער אליין דערצעהלט:

"ווען איך בין געוועזען אַ באַהעלפער, פלעג איך שטאַרק האָרעוועןן אריינצוגעבען אין די הערצעלאך פון די קליינע קינדער אהבת אב ואם. איך פלעג די קינדערלאך באַשיינפּערליך אָנווייזען אויף די מידות טובות פון זייערע עלטערן".

דער בעל שם האָט שוין דאַמאָלס געזעהן די נויטווענדיגקייט צו שאַפען אַ גרעסערען און שטאַרקערען צובונד צווישען קינדער און על־

טערען. די קינדער האבען ניט געזאלט אפגעפרעמדט ווערען פון זייערע עלטערען. ווי ביטער עס איז ניט געווען דער גשמיות'דיגער מצב פון די אידען אין יענער צייט און ווי וועניג עלטערען האבען זיך געקענט אפגעבען מיט דער דערציהונג פון זייערע קינדער, האט דער בעל שם און די אנדערע נסתרים געזאלט שטארקען און דערמוטיגען אידישע הערצער און דערנעהענ־טערען דעם אלטען און דעם יונגען דור.

שפעטער, אלס דערוואקסענער, האט דער בעל שם געוואנדערט איבער אידישע ישובים און איז ממש געגאנגען פון הויז צו הויז, אבער ניט חלילה צו נעהמען נדבות נאר פארקעהרט אויסצוטיילען גייסטיגע נדבות, כדי צו שטארקען אידישע הערצער. אנגעטאן ווי איינער פון די געוועהנליכע אי־דישע וואנדערער, האט מען דעם בעל שם אפט אנגענומען, רחמנא לצלן, ווי איינעם פון די ארימעלייט וואס פלעגען געהן איבער די הייזער בעטען נדבות. דער בעל שם פלעגט דאן זיך אוועקשטעלען אין גאס און פארקלייבען ארום זיך פשוטע אידען און זיי דערצעהלען מעשיות און פארטייטשען פאר זיי מאמרי חז"ל. ער האט געהאט א קלאהרע און ריינע שפראך. די וואס האבען איהם געהערט, האבען פארשטאנען אלץ וואס ער האט געזאגט. זיינע רייד האבען געוועקט און געפאנגען הערצער.

יעדער ספור וואס דער בעל שם האט דערצעהלט איז געווען דורכגע־דרונגען מיט אהבת השם און אהבת ישראל. יעדער ספור האט אנטהאלטען א גרויסען מוסר השכל. עס האט געוועקט האפענונג און געשטארקט דעם בטחון אין רבונו של עולם.

דער בעל שם האט ניט געווארט ביז די פשוטע אידישע מענשען, די שווער פארהארעוועטע אידישע מענשען, זיינען געקומען צו איהם. ער איז געגאנגען צו זיי, וואו זיי האבען זיך ניט געפונען. ניט אומעטום איז געווען א בית המדרש. ניט אלע אידען האבען געהאט די צייט און געלעגענהייט צו געהן אין בית המדרש דארט מתפלל צו זיין און דארט צו הערען א דבר תורה און מוסר. איז דער בעל שם דערפאר געגאנגען צו זיי און זיי גע־מונטערט און געמוטיגט, זיי געלערענט און געוועקט צו עבודת הבורא.

די דאזיגע נסתרים, איינשליסענדיג אויך דעם בעל שם, פלעגען אויף זייערע וואנדערונגען איבער אידישע ישובים זיך אויפהאלטען אין די בתי מדרשים. זיי האבען דארט געשלאפען און האבען דארט געגעסען פון זייער ארימען צידה לדרך. עס איז דערפאר געווען נאטירליך, אז ברוך, וועלכער איז אליין געווען א נסתר און האט זיך תמיד אויפגעהאלטען אין די בתי מדרשים, זאל זיך באקאנען מיט די דאזיגע וואנדערענדיגע נסתרים. פאר איהם האבען זיי זיך ניט געדארפט באהאלטען. גאר א סך האבען אליין זיך פאר איהם אנטפלעקט אדער האבען דורך זייערע רייד, סיי אין דברי תורה און סיי אין דברי חול, איהם געצייגט ווער זיי זיינען געווען. ברוך האט דערפאר גאר א סך געלערענט פון אט די נסתרים און עס איז אפילו מעגליך, אז דער דרך פון בעל שם אליין האט שוין צו יענער צייט, דורך די דאזיגע נסתרים, געהאט דערגרייכט צו איהם.

א סך פון די דאזיגע נסתרים האט ברוך משמש געוועז און האט פאר זיי געטהאן פארשידענע שליחות'ן. שוין אין יענער צייט איז ביי ברוך'ן גע־בארען געווארען דער געדאנק, אז אויב ער וועט האבען די מעגליכקייט, וועט ער זיין הויז מאכען פאר א בית ועד פאר אט די וואנדערענדיגע נסתרים. זיי האבען זיך אלע געדארפט אויפהאלטען אין די בתי מדרשים, שלאפענדיג אויף די הארטע בענק און עסען וואס עס האט זיך געמאכט, דערפאר וואס עס זיינען געווען גאנץ ווייניג בעלי בתים וואס זיינען געווען מכניסי אורח. בלויז געהויבענע אורחים, באוואוסטע רבנים, מגידים און פארשידענע משולחים, וואס זיינען געווען באקאנט פאר זייער לומדות און זייער טאלאנט צו דרשנ'ען, האבען געפונען בעלנים וואס האבען זיי גענומען צו זיך אין די הייזער און זיי פארזארגט מיט זייערע באדערפענישען.

אבער די ארימע, די פארשטויסענע, די וואס האבען פון אויבען אויף זיך מיט גאר ניט געהאט אויסגעצייכענט, זיינען געווען אין גאנצען הילפלאז און זיינען געבליבען ממש אומבאמערקט. קיינער האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט. קיינער האט זיי ניט אנגעבאטען קיין נאכטלעגער און קיינער האט זיי ניט געגעבען קיין מאלצייט. יענע וואנדערער, וואס זיינען געגאנגען איבער די הייזער, רחמנא לצלן, האבען אליין זיך פארזארגט, טאקע פון דעם וואס זיי האבען געקראגען, געהענדיג איבער די הייזער. דא און דארט האט א גוט־הארציגע אידישע פרוי אימיצען פון זיי געגעבען א טעלער געקעכטס און אויך א גאנצען מאלצייט. שבתים האבען זיך אזוינע ארימעלייט אוועק־געשטעלט אין בית המדרש ביים טיר און גוט־הארציגע אידען האבען ביים פארלאזען דעם בית מדרש, גענומען מיט זיך אן אורח צום טיש. אבער יענע נסתרים, וואס האבען אויסגעקוקט ווי פשוטע וואנדערער און האבען דערביי קיינעם ניט באלעסטיגט און ביי קיינעם גאר ניט געבעטען, זיינען פשוט געווען עלול, רחמנא לצלן, צו הונגערען, סיידען זיי האבען געהאט זייערע אייגענע קוואלען פון וואס זיך מפרנס צו זיין.

ברוך האט עס גאנץ גוט פארנומען און האט דערפאר גע'חלומ'ט פון דער צייט ווען ער וועט קענען עפענען זיין טהיר טאקע פאר אזוינע נסתרים. ער האט גוט געוואוסט ווי שטארק ער וואלט זיי מהנה געווען שוין מיט דעם וואס ער וואלט זיי אין זיין הויז געגעבען א נאכטלעגער און א מאלצייט, אביסעל ווארימס צו דערקוויקען זייערע פארשמאכטע הערצער.

ברוך פלעגט דאמאלס אויך טראכטען וועגען דעם, וואס עס וועט זיין אויב דער אויבערשטער וועט איהם א מאל בענשען מיט אן אייגענע הויז, וואו ער וועט קענען אויפנעהמען אורחים ווי ס'באדארף צו זיין. דאס האט נאטירליך געדארפט זיין דאמאלס ווען ער וועט זיין א באווייבטער. אבער דאמאלס וועט עס זיך דאך איינגאנצען ווענדען אן זיין צווייטער העלפט, אויב זי וועט אויך זיין מרוצה צו מאכען זייער הויז פאר א הכנסת אורחים. דער אויבערשטער וועט איהם דארפען צושיקען א ווייב וואס זאל זיין מיט איהם אין איין דעה. ברוך האט גוט געוואוסט דעם מאמר חז"ל, אז "אשה עיניה צרה באורחים" (א פרוי האט א בייז אויג, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אורחים). ברוך פלעגט דאמאלס אויך טראכטען וועגען דעם וואס רש"י

זאגט ווענגען אונזער מוטער שרה. אפילו זי האט ניט איננאנצען געטיילט אברהמ'ס גוט־הארציגקייט און גרייטקייט צו באדינען אורחים. ווען אברהם האט איהר געהייסען, אז זי זאל פאר די אורחים נעמען "סלת" — זעמעל־מעהל — האט שרה, ווי רש"י זאגט, געזאגט, אז עס וועט זיין גענוג צו נעמען פשוט'ען מעהל . . .

אט דערפאר האט ברוך, ווען עס איז איהם פארגעלעגט געווארען דער שדוך מיט ר' אברהמ'ס טאכטער, צו ערשט אויסגענומען א תנאי, אז ר' אברהם זאל פאר איהם, נאך דער חתונה אויסבויען א באזונדער הויז און אז ער זאל ניט דארפען וואוינען מיט שווער און שוויגער. ברוך האט ר' אברהמ'ען דערקלעהרט וואס עס איז דערביי זיין כוונה. ער האט געוואלט האבען אן אייגען הויז, כדי ער זאל דארט קענען אויפנעהמען אורחים ווי זיין הארץ געלוסט.

ר' אברהם האט צו דעם באלד מסכים געווען. ברוך איז נאך אבער מיט דעם ניט געווען צופרידען.

— איהר מוזט איבעררעדען מיט אייער טאכטער, ר' אברהם — האט ברוך געזאגט צו זיין קינפטיגען שווער — זי זאל אויך מרוצה זיין אויף דעם, אז אונזער הויז זאל זיין אפען פאר אורחים. ווארום נאר א סך וועט זיך עס ווענדען אן איהר.

ר' אברהם האט אויך מסכים געווען צו דעם און האט ברוך'ן צוגעזאגט, אז ניט נאר וועט ער רידען מיט זיין טאכטער, נאר אויך קען ער שוין איצט פאראויס זאגען, וויסענדיג איהר גוט־הארציגקייט, אז זי וועט זיין צופרידען צו מאכען איהר היים פאר א הכנסת אורחים.

ברוך האט דערביי אויך געשטעלט צוויי אנדערע תנאים: ערשטענס, אז ער זאל ניט קריגען פון ר' אברהם'ען קיין נדן און קיין חתונה מתנות, און צווייטענס, אז באלד נאך די שבע ברכות זאל ער מיט זיין פרוי פארלאזען דעם שווער'ס הויז און זיך מפרנס זיין דורך זיין אייגענער פראצע. זיין פרוי זאל זיין צופרידען מיט דעם וואס דער אויבערשטער וועט איהם צושיקען און ניט ארויסקוקען צו איהר פאטער אדער צו אימיצען אנדערש פון דער משפחה פאר וועלכער עס איז הילף. ר' אברהם איז אויף דעם איינגעגאנגען און דער שדוך איז געווען געשלאסען.

כא.

תורה און מוסר

מען פארט אנקוקען ברוך'ס כלה. — ברוך בלייבט לערנען ביז דער חתונה און ווערט באאיינפלוסט פון מוסר־ספרים וועלכע עפענען פאר איהם א נייע וועלט.

איידער תנאים זיינען געשריבען געווארען, זיינען קיין ליאזשנע ארונטער־געפאהרען ברוך'ס שוועסטער און מוהמע אנצוקוקען דער כלה און בכלל איבערצורייד ען מיט די מחותנים וועגען אלע פרטים פון דעם שידוך. זיי האבען שוין איצט געגוי געוואוסט וואס ברוך וויל און ווי אזוי ער האט בדעה איינצוארדענען זיין לעבען נאך דער חתונה. ברוך האט ענדליך זיך געהאט

פארטרויט אין זיין שוועסטער און זיין מוהמען. ער האט זיי דערקלעהרט, אז איינע פון די הויפט אורזאכען פאר וואס ער וויל זיך משדך זיין מיט ר' אברהם'ס טאכטער, איז דאס וואס ר' אברהם איז זיך מפרנס פון גערטנעריי. ברוך האט געוואלט נאכטאהן זיין קינפטיגען שווער און זיך אויך אפגעבען מיט גערטנעריי.

זיין שוועסטער און מוהמע האבען דערפאר געוואלט, אז ר' אברהם זאל זיך מתחייב זיין צו בויען פאר ברוך'ן א הויז און איהם באזארגען מיט א שטיקעל ערד כדי זיך צו קענען אפגעבען מיט גערטנעריי, — א זאך וואס ברוך האט טאקע געהאט געלערנט פון ר' אברהם'ן אליין. ר' אברהם איז געווען מרוצה אויף דעם און טאקע דאמאלס, ווען ברוך'ס שוועסטער און מוהמע זיינען געווען אין ליאזשנע, האט ער זיי אנגעוויזען אויף דער שכונה, וואו ער האט זיך אונטערגענומען צו קויפען ערד און בויען א הויז פאר זיין קינפטיגען איידעם. די דאזיגע שכונה האט זיך געפונען עטליכע וויארסט פון ליאזשנע.

די צוויי פרויען זיינען געווען צופרידען. זיי איז אויך שטארק געפעלען געווארען די כלה, רבקה. זיי זיינען צוריקגעקומען קיין וויטעבסק צופרידענע. איצט האט מען נאר געדארפט ווארטען ביז ר' אברהם וועט קומען קיין וויטעבסק און די תנאים וועלען געשריבען ווערען. דאס איז געשעהן אין א פאר וואכען ארום. לויט די תנאים האט ברוך נאך געזאלט בלייבען לערנען אין דער ישיבה א יאהר צייט ביז דער חתונה.

אין משך פון אט דעם יאהר, ווען ברוך האט געהערט די שעורים, סיי פון זיין שוואגער און סיי פון ר' פלטיאל'ען, האט ער דערוויל נאך אלץ זיך געפיהרט אויף זיין פריהערדיגען שטייגער. ער האט אפגעגעבען עטליכע שעה אין טאג צו מלאכה כדי זיך צו קענען מפרנס זיין. ער האט געטהאן די שווער־סטע מלאכות. ער האט געטראגען שווערע משאות און האט געשלעפט טאטש־קעס. קיין ארבייט איז פאר איהם ניט געווען צו שווער אדער צו שפל. אין די שעה'ן וואס ער האט זיך אפגעגעבען מיט מלאכה, האט ער דערוויל איבער־גע'חזר'ט אויף אויסוויינייג אלץ וואס ער האט געהאט געלערנט. די איבריגע צייט פון טאג און דעם גרעסטען טייל פון דער נאכט, האט ער אפגעגעבען צו תורה.

אזוי איז אוועק דער זומער און עס איז געקומען דער חודש אלול. די שעורים אין דער ישיבה האבען זיך, ווי דער שטייגער איז געווען, אפגעשטעלט. די תלמידים זיינען דאמאלס אדער זיך צעפאהרען אהיים אדער זיינען געזעסען און געלערנט אויף זייער אייגענעם חשבון. ברוך האט דאמאלס געהאט א סך צו לערנען און צו איבער'חזר'ן דאס וואס ער האט געהאט געלערנט פריהער. ער האט אבער איצט אויך זיך גענומען צו א נייעם למוד, אויף וועלכען זיין שוואגער, ר' יוסף יצחק, האט איהם אנגעוויזען און עס אויך פאר איהם מסדר געווען. דאס איז געווען דער למוד פון מוסר. ברוך האט מיט גרויס התמדה זיך גענומען לערנען אזעלכע מוסר ספרים ווי "שערי תשובה" פון רבי יונה, דעם "שער התשובה" פון דעם ספר "ראשית חכמה" און "הלכות תשובה" און דאן אויך די מסכת "ראש השנה" און מסכת "יומא".

די מוסר ספרים האבען אויף ברוך'ן געמאכט א גוואלדיגען רושם. זיי האבען פאר איהם פאקטיש געעפענט א נייע וועלט. אין זיין הארצען האט זיך

אנגעצונדען א פייער וואס האט נאך פריהער דארט ניט געהאט געברענט ברוך איז ביז דאמאלס געווען, אזוי צו זאגען, א קאלטער און צופיעל באַרעכענטער מענש. ביי איהם האט געארבייט מעהר דער מח ווי דאס הארץ. אלץ איז ביי איהם געווען מיט א מאס און א חשבון. די סטרונעס פון זיין הארץ זיינען ניט אנגעריהרט געווארען. די טיפעניששען פון זיין נשמה זיינען ניט דערגרונטעוועט און אויפגעשטורעמט געווארען. זיינע תפלות זיינען ניט געווען געגוג שטורעמדיג, ניט גענוג פייער־פלאמעדיג. זיין גאנצער ארט לעבען, כאטש אזוי צדקות'דיג און אזוי זעלבסט־אפפערוויליגדיג, איז אבער, נאך אלעם דעם, געגאנגען צו גראדליניג און צו פשטות'דיג, אז ברוך זאל זיך באמת קענען דערהויבען צו יענע הויכע מדרגות צו וועלכע דער אמת גרויסער צדיק האלט תמיד אין קלעטערען.

ערשט איצט, אז ברוך האט אנגעהויבען לערנען און זיך פארטיפען אין די מוסר ספרים, האט ער אנגעפאנגען קוקען אויף זיין פריהערדיגען ארט לעבען מיט א געפיהל פון שפלות. ער האט אנגעהויבען צווייפלען אין זיינע אייגענע מידות. ער האט זיך געוואונדערט אויב ער איז נאך ביז דאמאלס בכלל געווען אויפ'ן ריכטיגען דרך און אויב ער האט באמת געקענט האבען די כוונות ביי עבודת הבורא וואס אן אמת־פיהלענדיגער איד דארף האבען.

ברוך האט געלערנט תורה מיט גרויס התמדה. ער האט זיך באמיהט אפצוהיטען אלע מצוות פון דער תורה. אבער, האט ער געפיהלט, עפעס האט נאך אין איהם געפעהלט. דורך די ספרי מוסר איז ער געקומען צו דער מסקנא, אז ער דארף זיך אפגעבען חשבון הנפש. אט פלעגט ער תמיד פון דאס לעצטע, וואס ער האט געהאט, געגעבען צדקה. ער האט זיין לעצטען ביסען ברויט זיך געטיילט מיט אן ארימאן. ווען ברוך האט געזעהן א בעל מום, א קאליקע, א בלינדען, א טויבען אדער סתם איינעם וואס איז געווען הילפלאז, האט ער איהם באדיענט מיט אלץ וואס ער האט געקענט. ניט זעלטען האט ברוך זיך באטייליגט אין א מנין צו זאגען תהילים פאר חולאים און סתם אן עת צרה. אבער די אלע זאכען האבען איהם איבערגעלאזט קאלט. זיי האבען ניט אויפגעציטערט זיין הארץ און האבען ניט אויפגעברויזט זיין נשמה. ברוך האט ערשט דורך די מוסר ספרים אנגעהויבען באגרייפען אז אלץ וואס ער האט ביז דאמאלס געטהאן, האט איהם נאך ניט געהאט געבראכט צו שלמות. אז ער האט געטהאן זאכען ניט מיט'ן הארצען, ניט מיט דער נשמה, נאר מיט'ן מח, ווי איינער וואס איז בלויז געלערנט געווארען ווי צו טהאן זאכען, גאר ניט טראכטענדיג און גארניט פיהלענדיג פאר וואס מען דארף אט די אלע זאכען טהאן.

די מוסר ספרים האבען אין ברוך'ן אנגעצונדען א נייעם פייער. זיין פריהערדיגע קאלטקייט איז פארשוואונדען ווי שניי ווען די זון הויבט אן ווארעמען אין פריהלינג. ער איז געווארען א סך פיהלענדיגער, א סך ווייכער און צוגענגליכער. סיי אין לערנען, סיי אין טהאן א מצוה און סיי אין תפלה האט ער איצט געפיהלט א נייעם טעם, אן אינערליכען, א טיעף־פיהלענדיגען טעם. ער האט איצט געקענט פארגלייכען זיינע פריהערדיגע באציהונגען צו מענשען און געשעהענישען און האט געקענט אליין קומען צום אויספיהר, אז ער איז פריהער נאך ניט געווען אויפ'ן אמת'ען דרך.

ברוך האט זיך אין זיינע געדאנקען ספעציעל אפגעשטעלט אויף געוויסע פאסירונגען פון זיין ניט־לאנגאניגער פארגאנגענהייט.

דאס איז געווען דאמאלס ווען ער האט זיך געפונען אין יאנאוויטש. ער איז געזעסען אין בית המדרש און געלערנט. פלוצים איז די לופט אויפגעטרייסעלט געווארען פון א הארצרייסענדיגען געוויין. א מאן און א פרוי זיינען ארייגעלאפען אין בית המדרש און האבען זיך געווארפען צום ארון הקודש און אנגעהויבען בעטען און רופען צום רבונו של עולם, אז ער זאל זיך דערבארעמען און ראטעווען זייער טאכטער פון טויט.

נאך מענער און פרויען זיינען אנגעקומען אין בית המדרש און זיי האבען מיטגעהאלפען טאטע־מאמען אין זייערע תפלות פאר זייער טאכטער. מען האט זיך געשטעלט זאגען תהילים פאר דעם אפענעם ארון קודש. אלע האבען זיך באטייליגט אין דעם צער פון די עלטערען.

ברוך האט זיך פון דער זייט צוגעקוקט און זיך צוגעהערט צו די תפלות און געוויינען. ער האט נאטירליך מיטגעפיהלט דעם צער פון די דערשלאגענע און באטריבטע עלטערען. אבער די סטרונעס פון זיין הארץ האט עס ניט געהאט אנגעריהרט. ער האט זיך ניט געפיהלט אויפגעטרייסעלט פון דער טראגעדיע פון אידישער טאטע־מאמע. ווארים ברוך איז געבליבען זיצען ביי דער אפענער גמרא און האט ווייטער געלערנט ווי דער גאנצער ענין וואלט מיט איהם ניט געהאט קיין שייכות. ער האט געהאלטען, אז זיין לערנען איז וויכטיגער פון אלץ. בכלל זיינען עס געווען פרעמדע מענשען וועמעס צער איז ניט געווען זיין צער.

ברוך איז אפילו געבליבען קאלט אויך דאמאלס ווען אימיצער איז ארייגעלאפען אין בית המדרש און געלאזט וויסען, אז די קראנקע טאכטער גוסס'ט. די מוטער האט גע'חלש'ט, אומפאלענדיג אויפ'ן דיל. דער פאטער האט מיט נאך א גרעסערען געוויין אנגעהויבען קלאפען דעם קאפ אן ארון קודש און געריסען די האר פון זיין ווייסען קאפ. די יללה פון די אנדערע אין בית המדרש איז געגאנגען ממש עד לב השמים. ברוך איז נאך אלץ געבליבען זיצען ביי דער גמרא און האט מיט זיין געוויינליכער געמיטליכקייט ווייטער געלערנט.

ברוך האט שפעטער זיך דערוואוסט אז די עלטערען וואס זיינען געקומען אין בית המדרש מתפלל זיין, פאר זייער טאכטער, זיינען געווען פון די סאמע "פני" פון שטאט. זיי זיינען געווען באקאנט פאר זייער גוטהארציגקייט און פאר זייערע אנדערע מידות טובות. א סך יאהרען זיינען זיי געווען קינדערלאז. זיי זיינען געפאהרען צו גוטע אידען און האבען געטהאן פארשידענע סגולות. ביז דער אויבערשטער האט זיי געבענשט מיט א בת יחידה.

אט די בת יחידה איז געווען זייער טרייסט אין לעבען. זיי האבען איהר ערצויגען אויפ'ן פיינסטען אופן, איינפלאנצענדיג אין איהר אלע שעהנע מידות מיט וועלכע א כשר'ע אידישע טאכטער דארף זיך אויסצייכענען. איז זי געווען א טרייסט צו איהרע עלטערען און א בענשונג פאר אלע אנדערע אין יאנאוויטש.

גרויס איז געווען די שמחה פון טאטע־מאמע ווען זייער טאכטער איז אויסגעוואקסען און די צייט איז געקומען אז מען זאל איהר אנהויבען רעדען שידוכים. א שעהן, בעל־הבית'יש הויז, האבען די עלטערען פאר זייער טאכטער

נאטירליך געוואלט האבען א שידוך וואס זאל זיין פאסיג פאר זייער שטאנד. האבען זיי אויפגעזוכט א מיוחס און א בן תורה. תנאים זיינען געשריבען געווארען און דער טאג פון דער חתונה איז באשטימט געווארען אין צוויי חדשים ארום. אין הויז האט מען זיך שוין געהאלטען אין גרייטען צו דער חתונה. מען האט שוין געהאלטען אין נייהען דער כלה'ס חופה־קלייד. גאנץ יאנאוויטש און אפילו די שטעטלאך ארום האבען גערעדט וועגען דער קומענ־דיגער גרויסארטיגער חתונה אויף וועלכער עס האבען זיך געזאלט צוזאמענ־פאהרען די געהויבענסטע מחותנים.

און פלוצים האט זיך די כלה אוועקגעלייגט א קראנקע. פון אנפאנג האט מען נאך געמיינט, אז אין א טאג אדער צוויי וועט זי צוריק ווערען געזונט. אבער אנשטאט דעם איז זי געווארען ערגער פון טאג. מען האט געזעהן, אז זי געהט ממש אויס. נאך א טאג און נאך א טאג און זי האט פשוט געהאלטען ביי דער גסיסה. איז אין יאנאוויטש געווארען א רעש. מען איז געלאפען אויפ'ן בית עולם מעסטען פעלד. מען איז אויך געלאפען אין בית המדרש און געפאלען אין ארון הקודש.

עטליכע טעג זיינען פאראיבער און ברוך האט פון זיין שטענדיגען ווינקעל אין בית המדרש, וואו ער איז געזעסען און געלערנט, באמערקט ווי אין בית המדרש גרייט מען טישען און מען שטעלט משקה און אלערליי צובייסענס. א גרויסער עולם האט זיך געהאלטען אין צוזאמענקלייבען. ווען טאטע־מאמע פון דער קראנקער טאכטער, פאר וועמען מען האט פעלד געמאסטען און מען איז אין ארון הקודש געפאלען, זיינען געווען אין סאמע צענטער פון דער שמחה וואס איז אין בית המדרש געפראוועט געווארען. ברוך האט זיך דער־וואוסט, אז די שמחה איז צוליעב דעם וואס אט דאס קראנקע מיידעל איז געזונט געווארען. די תפלות האבען געהאלפען. א רפואה שלמה איז איהר געשיקט געווארען. איצט האט די חתונה געקענט פארקומען אין דער באשטימ־טער צייט. טאטע־מאמע האבען מיט פרייד געקענט פיהרען זייער טאכטער צו דער חופה.

איז אט די שמחה אין בית המדרש געווען א פארשפיעל צו דער נאך גרעסערער שמחה וואס האט געזאלט קומען שפעטער — די חתונה. גאנץ יאנאוויטש, קינד און קייט, האבען זיך באטייליגט אין דער גרויסער שמחה. עס איז געווען אלעמענס שמחה. עס איז ניט געווען נאר די שמחה פון טאטע־מאמע. יעדער אין יאנאוויטש האט געפיהלט ווי ער אדער זי וואלט אליין געהאט א חלק אין דער שמחה.

נאר ברוך האט זיך געפיהלט ווי א פרעמדער, ווי איינער וועמען דאס אלץ איז ניט נוגע און האט מיט איהם ניט קיין שייכות. ווארים ברוך איז געבליבען קאלט און רוהיג, און ווען אין בית המדרש איז געווארען א טומעל פון דעם פרעהליכען עולם וואס האט זיך באטייליגט אין דער שמחה, האט ברוך זיך פארקליבען אין דעם שטיבעל ביים בית המדרש כדי ניט געשטערט צו ווערען אין זיין לערנען. ברוך האט דארט געלערנט מיט זיין שטענדיגער התמדה און דאס מינדעסטע ניט געפיהלט די שמחה וואס איז אנגעגאנגען אין בית המדרש.

איצט, אז ברוך האט דערפיהלט א נייעם צוגאנג צו זאכען דורך די

ספרי מוסר, האט ער נאר געקענט זיך מאכן פארוואורפן פאר זיין אמאליגער קאלטקייט און אפגעשטאנענקייט. ער האט עס נאר געקענט דערקלערן דער־מיט וואס פריהער האט ער נאך ניט געהאט זיך דערהויבן צו די ריכטיגע מדרגות. ער האט זיך דורכאוים געלאזט באהערשן פון מח, איבערלאזענדיג זיין הארץ און נשמה קאלט. איצט, אבער, האט ער שוין אידישקייט אויך געפיהלט מיט'ן הארצן און מיט דער נשמה. ברוך האט אנגעהויבן פיהלן אז ערשט איצט הויבט ער אן גרייכן שלמות.

כב.

דער פרעהליכער קבצן

פון וואנען די דאזיגע פרעהליכקייט האט זיך גענומען. — דער גרויסער בטחון אין אויבערשטען. — וואס ברוך האט געלערנט דערפון.

די ווירקונג וואס די מוסר־ספרים האבען געהאט אויף ברוד'ן איז געווען אזא, אז ער האט זיך אליין אנגעהויבען וואונדערען ווי אזוי ער האט פריהער געקענט אויסקומען אהן זיי. ער האט כסדר געהאלטען אין מאכען פארגלייכען מיט דעם ווי אזוי ער האט זיך באצויגען צו מענשען און זייערע נויטען און איבערלעבונגען אין דער פארגאנגענהייט. ברוך האט זיך גע־האלטען אין אפגעבען השבון הנפש. ער האט באזונדער זיך אפגעשטעלט אויף א פאסירונג פון וועלכער ער האט איצט געוואלט ציהען א גאנץ אנדער מוסר השכל ווי דאמאלס ווען דאס איז געשעהן.

דאס איז פארגעקומען דאמאלס ווען ברוך איז געווען אין דאבראמיסל צום צווייטען מאל. עס איז געווען ערב פסח ווען אלע אידען זיינען שטארק טרוד מיט צוגרייטען זיך פאר'ן הייליגען יום טוב. אין דאבראמיסל האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' אברהם בנימין. איז ער געווען א יודע ספר וואס האט זיך מפרנס געווען מיגיעת כפיו. ער האט געצויגען זיין פרנסה פון דעם וואס ער פלעגט רייניגען און סארטירען וואל. דאס איז א שווערע מלאכה פון וועלכער מען קען ניט ווערען קיין עושר. אבער ר' אברהם בנימין האט קיינמאל ניט געזוכט קיין עשירות. ער איז געווען א מסתפק במועט און איז געווען צופרידען וואס ער האט געקענט פארדיענען אויף ברויט פאר זיין משפחה. א משפחה האט ר' אברהם בנימין געהאט גאר א גרויסע, קודם כל איז ער געווען א מטופל פון זיבען קינדער. דאן האט ער געהאט ביי זיך זיין טאטע־מאמע וועלכע, זיינען אויף דער עלטער געווען הילפלאז, און אויך זייז שווער און שוויגער. מיט אזוי פיעל מיילער צו קארמענען, פארשטעהט זיך, אז אין הויז איז געווען קוים אויף אויסקומעניש.

ניט קוקענדיג אויף דעם מצב אין וועלכען ר' אברהם בנימין האט זיך געפונען און מיט וועלכער מאטערניש עס איז איהם אנגעקומען דאס שטיקעל ברויט, האט ער פון דעסטוועגען זיין עלטסטען זוהן, וועלכער איז שוין געווען א בחור'ל פון פופצעהן יאהר, ניט גענומען צו דער ארבייט איהם ארויסצו־העלפען, נאר האט איהם געשיקט אין א ישיבה צו לערנען תורה. זיינע אנדערע

קינדער האט ער אויך געשיקט לערנען. ר' אברהם בנימין האט אליין גע־טראגען דעם גאנצען עול צו באזארגען מיט פרנסה זיין גרויסע משפחה.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז געווען אליין א איד אן ארימאן און האט געהאט אויף זיך אזא שווערען פאק, האט ר' אברהם בנימין פון דעסטווע־גען אויך תמיד געגעבען צדקה מיט א ברייטער האנד. זיין הויז איז תמיד געווען אפען פאר ארימע לייט, וועלכע האבען דארט געפונען א נאכטלעגער און געקראגען א מאלצייט צו זעטיגען זייער הונגער.

אין גאנץ דאבראמיסל האט מען געוואוסט וועגען דער ארימקייט און גלייכצייטיג גוטהארציגקייט פון דעם דאזיגען ר' אברהם בנימין'ען. ער האט קיינמאל ניט געוואלט אנקומען צו קיינעם פאר קיין הילף. אפילו קיין גמילת חסד האט ער ביי קיינעם ניט פארלאנגט. אויב עס האט איהם ווען ניט איז אויסגעפעהלט געלד, האט ער פאר'משכון'ט דאס לעצטע וואס ער האט געהאט אין שטוב. האט מען שוין געוואוסט אין דאבראמיסל, אז ר' אברהם בנימין האט פאר'משכון'ט און פארקויפט אפילו די קישענס פון צוקאפענס. ער האט אויך געהאט פארקויפט די שבת'דיגע לייכטער און זיין ווייב האט געבענשט ליכט אין א מנורה וואס זייער עלטערער זוהן האט געהאט אויסגעקנאטען פון ליים. ר' אברהם בנימין'ס פלונית'טע ווי אויך ר' אברהם אליין, און אלע אנדערע בני בית, האבען זיך געצאצקעט מיט אט דער ליימענער מנורה ווי דאס וואלט געווען א יקר המציאות.

אלע האבען געוואוסט אז ר' אברהם בנימין'ס ערשטע זארג איז צו שפייזען זיינע עלטערען און זיין שווער און שוויגער. נאך זיי זיינען געקומען זיין ווייב און קינדער. ער אליין איז תמיד געווען צו לעצט. ער האט ניט געגעסען איידער די אנדערע זיינען געווען זאט.

ניט קוקענדיג אויף זיין ארימקייט און אויף זיין שווערען לעבען בכלל, איז ר' אברהם בנימין דאך תמיד געווען פרעהליך און גוט אויפגעלייגט. אז מען פלעגט איהם פרעגען וואס ער מאכט און ווי ס'געהט איהם אין דער פרנסה, פלעגט ער ענטפערען אזוי:

— וואס איז דען דא צו זארגען? מיין בחור שלמה'קע לערנט אין דער ישיבה, דוד אריה און חיים אליהו לערנען אין חדר און דאס קליינווארג לערנט זיך ווי אונטערצוהונגערען . . .

ר' אברהם בנימין אליין פלעגט דאס זאגען מיט א פרעהליכקייט און א גוטמוטיגקייט וואס פלעגט איבערראשען. ער האט דערביי ניט געציינט די קלענסטע מאס פון ביטערקייט. ער פלעגט דאן צולייגען, ווי ער וואלט מיט דעם געוואלט צייגען אז ער האט דאך אויף ווענען זיך צו פארלאזען:

— נאר וואס איז דא צו דאגה'ן? מיר האבען א גרויסען גאט אין הימעל. ער וועט שוין זארגען פאר מיר, פאר מיינע בני בית און פאר כלל ישראל.

ר' אברהם בנימין פלעגט אויך זיך וויצלען אויף זיין אייגענעם חשבון. ער פלעגט זאגען, אז ער איז שטארק אפגעהיט אין דער מצוה פון אסרו חג וואס איז נוגע דאס פאסטען פון מאנטאגס און דאנערשטאגס. עס הייסט, אז א חוץ מאנטאגס און דאנערשטאגס דארף ער אויך אונטערפאסטען דינסטאגס און פרייטאגס.

פון דעסטוועגען האבען אלע אין דאבראמיסל געוואוסט, אז אויב עס איז

דא א פרעהליך הויז אין שטעטעל איז עס געווען ביי ר' אברהם בנימין'ען. פרייטאג־צו־נאכט, אז מען איז פארבייגעגאנגען זיין הויז האט מען ערשט געקענט פיהלען וואס אזוינס עס איז עונג שבת. דאס הייזעל אין וועלכער ר' אברהם בנימין האט געוואוינט איז געווען ביז די פענסטער פארזונקען אין דער ערד. די ווענט זיינען געווען אונטערגעשפארט מיט שטיקער האלץ, אז זיי זאלען ניט איינפאלען. פון דעסטוועגען זיינען די שויבען פון די פענסטער געווען ריין. די ווענט אינעווייניג זיינען געווען אויסגעקאלכט. אויפ'ן טיש איז געווען אויסגעשפרייט א ווייסער טישטוך און דריי וואקסענע ליכט האבען שטאלץ און פרעהליך געברענט אין דער לימענער מנורה. די צוויי זקנים און צוויי זקנות, ר' אברהם בנימין'ס טאטע־מאמע און שווער און שוויגער, זיינען געזעסען אויבען אן ביים טיש און ר' אברהם בנימין, זיין ווייב און קינדער זיינען געזעסען ארום זיי. אויפ'ן טיש איז געשטאנען א גרויסע שיסעל מיט ווארעם וואסער אנשטאט זופ. שטיקלאך ברויט זיינען געווען פארטיילט צווישען די וואס זיינען געזעסען ארום טיש. זיי האבען געגעסען דאס ברויט און פארזופט מיט'ן ווארעמען וואסער און האבען דערביי מיט גרויס התלהבות געזונגען זמירות ווי זיי וואלטען געהאט געגעסען די בעסטע שבת'דיגע מאכלים.

עס איז געווען איינמאל א נאכמיטאג. ברוך איז געווען אליין אין בית המדרש. פלוצים האט זיך דערהערט א געשריי און א טומעל. אין בית המדרש האבען זיך אריינגעלאזט מענשען. א צוויי־דריי געזונטע אידען האבען אריינגעטראגען א אידען וועמעס פנים איז געווען שטארק פארבלוטיגט און עס האט אויסגעקוקט ווי ער וואלט געווען האלב טויט. מענשען האבען געליארעמט און געוויינט. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז אט דער צעבלוטיגטער און האלבטויטער איז געווען ניט קיין אנדערער ווי ר' אברהם בנימין.

וואס האט דען פאסירט? ווי ברוך האט זיך דערוואוסט איז ר' אברהם בנימין געווען אויפ'ן וועג קיין באבינאוויטש, וועלכע געפינט זיך ניט ווייט פון דאבראמיסל. א פאר וויארסט פון דאבראמיסל האבען אידישע דורכפאהרער געפונען ר" אברהם בנימינ'ען ליגענדיג א צע'הרג'עטען, אונטער א בוים. קיינער האט ניט געוואוסט גענוי וואס ער האט פאסירט. ר' אברהם בנימין איז געווען אזוי צושלאגען, אז מען האט פון איהם גאר ניט געקענט ארויסבאקומען. מען האט איהם באלד צוריקגענומען אין דאבראמיסל און אזוי ווי דער בית המדרש איז געווען א סך נעהענטער ווי זיין אייגען הויז, האט מען איהם אריינגענומען אין בית המדרש.

באלד איז זיך אהין אנגעלאפען דאס גאנצע שטעטעל. דער טומעל און די געשרייען זיינען געווארען גרעסער. עס איז אנגעקומען דער רופא פון שטעטעל און ער האט אנגעהויבען באטראכטען דעם צושלאגענם ר' אברהם בנימין'ן. ער איז נאך ניט געווען טויט. אבער דער רופא איז אויך ניט געווען זיכער אויב ער וועט לאנג ציהען. דער עולם האט אנגעהויבען זאגען תהילים פאר ר' אברהם בנימין'ען. אויך ברוך האט זיך באטייליגט אין זאגען תהילים. אבער, ווי ברוך האט געדיינקט, איז זיין הארץ ניט געווען דערביי. עפעס האט ער ניט געפיהלט דעם גרויסען צער וואס אנדערע האבען דערביי געפיהלט. ער האט זיך נאך דאמאלס באטראכט ווי ער וואלט געהאט געהערט צו אן

אנדער וועלט — א וועלט אין וועלכע ער האט זיך געפונען איינער אליין און איז געווען אפגעשלאסען און אפגעזונדערט פון אלע איבריגע מענשען.

איצט האט ברוך געקענט באגרייפען דעם גרויסען פעהלער זיינעם פון יענער צייט. ער האט געדארפט מעהר פיהלען דעם צער און דעם וועהטאג פון אזא אומגליק ווי דער וואס האט געהאט פאסירט מיט ר׳ אברהם בנימין׳ען. עס האט איהם געדארפט מעהר אויפרודערען אינערליך. עס האט געדארפט מעהר אנריהרען די סטרונעס פון זיין נשמה. ער האט ניט געדארפט ווארטען ביז עס וועט ווערען א יללה אין בית המדרש און אז אימיצער פון עולם זאל איהם רופען זאגען, צוזאמען מיט אנדערע, תהילים. ברוך האט שוין איצט געקענט באגרייפען אז ער האט געזאלט אליין פיהלען דעם צער פון אן אנדער אידענס אומגליק. דער וועהטאג פון איין אידען האט אויך געדארפט זיין דער וועהטאג פון א צווייטען אידען.

ברוך האט איצט זיך ווייטער דערמאנט אן דעם וואס איז דאמאלס פאר־געקומען מיט ר׳ אברהם בנימין׳ען. צוויי מעת־לעת איז ר׳ אברהם בנימין אפגעלעגען, שוועבענדיג צווישען לעבען און טויט. הארצרייסענדיג איז געווען די סצענע ווען זיינע בני בית זיינען געקומען אין בית המדרש און דערזעהן פאר זיך דעם צושלאגענעם און האלב־טויטען ר׳ אברהם בנימין. עס זיינען געקומען זיין טאטע־מאמע, זיין שווער און שוויגער, און זיין ווייב און קינ־דער. זיי האבען דעם חולה ארומגערינגעלט און די יללה איבער׳ן בית המדרש איז געווארען גרעסער.

עס איז געווען א סברא אז מען זאל דעם גוסס׳ן ר׳ אברהם בנימין׳ען נעה־מען צו זיך אהיים. דער רופא, וועלכער האט אויספראבירט אלע תחבולות איהם צו העלפען, האט אבער געזאגט, אז עס וועט זיין בעסער, אז מען זאל דעם חולה ניט ריהרען פון ארט. די אנדערע אידען האבען סתם געהאלטען, אז אויב ר׳ אברהם בנימין וועט בלייבען אין מקום קדוש, וועט עס אליין זיין די בעסטע סגולה פאר איהם. דער עולם האט דערווייל ניט אויפגעהערט זאגען תהילים פאר איהם. זיין ווייב, זיינע קינדער, זיין טאטע־מאמע און זיין שווער און שוויגער האבען איינגעלייגט וועלטען ביים אפענעם ארון קודש. אין בית המדרש איז מעהר ניט געווען קיין מנוחה. אלע דארט זיינען געווען באזארגט איבער׳ן חולה, וועלכער האט קוים געצייגט סמנים פון לעבען.

ברוך איז דערווייל אומגעגאנגען ווי אין עולם התהו. ער האט זיך ניט משתתף געווען אין דעם צער וואס אלע אנדערע האבען געפיהלט און ער האט אויך ניט געקענט זיך צוריקציהען אין זיין אייגענער וועלטעל און זיך צוריק פארטיעפען אין לערנען. עס איז אין בית המדרש געווען צו טומלדיג אז ער זאל זיך קענען פארטיעפען אין לערנען.

נאכדעם ווי ר׳ אברהם בנימין איז אפגעלעגען א פאר מעת־לעת אין א גסיסה־צושטאנד, האט ער פלוצלינג געעפענט די אויגען און האט אנגעהויבען אטעמען פרייער. ער האט געבעטען, אז מען זאל איהם דערלאנגען אביסעל וואסער זיך צו דערפרישען. עס איז געווען קלאר, אז ר׳ אברהם בנימין האט זיך געראטעוועט פון טויט און איז צוריק געווען צווישען די לעבעדיגע.

די בשורה אז ר׳ אברהם בנימין איז ארויס פון סכנה, האט זיך שנעל פארשפרייט איבער׳ן שטאט. אין בית המדרש זיינען זיך ווידער אנגעלאפען

מענשען. די שמחה איז געווען גרויס. מען האט געפיהלט ווי דא וואלט גע־שעהן א נס. די פרייד פון דער משפחה איז גאר געווען אין לשער.

אויב דער רופא האט איצט געזאגט אז דאס איז אלץ געשעהן דורך זיינע תחבולות, זיינען אבער אלע אנדערע געווען זיכער, אז ר' אברהם בנימין איז געראטעוועט געווארען דורך דעם וואס מען האט פאר איהם די גאנצע צייט מתפלל געווען. איצט האט מען איהם שוין געקענט אוועקנעהמען פון בית המדרש און איהם ברייגנגען צו זיך אהיים.

אין א פאר טעג ארום האט מען זיך געדארפט זעצען צום סדר און ר' אברהם בנימין האט שוין געקענט זיצען ביים טיש און צוזאמען מיט זיינע בני בית פראוועז דעם יום טוב מיט דער געוויינליכער, און אפשר נאך גרע־סערער, פרייד וואס מען האט שטענדיג געפיהלט ביי איהם אין הויז. די פרייד מיט ר' אברהם בנימינ'ס געזונט ווערען איז אבער געווען פאר גאנץ דאבראמיסל. אלע האבען זיך משמח געווען וואס דער דאזיגער איד איז נצול געווארען פון טויט.

ברוך, וועלכער האט פריהער ניט געפיהלט פולקאם דעם צער, האט דערנאך אויך ניט פולקאם געפיהלט די שמחה. ער איז בכלל ניט געווען קיין שותף אינ'ם לעבען פון די אידען פון דאבראמיסל אדער פון די אידען פון אלע אנדערע שטעט און שטעטלאך. ער איז געווען אפגעזונדערט פון אלע־מען. ער האט געהאט זיין אייגענע און אפגעשלאסענע וועלט. איצט אבער, איז געווען אנדערש. ברוך האט שוין געוואוסט אז ער איז אריין אין א נייער, אין א מעהר פיהלענדער וועלט. איצט האט ער ניט נאר געפיהלט מיט'ן קאפ, משיג געווען מיט'ן שכל, נאר האט געפיהלט מיט'ן הארצען און מיט דער נשמה. דער אינערליכער מענש אין איהם האט אנגעהויבען קומען צום אויסדרוק. געפיהל האט זיך אנגעהויבען באהעפטען מיט שכל און געדאנק און ברוך האט ערשט איצט דערפיהלט, אז ער איז געווארען א גאנצער, אן איינהייטליכער מענש. די ספרי מוסר האבען איהם געבראכט אויף א נייעם דרך.

כג.

פאר'ן גוף און נשמה

דער מערקווירדיגער שמש פון יאנאוויטש וואס האט אויף ברוך'ן געמאכט א גרויסען רושם מיט זיינע מדות. — דער בית מדרש אויפ'ן מארק.

א גאנץ ווינטער האט ברוך געלערנט לויט דעם סדר וואס זיין שוואגער, דער ראש ישיבה, ר' יוסף יצחק, האט פאר איהם צוגעגרייט. ער האט געלערנט א סך גמרא און אויך א סך תנ"ך, משנה און רמב"ם מיט פארשידענע פרושים. צוזאמען מיט די מוסר ספרים, וואס ער האט ווייטער געלערנט מיט גרויס חשק, האט ער זיך איצט געפונען אין א פולשטענדיג הארבאנישע וועלט. אין דערזעלביגער צייט האט ער אויך ניט פארפעהלט טאג־טעגליך אוועקצו־געבען עטליכע שעה פאר מלאכה פון וואס ער האט געצויגען זיין חיונה.

אז דער ווינטער איז געווען פאראיבער און פסח איז שוין געווען נאהענט, האט ברוך פארלאזט וויטעבסק און זיך געלאזט אין וועג אריין. זיינע קרובים,

באזונדער זיין שוועסטער און שוואגער, האבן איהם געוואלט האבן פסח ביי זיך. ברוך האט אבער געזאגט, אז ער האט אנדערע פלענער. ער האט שוין געהאט באשלאסען צו זיין פסח ערגעץ אנדערשוואו.

וויסענדיג אז ער וועט אין גיכען דארפען חתונה האבען און אנפאנגען א ניי לעבען, האט ברוך געוואלט נאך אמאל באזוכען די אלטע פריינד מיט וועלכע ער איז געקומען אין נאהענטע באציהונגען און וועלכע האבען אויף איהם געמאכט א גרויסען רושם אין משך פון זיינע וואנדערונגען אין די פריהערדיגע עטליכע יאהר.

ברוך האט געהאט א באזונדערע תשוקה זיך נאכאמאל צו באגעגענען מיט דעם מערקווירדיגען שמש, ר׳ זלמן חיים פון יאנאוויטש. ברוך האט זיך מיט דעם דאזיגען שמש באקאנט אין דער צייט וואס ער האט, אלס אינגעל, פארבראכט אין יאנאוויטש, אויפהאלטענדיג זיך אין דעם גרויסען בית המדרש אויפ׳ן מארק, וואו ער איז א לייענגערע צייט געזעסען און געלערנט.

צו ערשט, ווען ברוך איז אנגעקומען קיין יאנאוויטש, האט ער זיך גע־האט פארקליבען אין א קליינעם בית המדרש וואס האט זיך געפונען אויף דער גאס וואס האט געפיהרט צום בית הקברות. דער דאזיגער בית המדרש האט זיך טאקע געפונען נאהענט צום בית הקברות. אט צוליעב דעם זיינען אלע לויות פון שטאט געגאנגען פארביי דעם בית המדרש. די וואס פלעגען צוריק־געהן פון די לויות זיינען דארט תמיד אריין דאווענען מנחה. אין א שטיבעל ביים בית המדרש זיינען געהאלטען געווארען די מכשירים פון די קברות־לייט. אויך איז דארט געהאלטען געווארען דער ארון אין וועלכען מען פלעגט פיהרען די מתים און די טהרה־ברעט.

עס איז טאקע געווען צוליעב דעם וואס מענשען האבען מורא געהאט צו זיין אליין אין בית המדרש אין אווענט. אפילו ביי טאג האט זעלטען אימי־צער געוואלט זיין אליין אין בית המדרש. ברוך האט צו ערשט אויך געפיהלט גרוים מורא צו זיין אין יענעם בית המדרש, באזונדער ווען ער האט דארט נים נאר געלערנט, נאר אויך געשלאפען. ביסלעכווייז האט ער זיך אבער צוגע־וואוינט און האט אויפגעהערט מורא האבען. ער האט שוין אפילו אנגעהויבען זיך פיהלען צופרידען דערפאר וואס ער האט דארט געקענט זיין ביחידות.

די מתפללים זיינען געווען די אידען פון דער שכונה, אלע פשוט׳ע און הארעפאשנע מענשען, וואס האבען זיך פאר א וויילע אריינגעכאפט אין בית המדרש, שנעל אפגעדאווענט און זיינען זיך צוגאנגען. בלויז בין מנחה למעריב האבען זיך עטליכע מתפללים צוגעהערט צו א פרק משניות אדער עין יעקב. באלד נאך מעריב איז קיינער נים געבליבען אין בית המדרש.

דער שמש פון יענעם בית המדרש איז אויך געווען דער הויפט פון די קברנים. אט צוליעב דעם, און אויך צוליעב דעם וואס דער בית המדרש איז געווען אזוי נאהענט צום בית הקברות און וואס דארט האט מען געהאלטען די מטה און די קברנישע מכשירים, האבען זיך די קברנים דארט אפט פאר־קליבען און געמאכט זייערע הולאנקעס. אין א טאג ווען עס איז פארגעקומען א לויה האבען די קברנים פארבראכט אין בית המדרש שעה׳ן לאנג און האבען זיך גאנץ נישטקשה׳דיג אנגעטרונקען. איינמאל האט זיך איינער פון די בא־טרונקענע קברנים א נעהם געטהאן צו ברוך׳ן. ער האט זיך א ווארף געטהאן

אויף איהם קושען און האלזען. פון זיין מויל האט געשלאגען א ריח פון בראנפען. ער האט אין זיין שכרות געוואלט ציינגען זיין ליעבשאפט צו דעם לומדישען בחור'ל און האט ברוד'ן שיער ניט צודריקט די זייטען און דער־שטיקט מיט זיין קושען און האלזען. עס האט ברוד'ן דערנאך גענומען א פאר שעה ביז ער איז געקומען צו זיך. ער האט דאן באשלאסען זיך איבערצו־קלייבען אין א צווייטען בית המדרש, אט דער בית המדרש אויפ'ן מארק, וואו ר' זלמן חיים איז געווען שמש. דארט האט זיך ברוד געגויער באקאנט מיט דעם דאזיגען ר' זלמן חיים'ען און זיך געגויער דערוואוסט פון זיין גרויס צדקות.

עס איז געווען דורך דער השפעה פון אט דעם ר' זלמן חיים'ען וואס יענער בית המדרש איז איינגאנצען געבויט געווארען. דער יעניגער מיט וועמעס געלד דער בית המדרש איז געבויט געווארען איז געווען דער באוואוסטער נגיד פון יאנאוויטש, ר' בער. דער דאזיגער ר' בער איז געווען א הענדלער מיט בהמות. עס האט איהם מצליח געווען און ער איז געווארען אן עושר. דאס וואלט איהם נאך געגעבען גאנץ ווייניג פרסום. איז אבער ר' בער דערצו אויך געווען א ירא שמים און א גרויסער בעל צדקה. באזונדער האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט דעם וואס ער איז געווען א גרויסער מכניס אורח. זיין הויז איז געווען אפען פאר אלעמען. דערהויפט האט ער מקרב געווען תלמידי חכמים. ווען א תלמיד חכם איז געווען ביי איהם אין הויז, האט ער איהם תמיד אפגעגעבען דעם אויבען אן. ער אליין איז געזעסען ביים עק טיש. ר' בער פלעגט האבען א ווערטעל, אז "דער בעל הבית דארף געבען געלד און דער אורח דארף געבען א ברכה און דער אויבערשטער דארף ביידען געבען הצלחה, אז דאס געלד זאל מצליח זיין און אז די ברכה זאל מקוים ווערען".

ר' בער האט ניט געהאט קיין קינדער און ער האט זיך צוליעב דעם שטארק מצער געווען. איינער פון די אורחים, וואס פלעגט אפט קומען קיין יאנאוויטש, איז געווען ר' זלמן חיים, וועלכער האט זיך שטענדיג, ווי א סך אנדערע אורחים, אויפגעהאלטען ביי ר' בער'ן אין הויז. ר' בער האט שוין לאנג געהאט ארויסגעצייגט גרויס דרך ארץ צו ר' זלמן חיים'ן. אט דערפאר, אז ר' זלמן חיים האט איהם צוגערעדט אז ער זאל בויען א בית המדרש, און טאקע אין מיטען מארק, האט ר' בער צו דעם מסכים געווען. ווען דער בית המדרש איז פארטיג געווארען איז ר' זלמן חיים ווידער געקומען קיין יאנא־וויטש און איז געווארען שמש.

קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען ר' זלמן חיים איז געקומען און וואס ער האט געטהאן ביז וואנען ער איז געווארען שמש. מען האט אבער באלד געקענט זעהן פאר וואס ר' זלמן חיים האט אזוי שטארק צוגערעדט ר' בער'ן צו בויען דעם מקום קדוש אויפ'ן מארק און פארוואס ער איז אליין געווארען דארט שמש. דער בית המדרש איז געווארען דער סאמע צענטער פון תפלה. אט דערפאר וואס ער איז געווען אזוי "צום האנט" די אלע קרעמער און די אלע סוחרים, הענדלער און דארפס־מענשען וואס זיינען געקומען האנדלען אויפ'ן מארק, האבען זיי זיך געקענט אריינכאפען אין בית המדרש און דארט דאווענען, ווער א גאנצען דאווענען און ווער בלויז כאפען א קדושה. דערפאר האט מען טאקע אין יענעם בית המדרש געהאלטען אין דאווענען

פון גאנץ פריה, מיט א שפראץ אויף טאג, ביז ממש האלבע נאכט. אז מען האט געענדיגט דאוונען שחרית ביי האלבען טאג, האט מען זיך באלד גענומען צו מנחה, איין מנין נאכ׳ן צווייטען, ביז עס האבען זיך באוויזען שטערען און מען האט אנגעהויבען דאוונען מעריב, וואס האט אנגעהאלטען ביז שפעט אין דער נאכט.

פארשטעהט זיך, אז אין אזא בית המדרש, וואו איין מנין האט געדאוונט נאכ׳ן צווייטען, איז קוים געווען א פאסיג פלאץ צו לערנען. ר׳ זלמן חיים האט אבער שוין געהאט באזארגט, אז עס זאלען דארט זיין באזונדערע שטיבלאך פאר פרושים און אזוי לערנער. אין איינעם פון אט די שטיבלאך האט ברוך זיך אויפגעהאלטען און דארט געלערענט מיט גרויס התמדה, צוקוקענדיג זיך פון דער זייט צו די זעלטענע מידות טובות פון דעם שמש, ר׳ זלמן חיים.

ברוך האט געקענט זעהן, אז אויב אין בית המדרש קומען אזוי פיעל מתפללים, איז עס געווען נאר צו פארדאנקען דעם שמש וועלכער פלעגט אליין ארויס אין גאס און רופען מענשען אין בית המדרש אריין. ר׳ זלמן חיים האט זיך באזונדער אפגעגעבען מיט די פשוט׳ע אידען, מיט די אידישע דארפס-מענשען, וועמען ער האט אויף פארשידענע אופנים אריינגעצויגען אין בית המדרש אריין. ער האט זיי תמיד מקרב געווען. אין די טעג פון קריאת התורה האט ער אט די דארפס-אידען און ישובניקעס געגעבען עליות און האט זיי מיט דעם פארשאפט א נחת רוח וואס האט זיי שוין תמיד געבראכט אין בית המדרש.

זיי האבען געפיהלט אז דארט איז זייער בית המדרש, אז דארט רעכענט מען זיך מיט זיי און אז מען שטופט זיי ניט אפ דערפאר וואס זיי זיינען פראסטע מענשען. באזונדער האבען זיי געפיהלט א שטארקען צובונד צו דעם שמש ר׳ זלמן חיים, וועלכער האט ממש געבראכט דעם בית המדרש צו זיי אין גאס אריין. עס איז געווען ר׳ זלמן חיים׳ס אן אלטער מנהג, אז ער פלעגט ארויס אין גאס און דארט ארומקלייבען ארום זיך אידען, מענער און ווייבער און אויך קינדער און האט זיי דערצעהלט מעשה׳לאך פון גמרא און מדרש. ער האט דאס געטהאן אין א פיינער און קלארער שפראך און האט דערביי צוגעגעבען זיינע אייגענע הסברות און פרושים אזוי, אז יעדער איינער האט איהם געקענט פארשטעהן און שטארק הנאה געהאט.

ר׳ זלמן חיים פלעגט באזונדערס דערצעהלען אט די מענשען פון גאס וועגען די תנאים און אמוראים וואס זיינען געווען בעלי מלאכה, שוסטער, שמידען סטאלארעס און אזוי ווייטער. ער האט מיט דעם געוואלט באווייזען אז בעת מען קען זיין א גדול בתורה און דערביי זיך אפגעבען מיט א מלאכה, קען מען אויך זיין א בעל מלאכה און ניט אפפרעמדען זיך פון תורה.

אין זיינע שמועסען, וואס זיינען אין דער אמת׳ען געווען לאנגע דרשות, געהאלטען אין דער פאלקס-שפראך און אונטער׳ן פרייען הימעל, האט ר׳ זלמן חיים ספעציעל זיך אפגעגעבען מיט אויפקלעהרען די אידען פון מארק, אז מען דארף זיך היטען פון אפנארען מענשען און פון האנדלען אויף אן אומעהרליכען אופן. ער האט בכלל ניט אויסגעלאזט קיין איין טייל פון די אלע מידות וואס א איד דארף האבען, באזונדער די מידה פון אהבת ישראל, פון

ליעבען און רעספעקטירען איינער דעם אנדערען. א סך פון זיינע שמועסען האט ער אויך געווידמעט צו דער נויטווענדיגקייט פון חנוך פאר יונגע קינדער, ווענען איינפלאנצען אין זיי אלע מידות טובות און זיי ברייננען אויפ'ן וועג פון תורה און מעשים טובים.

זיינע שמועסען אין גאס האבען געמאכט א גרויסען רושם אויף די צוהערער, און טאקע צוליעב דעם זיינען אזוי פיעל אידען געקומען אין בית המדרש אריין, וואו זיי האבען געדאווענט בצבור און אפט זיך אויך צוגע־הערט צו דעם וואס דער זעלביגער ר' זלמן חיים האט געלערנט מיט'ן עולם. איינער פון די למודים זיינע מיט'ן עולם איז געווען חומש מיט רש"י, וואס ער האט פארטייטשט אויף מאמע־לשון וואס יעדער איינער האט געקענט לייכט פארשטעהן.

אבער ר' זלמן חיים האט זיך ניט באנוגענט בלויז מיט דערהויבען דעם גייסטיגען מצב פון די אידען אין גאס. ער האט זיי, אויף זיין אייגענעם שטייער, אויך געהאלפען אין זייערע מאטעריעלע באדערפענישען. פאר זיך אליין האט ער גאר ניט געדארפט און גאר ניט געוואלט. ער האט זיך באנוגענט ממש מיט א טרוקען שטיקעל ברויט. פאר אנדערע האט ער אבער זיך תמיד געזארגט אז זיי זאל גאר ניט פעהלען.

ר' זלמן חיים האט געהאט איינגעפיהרט עפעס נייעס אין דעם בית המדרש. יעדען מאנטאג און דאנערשטאג איז ער, ווי אלע שמשים, געגאנגען נאך קריאת התורה, מיט דער פושקע קלייבען געלד צווישען די מתפללים. דאס געלד האט ער אבער ניט גענומען פאר זיך. ער האט פון אט די פרוטות צוזא־מענגעקליבען א באדייטענדע סומע און האט דערמיט אנגעפאנגען א גמילות חסדים. מיט דעם האט ער געקענט ארויסהעלפען ארימע בעלי מלאכות און ארימע הענדלער, וואס האבען זיך ניט געקענט אויסקירעווען. באזונדער פלעגט ר' זלמן חיים אויסלייהען גמילות חסדים ערב א מארק טאג. גאנץ אפט זיינען געווען אזוי פיעל נצרכים, אז דאס געלד וואס ער האט געהאט אין זיין קאסע איז נישט געווען גענוג. ר' זלמן חיים האט זיך אבער געגעבען אן עצה. ער פלעגט דאן געהן צו רייכע בעלי בתים, ביי זיי לייהען געלד און מיט דעם ארויסהעלפען די ארימע סוחרים און בעלי מלאכות.

כד.

אידישע ישוב'ניקעס

ווי דער שמש פון יאנאוויטש האט משפיע געווען אויף די ישוב־ניקעס. — דער מילנער און זיינע איידימס. — א לומדישער יונגערמאן וואס קוקט ארונטער אויף פראסטע מענשען און רודפ'ט לומדים.

ווען עס איז אין יאנאוויטש געווען א מארק־טאג האט ר' זלמן חיים, דער שמש, דעם טאג פארבראכט אין גאס, צווישען די קרעמער און די הענדלער. ער האט זיך צוגעקוקט צו יעדען איינעם. ער האט אויך געהאט אן אויג אויף די מארק־אידענעס. ווען נאר ער האט באמערקט, אז אימיצער האלט ביים מאכען א קניה און עס פעהלט איהם געלד, האט ער יענעם באלד אונטער־געטראגען דאס נויטיגע געלד.

— דאס איז א גמילת חסד, — פלעגט ער יענעם זאגען, — זאל זיין מיט הצלחה. האנדעלט נאר עהרליך. נארט קיינעם ניט אפ. דער אויבערשטער וועט דאן אכטונג געבען אז איהר אליין זאלט אויך ניט אפגענארט ווערען. ווען עס וועט אייך ווערען לייכטער אין קעשענע וועט איהר צוריק צאהלען דעם גמילת חסד. נאר פאראיינגען דארפט איהר זיך ניט.

דאס האט געקענט זיין א סוחר, וואס האט געהאלטען ביים קויפען א פוהר מיט תבואה; א קצב וואס האט גערארפט קויפען א בהמה, אדער אן ארימע אידענע וואס האט זיך גערונגען מיט א פויער איבער אן עוף אדער א שאק אייער. ר' זלמן חיים איז געווען גרייט צו העלפען אלעמען. עס האט איהם נאר גערארפט קלעקען דאס געלד פון דער קאסע. אט דערפאר איז ער טאקע געווען אזוי נייגעריג, אז אידען זאלען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג צו קריאת התורה ארייגווארפען א מטבע אין פושקע. שפעטער האט אייגגע־פיהרט, אז יעדער וואס איז עולה לתורה אפילו אין דער וואכען זאל עפעס מנדב זיין פאר'ן גמילת חסדים. ער האט אויסגעפיהרט, אז דאס גמילת חסדים זאל איבערגענומען ווערען פון דער גאנצער שוהל און זאל ווערען א קהל'שער עניז. אבער אפילו דאמאלס האט ער ניט אויפגעהערט צו קלייבען מיט דער פושקע געלד פאר'ן גמילת חסדים און האט זיך ווייטער אפגעגעבען מיט זוכען אידען וואס נויטיגען זיך אין גמילת חסדים.

פארברייגענדיג דעם טאג אין מארק, האט ר' זלמן חיים זיך אויך געזארגט אז אידען זאלען זיך געהעריג אויפפיהרען: זיי זאלען זיך ניט קריגען צווישען זיך און זאלען זיך ניט פארלויפען איינער דעם צווייטען דעם וועג. ווען ער האט באמערקט, אז אידען אדער אידענעס קריגען זיך ארום, איז ער צו זיי צוגעקומען און האט זיי אנגעהויבען מיט גוטע רייד אויפצוקלעהרען, אז עס איז ניט שעהן פאר אידישע קינדער זיך ארומצוקריגען.

אלע האבען שוין געקענט ר' זלמן חיים'ן וואס פאר א ריינע נשמה ער האט. מען האט זיך דערפאר צו איהם צוגעהערט. מען האט איהם געפאלגט און זיך אויפגעהערט ארומצוקריגען.

אויב קיין געוויינליכע רייד האבען ניט געהאלפען, האט ר' זלמן חיים אנגעהויבען דערצעהלען א מעשה'לע פון גמרא אדער מדרש. אידען האבען זיך נייגעריג צוגעהערט און פארגעסען אן אלע קריגערייען.

ר' זלמן חיים האט אין די מארק־טעג בכלל געהאט א סך צו טהאן. ער האט באזונדער זיך אפגעגעבען מיט די אידישע ישוב'ניקעס וואס פלעגען פון די ארומיגע דערפער קומען אויפ'ן מארק. ער האט יעדען באזונדער אויסגע־פרעגט וועגען אלץ וואס עס קומט פאר אויפ'ן ישוב, ווי עס לעבט זיך און ווי ס'היט זיך אפ אידישקייט. צי האט ער א געלעגענהייט צו דאווענען בצבור, צי גיט ער נענוג צדקה און צי היט ער אפ די מצוה פון הכנסת אורחים. ער פלעגט אויך וועלען וויסען ווי אזוי די ישוב'ניקעס ערציהען זייערע קינדער, צי זיי האבען פאר זיי מלמדים, און אויב זיי האבען טעכטער אויסצוגעבען. ער האט תמיד צוגערעדט אידען אז זיי זאלען חתונה מאכען זייערע טעכטער מיט בני תורה.

עס איז געווען אויף אזא אופן וואס ר' זלמן חיים האט זיך באקענט מיט א סך דארפס־מענשען און האט אויף זיי געקראגען א גרויסע השפעה. א דאנק

זיין אינטערעס און זיינע באמיהונגען, האט אידישקייט אנגעהויבען אויפ־בליהען אין א סך ישובים ארום יאנאוויטש. דארט וואו עס איז נאר געווען מעגליך, זיינען געשאפען געווארען מנינים און עס איז אפילו אויפגעבויט גע־ווארען א בית המדרש. די שוב'ניקעס האבען געקענט מתפלל זיין בצבור און ניט דארפעןווארטען אויף די ימים נוראים און דאן קומען אין שטאט אריין.

איינער פון די דארפס-מענשען מיט וועמען ר' זלמן חיים האט זיך באַ־קענט און האט אויף איהם געקראגען א גרויסע השפעה איז געווען מרדכי דער מילנער. דער דאזיגער מילנער איז געווען אן עושר, אבער א פּראָסטער מענש, כאטש א גאנץ גוטהארציגער. ער האט געוואוינט אויף א ישוב וואו עס האַ־בען זיך געפונען אביסעל אנדערע אידען צעוואָרפען איבער די דערבייאיגע דערפער. ר' זלמן חיים האט מיט מרדכי'ן געגומען איינ'טענה'ן אויף זיין שטייגער ביז דער מילנער איז געווארען א פייערדיגער איד. ער האט מיט זיין אייגען געלד אויפגעבויט א בית המדרש לעבען זיך און די אידען ארום האבען געקענט דאווגען בצבור.

דער דאזיגער מילנער האט געהאט דריי טעכטער, פון וועלכע צוויי זיינען שוין געשטאנען אין שידוכים. דורך ר' זלמן חיים'ס באמיהונגען האט זיי מרדכי חתונה געמאכט מיט לומדישע יונגעלייט. דער ערשטער איידעם, אברהם שלמה, דעם דובראוונער רב'ס א זוהן, האט באלד איינגעפיהרט פארשידענע שיעורים אין זיין שווער'ס בית המדרש. ער האט מיט די דארפס-מענשען גע־לערנט אלץ וואס זיי האבען געקענט פארנעהמען מיט'ן פּועל יוצא אז דער דארפישער בית המדרש איז געווארען ניט נאר א מקום תפלה, נאר אויך א מקום תורה.

אברהם שלמה איז שפּעטער געווארען א רב אין א וויכטיגער אידישער קהלה. די עובדה צו לערנען דארט מיט'ן עולם האט דאן געזאָלט פאלען אויפ'ן צווייטען איידעם, וועמעס נאמען עס איז געווען זלמן ליב, א זוהן פון דעם באריסאווער רב, ר' שלמה. אבער דער דאזיגער יונגערמאן, כאטש א גרויסער למדן, האט זיך שטארק געבלאזען געגען די דארפס-מענשען וועלכע זיינען, נאך אלעם דעם, געווען פּראָסטאַקעס. ער האט מיט זיי ניט געוואָלט האבען קיין עסקים, און אפילו ניט געוואָלט זיין זייער רבי. ער האט עס אפען געזאגט זיין שווער און אויך עס ניט באהאלטען פאר די דארטיגע מענשען. ער האט בעסער געוואָלט זיך האלטען אפּגעזונדערט, קוקענדיג פון אויבען ארונטער אויף די פּשוט'ע ניט-געלערנטע אידען.

די דארטיגע אידען האבען שוין אבער זיך געהאט צוגעוואוינט צום לער־נען. זיי האבען שוין מעהר ניט געקענט אויסקומען אהן א רבי'ן. באזונדער איז אין דעם געווען שטארק פאראינטערעסירט מרדכי דער מילנער. ער האט זיך שטארק מצער געווען וואס זיין איידעם איז א גרויסהאלטער און וויל מיט די דארפס-מענשען ניט האבען צו טהאָן. ער האט בכלל קיין גרוים נחת ניט געהאט פון זיין צווייטען איידעם, וועמעס מדות זיינען ניט געווען באזונדערס לויבענסווערטה. ער איז געווען א קמצן און א כבוד-זוכער.

האט מרדכי איינגערופען די ישובניקעס צו אן אסיפה און עס איז גע־בליבען, אז מען זאל ארונטערברייננגען א לומדישען אידען וואס זאל ניט

נאר לערנען מיט'ן עולם נאר זאל אויך קענען פסק'ענען פאר זיי שאלות. אין אנדערע ווערטער, דער ישוב האט שוין געפיהלט די באדערפעניש צו האבען אן אייגענעם מורה הוראה. דער מילנער האט זיך מתחיב געווען, אז א דריטעל פון די שכירות וואס מען וועט צאהלען דעם דאזיגען מורה הוראה זאל קומען פון זיין קעשענע. עטליכע בעלי בתים זיינען דאן ארונטערגעפאה־רען קיין יאנאוויטש, וואו זיי האבען זיך אנגעפרעגט ביים רב, אז ער זאל פאר זיי אויסקלייבען אזא אידען וואס זאל ווערען זייער מורה דרך. דער רב האט פאר זיי אויסגעקליבען א געוויסען ר' בער, א מענש ארום זעכציג יאהר אלט. דער דאזיגער ר' בער איז אין דער אמת'ען געווען שוין נאר א צו גרויסער למדן פאר אט די דארפס־מענשען. ער איז געווען אן אידעם פון א יאנאוויטשער בעל הבית. פאר א משך פון פיעל יאהרען איז ער געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט און געלערנט. ער האט פאר דער צייט אפילו געמאכט זיין שווער פאר א למדן. שפעטער, אז דער שווער איז געשטארבען, איז ר' בער געווארען א מלמד. ער איז באקאנט געווארען אין יאנאוויטש פאר זיין גרויסע לומדות. ווען ער איז געווארען אן אלמן און, האבענדיג קינדער איהם אויסצוהאלטען בכבוד, האט ער אויפגעגעבען די מלמדות און האט זיך צוריק גענומען צו תורה ועבודה. אט דער ר' בער האט תמיד ליעב געהאט התבודדות. ער האט זיך שטענדיג געהאלטען פון דער זייט און האט אפילו אויסגעמידען צו ריידען אן איבריג ווארט. דער רב פון יאנאוויטש האט געפיהלט אז דאס וואס די דארפס־מענשען האבען געוואלט וועט זיין פונקט ר' בער'ן צום הארצען. אויפ'ן דארף וועט ער קענען זיין מעהר אפגעזונדערט פון מענשען ווי אין א גרעסערער שטאט.

אנגעקומען איז ר' בער אויפ'ן ישוב פאר סליחות. אזוי ווי ער איז ניט געווען קיין באווייבטער, האט איהם דער מילנער אריינגענומען צו זיך אין הויז. סיי דער מילנער און סיי זיין ווייב זיינען בכלל געווען באוואוסט אלס מכניסי אורח. דעם מילנער'ס אידעם, זלמן ליב, האט באלד דערזעהן, אז ר' בער איז א גרויסער למדן, אבער טאקע דערפאר האט ער גלייך ארויסגעוויזען צו איהם א שנאה. די שנאה זיינע האט זיך נאך מעהר פארשטארקט, ווען ער האט געזעהן וואס פאר א כבוד די דארפס־מענשען, און זיין אייגענער שווער, גיבען איהם. ר' בער האט טאקע באלד געצייגט אז ער ווייס געגנוי ווי צו מא־כען זיך פארשטענדליך צו די פשוט'ע מענשען. ער האט מיט זיי געלערנט חומש און עהנליכע למודים און עס זיי מסביר געווען אויף אז אופן, אז די דארפס־מענשען האבען דערביי גרויס הנאה געהאט. ר' בער האט אויך גע־האלטען פאר די אידען קורצע דרשות אין וועלכע ער האט זיי מעורר געווען צו תשובה און גערופען צו עבודת הבורא. זיינע צוהערער האבען זיך צוגע־הערט און זיינען געווען שטארק געריהרט.

דאס האט נאך מעהר פארשטארקט ר' בער'ס חשיבות ביי די אידען אויפ'ן ישוב און זיי האבען איהם ממש, ווי מען זאגט, געטראגען אויף די הענד אבער טאקע צוליעב דעם איז די שנאה פון דעם מילנער'ס אידעם צו איהם געווארען נאך גרעסער. יענער האט שוין ר' בער'ן פשוט אנגעהויבען צו באליי־דיגען און אפען ארויסצייגען זיין פיינדשאפט צו איהם. ר' בער, פון זיין זייט, האט ניט ארויסגעצייגט דעם מינדסטען ווידערווילען צו דעם מילנער'ס אידעם.

ער האט אלע זיינע באליידיגונגען און גרינגשעצונגען אנגענומען מיט גרויס סבלנות. אז אנדערער אויף זלמן ליב'ס ארט וואלט פיליכט צוליעב דעם אליין געקראגען מעהר דרך ארץ פאר דעם עלטערען אידען און למדן. דאס איז אבער ניט געווען דער פאל מיט איהם. יענער האט פשוט ניט געקענט פארטראגען וואס מיט איהם, אונטער איין דאך, געפינט זיך אימיצער וואס קען מעהר לערנען פון איהם. ער האט אויך ניט געקענט צוזעהן ווי מען גיט ר' בער'ן אפ דעם כבוד פון א רב. אין אנדערע ווערטער, זלמן ליב האט אי פיינט געהאט די פראסטע פאלקס-מענשען און אי די לומדישע אידען. עס האט זיך פשוט גענומען פון זיין גייציגקייט צו זיין תמיד דער ערשטער אומעטום און גלייכ-ציטיג תמיד זיך צו בלאזען און צייגען אז ער האלט זיך העכער פון אלעמען.

זיין שווער האט שוין גוט געוואוסט די חסרונות פון זיין איידעם און האט דערפון געהאט גרויס פארדרוס. זיין פארדרוס איז געווען נאך גרעסער דערפאר וואס זיין איידעם האט אזוי אפען מזלזל געווען אין דעם כבוד פון ר' בער'ן וועלכער האט געוואוינט אין זיין הויז.

מרדכי האט ניט איינמאל איבערגערעדט וועגען דעם מיט ר' בער'ן. ער האט זיך ענטשולדיגט וואס זיין איידעם באציהט זיך צו איהם אזוי גראב. ר' בער האט איהם בארוהיגט, פארזיכערענדיג איהם, אז דאס ארט איהם גאנץ ווייניג. ער האט דערביי ניט פארגעסען צו דערמאנען, אז נאך אלעם דעם, איז זלמן ליב א למדן און דער עיקר, ער איז נאך גאר יונג. ער וועט מיט דער צייט שוין געפינען דעם וועג פון מידות טובות.

די ימים נוראים זיינען אוועק. ר' בער האט נאך זיך מעהר ניט געקענט פיהלען באקוועם אין מרדכי'ס הויז צוליב דעם מילנער'ס איידעם, זלמן ליב'ן, און האט באשלאסען פון דארט זיך ארויסצוקלייבען. ער האט דאן זיך אנגע-דונגען א חדר ביי א שניידער מיט'ן נאמען יאסע. אט דער יאסע איז געווען א איד שוין ווייט אין די זיבעציגער, אבער האט זיך נאך מפרנס געווען פון זיין מלאכה. ער איז געווען א פשוט'ער אבער עהרליכער איד וואס פלעגט ביי דער ארבייט תמיד זאגען תהילים. די תמימות און עהרליכקייט פון אט דעם שניידער איז געווען צו זעהן פון דעם וואס ווען ער האט געפיהלט, אז זיינע לעצטע טעג זיינען געקומען, האט ער אריינגערופען דריי פון זיינע באקאנטע און האט זיי איבערגעגעבען דאס ביסעל געלד וואס ער האט געהאט אפגעשפארט איז משך פון זיין לעבען. ער האט זיי געוויזען די תכריכים וואס ער אליין האט געהאט גענעהט פאר זיך און זיין ווייב. דאס געלד, האט ער געזאגט, זאל זיין אויף דער קבורה. ער האט ניט געוואלט, אז אימיצער זאל פאר זיין און זיין ווייב'ס קבורה דארפען אויסגעבען א פרוטה.

— אז ארון, — האט ער געזאגט, — זאלט איהר מיר מאכען פון אט דעם טיש אויף וועלכען איך בין אלע מיינע יאהרען געזעסען און גענעהט. אט דער טיש וועט עדות זאגען, אז איך האב אויף איהם קיינמאל ניט ארויפגעלאזט קיין שעטנז און אז דארט איז קיינמאל ניט געווען קיין יתור וואס איז ניט צוריקגעגעבען געווארען צו דעם אייגענטימער. דער טיש וועט אויך עדות זאגען, אז איך האב קיינמאל אין מיין לעבען קיינעם ניט באעוולה'ט און קיינעם קיין שלעכט-ווארט ניט געזאגט.

אט אין דעם שניידער'ס הויז האט עס ר' בער געזאלט געפינען מנוחה,

אבער ער איז נאך אלץ ביטער פארפאלגט געווארען פון דעם מילנער'ס אידעם וועלכער האט שטענדיג גזוכט אויף איהם חסרונות און געטריבען שפאס אויף זיין חשבון.

כה.

שטאטישע און דארפישע אידען

טיפען פון די אידישע ישובים. — דער מילנער וואס איז געווארען א שטאטישער תושב און זיין אידים וואס האט זיך ענדלאך פארנומען אויף א נייעם דרך.

די אידען אויפ'ן ישוב, וואו ר' בער איז געווארען רב, זיינען געווען פשוט'ע, אבער עהרליכע און תמימות'דיגע. ר' בער האט זיי שטארק ליעב געהאט. ער האט געהאט גרויס תענוג וואס ער האט געקענט לערנען מיט אט די אידען. דעם מילנער'ס אידעם, זלמן ליב, האט אבער ר' בער'ן פארביטערט דאס לעבען. ער האט איהם גערופען "דער אלטער עם הארץ" און אויך "דער מגיד פון די עם הארצים".

אויף יענעם ישוב זיינען געווען צוויי זקנים. דער איינגערער פון די צוויי, איז געווען יאסע דער שניידער, ביי וועמען ר' בער האט זיך געהאט אפגע־דונגען א חדר. דער צווייטער איז געווען שלמה דער שינדער, אדער ווי מען האט איהם אויך גערופען שלמה דער יתום. מען האט איהם גערופען "דער יתום" ווען ער איז שוין געווען איבער הונדערט יאהר אלט. ווי אלט אט דער שלמה איז געווען האט מען זיך געקענט משער זיין פון דעם וואס יאסע, וועל־כער איז שוין אליין געווען א בן שבעים, האט געדיינקט, אז ווען ער איז געווען א איינגעל איז שוין שלמה געווען ארום פערציג יאהר אלט.

"דער יתום" האט מען שלמה'ן גערופען דערפאר וואס ער איז צו דריי יאהר געבליבען א יתום און האט זיך אויסגעהאדעוועט ביי זיין פעטער, א קצב. ווען שלמה איז אלט געווארען ניין יאהר האט איהם זיין פעטער גענומען צו דער ארבייט און איהם געמאכט פאר א שינדער. צו יענער צייט איז נאך אויפ'ן ישוב ניט געווען קיין מנין אידען. די אידישע ישובניקעס האבען דאמאלס גאנץ ווייניג געוואוסט פון אידישקייט. וואס איז שייך שלמה'ן, האט ער קיין מאל ניט געלערנט קן אידיש ווארט און איז אויסגעוואקסען א פולשטענדיגער עם הארץ.

ער האט אפילו ניט געהאט די געלעגענהייט צו הערען א אידיש ווארט ווי די קינדער פון אנדערע ישובניקעס. געוויינליך פלעגען די אידישע ישובניקער אריינפאהרען מיט זייערע משפחות אין די דערבייאיגע שטעטלאך אויף די ימים נוראים. די ישובניקעס האבען כאטש אין יענע טעג זיך אנגעזאפט מיט אביסעל אידישקייט. זיי האבען געדאוונעט בצבור. זיי האבען געהערט די תפלות פון דעם שטעטעלדיגען בעל תפלה. זיי האבען אויך געהערט די דרשות פון דעם רב.

דאס וואס עס איז געווען מיט די דערוואקסענע איז אויך געווען מיט דעם קליינוואוג. שלמה איז אבער געווען א יתום און זיין פעטער האט בעסער

געוואָלט, אז פאר דער צייט וואָס ער און זיין משפחה געפינען זיך אויף ימים נוראים אין שטעטעל, זאָל שלמה בלייבען היטען דאָס הויז און אויפפאסען אויף די בהמות. האָט שלמה דערפאר קוים ווען געהערט א אידיש וואָרט. אָבער אז ער איז אונטערגעוואַקסען, איז ער דאָך געוואָרען א גרויסער פרומאק. ער האָט טאקע ניט געקענט דאַווענען. ער האָט עס זיך ניט אויסגעלערנט זיין גאנצען לעבען. אלץ וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט איז געווען צו זאָגען "מודה אני", "שמע ישראל" און א פּאָר ברכות. ער האָט נאָר געקענט מאכען א "המוציא" און זאָגען די ברכה "שהכל". שפּעטער אז מרדכי דער מילנער האָט אויף יענעם ישוב איינגעפיהרט א מנין און דערנאָך אויסגעבויט א בית המדרש, פלעגט שלמה קומען יעדען פריהמאָרגען אין בית המדרש, זיך אָנטהאָן טלית און תפילין און זיך צוהערען ווי אנדערע דאַווענען. ער האָט זיך באנוגענט מיט דעם וואָס ער האָט געענטפערט "אמן" און געזאָגט "ברוך הוא וברוך שמו". אזוי איז אויך געווען צו מנחה און מעריב.

שלמה האָט ניט געגעסען קיין אנדער זאך ווי ברויט און ניט געטרונקען קיין אנדער געטראנק ווי וואסער. דאָס איז געווען דערפאר וואָס ער האָט ניט געקענט מאכען קיין אנדערע ברכות ווי "המוציא" און "שהכל".

יאָסע דער שניידער איז אויך געווען א גאָר פּראָסטער מענש. ער האָט שוין אָבער געקענט עברי און האָט געקענט דעם דאַווענען אויף אויסוויינינג. ער האָט אויך געקענט אויף אויסוויינינג גאנץ תהילים. יאָסע האָט אָפּגעהיט א סך מצוות. ער איז באזונדער געווען א גרויסער מכניס אורח. דערהויפּט איז ער געווען אָפּגעהיט אין האלטען דעם צונג. ער האָט אויף קיינעם ניט געוואָלט ריידען קיין שלעכט וואָרט. ער פלעגט דערפאר תמיד מקצר זיין אין זיינע רייד און זיך באנוגענט מיט אזוי ווייניג ווערטער ווי גאָר מעגליך.

צוליעב דער צדקות פון אָט די צוויי זקנים, האָט ר' בער זיך מיט זיי א סך אָפּגעגעבען. ער האָט געוואָלט זיי מהנה זיין מיט זיין לומדות אויף ווי וויים דאָס האָט זיך נאָר געלאָזט. טאקע דערפאר האָט עס זלמן ליב געהאַט אויף איהם די שליטה און פון איהם חוזק געמאכט פאר אלעמען אין די אויגען פונקט ווי ר' בער וואָלט מיט דעם געהאט באוויזען זיין איינענע עם הארצות.

איין מאָל האָט זלמן ליב געקראָגען א געלעגענהייט צו דערגעהן ר' בער'ן די יאָהרען. דאָס איז געווען דאמאלס ווען מען איז געקומען צו איהם מיט א שאלה אויף א בהמה וואָס מען האָט געהאט געשאָכטען צו באזאָרגען די אידישע תושבים מיט פלייש אויף שבת. מען האָט געבראכט צו ר' בער'ן די ריאה. נאָך א לאנגער שקלא וטריא האָט ר' בער גע'פסק'ענט אז די בהמה איז כשר. זלמן ליב האָט זיך אָן דעם אָנגעכאפּט ווי אָן אן אבן טוב. ער האָט דוקא געוואָלט האָבען, אז די בהמה איז טריף. ער האָט גע'טענה'ט, אז ר' בער האָט דאָ רחמנא לצלן מאכיל טריפות געווען און האָט וועגען דעם געמאכט סקאנדאלען. די פּשוט'ע אידען פון יענעם ישוב, וועלכע האָבען געהאט א גאנץ קליינע ידיעה אין אזוינע זאכען, האָבען זיך שטארק דערשראָקען. זיי האָבען טאקע גוט געוואוסט, אז זלמן ליב זוכט חסרונות אויף ר' בער'ן און אז ער איז שטארק מזלזל אין זיין כבוד. אָבער ווען זיי האָבען געהערט, אז ער באשטעהט דורכאויס אז ר' בער האָט פון טריף געמאכט כשר, האָבען זיי זיך געפיהלט שטארק בעאומרוהיגט.

זלמן ליב האט געהאלטען אין אנווייזען אויף פארשידענע פוסקים אויף וועלכע ער האט געבויט אז די בהמה איז טריף. ר' בער האט טאקע איהם באלד געענטפערט מיט זיינע אייגענע מקורים צו באווייזען, אז זיין פסק איז געווען דער ריכטיגער. פון דעסטוועגען זיינען די דארפס־מענשען געווען שטארק צערודערט. זיי האבען ניט געוואוסט ווער פון די צוויי איז געווען גערעכט.

ר' בער אליין האט דעם ענין גענומען גאנץ ערנסט. ער האט פרובירט זיך אריינלאזען אין א לאנגען וויכוח מיט זלמן ליב'ן און איהם באווייזען, אז זיין פסק איז געווען דער ריכטיגער. זלמן ליב האט איהם אבער אויף אלע זיינע ראיות נאר געענטפערט מיט זלזולים און איהם גערופען "מאכיל טריפות". ר' בער האט דאן אנגעשריבען א שאלת־תשובה צום רב פון יאנאוויטש. ער האט אין דער דאזיגער שאלת־תשובה ארויסגעוויזען טיפע לומדות. דער עיקר, ער האט געוואלט זיין זיכער אז ער האט ניט געמאכט פון קיין טריף כשר.

כדי צו בארוהיגען זלמן ליב'ן, האט ר' בער איהם געוויזען די שאלת־תשובה איידער ער האט זי אפגעשיקט צום רב אין יאנאוויטש. זלמן ליב האט אבער זיין כתב יד אפילו ניט געוואלט אנקוקען. ער האט עס מיט כעס א ווארף געטהאן אויף דער ערד און אויסגעשריען, אז ער וויל ניט אריינקוקען אין אזוינע נארישקייטען.

- ר' בער האט אפגעשיקט זיין שאלת־תשובה קיין יאנאוויטש און אין א פאר טעג שפעטער באקומען אן ענטפער, אז זיין פסק איז געווען א ריכטיגער. די אידען האבען זיך בארוהיגט. זיי זיינען שוין געווען זיכער אז זיי זיינען ניט נכשל געווארען. זלמן ליב האט זיך אבער אלץ ניט געוואלט אונטערגעבען. ער האט מיט ר' בער'ן ניט געמאכט קיין שלום.

ר' בער וואלט מסתמא ווייטער געליטען צרות פון זלמן ליב'ן, האט אבער מרדכי דער מילנער דעם קומענדיגען זומער זיך איבערגעקליבען קיין יאנאוויטש און אהין מיטגענומען מיט זיך זיין אידעם. ר' בער האט ערשט דאמאלס דערפיהלט מנוחה און האט אנגעהויבען הנאה האבען פון דעם וואס ער האט פארבראכט אויף דעם ישוב.

מרדכי האט אין יאנאוויטש זיך געקויפט א הויז אויפ'ן מארק און דארט געעפענט א קראם, אין שכנות מיט דעם בית המדרש וואו ר' זלמן חיים איז געווען שמש, האט מרדכי אנגעהויבען דארט געהן דאווענען יעדען טאג און זיך צוהערען צו דעם וואס דער שמש האט געלערנט מיט'ן עולם ביים טיש. אין א קורצער צייט ארום איז מרדכי געווארען דער גבאי פון בית המדרש. ער האט דעם שמש מיטגעהאלפען אין אלע זיינע טהעטיגקייטען. זיין אידעם, זלמן ליב, האט אויך געדאווענט אין דעם זעלביגען בית המדרש. דא האט זיך זלמן ליב שוין געפונען אין א סביבה פון לומדים. ער האט געהאט מיט וועמען זיך מפלפל צו זיין און טאקע געקענט ארויסצייגען זיין לומדות ווי ס'באדארף צו זיין.

ר' זלמן חיים, דער שמש, וועלכער האט גורם געווען אז זלמן ליב זאל ווערען מרדכי'ס אידעם, האט געפיהלט א גרויסען צובונד צו איהם. עס איז טאקע געווען דורך ר' זלמן חיים'ס הילף וואס זלמן ליב איז אויסגעקליבען געווארען צו זאגען דעם שיעור גמרא אין בית המדרש. זלמן ליב האט

פון דעם שטארק הנאה געהאט. זיין שווער האט געהאט גרויס נחת. גאנץ יאנאוויטש האט גערעדט פון מרדכי'ס איידעם.

זלמן ליב האט אבער באלד זיך ארומגעזעהן אז בעת צו זיין שיעור קומען זיך צוזאמען נאר א זיבעז־אכט יונגעלייט, האט ר' זלמן חיים, דער שמש, צעהנדליגע און אפט הונדערטע מענשען, וואס הערען זיך צו ווי ער זאגט חומש אדער לערנט מיט'ן עולם מדרש. דאס האט אין דעם גייציגען זלמן ליב'ן אנגעצונדען א פייער פון קנאה. ער האט אנגעהויבען פיינט האבען דעם שמש און איהם רודף'ן. דער שמש האט קוים געקענט פארשטעהן פאר וואס מרדכי'ס איידעם צייגט איהם אזא שנאה. ער האט אפילו וועגען דעם איבערגערעדט מיט זלמן ליב'ס שווער. דעם שמש האט ניט אזוי געקימערט וואס זלמן ליב צייגט צו איהם שנאה נאר וואס ער ווייזט זיך ארויס אז ער איז גארניט קיין בעל מידה.

ר' זלמן חיים האט בכלל געלייגט מעהר געוויכט אויף מידות טובות ווי אויף לומדות. איז דאך לא המדרש הוא העקר אלא המעשה. ר' זלמן חיים האט זיך אויך געפיהלט אביסעל שולדיג פאר מרדכי'ן פאר דעם וואס ער האט ארייגעקראגען אזא איידעם, א רודף אחר הכבוד.

האט ר' זלמן חיים דערפאר ביי זיך אפגעמאכט, אז ער זאל אויף וויפיעל ער וועט נאר קענען, משפיע זיין אויף זלמן ליב'ן אז ער זאל ענדערען זיין דרך. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס זלמן ליב האט איהם געצייגט שנאה און איהם גע'רודפ'ט, האט אבער דער שמש זיך צו איהם באצויגען מיט גרויס דרך ארץ. דער שמש האט אין זיינע שיעורים ביים טיש געהאלטען אין דערקלעהרען דעם עולם ווי גרויס עס איז דער ענין פון תורה און האט ניט איינמאל דערמאנט זלמן ליב'ן צו גוטען פאר זיין לומדות און פאר דעם שיעור גמרא וואס ער זאגט.

דאס האט אויף זלמן ליב'ן געמאכט אן איינדרוק. ער האט מיט אמאל דערזעהן פאר זיך א גאנץ אנדער מענשען, איינער וואס צאהלט מיט גוטעס פאר דאס שלעכטע וואס מען טהוט צו איהם. זלמן ליב וואלט גיכער דערוואַרט, אז דער שמש זאל איהם אויך צייגען אומפריינטליכקייט. נאך אלעם דעם האט שוין ר' זלמן חיים געזאלט וויסען, אז ער באציהט זיך צו איהם מיט פיינטשאפט. צום סוף האט גאר ר' זלמן חיים איהם ארויסגעצייגט אזוי פיעל ליעבשאפט. זלמן ליב האט בכלל זיך באקאנט מיט די מידות טובות פון אט דעם שמש. ער האט דערפאר אנגעהויבען פיהלען חרטה.

סוף כל סוף איז א גרויסע ענדערונג פארגעקומען אין אט דעם זלמן ליב'ן. ר' זלמן חיים דער שמש האט אויף איהם אנגעהויבען קריגען א השפעה. זלמן ליב האט אנגעהויבען איינזעהן, אז לומדות אליין איז נישט גענוג, אז צו לומדות דארף מען אויך האבען מעשים טובים.

פון דאמאלס אן האט זיך צווישען דעם שמש און מרדכי'ס איידעם פארקניפט א גרויסע פריינטשאפט. דאס וואס קיין אנדערער האט ניט געקענט ווירקען אויף זלמן ליב'ן האט עס ענדליך באוויזען דער שמש ר' זלמן חיים און בלויז דורך דעם וואס ער האט איהם געצייגט א ביישפיעל פון אייגענער גוטס־קייט און סבלנות.

כו.

צוויי וועלטען

די וועלט פון די לומדים און די וועלט פון די אנשי-מעשה. — די מסקנא צו וועלכער ברוך איז געקומען. — ווי פשוטע מענשען זיינען געווארען לומדים.

ווען ברוך איז צום צווייטען מאל געקומען קיין יאנאוויטש, איז זלמן ליב שוין געווען באריהמט איבער'ן שטאט פאר זיין לומדות און פאר זיינע מעשים טובים. ברוך האט גוט געוואוסט, אז פאר אט דער גרויסער ענדערונג אין מרדכי'ס איידעם האט מען נאר געהאט צו פארדאנקען דעם שמש ר' זלמן חיים, וועלכער האט מיט זיין אייגענעם ביישפיעל פון גוטסקייט און מילדקייט באאיינפלוסט זלמן ליב'ן אז ער זאל זיך פארנעמען אויף א נייעם דרך. ברוך האט איצט געוואלט זיך נעהענטער באקענען מיט ר' זלמן חיים'ן און לערנען ביי איהם מדות טובות. ער האט אויך געוואלט דערגעהן מעהר וועגען זיין לעבען און פארנאנגענהייט. אבער ר' זלמן חיים איז שוין מעהר ניט געווען אין יאנאוויטש. מיט א יאהר פריהער איז ער פון דארט אוועק, איבערגעבענדיג די שמשות פון דער שוהל צו אימיצען אנדערש. קיינער האט נישט געוואוסט צי ר' זלמן חיים האט בדעה זיך ווען צוריקצוקעהרען.

ברוך האט איצט געוואלט זיך אויף דאס ניי באגעגענען מיט די אלע מענשען מיט וועלכע ער איז געקומען אין באריהרונג ווען ער האט צום ערשטען מאל פארבראכט דארט אין שטאט. ער האט אויך באזוכט דעם בית המדרש ביים בית הקברות וואס איז געווען זיין ערשטער מקום מנוחה אין יאנאוויטש. עס זיינען נאך איהם געווען פריש אין זכרון זיינע איבערלעבונגען, די שרעקען און די פריידען, אין יענעם בית המדרש, וואס איז געווען דער פארזאמלונגס-פלאץ פאר די קברנים און דער חברה קדישא, וועלכע פלעגען זיך אפט פרעהליך מאכען ביי א פלעשעל משקה. ברוך האט אפילו געדענקט די סוגיא אין דער גמרא וואס ער האט געהאלטען אין לערנען ווען איינער פון די שכור'ע קברנים האט זיך אויף איהם א ווארף געטהאן און איהם אנגעהויבען האלזען און קו-שען, אזוי, אז ער האט דערפיהלט אז יענער בית המדרש איז גיט פאר איהם קיין פלאץ און ער האט זיך איבערגעקליבען אין דעם בית המדרש אויפ'ן מארק וואו ר' זלמן חיים איז געווען דער שמש. די סוגיא וואס ברוך האט געהאט דאמאלס געלערנט איז געווען וועגען יאוש אין מסכת בבא קמא דף ס"ז. ער האט געדיינקט ווי ער איז דאמאלס געווען פארטיעפט אין דעם תוספות אין דעם ויכוח וועגען דעם "צו יאוש קני" אדער "יאוש ושינוי השם קני".

ברוך האט זיך אין יאנאוויטש געזעהן מיט די קרעמער, בעקער און אנ-דערע ביי וועמען ער האט געטהאן ארבייט כדי צו פארדיענען זיין ברויט. ער איז שוין איצט געווען א דערוואקסענער בחור, וואס האט אין גיכען געזאלט חתונה האבען. קיינער האט איהם דארט ניט דערקענט. ברוך האט פון

יעדערען געוואלט עפּעס דערגעהן, עפּעס זיך דערוויסען פון זיין לעבען און זיינע ערפאהרונגען. ברוך האט איצט געוואלט ביי זיך גענוי אפּמאכען וועלכער איז דער ריכטיגער דרך אין לעבען, צי דער דרך וואס ר' זלמן חיים האט נאכ־געפאלגט, ווידמענדיג זיך צו די פּשוט'ע מענשען פון פאלק, אדער דער דרך וואס איז נאכגעפאלגט געווארען פון אזא גאון ווי ר' שמחה זעליג, דער פּרוש פון וויטעבסק, וועלכער איז זיך געזעסען אפּגעזונדערט אין זיינע ד' אמות און האט געקוקט פון אויבען ארונטער אויף די פּשוט'ע פאלקס־מענשען וואס זיינען געווען ווייט פון תורה.

ברוך'ן איז עס איצט פּשוט געגאנגען אין לעבען. ער האט געדארפט פאר זיך אליין אנצייכענען דעם דרך אין לעבען. ביז דאמאלס האט ער אייגענטליך נאר געהאט געפּארשט און געלערנט. ער האט נאך אבער געהאט א סך צו לערנען. ער האט נאך געדארפט דורכמאכען א סך מדרגות ביז ער וועט קענען קומען צו שלימות.

דער פּרוש ר' שמחה זעליג איז ברוך'ן געלעגען גוט אין קאפּ. ער האט זיך מיט איהם געהאט נעהענטער באקענט. ברוך האט, ווי יעדער איינער, גוט געוואוסט ווי גרויס עס איז די גאונות פון אט דעם פּרוש, וועלכער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאהרען און וועגען וועמען מען האט דערצעהלט פארשידענע אגדות וועגען זיין לומדות און זיינע עובדות.

פארשטעהט זיך אז ברוך האט געהאט גרויס דרך ארץ פאר אט דעם גאון, וועלכער האט געשטאמט פון א משפּחה פון באוואוסטע לומדים אין פּוילען. ווען ער איז נאך געווען א פופצעהן יאהריגער אינגעל האט ער גע'שם'ט אלס דער סטאוויסקער עלוי. ער איז געווען קלאהר אין גאנץ ש"ס. זיין התמדה האט נאר קיין גלייכען נישט געהאט. ער האט בפועל ממש געלערנט יומם ולילה, שלאפענדיג נאר א צוויי־דריי שעה דורכ'ן מעת־לעת. דערצו פלעגט ער פאס־טען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג און אויך פרייטאג. פון זיין סאמע יוגענד האט ער נאר גערעדט דברי תורה און זיך לחלוטין אנטזאגט צו ריידען דברי חול. פון עם הארצים האט ער געוויכט. ער האט א פּראסטען, נים־לומדישען מענשען צו זיך ניט צוגעלאזט. ער האט מיט אזוינע מענשען פּשוט ניט געהאט וואס צו ריידען. אין וויטעבסק איז ער אנגעקומען אלס יונגער מאן. פאר א משך פון פופציג יאהר האט ער זיך געהאט אפּגעזונדערט פון דער וועלט אין איינעם פון די שטיבלעך פון דעם גרויסען בית המדרש אין וויטעבסק.

ברוך האט איצט געוואלט ביי זיך אפּמאכען, ווער פון די צוויי, דער גאון ר' שמחה זעליג אדער דער שמש ר' זלמן חיים, איז מעהר ניחה דעם רבונו של עולם — צי ר' שמחה זעליג מיט זיין תורה און זיין התבודדות, אדער ר' זלמן חיים מיט זיין טהעטיגקייט צווישען אידישען המון. ברוך האט געמוזט קומען צו דער מסקנא אז ניט ר' שמחה זעליג נאר ר' זלמן חיים געהט אויפ'ן ריכטיגען דרך, ווייל דער דרך פון אט דעם שמש איז אזעלכער וואס מוז גע־פעלען דעם רבונו של עולם און אויך דעם מענשען.

אויב ברוך האט איצט מעהר ניט געהאט פאר זיך ר' זלמן חיים'ען, האט ער אבער געקענט זעהן אין יאנאוויטש ממש אויף שריט און טריט דעם גרויסען רושם וואס ער האט דארט געמאכט. אט האט ער באזוכט דעם בית המדרש וואו ר' זלמן חיים איז געווען שמש. ער האט זיך צוגעהערט צו דעם

שיעור וואס זלמן ליב האט געזאגט פאר א גרויסען עולם. דער שיעור איז געווען וועגען דער סוגיא „המקדש במלוה" און וועגען דער סוגיא „קדשה בגזל" (קדושין מו, נב). זלמן ליב האט דעם שיעור געזאגט מיט גרויס חריפות. דאס האט אבער ברוך'ן וויניג וואס געוואונדערט. ער האט געוואוסט פון פריהער, אז זלמן ליב איז א גרויסער למדן. וואס איהם האט יא געוואונדערט איז געווען די התלהבות מיט וועלכער זלמן ליב האט גערעדט, וואס איז געווען לגמרי אנדערש פון דעם ווי ער האט מתפלל געווען אמאל. דאמאלס האט זלמן ליב ממש אפגע'פטר'ט דעם דאווגען שנעל און האט קיינמאל ניט געצייגט אז ער פיהלט דערביי א וועלכע עס איז ווארימקייט.

ברוך האט געוואוסט, אז אט די ענדערונג וואס האט געמיינט, אז ענדליך איז זלמן ליב'ס נשמה דערוואַרעמט געווארען און אנגעהויבען קומען צום אויסדרוק, איז געווען איינגאנצען צו פארדאנקען די השפעה וואס עס האט אויף איהם געהאט דער שמש ר' זלמן חיים. יענער האט זלמן ליב'ן ענדליך ארויסגעהויבען פון די ד' אמות של הלכה. ער האט איהם אנגעווארעמט די נשמה. ער האט ביי איהם ארויסגערופען דעם אינערליכען מענשען און האט איהם אויך אנגעצייגט אויף דאס עיקר'דיגע אין לעבען — צו זיין א בעל מידה. ברוך האט אויך געהאט א געלעגענהייט צו באזוכען זלמן ליב'ן אין דער היים. ער האט איהם דארט געטראפען פארטיעפט אין איינעם פון די ספרים פון דער מהר"ל מפראג. זלמן ליב'ס פנים איז געווען פארפלאמט. מען האט געקענט לייכט זעהן אז ער פיהלט דעם למוד מיט'ן הארצען און מיט דער נשמה. אין משך פון דער צייט, וואס ברוך איז געווען אין חדר, איז דארט אריינגעקומען זלמן ליב'ס א זעקס יאהריגער אינגעלע און דער טאטע האט אנגעהויבען שטראפען זיין קינד דערפאר וואס ער האט באמערקט אז איין א ציצה פון זיין ארבע כנפות פעהלט א פאדים. פאר ברוך'ן איז עס געווען דער בעסטער באווייז אז זלמן ליב פיהלט איצט זיין אידישקייט ניט נאר מיט'ן מח נאר אויך מיט'ן הארצען און נשמה.

עהנליכע ענדערונגען האט ברוך געזעהן ביי אנדערע אידען אין יאנאַוויטש, באזונדער ביי די וואס האבען געדאווענט אין דעם בית המדרש אויפ'ן מארק און זיינען דערפאר געווען אונטער ר' זלמן חיים'ס השפעה.

אט איז געווען פיניע דער בלעכער. ער איז געווען פון די ערשטע וואס האבען זיך צוגעהערט ווי ר' זלמן חיים זאגט עין יעקב. איצט איז שוין פיניע געזעסען ביי דעם שיעור גמרא וואס איז געזאגט געווארען פון דעם באוואוסטען גביר אין יאנאוויטש, ר' יעקב אייזיק. יענער שיעור איז געווען גוט באקאנט אין יאנאוויטש, ניט נאר דערפאר וואס ר' יעקב אייזיק איז אליין געווען באוואוסט, נאר אויך דערפאר וואס אט ביי דעם שיעור זיינען געזעסען די גרעסטע לומדים פון שטאט.

ברוך איז פון אנפאנג געווען פארוואונדערט וואס אט דער פשוט'ער פיניע דער בלעכער, וועלכער האט אמאל קוים באנומען א שטיקעל עין יעקב, זיצט איצט ביי א שיעור גמרא און דערצו נאך מיט אזוינע לומדים. ער האט געמיינט אז דאס זיצט זיך פיניע אזוי זיך און אז ער פארשטעהט קוים וואס מען רעדט דארט. צו זיין גרויסער איבערראשונג האט ער אבער געהערט ווי פיניע נעהמט אנטייל אין דעם פלפול און אין די סברות וואס ווערען ביים

טיש ארויסגעזאגט. עס הייסט, אז פיניע איז איצט שוין געווען א שטיקעל למדן. פון וואנען דאס האט זיך גענומען? פשוט דערפון וואס ער האט די גאנצע צייט זיך צוגעהערט צום לערנען און איז אליין געווארען א למדן.

פאר ברוך'ן איז דאס געווען דער בעסטער באוויז, אז מען קען פשוט'ע פאלקס־מענשען אויסבילדען און דערהויבען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס זיי האבען ווייניג געלערנט אין זייער יוגענד, קענען זיי אבער זיך דערהויבען צו א העכערער מדרגה ווען זיי הערען זיך צו צו דעם וואס מ'לערנט אין בית המדרש. ס'איז געווען אן אנדער דערגרייכונג פון דעם שמש ר' זלמן חיים'ן. אן אנדער ביישפיל איז געווען שמשון דער מעלעקער, שמשון דער קצב און פיווע דער טעפער, אלע דריי זיינען געזעסען ביים טיש ווען ר' זלמן חיים האט געזאגט חומש. עס האט אויסגעזעהן אז מעהר ווי א שטיקעל חומש קע־נען זיי ניט פארנעהמען. איצט זיינען זיי שוין געזעסען ביי משניות און, לויט ווי ברוך האט געקענט זעהן, זיינען זיי געווען גוט באהאוועגט אין משניות.

א חוץ וואס אט די אידען זיינען געווארען לומדישער, זיינען זיי אויך געווארען אנדערש אין זייער הנהגה. ברוך האט גוט געדיינקט ווי אזוי אט די מענשען פלעגען שטעהען אויפ'ן מארק, יעדער ביי זיין קליט, אדער ביי זיין טישעל אויפ'ן גאס, און האבען געטריבען לצנות, אפילו אפט געקריגט זיך און באפאלען איינער דעם צווייטען מיט זלזולים. איצט זיינען זיי אלע געווען גרויסע בעלי מידה און זיך אויפגעפיהרט ווי אמת'ע יראי שמים.

אויך בערל דער איין־אויגעלדיגער און כאציע די ציינער, ווי מען האט זיי גערופען אין יאנאוויטש צוליעב זייערע מומים, זיינען איצט געזעסען ביים טיש אין בית המדרש און זיך צוגעהערט צו אגדה אדער תהילים. א גרויסע פעולה האט ברוך אויך באמערקט אפילו אין אזוינע פארשוינען ווי שאול דער פערד גנב און יעקב זלמן דער קלעזמער. אויב שאול איז געווען צווישען די שפל'סטע אין יאנאוויטש צוליעב דעם וואס מען האט איהם געהאלטען, ווי זיין צונאמען האט געצייגט, פאר א פערד גנב, איז יעקב זלמן דער קלעזמער געהאלטען געווארען שפל דערפאר וואס ער פלעגט שפיעלען אין פריצישע הויפען און מען האט אויף איהם געזאגט, אז ער פיהרט זיך דארט אויף גאר ניט אידישלאך.

איצט האבען אבער ביידע אינגאנצען געהאט געענדערט זייער דרך. זיי האבען ביידע אויפגעגעבען זייערע פריהערדיגע פרנסות. שאול האט זיך מפרנס געווען פון עהרליכער ארבייט און יעקב זלמן האט אויפגעהערט שפיעלען פאר גוים און איז געווארען א קלעזמער אויף אידישע שמחות. זייער לידיגע צייט האבען ביידע פארבראכט אין בית המדרש.

גאר א גרוים חידוש איז ביי ברוך'ן געווען מרדכי דער מילנער, וועלכער איז איצט געווען א קרעמער אין יאנאוויטש און איז אויך געווען דער גבאי פון דעם בית המדרש. אט דער דאזיגער מרדכי, וועלכער האט אלע זיינע יאה־רען אפגעלעבט אויפ'ן דארף, האט פריהער קוים געקענט באנעהמען אפילו א שטיקעל אגדה, איצט איז ער געזעסען ביים שיעור גמרא און האט זיך אפילו באטייליגט אין די ויכוחים. ברוך האט דא פאר זיך געזעהן א לעבעדיגען

ביישפיעל פון דעם וואס מען קען אויפטהאן פאר פשוט'ע פאלקס־מענשען. עס האט מעהר קיין צווייפעל ניט געקענט זיין, אז ניט דער דרך פון דעם אפגע־שלאסענעם און פון מענשען־אפגעזונדערטען ר' שמחה זעליג'ן דעם פרוש איז געווען דער ריכטיגער, נאר פון דעם שמש ר' זלמן חיים וועלכער האט פארשפרייט תורה און מעשים טובים צווישען פשוט'ע מענשען.

כז.

דער אויסגעלאכטער

א פאסירונג אין יאנאוויטש וואס האט שטארק געערגערט ברוך'ן. — דער ויכוח מיט זיין שוואגער. — עבודה זרה און פארוואס מען טאר פון דעם ניט קיין הנאה האבען.

פאר ברוך'ן איז זיין נייער באזוך אין יאנאוויטש געווען א ווירקליכע אנטפלעקונג. ער האט איצט געקענט זעהן מיט זיינע אויגען די ענדערונגען וואס זיינען פארגעקומען אין מענשען און ווארום די דאזיגע ענדערונגען זיינען פארגעקומען.

ער האט געקענט פארגלייכען שיטות, זיי לייגען אויף'ן וואגשאל און אורטיילען וועלכע פון זיי איז די ריכטיגערע און ברענגט מעהר פעולה פאר מענשען אין זייערע באציהונגען בין אדם לחבירו און אויך בין אדם למקום. ער איז נאטירלאך געווען פולקאם איבערצייגט, אז די שיטה פון דעם שמש ר' זלמן חיים, וועמעס דרך איז געווען דער דרך פון א נסתר, ווידמענדיג זיך אין גאנצען צו לערנען און דערהויבען די פשוט'ע פאלקס־מענשען און צו איינפלאנצען גוטע מדות אפילו אין לומדישע אידען, איז געווען די ווירקזא־מערע און די אפעלירענדיגערע צו זיין אייגענעם הארצען.

ברוך האט איצט, אויף זיין שטייגער, געקענט האבען א ויכוח מיט זיך אליין, און פונקט ווי דאמאלס ביים לערנען גמרא, ווען ער האט געפיהלט ווי ער וואלט נעהאט פאר זיך אין בלוט און פלייש די תנאים און די אמוראים, און אויסגעהערט זייערע ויכוחים און זייערע פלוגתא'ס, פארנעמענדיג און פארטיפענדיג זיך אין יעדער סברא און געדאנק, אזוי האט ער אויך איצט געוואוינען און געמאסטען אין זיין מח די פארשיידענע מיינונגען און ריכ־טונגען אין אידישען לעבען.

ארויסשפאצירענדיג אויסער'ן שטאט, כדי צו זיין מיט דער נאטור, וואס ער האט אזוי שטארק געליעבט פון זיין קינדהייט, האט ער זיך ביים זייט פון וועג געזעצט אויף'ן שטאם פון א בוים און זיך פארטראכט. אין מח איז איהם אויפגעשוואומען דער אינטערעסאנטער ויכוח וואס ער האט געהאט איידער ער האט פארלאזט וויטעבסק, מיט זיין אייגענעם שוואגער, דעם עילוי און ראש הישיבה, ר' יוסף יצחק. עס איז געווען א זוניגער טאג אין אנפאנג ניסן. נאך דעם קאלטען ווינטער איז עס געווען פשוט א דערפרישונג צו זיצען אין דער זון און זיך ווארימען.

ברוך איז געווען אויף'ן וועג צוריק פון זיין טעגליכער ארבייט. דורכ־געהענדיג דעם שטאטישען גארטען, האט ער באמערקט אויף א באנק זיין

שוואַגער, וואַרימענדיג זיך אין דער זון. ברוך האָט זיך לעבען איהם צוגע־זעצט. אַן אינטערעסאַנטער שמועס האָט זיך צווישען זיי אַנטוויקעלט, ווען ברוך האָט געמאַכט אַ באַמערקונג וועגען דער וואַרימקייט פון דער זון און די מילדקייט פון דעם וועטער, פאַרענדיגענדיג מיט דעם וואָס עס שטעהט געשריבען, אַז "שמש צדקה ומרפא" (אַז די זון ברענגט אַ רפואה).

אויף דעם האָט דער ראש ישיבה געענטפערט, אַז עס איז אמת, אַז די זון היילט און טאַקע דערפאַר איז פאַראַן אַ סברא, אַז מען טאָר ניט הנאה האָבען פון איהר ליכט און איהר היילענדיגע ווירקונג, ווייל דאָס שמעקט מיט עבודה זרה. וואָרום צוליב אָט די אייגענשאַפטען פון דער זון האָבען דאָך די אַמאָליגע געצענדינער צו איהר געדינט ווי צו אַן אָפּגאָט.

— ווען האָט דאָך אָבער פרעגען — האָט ר׳ יוסף יצחק געפונען אַ געלע־גענהייט אַריינצוועהן אין אַ לומדישער חקירה — סטייטש, לויט דער סוגיא אין דער מסכת עבודה זרה (דפים מ״ה, מ״ו, מ״ז) איז דאָך קלאָהר, אַז דאָס וואָס מען קען ניט אַנטאָפּען מיט קיין מענשליכער האַנט און וואָס קיין מענש האָט ניט געשאַפען, מעג מען פון דעם הנאה האָבען, אפילו ווען דאָס ווערט באַ־נוצט פון געצענדינער ווי אַן עבודה זרה און די זון דאַרף דאָך געהערען צו אָט דעם מין? ווייל איך דיר אָבער זאָגען, אַז דאָרט גופא ווערט געזאָגט, אַז נאָר דאָס צו וואָס מען דינט, איז אין אַזאַ פאַל מותר בהנאה, אָבער דאָס וואָס קומט דערפון אַרויס איז אסור, און דאָס ליכט און די היילענדיגע אייגענשאַפטען פון דער זון זיינען דאָך פונקט דאָס וואָס עס ווערען פון דער זון אַרויסגעגעבען. דערפאַר וואָלט מען טאַקע געדאַרפט זאָגען, אַז דאָס איז אסור. דאָ קען מען אָבער אָנווייזען אויף דער פלוגתא אין פסחים (כ״ח און ע״ב) וועגען אַ הנאה וואָס קומט צו אַ מענשען ניט מיט זיין אייגענעם ווילען. אביי זאָגט, אַז אַזאַ הנאה איז מותר און רבא זאָגט, אַז עס איז אסור. אָבער אפילו לויט אביי׳ן וואָלט נאָר דאָס ליכט פון דער זון געדאַרפט זיין מותר, דערפאַר וואָס דאָס קומט צום מענשען בעל כרחו, אָבער די היילענדיגע קראַפט פון דער זון ווערט דאָך שוין פון מענשען באַנוצט מיט כוונה, ווייל ער דאַרף דאָך קומען זעצען זיך וואַרימען אין דער זון, און דערפאַר וואָלט עס געדאַרפט זיין גע׳אסור׳ט. נאָר דער תירוץ איז — האָט דער ראש ישיבה אַליין אויסגעפיהרט — אַז דער סאַמע גרונט געדאַנק דערביי איז, אַז עבודה זרה איז אסור בהנאה נאָר דאַמאָלס, ווען זי, די עבודה זרה, איז געשאַפען געוואָרען פריהער און די הנאה פון איהר קומט נאָכהער, אָבער אויב די הנאה איז געקומען פריהער און די עבודה זרה שפּעטער, דאַמאָלס איז קיין איסור דערביי ניטאָ. דאָס מיינט פשוט, אַז דאָרט וואו די געצענדינער האָבען זיך אַליין געמאַכט אַן עבודה זרה, דאַמאָלס איז טאַקע אסור פון דעם הנאה צו האָבען. אין פאַל פון דער זון איז זי דאָך באַשאַפען געוואָרען פון גאָט ברוך הוא אַליין אין די ששת ימי בראשית. דער אויבערשטער האָט אין איהר אַריינ־געגעבען די אַלע כחות צו ברייננגען ליכט, צו געבען כח די פלאַנצען, אַז זיי זאָלען וואַקסען און דער ערד צו געבען מענשען זייער שפּייז ווי אויך צו ברייננגען מענשען אַ רפואה צו פאַרשיידענע מחלות. די געצענדינער האָבען

צו דער זון אנגעהויבען דינען שפעטער. דערפאר קען דא ניט חל זיין דער איסור אין שייכות מיט האבען הנאה פון עבודה זרה.

אט דער שמועס, וואס האט דאמאלס אויף ברוד'ן געמאכט א רושם פאר דער שארפזיניגקייט וואס זיין שוואגער האט דערביי ארויסגעוויזען, האט אבער איצט ביי איהם אויסגעקוקט ניט וויכטיג גענוג אין פארגלייך מיט די מעשים פון אזא אידען ווי דער שמש ר' זלמן חיים, וואס האבען געהאט צו טהאן מיט דער ווירקליכקייט פון לעבען, מיט די טאג־טעגליכע באדערפענישען פון יעדען מענשען.

פאר ברוד'ן איז געשטאנען אין קאנטראסט די לומדישע וועלט ווי די וואס זיין שוואגער האט פארטראטען און די וועלט פון דעם גרויסען און ברייטען אידישען המון וואס דער מערקווירדיגער שמש פון יאנאוויטש האט פארטראטען. ברוד איז געווען דורכאויס איבערצייגט, אז ווי גרויס עס איז געווען צו באוואונדערען די וועלט אין וועלכער זיין שוואגער און די אלע אנדערע גרויסע גייסטער פון תורה האבען געלעבט, איז אבער ניט געווען גענוג צו זיין אפגעשלאסען אין די ד' אמות של הלכה. מען האט געמוזט געהן צום פאלק, אט ווי דער שמש ר' זלמן חיים, און העלפען אויפהויבען די פשוט'ע מענשען צו תורה און מעשים טובים און אריינברייגען ליכט אין זייערע ארימע לעבענס.

פאר דער קורצער צייט וואס ברוד האט זיך אויפגעהאלטען אין יאנאוויטש האט ער זיך באקאנט מיט מרדכי דעם מילנער'ס דריטען אידים, אברהם יצחק. יענער איז אין גאנצען געווען אונטער דער השפעה פון דעם פארשוואונדענעם שמש. ער האט געווידמעט זיין צייט צו לערנען מיט בעלי מלאכות, שאפענדיג פאר זיי שיעורים אין שלחן ערוך און אין משנה.

ברוד האט זיך צוגעקוקט צו די וואס האבען זיך צוגעהערט צו אברהם יצחק'ס שיעורים. זיי זיינען באשטאנען פון עלטערע מענשען און־יונגע בחורים, אפילו פון אינגלאך. אלע האבען זיי געפונען אז אינטערעס אין זיינע לימודים. אברהם יצחק האט געהאט דעם כח פון הסברה און דעם כח צו געווינען צו־הערער. וואס ברוד'ן האט פאר'חידוש'ט איז דאס וואס צווישען די צוהערער איז אויך געווען דער בחור'ל חיים, שמשון דעם מעלעקער'ס זונדעל. ברוך האט איהם געדענקט פון דריי יאהר צוריק. חיים איז געווען דער באד־יונג פון יאנאוויטש. ער פלעגט אפטאן אלע מעשים תעתועים אין שטאט. איהם, ברוד'ן, איז ער שטארק דערגאנגען די יאהרען. ברוד האט פאר א צייט זיך דערנעהרט דערפון וואס ער פלעגט צוטראגען זעק מיט מעהל פון שמשון דעם מעלעקער צו די בעקער. חיים פלעגט איהם אפטאן אלערליי שטוקעס און נגישות. איצט איז חיים געזעסען ביים טיש און זיך צוגעהערט ווי אברהם יצחק לערענט מיט'ן עולם. אברהם יצחק האט געהאט די פעהיגקייט צו געווינען מיט דעם וואס ער פלעגט דערצעהלען אגדות און זיי מסביר זיין פאר'ן עולם.

דער עולם פלעגט די אגדות דערנאך איבערדערצעהלען איינער צום צווייטען און מען איז שטענדיג געווען אונטער'ן רושם און די השפעה פון דעם מוסר השכל וואס די דאזיגע אגדות אנטהאלטען. ברוד האט איינמאל זיך צו־געהערט ווי אברהם יצחק דערצעהלט דעם עולם די מעשה פון רבי עקיבא'ן,

ווי אזוי ער איז געווען א פאסטוך און אז עם הארץ און האט פשוט פיינט געהאט תלמידי חכמים. אבער זיין הארץ האט זיך דערנאך א קעהר געטאן צו תורה און פון איהם איז ארויסגעוואקסען איינער פון די גרעסטע אידישע גייסטער.

אברהם יצחק האט די דאזיגע מעשה דערצעהלט מיט אזוי פיעל התלהבות און אזוי פיעל ליעבע, אז עס איז געווען קלאהר, אז ער האלט, אז יעדער איד, ווי פראסט ער זאל ניט זיין, קען און דארף נאכטאן רבי עקיבא'ן. אברהם יצחק האט אין א סך פרטים נאכגעטאן דעם שמש ר' זלמן חיים'ן מיט דעם וואס, אחוץ זיינע שיעורים, האט ער תמיד מקרב געווען די פראסטע אידען און פלעגט כסדר זאגען, אז די לומדישע אידען האבען א גרויסען חוב צו די פראסטע אידען.

אויך ער פלעגט ארומגעהן איבער'ן מארק און איבער די גאסען פון שטאט און ווען ער האט געזעהן ווי אימיצער באגעהט עפעס אן אומרעכט, איז ער באלד יענעם צוגעקומען מוסר'ן. אברהם יצחק האט זיך עס אזוי גענומען צום הארצען ווי ער אליין וואלט די עוולה געהאט באגאנגען.

ברוך האט אבער אויך געהאט די געלעגענהייט צו באמערקען, אז ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער פעולה, וואס ר' זלמן חיים האט אויפגעטאן אין יאנאוויטש, איבערלאזענדיג אזוינע נאכפאלגער ווי אברהם יצחק און אנדערע, איז נאך דארט אלץ געבליבען גענוג פון דעם אלטען גייסט. דאס האט געמיינט, אז דער למדן קוקט פון אויבען ארונטער אויף'ן פראסטען אידען און פרובירט איהם אפילו דערנידעריגען און טרייבען שפאס אויף זיין חשבון.

ער האט געהאט צוגעזעהן א געשעהעניש, וואס האט אויף איהם געמאכט א פיינליכען איינדרוק.

עס איז געווען א מאנטאג צו קריאת התורה. שלמה דער בעקער אדער ווי מען האט איהם אין יאנאוויטש אויך גערופען שלמה דער קנעטער און שלמה וויטעבסקער, א פראסטער אבער פרומער איד, איז געקומען שפעט צום מנין און איז געשטאנען און געדאווענט פאר זיך, בעת דער מנין האט שוין געהאלטען ביי קריאת התורה. דער שמש האט ניט געוואוסט, אז שלמה דאווענט ניט מיט'ן מנין און נאטירלאך אויך ניט, אז ער האלט דארט, וואו מען טאר ניט מפסיק זיין. ער האט איהם אויסגערופען צו דער תורה. שלמה האט מפסיק געווען אין דאווענען און האט עולה לתורה געווען. דערנאך האט ער ווייטער פארטגעזעצט זיין תפילה.

עטליכע פון די מתפללים האבען באמערקט, אז נאכדעם ווי שלמה איז ארונטער פון דער בימה, האט ער גענומען די ציצית אין האנט און אנגעהויבען זאגען קריאת שמע. דאס איז ביי זיי געווען א באוויז, אז שלמה האט מפסיק געווען אין קריאת שמע, דארט וואו ער האט ניט געטארט מפסיק זיין.

אז מען האט פארענדיגט דאווענען, האבען עטליכע לצים אנגעהויבען טרייבען שפאס אויף שלמה'ס חשבון, אפלאכענדיג פון זיין עם הארצות. מען האט שלמה'ן געמאכט אלערליי שטעכיגע פארוואורפען און זיך מיט איהם גע־רייצט, ווי ער וואלט דא געהאט באגאנגען מי יודע וואס פאר א פארברעכען,

כאטש אין דער אמת'ן איז עס אלץ געווען נאר דערפאר, וואס ער האט ניט געוואוסט, אז מען טאר ניט מפסיק זיין.

ברוך'ן האט וועה געטאן דאס הארץ צו זעהן ווי אט דער פשוט'ער אבער עהרליכער שלמה נעהמט זיך שטארק צום הארצען די "עבירה" וואס ער איז באגאנגען. די לצים האבען איהם אנגעהויבען סטראשען מיט גיהנם און מיט פארשיידענע עונשים, וויסענדיג, אז שלמה האט דערפון גרויס צער.

וואס האט ברוך'ן פארשאפט נאך מעהר צער איז געווען דאס וואס צווישען די וואס האבען זיך איזדיעקעוועט איבער דעם פשוט'ען אידען איז אויך געווען דער גביר פון יאנאוויטש ר' יעקב אייזיק. ער איז שוין געווען א זקן. ער האט געשפילט א גרויסע ראָל אין שטאט. אבער אויך דער דאזיגער ר' יעקב אייזיק האט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון ניט צו האבען קיין שפאס אויף'ן חשבון פון א פראסטען אידען, וועלכער האט גענומען ערנסט יעדען ווארט וואס מען האט איהם געזאגט און האט ממש זיך געקארטשעט פון וועהטאג. ער איז געשטאנען מיט אויגען פארלאפען מיט טרערען, ווען אלע ארום האבען איהם געהאלטען אין מאכען לצנות'דיגע פארוואורפען.

מילא, אויף די געוויינליכע לצים האט ברוך נאך ניט געהאט אזוי שטארק פאריבעל. ער האט עס אנגענומען נאר פאר א באוויז, אז אין אידישען לעבען זיינען נאך דא געגוג מענשען, וואס שטעהען אויף א נידעריגער מדרגה. אבער אויף ר' יעקב אייזיק'ן האט ער געפיהלט גאר א שטארקען פאריבעל, באזונדער ווען ער האט געוואוסט דעם אינטערעסאנטען אפשטאם זיינעם.

כח.

דער "שר" פון יאנאוויטש

א זעלטענער טיפ איד פון אמאליגע יאהרען. — דער בלבול און ווי ער איז בטל געווארען. — א בן יחיד וואס געהט ניט אין פאטער'ס דרכים.

ר' יעקב אייזיק איז געווען דער בכבוד'דיגסטער בעל הבית פון יאנאוויטש. ער איז אויך געווען דער סאמע גרעסטער בעל דעה אין שטאדט. אלע האבען פאר איהם מורא געהאט, ווייל אלע האבען געוואוסט דעם גרויסען כח און איינפלוס וואס ער האט געהאט. ר' יעקב איז געווען א געבארענער אין יאנאוויטש. זיין פאטער, ר' שמשון אליה, האט פאקטיש געשטעלט יאנאוויטש אויף די פיס. ער איז געווען א זוהן פון דעם גאון ר' יעקב פון וויטעבסק און א גרויסער מושלם און לאנד־חכם. ער האט געקענט גוט רוסיש און פויליש און איז אויך געווען א גוטער בעל חשבון. צוליב אט די קענטענישען זיינע האט איהם גראף ליפסקי, איינער פון די גרעסטע און רייכסטע גוט־באזיצער אין וויטעבסקער גובערניע, געמאכט פאר דעם אויפזעהער פון זיינע גיטער ביי יאנאוויטש.

ר' שמשון אליה האט זיך צוליב דעם באזעצט אין יאנאוויטש, און א דאנק איהם זיינען די אידען דארט געווען געזיכערט מיט פרנסה. די שטאדט האט אנגעהויבען אויפבליהען, ניט נאר אין גשמיות נאר אויך אין רוחניות. אלע מוסדות פון תורה און צדקה זיינען פארשטארקט און אויסגעברייטערט גע־

ווארען. אין א משך פון צוואנציג יאהר איז די אידישע קהילה אין יאנאוויטש שטארק אויסגעוואקסען אין כמות און אין איכות. עס זיינען צוגעקומען א סך תלמידי חכמים. בעלי הבית'ישע אידען האבען גענומען וואויל־לערנער פאר איידימס. מען האט געבראכט לומדישע אידען צו זיין מלמדים פאר די קינדער. אין די בתי מדרשים זיינען געזעסען בחורים און פרושים און זיך עוסק געווען אין תורה.

דער סאמע צענטער פון אינטערעס אין יאנאוויטש איז געווען דאס גבירישע הויז פון ר' שמשון אליה'ן, וואס איז געווען אן אמת'ער בית ועד לחכמים. ווער נאר עס האט געוואלט זיך אנזאפען מיט תורה און חכמה איז געקומען דארט אין הויז. ר' שמשון אליה'ס הויז איז אויך געווען אפען פאר אורחים, באזונדער פאר בני תורה. גאר א סך זיינען דורך איהם נתעשר געווארען. וואס איז שייך צדקה, האט ר' שמשון אליה תמיד געהאט אן אפענע האנט. ער איז תמיד געווען גרייט צו טאן אימיצען א טובה, ווער רעדט ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען באזארגען א אידען מיט פרנסה. האט מען טאקע תמיד ארויפגעקוקט צו ר' שמשון אליה'ן און מען האט איהם געהאלטען פאר דעם סאמע פיהרער פון שטאט און איהם גערופען דער שר פון יאנא־וויטש. מען האט זיך אין דער אמת'ן מיט איהם גערעכענט א סך מעהר ווי מיט גראף ליפסקי אליין.

לעבען יאנאוויטש האט זיך געפונען א קליינער פריץ, וועלכער האט זיך שטארק מתקנא געווען אין ר' שמשון אליה'ן. ער האט איהם ניט פארגונען זיין גדולה און דעם צוטרוי וואס גראף ליפסקי האט צו איהם געהאט. האט אט דער קליינער פריץ געמאכט א בלבול אויף ר' שמשון אליה'ן. ער האט איהם באשולדיגט אין באגעהן פעלשונגען. עס האט געזאלט הייסען, אז ר' שמשון אליה האט, רחמנא לצלן, באשווינדעלט גראף ליפסקי'ן און געפעלשט די חשבונות פון זיינע גיטער. ניט באנוגענדיג זיך מיט סתם באשולדיגונגען האט דער פריץ געשטעלט פאלשע עדות וואס האבען כלומרשט באשטעטיגט אלץ וואס ער האט געזאגט.

ווען מען האט זיך אין יאנאוויטש דערוואוסט וועגען דעם בלבול אויף ר' שמשון אליה'ן איז אויף דער גאנצער קהלה געפאלען א פחד. עס איז איינ־גערופען געווארען אן אסיפה און עס איז באשלאסען געווארען גוזר צו זיין א תענית בה"ב און צו זאגען סליחות און לייענען ויחל ווי אין אן אמת'ן תענית צבור. עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז די גאנצע עדה אידען אין יאנאוויטש זאל קומען נעמען א שבועה, אז ר' שמעון אליה איז אומשולדיג.

אויך אין די דערפער און אויף די גיטער, אויף וועלכע שמשון אליה האט געהאט אויפזיכט, איז געווארען א גערודער. אלע האבען זיך שטארק מצער געווען וואס ר' שמשון אליה ווערט באשולדיגט, וויסענדיג, אז דאס איז כזב ושקר. עס איז דארט באשלאסען געווארען צו שיקען שלוחים צו גראף ליפסקי'ן, וועלכער האט זיך דאמאלס געפונען אויף זיינעם א גוט ביי ווילנע, און זיך ביי איהם משתדל זיין פאר ר' שמשון אליה'ן.

אויב עס איז געווען אימיצער וואס האט זיך געהאלטען רוהיג, איז עס געווען ר' שמשון אליה אליין. ניט קוקענדיג אויף דעם צער וואס גאנץ יאנא־וויטש האט ארויסגעוויזען און דעם באזונדערען צער פון זיינע בני בית, האט

ער, ווי זיין שטייגער איז שטענדיג געווען, געהאלטען אין זאגען, אז ער פאר־לאזט זיך איינגאנצען אויפ'ן רבונו של עולם און אז ערשט איצט דארף ער בודק זיין זיינע מעשים און מתקן זיין די פעלערען וואס ער איז געווים באגאנגען, ווארום אנדערש וואלט מען אויף איהם ניט געמאכט קיין בלבול.

ר' שמשון אליה איז אין דעם פרט געווען א מערקווירדיגער מענש. ער האט געהאלטען, אז אלץ קומט פון דעם רבונו של עולם, אז אלץ איז אן ענין פון השגחה פרטית. ער האט קיינמאל זיך ניט נעגרויסט מיט זיין גדולה און דערפאר אויך זיך ניט געפיהלט געפאלען מיט זיין מעגליכער ירידה. ער האט געהאלטען אז עס איז זיין חוב אנצונעהמען אלץ וואס ווערט איהם צוגעטיילט פון דעם אויבערשטענ'ס האנט, דאס גוטע אזוי גוט ווי דאס שלעכטע.

עס איז טאקע געווען דערפאר וואס ר' שמשון אליה האט נאר אויסגע־נוצט זיין גדולה און עשירות צו העלפען אנדערע. איצט, אז ער איז געשטאנען פאר א סכנה, האט ער גאר געפיהלט, אז ער דארף זיך מעהר מתדבק זיין אין רבונו של עולם. ר' שמשון אליה האט אט דעם בליק אויף דעם גאנג פון דער וועלט געהאט נעקראגען פון זיין סאמע קינדהייט, אונטער דער השפעה פון זיין פאטער און באזונדער פון זיין עלטער פעטער, ר' יחיאל משה, וועלכער איז געווען א גרויסער בעל מידה און ירא שמים.

ר' שמשון אליה'ס פאטער איז ניט נאר געווען א גאון נאר אויך א גרוי־סער עושר. ביי זיי אין הויז האט מען זיך געפיהרט אין גרויס הרחבה. ר' שמשון אליה איז פון געבורט געווען א שוואך קינד און דערפאר האט מען אויף איהם ניט געלייגט אזוי שטארק דעם עול פון תורה. אנשטאט תורה האט מען איהם מעהר געלערענט מדות טובות.

זיין מוטער האט געשטאמט פון פראג. אויך ר' יחיאל משה, וועלכער איז געווען זיין מוטער'ס א פעטער, האט אויך געשטאמט פון פראג. ער האט זיך געהאלטען פאר א תלמיד פון דעם מהר"ל מפראג און שטענדיג געלערענט דעם מהר"ל'ס ספרים. ער האט זיך אויך שטענדיג געפיהרט לויט די דאזיגע ספרים. ר' יחיאל משה האט שמשון אליה'ן געלערענט פון זיין סאמע יוגענט ווי זיך צו פיהרען לויט אט דער לעהרע פון דעם מהר"ל. די אמונה, אז אלץ ווערט געפיהרט לויט השגחה פרטית איז דערפאר געווען איינגעפלאנצט ביי איהם פון זיין קינדהייט.

ווען ר' שמשון אליה האט געהערט אז די אסיפה אין יאנאוויטש האט באשלאסען צו גוזר זיין תענית בה"ב, האט עס איהם שטארק באנג געטאן. ער האט ניט געוואלט, אז א גאנצע קהלה אידען זאלען צוליב איהם זיך מצער זיין. האט ער עס אנגענומען ווי א באווייז, אז דער אויבערשטער האט געוואלט אז ער זאל גורם זיין, אז די אידען אין יאנאוויטש זאלען תשובה טאן. אין די טעג פון די תעניתים, ווען די אידען פון יאנאוויטש האבען זיך געהאט פארזאמעלט אין די בתי מדרשים, איז ר' שמשון אליה אויך געווען צווישען עולם. די געוויינען האבען זיך געטראגען עד לב השמים. ר' שמשון אליה האט געוויינט מעהר פאר אלעמען. זיין צער איז געווען ניט בלויז איבער זיין איי־גענעם גורל נאר מעהר פאר אלץ איבער דעם גורל פון דעם גאנצען קהל. ווען עס איז אבער געקומען צו דעם צווייטען באשלוס פון דער אסיפה, אז דער גאנצער קהל זאל שווערען, אז ער איז אומשולדיג, האט שוין ר' שמשון אליה

מעהר עס ניט געוואלט דולדען. ער איז דורכאויס באשטאנען, אז די שבועה זאל ניט גענומען ווערען. ער האט געזאגט אז ער איז גרייט זיך איבערצוגעבען אין די הענט פון רבונו של עולם.

עטליכע וואכען זיינען פאראיבער און קיין יאנאוויטש זיינען ארונטערגעקומען דריי שלוחים פון גראף ליפסקי. אין משך פון א וואך צייט האבען זיי געהאלטען אין איבערגעהן די חשבונות און אין איבערקוקען די שפייכלער מיט תבואה און אלע אנדערע פארמעגענס אויף די גיטער וואס זיינען געווען אונטער ר' שמשון אליה'ס אויפזיכט. זיי האבען זיך איבערצייגט, אז אלע איז געווען אין ארדנונג. די באשולדיגונג געגען ר' שמשון אליה איז געווען א פאלשע. ער איז עפענטליך ריינגעוואשען געווארען. נאך מעהר, גראף ליפסקי האט באשלאסען עפענטליך אויסצודריקען זיין צוטרויען צום אידישען פארוואלטער זיינעם און ער האט איהם געשיקט אלס מתנה א זילבערנע מנורה מיט זעקס רעהרען וואס איז געווען אן אייל און א פערטעל די הויך. ר' שמשון אליה האט די מנורה געבראכט קיין וויטעבסק און האט זי איבערגעגעבען צו א גאלדשמיד וועלכער האט צו איהר צוגעגעבען נאך צוויי רעהרען. ר' שמשון אליה האט דאן די מנורה מנדב געווען אין גרויסען בית המדרש פון וויטעבסק צו בענשען חנוכה ליכט.

יעקב אייזיק איז געווען ר' שמשון אליה'ס בן יחיד. פארשטעהט זיך, אז דער דאזיגער בן יחיד איז אפגעהיט געווארען ווי א ווינש-פינגעריל. מען האט פאר איהם געהאלטען די בעסטע מלמדים. ווען יעקב אייזיק איז געווארען בר מצוה, האט ר' שמשון אליה זיך מישב געווען, אויף דער עצה פון ניט קיין אנדערען ווי דער בארימטער פרוש פון וויטעבסק ר' שמחה זעליג, צו נעהמען דעם באוואוסטען תלמיד חכם ר' נפתלי זאב פאר א מלמד פאר זיין יעקב אייזיק'ן. ער האט איהם אפגעגעבען א באזונדער הויז און האט איהם באזארגט מיט אלע זיינע באדערפענישען. ר' נפתלי זאב פלעגט גערופען ווערען "דער גמרא'דיגער", ווייל ער האט שטענדיג געלערענט גמרא. ער איז אבער אויך געווען א בקי אין חקירה ספרים, באזונדער אזוינע ספרים ווי דער "מורה נבוכים" און דער "כוזרי". ר' נפתלי זאב איז אויך געווען א גרויסער ירא שמים. ער איז אבער פון נאטור געווען א קאלט-בלוטיגער און א גרויסער פשטן. ער האט פיינט געהאט אריינצוגעבען וועלכע עס איז זייטיגע פרושים און ווער רעדט פון רמזים און סודות. ניט נאר האט ער גענומען פשוטם כמשמעם אלע וואס האט א שייכות מיט דער הלכה נאר אפילו די אגדות פון דער גמרא האט ער דערקלערט אויפ'ן פשוט'סטען אופן. יענע אגדות וואס האבען זיך ניט געלאזט דערקלערען איינפאך און פשוט האט ער איננאנצען אריבערגעהיפט. ער האט געזאגט, אז דאס וואס מען קען ניט דערקלערען אויף א פשוט'ן אופן, דארף איננאנצען ניט דערקלערט ווערען.

בכלל האט ר' נפתלי זאב געהאלטען, אז דער עיקר דארף מען זיך פארלאזען אויפ'ן שכל און ניט אויפ'ן געפיהל. ער האט אפילו איז מקיים זיין מצוות נאר געזוכט דאס שכל'דיגע און ניט דאס געפיהלפולע. קאפ האט ביי איהם איננאנצען געזאלט באהערשען דעם מענשען. הארץ און געפיהל האבען געזאלט שפילען א מינדערוויכטיגע ראלע אדער איננאנצען קיין ראלע ניט שפילען אין אידישקייט.

ר' נפתלי זאב האט שטארק מדקדק געווען אפצוהיטען דעם כבוד פון תורה און פון תלמידי חכמים. דער עיקר איז ביי איהם געווען דאס לערנען. סתם פרומאקעס און אנשי מעשה האט ער אוועקגעמאכט מיט דער האנט. אויב זיי האבען נאר ניט געלערענט קיין תורה און זיינען ניט געווען קיין גרויסע לומדים האט ער אויף זיי געקוקט פון אויבען ארונטער. באזונדער האט ער זיך באצויגען קאלט און כמעט פיינטליך צום פשוט'ען אידישען פאלקסמענשען.

יעקב אייזיק, זיין תלמיד, איז געווארען שטארק צוגעבונדען צו איהם און אונטער זיין איינפלוס. ער האט טאקע פון זיין רבי'ן געהאט א סך געלערענט וואס איז שייך תורה און וויסען. יעקב אייזיק האט געלערענט ביי ר' נפתלי זאב'ן ביז ער האט געדארפט חתונה האבען.

ר' שמשון אליה האט אבער באמערקט אז זיין זוהן, אויב אפילו ער איז א בן תורה איז ער אבער קאלט צו מענשליכע ליידען און ווערט נישט גערירהט פון פיינעמס צער. אויב אפילו ער גיט צדקה טהוט ער עס אהן הארץ און אהן געפיהל. ר' שמשון אליה האט פון דעם געהאט גרויס צער. עס איז גאר ניט געווען דער דרך אין וועלכען ער איז אליין געגאנגען. ער האט וועגען דעם זיך דורכגערעדט מיט ר' נפתלי זאב'ן. ער האט געוואלט אז ער זאל איהם העלפען מתקן זיין אין זיין זוהן די דאזיגע פעהלערען. צו ר' שמשון אליה'ס איבער־ראשונג האט ר' נפתלי זאב אליין זיך באצויגען מיט גרויס קאלטקייט צום ענין פון צדקה און צו אלץ וואס האט צו טאן מיט'ן מענשליכען לעבען. דער עיקר איז ביי איהם געווען תורה. אלץ האט ביי איהם געזאלט זיין לויט א באשטימטען דרך באזירט אויף די יסודות פון דער הלכה. געפיהל און הארץ האבען ביי איהם פשוט ניט געהאט קיין פלאץ אין לעבען. דאס האט ר' שמשון אליה'ן שטארק דערשלאגען. ער האט געהאט איינגעזעהן פון וואנען זיין זוהנ'ס צוגאנג צום לעבען האט זיך גענומען. עס איז געווען דער איינפלוס פון זיין רבי'ן ר' נפתלי זאב.

כט.

בעל הבית וואס פארעהרט זיין משרת

דער עושר וואס האט צעטיילט זיין פארמעגען אויף צדקה. — פון וועמען דער "שר" פון יאנאוויטש האט געלערענט זיינע מדות טובות.

ר' שמשון אליה האט געהאט א לענגערען שמועס מיט זיין זוהנ'ס רבי'ן. ר' נפתלי זאב האט פאר איהם קלאהר געמאכט, אז ער האלט ניט פון קיין זאך, א חוץ תורה. אפילו די מדה פון רחמנות האט ביי איהם געזאלט זיין מעהר אן ענין פון קאפ איידער פון הארץ.

נעמט, למשל, אזא ענין ווי צדקה. ביי ר' נפתלי זאב'ן איז עס אלץ געווען צוגעוואוינען און צוגעמאסטען. מען איז לויט'ן דין, האט ער געזאגט, מחויב צו געבען ניט מעהר ווי א פינפטעל פון פארמעגען און ניט וועניגער ווי א דריטעל פון א שקל א יאהר. אזוי זאגט רב אסי אין בבא בתרא, און פאר ר' נפתלי זאב'ן האט עס געזאלט זיין געגוג.

אפילו דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" האט ר' נפתלי זאב פרובירט מסביר זיין אויף זיין שטייגער. זאגט דאך רבי עקיבא אין ירושלמי (נדרים

פ"ט), „זהו כלל גדול בתורה", איז די כוונה „העדר השנאה". אויך הלל דערקלערט עס דורך זיין "מאי דעלך סני לחברך לא תעביד", וואס מיינט אייגענטליך, אז דאס איז ניט קיין ענין פון ווירקליכע אהבה, נאר בלויז ניט צו האבען צו יענעם קיין שנאה. וואס איז שייך רבה בר אבוה גיט ער אויף דעם זיין פירוש (כתובות ל"ז), אז "ואהבת לרעך כמוך" מיינט "ברור לו מיתה יפה"...

וואס איז שייך דעם המון און די עמי-הארצים, האט ר' נפתלי אנגעוויזען אויף דעם וואס ניט קיין אנדערער ווי רבנו הקדוש זאגט (כתובות ח'), אז "אין פורעניות באה לעולם אלא בשביל עמי הארץ" (קיין שטראף קומט ניט אויף דער וועלט ווי נאר צוליב די עמי הארצים).

פאר ר' שמשון אליה'ן, וועלכער איז געווען אנגעזאפט מיט די מדות טובות, וואס ער האט געלערענט ביי זיין עלטער-פעטער, ר' יחיאל משה'ן, איז עס געווען שווער צו פארדייען. כאטש ער האט פארעהרט ר' נפתלי זאב'ן פאר זיין גרויסע לומדות און פאר דעם וואס ער האט אין זיין בן-יחיד, יעקב אייזיק'ן, איינגעפלאנצט די ליבע צו תורה, האט ער אבער געפיהלט, אז עפעס האט ער אין זיין זוהן קאליע געמאכט.

ר' שמשון אליה האט ערשט איצט געקענט אפשאצען די באדייטונג פון זיין עלטער-פעטער, פון וועמען ער האט געהאט גע'ירשנ'ט אזא טייערע גייסטיגע ירושה, אייגענטליך האט ער פון זיין עלטער-פעטער געוואוסט גאר ווייניג. ער אליין האט פון זיין פארגאנגענהייט גערעדט ווייניג. אלץ וואס ר' שמשון אליה האט יא געוואוסט פון איהם איז געווען וואס זיין מוטער האט דערצעהלט. ר' יחיאל משה האט געהאט א רייכען פאטער, וועלכער האט איהם משדך געווען מיט דער בת-יחידה פון אן אנדער עושר, ר' זבולון דער שותק. ר' יחיאל משה האט אין זיינע ערשטע יאהרען געהאט א גליקליך און צופרידען לעבען.

סיי זיין פאטער און סיי זיין שווער האבען געהאט זייערע אייגענע בתי-מדרשים, וואו זיי האבען אויסגעהאלטען צו צעהן בטלנים, וועלכע פלעגען זיצען און לערנען יומם ולילה. זיי אליין פלעגען אויך זיצען און לערנען.

דער פארמעגען וואס ר' יחיאל משה'ס פאטער האט איבערגעלאזט אין פראג איז געווען א גרויסער. אבער בלויז א טייל האט ער איבערגעלאזט פאר זיין זוהן און אנדערע קרובים. דאס איבעריגע האט ער איבערגעלאזט פאר צדקה.

פינף-און-דרייסיג יאהר האט ער אפגעלעבט מיט זיין פרוי, מיט וועלכער ער האט ניט געהאט קיין קינדער. ווען זי איז געשטארבען, האט ער אוועק-געגעבען א טייל פון זיין פארמעגען אויף צדקה און האט זיך אריינגעקליבען צו ר' שמשון אליה'ס עלטערען, צוערשט אין קראקע און דערנאך אין וויטעבסק.

נאך אלץ מיט א באדייטענדיגען פארמעגען, האט ער נאר געזוכט מענשען וואס האבען זיך גענויטיגט אין הילף. ער פלעגט ארויסשיקען מענשען איבער שטעט און שטעטלאך צו זוכען יתומים און יתומות, און זיי באזארגען אויף זיין חשבון. ער האט אויך א סך געגעבען פאר ישיבות, תלמידי חכמים און סתם בעלי-בתים וואס זיינען געווארען יורדים.

זיין צייט איז געווען פארטיילט צווישען פארשיידענע שיעורים און

לימודים. יעדן טאג האט ער אליין געלערנט א דף גמרא מיט גרויס כוונה. דאן האט ער געהאט באשטימט געוויסע שעה'ן אין טאג, ווען ער האט גע־לערנט מיט א געוויסען אידען, ר' ברוך דער פארבער. די איבעריגע צייט פון טאג האט ער געלערנט מדרש און געזאגט פאר'ן עולם תהלים. ער האט באזונדערס געלערנט דעם עולם די מדות פון מהר"ל מפראג. איינע פון די מסורות פון מהר"ל איז, אז מען זאל פאר'ן דאווענען יעדען טאג זאגען די שירה פון "האזינו", וואס דער מהר"ל האלט פאר א סגולה צו רייניגען די מחשבה און דאס הארץ. דער מהר"ל האלט אויך, אז סוחרים און בעלי מלאכות זאלען זאגען "האזינו" צו עטליכע מאל א טאג, ווייל דאס איז א סגולה צו הצלחה. יעדער האט דערפאר געזאלט קענען "האזינו" אויף אויסוועניג. אחוץ הצלחה האט דער מהר"ל געהאלטען, אז דאס זאגען פון "האזינו" עטליכע מאל א טאג איז א סגולה צו אריכת ימים.

אין זיין זכרון האט זיך באזונדערס איינגעקריצט דער שמועס וואס ער, אלס קינד, האט געהאט מיט זיין עלטער־פעטער וועגען פנחס'ן דעם משרת.

דער דאזיגער פנחס איז שוין געווען אין די זיבעציגער, א הויכער, א ברייט־פלייציגער מיט א ווייסער בארד. ער האט כל ימיו געטאן עבודת פרך צו פארדינען זיין ברויט. אויף די עלטערע יאהרען האט איהם ר' שמשון אליה'ס פאטער אריינגענומען צו זיך פאר א משרת.

עס איז געווען איינמאל אין א ווינטערדיגען טאג. דער טאג האט גע־האלטען אין פארגעהן. ר' שמשון אליה איז געווען ביי ר' יחיאל משה'ן אין חדר. פנחס איז אריין מיט א בינטעל האלץ אויף דער פלייצע, איינצוהייצען דעם אויווען. ווי ר' יחיאל משה, שוין אליין א זקן, האט איהם דערזעהן, האט ער זיך אויפגעהויבען און האט זיך ניט אנידערגעזעצט ביז וואנען פנחס איז ניט פארטיג געווארען מיט זיין ארבייט.

ר' שמשון אליה איז נאך ניט געווען זיכער, אויב זיין עלטער־פעטער האט זיך טאקע אויפגעשטעלט פאר אט דעם פראסטען משרת. ער האט איהם וועגען דעם געפרעגט.

— אודאי — האט ר' יחיאל משה איהם געזאגט — עס איז דאך א בפירוש'ער פסוק: מפני שיבה תקום, והדרת פני זקן.

און ניט באנונענדיג זיך מיט דעם אליין, האט ר' יחיאל משה באמערקט מיט א זיפץ:

— ווי שטארק איך בין מקנא אט דעם פשוט'ען אידען. ער איז זיך מפרנס פון דער פראצע פון זיינע הענט. און איך, פון וואס בין איך זיך מפרנס? פון דער "נהמא דכסופא", פון דעם וואס מיינע עלטערען האבען מיר איבערגעלאזט בירושה.

ר' שמשון אליה האט גוט געדענקט ווי ער האט זיך אריינגעלאזט מיט זיין עלטער־פעטער אין א ויכוח. ער האט ר' יחיאל משה'ן דערמאנט דעם מאמר חז"ל (קדושין ל"ב), אז "אין זקן אלא מי שקנה חכמה" (א זקן איז נאר דער וואס האט זיך דערווארבען חכמה). ר' יחיאל משה האט איהם אבער געענטפערט מיט אן אנדער גמרא (שבת ל"א) "ניקום מקמי דגבר דחיל חטאין

הוא". פנחס דער משרת, האט ר' יחיאל משה דערביי דערקלערט, איז א ירא שמים און האלט שטענדיג אין זאגען תהלים מיט כוונה.

פאר זיין פטירה האט ר' יחיאל משה אפגעזאגט א קליינעם טייל פון זיין פארמעגען צו קרובים און דאס איבעריגע פאר צדקה. שפעטער האט מען אריינגעקוקט אין זיינע חשבונות, וואס ער האט תמיד געהאלטען פון זיינע געלטער און מען האט אויסגעפונען ווי גרויס עס איז געווען די סומע וואס ער האט פארטיילט אין צדקה פאר פארשיידענע צוועקען. ער איז געווען דער אמת'ער נותן בסתר.

ר' שמשון אליה'ס פארטרויטער מענש איז געווען ר' משה, אדער ווי מען האט איהם גערופען אין יאנאוויטש, ר' משה נאמן. דער דאזיגער ר' משה האט אויך געשטאמט פון וויטעבסק ווי ר' שמשון אליה.ביידע האבען זיך גע־קענט פון זייער יוגענד. ר' שמשון אליה האט געפיהלט א שטארקען צובונד צו ר' משה'ן דערפאר וואס זיין דרך איז געווען עהנליך צו דעם דרך פון זיין עלטער־פעטער ר' יחיאל משה'ן.

ווען ר' שמשון אליה איז געווארען דער אויפזעהער פון גראף ליפסקי'ס גיטער, האט ער גענומען ר' משה'ן פאר זיין ארויסהעלפער. ר' משה האט גע־פיהרט ביי איהם די ביכער און איז געווארען ביי איהם די רעכטע האנט. ר' שמשון אליה האט איהם פארטרויט אלע זיינע סודות און איהם געמאכט פאר זיין פערזענליכען בעל־יועץ.

אין דער אמת'ען איז ר' משה געווארען ר' שמשון אליה'ס מדריך און מוסר־זאגער. ר' שמשון אליה האט נאר געוואלט, אז ר' משה זאל נאכקוקען זיין הנהגה און, ווען נויטיג, איהם אנווייזען אויף די פעלערען וואס ער באַ־געהט און איהם אויפפאדערען די פעלערען צו פארריכטען. געקומען דערצו איז עס דורך א געוויסער סיבה.

ר' שמשון אליה, וועלכער איז געווען געבענשט מיט עשירות, מיט גדולה און מיט כבוד איז אבער פאר א צייט געווען א מחוסר בנים. די קינדער, וואס זיין פרוי האט איהם געבארען, האבען זיך, פאר קיין אידען געדאכט, ניט געהאלטען. זיי זיינען באלד נאך זייער געבורט געשטארבען. האט זיך ר' שמשון אליה דעם ענין גענומען שטארק צום הארצען. ער האט איינמאל זיין צער אנטפלעקט פאר ר' משה'ן.

— איז עס דען מעגליך, אז "קודשא בריך הוא עביד דינא בלא דינא?" (אז דער אויבערשטער וועט באגעהן אן אומגערעכטיגקייט?) — האט ר' משה געפרעגט זיין בעל הבית — איהר מוזט, ר' שמשון אליה, זיך אפגעבען חשבון הנפש, אויסגעפינען וואס פאר פעלערען איהר זייט באגאנגען און די דאזיגע פעלערען פארריכטען.

אז אנדערער אויף ר' שמשון אליה'ס ארט וואלט זיך אפשר אנגע־ברוגז'ט. סטייטש, ווי קומט מען איהם זאגען מוסר? ער, דער גרויסער גביר, בעל צדקה און בעל מדה, זאל נאר באטראכט ווערען ווי א זינדיגער? אנ־שטאט דעם האט ער באלד געלאזט וויסען ר' משה'ן, אז ער איז גרייט צו פאלגען זיין עצה.

ער האט ר' משה'ן אריינגענומען אין זיין פארטרוי, אז ער זאל איהם העלפען אריינקוקען אין זיינע מעשים און איהם העלפען אויסגעפינען מיט

וואס אזוינס ער האט זיך פארזינדיגט. ר' שמשון אליה האט דאן געטהאן אלץ וואס ר' משה האט איהם געהייסען, און ווען זיין פרוי האט שפעטער ווידער אמאל געבארען א קינד, איז עס טאקע געבליבען לעבען. דאס איז געווען זיין איינציג קינד, יעקב אייזיק.

איצט, אז ר' שמשון אליה האט זיך ארומגעזעהן, אז ר' נפתלי זאב האט ניט די געהעריגע השפעה אויף זיין זוהן, וואס איז שייך מדות טובות, האט ער וועגען דעם געהאט א שמועס מיט ר' משה'ן.

— צי דאס איז די השפעה פון זיין רבי'ן, צי דאס איז דערפאר וואס ער איז בטבע אזוי, מיר וועלען איהם שוין ניט ענדערען. מיר מוזען איהם לאזען געהן זיין אייגענעם דרך. מעגלאך, אז די צייט אליין וועט איהם ענדערען — האט ר' משה ארויסגעזאגט זיין מיינונג.

אז יעקב אייזיק איז אונטערגעוואקסען, האט איהם דער פאטער אריינ־גענומען אין זיינע עסקים און ביסלאכווייז איהם איבערגעגעבען די געשעפטען. ר' שמשון אליה האט זיין גאנצען לעבען געווידמעט צו כלל־ארבייט.

פופציג יאהר האט ר' שמשון אליה געלעבט אין יאנאוויטש און ווען ער איז נפטר געווארען, איז זיין זוהן געבליבען אויף זיין ארט דער אויפזעהער פון דעם גראף'ס גיטער.

ר' יעקב אייזיק האט קובע זמן געווען צו לערנען ניט נאר אליין נאר אויך מיט אנדערע. ער האט געשאפען א שיעור און האט דעם שיעור אליין געזאגט פאר'ן עולם. ער האט אויך געהאט די דעה אין אלע קהל'שע ענינים אין יאנאוויטש. ער איז אבער ניט געווען, וואס זיין פאטער איז געווען. ער האט זיך ניט גע'חבר'ט מיט קיין פשוט'ע און ארימע מענשען. פארקערט, ער האט אויף זיי געקוקט פון אויבען ארונטער און אפילו ווען ער האט געגע־בען צדקה, איז עס ניט געווען מיט דעם סבר פנים יפות ווי זיי פאטער, נאר ווי איינער וואס פיהלט, אז ער האט א חוב וואס ער מוז נאכקומען.

צוואנציג יאהר נאד'ן טויט פון זיין פאטער האט צווישען די יורשים פון גראף ליפסקי אויסגעבראכען א מחלקה. ר' יעקב אייזיק האט איינגעזעהן, אז סוף כל סוף וועט ער מעהר ניט קענען פארוואלטען זייערע גיטער און ער האט באשלאסען באצייטענס זיך צוריקצוציהען. ער האט צוזאמענגערופען די יורשים און,אונטער'ן אויפזיכט פון דער ממשלה, האט ער זיי איבערגעגעבען זייער פארמעגען אין בעסטען ארדנונג.

ר' יעקב אייזיק האט זיך דאן גענומען צו מסחר. ער האט אנגעהויבען האנדלען מיט פלאקס און, ארויסגעהאלפען פון זיינע דריי זיהן, האט איהם מצליח געווען. ער איז געבליבען דער שעהנער בעל הבית פון יאנאוויטש און אויך דער הויפט בעל דעה, כאטש ער האט קיינמאל ניט געוואלט זיין דער פרנס־חודש אדער האבען אנדערע עהרען־טיטולען.

— איך האָב סאַי ווי די דעה — פלעגט ער זאָגן לאַכענדיג — זאָלען די כיבודים האָבען די וואָס האָבען מעהר צייט פאַר קהל'שע ארבייט.

אין יאַנאָוויטש האָט מען געוואוסט, אַז ר' יעקב אייזיק, כאָטש ער איז אַ גרויסער למדן, וויל ער אָבער, אַז אפילו אין תורה ענינים, זאָל עס בלייבען ווי ער זאָגט. ביי זיין שיעור האָט קיינער איהם ניט געטאַרט איבערשפּאַרען. האָט עס אימיצער געטהאָן, האָט יענער געמעגט זיין דער גרעסטער למדן, האָט איהם ר' יעקב אייזיק ניט געשוינט און איהם פּשוט מזלזל געווען.

עס איז דערפאַר נאַרניט געווען קיין וואונדער וואָס דער בכבוד'יגער ר' יעקב אייזיק זאָל זיך האָבען אָנגעכאַפּט אַן דעם וואָס שלמה דער בעקער האָט מפסיק געווען אין דאַוונען און האָט עולה לתורה געווען. פּונקט ווי פאַר די געוויינליכע לצים, וואָס האָבען זיך דאַמאָלס געפונען אין בית־המדרש, אַזוי אויך פאַר ר' יעקב אייזיק'ן, איז עס געווען אַ שעת הכושר צו טרייבען שפּאַס אויף'ן חשבון פון דעם פּראָסטען און פּשוט'ען בעקער און איהם מצער געווען.

ברוך, וועלכער האָט זיך צו דעם אַלץ צוגעקוקט, איז געווען אַ פאַר־ציטערטער.

— ווייסטו דען וואָס דו האָסט אָפּגעטהאָן? — האָט ר' יעקב אייזיק געוואָלט אָנשרעקען דעם בעקער — דו האָסט מבזה געווען די תורה מיט דעם וואָס דו האָסט מוציא ברכה לבטלה געווען און דו האָסט אויך מחלל געווען דעם שם שמים.

שלמה האָט זיך געקאָרטשעט פון וועהטאָג אונטער די בייסענדיגע שטראָף־רייד פון אַזאַ אידען ווי ר' יעקב אייזיק. טרערען האָבען זיך געשטעלט אין זיינע אויגען און ער האָט זיך אָנגעהויבען בעטען רחמים, אַז ר' יעקב אייזיק זאָל איהם זאָגען וואָס פאַר אַ תשובה ער זאָל אויף זיך נעהמען.

— דו מוזט פאַסטען בה"ב — האָט איהם ר' יעקב אייזיק געזאָגט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל.

ל.

בעקער און שוסטער

דער געפּייניגטער בעקער און זיין טרייסטער. — דער וואויל־לערנער וואָס איז געוואָרען אַ שוסטער.

דער תמימות'דיגער שלמה דער בעקער איז געווען מרוצה צו פאַסטען בה"ב, כדי אָפּצוקומען פאַר דעם זינד וואָס ער איז באַגאַנגען מיט דעם וואָס ער האָט מפסיק געווען אין דאַוונען ווען ער האָט עולה לתורה געווען.

— איך וועל דעם תענית אָנפאַנגען היינט — האָט ער געוואָלט צייגען ר' יעקב אייזיק'ן, אַז ער לעגט ניט אָפּ די תשובה.

ר' יעקב אייזיק האָט איצט געהאַט אַ נייע געלעגענהייט צו דערגעהן דעם בעקער די יאָהרען.

— עס האַריץ! — האָט ער אָנגעהויבען שרייען אויף איהם. — ווייסטו דען ניט, אַז אַ תענית יחיד מוז מען אָנפאַנגען צו מנחה דעם טאָג פריהער?

די קאלירען פון שלמה'ס פנים האבען זיך געביטען. א שוויס האט איהם ארויסגעשלאגען אויפ'ן שטערן. טרערען האבען זיך געשטעלט אין זיינע אויגען. ער איז געשטאנען ווי א פאר'משפט'ער, בעת ר' יעקב אייזיק און די לצים ארום האבען זיך געפרעגעלט פון נחת. ר' יעקב אייזיק האט זיך ווייטער נעהיצט:

— עס איז א חרפה, אז מיר זאלען האבען ביי אונז אין שטאט אזוינע עמי הארצים!

ברוך, וועלכער האט זיך צו דעם צוגעקוקט, האט געפיהלט גרויס רחמנות אויף דעם ארימען בעקער.

אז ר' יעקב אייזק און די אנדערע לצים האבען זיך געהאט גענוג אנגענעטיגט מיט שפאס אויפ'ן חשבון פון דעם בעקער, זיינען זיי זיך צעגאנגען פון בית־מדרש. ר' שלמה איז געבליבען א דערשלאגענער און א פארשעמטער. בעת ברוך האט זיך געשלאגען מיט דער דעה אויב ער זאל צוקומען צו שלמה'ן און איהם טרייסטען, איז צום בעקער צוגעקומען מרדכי דעם מילנער'ס דריטער איידים, אברהם יצחק, און האט צו איהם אנגעהויבען ריידען מיט גרויס פריינטשאפט און מיטגעפיהל.

— האט ניט קיין פארדרוס — האט ער צו איהם געזאגט — איהר זייט דא קיין זינד ניט באגאנגען. איהר האט על־פי־דין געמעגט מפסיק זיין כדי עולה לתורה צו זיין, וויל, ווי איך האב זיך צוגעהערט, האט איהר געהאלטען צווישען "ישתבח" און "יוצר", וואו מען מעג מפסיק זיין.

אברהם יצחק האט גערעדט צו איהם מיט אזוי פיעל מיטגעפיהל און חבר'שאפט, אז ביי שלמה דעם בעקער האבען זיך אנגעהויבען גיסען טרערען פון די אויגען.

— וואס וויינט איהר? — האט זיך אברהם יצחק געוואונדערט.

שלמה האט אברהם יצחק'ן דערקלערט, אז דאס דערמאנט איהם אז א פאסירונג פון זיין יוגענט און רופט ביי איהם ארויס זכרונות וואס האבען א שייכות מיט דעם גורל פון זיין לעבען. אברהם יצחק, מיט ליבע און צוגעלאזטקייט צו דעם פשוט'ן בעל־מלאכה, איז געווען שטארק פאראינטערעסירט צו הערען וועגען דעם, און שלמה האט דערצעהלט:

גראד האט ער געשטאמט פון גאר אן איידעלער משפחה. זיין פאטער איז געווען א באוואוסטער מלמד אין וויטעבסק. ער האט געהאט א שם פאר זיין לומדות און אויך פאר זיין יראת שמים. ער פלעגט יעדען פריה־מארגען געהן דאווענען מיט דעם מנין ותיקין אין דער קאלטער שוהל. אז שלמה איז געווארען צעהן יאהר אלט, האט איהם זיין פאטער אנגעהויבען נעמען מיט זיך צו יענעם מנין, כדי איהם מחנך צו זיין. איינמאל — שלמה איז שוין דאמאלס געווען א אינגעל פון א יאהר צוועלף — האט ער זיך אין מיטען דאווענען פארקוקט דורכ'ן פענסטער אין גאס אריין. ער האט זיך פארטראכט וועגען דעם וואס ער האט געזעהן אין דרויסען און דערוויל גאר פארגעסען, אז ער דאווענט מיט א מנין. ער האט דערנאך דעם גרעסטען טייל פון דאווענען געמוזט איבערהיפען, כדי צו פארענדיגען מיט'ן מנין.

עטליכע טעג זיינען פארגאנגען און שלמה'ן האט אנגעהויבען פלאגען דער געוויסען. א קליינינקייט, ער האט פשוט פארפעלט א דאווענען! ער

האט זיך געפיהלט ווי א גרויסער בעל עבירה און האט בעת מעשה באשלאסען, אז ער זאל וועגען דעם דערצעהלען זיין טאטען און ביי איהם בעטען א געהעריגע תשובה. אבער באלד האט ער חרטה געהאט. ער האט זיך באדענקט, אז אויב ער זאל עס טהאן וועט זיך זיין טאטע איבער דעם מצער זיין און שלמה האט געטראכט, אז דאס וועט זיין א גרעסערע עבירה ווי פארפעלען א שטיק דאוונען. אגב, האט ער זיך געטראכט, איז ער נאך ניט געווען בר־מצוה און פאלגליך איז ער גארניט געווען מחויב צו דאווענען ווי א דערוואקסענער. דערפאר האט ער אפגעמאכט אין דער מחשבה, אז להבא זאל ער דעם גאנצען דאווענען, פון מה טובו ביז עלינו, זאגען פון סידור און ניט אויפהויבען דעם קאפ פון סידור, כדי עס זאל מעהר ניט קענען פאסירען ווי דאמאלס, אז ער זאל זיך אויף עפעס פארקוקען.

זינט דאמאלס האט שלמה זיך זיין גאנצען לעבען געהיט פון אזוינע חטאים. דערביי האט זיך אברהם יצחק דערוואוסט, אז איינענטליך וואלט שלמה געקאנט אויסוואקסען א למדן. זיין טאטע האט מיט איהם געלערענט גאר א סך. אבער ווען שלמה איז געווען א איינגעל פון א יאהר פערצעהן, איז זיין פאטער קראנק געווארען. ער האט אנגעהויבען שפייען מיט בלוט. א יאהר צייט איז ער געלעגען קראנק ביז ער איז נפטר געווארען. דער עול פון פרנסה איז געפאלען אויף זיין מוטער און אויף איהם, דער עלטסטער פון די קינדער. איז שלמה אפגעגעבען געווארען צו א בעקער, כדי עפעס צו פארדינען און צו העלפען מפרנס זיין די בני־בית.

שפעטער איז זיין מוטער קראנק געווארען און שלמה איז געבליבען דער איינציגער ברויט־געבער אין הויז. האט שלמה אנגעהויבען טראגען דעם גאנצען עול פון הויז, שיקענדיג די ברידערלעך אין דער ישיבה און דערנאך העלפענדיג געפינען שידוכים פאר די שוועסטער.

ער אליין האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון א ישוב'ניק און האט ווייטער געארבייט שווער אלע זיינע יאהרען פאר'ן שטיקעל ברויט. גראד האט שלמה נאך ניט געהאט פארגעסען די גמרא וואס ער האט געלע־רענט אין זיין יוגענט. ער האט פון צייט־צו־צייט אויך אריינגעקוקט אין א גמרא, כאטש ער האט זיך מעהר אפגעגעבען מיט זאגען תהלים און מיט תפילה. ער האט אבער צוגעגעבען אברהם יצחק'ן, און מיט גרויס פארדרוס, אז ער האט קיינמאל ניט געהאט קיין שעת־הכושר צו לערנען שלחן ערוך און איז דערפאר ניט געווען גענוי באקאנט מיט אזוינע דינים ווי די וואס האבען צו טאן מיט מפסיק זיין אין דאווענען.

אברהם יצחק איז געווען שטארק גערירט פון דעם וואס שלמה האט איהם דערצעהלט און ער האט איהם פארזיכערט, אז זיין הנהגה איז מעהר אנגעלעגט ביים רבונו של עולם ווי די הנהגה פון אזא אידען ווי ר' יעקב אייזיק. ער האט איהם אזוי דערמונטערט, אז שלמה דער בעקער איז אוועק אהיים א פרעליכער, פיהלענדיג זיך געטרייסט דורך אברהם יצחק'ס רייד.

ברוך, פון זיין זייט, איז געווען גערירט פון דער הארציגקייט וואס אברהם יצחק האט דא ארויסגעוויזען.

ברוך האט איצט געוואלט וויסען מעהר וועגען אברהם יצחק'ן אליין. אברהם יצחק איז געווען א געבארענער פון וויטעבסק. זיין טאטע האט

נעהייסען דוד ליב און האט זיך מפרנס געווען פון שוסטעריי. פאר א צייט האט אברהם יצחק אליין געמיינט, אז זיין טאטע איז ניט מעהר ווי א פשוט'ער שוסטער.

דוד ליב אליין איז געווען א מינסקער. ער איז געווען דער זוהן פון דעם דארטיגען דיין, ר' צבי אריה, וועלכער האט גע'שם'ט פאר זיין לומדות און צדקות. פארשטעהט זיך, אז א זוהן פון אזא גדול ווי ר' צבי אריה, האט דוד ליב אויך ניט געקענט זיין אבי־ווער.

קוקענדיג אויף זיין פאטער, דעם דיין, וועלכער האט זיך א סך אפגעגעבען מיט חקירה־ספרים ווי דער "כוזרי", דער "עקרים", דער "מורה נבוכים" און אנדערע, האט דוד ליב פון זיין פריהסטער יוגענד אויך חשק געהאט צו פארנעהמען זיך מיט חקירה. זיין פאטער האט איהם אבער געגעבען צו פארשטעהן, אז ער איז נאך צו יונג פאר דעם. ער האט איהם געהייסען צוערשט זיך אפגעבען מיט ש"ס און פוסקים.

ער איז געבליבען אונטער זיין פאטער'ס אויפזיכט, ביז וואנען ער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון א רייכען אידען אין וויטעבסק, ר' חיים, ביי וועמען ער איז געזעסען אכט יאהר אויף קעסט.

זיצענדיג ביי זיין שווער אויף קעסט, האט דוד ליב ווידער באקומען חשק צו לערנען חקירה. ער איז שוין דאמאלס געווען צוויי און צוואנציג יאהר אלט. ער האט געפיהלט, אז ער איז אלט גענוג צו נעהמען זיך צו אזא לימוד.

דוד ליב האט דערוויילע געלערענט וויי'ניגער גמרא און פוסקים. דאס האט איהם אנגעהויבען ענגבערען אין מח און זיך געמאכט שארפע פארוואורפען. אפשר האט ער טאקע ניט געטהאן ריכטיג וואס ער האט זיך אפגעגעבען מיט חקירה — און עניין וואס האט אין זיין מח ארויסגערופען א סך שאלות אויף וועלכע ער האט ניט געקענט געפינען קיין קלאהרע תשובות?

איז ער פון די חקירה ספרים איבערגעגאנגען צו מוסר. דא האט ער זיך מיט אמאל דערפילט אין א נייער וועלט. די מוסר־ספרים האבען אויף איהם געמאכט א גרויסען רושם. האט ער די חקירה ספרים אין גאנצען אויפגעגעבען און אונטער דער השפעה פון די מוסר ספרים האט ער אנגעהויבען נעהמען אויף זיך סגופים, פאסטען תעניתים און זיך פיהרען אזוי, אז זייטיגע מענשען זאלען וואס ווייניגער וויסען פון זיינע מדות און מעשים. אפילו ביי זיין שווער אין הויז האט מען ניט געגעוי געוואוסט פון זיין צדקות.

טאקע צוליב דעם האבען שווער און שוויגער בּיסלאכווייז אנגעהויבען אונטערבורטשען וואס דער איידים ווייזט ניט ארויס קיין נייגונג צו נעהמען זיך צו א וועלכע עס איז פרנסה. פון אנהויב האבען זיי זיך געטרייסט מיט דעם וואס זיי האבען געהאפט, אז דוד ליב וועט ווערען א רב. אין דער אמת'ן האבען זיי זיך, באזונדער די שוויגער, מיט דעם אפט באריהמט. דאס איז באזונדער געווען דער פאל, ווען די ברידער פון דוד ליב'ס שוויגער, איינער א מעל־הענדלער און דער צווייטער א פלאקס־הענדלער, פלעגען זייער שוועסטער און שוואגער שטעכען מיט דעם, וואס זיי האבען זיך "איינגעהאנדעלט" אן איידים א "לא יוצלח".

אויב פון אנהויב האבען שווער און שוויגער דאס ניט גענומען אין אכט.

האבען זיי אבער שפעטער וועגען דעם אנגעהויבען טראכטען. די שוויגער דערהויפט האט פון ציוט צו ציוט פרובירט כאפען א שמועס מיט'ן איידים, נעבענדיג איהם אנצוהערען, אז עס איז צייט, אז ער זאל אנהויבען זוכען א כסא הרבנות.

דוד ליב האט אבער א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס און דערקלעהרט, אז ער האט גארניט בדעה צו ווערען א רב.

— וואס דען האסטו בדעה צו טהאן? — האט שוין די שוויגער גע־פרעגט בייזלאך.

— דערוויל האב איך נאך דריי יאהר קעסט! — האט ער געענטפערט.

דאס האט דער שוויגער שטארק דערצארענט. זי האט דעם איידים אנ־געהויבען ברענען די טריט. דוד ליב האט זיך געפיהלט אומבאקוועם. קיין קינדער האט ער נאך מיט זיין ווייב ניט געהאט צו יענער צייט. פיהלענדיג, אז שווער און שוויגער זיינען ניט אין גאנצען אומגערעכט פון זייער זייט, האט ער איין מאל זיי געגעבען צו פארשטעהן, אז אויב זיי האלטען, אז זיי האבען זיך מיט איהם אפגענארט, וואלט ניט געווען פון וועג, אז ער זאל זיין ווייב געבען א גט. זאל זיין ווייב עס נאר פארלאנגען.

זיין ווייב האט אבער פון דעם ניט געוואלט הערען. זי איז גראד געווען צוגעבונדען צו איהם און פון איהם שטארק געהאלטען. שווער און שוויגער האבען זיך ניט געקענט בארוהיגען און דעם איידים געהאלטען אין מוסר'ן. זיי האבען אבער גארניט געקענט אויספיהרען.

אויפ'ן זיבעטען יאהר פון זיין חתונה איז ער געווארען א פאטער פון א טאכטער און אין א יאהר ארום האט זיין פרוי איהם געבארען א זוהן — אברהם יצחק'ן.

ווען די קעסט האבען זיך געהאט געענדיגט און ער איז שוין געווען א טאטע פון צוויי קינדער, זיינען שווער און שוויגער נאך מעהר צו איהם צוגע־שטאנען, אז ער זאל זיך פארטראכטען וועגען א מקור פאר פרנסה.

דער שווער האט איהם איצט אנגעהויבען סטראשען, אז ער וועט איהם מעהר קיין פרוטה ניט געבען. דוד ליב האט זיך אבער פאר דעם גארניט דערשראקען. ער האט עפעס געהאט צוגעגרייט וואס איז געווען א גרויסע אי־בעררראשונג פאר שווער און שוויגער און פאר דער גאנצער משפחה.

דוד ליב האט זיך אויסגעלערענט שוסטעריי און האט זיך געדונגען א דירה אין עק שטאדט, וואו ער האט ארויסגעקליבען מיט ווייב און קינדער און זיך אנגעהויבען אפגעבען מיט דער מלאכה.

שווער און שוויגער זיינען געווען אויסער זיך. די שוויגער האט ממש געמאכט סקאנדאלען. אט פאר דעם האבען זיי זיך דאס געדארפט לאזען קאס־טען אזוי פיעל געלט, אויסהאלטען איהם אכט יאהר מיט קעסט, כדי ער זאל דערנאך קענען ווערען א שוסטער?

— אויב מיר וואלטען געוואלט האבען א שוסטער פאר אן איידים — האט זי גע'טענה'ט — וואלט אונז דער עסק געקאסט א סך ביליגער!

די שוויגער האט אנגעהויבען מאנען, אז דוד ליב זאל אפ'גט'ן זייער

טאכטער און דערמיט אפווישען די "שאנדע", וואס ער האט אויף זיי גע־בראכט.

זי האט צוגערעדט דער טאכטער, אז זי זאל אויך מאנען א גט פון איהר מאן. די טאכטער האט אבער פון דעם ניט געוואלט הערען. די שוויגער האט איינגעזעהן, אז זי איז מאכטלאז. איז זי געפאלען אויף אן אנדער פלאן, און איהר מאן האט צו דעם צוגעשטימט: מען זאל ארויסרופען פון מינסק ר' צבי אריה'ן, דעם דיין, דוד ליב'ס פאטער און זייער מחותן, און ער זאל ווירקען אויף'ן זוהן, אז ער זאל אוועקווארפען זיין שוסטעריי און זיך נעהמען צו רבנות.

לא.

שטאט און דארף

דער איד וואס האט פארלאזט וויטעבסק, כדי ניט צו פארשאפען שווער און שוויגער קיין עגמת נפש, דערפאר וואס ער איז געווארען א שוסטער. — דער מינסקער דיין וואס האט מסכים געווען צו דעם נייעם דרך פון זיין זוהן.

איבער וויטעבסק האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז חיים האט ארויס־גערופען פון מינסק זיין מחותן, דעם דיין ר' צבי אריה. אלע האבען דארט געוואוסט זיין חשיבות און מען האט אנגעהויבען גרייטען איהם צו געבען א געהעריגען קבלת פנים. די וויטעבסקער רבנים און לומדים האבען אפגעהאל־טען אן אסיפה און באשלאסען ארויסצושיקען שלוחים דעם גאסט צו באגע־גענען אויפ'ן וועג און איהם באגלייטען אין שטאדט אריין.

אז דוד ליב האט געקראגען די ידיעה, אז זיין פאטער איז שוין אין וועג, איז ער ארויסגעפאהרען קיין אסטראוונא דארט איהם צו באגעגענען. ער האט גוט געוואוסט צוליב וואס זיין שווער און שוויגער האבען ארויס־גערופען זיין פאטער קיין וויטעבסק. ער האט עפעס נעדארפט טאן, כדי זיין פאטער זאל אין פאראויס אויפגעקלעהרט ווערען וועגען וואס עס האנ־דעלט זיך.

פאר די אכט יאהר, וואס דוד ליב איז געזעסען אויף קעסט, האט ער זיך מיט זיין פאטער ניט געזעהן. ער האט זיך פאר דער צייט געענדערט אין אויסזעהן, האט ער זיך צוערשט צו זיין פאטער ניט געלאזט דערקענען.

דער מינסקער דיין האט אנגעקוקט דעם יונגענמאן און איז געווען שטארק פאר'חידוש'ט. עפעס האט ער איהם יא דערקענט און עפעס ניט.

א גאנצען טאג איז ר' צבי אריה פארבליבען אין אסטראוונא. אין אווענד האט ער געוואלט זיך לאזען אין וועג אריין, כדי אנצוקומען קיין וויטעבסק מיט'ן פריהמארגען. דוד ליב איז אבער צו איהם צוגעשטאנען, אז ער זאל פארבלייבען די נאכט אין אסטראוונא, ווייל ער האט נאר וואס

מיט איהם צו ריידען. דער דיין האט איהם געפאלגט, און ערשט אין אווענד האט דוד ליב זיך צו איהם געלאזט דערקענען און איהם דערצעהלט פארוואס זיין שווער און שוויגער האבען איהם ארויסגערופען קיין וויטעבסק.

א גאנצע נאכט האבען פאטער און זוהן גערעדט אין תורה. ר' צבי אריה האט שוין געוואוסט, אז זיין זוהן איז א גרויסער למדן. דוד ליב האט פון זיין פאטער גאר ניט באהאלטען. ער האט איהם אויך גענוי מסביר געווען פארוואס ער האט זיך גענומען צו שוסטעריי. ער האט באשלאסען צו לעבען ווי א נסתר און זיך מפרנס זיין פון מלאכה. גאנץ פריה זיינען פאטער און זוהן געגאנגען דאווענען און דאן זיך צוזאמען געלאזט אין וועג אריין קיין וויטעבסק. דוד ליב איז אבער געפאהרען מיט זיין פאטער נאר א קורצע שטרעקע. ער האט מיט זיין פאטער ניט געוואלט אריינפאהרען אין שטאדט אריין, כדי מען זאל ניט וויסען, אז ער האט זיך מיט איהם גע־זעהן אונטערוועגנס. ער האט אויך אנגעבעטען זיין פאטער, אז ער זאל זיך מאכען ניט וויסענדיג וועגען זיין לומדות און זיין פארבארגענעם דרך.

דער דיין איז אויפגענומען געווארען פון דער וויטעבסקער קהילה מיט גרויס כבוד. די שלוחים, וואס זיינען ארויסגעשיקט געווארען איהם צו באגעגענען, האבען איהם באגלייט אין שטאדט אריין. נאך דעם קבלת פנים, וואס קהל האט פאר איהם געהאט צוגעגרייט, איז ער געבראכט געווארען אין הויז פון זיין מחותן, וואו עס זיינען געווען פארזאמעלט די פני פון שטאדט.

נאכדעם, ווי אלע כבודים זיינען געווען פאראיבער און ר' צבי אריה האט געהאט געזאגט תורה, איז דער עולם זיך צעגאנגען און ער איז געבלי־בען אליין מיט זיין זוהן און די מחותנים. ערשט איצט האבען שווער און שוויגער אנגעהויבען אויסצוגיסען זייער הארץ פאר איהם. זייער איידעם האט פשוט געבראכט חרפות און ביושים דערמיט, וואס ער איז געווארען א שוסטער.

ווען שווער און שוויגער האבען פארענדיגט זייערע טענות איז שוין געווען נאכט. ר' צבי אריה, וועלכער האט זיי מיושב'דיג אויסגעהערט, האט ראן געענטפערט:

— ביינאכט משפט מען קיינעם ניט. לאמיר עס איבערלאזען פאר מארגען. — און ער האט זיך געזעצט לערנען.

אויף מארגען זיינען שווער און שוויגער ווידער געקומען צו איהם. זיי האבען דערוואַרט, אז ער זאל נעהמען זיין זוהן אויפ'ן צימבעל.

דער דיין האט זיי אבער קיין סך ניט געלאזט ריידען.

— פארוואס זייט איהר אזוי אויפגעבראכט איבער דעם, וואס מיין זוהן זוהן איז געווארען א בעל מלאכה? — האט ער געפרעגט. — עס איז דאך א בפירוש'ע משנה: "אוהב את המלאכה ושנא את הרבנות" (האב ליעב מלאכה און האב פיינט רבנות)?

ער האט דאן אנגעהויבען זיי מסביר זיין די באדייטונג פון מלאכה און געבראכט ראיות פון א סך מאמרי חז"ל. ער האט געבראכט דעם מדרש רבא אין בראשית, וואו עס ווערט געזאגט „חביבה מלאכה מזכות אבות" (מלאכה איז ליעבער ווי זכות אבות) און פון מדרש תנחומא, וואו עס ווערט געזאגט, אז דער זכות פון מלאכה וועט ביישטעהן דארט, וואו זכות אבות וועט ניט ביישטעהן.

שווער און שוויגער האבען קוים צו דעם געקענט מסכים זיין. דער דיין האט טאקע געקענט רעכטפערטיגען זיין זוהן. זיי האבען אבער ניט געקענט שלום מאכען מיט'ן געראנק, אז זיי זאלען האבען א שוסטער פאר אן איידעם.

ר' צבי אריה איז פארבליבען אין וויטעבסק פינף וואכען. שווער און שוויגער האבען שוין מעהר פאר איהם זיך ניט באקלאגט. זיי האבען גע־געוואוסט, אז דאס וועט ניט העלפען.

אבער בעת בייטאג האט זיך דוד ליב אפגעגעבען מיט מלאכה, איז ער בייר־נאכט געזעסען און געלערענט. די צייט, וואס זיין פאטער האט פארבראכט אין וויטעבסק, האט ער אויסגענוצט מיט איהם צו לערנען חקירה.

איינמאל איז אימיצער געקומען צו דוד ליב'ן פארריכטען זיינע שיך. דוד ליב האט דערקענט, אז ער איז ניט קיין וויטעבסקער. ער האט זיך מיט איהם צורעדט און יענער האט איהם געזאגט, אז ער קומט פון דעם דארף האטינקע, ביי קאלישק.

— איהר האט זיך געדארפט ארויסקלייבען צו אונז אין האטינקע, — האט יענער איהם צוגערעדט. — ביי אונז וועט איהר האבען פרנסה ברווח.

דער געדאנק איז דוד ליב'ן אריין אין קאפ. ער האט איבערגערעדט וועגען דעם מיט זיין פרוי.

— איך האלט, אז דאס וואלט געווען א גלייכע זאך פאר אונז, — האט ער געזאגט. — איך וועל זיך דארט פיהלען פריי. קיינער וועט ניט וויסען ווער איך בין. מען וועט מיך האלטען פאר א פשוט'ען שוסטער. פון דער צווייטער זייט וועלען דיינע עלטערען מעהר צוליב מיר ניט דארפען האבען קיין צער. איך וועל זיי מעהר ניט זיין אויף די אויגען.

זיין פרוי האט מיט איהם מסכים געווען.

אין האטינקא האט דוד ליב אויפגעשטעלט זיין ווארשטאטעל און זיך מפרנס געווען פון שוסטעריי. קיינער האט איהם דארט ניט נאכגעקוקט, און קיינעם איז ניט איינגעפאלען, אז אט דער שוסטער איז א נסתר און אז ביינאכט, ווען ער לעגט אוועק זיין ארבייט, איז ער זיך עוסק אין תורה.

אין בית המדרש איז ער געזעסען מיט אנדערע פראסטע מענשען און זיך צוגעהערט צום שיעור עין יעקב און מדרש, ווי ער וואלט קיין העכערע לימודים ניט געקענט פארנעהמען. פינף יאהר זיינען אוועק. דוד ליב איז געווען צופרי־

דען. עס איז געווען פונקט וואס ער האט געוואלט: קיינער זאל איהם ניט האלטען פאר עפעס אנדערש ווי דאס וואס ער האט אויסגעקוקט צו זיין.

דוד ליב האט אבער געהאלטען אז אויג אויף אנדערע. אויב ער אליין האט קונציג באהאלטען ווער ער איז, האט ער אבער געוואלט זיין זיכער אויב אין דארף געפינט זיך ניט אימיצער וואס איז פונקט אזא נסתר ווי ער.

באזונדער האט דוד ליב געהאלטען אן אויג אויף דורכגעהער, אויב צווישען זיי געפינען זיך ניט קיין נסתרים. דאס איז דאך געווען זייער דרך, — צו קומען אין דערפער און פארווארפענע אידישע שטעדטלעך, גראד דארט וואו אידען זיינען אפגעשטאנען און פראסט, און פרובירען אויף זייער שטייגער ווירקען אויף יענע אידען זיי צו דערהויבען צו מעשים טובים און דערוועקען אין זיי א באגעהר צו לערנען תורה, יעדער אויף זיין שטייגער און לויט זיינע השגות.

דוד ליב האט געוואלט דערקענען די דאזיגע וואנדערענדיגע נסתרים כדי זיי מקרב צו זיין און אויך כדי פון זיי צו לערנען וועגען זייערע פארבארגענע דרכים. ער האט דערפאר געמאכט זיין הויז פאר אן הכנסת אורחים און נאכגע־קוקט יעדען אורח טאמער וועט ער אויסגעפינען אז ער איז א נסתר.

אויב נאר ער האט פון אן אורח געהערט אווארט וואס איז געווען אן אנדייטונג אויף באהאלטענע חכמה און לומדות האט ער שוין יענעם ניט אפגעלאזט. ער האט איהם פארווארפען מיט קשיות ביז יענער האט זיך צו איהם געמוזט אנטפלעקען.

גאנץ אפט האט פאסירט, אז אזא נסתר האט אין בית מדרש אדער אין גאס פארפיהרט א שמועס מיט די דארפס־אידען און אויף זיין שטייגער, מיט נאר פשוט'ע רייד, פרובירט ביי זיי דערוועקען א באגעהר צו תורה און מעשים טובים. דוד ליב האט שוין געכאפט דעם מיין פון יענעם'ס רייד. כדי צו זיין זיכער, אז ער האט פאר זיך א נסתר, האט ער יענעם געשטעלט א פראגע. ער האט דערביי יענעם אויך געשענקט א פארשענדיגען קוק, פון וואס יענער האט באלד פארשטאנען, אז ער כאפט ווער ער איז.

דער נסתר האט דאמאלס פרובירט זיך מאכען תם'עוואטע, ווי ער וואלט נארניט פארשטאנען דוד ליב'ס שאלה. אבער גראד די דאזיגע תם'עוואטעדיגע מינע האט פאר דוד ליב'ן באשטעטיגט, אז ער האט צו טאן מיט א פארבאר־גענעם צדיק. ער האט יענעם שוין ניט אפגעלאזט ביז וואנען ער האט פאר איהם געמוזט מגלה זיין דעם סוד.

גאנץ אפט האט פאסירט, אז דוד ליב האט א נסתר געשטעלט א פראגע און יענער האט זיך א קראץ געטאן ביי דער פאה און געזאגט: וואס וויל דער איד פון מיר? פארוואס פרעגט ער ניט אזוינע שאלות קליגערע און מעהר געלערענטע פון מיר?

די מענשען וואס זיינען געווען דערביי פלעגען זיך פאנאנדערלאכען און זאגען:

— דער שוסטער האט אריינגעהאקט א טשוואק ניט אויפ'ן ריכטיגען ארט.

דוד ליב האט שוין אבער געוואוסט צי דער "טשוואק" איז געווען אויפ'ן ריכטיגען ארט אדער ניט. אויף דעם אופן האט ער זיך באקאנט מיט א היבש ביסעל נסתרים.

צווישען די אורחים וואס פלעגען קומען קיין האטינקא פון צייט צו צייט איז געווען א איד מיט א געלער קאפ האר און א געלער בארד, וואס צוליעב דעם האט מען איהם אין האטינקע גערופען "דער געלער כהן", ווייל ער איז אויך געווען א כהן. ער איז געווען א פרעהליכער און מונטערער און א התלהבות'דיגער. מענשען האבען איהם אויך גערופען "דער פרעהליכער לונג און לעבער". ווארום ער האט שטענדיג געהאט וויצען און גלייכווערטלעך מיט וועלכע ער האט דערפרעהט מענשליכע הערצער.

באזונדער האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין צוגעלאזטקייט צו קינדער. ער האט זיך מיט זיי ארומגעשפיעלט, זיי אויסגעטיילט ניס און עפעל, באַשטעהענדיג דערביי, אז זיי זאלען צו דעם זיך ניט צוריהרען אהן א ברכה.

ער האט טאקע אכטונג געגעבען, אז יעדער זאל מאכען א ברכה אויף די ניס און עפעל בקול רם און די אנדערע קינדערלעך ארום זאלען ענטפערען "אמן". דערביי האט ער מיט די קינדער פארפיהרט א שמועס וועגען דעם וואס זיי האבען געלערענט אין חדר און האט זיי פארהערט אויב זיי קענען דאס וואס דער מלמד לערענט מיט זיי. ער האט די קינדער אונטערגעגעבען חשק ווייטער צו לערנען, דערצעהלענדיג זיי מעשיות פון תלמידי חכמים און צדיקים כדי ביי זיי ארויסצורופען חשק, אז זיי זאלען זיך פיהרען אין זייערע דרכים.

קיינער אין האטינקא האט געוואוסט עפעס וועגען איהם. מען האט אפילו ניט געוואוסט נענוי ווי מען רופט איהם. פון וואנען ער קומט, וואס עס איז דער צוועק פון זיין וואנדערען, נאך וואס ער קומט קיין האטינקא, האט קיינער ניט געהאט קיין השגה.

האט דוד ליב פרובירט איהם נאכקוקען און נאכהיטען זיינע טריט. ער האט געמיינט, אז ער וועט עפעס אויסגעפינען וועגען איהם, אז ער וועט זעהן פון איהם אן עובדה וואס וועט איהם איבערצייגען, אז ער האט טאקע צו טאן מיט א נסתר. אבער אלע זיינע באמיהונגען האבען צו גארניט געפיהרט.

דוד ליב האט זיך מעהר צוגעהערט צו דעם "געלען'ס" רייד. אפשר וועט ער פון דעם עפעס קענען דערגעהן און זיך אויף עפעס אנשלאגען. דער "געלער" האט אפט גערעדט וועגען אהבת ישראל און געהאלטען אין דערצעהלען מעשיות און איבערגעבען אגדות וואס האבען געהאט צו טאן מיט אט דעם ענין. עס איז געווען קלאהר, אז זיין עובדה איז איינצופלאנצען אין אידען ליעבע צום פאלק ישראל און צו באווייזען, אז אין דעם ליגט א גרויסע אויפגאבע, ווייל עס איז דא א סכנה, אז אידען זאלען, רחמנא לצלן, זיך אנהויבען האסען איינעם דעם אנדערען און אונטערשעצען זייער איינענע וויכטיגקייט.

פראסטע מענשען, וואס האבען זיך צוגעהערט צום "געלען'ס" רייד האַבען געשמייכעלט. איינינע האבען עס אנגענומען פאר א שפאס. ווארום ווער איז ער דען געווען, אז ער זאל רייד׳ען וועגען אזוינע ענינים? אפשר זיינען די דאזיגע רייד פון דעם אורח אויך געווען איבער זייער השגה, כאטש ער האט גערעדט גאר איינפאך און פארשטענדליך. פאר דוד ליב'ן האט עס אבער געזאלט זיין אן אנדייטונג, אז דער "געלער" איז ניט גלאט אן אורח.

א גאר גרויסען איינדרוק פלעגט מאכען אויף דוד ליב'ן ווען דער "געלער" פלעגט אין בית מדרש צוזאמענקלייבען ארום זיך די קינדערלעך און פלעגט פאר זיי אנהויבען זינגען זמר'לעך און זיי אונטערגעבען חשק אז זיי זאלען

מיט איהם מיטזינגען. ער האט מיט זיי געזונגען אזוי לאנג ביז זיי האבען געקענט מיטזינגען און טאקע מיט גרויס כוונה און מיט גרויס חדות. ער פלעגט דאן מיט זיי זיך אוועקלאזען אין א ריקוד'ל, און עס איז געווען ליחודים.

לב.

די תפילה אין מיטען נאכט

די אנטדעקונג וועגען דעם "לוידיגייער" פון האטינקא. — ווען דער שוסטער האט ארויסגעהאקט א טשוואק ניט אויפ'ן ריכטיגען ארט. — מיט וואס א מענש איז גלייך צו די וואלקענס.

א גרויסער חידוש פאר דוד ליב'ן איז געווען וואס ער האט פון דעם געלען כהן קיינמאל ניט געהערט קיין דבר תורה, אפילו ניט קיין רמז, אז ער קאן לערנען. זאל דאס גראד האבען געווען א באוויז, אז ער איז א נסתר?

דוד ליב'ס אויפמערקזאמקייט האט אויך צוגעצויגען דאס וואס דער געלער האט זיך גע'חבר'ט מיט א פארשוין, פון וועמען מען האט ניט געקענט האבען קיין געהויבענע מיינונג. דאס איז געווען שמערעל נחום איציק'ס. שמערלען האט מען אין האטינקא געהאלטען פאר דעם גרעסטען עם הארץ און דערצו פאר א לא יוצלח און א פוילאק.

האט זיך דערפאר דוד ליב אפט געשלאגען מיט דער דעה, צי ער זאל ווייטער שענקען אויפמערקזאמקייט דעם געלען אידען אדער ער זאל זיך ארויסשלאגען פון קאפ, אז ער געהערט צו די נסתרים.

וואס איז שייך שמערעל נחום איציק'ס, האט מען איהם אין האטינקא גערופען מיט דרייערליי צונעמען: "שמערעל דער לוידיג-געהער", "שמערעל דער שטערנזעהער" און "שמערעל גענעץ". ער האט פארדינט אט די אלע צונעמען. "לוידיג-געהער" האט מען איהם גערופען, ווייל א גאנצען טאג פלעגט ער אומגעהן איבער'ן דארף און באלעמוטשען מיט ווייבער און קינדער. גראד האט ער ליעב געהאט זיי אלעמען צו דערצעהלען מעשיות.

וואס איז נוגע "שטערנזעהער", האט ער אט דעם צונאמען באקומען דערפאר וואס מען פלעגט איהם זעהן זיצענדיג ביים הויז און קוקען אויף'ן הימעל; בייגאכט אויף די שטערען און אויף דער לבנה און בייטאג אויף די וואלקענס. ער האט באזונדער ליעב געהאט די וואלקענס, וועלכע נעהמען אן אלע ווייליע נייע געשטאלטען, דא פון גיגאנטישע מענשען, דא פון פויגעל און חיות און דא פון גאנצע מחנות פאנטאסטישע באשעפענישען.

שמערעל פלעגט שטענדיג האלטען אין ריידען צו אט די געשטאלטען וואס די וואלקענס האבען מיט זיך פארגעשטעלט. שמערעל פלעגט דערביי זאגען, אז אייגענטלאך איז דער מענש געגליכען צו א וואלקען: ער ענדערט זיך ווי דער וואלקען. פיהרט ער זיך אויף גוט, ווערט ער פון א חיה פארוואנדעלט אין א מענשען. פיהרט ער אויף זיך שלעכט, איז פונקט דער היפוך: ער ווערט פארוואנדעלט פון א מענשען אין א חיה...

"שמערעל גענעץ" האט מען איהם גערופען דערפאר וואס זיין גענעצען

איז געווען א שם דבר אין האטינקא. ער האט כסדר געהאלטען אין גענעצען: געזאגט א פאר ווערטער און גענענעצט, ווי ער וואלט ניט געהאט געשלאפען קיין נעכט. דערצו זיינען זיינע גענעצען געווען אזוינע אויסגעצויגענע און כאגלייט מיט אז אימה־אניאגטנדינגען רעווען, אז פון זיין גענעצען האט מען שוין געוואוסט פון דערווייטען, אז שמערל קומט אן. בטבע איז שמערל געווען א קאלטבלומיגער. עס האט אויסגעקוקט ווי עס וואלט איהם געווען שווער ארויסצוזאגען א ווארט. האט ער אבער ווטגען אז עניו אנגעהויבען ריידען, דערהויפט, ווען דאס האט געהאט צו טהאן מיט די גוטע און שלעכטע זייטען פון מענשען, אזוי האט ער זיך דערוואריממט. ער האט אנגעהויבען ריידען פלינקער. די ווערטער האבען זיך שוין אנגעהויבען גיסען פון זיין מויל און ער האט בעת מעשה אפילו פארגעסען צו גענעצען.

באזונדער האט ער ליעב געהאט צו מוסר'ן מענשען, אז זיי זאלען ניט זיין קיין ניט־פארגינער און זאלען זיך ניט שילטען אדער סתם ריידען ניבול פה. ווען שמערל פלעגט זיך צעווארימען אין זיינע רייד, איז גראד געווען וואס צו הערען. ווייבער האבען שטארק ליעב געהאט זיך צו איהם צוצוהערען. אויך קינדער פלעגען זיך פארקלייבען ארום איהם. די קינדער האבען אבער געוואוסט, אז שמערל זאל געבען א גענעץ וואס איז ביי זיי געווארען א מין אונטערהאלט. ווען ער האט א ווילע ניט גענענעצט, פלעגען זיי אויסרופען: שמערל, גיב א גענעץ!

שמערל איז פאר דעם ניט ברוגז געווארען. ער האט עס געהאלטען פאר א גאנץ נאטירליכען פארלאנג מצד די קינדער. ער האט זיי געגלעט און געצערטעלט און געלאכט ווי ער וואלט געווען צופרידען וואס ער האט כאטש אזא זאך ווי א גענעץ וואס טהוט זיי האנה.

אין משך פון דריי יאהר צייט, וואס דוד ליב האט געוואוינט אין האטינקא און זיך דארט דערנעהרט פון זיין שוסטעריי, האט ער זיך באקאנט מיט עטליכע פון די דורכגעהענדיגע אורחים און האט פון זיי ארויסגעקראגען דעם סוד, אז זיי זיינען נסתרים.

דערפאר אבער האט ער גארניט געקענט אויסגעפינען וועגען דעם גלען כהן. אחוץ דעם גלען זיינען געווען נאך עטליכע אידען, וואס פלעגען פון צייט צו צייט קומען קיין האטינקא און דוד ליב האט וועגען זיי ניט געקענט אויסגעפינען ווער זיי זיינען.

אויפפאלענד איז איהם פאר איהם געווען דאס, וואס פונקט ווי דער גלער כהן, אזוי אויך די אנדערע וואס האבען זיך צו איהם ניט געוואלט, אדער ניט געהאט מיט וואס, זיך צו אנטפלעקען, האבען זיך אלע גע'חבר'ט מיט שמערלען. דוד ליב האט זיך געוואונדערט וואס דאס באדייט.

שמערל האט געוואוינט אין א קליין, אלט הייזל, וואס איז האלב געווען פארזונקען אין דער ערד. דער דאך, א שטרויענער, איז געווען האלב צעטראגען פון ווינט. זומער אין רעגענדיגע טעג פלעגט דאס הייזל פשוט פארפלייצט ווערען.

שמערל איז געווען א באווייבטער, און א דאנק זיין ווייב האט ער געהאט וואס צו עסען. זיין ווייב פלעגט שפינען וואל און פון דעם מפרנס

געווען זיך, איחר מאן און די צוויי קינדער וואס זיי האבען געהאט. די דאזיגע קינדער, ביידע זיהן, האט שמערעל'ס ווייב געהאט אוועקגעשיקט אין א וויטען שטעדטעל זיך דארט צו לערנען א מלאכה.

איינמאל האט אין האטינקא אויסגעבראכען א שריפה. א סך הייזער זיינען אוועק מיט'ן רויך. דוד ליב'ס הייזעל איז געווען צווישען זיי. דאס געסעל, וואו שמערעל האט געוואוינט, איז געבליבען גאנץ. דוד ליב האט זיך אפגעדונגען א דירה אין יענעם געסעל און זיך דארט אריינגעקליבען. איצט איז ער שוין געווען א נאהענטער שכן פון דעם דאזיגען פארשוין און, ווילענדיג ניט ווילענדיג, האט ער זיך צו איהם מעהר צוגעקוקט.

עס איז געווען א ביינאכט אין מיטען ווינטער. דוד ליב האט זיך יענעם אווענט פארזעסען אין בית מדרש. ניט צו צייגען אימיצען, אז ער בלייבט אין בית מדרש צוליב צדקות, האט ער געמאכט דעם אנשטעל, אז ער טהוט עס דערפאר וואס דארט איז ווארעם און עס לאזט זיך דארט כאפען א דרעמעל.

ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים, איז שוין געווען שפעט ביי־נאכט. עס איז איהם אויסגעקומען פארבייצוגעהן שמערעל'ס הייזעל. מיט אמאל האט זיך צו איהם דערטראגען א זיסער געזאנג, ווי פון איינעם וואס האט גרויס השתפכות הנפש. ער האט זיך אפגעשטעלט. דאס געזאנג איז געקומען פון שמערעל'ס הויז. ער האט שוין אפילו געקענט הערען די ווער־טער. דאס איז געווען א תפילה. שמערעל האט געדאווענט מעריב.

דוד ליב איז געווען פאר'חידוש'ט. יענעם אווענט איז שמערעל געווען צו מעריב אין בית מדרש. ער האט אבער אליין געהאט באמערקט פון דער זייט ווי שמערעל האט קוים באוועגט מיט די ליפען. דוד ליב האט געמיינט, אז שמערעל איז אזוי פראסט, אז ער קען פשוט ניט דאווענען. ווארום אין דארף האט מען איהם געהאלטען פאר א פראסטאק, וואס קען קיין עברי ניט. און מיט אמאל, א תפילה וואס האט קלאהר געצייגט, אז מען האט צו טהאן ניט נאר מיט א אידען, נאר מיט איינעם מיט א פייערדיגע נשמה. נאר א גרויסער צדיק האט געקענט דאווענען מיט אזוי פיעל התלהבות.

א גאנצע שעה איז דוד ליב פארבליבען ביים טיר פון שמערעל'ס הייזעל און שמערעל האט נאך ניט געהאט פארענדיגט די תפילה. דוד ליב וואלט דארט געבליבען לענגער. אבער די קעלט איז געווען גרויס. ער איז שיער פארגליווערט געווארען, שטעהענדיג אין דרויסען. ער האט שמערלען געמוזט איבערלאזען אין מיטען דאווענען און געהן אהיים.

פון דאמאלס אן האט דוד ליב געהאלטען אן אויג אויף שמערלען. איצט האט ער שוין געוואוסט, אז שמערעל איז ניט וואס מענשען מיינען, אז ער איז.

אבער ווי דערפיהרט מען דערצו, אז שמערעל זאל זיך צו איהם לאזען דערקענען? דוד ליב האט זיך ניט נאר צוגעקוקט וואו ער געהט, נאר אויך זיך צוגעהערט וואס ער רעדט. ער האט זיך מיט באזונדערער אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צו זיינע שמועסען מיט פרויען און קינדער. שמערעל האט זיי דערצעהלט פארשידענע מעשיות. די פרויען האט ער דערצעהלט ווענען דעם

לעבען און די דרכים פון אונזערע אמהות, שרה, רבקה, רחל און לאה. ער האט זיי אויך דערצעהלט וועגען אנדערע באריהמטע אידישע פרויען, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע מידות טובות. עס איז געווען קלאר, אז שמערעל האט געוואלט מיט זיינע מעשיות בעאיינפלוסען די ווייבער פון האטינקא, אז זיי זאלען זיין גוט און פרום, געהארכזאם צו זייערע מענער און געהעריג אויפפאסען אויף זייערע קינדער.

א טיפען איינדרוק האט געמאכט אויף דוד ליב'ן דאס וואס שמערעל האט זיך באזונדער אפגעגעבען מיט באדינען קימפעטארינס. ווען אין האטינקא איז א פרוי געלעגען געווארען, אזוי איז שמערעל באלד געווען אין הויז. ער האט אויסגעקלעפט אויף די ווענט די שיר המעלות'ן און האט דארט געטהאן די אלע ארבייטען וואס ווערען געוויינליך געטהאן פון א ווארטס-פרוי; ער האט אנגעהאקט האלץ און איינגעהייצט דעם אויווען; ער האט געבראכט וואסער אין הויז, און ווען נויטיג, האט ער אפגעקאכט א געקעכטס און סתם צונעגרייט מאכלים סיי פאר דער קימפעטארין און סיי פאר די קינדער, וואס זיינען געווען אין הויז, און האבען ניט געהאט ווער עס זאל אויף זיי אויפ־פאסען.

דוד ליב האט שוין געוואוסט וואס הינטער דעם שטעקט. עס איז געווען שמערעל'ס גרויסע צדקות. ער האט איצט נאר געוואלט, אז שמערעל זאל זיך צו איהם אנטפלעקען און זאל זיך מיט איהם אנהויבען חבר'ן. דוד ליב האט אויספרובירט פארשידענע תחבולות כדי שמערעל זאל ווערען פריינטליכער צו איהם. ער האט אפילו אנגעהויבען זאגען תורה אין זיין געגענווארט, און ווען קיינער איז דערביי ניט געווען, האט ער שמערלען איינגערוימט אין אויער, אז אייגענטליך דארף ער זיך פון איהם ניט באהאלטען, ווייל אויך ער, דוד ליב, איז ניט דאס וואס ער גיט זיך ארוים פאר מענשען.

דוד ליב האט זיך משער געווען, אז דאס וועט האבען א ווירקונג אויף שמערלען און יענער וועט זיך צו איהם לאזען דערקענען. אנשטאט דעם האט שמערעל איהם אנגעקוקט מיט א ברייט־צעעפענטען מויל, מיט אויגען פון א תם און מיט א פנים וואס האט אויסגעדריקט פארוואונדערונג. שמערעל האט געקוועטשט מיט די פלייצעס און געמאכט דעם אנשטעל ווי דאס וואלט פאר איהם געווען אין גאנצען אומפארשטענדליך. דוד ליב האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי אפצולאזען שמערלען און אויפגעבען די האפענונג אז ער וועט זיך צו איהם אנטפלעקען.

דער זומער איז אנגעקומען און, ניט קוקענדיג אויף די תעניתים און סגופים וואס דוד ליב דער שוסטער האט אויף זיך גענומען, האט שמערעל זיך נאך אלץ געהאלטען פון איהם פון דער ווייטען. נאר מיט אמאל איז אין האטינקא ווידער ארונטערגעקומען דער געלער כהן, אויף וועמען דוד ליב האט שוין פון לאנג געהאלטען אן אויג. ווידער האט דער געלער זיך גע'חבר'ט מיט שמערלען. דוד ליב האט איצט ביידען נאכגעקוקט. ער האט געזעהן ווי ביידע געהען אפט אין וואלד און פארזאמען זיך דארט שעה'ן לאנג. דוד ליב איז איינמאל זיי געקומען ביידען אנטקעגען.

— איך האב עפעס מיט אייך צו ריידען, — האט ער צו זיי געזאגט, — עס איז וועגען זעהר א וויכטיגען ענין. לאמיר ארוים אין פעלד.

שמערל און דער געלער כהן האבען איהם אנגעקוקט אין שטוינען. זיי האבען געמאכט דעם אנשטעל ווי זיי וואלטען גאר ניט געקענט פארשטעהן וואס אזוינס דוד ליב האט מיט זיי צו ריידען. אבער זיי האבען זיך ניט גע־לאזט לאנג בעטען און זיינען מיט דוד ליב'ן מיטגעגאנגען. ווען זיי זיינען געווען ווייט הינטער האטינקא האט דוד ליב זיך צו זיי געווענדעט מיט אט די ווערטער:

— איך ווייס איצט אויף זיכער, — האט ער אנגעפאנגען, — אז איהר זייט פארבארגענע צדיקים וואס דינען השם יתברך אויף אן איינגענארטיגען דרך. איך האב אויך פרובירט געהן אויף מיין אייגענעם דרך. איך גיב זיך אפ מיט תורה און עבודה באהאלטענערהייט בעת איך בין מפרנס זיך און מיין משפחה פון שוסטעריי. איך ווייס, אז איך קען פון אייך א סך לערנען. האט אויף מיר רחמנות און לאזט זיך צו מיר דערקענען.

דוד ליב האט זיך פאנאנדערגעוויינט. ער איז געווען שטארק געריהרט.

דוד ליב'ס רייד און זיין צובראכען הארץ האבען געהאט א ווירקונג אויף שמערלען און דעם געלען כהן. עס איז געווען קלאר, אז דוד ליב מיינט אלץ וואס ער זאגט מיט'ן גאנצען הארצען. זיי האבען זיך צו איהם אנטפלעקט, אבער האבען איהם שטרענג אנגעזאגט, אז ער זאל דעם סוד קיינעם ניט ארויסגעבען. אלע דריי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין דארף אריין, און אויב אימיצער האט זיי באגעגענט, האט יענעם גאר ניט געקענט איינפאלען אז עפעס איז דא געשעהן און אז דאס וואס זיי זיינען אלע דריי צוזאמען האט א וועלכען עס איז באדייט.

דערווייל איז צווישען שמערלען און דוד ליב'ן אנטשטאנען א שטארקע פריינטשאפט. א יאהר צייט האבען זיי, אין משך פון די נעכט, געלערנט צו־זאמען קבלה און אויך חקירה. שמערל איז געווארען דוד ליב'ס רבי סיי אין תורה און סיי אין די ענינים פון עבודה.

דוד ליב איז געווען גליקלאך. קודם כל האט ער געפיהלט די באפרידיגונג פון דעם וואס אזוינע צדיקים־ווי שמערל און דער געלער כהן האבען זיך צו איהם אנטפלעקט. דער עיקר איז אבער געווען וואס ער האט זיך איצט באקאנט מיט א נייעם דרך פון תורה און עבודה.

לג.

פאטע און זוהן

ווי דוד ליב דער שוסטער האט געלערענט זיין זוהן מדות טובות און ווי דער זוהן האט געמוזט שווייגען וועגען זיין פאטער דעם נסתר. — מיט'ן בעל שם'ס כת.

נאך א לענגערע צייט האט דוד ליב זיך דערוואוסט מעהר פרטים ווע־גען דעם "געלען כהן", וועלכער איז געווען אן אפטער באזוכער אין האטינקא און זיך גע'חבר'ט מיט שמערלען. אט דער "געלער כהן" איז א לאנגע צייט געווען א מלמד אין קאלישק. ער האט דארט גע'שם'ט פאר זיין לומדות און צדקות. זיין נאמען איז געווען ר' סענדער. פלוצלינג האט ער אויפ־געגעבען זיין מלמדות און האט אנגעהויבען וואנדערען איבער אידישע שטעט

און שטעטלאך מיט דעם איינציגען צוועק צו לערנען אידישע קינדער מידות טובות און זיי מעורר צו זיין צו עבודת הבורא.

דוד ליב איז געבליבען אין האטינקא ביז זיין זוהן, אברהם יצחק, איז געווארען ניין יאהר אלט. דוד ליב האט איצט דערפיהלט די נויטווענדיגקייט זיך איבערצוקלייבען אין א גרעסערער שטאט כדי דארט צו שיקען זיין זוהן אין א ישיבה. אזוי האט דוד ליב באלד נאך סכות פון יענעם יאהר זיך איבער־געקליבען קיין קאלישק, וואו א געוויסער ר' נפתלי האט אנגעפיהרט מיט א ישיבה. אין משך פון צוויי יאהר איז אברהם יצחק געגאנגען אין ר' נפתלי'ס ישיבה און גלייכצייטיג געלערנט, באזונדער, מיט זיין טאטען.

א גרויסען רושם האט אויף אברהם יצחק'ן געמאכט דאס וואס זיין טאטע האט זיך אין קאלישק באזונדער אפגעגעבען מיט אלמנות און יתומים. ער האט בכלל געמאכט פאר זיין אויפגאבע נאכצוקוקען ווי עס לעבען די ארימע מענשען פון קאלישק, דערהויפט יתומים און אלמנות. ווען ער האט געזעהן אן ארים קינד, א בארוועסען, אדער מיט צעריסענע שיך, האט ער פאר איהם גענעהט א פאר שיך און עס געשיקט מיט זיין זוהן, אברהם יצחק'ן, אנזאגענדיג איהם, אז ער זאל די שיך איבערלאזען ביינאכט, ווען קיינער האט ניט געזעהן, אין פירהויז ביים טיהר וואו דער בעל דבר האט געוואוינט.

פיעל מאל האט פאסירט, אז דוד ליב, וועלכער איז אליין געווען אן ארימאן, האט געשיקט אברהם יצחק'ן מיט א לאבען ברויט און מיט אנדערע עסענווארגען צו אלמנות, געווינערינס און סתם ארימעלייט וואס זיינען געלעגען קראנק און קיינער האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט.

אברהם יצחק האט גוט געוואוסט ווי גרויס עס איז זיין פאטער'ס צדקות, אבער ער איז געווען פארזאגט ווענען דעם קיינעם קיין ווארט ניט צו זאגען. אבער בעת קיינער אין קאלישק האט גארניט געוואוסט ווענען דער חשיבות פון דוד ליב דעם שוסטער, האבען א סך ניט פארפעהלט צו באמערקען וואס פאר א וואוילען אינגעל דוד ליב האט געהאט.

— אט זעהט, — האבען מענשען אויף איהם געטייטעלט מיט די פינגער, — ניט מעהר ווי א שוסטער'ס א קינד אבער דאך אזא וואוילער!

אברהם יצחק'ן, אז ער פלעגט הערען די דאזיגע רייד, פלעגט עס איהם שטארק פארקוועטשען ביים הארצען. ער פלעגט שטילערהייט ביטער וויינען וואס זיין פאטער, וועמעס חשיבות ער האט אזוי גוט געוואוסט, ווערט אזוי ווייניג אפגעשאצט. ניט איין מאל האט זיך איהם געוואלט אויסרופען צו די מענשען, אז זיי זאלען ניט מאכען דעם טעות מיט דעם וואס זיי נעהמען אז זיין פאטער פאר א פשוט'ען שוסטער. ער האט אבער תמיד געהאט אין זינען, וואס זיין פאטער האט איהם געהאט אנגעזאגט, אז ער זאל האלטען אלץ וואס ער האט געוואוסט ווענען איהם בסוד.

ניין יאהר האט אברהם יצחק געלערנט אין ר' נפתלי'ס ישיבה. ער האט געלערנט מיט גרויס התמדה. נאכהער האט דוד ליב איהם געשיקט קיין סמארגאן, וואו עס האט זיך דאמאלס געפונען איינע פון די גרעסטע ישיבות פון יענער צייט. אברהם יצחק האט אין דער סמארגאנער ישיבה געלערנט דריי יאהר צייט. ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון דארט, איז ער געווען

באלאדען מיט סמיכות פאר רבנות און מיט בריעף פון די ראשי הישיבה וואס האבען איהם שטארק געלויבט פאר זיין לומדות און מידות.

דערווייל איז דוד ליב, אין משך פון די יאהרען, אליין אויך געוואקסען אין לומדות און אין צדקות. ער איז איצט געווארען איינער פון די הויפט פיגורען צווישען די נסתרים, די וואנדערענדיגע פארבארגענע צדיקים. אז זיי פלעגען קומען קיין קאלישק, אויף זייערע געהיימע שליחות'ן, האבען זיי זיך תמיד אויפגעהאלטען ביי איהם אין הויז. קיינעם אין קאלישק איז אבער ניט איינגעפאלען, אז דוד ליב איז עפעס מעהר ווי א פשוט'ער שוסטער.

אברהם יצחק איז דערווייל געזעסען ביי זיין פאטער און ווייטער געלערנט. זיין פאטער האט גראד קיין פרנסה ניט געפעהלט. ער האט שטענדיג געהאט ארבייט און האט פארדיענט גענוג אויף חיונה. פון דעסטוועגען האט דוד ליב שוין אנגעהויבען צו טראכטען וועגען א תכלית פאר זיין זוהן. אין זיינע באַ־ דיהרונגען מיט די פארבארגענע צדיקים, האט דוד ליב ניט נאר געקענט דעם "געלען כהן" ר' סענדער'ן, נאר אויך דעם שמש פון דער יאנאוויטשער שוהל אויפ'ן מארק, ר' זלמן חיים'ען. אט די צוויי נסתרים, וואס האבען געהאט באקאנטשאפטען אין א רייהע שטעט און שטעטלאך, זיינען איצט געווארען די שדכנים פאר אברהם יצחק'ן. זיי האבען איהם, ווי מיר ווייסען שוין, איהם פאר'שדכנ'ט מיט דער טאכטער פון מרדכי דעם מילנער.

אברהם יצחק איז אין יאנאוויטש פאקטיש געווארען ר' זלמן חיים'ס ממלא מקום, ווען אט דער מערקווירדיגער שמש איז פון דארט פאר־ שוואונדען.

דער אמת'ער ממלא מקום פון ר' זלמן חיים'ען איז אבער געווען א געוויסער ר' יוסף משה, אן אנדער וואנדערער, וואס איז פון ערגעץ ארונ־ טערגעקומען קיין יאנאוויטש און קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען און פאר וועלכען צוועק. וואס פאר א שייכות ר' זלמן חיים האט געהאט מיט ר' יוסף משה'ן האט קיינער ניט געוואוסט. אבער דער אלטער פרוש, ר' ליב, וועלכער האט געלערנט און געשלאפען אין דעם בית המדרש וואו ר' זלמן חיים איז געווען שמש, האט שפעטער דערצעהלט, אז אזוי נאר ווי ר' יוסף משה איז אנגעקומען קיין יאנאוויטש, האט ר' זלמן חיים זיך אנגעהויבען גרייטען צו פארלאזען די שמשות און אויך יאנאוויטש, איבערלאזענדיג ר' יוסף משה'ן אויף זיין ארט.

פון דעם זעלביגען פרוש האט מען זיך אויך דערוואוסט, אז פאר א יאהר צייט האט ר' זלמן חיים זיך שטארק געחבר'ט מיט אן אנדער פרוש, ר' זונדעל וואלף. זיי האבען ביידע געלערנט אין באהעלטעניש. וואס זיי האבען געלערנט האט קיינער ניט געוואוסט. אבער ווען ר' זלמן חיים האט געהאט איבערגעגע־ בען די שמשות צו ר' יוסף משה'ן און האט געהאלטען ביים פארלאזען יאנא־ וויטש, האט דער פרוש ר' זונדעל וואלף געלאזט וויסען, אז אויך ער פארלאזט יאנאוויטש און געהט מיט ר' זלמן חיים'ען. עפעס האבען זיי ביידע גערעדט וועגען אויסוואנדערען אין א ווייטער שטאט, וואו עס געפינט זיך א גרויסער גאון וועלכער האט זיך ארומגערינגעלט מיט א סך תלמידי חכמים.

איצט, אז ברוך האט זיך געהאט דערוואוסט אברהם יצחק'ס פארגאנגענ־

הייט, איז איהם אויך געווארען א סך קלארער וועגען דעם שמש ר' זלמן חיים'ען וועמען ער האט געוואלט נאך אמאל באגעגענען, אבער האט איהם מעהר ניט געפונען אין יאנאוויטש. ברוך האט איצט אליין מעהר ניט געהאט וואס צו טהאן אין יאנאוויטש. ער האט נאך געוואלט באזוכען אנדערע שטעטלאך וואו ער האט פארבראכט אין די פריהערדיגע יאהרען, באזונדער דאבראמיסל.

דער טאג איז געווען א זוניגער, אבער דער וועג איז געווען א בלאטיגער. דער שניי איז אקארשט געווען צוגאנגען און, ווי דאס איז תמיד ערב פסח, איז אומעטום געווען בלאטיג און זומפיג. עס איז דערפאר געווען גארניט לייכט פאר ברוך'ן צו געהן צופוס אזא לאנגען וועג צווישען יאנאוויטש און דאבראמיסל. ער איז אבער געווען פארנומען מיט זיינע מחשבות און ער האט קוים געפיהלט די שווערקייט פון דעם וועג. ברוך איז אבער דאך, נאך א פאר שעה געהן, מיעד געווארען און, דערגרייכענדיג א קליינעם וועלדעל, האט ער זיך אפגעזוכט אן אומגעווארפענעם בוים ביים זייט פון וועג און האט זיך צוגע־זעצט אפצורוהען.

לאנג איז ברוך ניט געזעסען אויף'ן אומגעווארפענעם בוים. א פויער איז אנגעקומען אין זיין דארפישען וואגען. דערזעהענדיג ברוך'ן ביים זייט פון וועג, האט ער איהם געהייסען ארייננקריכען צו איהם אין וואגען.

— ניט ווייט פון דאנען — האט דער פויער איהם געזאגט — געפינט זיך דער דארף יוטינא. דארט געפינט זיך א איד, ביי וועמען דו וועסט קענען איבערשלאפען. איך פאהר קיין זאווקינא. איך וועל דיך דערפיהרען ביז די וועגען טיילען זיך פאנאנדער.

דער פויער האט איהם צוגעפיהרט צום באשטימטען פונקט און האט איהם דארט ארונטערגעלאזט. ברוך, כאטש ער האט זיך געהאט אביסעל אפ־גערוהט, זיצענדיג אין וואגען, איז נאך אבער אלץ געווען מיעד. ער איז דערפאר געגאנגען לאנגזאם אין דער ריכטונג אין וועלכער דער פויער האט איהם געהאט אנגעוויזען. ברוך איז נאך ניט געווען ווייט אפגעגאנגען, ווען א יונגערמאן איז איהם געקומען, לויפענדיג, אנטקעגען. דער דאזיגער יונגערמאן האט איהם אפגעגעבען א פריינטליכען שלום עליכם און האט איהם געהייסען זיך באלד פארנעהמען אין קרעטשמע אריין. ער האט איהם דערביי דערצעהלט, אז עס איז זיין עובדה איבערצונעהמען דורכפאהרער און דורכגעהער, ווייל ארום פינף מייל פון דארט איז דער טייך ארויס פון זיינע ברעגעס און האט ארונטערגעטראגען דעם בריק. דאס האט פאסירט ווען אויף'ן בריק האבען זיך געפונען דריי פויערים מיט זייערע וועגענער געלאדען מיט האלץ. די וועגענער מיט די פערד און זייערע אנטרייבער זיינען פארכאפט געווארען אין די שטורמדיגע וואסערען און זיינען אומגעקומען.

דער וועג און די גאנצע געגענד ארום, האט דער יונגערמאן ווייטער דער־צעהלט, זיינען איצט פארפלייצט. עס וועט דארפען נעהמען א פאר טעג איי־דער די וואסערען וועלען צוריק לויפען און מ'וועט די בריק פארריכטען. אט דערפאר, האט ער געזאגט, האט איהם זיין שווער געהייסען שטעהן אויף'ן

ווענ און אנזאגנען אלע דורכגעהער און דורכפאהרער, אז זיי זאלען זיך אפ־שטעלען ביי זיי אין דער קרעטשמע.

ברוך האט באלד איינגעזעהן, אז דער יונגער מאן איז א בן תורה. אויך האט דער יונגערמאן דערקענט אין ברוך'ן, אז ער איז א למדן, און נאך איידער זיי האבען דערגרייכט די קרעטשמע, זיינען זיי שוין געווען גוט באקאנט איי־נער מיט'ן אנדערען און גערעדט צווישען זיך תורה. דער נאמען פון דעם קרעטשמער'ס איידים איז געווען נתן שלמה. ער האט ברוך'ן דערצעהלט, אז אין דארף געפינען זיך עטליכע אידען. זיי האבען דארט א שיעור גמרא וואס ווערט געזאגט יעדען טאג. זיי האבען געהאלטען ביי דער מסכת "שבועות", ביי דער סוגיא "שבועה שלא אוכלנה ואכלה" (כ"ז: ב').

אין קרעטשמע האט ברוך געפונען א היבש ביסעל אורחים, וואס האבען זיך דארט אפגעשטעלט צוליב דער פארפלייצונג. אלע האבען איהם אפגעגע־בען א פריינטליכען שלום עליכם. דריי מעת לעת האט ברוך געמוזט בלייבען אין דער קרעטשמע ביז וואנען ער האט געקענט ווייטער געהן זיין וועג. דער קרעטשמער, ר' נחמן ישראל, איז געווען ארום פופציג יאהר אלט. מען האט אויף איהם באלד געקענט זעהן, אז ער איז א בן תורה. ער האט געהאט צוויי איידימס, וועלכע זיינען געזעסען ביי איהם אויף קעסט און געלערענט. אויך זיין עלטערער זוהן איז געזעסען אין הויז און געלערענט צוזאמען מיט די איידימס. די איינגערע זיהן האט ער געהאלטען אין ישיבות.

ר' נחמן ישראל האט די קרעטשמע געהאלטען אין ארענדע. ער האט אויך געהאלטען אין ארענדע די מיהל און דעם טייך צו פאנגען פיש. דאס רעכט צו פאנגען פיש אין טייך האט ר' נחמן ישראל איבערגעגעבען צו אנדערע אידען, זיינע באקאנטע, באוואוסטע בני תורה. אט אזוי האט זיך ארום דער קרעטשמע געשאפען א קליינער אידישער ישוב, וואס איז אויך געווען באזארגט מיט א בית המדרש.

עס איז געווען איינגעפיהרט, אז יעדען טאג זאל אימיצער אנדערש זאגען דעם שיעור. איך משך פון די דריי טעג, ווען אין דער קרעטשמע האבען זיך צוליעב דער פארפלייצונג אויפגעהאלטען א גרעסערע צאהל אורחים, האט מען די אורחים מכבד געווען מיט זאגען דעם שיעור. אזוי האט מען אויך ברוך'ן מכבד געווען מיט זאגען א בלאט גמרא. איהם איז אויסגעקו־מען צו זאגען דעם שיעור, וואו תוספות שטעלט קשיות אויף רש"י'ן אין שייכות מיט דעם וואס רבא זאגט וועגען "שבועה שלא אוכל ככר זו אם אוכל זו". די וואס האבען זיך צוגעהערט צום שיעור האבען זיך שטארק מתוכח געווען וועגען דעם ענין. צוויי פון די אורחים האבען געהאלטען מיט רש"י און פארענטפערט די קשיות פון תוספות. ברוך האט מבאר געווען דעם ענין מיט דעם וואס ער האט געבראכט א רבינו תם, וועלכער איז אין איין טייל מסכים מיט רש"י, אבער איז מיט איהם מחולק אין א צווייטען טייל.

אין משך פון די דריי מעת לעת, וואס ברוך האט פארבראכט אין דער קרעטשמע, האט ער זיך נעהנטער באקאנט מיט ר' נחמן ישראל'ס איידימס, נתן שלמה, וועמען ער האט דעם ערשטען באגעגענט, און אריה יהודה. ביידע

האבען איהם דערצעהלט וועגען זייער אפשטאם און אויך וועגען די ישיבות, וואו זיי האבען געלערענט. פון זיי האט ער זיך דערוואוסט גאר א סך וועגען זייער שווער. ברוך איז געווען שטארק פאראינטערעסירט. ער האט דערביי עפעס געלערענט. ר' נחמן ישראל האט פארבראכט זיין יוגענט אין די גרעסטע ישיבות און האט זיך קונה שם געווען מיט זיין לומדות. שפעטער איז ער געווארען דער איידים פון א בעל הבית'ישען אידען אין זלאבין און איז צוואנציג יאהר געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט. אין משך פון דער צייט האט זיך ר' נחמן ישראל באקאנט מיט דעם נסתר, ר' עזריאל יעקב, וועלכער האט אומגעוואנדערט איבער דער וועלט און קיינער האט ניט גע־וואוסט פאר וועלכען צוועק.

אין א געוויסען טאג האט זיך ר' נחמן ישראל אויפגעהויבען און איז אוועק מיט אט דעם נסתר אפריכטען גלות. ניט האט ר' נחמן ישראל געזאגט וואוהין ער געהט און ניט ער האט שפעטער, ווען ער איז צוריק געקומען, געזאגט וואו ער איז געווען. ווען ער איז צוריקגעקומען און זיינע קעסט האבען זיך געהאט פארענדיגט, האט זיין שווער איהם געוואלט ווייטער אויסהאלטען. אבער ר' נחמן ישראל האט ניט געוואלט. אנשטאט דעם האט ער אליין אנגעהויבען זוכען פרנסה. אזוי האט ער באשלאסען צו נעהמען ביי א פריץ די קרעטשמע און מיהל אין ארענדע, ער האט דערביי אויך צוגע־רעדט אנדערע יונגעלייט, אז זיי זאלען זיך מיט איהם באזעצען אויף'ן פריצישען גוט און עס האט זיי אלעמען מצליח געווען.

פון דעם קרעטשמער'ס איידימס האט ברוך זיך אויך דערוואוסט פון איינעם, וועמעס נאמען האט מעגליך צו איהם זיך געהאט דערטראגען צום ערשטען מאל. דאס איז געווען דער נאמען פון דעם בעל שם הקדוש. די איידימס האבען איהם געהאט דערצעהלט, אז ווען זייער שווער איז אוועק מיט דעם נסתר, ר' עזריאל יעקב'ן, זיינען זיי געגאנגען ניט צו קיין אנדערען ווי צו דעם בעל שם אין פאדאליען. ר' עזריאל יעקב איז געווען דעם בעל שם'ס א תלמיד, וועלכער האט אין זיינע וואנדערונגען געהאלטען אין פאר־שפרייטען דעם בעל שם'ס תורה וועגען חסידות. ר' נחמן ישראל האט שפע־טער דערצעהלט זיינע איידימס, אז דער בעל שם האט עס איהם אנגעזאגט, אז ער זאל אוועק פון זיין שווער און זיך איבערקלייבען אויף א ישוב. ווען עס האט איהם שפעטער מצליח געווען און ער האט גורם געווען, אז עס זאל געשאפען ווערען א נייער אידישער ישוב, האט ער עס צוגעשריבען צו דעם בעל שם'ס גרויסע כוחות.

די איידימס האבען שטארק געוואלט, אז ברוך זאל ביי זיי בלייבען לענ־גער. קענטיג, אז זיי האבען נאך געוואלט מיט איהם א סך ריידען. צי ברוך האט דאמאלסט ניט פארנומען די וויכטיגקייט פון זייערע רייד, צי ער האט זיך סתם געאיילט אין וועג אריין, ער האט די קרעטשמע פארלאזען, כדי צו גריי־כען אין צייט דאבראמיסל.

לד.

די ערשטע חסידים

דער אָרימאַן וואָס איז אויפגעריכט געוואָרען דורך זיין גערעטענעם זוהן. — דעם שמיד'ס דריטער אוידים וואָס האָט נאָכגעפאָלגט די פוס-טריט פון זיין שווער. — מתנגד'ישע ערענסטקייט און חסיד'ישע פרעהליכקייט.

אז ברוך איז שוין געווען אויפ'ן וועג, האָט ער ערשט אָנגעהויבען נאָכטראַכטען וועגען דעם וואָס ער האָט געהערט און געזעהן אין ר' נחמן ישראל'ס קרעטשמע, באַזונדער וועגען דער נייער הנהגה וואָס ער האָט געזעהן פון דעם קרעטשמער און זיינע איידעמס און אויך וועגען דעם אופן ווי זיי האָבען געדאווענט. בעת מעשה האָט ברוך ניט געשענקט צו דעם קיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט עס אליין דערנאָך צוגעשריבען צו דער קאַלטקייט פון זיין נאַטור. עס איז קיין ספק, אַז אויב ברוך וואָלט זיך מעהר אינטערעסירט מיט דעם וואָס ער האָט געהערט און געזעהן אין דער קרעטשמע, וואָלט ער געהאַט אויסגעפונען, אַז ער האָט זיך דאָ אָנגעשטויסען אַן נאָכפאָלגער פון בעל שם. — די ערשטע חסידים אין יענע מקומות.

עס איז אָבער פאַר ברוך'ן געווען גענוג, וואָס ער האָט געהאַט געהערט וועגען דעם בעל שם, מיט וועמעס ברכה דער קרעטשמער ר' נחמן ישראל האָט זיך באַזעצט מיט די אַנדערע אידען אין יענעם דאָרף. שפּעטער, זייענדיג אין דאַבראַמיסל איז ברוך'ן ווידער אויסגעקומען צו הערען וועגען דעם בעל שם, אָבער שוין מעהר אויספיהרליך.

באַלד ווי ברוך איז אָנגעקומען קיין דאַבראַמיסל, האָט ער זיך פאַרנומען צו דער קוזניע פון זיין אַלטען פריינד ר' אליעזר ראובן, ביי וועמען ער האָט אין די פריהערדיגע יאָהרען תמיד געהאַלטען פסח.

דער שמיד איז געווען מלא שמחה, ווי ער וואָלט דערזעהן אַ נאָהענטען קרוב. ער האָט אוועקגעלייגט דעם האַמער, אויסגעטהאָן דאָס פאַרטוך און זיך געוואַשען די הענד איידער ער האָט אָפּגעגעבען ברוך'ן שלום עליכם. ער האָט ברוך'ן אַרויסגענומען אין דרויסען און זיי האָבען זיך ביידע געזעצט אויף אַ באַנק ביי דער קוזניע. ר' אליעזר ראובן האָט געהאַט ברוך'ן אַ סך צו דערצעהלען וועגען די פּאַסירונגען אין משך פון יאָהר.

אָט האָט ער מיט אַמאָל געהערט וועגען דעם ווי אַזוי ר' אברהם בנימין, איינער פון די גרעסטע קבצנים אין דאַבראַמיסל, איז מיט אַמאָל אויפגעריכט געוואָרען. דאָס איז געווען דערזעלביגער ר' אברהם בנימין, וועלכער האָט זיך מפרנס געווען פון סאָרטירען וואָל און האָט געדאַרפט מפרנס זיין טאַטע-מאַמע, זיין ווייב'ס טאַטע-מאַמע און זיין אייגענע הויזגעזינד. קיינער אין דאַבראַמיסל האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, אַז ר' אברהם בנימין וועט נתעשר ווערען.

עפּעס גאָר אונגעריכט האָט פּאַסירט, זיין עלטסטער זוהן שלמה'קע, וועמען ער האָט מיט זיינע לעצטע פּרוטות, געשיקט אין אַ ישיבה, האָט דאָרט געטהאָן אַ גרויסע פּעולה אין לערנען. שלמה'קע איז פון דער ישיבה צוריק-

נעקומען מיט כתבים פון די ראשי הישיבה וועלכע האבען איהם שטארק געלויבט. שלמה'קע איז אבער, א חוץ די כתבים, צוריקגעקומען מיט עפעס אנדערש. א בחור'ל, א מושלם, האט ער זיך אין דער גרויסער שטאט, וואו די ישיבה האט זיך געפונען, צוגעקוקט צו דעם ווי אזוי מען פארטירט און מען בארשט וואל, ניט מיט די הענט, ווי זיין טאטע, נאר מיט א מאשין. שלמה'קע האט זיך פאראינטערעסירט אין אט דער מאשין מיט וועלכער מען האט געקענט אויסארבייטען גארניט דער ערד א סך מעהר וואל ווי מיט די בלויזע הענט.

שלמה'קע האט א סך נאכגעטראכט ווי אזוי צו פארזארגען זיין טאטען מיט אזא מאשין. ער וואלט דאן אויפגעריכט געווארען און וואלט געהאט פרנסה בשפע. אבער ער האט ניט געקענט חלומ'ען פון דעם, אז זיין פאטער זאל זיין ביכולת צו קויפען אזא מאשין. דערפאר, אבער, האט שלמה'קע געקענט צוריקברייינגען צו זיין טאטען דעם גאנצען פלאן פון אט דער מאשין און מיט זיינע אייגענע הענט אנהויבען אויפשטעלען אזא מאשין.

מיט דער הילף פון בערלען, דעם סטאליאר און אברהם דעם בלעכער, האט שלמה'קע געארבייט דריי וואכען צייט ביז די מאשין איז פארטיג גע־ווארען. ווען זיין פאטער האט אנגעהויבען ארבייטען מיט דער מאשין, האט ער געקענט אויספארטירען און אויסארבייטען וואל אין איין טאג וואס וואלט איהם מיט די בלויזע הענט פריהער געדארפט נעהמען לכל הפחות א חודש צייט. פון אלע דערפער ארום האט מען איצט אנגעהויבען ברייינגען וואל צו בעארבייטען און אין משך פון עטליכע חדשים צייט איז ר' אברהם בנימין געווארען אן עושר.

דאס ערשטע, וואס ער האט געטהאן, אזוי גיך ווי עס האט איהם אנ־געהויבען צו געהן גוט, איז געווען חתונה צו מאכען זיינע צוויי פלימעניצעס יתומות, די טעכטער פון זיין פרוי'ס שוועסטער. ער האט זיי חתונה געמאכט מיט די זיהן פון חשוב'ע בעלי בתים, בני תורה. ער האט אויך מנדב געווען א נייעם דאך פאר דער שוהל. שלמה'קען אליין האט ער פאר'קנס'ט מיט אן איניקעל, א יתומה, פון דעם דאבראמיסלער רב.

איבערגעהענדיג צו זיך אליין, האט דער שמיד דערצעהלט ברוד'ן וועגען דעם דריטען איידעם וואס ער האט גענומען פאר זיין מוזינקע.

— מיט אט דעם איידעם, — האט דער שמיד זיך געוויצעלט, — האב איך זיך פארזיכערט מיט א שטיק שור הבור. ווארים מיט לויתן האב איך זיך שוין פארזארגט דורך מיינע פריהערדיגע איידעמס.

יצחק שאול איז געווען דער נאמען פון דעם דאזיגען איידעם. ער איז געווען א געזונטער אין גוף און איי דער נשמה. ער איז געווען א גרויסער למדן און דערצו א לעבעדיגער און א פרעהליכער. דער שמיד האט זיך איבער־גענומען ניט נאר מיט זיין נייעם איידעמ'ס לומדות, אויף וואס ער איז געווען, ווי ער אליין האט געזאגט, א קנאפער מבין, נאר אויך, און הויפטזעכליך, מיט זיין גוט־הארציגקייט, מיט זיינע גוטע מידות און מיט זיין ליעבע צו מענשען.

ר' אליעזר ראובן האט אויך דערצעהלט ברוד'ן ווענען דעם וואס זיין אײדעם האט שוין ארויסגעקראגען סמיכה אויף רבנות, אבער האט געלאזט וויסען, אז ער וויל ניט זיין קיין רב.

— אנשטאט דעם, — האט דער שמיד ווייטער דערצעהלט, — וויל ער גאר זיין א בעל מלאכה און דוקא א שמיד ווי איך. ער האט זיך אפילו ענט־זאגט צו נעהמען דעם נדן וואס איך האב איהם געהאט צוגעזאגט. ער וויל ניט מעהר ווי א דירה. די מלאכה פון א שמיד האט ער זיך שוין ביי מיר אויס־געלערנט. איצט האט ער זיך אפגעזוכט א דארף ארום צעהן ווערסט פון דאנען און ארום צוויי ווערסט פון באבינאוויטש, וואו ער וויל זיך אריבער־קלייבען מיט'ן ווייב און זיך דארטען עפענען א קוזניע.

ווענען די אנדערע צוויי איידעמס זיינע, האט זיך ברוד דערוואוסט, אז ר' זלמן מאיר איז א ראש ישיבה אין ביעשענקאוויטש, און ר' משה ליב איז א ראש ישיבה אין וויטעפסק. ביידע איידעמס האט דער שמיד דערווארט אויף פסח.

בעת דער שמיד האט נאך געהאלטען אין דערצעהלען ברוד'ן ווענען זיינע פאמיליען ענינים, האט זיך פלוצים פון דער קוזניע דערהערט א גע־שריי. ביידע זיינען דארט אריינגעלאפען און האבען פאר זיך געזעהן ווי א פויער, וואס איז געשטאנען ביי דער קאוואדלע און האט ניט געהאט באמערקט ווי א פונק האט א שפריץ געטהאן און זיך איינגעטליעט אין זיינע קליידער, איז איינגעוויקעלט געווארען אין רויך וואס האט געשפארט פון זיין אויבער־שטען מלבוש. דער פויער איז געווען שטארק דערשראקען. דער שמיד צוזאמען מיט ברוד'ן האבען צוערשט געדארפט אויפ'ן פויער דערשטיקען דאס פייער און ערשט דאן איהם אנהויבען בארוהיגען און טרייסטען.

בעת זיי זיינען געווען פארנומען מיט'ן פויער, איז אין דער קוזניע אריינ־געקומען א שעהנער, הויכער יונגערמאן. דאס איז געווען דעם שמיד'ס דריטער איידים. יצחק שאול האט זיך דערוווייל דערוואוסט וואס עס איז געשעהן מיט'ן פויער און ער האט פרעהליך א זאג געטהאן, אז אייגענטליך איז דאך א בפירוש'ע משנה, אז "גץ שיצא תחת הפטיש והזיק חייב" (א פונק וואס איז ארויס פון אונטער'ן האמער און האט אנגעטהאן שאדען איז מען שולדיג). ער האט דערביי אויך געבראכט דאס וואס דער רמב"ם זאגט ווענען אט דעם עניין, און ברוד האט זיך פון דעם באלד איבערצייגט, אז ער האט פאר זיך א לומדישען יונגען מאן.

דורך זיין באקאנטשאפט מיט יצחק שאול'ן, דעם שמיד'ס דריטען איידים, איז ברוד צום ערשטען מאל געקומען אין דירעקטער פארבינדונג מיט א חסיד, א נאכפאלגער פון דעם בעל שם טוב, וועמעס תורה האט זיך אנגע־הויבען צו פארשפרייטען אין די ווייטעסטע געגענדען פון דער אידישער וועלט. ברוד האט אין יצחק שאול'ן געהאט אויך איינעם וואס האט איהם געקענט א סך דערצעהלען ווענען חסידות און ווענען דעם בעל שם טוב גופא און אויך איבערזאגען תורה און ווערטלאך פון דעם גרויסען חסידישען מנהיג.

יצחק שאול האט געשטאמט פונ'ם שטעטעל הארקי. זיין טאטע ר' ניסן, איז דארט געווען א מלמד. ער האט געהאט די אויסצייכנונג וואס ביי איהם

האָבען געלערענט דערוואקסענע בחורים מיט גרויסע כשרונות. ר' ניסן אליין איז געווען א תלמיד פון דעם מגיד פון הארסי. ר' עזריאל יוסף איז געווען איינער פון דעם בעל שם'ס תלמידים. ער האָט אין הארקי געשאפען א חברה פון געקליבענע יונגעליט, וועמען ער האָט געלערענט די נייע תורה פון חסידות און זיי מדריך געווען אין דעם בעל שם'ס גייסט. ר' ניסן איז געוואָרען איינער פון די פיהרער פון דער דאָזיגער חברה און ווען ר' עזריאל יוסף פלעגט אוועקוואנדערען, האָט ער, ר' ניסן, פארנומען זיין פּלאַץ אלס רבי און מנהיג פון דער חברה.

אויך ער, יצחק שאול, איז דערצויגען געוואָרען, און טאקע דורך זיין אייגענעם פאטער, אין דעם דרך פון חסידות. ער האָט דערפאר ברוך'ן גע־קענט גאָר א סך דערצעהלען וועגען חסידות און וועגען דעם באגרינדער פון חסידות.

שפּעטער, ווען ברוך האָט געהאַט פאר זיך דעם שמיד'ס דריי איידימס צוזאמען, האָט ער געהאַט א גוטע געלעגענהייט צו זעהן דעם אונטערשייד פון די ערשטע צוויי איידימס, וועלכע ער האָט שוין געקענט פון פריהער און האָבען מיט זיך פארגעשטעלט די געוויינליכע לומדישע יונגעליט, און דעם דריטען איידים, וועלכער איז געגאנגען אויף דעם נייעם דרך פון חסידות.

אלע דריי האָבען גערעדט תורה. יעדער איינער האָט געהאַט צו זאָגען חידושים. דער עלטערער איידים, ר' זלמן מאיר, האָט איז דער ישיבה געלע־רענט מיט זיינע תלמידים די מסכת "קדושין" און ר' משה ליב האָט גע־לערענט מיט זיינע תלמידים די מסכת "בבא קמא". זיי האָבען איבערגעזאָגט די חידושים אויף אָט די צוויי מסכתות. ביידע זיינען געווען ערנסט און מיט פארזאָרגטע פּנים'ער. מען האָט פון זיי קיינמאָל ניט געזעהן קיין שמייכעל.

יצחק שאול איז געווען אין גאנצען דער היפּוך פון זיי. ער איז געווען פרעהלאך און מונטער און האָט שטענדיג געצייגט גרויס חדוה. ער האָט שטענדיג, אין סאמע מיטען פון אן ערנסטען שמועס, געזאָגט א גלייכווערטעל. ברוך האָט פאר זיך געהאַט דעם סאמע חלוק צווישען דעם מתנגד'ישען דרך און דעם חסיד'ישען. ער האָט דאָס געקענט זעהן ניט נאָר אין די רייד פון די דריי איידעמס און אין דעם געמיט זייערען, נאָר אויך איז דעם ווי זיי האָבען זיך באצויגען צו די סאמע וויכטיגסטע ענינים. פאר ר' זלמן מאיר'ן און ר' משה ליב'ן איז תמיד געווען די פראגע, ווי אזוי איז עס על פּי דין. ביי יצחק שאול'ן איז אָבער תמיד געווען די פראגע, ווי אזוי עס איז על פּי יושר און על פּי דרך החסידות. ברוך האָט דערפאר געפיהלט, אז אָט טאקע ביים שמיד אין הויז קען ער גאָר א סך לערנען, אפשר דערגעהן דעם סאמע וויכטיגסטען סוד, וואָס זיין יונגע און נייגיעריגע נשמה האָט נאָך דאמאָלס געוואָלט אנטפּלעקען.

ברוך האָט שוין גוט געוואוסט, אז דאָס שווערסטע אין לעבען איז צו געפינען אָט יענעם דרך אין לעבען, וואָס גיט דעם מענשען זיין אמת'ען תיקון. ער האָט מיט זיך אליין גע'חקירה'ט: דער רבונו של עולם האָט אלע לעבע־דיגע באשעפענישען, איינשליסענדיג דעם בחיר היצורים, דעם מענש, פאר־

זארגט מיט דעם וואס איז צום סאמע נויטיגסטען פאר'ן קיום — לופט. לופט האט מען אומעטום. קיינער דארף ניט זארגען פאר'ן ביסעל לופט וואס מען דארף פאר'ן עקזיסטענץ. דאס צווייטע וואס איז נויטיג פאר'ן קיום פון לעבעדיגע באשעפענישען איז וואסער. אויך דאס געפינט מען לרוב און קיי־נער האט ניט קיין זארג אין געפינען גענוג וואסער, כאטש גאנץ אפט מוז מען זיך שטארק באמיהען צו געפינען וואסער, צי דאס איז א טייך, א קוואל אדער א ברונים, וואס מען דארף ערשט גראבען, כדי צו גרייכען וואסער.

דערפאר איז שוין אבער אנדערש מיט'ן ברויט, וואס דער מענש דארף האבען פאר זיין עקזיסטענץ. צוליב דער זינד וואס אדם און חוה זיינען באגאנגען, איז דער מענש פארשאלטען געווארען מיט דעם "בזעת אפיך תאכל לחם". דער מענש מוז זיך מאטערען צו געפינען די באדערפענישען פון לעבען.

דאס פעלד און דאס וואלד זיינען פאר ברוך'ן שוין לאנג געווען ווי די לופט פאר זיין נשמה. ער האט דארט געקענט זיין מיט זיך אליין און פאר־טיפען זיך אין די סאמע טיפסטע מחשבות. תורה אין אלע איהרע פארמען און צווייגען איז פאר איהם געווען ווי דאס וואסער פאר'ן גוף. ער האט גע־פיהלט ווי ער קען תמיד פריי שווימען איבער'ן ים פון תורה און זיך אפילו ארונטערלאזען צו איהרע סאמע טיפענישען. אבער וואס אזוינס איז דער סאמע תכלית פון דעם אלעם, צו וואס וואנדערען איבער פעלד און וואלד און טראכ־טען וועגען גאט און זיין באשאף, און צו וואס זיך ארויסלאזען שווימען אי־בער'ן ים פון תורה און זיך ראנגלען מיט איהרע מעכטיגע כוואליעס? דאס אלץ האט דאך געדארפט זיין פאר א באשטימטען צוועק, כדי זיך צו קענען אויסקלייבען דעם ריכטיגען וועג אין לעבען און צו קענען אויף דעם בעסטען אופן דינען דעם אויבערשטען און ברייננגען גוטעס צו מענשען? וואס איז אבער דער דאזיגער דרך? וואו פיהרט דער וועג פון לעבען? באשטעהט די עובדה נאר אין טהאן גוטעס אדער אין אפקעהרען זיך בלויז פון שלעכטעס?

די אלע פראגען זיינען ביי ברוך'ן ארויפגעשוואומען, ווען ער האט זיך ברייטער פארנאנדערגעשמועסט מיט יצחק שאול'ן. א טיעפער איינדרוק האט אויף ברוך'ן געמאכט דאס ווערטעל וואס דעם שמיד'ס איידים האט איהם איבערגעזאגט אין נאמען פון זיין טאטען, וועלכער האט איהם געזאגט, אז דאס שטאמט פון בעל שם הקדוש. דאס איז געווען א נייער פירוש אויף דער משנה "איזהו חכם הלומד מכל אדם שנאמר מכל מלמדי השכלתי". אויף דעם האט דער בעל שם טוב געפרעגט, צי דען קען יעדער מענש זיין א מלמד, אז מ'זאל פון איהם עפעס לערנען? מיר ווייסען דאך, אז כדי צו קענען אימי־צען עפעס לערנען, מוז מען האבען פארשיידענע מעלות, היינט ווי קענען מיר זאגען, אז מען דארף זיין "הלומד מכל אדם", אויב ניט יעדער מענש האט די מעלות צו קענען לערנען דעם צווייטען? דער בעל שם האט אויך געפרעגט קשיות אויף דעם "מכל מלמדי השכלתי", פון דעם וואלט מען דאך געדארפט דרינגען, אז מען לערנט אימיצען ניט נאר דאס וואס מען הערט פון יע־נעם, נאר אויך דורך דעם וואס מען איז א מבין דבר מתוך דבר, אבער אויב

מען לערענט פון יעדען איינעם, היינט וואו ליגט דארט די חכמה און ווי אזוי קען מען אזא מענשען באצייכענען ווי א חכם?

דער בעל שם האט די אלע שאלות פארענטפערט אויף דעם אופן: עס שטעהט געשריבען "נר ה' נשמת אדם". האט דער בעל שם דערקלעהרט, אז אין דאס ליכט זיינען פאראן צוויי איינענשאפטען: דאס ליכט און דער שאטען. דאס ליכט קומט פון דאס ליכט זעלבסט. אבער דער שאטען קומט פון דער 'כלי", די פארקערפערונג פון דאס ליכט. אזוי איז אויך מיט דער נשמה. זי האט ליכט און שאטען. דאס ליכט קומט פון דער נשמה אליין. דער שאטען קומט פון דעם גוף, וועלכער איז אין דער בחינה פון דער "כלי". ווען מיר געפינען זיך אין די ד' אמות פון א צדיק, דאן ווערען מיר אנגערעגט פון גוטע מחשבות, וואס זיינען די אנטפלעקונג פון דאס ליכט, וואס שטראמט ארויס פון דער נשמה. דעם צדיק'ס השפעה האט די ווירקונג ארויסצורופען דאס בעסטע אין אונז. אבער ווען מיר געפינען זיך אין דער סביבה פון א רשע, דאמאלס פאלען מיר אונטער זיין שלעכטער השפעה און עס ווערען אין אונז ארויס-גערופען שלעכטע מחשבות.

אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז פון דעם צדיק לערנען מיר דעם "עשה טוב", צו טהאן גוטעס. מיר ווערען דאן פון די וואס זיינען "מזכי הרבים". פון דעם רשע, ווידער, לערנען מיר דעם "סור מרע". מיט דעם ווערען מיר דאמאלסט א "כלי" פאר הרהור תשובה. אט דאס איז דער באדייט פון דעם הלומד מכל אדם, האט דער בעל שם געזאגט: מיר קענען לערנען סאי פון דעם צדיק און סאי פון דעם רשע; פון דעם ערשטען לערנען מיר ווי צו טהאן גוטעס און פון דעם צווייטען ווי אויסצומיידען שלעכטעס, און דאס איז דער מיין פון דעם מכל מלמדי השכלתי. אלץ וואס דער אויבערשטער האט באשאפען אויף דער וועלט איז נאר כדי דעם מענשען עפעס צו לערנען. כדי דעם ענין נאך מעהר מבאר צו זיין, האט דער בעל שם געבראכט דאס, וואס עס שטעהט געשריבען "מלפנו מבהמות הארץ". אויף דעם האט ר' יוחנן געזאגט: אז ווען די תורה וואלט ניט געגעבען געווארען צו אידען וואלט מען געקענט לערנען צניעות פון דער קאץ און אויסצומיידען רויב פון דער מילב. אין אנדערע ווערטער: דער רבונו של עולם האט צוגעגרייט פאר דעם מענשען פון וואס זיך צו לערנען סאי גוטעס און סאי אפצונויגען פון דאס שלעכטעס און דאס איז דער אמת'ער באדייט פון דער משנה: "איזהו חכם הלומד מכל אדם".

לה.

די ערשטע אידען פון וויטעבסק

די ישיבה וואס האט געטראגען דעם נאמען פון א פרוי. — דער שוועדישער פרינץ וואס איז געווען א איד.

נאך פון דער צייט וואס ער האט געהאט פארדינט זיין ברויט ביי ר' אליעזר ראובן'ען דעם שמיד, האט ברוך זיך געהאט אפגעזוכט ביי דער קוזניע אן איינזאמען ווינקעל, וואו ער האט, אין זיין לידיגער צייט, געקענט זיין

מיט זיך אליין און זיך פארטיפען אין זיינע מחשבות, ווי ער האט עס, פון זיין סאמע יוגענד ליעב געהאט. דאס איז געווען א בערגעל ניט ווייט הינטער דער קוזניע, פארשטעלט פון ביימער, ארויסקוקענדיג אויפ'ן טייכעל וואס האט געפלאסען אונטען.

יעדען מאל וואס ער פלעגט קומען צו ר' אליעזר ראובנ'ען און געוואלט פראווען התבודדות, איז ער געגאנגען אויף יענעם בערגעל. דאס האט ברוך אויך געטהאן איצט. גראד איצט האט ער געהאט נאכצוטראכטען א סך מעהר ווי ווען עס איז אנדערש. דעם שמיד'ס דריטער און אינגסטער איידעם, יצחק שאול, האט אויף איהם געמאכט א גרויסען רושם. דאס איז געווען ניט נאר מיט דעם דרך החסידות וואס ער האט זיך פון איהם דערוואוסט. נאר אויך מיט דעם וואס, כאטש יצחק שאול, איז געווען בלויז מיט א פיער יאהר עלטער פון איהם, איז ער שוין אבער געווען אינגאנצען זעלבסטשטענדיג אין זיינע געדאנקען און אין זיין הנהגה, בעת ער ברוך האט צו יענער צייט נאך אלץ געהאלטען אין זוכען דעם דרך וואס זאל צום בעסטען צופרידענשטעלען זיין דורשטינע נשמה.

ברוך האט איצט געקענט מאכען א פארגלייך צווישען יצחק שאול'ן און דעם שמיד'ס אנדערע צוויי איידעמס. יענע זיינען טאקע געווען גרויסע לומדים. ברוך האט געהערט פון זיי א סך חידושים. אבער צום הארצען איז איהם גע־ווען מעהר יצחק שאול, וועלכער האט געהאלפען זיין שווער צוגרייטען דאס הויז פאר פסח און גלייכצייטיג איהם ארויסהעלפען מיט דער ארבייט אין קוזניע. ווען נאר עס פאלט איהם איין א דבר תורה אדער גוט־ווארט זאגט ער עס באלד ארויס טאקע ביי דער ארבייט און ער איז תמיד פרעהליך, לעבעדיג און מונטער, לחלוטין נאר אן אנדער מענש ווי די תמיד־ערנסטע שוואגערס.

ברוך וויל אויך וויסען נענויער וועגען די אנדערע צוויי איידעמס, די ראשי ישיבה. ביידע האבען געלערנט אין די ישיבות אין וויטעבסק. בעת דער עלטערער איידעם ר' זלמן מאיר האט געלערנט אין דער ישיבה אויפ'ן צווייטען זייט טייך וואס מען האט גערופען "דער קליינער זייט", פריהער אונטער ר' ישראל יצחק'ן פון ווילקאמיר און דערנאך אונטער ר' פלטיאל'ן, האט דער צווייטער איידעם, ר' משה ליב, געלערנט אין "נחמה ר' נחום שוועל'ס ישיבה" וואס איז אויך געווען באקאנט אונטער'ן נאמען "נחמת דבורה'ס ישיבה".

די געשיכטע פון אט דער ישיבה וואס טראגט דעם נאמען פון א פרוי, א זעלטענהייט אין דער געשיכטע פון ישיבות, איז פאר זיך אליין אן אינטער־רעסאנטער קאפיטעל אידיש לעבען אין שייכות מיט וויטעבסק. אט די שטאט, וואס איז שפעטער געווארען א עיר ואם בישראל, האט ביז'ן יאהר שי"א כמעט אינגאנצען ניט געהאט קיין אידען. וויטעבסק האט געהאט א נאמען ווי א צענטער פון מסחר, וואס איז אבער דורכאויס געלעגען אין ניט־אידישע הענט. וויטעבסק איז אין א געגענד וואס איז רייך מיט איהר פראדוקציע פון תבואה, וויינגערטנער און אלערליי פרוכטען. דאס הייפעל אידען וואס האט געוואוינט אין וויטעבסק איז געווען ארעם אין גשמיות און אין רוחניות.

אין יאהר שי"א האבען אידישע סוחרים אנגעהויבען זיך באזעצען אין וויטעבסק. באלד איז אבער געקומען א באפעהל פון דער ממשלה, אז מען זאל

פארבאטענע אידען זיך צו באזעצען אין שטאט. די צאהל אידען וואס איז ער־לויבט געווארען דארט צו וואוינען איז געווען א שטארק באגרענצטע. אין יאהר שס"ה האט זיך אין שטאט באזעצט א איד מיט'ן נאמען ר' טעוויל, וועלכער האט דארט אריינגעבראכט א נייעם גייסט. דער דאזיגער ר' טעוויל האט געהאט א זוהן מיט'ן נאמען ר' נחום, און א שנור מיט'ן נאמען דבורה. זיי פון זייער זייט האבען געהאט א טאכטער מיט'ן נאמען נחמה. זיינע טאטע און מאמע ווי אויך טאכטער געווען גוואלדיג איבערגעגעבען צו תורה און האבען געעפענט א ישיבה וואס, ווי מיר ווייסען שוין, האט געטראגען דעם נאמען פון ר' טעוויל'ס אייניקעל, נחמה, צוליעב וועלכער מען האט שוין אויך דערמאנט דעם נאמען פון איהר מוטער.

דאס דערצעהלט אבער נאך גאנץ ווייניג וועגען ר' טעוויל'ס מערקוויר־דיגער משפחה. מיר מוזען זיך דערפאר מעהר באקאנען מיט דעם דאזיגען ר' טעוויל'ן און מיר וועלען זיך אויך באקאנען מיט אן אויסערגעוויינליכען קאפיטעל אידישע געשיכטע.

עס איז געווען אין יאהר ש"ל ווען א איד מיט'ן נאמען ר' נחום האט זיך איבערגעקליבען פון פראג קיין סעבעזש, וואס האט זיך געפונען אויפ'ן גרעניץ צווישען דער דאמאלסדיגער פוילען און שוועדען און איז געווען א טייל פון דעם גוט וואס האט געהערט צו דעם פוילישען שליאכטיץ באנטש זינקעוויטש. אט דער דאזיגער פוילישער אדעליגער האט זיך באצויגען גאנץ פריינטלאך צו די אידען אין סעבעזש, באזונדער צו דער משפחה וואס איז ארונטערגעקו־מען פון פראג.

די אידישע קהלה אין סעבעזש האט זיך געהאלטען אין פארגרעסערען. אין משך פון די קומענדיגע עטליכע יאהר, האט זינקעוויטש באשלאסען, זיך איבערצוציהען אויף זיינע גיטער ביי קראקע און האט דערפאר געוואלט פאר־קויפען זיינע גיטער ביי סעבעזש מיט אלע דערפער און פאראבקעס, אז ערד פון זעקס הונדערט נפשות. ער האט זיך געווענדעט צו ר' נחום'ן, וועלכער איז שוין דאמאלס געווען דער ראש פון סעבעזשער קהלה, אז ער זאל געפינען א קונה פאר זיינע גיטער.

די שכנישע גיטער, וואס האבען זיך געפונען אין די גרעניצען פון דער דאמאלסדיגער שוועדען, האבען געהערט צו איינעם פון די שוועדישע פרינצען מיט'ן נאמען יאהאן קאמבארי, וועלכער פלעגט דארט אפט ארונטערקומען און פארברייגנגען אויף די גיטער א לענגערע צייט. איז ר' נחום'ן איינגעפאלען, אז ער זאל אנבאטען דעם דאזיגען שוועדישען פרינץ די גיטער פון דעם פויל־ישען אדעליגען באנטש זינקעוויטש. האט ר' נחום אפגעווארט ביז דער פרינץ איז געווען אויף זיינע גיטער אין דער שכונה און איז צו איהם ארונטערגע־קומען.

פרינץ קאמבארי האט ר' נחום'ן אויפגענומען מיט גרוים פריינטשאפט און האט געשמועסט מיט דעם אידען וועגען פארשידענע ענינים, אבער וועגען דעם ענין פון דער קניה וואס ר' נחום איז געקומען איהם פארשלאגען, האט ער גיט גערעדט. ער האט געהייסען ר' נחום'ן קומען צו איהם אין א צוויי־דריי וואכען ארום.

איז ר' נחום צוריקגעפאהרען אהיים און אפגעווארט עטליכע וואכען ביז ער איז ווידער געפאהרען צו פרינץ קאמבארי, שוין וויסענדיג, אז ער האט מיט'ן פרינץ פארקניפט א פריינטשאפט. אנגעקומען צום פרינץ אין שלאס, איז ר' נחום דארט אויפגענומען געווארען נאך מיט מעהר פריינטשאפט ווי דאס ערשטע מאל. א באזונדער הויז איז שוין געווען צוגעגרייט פאר איהם און אלץ איז געזארגט געווארען פאר זיין באקוועמליכקייט.

נאך אין זעלביגען טאג האט דער פרינץ אויפגענומען ר' נחום'ן און בעת פרינץ קאמבארי איז שוין צוגעטראטען צום סאמע עניין פון דער קניה פון זינקעוויטש'עס גיטער, האט ער אבער געוואלט, אז ר' נחום זאל איהם דער־צעהלען אויספיהרליכער וועגען אידען. עס איז געווען קלאר, אז דער פרינץ איז געווען זעהר נייגעריג צו הערען וועגען אידען, וועגען וועמען ער האט גע־וואוסט זעהר ווייניג. ר' נחום האט איהם ממש גערדארפט איבערדערצעהלען די גאנצע אידישע געשיכטע פון אברהם אבינו'ס צייטען און דער פרינץ איז געזעסען און זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

— איהר וועט דא מוזען בלייבען עטליכע טעג, — האט דער פרינץ גע־זאגט צו ר' נחום'ן, — איך וויל הערען א סך מעהר וועגען אידען, כדי מען זאל ניט ווערען בעאומרוהיגט ביי אייך אין דער היים, וואס איהר פארזאמט זיך דא, שיקט א שליח אנצוזאגען אייער משפחה וועגען דעם.

ר' נחום האט געפאלגט דעם פרינץ און געשיקט מיט דער שליחות זיין "מענשען" ר' שילם'ען, וועמען ער האט שוין פאראיינס אנגעזאגט, אז ער זאל מיטברייינגען פון דער היים ברויט און פוטער און אנדערע מאכלים וואס ער האט ניט געוואלט עסען אין דעם גוי'שען הויף, און וואס ער האט לכתחילה ניט מיטגענומען געגוג, אז עס זאל איהם קלעקען פאר דער גאנצער צייט וואס ער האט איצט גערדארפט בלייבען ביים פרינץ.

דערווייל האט דער פרינץ יעדען טאג גערופען צו זיך ר' נחום'ן און האט איהם געהאלטען שעה'ן לאנג, אויספרעגענדיג איהם וועגען אידען, וועגען זייערע דרכים און וועגען זייער גלויבען. וויפיעל ער האט זיך פון ר' נחום'ן ניט געהאט אנגעהערט איז קענטיג פאר איהם ניט געווען גענוג. ר' נחום האט עס פשוט ניט געקענט פארשטעהן. אזא אינטערעס צו אידען און אידישקייט האט ער נאך ביי א גוי ניט געהאט געזעהן.

דערווייל האט זיך ר' שילם צוריקגעקעהרט פון זיין שליחות און ער האט מיטגעבראכט ניט נאר עסענווארג נאר אויך קליידער. ער האט שוין געהאט אויסגערעכענט אז עס וועט זיין בעל הבית אויסקומען צו פארברייינגען אין דעם שלאס שבת און ער האט דערפאר געבראכט וויין און שבת'דיגע אכילות ווי אויך ר' נחום'ס שבת'דיגע מלבושים, איינשליסענדיג זיין שטריימעל מיט די דרייצעהן עקלאך און זיין שבת'דיגען טלית מיט דער גאלדענער עטרה. ער האט אויך מיטגעבראכט די קליינע ספר תורה'לע וואס ר' נחום האט געהאט ביי זיך אין הויז מיט דעם ארון קודש'ל אין וועלכען דאס דאזיגע ספר תורה'לע איז געהאלטען געווארען.

ר' נחום האט געהערט צו די אידען, וואס האבען פארלאזען שפאניען, ווען די גזירה פון גירוש איז ארויסגעגעבען געווארען. די ספר תורה'לע און דעם ארון קודש'ל האט ער געהאט בירושה פון זיינע שפאנישע אור־עלטערען. זיי זיינען איבערגעגאנגען פון טאטען צום זוהן אין משך פון פיעלע דורות. די ספר תורה'לע איז געווען אין א זילבערנעם שיידעל און דער ארון קודש'ל איז געווען פון האלץ קינסטלעריש אויסגעשניצט.

ר' נחום פלעגט זיך נוהג זיין, יעדען דאנערשטאג איבערצוגעהן די פרשה פון דער וואך אין דער דאזיגער ספר תורה'לע. דאס איז געווען אחוץ דעם שני ם מקרא ואחר תרגום פרייטאג נאכמיטאג.

אז שבת איז געקומען, האט ר' נחום זיך געפיהלט, און טאקע זיך אויך געפיהרט, ווי ביי זיך אין דער היים.

שבת בייטאג איז צו ר' נחום'ען געקומען א שליח פון דעם פרינץ און איהם פארבעטען אין שלאס אריין. אנגעטהאן אין זיינע שבת'דיגע בגדים און אין זיין שטריימעל איז ר' נחום אוועק צום פרינץ. אריינגעקומען צום פרינץ אין קאבינעט, האט זיך דער שוועדישער שררה זיך פאר איהם אויפ־געשטעלט מיט גרויס יראת הכבוד. ר' נחום איז געווען פארוואונדערט. איז דאס געווען דערפאר וואס אין זיינע שבת'דיגע בגדים האט ער אויף'ן פרינץ געמאכט אזא גרויסען איינדרוק ? עפעס האט ר' נחום געפיהלט, אז פרינץ קאמבארי'ס אינטערעס אין איהם האט א באזונדערע באדייטונג. דאס האט ער געפיהלט נאך מעהר, ווען דער פרינץ האט איהם אנגעהויבען שטעלען פראגען וועגען דעם אופן ווי אידען היטען אפ שבת און וואס עס איז די באדייטונג פון דעם אלעם.

ר' נחום איז געווען שטארק געריהרט. ער האט באמערקט ווי פרינץ קאמבארי'ס פנים האט אנגענומען אן אויסדרוק פון טיעפען טרויער. ער האט אויך געקענט באמערקען ווי אין זיינע אויגען האבען זיך געשטעלט טרערען.

עס האט לאנג ניט גענומען און פאר ר' נחום'ן האט זיך אלץ אויפגע־קלעהרט. אין קאבינעט איז אריינגעקומען אן עלטערע פרוי און דער פרינץ האט זי פאר איהם פארגעשטעלט ווי זיין מומע, זיין מוטער'ס שוועסטער. ר' נחום האט באלד געקענט זעהן, אז ער האט פאר זיך א פרוי מיט גרויס פאר־שטאנד און אז אויך זי האט א באזונדערען אינטערעס זיך מיט איהם צו באקאנען. אויך זי האט געהאלטען אין נאכפרעגען זיך וועגען אידען און ווי זיי לעבט זיך. ר' נחום האט געפיהלט, אז די פרוי האט עפעס א סוד, וואס זי וויל אנטפלעקען, נאר האט נאך אויף דעם ניט געקענט באשליסען.

דעם קומענדיגען מאנטאג איז ר' נחום ווידער גערופען געווארען אין שלאס. דער פרינץ און זיין מומע האבען אויף איהם געווארט און האבען איהם אויפגענומען ווי אן אייגענעם מענשען. די מומע איז איצט געווען שטארק פארטרויליך, ווי אלע איהרע ספקות וואלטען ענדליך באזייטיגט גע־

ווארען. ר' נחום האט זיך דערוואוסט דעם סוד, אז דער פרינץ און זיין מומע שטאמען פון אידען און אז זיי געהערען אויך צו די שפאנישע אידען.

די מומע האט דערצעהלט ר' נחום'ן אלץ וואס זי האט געוואוסט וועגען זייער אפשטאם. זיי האבען געהאט דאס בילד פון פרינץ קאמבארי'ס זיידען און איהר פאטער, וועמעס נאמען איז געווען יוסף גבריאלי און איז געווען פון די ארויסגעטריבענע אידען פון שפאניע. יוסף גבריאלי איז אין שפאניען געווען א גרויסער עושר. ער האט איהר און איהר שוועסטער רעגינא חתונה געמאכט מיט גביר'ישע יונגעלייט. ווען דער גירוש אויף די שפאנישע אידען איז געקומען, זיינען זיי אוועק אין גלות. זיי האבען געוואנדערט פון לאנד צו לאנד, ביז זיי האבען דערגרייכט מעהרען און האבען זיך דארט באזעצט. אין לאנד האט אויסגעבראכען א מגפה און איהר, דער מומע'ס, מאן איז גע־שטארבען. זי האט זיך אריינגעקליבען צו איהר שוועסטער, וועלכע האט דאן געהאט געבארען א זוהן יהודה. זייער מצב איז געווען א געדריקטער. זיי האבען געהאט פארלארען זייער גאנצען פארמעגען.

אין א יאהר שפעטער איז אויך געשטארבען רעגינא'ס מאן. זייער מצב איז געווארען נאך ערגער. זיי האבען פשוט ניט געהאט מיט וואס איבערצו־לעבען א טאג. דערווייל האט זיך געמאכט, אז איהר שוועסטער רעגינא האט זיך באקאנט מיט א יונגענמאן פון גאר הויכען שטאנד. ער האט געהערט צו דער שוועדישער פרינצליכער פאמיליע קאמבארי. אויב רעגינא וואלט קיינמאל ניט געוואלט האבען צו טהאן מיט א קריסט, האט ער איהר אבער אנטפלעקט דעם סוד, אז ער איז א איד. ער האט דורכאויס געוואלט, אז זי זאל מיט איהם חתונה האבען און זי האט מסכים געווען.

אין משך פון א האלב יאהר צייט זיינען זיי ביידע אפגעפאהרען קיין שוועדען. ביידע האבען זיך געפיהלט ווי אידען און האבען כסדר גע'חלום'ט צוריקצוקעהרען זיך צו זייער שטאם, אבער זיי האבען ניט געקענט לייכט אי־בעררייסען זייערע פארבינדונגען מיט זייער רייכער און מעכטיגער משפחה.

רעגינא'ס קינד, יהודה, וואס איז געבארען געווארען א איד, האט איצט באקומען דעם נאמען יאהאן און האט זיך דערצויגען ווי א פרינצליכער זוהן, אן אמת'ער קאמבארי. איידער יאהאן'ס מוטער איז געשטארבען, האט זי אנגעבעטען איהר שוועסטער, אז ווען איהר זוהן-וועט אויסוואקסען, זאל זי איהם אנטפלעקען דעם סוד, אז ער איז א איד. מיט צוויי יאהר צוריק איז געשטארבען יאהאן'ס שטיף־פאטער, און זיין מומע האט איהם ענדליך אויסגעזאגט דעם סוד וועגען זיין אפשטאם. זי האט איהם איבערגעגעבען דאס בילד פון זיין זיידען יוסף גבריאלי.

— עס איז איצט א יאהר — האט די פרוי פארענדיגט איהר לאנגען ספור המעשה פאר ר' נחום'ען — ווי איך און מיין פלימעניק האבען בא־שלאסען צו פארלאזען אונזער פריהערדיגען וואוין־ארט און זיך באזעצען ערגעץ, וואו מיר זאלען קענען ווערען צוריק אידען. דאס איז די אורזאך וואס מיר זיינען געקומען אהער, וואו מיר זיינען נאהענט צום פוילישען גרענעץ. מיר האבען דא די גאנצע צייט געהאלטען אין ארומזוכען אימיצען, וואס זאל אונז העלפען ווערען צוריק אידען. ווען מיין פלימעניק האט מיר מיט א קור־

צער צייט צוריק געלאזט וויסען, אז ער האט זיך באקאנט מיט א חשוב'ען איד פון פוילען, האט ער מיך געבעטען קומען אהער און זיך מיט איהם מישב זיין, אויב מיר זאלען זיך אנטפלעקען צו איהם און פארלאנגען זיין עצה ווי מיר זאלען ווערען צוריק אידען. ווי איהר זעהט — האט די פרוי פארענדיגט — האבען מיר באשלאסען אייך אריינצוצועהמען אין אונזער אנפארטרוי.
די געשיכטע האט אויף ר' נחום'ן געמאכט א געוואלדיגען רושם. ער האט קוים געקענט צוזאמענגעהמען זיינע געדאנקען און זיי עצה'ן וואס צו טהאן.
אין עטליכע טעג ארום האט ר' נחום שוין געהאט א פארטיגען פלאן. דער פרינץ און זיין מומע האבען געזאלט זיך אריבערקלייבען קיין פראג. אין משך פון איינינע חדשים וועט ר' נחום האבען איינגעארדענט זיינע איינענע ענינים און די ענינים פון דער קהילה, פון וועלכער ער איז דער ראש. ער וועט דאן אויך קומען קיין פראג און זיי העלפען מיט אלץ וואס איז נויטיג צו ווערען צוריק אידען. דערווייל האט ער-זיי גע'עצה'ט צו האלטען אלץ בסוד.
דערווייל איז ר' נחום צוריקגעפאהרען אהיים און האט מודיע געווען דעם פוילישען פריץ, אז ער האט א בעלן אויף זיינע גיטער. מען האט איצט בלויז געדארפט דורכקומען וועגען דעם מקח און חתמנ'ען די פאפירען. אין משך פון א קורצער צייט איז די קניה געשלאסען געווארען. די פריצישע גיטער פון סעבעזש זיינען איבערגעגאנגען אין רשות פון דעם שוועדישען פרינץ קאמבארי. ר' נחום האט דערביי פארדינט א פיינע אפותיקי מעקלעריי. אחוץ די מזומנים וואס ער האט געקראגען, האט איהם דער פריץ זינקעוויטש געגעבען א מתנה א גרויסע פאסעסיע א וויארסט פון שטאט. דער פריץ האט איהם אויך אפגעגעבען א שטאל מיט פערד און ארום פערציג פאראבקעס.

לו.

דער געהיימער בעל־צדקה

די גרויסע סומען, וואס פרינץ קאמבארי האט פארטיילט אויף צדקה נאכדעם ווי ער איז צוריקגעווארען א איד. — ר' נחומ'ס פטירה און דער נייער דרך פון זיין זוהן. — דער גירוש פון וויטעבסקער אידען.

א קורצע צייט איז אוועק און ר' נחום האט צוזאמענגערופען די ראשי העיר און זיי דערקלערט, אז ער און זיין ווייב קלייבען זיך צוריקצופאהרען קיין פראג, פון וואנען זיי זיינען געקומען מיט דריי־און־צוואנציג יאהר צוריק. זיי ווילען זיין אויף קבר אבות און דערווארטען דארט צו בלייבען א לענגערע צייט. ר' נחום האט פארלאנגט אז מען זאל אויסקלייבען אימיצען אנדערש אויף זיין פלאץ אלס ראש הקהל.
ר' נחום האט געהאט א בן יחיד, ר' טעוועל. איז אט דער ר' טעוועל געווען גאר אן אנדער מענש ווי זיין פאטער. ער איז געווען א גרויסער בעל מידות, אבער האט ניט געהאט די מעלות פון זיין פאטער. שוין אין זיין לעבענס־שטייגער אליין איז ער געווען אנדערש פון זיין פאטער. בעת ר' נחום האט זיך אפגעגעבען מיט מסחר, האט ר' טעוועל זיך אפגעגעבען מיט ערד־

ארבייט. ער האט געהאלטען גערטנער און סעדער און געהאט א שטיק ערד וואס ער האט געקראגען נדן. ר' טעוועל האט אליין באארבייט זיינע גערטנער און פעלדער און האט געהאט הצלחה.

ער פלעגט זאגען, אז א חוץ דעם וואס אין ערד־ארבייט איז ניטא קיין גזלה און קיין גנבה און קיין אנדער פאלשקייט, און אז מען האט בכלל דא ניט צו טהאן מיט קיין מענשען, צייכענט זיך עס אויך אוים מיט דעם וואס דאס ברייננט נעהנטער צום רבונו של עולם. ערד־ארבייט, פלעגט ר' טעוועל זאגען, מאכט פאר א שותף מיט'ן אויבערשטען. דא דארף מען האבען רעגען און דא דארף מען האבען זון. אמאל דארף מען האבען ווינט און אמאל שטילען וועטער. הכלל, מען דארף כסדר האבען אזוינס וואס איז נאר אין דעם אויבערשטענ'ס הענט.

די גיטער ביי סעבעזש, וואס פרינץ קאמבארי האט אפגעקויפט פון דעם פוילישען פריץ זינקעוויטש, דורך ר' נחום'ס פארמיטלונג, זיינען איצט געווען אונטער דער אויפזיכט פון א באפולמעכטיגטען וואס דער פרינץ האט באַ־שטימט. דער דאזיגער באפעלמעכטיגטער האט געוואלט, אז ר' טעוועל זאל ווערען דער אויפזעהער פון די גיטער. אבער ר' טעוועל האט זיך ענטזאגט. ער האט ניט געוואלט אויפגעבען זיינע אייגענע פעלדער און גערטנער.

צוויי יאהר איז ר' נחום פארבליבען אין פראג. ווען ער האט זיך צוריק־געקעהרט קיין סעבעזש האט ער ערשט דאמאלס אנגעהויבען אויסטיילען צדקה מיט א ברייטער האנט. יעדען יאהר פלעגט ער שיקען גרויסע סומען געלד פאר די ישיבות אין פוילען. עס איז קיינעם ניט איינגעפאלען, אז א חוץ זיין אייגען געלט, טיילט ר' נחום אויך אוים געלדער וואס דער פרינץ קאמבארי, וועלכער איז צוריק געווארען א איד, האט איהם איבערגעגעבען פאר צדקה.

אז ר' נחום האט דערפיהלט אז זיינע טעג זיינען געצעהלטע, האט ער צו זיך גערופען זיין זוהן ר' טעוועלען און פאר איהם אנטפלעקט דעם סוד וועגען פרינץ קאמבארי. ער האט איהם דערצעהלט, אז ער האט זיך באזעצט אין האלאנד, אין א פאלאץ וואס ער האט זיך געקויפט ניט ווייט פון אמסטערדאם. ער האט זיין זוהן אויך דערצעהלט, אז פרינץ קאמבארי רופט זיך איצט יהודה גבריאלי און איז אין פראג, וואו ער איז צוריק געווארען א איד, האט ער חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון א מיוחס'דיגער אידישער פאמיליע. ער האט איהם ווייטער דערצעהלט אז דריי יאהר האט דער פרינץ געוואוינט מיט זיין פרוי אין פראג און ערשט נאכדעם ווי זיין פרוי האט איהם געבוירען א זוהן, האט ער זיך איבערגעקליבען קיין האלאנד.

פרינץ קאמבארי, אדער יהודה גבריאלי, האט ר' נחום ווייטער איבער־געגעבען זייו זוהן, איז פאר דער צייט אויך געווארען א שטיקעל למדן. ר' נחום האט זיין זוהן פארשווארען אז ער זאל פאר קיינעם ניט אנטפלעקען דעם סוד און אז ער זאל קיינמאל ניט נעהמען קיין באלוינונג פון דעם פרינץ אדער זיינעם א פארטרעטער און זאל אויך ביי איהם ניט אננעהמען קיין שטעלע. ר' טעוועל, האט געדארפט נאך זיין פאטער'ס פטירה דורכפיהרען א שליחות. ער זאל נעהמען דאס געלד, דעם איינקונפט פון די גיטער ביי סעבעזש און עס ברייננען צום פרינץ קיין האלאנד. ער זאל דאן דעם פרינץ איבערגעבען וועג־

געז זיין פאטער'ס פטירה און איהם היסען באשטימען אימיצען אנדערש אויף ר' נחום'ס פלאץ צו פארטיילען פאר איהם די געלדער אויף צדקה. ר' נחום האט זיין זוהן אויך אנגעזאגט, אז ער זאל אין זיין, ר' נחום'ס, נאמען עצה'ן דעם פרינץ צו פארקויפען זיינע גיטער אין פוילען.

ר' נחום איז נפטר געווארען און ר' טעוועל האט אויסגעפיהרט זיין פאטער'ס צוואה. ביי דער ערשטער געלעגענהייט האט ער געמאכט זיין נסיעה קיין האלאנד און געבראכט צום פרינץ דעם איינקונפט פון זיינע גיטער, ווי זיין פאטער האט איהם געהאט אנגעזאגט. ער האט דעם פרינץ אויך איבערגעגעבען אלץ וואס זיין פאטער האט איהם אנגעזאגט. דאס יאהר איז גע־ווען שנ"ט.

יהודה גבריאלי, ווי דער פריהערדיגער פרינץ יאהאן קאמבארי האט זיך גערופען, האט אין זיין פאלאץ לעבען אמסטערדאם געהאט א שוהל וואו צעהן בטלנים זיינען תמיד געזעסען און געלערנט און זיינען דארט אויסגעהאלטען געווארען מיט אלע זייערע באדערפענישען מיט א ברייטער האנט. יהודה גבריאלי האט מיט גרויס צער אויפגענומען די טרויעריגע ידיעה וועגען ר' נחום'ס טויט. הערענדיג פון ר' טעוולען, אז ר' נחום האט גע'עצה'ט אז ער זאל פארקויפען זיינע גיטער אין פוילען, האט גבריאלי אנגעבאטען ר' טעוולען, אז ער זאל נעהמען אויף זיך די אויפגאבע דורכצופיהרען דעם פארקויף פון די דאזיגע גיטער. ר' טעוועל, האט אבער גוט געדענקט וואס זיין פאטער האט איהם אנגעזאגט פאר'ן טויט, און ער האט זיך דערפון אפגעזאגט, אנגעבענדיג פאר א תירוץ, אז ער טויג זיך ניט אויס צו אזוינע זאכען. דער פועל יוצא איז געווען וואס יהודה גבריאלי האט אליין געמאכט א נסיעה קיין פרייסען, וואו ער האט פארבראכט א האלב יאהר צייט און פארקויפט זיינע גיטער צו דעם שוועדישען פרינץ מאנטריסי און האט געקראגען גאר א הויכען פרייז, א סך מעהר ווי ער האט ערווארט.

דאס וואס ר' טעוועל האט געהערט פון זיין פאטער וועגען פרינץ קאמ־בארי און דאן זיין נסיעה צום פרינץ קיין האלאנד, האבען אויף איהם געמאכט א געוואלדיגען רושם. ווען ר' טעוועל האט זיך צוריקגעקעהרט קיין סעבעזש איז ער אליין געווארען א גרויסער בעל צדקה און נאך א גרעסערער בעל מידה ווי פריהער. ער האט דאן געקראגען גרויס פרסום איבער דער גאנצער געגענד. וואס מעהר צדקה ר' טעוועל האט פארטיילט אלץ גרעסער איז געווען זיין הצלחה אין זיינע עסקים. די תבואות וואס ער האט ארונטערגענומען פון די פעלדער און די פירות וואס ער האט ארונטערגענומען פון די סעדער האבען איהם אריינגעבראכט א הון רב. נאך איין זאך האט איהם און זיין ווייב פארשאפט גרויס עגמת נפש. זיי האבען ניט געהאט קיין קינדער.

א לענגערע צייט איז אוועק און ר' טעוועל האט זיך באדענקט, אז עס וועט אפשר זיין א גוטע זאך אז זיי זאלען זיך איבערקלייבען אין אן אנדער שטאט. משנה מקום משנה מזל. האט ער וועגען דעם איבערגערעדט מיט זיין ווייב און זיי האבען באשלאסען זיך איבערצוקלייבען קיין וויטעבסק.

אין יאר שס"ה האט דער קעניג ארויסגעגעבען א גזרה ארויסצוטרייבען די אידען פון וויטעבסק אין משך פון צוויי יאהר צייט און צו פארבאטען

אנדערע אידען זיך דארט צו באזעצען. דער וואיעוואדא פון וויטעבסק האט אבער געוואוסט וואס פאר א ברכה די אידען זיינען פאר׳ן שטאט. דאס האבען אויך געוואוסט די אנדערע פיהרער פון שטאט. דער פועל יוצא איז געווען, אז די גזרה איז ניט גרינטליך דורכגעפיהרט געווארען. ניט זיינען אלע אלטע תושבים ארויסגעטריבען געווארען פון שטאט און ניט זיינען די טירען פון שטאט פארמאכט געווארען פאר נייע אידען.

ר׳ טעוועל האט געהאט א פריינט מיט וועמען ער האט בשותפות געהאט א ברויז פון בראנפען אין באצייקאוו. ר׳ מרדכי אהרן סגל איז געווען זיין נאמען. א יאהר נאך דער גזרה האט זיך דער דאזיגער ר׳ מרדכי אהרן איבער־געקליבען קיין וויטעבסק. דערפאר וואס ער האט צוגעשטעלט דעם וואיעוואדא משקה איז ער מיט איהם געווארען שטארק באפריינדעט.

ר׳ מרדכי אהרן סגל איז ניט געווען קיין למדן. ער איז אבער געווען א ירא שמים און אויך א בעל צדקה און כלל־טהוער, און האט דערפאר אויך תמיד געוואלט כבוד. אבער זיין שותפות מיט ר׳ טעוולען, וועלכער איז געווען א גרויסער עניו און א רודף מן הכבוד, האט אויף ר׳ מרדכי אהרן׳ן געהאט א ווירקונג צום גוטען.

ווען ר׳ טעוועל האט זיך באזעצט אין וויטעבסק האט ער געבראכט מיט זיך עטליכע אידישע משפחות, וועלכע ער האט געזאגט זיינען נויטיג פאר זיינע מסחרים. די אלע אידען, וואס ער האט מיט זיך געבראכט, האבען דורך איהם געהאט פרנסה בהרחבה. צוויי יאהר שפעטער, ווי ר׳ טעוועל האט זיך באזעצט אין וויטעבסק, האט זיך זיין שותף, ר׳ מרדכי אהרן דערוואוסט דורך דעם וואיעוואדא׳ס סעקרעטאר, אז פון קעניג איז ארונטערגעקומען א צושריפט אין וועלכען דער וואיעוואדא ווערט שארף אויסגערעדט פאר דעם וואס ער האט ניט אויסגעפאלגט דעם פריהערדיגען דעקרעט ארויסצוטרייבען די אידען פון שטאט און ניט אריינצולאזען קיין נייע. דער קעניג האט אויפגעפאדערט דעם וואיעוואדא, אז ער זאל די גזרה איצט אומבאדינגט דורכפיהרען. ער האט איהם אבער געגעבען דאס רעכט צו ערלויבען בלייבען אין שטאט יענע אידען וועלכע ער וועט האלטען, אז זיי זיינען דורכאויס נויטיג פאר דעם מסחר פון שטאט. אבער פאר אזא דערלויבניש צו בלייבען אין שטאט זאלען די אידען באצאהלען א הויכען פרייז.

ר׳ מרדכי אהרן האט באלד איינגערופען אן אסיפה פון די ראשי הקהל אין וויטעבסק און האט זיי איבערגעגעבען די טרויעריגע ידיעה וועגען דער גזרה וואס דערווארט די אידען פון שטאט. די אסיפה האט באשלאסען גלייך גוזר תענית צו זיין. דערווייל האט ר׳ טעוועל געטראכט וועגען אייגענע תחבולות בטל צו מאכען די גזרה וואס דער וואיעוואדא האט איצט געזאלט ארויסגעבען יעדען טאג, און ר׳ טעוועל האט זיך צו עפעס דערטראכט. ער האט וועגען דעם איבערגערעדט מיט זיין שותף, ר׳ מרדכי אהרן.

— מען דארף דעם וואיעוואדא אונטערקויפען, — האט ר׳ טעוועל גע־עצה׳ט, — ער וועט דאמאלס זיך באנוצען מיט דאס רעכט, וואס דער קעניג גיט איהם צו דערלויבען אידען בלייבען אויף זייערע ערטער אויב ער האלט, אז זיי זיינען ניצליך פאר׳ן שטאט. אויב אזוי — האט ר׳ טעוועל אויסגע־

פיהרט, — ווענדט זיך עס דאך אין גאנצען אן דעם וואיעוואדא און אויב ער זאל קריגען דעם ריכטיגען מתנת יד וועט ער זיכער האנדלען לטובת די אידען.

ר' טעוועל האט דערביי ארויסגענומען א גרויסע סומע געלט און עס דער־לאנגט זיין שותף, אז ער זאל דאס איבערגעבען צום וואיעוואדא אין נאמען פון די אידען אין וויטעבסק. ר' מרדכי אהרן איז געווען שטארק גריהרט פון ר' טעוועל'ס ברייט־הארציגקייט. ער האט זיך געוואלט לאזען קאסטען א גרויסע סומע פון זיין אייגענער קעשענע, כאטש איהם אליין וואלט די גזרה ניט אנגעריהרט.

ר' מרדכי אהרן האט געבראכט צום וואיעוואדא די מתנה, און יענער האט צוגעזאגט אז ער וועט טהאן דאס וואס מען פארלאנגט פון איהם. ער מוז אבער, האט ער געזאגט, דעם קעניג'ס דעקרעט צוערשט פראקלאמירען און ערשט שפעטער זיך באנוצען מיט דעם רעכט וואס דער קעניג גיט איהם.

אזוי איז עס געווען: אין עטליכע טעג ארום האט דער וואיעוואדא פארעפענטליכט דעם קעניג'ס דעקרעט, אז אלע אידען דארפען ארויסגעטרי־בען ווערען פון וויטעבסק. דאס האט די אידען אריינגעווארפען אין א פאניקע. א גרויסע יללה האט אויסגעבראכען אין שטאט. עס האבען אפילו ניט געהאל־פען די פארזיכערונגען פון ר' מרדכי אהרן'ען, אז דער וואיעוואדא וועט זיך באנוצען מיט דעם רעכט וואס איז איהם געגעבען געווארען און דערלויבען די אידען צו בלייבען אין שטאט. די אידען האבען זיך פשוט ניט געוואלט לאזען טרייסטען.

אויפ'ן פערטען טאג, נאכדעם ווי דעם קעניג'ס דעקרעט איז פארעפענט־ליכט געווארען, האט דער וואיעוואדא געלאזט וויסען, אז היות ווי דעם קעניג'ס באפעהל גיט איהם די דערלויבניש צו מאכען הנחות צו אידען און היות ווי די אידען זיינען ניצליך פאר'ן שטאט, מעגען זיי ווייטער בלייבען אויף זייערע ערטער אומגעשטערט. פון מויל צו מויל האט מען דערוויל פאר־שפרייט די ידיעה אז די ישועה איז געקומען אויף דער עצה און די הילף פון ר' טעוועל'ן פארשטעהט זיך אז ר' טעוועל האט געהאט די ברכות פון יעדען אידען אין וויטעבסק, און ער איז פון דאמאלס אן ביי די אידען אין שטאט פשוט פארהייליגט געווארען.

אין שס"ח אויפ'ן דריטען יאהר, וואס ר' טעוועל האט זיך באזעצט אין וויטעבסק, האט זיין ווייב איהם געבארען א זוהן, וועלכער איז גערופען געווארען אויפ'ן נאמען פון ר' טעוועל'ס פאטער, נחום. איז נחום דערצויגען געווארען אין דרך התורה והמוסר. גראד איז נחום געווען א געראטען קינד. מיט גרויסע כשרונות און מיט גרוים התמדה צום לערנען. איז ר טעוועל געווען גליקלאך און געצייגט זיין דאנקבארקייט דורך דעם וואס ער האט פאר־טיילט נאך מעהר צדקה ווי פריהער און האט געשיקט גרויסע סומען די פאר־שידענע ישיבות אין פוילען און אין ליטע.

זיין שותף, ר' מרדכי אהרן, האט אויך געהאט א זוהן — יהודה ליב. האט ער געהאט גרוים חשק צו לערנען, אבער זיינע כשרונות זיינען ניט געווען אזוינע גוטע ווי נחום'ס. דערצו האט איהם תמיד געצויגען צו מסחר. האט איהם זיין פאטער אריינגענומען אין זיינע מסחרים אזוי גיך ווי ער איז

אויסגעוואקסען. האט ר' מרדכי אהרן איבערגעלאזט זיינע עסקים צו זיין זוהן און אליין זיך אינגאנצען אפגעגעבען מיט כלל־זאכען.

אין יאהר ש"פ איז דער וואיעוואדא פון וויטעבסק געשטארבען און זיין פלאץ האט פארנומען א שונא ישראל. דער מצב פון די אידען אין וויטעבסק און די געגענד ארום איז געווארען ערגער. עס האט אזוי אנגעהאלטען פאר צוויי יאהר צייט. דער נייער וואיעוואדא האט דערוויטערט פון זיך ר' מרדכי אהרן'ען. ער האט מעהר ניט געקויפט פון איהם קיין משקה. אויך ר' טעוועל'ס מתנות האט ער זיך ענטזאגט צו נעהמען. ער האט ממש געברענט די טריט פון יעדען אידען, און געשריבען פאסקווילען געגען זיי צו דער מלוכה.

דערווייל האט ר' יהודה ליב אויסגעברייטערט דעם מסחר מיט משקה. די משקה פון זייערע ברוזען איז פארקויפט געווארען איבער גאנץ פוילען. ער האט דערגרייכט די סאמע העכסטע בעאמטע פון דער ממשלה. אין יאהר שפ"ד האט ער באקומען דעם פאדריאד צוצושטעלען משקה אין דעם קע־ניגליכען הויף. זיין סחורה האט דארט אזוי שטארק אויסגענומען, אז אין משך פון דער צייט איז ער פארגעשטעלט געווארען פאר'ן קעניג וועלכער האט איהם ניט נאר שטארק געליובט פאר זיינע גוטע משקאות נאר האט איהם אויך באעהרט מיט אן ארדען.

ר' יהודה ליב איז איצט געווארען אן איינפלוסרייכע פערזענליכקייט וואס האט געשפיעלט א ראל אין די סאמע העכסטע רעגירונגס קרייזען פון פוילען. אויף א באזוך אין דער פוילישער הויפט־שטאט האט זיך ר' יהודה ליב דער־וואוסט, אז די רעגירונגס קאסע איז ליידיג און אז דער מלך האט זיך געווענ־דעט צו די וואיעוואדאס איבער'ן לאנד, אז זיי זאלען שאפען הלוואות אויף גוטע באדינגונגען. אבער די וואיעוואדאס האבען קוים געקענט געפינען מענ־שען ביי וועמען צו לייהען געלט. אז ר' יהודה ליב האט זיך צוריקגעקעהרט קיין וויטעבסק האט ער וועגען דעם דערצעהלט זיין פאטער און ר' טעוועל'ן.

ר' טעוועל האט באלד דערקלעהרט, אז ער וואלט געוועזן גרייט צו פאר־לייהען דער פוילישער מאכט א גרויסע סומע געלט אויף א לענגערע צייט, וואס זאל איהם אויסגעצאהלט ווערען דורך די צינזען וואס וועלען ארויפ־געלייגט ווערען. די באדינגונגען וואס ער האט דערביי געשטעלט זיינען גע־ווען: פולע גלייכבארעכטיגונג פאר די אידען אין וויטעבסק און אומגעגענט; אז די אידען זאלען האבען דאס רעכט צו קויפען אומבאוועגליכע גיטער און זיך צו בויען הייזער אין וויטעבסק. ווארום ביז דאמאלס האבען אידען געמעגט האבען זייערע אייגענע הייזער נאר אין דער אומגעגענט אבער ניט אין ווי־טעבסק גופא. ר' טעוועל האט אויך געוואלט, אז די מלוכה זאל דערלויבען די אידען אין וויטעבסק איינצוארדנענען א אידישע קהלה מיט דיזעלבינע רעכט וואס עס האבען די קאטוילישען.

ר' מרדכי אהרן האט געהאלטען, אז ר' טעוועל'ס אנבאט איז א גאנץ קלוגער און אז עס זיינען דא גוטע אויסזיכטען, אז די מלוכה זאל אויף דעם איינגעהן. ער האט דערפאר זיך אונטערנומען צו פאהרען מיט זיין זוהן אין דער פוילישער הויפט־שטאט כדי דארט צו פארהאנדלען וועגען דעם מיט די פארשטעהער פון דער מלוכה. ר' יהודה ליב האט פארגעשטעלט זיין פאטער

פאר די באטרעפענדיגע רעגירונגס פארשטעהער און ר' מרדכי אהרן האט זיי פארגעלייגט ר' טעוועל'ס אנבאט וועגען דער הלוואה און די באדינגונגען וועלכע ער האט דערביי געשטעלט.

עטליכע טעג זיינען פאראיבער און ר' מרדכי אהרן און זיין זוהן זיינען גערופען געווארען צום קעניג. דער קעניג איז איינגעגאנגען אויף די באדינגונגען און ער האט באלד געשיקט א ספעציעלען שליח קיין וויטעבסק אז ער זאל אנזאגען דעם וואיעוואדא וועגען דער גלייכבארעכטיגונג פאר אידען און זאל פון דארט צוריקברייננען דאס געלט וואס ר' טעוועל האט צוגעזאגט צו דער מלוכה.

אין יאהר שפ"ז האט ר' יהודה ליב געבראכט א דעקרעט אונטערגעשריבען פון דעם קעניג, אז אידען אין וויטעבסק זיינען דערלויבט איינצוארדנענען א קהלה און אז די ארטיגע מלוכה־אינסטאנצען זאלען דער דאזיגער קהלה געבען אלע מעגליכקייטען צו דערפילען איהרע אויפגאבען.

דער וואיעוואדא פון וויטעבסק האט דאן צוזאמענגערופען די בירגער פון שטאט און די פארשטעהער פון דער מלוכה ווי אויך די גלחים פון דער קאטוילישער קירך און האט אין זייער געגענווארט פארגעלייענט דעם קעניג'ס דעקרעט און גלייך אויפ'ן ארט איז אויסגעקליבען געווארען דער ערשטער אידישער ראש הקהל פון וויטעבסק. דער אויסערוועהלטער איז געווען ניט קיין אנדערער ווי ר' מרדכי אהרן סגל פון וועמען עס שטאמט דעם שווער פון דעם אלטען רבי'ן, דער גרינדער פון חב"ד, דער בעל התניא, ר' שניאור זלמן.

אין זעלביגען יאהר האט ר' טעוועל חתונה געמאכט זיין זוהן, ר' נחום'ן, מיט דער טאכטער פון דעם גאון ר' שמואל יוסף'ען פון ווילנע. פינף יאהר צייט האט ר' נחום, נאך זיין חתונה, געלערנט ביי דעם צדיק ר' יקותיאל זלמן קראקאווער, וועלכער איז געווען באוואוסט פאר זיין פרישות און קדושה. דער דאזיגער ר' יקותיאל זלמן האט געהאט א גרויסע השפעה אויף ר' נחום'ן. ר' נחום האט זיך אנגעהויבען פיהרען ווי זיין רבי. ער האט זיך אינגאנצען אפגעזונדערט פון מענשען און האט אפילו געהאט וויניג צו טהאן מיט זיינע בני בית. יעדע נאכט פלעגט ער קומען אין בית המדרש פראווען חצות מיט א מנין און דערנאך געלערנט תורה ביז א שפראץ אויף טאג און דאן געדאווענט מיט'ן מנין ותיקין. נאכ'ן דאווענען האט ער געלערנט א שיעור גמרא און איז געגאנגען אהיים פאר זיין אנבייסען. אין דער היים האט ער זיך אפגערוהט א פאר שעה, כאפענדיג א דרעמעל, און האט זיך אויף דאס ניי געזעצט לערנען ביז מנחה צייט. דאן איז ער געגאנגען אין בית המדרש דאווענען מנחה און מעריב און זיך צוריקגעקעהרט אהיים דארט צו לערנען ביז עס איז געקומען די צייט ווען ער האט געדארפט צוריקגעהן אין בית המדרש צו חצות. פאר דער גאנצער צייט האט ער מיט קיינעם קיין ווארט ניט אויסגערעדט סיידען וועגען תורה.

לז.

דער געצוואונגענער גט

וויאזוי א פאטער האט געצוואונגען זיין טאכטער נעמען א גט פון איהר מאן דערפאר וואס זי איז געווען קינדערלאז. — א זעלטענע אידישע פרוי. — ר' נחום'ס מערקווירדיגער דרך אין לעבען.

ר' טעוועל האט גרויס נחת געהאט פון זיין זוהן ר' נחום'ן. ער האט זיין זוהן און זיין ווייב אויסגעהאלטען מיט גרויס כבוד. דערפאר איז אבער געווען שטארק אומצופרידען מיט ר' נחום'ס הנהגה זיין שווער ר' שמואל יוסף. ר' שמואל יוסף איז געווען הויפטזעכלאך אומצופרידען דערמיט וואס זיין טאכטער האט נאך נישט געהאט געבארען קיין קינד און עס איז שוין געווען אוועק עטליכע יאהר נאך דער חתונה.

האט ר' שמואל יוסף אנגעהויבען מאנען ביי זיין טאכטער, אז זי זאל פאדערען פון איהר מאן א גט. אבער זי האט זיך פון דעם אנטזאגט.

ר' טעוועל אליין האט אויך געהאט עגמת נפש פון דעם וואס זיין זוהן האט נאך ניט געהאט קיין קינד. ער האט דערפאר פרובירט געבען צדקה נאך מיט א ברייטערער האנט ווי פריהער, האפענדיג אז דורך דעם וועט ער פועל ישועות זיין, אז זיין זוהן זאל געבענשט ווערען מיט א קינד.

איינמאל האט אויסגעבראכען א הונגער אין דעם ליפלאנדער געגענד. האט ר' טעוועל געשיקט א שליח וועלכער האט אויפגעקויפט גרויסע מאסען תבואה און האט עס פארטיילט, אהן אונטערשיד צווישען די הונגעריגע אידען און ניט־אידען, אט ווי דער אידישער דין זאגט, אז מען דארף שפייזען סיי אידען און סיי ניט־אידען, באזונדער אין א הונגער צייט.

צום שטארקסטען האט מען ר' טעוולען פארעהרט פאר זיין פשטות און גרויס עניוות. ער האט בכלל קיינמאל ניט געצייגט, אז ער פיהלט אז ער שטעהט העכער פון אימיצען. זיין גוט־הארציגקייט האט זיך פשוט גענומען דערפון וואס ער האט געהאלטען, אז ער צאהלט א חוב און אז עס איז זיין פליכט צו העלפען די וואס נויטיגען זיך אין הילף.

פון זיין סאמע יוגענט האט ר' טעוועל געהאט גרויס יראת הכבוד פאר לומדים. וואס עלטער ער איז געווארען אלץ א גרעסערער בעל מידה איז ער געווארען. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער האט אזוי שטארק פארעהרט תלמידי חכמים, האט ער זיך געהאלטען נאר נאהענט מיט די פשוט'ע מענשען. ער האט מקרב געווען ארימע לייט און האט שטענדיג באשיינט די שמחות פון די ארימע און פשוט'ע מענשען. ער איז געגאנגען אויף די ברית'ן און בר מצוה'ס און חתונות פון די פאלקס־מענשען און מיט דעם האט ער זיך ביי אלעמען געמאכט שטארק באליעבט.

ר' טעוועל איז שוין געווען איבער נייינציג יאהר אלט און האט מעהר ניט געוואלט אליין זיך אפגעבען מיט זיינע צאהלרייכע עסקים. האט ער גענומען פאר א נאמן א געוויסען ר' צדוק משה'ן און האט איבערגעגעבען אין זיינע הענט אלע זיינע געשעפטען. אין א פאר יאהר שפעטער האט ר' טעוועל,

אויף ר' צדוק משה'ס פארלאנג, אויך אנגעשטעלט זיין שוועסטער'ס אן איניקעל, ר' זלמן אהרן'ען, פאר א בוכהאלטער און אן ארויסהעלפער.

ווען די קהלה איז וויטעבסק איז געגרינדעט געווארען איז געלייגט געווארען א טאקסע אויף יעדען תושב פון שטאט. ר' טעוועל האט דאמאלס מנדב געווען א גרויסע סומע פאר די באדערפענישען פון שטאט, און אין וויטעבסק האט מען צום ערשטען מאל אנגעהויבען גרינדען מוסדות פון תורה און צדקה.

אין יאהר שצ"ד איז די אידען אין וויטעבסק געגעבען געווארען די ערלויבעניש צו קויפען באדען צו בויען הייזער. האט ר' טעוועל געקויפט נחלות אין פארשידענע טיילען פון שטאט און האט זיי אוועקגעשענקט דער קהלה. דער ראש הקהל האט דעם באדען פארדונגען צו בויען הייזער און דאס געלט איז אריין אין דער קהל'שער קאסע. צוזאמען מיט די אנדערע הכנסות האט די קהלה געקענט אנגעהן מיט אלע איהרע טהעטיגקייטען.

דערוויילע איז די אידישע באפעלקערונג אין וויטעבסק געוואקסען. אידען האבען אנגעהויבען בויען שוהלען און בתי מדרשים אין פארשידענע גאסען. אין יעדען בית המדרש איז אויך געווען א חדר פאר קינדער. אבער וויטעבסק איז נאך אלץ געווען א שטאט פון בעלי מלאכה און סוחרים. די צאהל פון איהרע תלמידי חכמים איז געווען קליין.

ר' טעוועל איז געווען זיבער־און־נייינציג יאהר אלט ווען ער איז נפטר געווארען. דאס איז געווען אין יאהר ת"א. גרויס כבוד איז איהם צוגעטיילט געווארען. צו זיין לויה זיינען געקומען ניט נאר אידען נאר אויך ניט־אידען. די העכסטע רעגירונגס פארשטעהער זיינען געקומען איהם אפגעבען זיין לעצטען כבוד. זיין פטירה האט ארויסגערופען צער אין דער גאנצער סביבה.

לויט זיין צוואה האט א פערטעל פון זיין פארמעגען געדארפט אפגעגעבען ווערען פאר צדקה, לויט ווי ראשי הקהל וועלען עס באשטימען. די איבעריגע דריי חלקים האט ער איבערגעלאזט פאר זיין זוהן ר' נחום'ן. ר' צדוק משה און ר' זלמן אהרן זיינען ווייטער געבליבען די פיהרער פון די געשעפטען.

מיט דער גרויסער ירושה וואס ר' טעוועל האט איבערגעלאזט דער וויטעבסקער קהלה איז דארט פארבעסערט געווארען ניט נאר דער מאטעריעלער מצב נאר אויך דער גייסטיגער. די ראשי הקהל האבען קודם כל גענומען עשרה בטלנים און זיי אוועקגעזעצט לערנען. דאן איז אויך געעפענט געווארען א ישיבה, די ערשטע פון איהר מין אין וויטעבסק. וויטעבסק איז דאמאלס באשטאנען פון צוויי טיילען, "דער גרויסער זייט" און "דער קליינער זייט". אזוי ווי "דער גרויסער זייט" איז געווען אפגעגעבען צו מסחר, איז די ישיבה געעפענט געווארען אין "דער קליינער זייט".

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ר' נחום איז געווארען דער יורש פון אזא ריזיגען פארמעגען, האט ער אבער ניט געענדערט זיין הנהגה און איז נאך אלץ געווען אזא שותק ווי פריהער. די געשעפטען זיינען, ווי געזאגט, געפיהרט געווארען פון אנדערע, און ער האט זיך וועגען קיין זאך ניט געדארפט זארגען. זיין פרוי איז נאך אלץ געווען אן עקרה.

עס איז שוין געווען צוואנציג יאהר נאך זיין חתונה. ר' שמואל יוסף האט פאר דער צייט שוין עטליכע מאל נעהאט אויפגעפאדערט זיין טאכטער

צו פארלאנגען א גט, אבער זי האט פון דעם ניט געוואלט הערען. איהר פאטער האט גע'טענה'ט, אז זי איז עס מחויב צו טהאן על פי התורה. דאס האט אבער ניט געהאלפען. עס איז שוין געווען פיער־און־צוואנציג יאהר נאך דער חתונה. ר' נחום'ס ווייב איז געווען אכט־און־דרייסיג יאהר אלט. ר' שמואל יוסף איז געווארען צודרינגליכער צו זיין טאכטער. איצט, האט ער גע'טענה'ט, איז שוין פאר איהר קיין אנדער ברירה ניטא. זי מוז פארלאנגען א גט.

ר' נחום האט שטארק געהאלטען פון זיין ווייב. ער וואלט ניט געוואלט זיך מיט איהר שיידען. אבער לייענענדיג די בריף פון זיין שווער און וויסענדיג, אז על פי תורה איז ער מחויב צו פאלגען, האט ר' נחום צוזאמענגערופען דריי נכבדים פון שטאט און האט זיך מיט זיי מיישב געווען וועגען דעם אופן ווי ער זאל גט'ן זיין ווייב און איהר געבען איהר כתובה. זיי האבען גע'פסק'ענט אז ער זאל איהר אויסצאהלען זעקס הונדערט גילדען פאר יעדען יאהר וואס זיי זיינען געווען מאן און ווייב.

ר' נחום האט דערצו מוסיף געווען פון זיין זייט נאך עטליכע טויזענד גילדען און האט זיין ווייב אוועקגעשיקט.

ר' צדוק משה און ר' זלמן אהרן האבען דערווייל געהאט גרויס הצלחה אין ר' נחום'ס עסקים. זיי האבען אויסגעברייטערט דעם האנדעל מיט פלאקס און מיט וואל. זיי האבען אריינגענומען אין געשעפט ווי א שותף דעם באוואוס־טען סוחר פון ווילנע, ר' מאיר שלמה, וועלכער איז געווען א גרויסער ידען אין דעם דאזיגען מסחר און איז געווען געניי באקאנט מיט דעם האנדעל אין פרייסען. אין משך פון דריי יאהר האבען זיי געמאכט גרויסע ריוחים. ר' נחום'ס פארמעגען האט געהאלטען אין וואקסען.

אין יאהר תכ"א איז ר' צדוק משה געפאהרען קיין מינסק וועגען ר' נחום'ס געשעפטען און האט זיך דארט אויפגעהאלטען פיער חדשים צייט. ר' צדוק משה, כאטש ער איז געווען אין גאנצען אריינגעטהאן אין מסחר, האט ער אבער שטארק ליעב געהאט תורה. אין זיין יוגענט איז ער אליין געווען א יושב אוהל וואס האט געלערנט מיט גרויס התמדה. אבער נאכדעם ווי ער איז געווארען דער איידעם פון א באוואוסטען פעל־הענדלער, וועלכער איז אליין געווען א חלוש, האט ער געמוזט נעהמען אויף זיך דעם עול פון פרנסה. ניט נאר האט ער געדארפט מפרנס זיין שווער און שוויגער נאר אויך זארגען פאר די טעכטער וועלכע זיינען נאך ניט געווען אויסגעגעבען, און פאר די יתומים פון זיין שוואגער דעם בטלן ר' אברהם זלמן. ר' צדוק משה האט זיך דערפאר געדארפט באנוגענען מיט דעם וואס ער האט אין דער פריה נאכ'ן דאווענען און אין אווענט, נאך מעריב, אריינגעכאפט א שעה אדער צוויי אין לערנען. אין הארצען האט ער תמיד מקנא געווען די יעניגע וואס זיצען און לערנען, באזונדער די איידעמס אויף קעסט, וואס האבען ניט קיין זארג וועגען פרנסה.

מינסק האט דאמאלס מיט זיך פארגעשטעלט עפעס אנדערש ווי וויטעבסק. מינסק איז געווען א שטאט פון תורה. ר' צדוק משה האט געהאט א געלע־נענהייט זיך צו באקאנען מיט דעם גייסטיגען מהות פון מינסק און האט איהר שטארק באוואונדערט. אין יעדען ווינקעל, וואו מען האט זיך געקעהרט איז מען געזעסען און געלערנט. אין אלע בתי מדרשים זיינען געזעסען פרושים

און בחורים און האבען זיך עוסק געווען אין תורה. ר' צדוק משה האט אויך באוואונדערט דאס וואס די פשוט'ע בעלי מלאכה האבען אין מינסק געהאט זייערע בתי מדרשים: די שניידער, די שוסטער, די קצבים, די סטאלארעס און אלע אנדערע מינים בעלי מלאכה האבען געהאט זייערע קלויזען אדער שטיבלאך וואו זיי זיינען געקומען ניט נאר דאוונען נאר אויך לערנען פארשידענע שיעורים אדער הערען די הארציגע דרשות פון די מגידים און מוסר זאגער.

גאר ניי איז פאר דעם וויטעבסקער תושב, ר' צדוק משה'ן, געווען דאס, וואס אין מינסק זיינען אויך געווען חברות פון ווייבער, וואס האבען זיך אפגעגעבען מיט פארשיידענע למודים. אין וויטעבסק האט מען פון אזא זאך ניט געוואוסט און אפילו פון דעם ניט געדאכט. די וויטעבסקער אידישע ווייבער האבען אפילו ניט געקענט קיין עברי. גאר א קליינע צאהל ווייבער האבען געקענט געוויסע תפלות אויף אויסווייניג. די אנדערע פלעגען זיך צוהערען צו א "זאגערקע", וואס האט געזאגט די תפילות בקול און זיי האבען איהר נאכגעזאגט. אנדערש איז געווען אין מינסק. די מעהרסטע פרויען האבען אליין געקענט דאוונען. עס זיינען אויך געווען א סך וואס האבען געקענט תנ"ך אדער געלייענט דעם טייטש-חומש.

וואס איז שייך די מאנסבילען, האט ר' צדוק משה אויסגעפונען, אז אין מינסק האבען אפילו די גאר פשוט'ע בעלי מלאכה געקענט אריינקוקען אין א ספר. יעדער איינער האט געקוקט מיט גרוים דרך ארץ אויף א בן תורה און האט זיך באמיהט צו דערציהען די איינענע קינדער אין דעם דרך התורה. אויב מען האט ניט געהאט קיין זיהן בני תורה, האט מען גענומען איידימס בני תורה.

אין פארגלייך מיט וויטעבסק איז מינסק געווען אן ארימע שטאדט אין גשמיות. אויך די בנינים זיינען דארט ניט געווען אזוי שעהן און אזוי אימפאזאנט ווי אין וויטעבסק. דערפאר האט זי אבער אריבערגעשטיגען וויטעבסק אין תורה און אין איהר ליבע צו תורה.

ר' צדוק משה האט זיך אויפגעהאלטען אין מינסק אין'ם הויז פון דעם תלמיד חכם ר' שמואל נחום, וועלכער איז אויסער זיין לומדות אויך געווען א גרויסער ידען אין די ענינים פון מסחר. ער אליין האט זיך קיינמאל ניט אפגעגעבען מיט קיין מסחר. זיין מקור פון פרנסה איז געווען דאס, וואס ער פלעגט אויסגלייכען פארשידענע סכסוכים צווישען סוחרים און צווישען שותפים און בכלל געבען עצות אין מסחר.

ר' שמואל נחום האט געהאט א בת יחידה. דבורה איז געווען איהר נאמען. זי איז ביי ר' שמואל נחום'ען געבליבען די איינציגע פון עטליכע זיהן און טעכטער, וואס זיינען ביי איהם, פאר קיין אידען געדאכט, געשטארבען אלס עופה'לאך. פארשטעהט זיך, אז דבורה איז ביי איהרע עלטערען געווען ווי דאס שווארץ-אפעל פון אויג. אלס סגולה פאר איהר אריכת ימים האבען איהרע עלטערען יעדעס יאהר אין'ם טאג וואס זי איז געבארען געווארען מנדב געווען פיער און צוואנציג קלעצער — צוויי קלעצער פאר יעדען חודש (און זעקס און צוואנציג קלעצער אין אן עיבור יאהר) — פאר דעם נדר.

פון בית עלמין. אין אנדער סגולה וואס זיי פלעגן טהאן איז געווען, אז זיי האבען זייער טאכטער "פארקויפט" צו א פאר פאלק וואס איז געווען איבער זעכציג יאהר אלט און וואס זיינען ביידע, דער מאן און דאס ווייב, געווען בכורים און האבען געהאט ניט ווייניגער פון דריי קינדער לעבעדיגע.

דבורה איז, צו דער פרייד פון איהרע עלטערען, געווען א געראטענע. זי האט געהאט זעלטענע כשרונות און איז אויך געווען א גוט־הארציגע און אן איידעלע. ר' שמואל נחום האט זיך אליין אפגעגעבען מיט איהר דער־ציהונג. ווען זי איז געווארען פינף יאהר אלט, האט ער איהר אנגעהויבען לערנען תורה און זי האט זיך שטארק אויסגעצייכענט אין לערנען. צו אכט יאהר האט זי שוין גוט געקענט חומש און נביאים. צו צעהן יאהר איז זי געווען קלאהר אין גאנץ תנ"ך אויף אויסוויינינג און האט אנגעהויבען לערנען משנה און שולחן ערוך. ר' שמואל נחום האט איהר אויך געלערענט לייענען און שרייבען פויליש און חשבון'ען. צו פופצעהן יאהר האט ער זי געלערנט גמרא מיט רש"י אהן דער הילף פון א רבי'ן.

צו אכצעהן יאהר האט איהר ר' שמואל נחום פאר'שדכנ'ט צו דעם זוהן פון איינעם פון די בכבוד'יגסטע בעלי בתים פון מינסק. צעהן יאהר צייט האט זי מיט איהר מאן געלעבט גליקליך. איהר מאן האט זיך אפגעגעבען מיט מסחר. דבורה איז געווען די גליקליכע מוטער פון צוויי טעכטער און א זוהן. דאן איז, רחמנא לצלן, געקומען א מגפה אויף קינדער. דבורה'ס קינדער זיי־נען געשטארבען און אין משך פון יאהר איז אויך איהר מאן קראנק געווארען און, נאך דריי חדשים אין בעט, איז ער נפטר געווארען. דבורה האט זיך צו־ריקגעקעהרט צו איהרע עלטערען מיט איהר איינציג פארבליבענע טאכטער. דריי יאהר שפעטער איז די טאכטער קראנק געווארען און געשטארבען.

מען קען זיך משער זיין ווי גרויס עס איז געווען איהר צער, אבער דבורה האט געמוזט אונטערדריקען איהר אייגענעם צער, כדי ניט צו פארשא־פען קיין עגמת נפש איהרע עלטערען, וועלכע האבען זיך שטארק געזארגט איבער איהר. דבורה פלעגט דארום זיך אנטהאן א כח און צייגען א מונטערען פנים. איהר נחמה האט זי געפונען אין לערנען תנ"ך, גמרא און מדרש. זי האט אויך אריינגעקוקט אין אנדערע ספרים. זי האט א באשטימטע צייט פון טאג אפגעגעבען צו לייענען די געשיכטע פון דער וועלט און פון אידען.

דבורה האט פון איהר קינדהייט געהאט צוויי חבר'טעס, וועלכע האבען אויך געהאט א סך געלערענט. זיי האבען געקענט גוט תנ"ך און גמרא, כאטש א סך ווייניגער ווי דבורה. אלע דריי פלעגען זיך אפט צוזאמענקומען און פאר־ברייגגען אין דברי תורה. נאך דאמאלס, ווען דבורה'ס מאן האט געלעבט, האבען די דריי פרויען געהאט געשאפען חברות פון יונגע פרויען, וואס פלעגען זיך צוזאמענקומען אמאל אין הויז פון איינער און אמאל אין הויז פון א צווייטער און פארברייגגען אין שמועסען וועגען די פליכטען, וואס אידישע פרויען האבען על פי תורה.

פון אט די צוזאמענקונפטען זיינען אויסגעוואקסען א סך חברות פון פרויען און די פעולה וואס זיי האבען געטהאן פאר דער גייסטיגער דערהוי־בונג פון די אידישע פרויען אין מינסק איז געווען גאר א גרויסע. ווען

דבורה איז געווארען אן אלמנה און האט פארלארען איהר לעצט קינד, האט זי זיך נאך מעהרער אפגעגעבען מיט אט די ווייבערשע חברות און האט זיך באמיהט אריינצוגעבען אין זיי מעהר און טיפערען אינהאלט. דאס רוב איז דבורה געווען די יעניגע וואס האט פאר די פרויען גערעדט און זיי אויפגע־קלערט אלע וויכטיגע ענינים. ווארום דבורה, מעהר ווי אימיצער אנדערש פון די פרויען, האט געקענט ריידען וועגען דעם גייסט פון אידישקייט מיט דעם געהעריגען וויסען און די נויטיגע אויטאריטעט.

דבורה איז אויף אזא אופן געווארען א בעל דרשן'טע פאר ווייבער. זי האט אין איהרע דרשות אריינגעגעבען איהר גאנץ הארץ און נשמה. זי האט וועגען אלע ענינים געקענט ריידען ניט נאר שעה'ן נאר אויך אינהאלטרייך. אויף דעם אופן האט זי דערווייל געשטילט דעם וועהטאג פון איהר איינזאמען און טראגישע לעבען. ווען זי פלעגט זיך צוריקקערען אהיים פון די אסיפות, פלעגט זיך דבורה איינשליסען אין איהר חדר און וויינען ביטער אויף איהר טרויעריגען גורל. זי האט פארבראכט שעה'ן אין תפילה, בעטענדיג דעם רבונו של עולם, אז אויב עס איז איהר ניט באשערט צו זיין א מוטער פון קינדער און א פרוי פון א מאן, זאל זי כאטש קענען טהאן א פעולה צווישען די אידישע פרויען.

נאכדעם ווי זי האט זיך גוט אויסגעוויינט, האט זי פארבראכט א געוויסע צייט אין לערנען גמרא אדער אין אריינקוקען אין א ספר, און אז זי האט זיך געפיהלט געשטארקט און געטרייסט, איז זי ארויס פון חדר און זיך צוזא־מענגעקומען מיט איהרע עלטערען. דבורה פלעגט דריי מאל א וואך לערנען "איוב", "קהלת" און "משלי". פון "איוב" האט זי געלערנט וועגען דעם אויבערשטען און זיין משפט און שטראף. פון "קהלת" האט זי געלערנט וועגען דער הבל הבלים'דיגקייט פון דער וועלט און דער ווערטהלאזיגקייט פון די תענוגים פון לעבען. פון "משלי" האט זי געלערנט די וועגען פון א גערעכ־טען און גייסטיגען לעבען. דבורה האט געקענט די דאזיגע דריי ספרים מיט אלע זייערע פרושים.

ר' צדוק משה האט פון סאמע אנפאנג געהאלטען אן אויג אויף דבורה'ן. ער האט זיך איבערצייגט, אז ניט נאר איז זי א גרויסע צדקת, נאר אויך א גרויסע בעלת מוח. א פאר וואכען איידער ער האט געדארפט פארלאזען מינסק, האט ער געהאט א שמועס מיט ר' שמואל נחום'ען. ער האט פאר איהם אנט־פלעקט דעם געדאנק וואס איז איהם שוין לאנג געקומען אין מח, אז דבורה וואלט געווען א גוטער שדוך פאר זיין בעל הבית, דעם גרוש ר' נחום'ן. ר' צדוק משה האט נאטירליך נאך געדארפט ריידען וועגען דעם מיט ר' נחום'ן. ער האט זיך אבער געקענט משער זיין, אז ר' נחום וועט מרוצה זיין צום שדוך. ער האט דערפאר געוואלט וויסען וואס ר' שמואל נחום האט וועגען דעם צו זאגען.

ר' שמואל נחום האט געהאלטען, אז פון זיין זייט וועט ניט זיין קיין מניעה. מען האט צוערשט זיך אבער געדארפט צוזאמענריידען מיט דבורה'ן. דבורה האט אבער געזאגט, אז זי קען ניט געבען קיין באשטימטען ענטפער, ביז וואנען זי וועט ניט האבען זיך געזעהן מיט ר' נחום'ן, וויל, האט זי

געזאגט, עס איז געגען דער תורה, אז מען זאל זיך משדך זיין אונטער די אויגען. דבורה האט דערביי געצייגט איהר לומדות, אנווייזענדיג, אז כאטש עס שטעהט "אסור לקדש אישה עד שיראנה" (אז מען טאר ניט מקדש זיין א פרוי ביז וואנען מען זעהט זי), מיינט דאס ניט נאר פאר'ן מאן; דאס געהט אויך פאר דער פרוי, האט דבורה געוואלט דרינגען. דער טעם פארוואס מען טאר ניט מקדש זיין אונטער די אויגען, האט זי געזאגט, איז באגרינדעט אויף דער מצוה "ואהבת לרעך כמוך", איז אבער די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" ניט פון יענע מצוות, וועלכע ווערען באצייכענט, אז זיי זיינען "תלויות בזמן", פון וועלכע פרויען זיינען פטור. דבורה איז דערפאר באשטאנען, אז עס זאל ניט זיין קיין רייד וועגען שדוך ביז וואנען זי וועט ניט האבען געזעהן ר' נחום'ן.

לח.

די דריי ברכות

דבורה'ס גרויס השפעה אויף איהר מאן און אויף די וויטעבסקער אידען. — די ברכות וואס ר' נחום האט זיך אויסגעקליבען.

צווישען פאטער און טאכטער האט זיך אנגעפאנגען א לאנגער ויכוח. ר' שמואל נחום האט געוואלט באווייזען זיין לומד'ישע טאכטער, אז עס איז דער אמת'ן ניט פארבאטען חתונה צו האבען מיט אימיצען איידער מען האט זיך געהאט געזעהן. דאס וואס עס שטעהט "אסור לקדש אישה עד שיראנה", האט ער געזאגט, מיינט נאר אז עס דארף ניט זיין אזוי, אבער דאס מיינט ניט אז מען טאר עס ניט. ר' שמואל נחום האט געבראכט ראיות פון רמב"ם און פון שולחן ערוך. אבער דבורה לאה האט צושלאגען אלע זיינע ראיות און האט באוויזען, אז עס איז פארבאטען. זי האט אויך אנגעוויזען אז אין מסכת „נדה" דף י"ז ווערט „אסור" באנוצט טאקע אין דעם זין און אנגעוויזען אויף דעם, וואס עס ווערט געזאגט אין „נדרים", דף כ', אז עס קומט ארויס א גרויסער קלקול פון דעם וואס מען האט חתונה, ניט קענענדיג איינער דעם צווייטען.

ר' צדוק משה, וועלכער איז ניט געווען קיין גרויסער למדן, האט אבער געקענט נאכפאלגען דעם לומדישען וכוח צווישען פאטער און טאכטער, און ער איז געווען פארגאפט. ער האט ערשט איצט געקענט באנעהמען די גייסטיגע מעלות פון דבורה'ן. אז ער איז צוריקגעקומען קיין וויטעבסק, האט ער זיין בעל הבית, ר' נחום'ען, דערצעהלט וועגען דער זעלטענער דבורה'ן און האט איהם צוגערעדט, אז ער זאל מאכען א נסיעה קיין מינסק און אנקוקען דער פרוי. ר' נחום איז געווען, מרוצה און נאך א באזוך אין מינסק איז דער שידוך צושטאנד געקומען און עס איז באלד געשטעלט געווארען חופה.

אויף דער עצה פון ר' צדוק משה'ן האט ר' נחום געשטעלט אלע זיינע עסקים אונטער דער אויפזיכט פון דבורה'ן און אלע חשבונות זיינען איהר איבערגעגעבען געווארען. אין משך פון עטליכע חדשים צייט איז דבורה שוין געווען געגוי באקאנט מיט די געשעפטען און האט דערביי ארויסגעצייגט גרויס

פארשטענדעניס. באזונדערס האט דבורה געצייגט איהר פריינטליכקייט און גוטהארציגקייט צו די פיעלע אנגעשטעלטע.

דבורה האט באהאנדעלט מיט גרויס איינזעהעניש יעדען איינעם, צי ער איז געווען ארים אדער רייך, צי ער איז געווען א למדן אדער אן עם הארץ. גלייכצייטיג האט זי געצייגט איהר גרויס פארעהרונג פאר בני תורה. איהר איינענעם ר' נחום'ען האט זי גאר הויך געשאצט און האט וועגען איהם שטענדיג גערעדט מיט יראת הכבוד. מיט איהר חכמה און גוטהארציגקייט האט זיך דבורה געקויפט א גוטען נאמען אין גאנץ וויטעבסק. אין משך פון א קורצער צייט האט זי שוין גענומען א גרויסען חלק אין אלע צדקה טהעטיגקייטען פון שטאט. זי האט זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון אזוינע מוסדות ווי הכנסת כלה, בקור חולים, מלביש ערומים און די מוסדות צו העלפען די ארימע און ליידענדיגע. אויך זייער איינען הויז האט באקומען א נייעם פנים. די טירען זיינען געעפענט געווארען פאר אלעמען און עס איז דארט באמת געווארען א בית ועד לחכמים.

ר' נחום האט ערשט אנגעהויבען איינזעהן וואס פאר א שאץ ער האט אריינגעקראגען אין דבורה'ן און ער האט איהר שטארק פארעהרט. פונדעסטוועגען האט ער ניט געענדערט זיין פריהערדיגע הנהגה און האט נאך אלץ זיך געהאלטען אפגעזונדערט פון מענשען. וואס איז שייך די געשעפטען, האט ער זיך מיט זיי ניט אינטערעסירט פריהער און ער האט זיך נאך וויניגער אינטערעסירט איצט, אז ער האט געוואוסט, אז דבורה גיט אויף אלץ אכטונג.

דבורה האט אבער געוואלט, אז איהר מאן זאל יא האבען א שטיקעל ידיעת וואס עס קומט פאר אין זיינע געשעפטען. זי האט מיט איהם וועגען דעם פרובירט א שמועס טהאן. זי האט געוואלט, אז ער זאל כאטש אריינקוקען אין די חשבונות. אבער ר' נחום האט דערקלעהרט, אז ער האט עס קיינמאל ניט געטהאן פריהער און וועט עס איצט אודאי ניט טהאן, ווייל ער פארלאזט זיך אין גאנצען אויף איהר.

דבורה איז פון דעם ניט געווען צופרידען. זי האט פארפיהרט מיט איהר מאן א ויכוח וועגען דעם אויב זיין הנהגה זיך אפצוזונדערען פון מענשען און ניט אפצוגעבען זיך מיט זיינע עסקים, איז די ריכטיגע. זי האט אנגעוויזען איהר מאן אויף די תנאים און אמוראים, וועלכע האבען געפונען צייט אויך פאר זייערע געשעפטען. דבורה האט דא ווידער ארויסגעצייגט איהר לומדות. זי האט איהר מאן אנגעוויזען אויף דעם וואס עס ווערט דערצעהלט אין תענית דף ט' וועגען ר' דניאל בר קטינא, וועלכער פלעגט יעדען טאג געהן אין זיין גארטען דארט אכטונג צו געבען וואס עס דארף געטהאן ווערען. זי האט אויך געבראכט דאס, וואס עס ווערט דערצעהלט אין נדרים דף ס"ב וועגען רב אשי, אז ער האט פארקויפט זיין וואלד צו די וואס האבען געדינט צו פייער, דערקלעהרענדיג אז דאס איז ניט קיין ענין פון עבודה זרה ווייל האלץ ווערט געוויינלאך סאי ווי פארברויכט צו הייצען. זי האט איהם אויך אנגערופען אנדערע תנאים און אמוראים, וואס האבען זיך דערוואַרבען פארמעגענס אדער האבען זיי געקראגען בירושה און זיינען ניט אין גאנצען געווען אפגעשטאנען

פון דער וועלט. זי האט פארענדיגט מיט דעם מאמר חז"ל, אז "תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה".

ר' נחום איז געווען שטארק פארוואונדערט פון זיין פרוי'ס גרויסע לומדות. ער האט עס נאך אליין ניט געהאט געוואוסט. ער איז אבער באשטא־נען, אז זיין דרך איז דער ריכטיגער און דערקלעהרט, אז דער קראקאווער פרוש, וועלכער איז געווען זיין רבי, האט געהאט געטייטשט די משנה וועגען מלאכה, אז דאס מיינט מלאכה איז עבודת הבורא. דבורה האט איצט אנגעהויבען ריידען אפטער צו איהר מאן און טאקע זיך מיט איהם מתוכח געווען אין תורה. יעדעס מאל האט זי ביי ר' נחום'ען ארויסגערופען אלץ גרעסערע פארוואונדערונג. ער האט קוים געוואוסט, אז דבורה האט יעדען טאג אין געהיים געלערנט א שיעור גמרא און אז זי האט שוין צום צווייטען מאל געהאלטען אין איבערגעהן ש"ס.

דבורה האט דערוייל אויך מודיע געווען איהר מאן, אז זי האט געגנוי אריינגעקוקט אין די ביכער, וואו עס איז געווען פארשריבען די סכומים צדקה וואס זיינען אין משך פון די אלע יאהרען פארטיילט געווארען. זי האט אבער געהאט א טענה וואס עס איז אין ערגעץ ניט געווען פארשריבען, אז ר' נחום איז נאכגעקומען דעם דין און פארטיילט מעשר. זי האט דערביי זיך אריינגעלאזט אין א פלפול צו באווייזען וואס דער דין פאדערט, אז עס זאל דערביי געטהאן ווערען.

ר' נחום האט געמוזט מודה זיין, אז ער האט קיינמאל וועגען דעם ניט נאכגעטראכט און אז איצט איז שוין צו שפעט צו מאכען די חשבונות און באשטימען וויפיעל עס דארף אוועקגעגעבען ווערען אויף צדקה. דבורה האט אבער דערקלעהרט, אז עס איז גארניט קיין אוממעגליכקייט. גראד זיינען די חשבונות פון די אלע יאהרען, זינט ר' נחום האט גע'ירשן'ט דעם גרויסען פארמעגען פון זיין פאטער, געווען אין גוטען ארדנונג. מען האט נאר גערארפט זיך נעהמען די מיה און געגנוי אויס'חשבון'ען, כדי אויסצוגעפינען וויפיעל עס דארף אוועקגעגעבען ווערען אויף צדקה לויט ווי דער דין באשטימט.

דבורה, וועלכע איז אליין געווען א גרויסע בעל חשבון'טע, האט זיך גע־נומען צו דער ארבייט און איז וואכען נאכאנאנד געזעסען און געהאלטען אין חשבון'ען. ווען זי איז מיט די חשבונות פארטיג געווארען, האט זי צוגע־שטעלט ר' נחום'ען א צעטעל וויפיעל ער דארף אפגעבען פאר צדקה און ר' נחום האט געטהאן ווי דבורה האט געהייסען.

אין יאהר תי"ד האט אויסגעבראכען די מלחמה צווישען די פאליאקען און די רוסען און איז געפאכטען געווארען צווישען וויטעבסק און סמאלענסק. די מלחמה האט אנגעהאלטען דרייצעהן יאהר צייט. אין משך פון אט דער מלחמה זיינען די אידישע סוחרים אין וויטעבסק נתעשר געווארען דורך צושטעלען פראוויאנט און פארשידענע מאטעריאלען צו דער ארמיי. אין יאהר תכ"ז האט גענעראל שערעמעטיעוו פארנומען וויטעבסק און האט ארעסטירט די מעהרסטע סוחרים פון שטאט און זיי פארשיקט טיף אין רוסלאנד. דריי יאהר זיינען אט די געפאנגענע אידען פון וויטעבסק געהאלטען געווארען פון די רוסען, אבער זיי זיינען שפעטער דערלויבט געווארען צוריקצוקעהרען אהיים.

אבער ניט די מלחמה און ניט קיין אנדער געשעהעניש האט אזוי גע־

ווירקט אויף'ן גאנג פון דעם אידישען לעבען אין וויטעבסק ווי דאס וואס דבורה איז געווארען איינע פון די גייסטיגע פיהרערינס פון שטאט. א דאנק דבורה'ן האבען אין וויטעבסק אנגעהויבען אויפצובליהען די מוסדי הצדקה און די מוסדי התורה. וויטעבסק איז בכלל ביז דבורה'ס צייט געווען א שטאט מיט גאר ווייניג לומדים. וואס איז שייך די פרויען זיינען זיי געשטאנען אויף גאר א שפל'ען גייסטיגען מצב. דבורה וואס האט אזוי גוט געקענט מינסק און איהרע פרויען, האט געפיהלט די ירידה פון וויטעבסק.

ר' נחום, וועלכער האט בכלל זיך ווייניג אינטערעסירט מיט דעם וואס עס קומט פאר ארום איהם, איז ווייטער געגאנגען זיין דרך און דבורה האט באגריפען, אז זי וועט שוין איהר מאן ניט איבערמאכען און אז ער וועט בלייבען אפגעשלאסען פון דער וועלט. אויב דבורה האט עפעס געוואלט דערגרייכען, האט זי עס אלץ געזאלט אליין טהאן. זי איז געווען שטארק פארנומען מיט זיך אליין. ווארום אחוץ די געשעפטען אויף וועלכע זי האט געהאט די אויפזיכט, האט זי ביי איהר מאן אין הויז געהאט געפונען איינע פון די גרעסטע ביבליאטעקען אין יענער צייט. דאס איז געווען א זאמלונג פון ביכער און ספרים, וואס זיינען איבערגעגאנגען פון טאטען צו זוהן אין משך פון עטליכע דורות.

דבורה, מיט איהר גרויסען דארשט פאר וויסען, האט איצט פאר זיך געהאט אן אומדערשעפליכען קוואל פון וואנען צו שעפען נייע ידיעות. האט דבורה זיך אפגעגעבען שעה'ן לאנג מיט לייענען און לערנען אין אט דעם גרויסען גייסטיגען אוצר פון איהר מאן וואס איז ביי איהר געווען נאך טייערער ווי זיינע גשמיות'דיגע אוצרות.

איינע פון די אויפגאבען וואס דבורה האט גענומען אויף זיך, איז געווען צו דערהויבען דעם גייסטיגען מצב פון די אידישע פרויען אין וויטעבסק. זי האט שוין געהאט געשאפען פארשידענע ווייבערשע חברות וואס האבען זיך אפגעגעבען מיט צדקה ענינים, ווי צו באזארגען יתומים און יתומות און צו העלפען ארימע און קראנקע. דבורה האט אבער אויך געוואלט אז די פרויען זאלען זיך מעהר באקאנען מיט אידישע ענינים.

האט זי ביי יעדע געלעגענהייט, ווען זי פלעגט זיך צוזאמענקומען מיט פרויען וועגען צדקה ענינים, פאר זיי געהאלטען לענגערע דרשות וואס זיינען געווען דורכגעוועבט מיט פארשידענע מאמרי חז"ל און אגדות. זי האט זיך שטארק באמיהט זיך צו מאכען פארשטענדליך און אפעלירען צו די ווייבערשע הערצער.

דבורה האט זיך דערביי באנוצט מיט'ן טייטש-חומש און מיט אנדערע ספרים אויף מאמע-לשון וואס זיינען שוין געווען געדרוקט אין יענער צייט, טאקע הויפטזעכליך פאר ווייבער. דער עיקר איז געווען, וואס דבורה האט בייגעטראגען פון איהר אייגענעם גרויסען קוואל פון וויסען, איבערגעבענדיג אלץ איז א פשוט'ער שפראך וואס יעדע פרוי האט געקענט פארנעהמען. אין גאר א קורצער צייט האט דבורה שוין געהאט אין וויטעבסק א גרעסערע גרופע פרויען וואס האבען זיך ספעציעל אפגעגעבען מיט לערנען פארשידענע למודים אויף מאמע-לשון. דבורה איז געווען זייער רביצין און וועג-ווייזעריז.

דבורה האט אבער געהאט א פיעל ווייטערען בליק. זי האט געוואלט מא

כען די אפגעשטאנענע וויטעבסק פאר א שטאט פון תורה און תלמידי חכמים. וויטעבסק האט צו יענער צייט געהאט א קליינע און אומבאדייטענדע ישיבה, וואו די מעהרסטע תלמידים זיינען געווען שטאטישע און זעהר ווייניג פון אויסערען שטאט, פון דער ארומיגער סביבה. די באציהונג צו די ישיבה בחורים איז אין וויטעבסק אויך געווען א גאר אנדערע ווי אין מינסק. אין מינסק, ווי אין א סך אנדערע אידישע קהלות, האט מען אין יעדען הויז גע-האט איינעם אדער מעהר ישיבה בחורים וועמען מען האט געגעבען, דאס וואס עס איז געווען באקאנט אלס "טעג". די טעג-עסער זיינען אויף דעם אופן געווען באזארגט מיט זייער עקזיסטענץ. ביי דבורה'ן אין הויז, פריהער אין איהר פאטער'ס הויז, און נאכהער אין איהר אייגען הויז, האט מען שטענ-דיג אויסגעהאלטען צו עטליכע ישיבה בחורים אין דער וואכען און שבתים און ימים טובים.

דבורה האט פון איהר סאמע יוגענד זיך אפגעגעבען מיט צוגרייטען די מאלצייטען פאר די דאזיגע טעג-עסער. זי האט תמיד געהאט גרויס יראת הכבוד פאר אט די יונגע בני תורה וואס פלעגען פאר זייערע מאלצייטען קו-מען צו זיי אין הויז. דבורה פלעגט אפילו פרובירען מיט זיי כאפען א שמועס אין תורה, וועלענדיג צייגען איהר אייגענע קענטעניס און דער עיקר, עפעס הערען א דבר תורה פון די בחורים.

אין וויטעבסק האט מען פון אזוינע זאכען ניט געוואוסט. ערשטענס, דערפאר וואס דארטען זיינען בכלל געווען צו ווייניג ישיבה בחורים וועלכע מען זאל דארפען באזארגען מיט "טעג", און צווייטענס, דערפאר וואס די מענשען דארט זיינען געווען ווייניגער פאראינטערעסירט אין אזוינע ענינים. האט דבורה אנגעהויבען אליין איינפיהרען אט דעם פיינעם אידישען מנהג פון באזארגען ישיבה בחורים מיט "טעג". עס זיינען אבער אין וויטעבסק נאך געווען ווייניג טעג-עסער. האט דבורה דערפאר באשלאסען צו מאכען וויטעבסק פאר א שטאט פון לערנער.

זי האט וועגען דעם זיך דורכגערעדט מיט איהר מאן און ביי איהם גע-פועל'ט, אז ער זאל אויף זיין חשבון שיקען א פינף-זעקס אויסערוועהלטע וויטעבסקער ישיבה בחורים אין די באוואוסטע ישיבות פון יענער צייט, ווי אין קראקע און פראג. אט די דאזיגע יונגע לייט, האט דבורה געהאלטען, וועל-לען שפעטער, ווען זיי וועלען צוריקקעהרען פון יענע ישיבות, באלאדען מיט תורה, זיין די פיאנערען פון א דור פון תורה-אידען אין וויטעבסק. ר' נחום, איהר מאן, איז אויף דעם געווען מרוצה. דבורה האט אויך ביי איהם גע-פועל'ט, אז ער זאל שיקען א ספעציעלען שליח קיין מינסק, סלוצק, בריסק און ווילנע און דארט אויסקליבען צעהן פון די בעסטע לומדישע יונגע לייט וועל-כע זאלען מיט זייערע ווייבער און קינדער געבראכט ווערען קיין וויטעבסק און ווערען די פארשפרייטער פון תורה צווישען די וויטעבסקער אידען.

פאר אט דער שליחות האט ר' נחום אויסגעקליבען דעם גאון ר' משה, דעם זוהן פון זיין אמאליגען רבי'ן, ר' יקותיאל זלמן פון קראקע. ער האט איהם געזאגט, אז בעת די יונגע לייט, וואס ער וועט ארונטערבריינגען קיין וויטעבסק וועלען מיט אלע זייערע באדערפענישען זיין באזארגט, זאל עס אבער בלייבען א סוד ווער עס האלט זיי אויס. אן אנדער תנאי, וואס ר' נחום

האט געשטעלט, איז געווען, אז די דאזיגע יונגע לייט זאלען אין וויטעבסק זיך באזעצען יעדער אין א באזונדערען טייל שטאט און איינפיהרען פארשידענע שיעורים פאר'ן עולם. אין אנדערע ווערטער, זיי האבען געזאלט ווערען די רביים פון פאלק. אויב, האט ר' נחום ווייטער אויסגענומען, עס וועלען זיך געפינען אין וויטעבסק אנדערע אידען וואס וועלען די דאזיגע יונגע לייט וועלען צאהלען פאר אפגעבען זיך מיט תורה ענינים, זאלען אט די געלדער אפגעגעבען ווערען פאר צדקה, ווייל ער האט דורכאויס געוואלט, אז די יונגע לייט זאלען אויסגעהאלטען ווערען אויף זיין חשבון.

עס האט ר' משה'ן גענומען אכט-ניין חדשים צו דערפילען זיין שליחות און קיין וויטעבסק ארונטערגעבראכט די צעהן יונגע לייט. אין משך פון דער צייט זיינען קיין וויטעבסק אנגעקומען אויך אנדערע לומדישע יונגע לייט, איינער פון זיי, א געוויסער ר' אפרים שמחה. עס האט דאן לאנג ניט גענומען און איבער וויטעבסק האט זיך אנגעהויבען טראגען דער קול פון תורה. פארשידענע שיעורים זיינען געשאפען געווארען אין אלע טיילען שטאט, און אידען, יונגעלייט אזוי גוט ווי עלטערע, זיינען געזעסען ביי די דאזיגע שיעורים און געלערנט מיט התמדה.

צעהן יאהר איז געווען אוועק זינט דבורה איז געווארען ר' נחום'ס ווייב און אין וויטעבסק איז פארגעקומען א גרויסע ענדערונג. ר' נחום אליין האט זיך א סך געענדערט, א דאנק די השפעה וואס דבורה האט אויף איהם געקראגען. ער איז שוין מעהר ניט געווען אפגעשלאסען פון דער וועלט. פון צייט צו צייט האט ער פארבראכט שמועסענדיג מיט די תלמידי חכמים וואס זיינען געקומען צו זיי אין הויז. ר' נחום האט אפילו זיך שוין אויך אנגעהויבען אינטערעסירען מיט די עסקים זיינע און האט פון צייט צו צייט אין זיי אריינגעקוקט. אגב איז זיין פארמעגען, דורך אט דער צייט, שטארק געוואקסען.

דבורה האט דערווייל אויך געטהאן א גרויסע פעולה מיט די ווייבער מיט וועלכע זי האט געלערנט. אין דער אמת'ען זיינען עס געווען די גליקליכסטע יאהרען אינ'ם לעבען פון ר' נחום'ן און דבורה'ן. זייער גליק איז אבער נאך ניט געווען פאלקאם: זיי זיינען ניט געווען געבענשט מיט קיין קינדער. ביידע האבען שטארק געגארט א קינד. באזונדער איז ר' נחום געווען בעזארגט איבער דעם. ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאהרען.

איין מאל איז צו זיי אין הויז פארפאהרען אן אורח. דאס איז געווען דער באוואוסטער צדיק און מקובל ר' משה גרשון, א תלמיד פון דעם גאון ר' אליהו, באקאנט אין יענער צייט אלס דער בעל שם פון ווארמייזע (ווארמס). א סך יאהרען האט דער דאזיגער ר' משה געלערנט אין דער ישיבה פון דעם בעל מופת ר' פנחס אין פולדא. דער דאזיגער ר' משה גרשון האט זיך שטארק איינגעקויפט אין לאסקע ביי ר' נחום'ן. ר' נחום פלעגט מיט איהם פארברייננען אין תורה און האט אויך פאר איהם אנטפלעקט די אינערליכסטע געפיהלען פון זיין הארצען. אט אזוי האט ר' נחום פאר איהם אנטפלעקט דאס וואס האט איהם פארשאפט אזוי פיעל עגמת נפש, — דאס וואס ער איז נאך נישט געבענשט געווארען מיט קיין קינד.

ר' משה גרשון האט דערקלעהרט ר' נחום'ן, אז אייגענטליך קען קיין מענש ניט ערווארטען צו האבען אלץ וואס ער באגעהרט אין לעבען, באזונדער

סען א מענש ניט דערוואַרטען צו זיין געבענשט מיט די דריי ברכות: קינדער, עשירות און אריכת ימים.

— השם יתברך האַט אייך געבענשט מיט עשירות און אריכת ימים, — האַט דער בעל מקובל געזאָגט ר' נחום'ן, — איהר זייט דערפאַר ניט ראוי צו האָבען די דריטע ברכה — קינדער. אויב איהר ווילט דוקא האָבען קינדער וועט איהר מוזען זיך אָפּזאָגען פון איינע פון די צוויי ברכות מיט וועלכע איהר זייט שוין געבענשט.

אויף ר' נחום'ן האָבען די דאָזיגע רייד געמאַכט א גוואַלדיגען רושם און ער האָט זיך אָפּגעשלאָסען פאַר א געוויסע צייט פון מענשען כדי זיך גע־נויער צו פאַרטראַכטען וועגען דעם. ער האָט איצט געזאָלט מאַכען א וויכטי־גען אויסוואַהל. נאָך עטליכע טעג טראַכטען, איז ער געקומען צו דער מסקנא, אז ער מוז זיך אָפּזאָגען פון איינע פון די צוויי ברכות מיט וועלכע ער איז געווען געבענשט — עשירות און אריכת ימים (ר' נחום איז דאַמאָלס שוין געווען איבער זעכציג יאָהר) — כדי צו ווערען געבענשט מיט א קינד. ר' נחום האָט דאַן וועגען זיין החלטה געלאָזט וויסען דעם בעל מקובל און יענער האָט איהם געגעבען זיין ברכה אז זיין וואונש וועט מקוים ווערען, און איז אוועק פון וויטעבסק.

עס איז נאָך ניט אוועק קיין יאָהר פון דעם טאָג, וואָס דער מקובל האָט איהם געגעבען זיין ברכה און דבורה האָט אין א געוויסען טאָג דערפיהלט אז זי שוואַנגערט. זי האָט אָבער וועגען דעם ניט געוואָלט דערצעהלען איהר מאַן, מורא האָבענדיג, אז טאָמער וועט מיט'ן קינד אונטער איהר הארצען חלילה פּאַסירען דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהרע קינדער פון ערשטען מאַן — עס וועט ניט האָבען קיין אריכת ימים.

לט.

מוטער און טאָכטער

דער נאָמען פון דער טאָכטער וואָס איז פאַראייוויגט געוואָרען דורך א ישיבה און די מוטער וואָס האָט זיך פאַראייביגט איהר נאָמען דורך איהרע מעשים טובים. — דער גרעאַטעוועטער.

דריי חדשים זיינען געווען פאַרגאַנגען זינט דבורה האָט דערפיהלט אז זי דאַרף ווערען מוטער. זי האָט דעם סוד שוין מעהר ניט געקענט באַהאַלטען פון איהר מאַן. האָט זי מיט פרייד דערצעהלט ר' נחום'ן וועגען דעם. ר' נחום האָט די גוטע בשורה אויפגענומען מיט שמחה, אָבער ער האָט בשעת מעשה דערפיהלט א טיאַכקע אין הארצען: ער האָט געוואוסט, אז דאָס מיינט זיין סוף. וואָרום ער האָט גוט געדענקט וואָס דער בעל מקובל, ר' משה גרשון, האָט איהם געזאָגט. גראָד זיינען זיינע עשירות געוואַקסען. עס האָט דערפאַר ניט געקענט זיין אנדערש ווי אז ער זאָל איצט דאַרפען אוועק פון דער וועלט.

ר' נחום האָט אָבער וועגען דעם ניט געוואָלט דערצעהלען זיין ווייב. וואָרום זאָל ער זי מצער זיין? האָט ער אנגעהויבען זיך אויף דאָס ניי אָפּזונ־

דערען פון מענשען און האט פארבראכט טעג און נעכט אין תשובה, אין תפלה און אין תורה. ער פלעגט א סך וויינען און יעדען טאג זאגען וידוי. אבער אז ער פלעגט ארויסקומען פון זיין חדר מיוחד, האט ער פרובירט זיין פרעהלאך און מונטער, ניט וועלענדיג, אז דבורה זאל עפעס חושד זיין.

מיט יעדען טאג האט ר' נחום געפיהלט ווי זיינע כחות גערען איהם אוים. עס זיינען אוועק צוויי חדשים און ער האט דערפיהרט גרוים שוואכקייט. אין משך פון אייניגע טעג צייט איז ער נפטר געווארען.

אויפ'ן נײַנטען חודש האט דבורה געבארען א קינד — א מיידעלע, און זי האט איהר א נאמען געגעבען נחמה — נאך איהר מאן ר' נחום.

לויט דער צוואה וואס ר' נחום האט איבערגעלאזט איז דער פארמעגען צעטיילט געווארען אין דריי חלקים. איין חלק איז איבערגעלאזט געווארען פאר צדקה און האט געדארפט צעטיילט ווערען לויט דעם וואונש פון דער אלמנה. דער צווייטער חלק איז אפגעשריבען געווארען פאר דבורה'ן, און דער דריטער חלק פאר'ן קינד, וואס האט געדארפט געבארען ווערען. ר' נחום האט אויך איבערגעלאזט א פארזיגעלטען בריעף מיט'ן אנזאג, אז דאס זאל גע־עפענט ווערען אין דעם טאג ווען דאס קינד וועט ווערען בר מצוה.

דבורה האט דערצויגען נחמה'ן אין דעם זעלבען גייסט ווי זי אליין איז דערצויגען געווארען. זי האט פון נחמה'ס פריהעסטער יוגענט איהר געלערנט תורה, האלטענדיג פאר איהר ספעציעלע מלמדים.

עס זיינען שוין געווען אוועק פינף־און־צוואנציג יאהר זינט דבורה איז געקומען קיין וויטעבסק און א גרויסע ענדערונג איז פארגעקומען אין דעם גייסטיגען מהות פון שטאט. די צאהל תלמוד תורה'ס איז א סך געוואקסען. געוואקסען איז אויך די צאהל תלמידים אין דער ישיבה.

א גרויסע ענדערונג איז אויך פארגעקומען אין דעם גייסטיגען מצב פון די פרויען. די מעהרסטע פרויען האבען שוין געקענט אליין דאווענען. א סך האבען אפילו פארשטאנען פירוש המלות. מיט דער הילף פון דעם צאינה וראינה און מיט דער הילף פון די פארשידענע תחינות אין אידיש האבען די ווייבער אנגעהויבען זיך באקאנען מיט די וויכטיגסטע אידישע ענינים.

ווען נחמה איז געווארען בר מצוה האט זי שוין געהאט א גאר פיינע ידיעה אין אידישע למודים. עס איז דאן געווען די צייט צו עפענען דעם פאר־חתם'עטען בריעף וואס ר' נחום האט געהאט איבערגעלאזט. אין דעם דאזיגען בריעף האט דער נפטר דערצעהלט וועגען דער ברכה פון דעם בעל מקובל, וואס האט אויך געמיינט, אז ער, ר' נחום, דארף אוועק פון דער וועלט. ר' נחום האט דארט אנגעזאגט, אז דבורה זאל גרינדען א ישיבה אויפ'ן נאמען פונ'ם קינד און אז די ישיבה זאל אויפגעהאלטען ווערען פונ'ם פארמעגען וואס ער האט איבערגעלאזט פאר'ן קינד.

אין דעם יאהר תנ"ז איז אין דעם טייל וויטעבסק, וואס איז באקאנט אלס "דער גרויסער זייט" געעפענט געווארען א ישיבה אויפ'ן נאמען פון "נחמה ר' נחום טעוועל'ס", וועלכע איז פון די ווייבער אין שטאט אויך גע־רופען געווארען "נחמת דבורה'ס ישיבה" אין אנערקענונג פון דער אלמנה.

צווישען די גרויסע לומדים אין וויטעבסק אין יענער צייט איז געווען ר' שמחה זעליג, וועלכער איז אויך גערופען געווארען דער סטאוויסקער

עילוי. פאר צעהן יאהר צייט איז ער געזעסען אין יחידות און זיך עוסק גע־
ווען אין תורה. דער דאזיגער עילוי איז אויפגענומען געווארען ווי דער ראש
פון דער ישיבה, וואס האט געטראגען דעם נאמען פון ר' נחום'ס יתומה. עס
זיינען קוים אוועק צוויי יאהר צייט און די ישיבה האט שוין געהאט הונדערט
און דרייסיג תלמידים מיט דריי ראשי הישיבה. אבער ר' שמחה זעליג איז
לאנג ניט געבליבען דער ראש פון דער ישיבה. ער האט זיך צוריקגעצויגען
דערקלעהרענדיג, אז ער וויל בעסער פארברייענגען אין יחידות.

אבער מיט אלעם דעם האט וויטעבסק זיך נאך אלץ ניט געקענט פאר־
גלייכען מיט מינסק ווי א מקום תורה. זי האט זיך אויך ניט געקענט פארגליי־
כען מיט סלוצק און בריסק, וואו עס האבען זיך געפונען ישיבות, און אודאי
ניט מיט ווילנע, וועלכע איז שוין צו יענער צייט געווען א עיר ואם בישראל.
וואס איז שייך מינסק האט זי משפיע געווען אז תורה זאל פארשפרייט ווע־
רען אין דער גאנצער געגענט ארום. די ישיבות אין אזוינע שטעט ווי סמילא־
וויטש און סמארגאן זיינען געשאפען געווארען דורך די תלמידים וואס הא־
בען געלערנט אין די מינסקער ישיבות.

ווען מינסק און איהרע ישיבות ווי אויך וועגען מינסק ווי א שטאט,
וואס האט משפיע געווען אויף אנדערע שטעט, האט ברוך ערשט זיך דער־
וואוסט ווען ער איז געקומען אויף פסח צו דעם שמיד, ר' אליעזר ראובן'ען
אין דאבראמיסל. ברוך האט דארט זיך אויך דערוואוסט וועגען דער וויכטי־
גער ראל וואס זיין זיידע, וועלכער האט געוואוינט אין מינסק, האט דארט
געשפילט. א געדאנק איז ברוך'ן דאמאלס אריין אין קאפ, אז ער זאל ביי
דער ערשטער געלעגנהייט באזוכען מינסק. ברוך, וועלכער האט די גאנצע
צייט זיך געהאט דערווייטערט פון זיין משפחה, האט איצט באקומען א תשוקה
זיך צו איהר צו דערנעהנטערען. ער האט אויך געקראגען א באגעהר צו דער־
געהן מעהר פרטים וועגען זיין מוטער, וועלכע איז געשטארבען, ווען ער איז
געווען א קליין קינד און וועלכע איז, ווי ער האט געדענקט, געווען א גרויסע
מלומדת.

יענעם פסח, וואס ברוך האט פארבראכט ביי דעם שמיד אין הויז, האט
ער ניט נאר א סך געלערנט וועגען דער וועלט און איהרע מענשען, נאר אויך
וועגען דעם מערקווירדיגען ר' אליעזר ראובן'ען אליין. דער דאזיגער אליעזר
ראובן האט זיך נוהג געווען, אז יעדען פרייטאג, סיי ווינטער און סיי זומער,
זאל ער אוועקלייגען די ארבייט און פארמאכען די קוזניע א שעה פאר מיטאג.
אלע פויערים פון די ארומיגע דערפער האבען שוין געוואוסט אז "ראובקע",
ווי זיי האבען דעם שמיד גערופען, וועט ניט טהאן קיין ארבייט נאך יענער
שעה. זיי פלעגען דערפאר קומען פרייטאג גאנץ פריה, נאך איידער ר' אליעזר
ראובן, האט זיך צוריקגעקעהרט פון ערשטען מנין און זיי האבען אויף איהם
געווארט מיט די פארשידענע ארבייטען וואס זיי האבען פון איהם געדארפט

ר' אליעזר ראובן האט זיך אויך נוהג געווען, אז באלד ווי ער האט,
פרייטאג פאר מיטאג, אוועקגעלייגט די ארבייט, האט ער יעדען פויער, וואס
איז געווען אין קוזניע מכבד געווען מיט א גלעזעל משקה און א שטיקעל
לעקאך. ער פלעגט זאגען: זאלען אויך די גוים וויסען אז מיר האבען א
הייליגען שבת.

אפגעפארטיגט זיך מיט דעם, איז ער אוועק אין מרחץ און אז ער איז צוריקגעקומען, האט ער זיך פאר א שעה אדער צוויי געלייגט אפרוהען און דאן זיך גענומען מכין זיין פאר דעם הייליגען שבת מיט גרויס כוונה און מיט גרויס דבקות.

ר' אליעזר ראובן איז געווען הויך געוואקסען און מיט א הדרת פנים. ער האט געהאט א שניי ווייסע בארד און א לייכטער שמייכעלע האט תמיד געשוועבט אויף זיינע ליפען, צוגעבענדיג איהם גרויס חן. ווען ער האט זיך פרייטאג פארנאכט אנגעטהאן אין זיינע שבת'דיגע מלבושים, אז אויסגעוואשענער און אן אויסגעקאמטער, האט ער אויף יעדערען, וואס האט איהם אנגעקוקט, געמאכט א טיפען רושם.

דעם פרייטאג, ערב שבת הגדול, האט ר'אליעזר ראובן, ווי תמיד, אוועקגעלייגט די ארבייט פאר פריה און איז אוועק אין מרחץ אריין, מיטנעהמענדיג מיט זיך זיין איידעמ'ס א ברודערל, דעם ניין יעהריגען ישראל חיימ'ן, וועלכער איז אויך געקומען צום שמיד אויף פסח. א לייננערע צייט איז אוועק און ר' אליעזר ראובן איז נאך ניט געווען צוריק. באלד איז אבער אנגעקומען דאס אינגעל ישראל חיים און האט דערצעהלט, אז בעת זיי זיינען געווען אין מרחץ האט עפעס פאסירט: א געשריי האט זיך צוטראגען איבער'ן מרחץ, אז דער רב פון שטאט, וואס איז דארט אויך געווען, האט גע'חלש'ט. עס איז געווארען א בהלה. דער שמיד און דאס אינגעל האבען זיך שנעל אנגעטהאן און, צוזאמען מיט א גרויסען עולם, זיינען זיי געלאפען אין בית המדרש זאגען תהילים. ישראל חיים האט אויך דערצעהלט אז ר' אליעזר ראובן איז מיט נאך אידען אוועק אויפ'ן בית הקברות, און איהם, דעם אינגעל, געהייסען צוריקגעהן אהיים.

מעהר האט מען פון אינגעל ניט געקענט ארויסקריגען און ברוך מיט איינעם פון דעם שמיד'ס איידעמס זיינען אוועק אין שטעטעל אריין אויסצוגעפינען וואס אזוינס עס האט דארט פאסירט. עס איז געווען א געשעהעניש וואס האט אלעמען געהאט אויפגערודערט. ווארום דער רב פון דאבראמיסל איז געווען ניט אבי־ווער. יעדער האט געוואוסט זיין גרויסען יחוס און זיין מערקווירדיגע פארגאנגענהייט.

דער רב פון דאבראמיסל איז געווען ר' זבולון מרדכי, וועלכער האט גע'ירשנ'ט דעם כסא הרבנות פון זיין שווער ר' גבריאל'ן. ער איז געווען שטארק באליעבט ביי דער קהלה און ווען דער אומגליק האט פאסירט יענעם פרייטאג, ערב שבת הגדול, און דער רב איז פלוצלונג פאראליזירט געווארען אין מרחץ, איז אין שטעטעל געווארען א בהלה.

עס איז געווען נאהענט צו ליכט־בענשען, און עס איז צוטראגען געווארען די בשורה אז דער רב האט געעפענט די אויגען און אז ער דערקענט שוין די מענשען ארום איהם. אויך זיין לשון האט זיך צוריקגעקעהרט, כאטש ער האט נאך אלץ גערעדט מיט גרויס שוועריגקייט. ער איז אבער נאך אלץ געווען פאראליזירט אויפ'ן גאנצען גוף. דער רב האט גערופען צו זיך דעם דיין, ר' דוד משה'ן און זיין אייניקעל, ר' שלמה'ן, און האט געבעטען אז ר' שלמה זאל זאגען די דרשה אין שוהל שבת הגדול און אז דער דיין זאל איהם העלפען

צוגרייטעז די דרשה איז וועלכער מען האט, ווי דער שטייגער איז געווען, גע־דארפט זייגען אמת'ע לומדות.

דער פאראליזירטער רב האט אויך אויסגעדריקט דעם פארלאנג, אז א מנין אידען זאלען געהן אין בית המדרש און בעטען מחילה ביי איינע פון די ספרי תורה, און דאן איהר איינוויקלען אין א טלית און איהר ברייגנען, אין באגלייטונג פון דעם מנין אידען, צו איהם אין הויז כדי מען זאל דארט קענען דאווגען בצבור. זיין גאנצען לעבען, האט דער רב דערקלעהרט, האט ער ניט פארפעהלט צו דאווגען בצבור. האט ער אויך ניט געוואלט פארפעהלען אפילו ווען ער איז געלעגען אין בעט א פאראליזירטער.

דער דיין און זיין אייניקעל האבען דערפילט דעם רב'ס בקשה און זיי האבען אויסגעקליבען די ספר תורה וועלכע איז אין דאבראמיסל געווען באַ־קאנט אלס "דעם רייכען יתום'ס ספר תורה" אדער "ר' אלימלך דעם חסיד'ס ספר תורה". א מערקווירדיגע געשיכטע איז געווען פארבונדען מיט אט דער ספר תורה.

עס איז געווען אין יאהר ת"ז. אין דאבראמיסל האט זיך באזעצט א איד מיט'ן נאמען ר' ישעיה שלמה. ער איז געווען רייך און האט געבראכט מיט זיך א פרוי און קינד, א אינגעל פיער יאהר אלט. ער האט אויך געהאט מיט זיך זיין קרוב ר' נפתלי, וועלכער האט געדיענט ווי זיין ארויסהעלפער. מען האט גערעדט, אז דער דאזיגער ר' ישעיה שלמה איז געווען פון די פארטריי־בענע אידען פון שפאניען. אנדערע האבען געזאגט, אז ער איז געקומען פון דייטשלאנד און האט געהערט צו די פארטריבענע אידען פון פראנקפורט.

פיער יאהר שפעטער איז ר' ישעיה שלמה נפטר געווארען, און זיין קינד, אלימלך, איז דערצויגען געווארען פון ר' נפתלי'ן. דאס קינד האט באלד פון אנפאנג ארויסגעוויזען גרויסע כשרונות און האט געהאט גרויס חשק צום לערנען. אז ער איז געווארען בר מצוה האט ער זיך פלוצים פארנומען אויף א נייעם דרך: ער האט אנטזאגט צו רײדען דברי חול און האט זיך בכלל גע־האלטען אפגעזונדערט פון מענשען. אלע רייד פון זיין קרוב און דערציהער, ר' נפתלי'ן, ווי אויך די רייד פון זיינע מלמדים, האבען ניט געהאלפען

ווען ער איז אונטערגעוואקסען האט ער זיך משדך געווען מיט אן ארימע יתומה, ווארים מיט קיין אנדערע האט ער ניט געוואלט חתונה האבען. פינף יאהר איז ער געווען פארהייראט. זיין פרוי האט איהם געבארען צוויי קינדער, א אינגעל און א מיידעל. פלוצים האט ער געלאזט וויסען זיין ווייב אז ער וויל אז זי זאל פון איהם נעהמען גט. ער האט דערקלעהרט, אז ער וויל דורכאוים זיין פריי און ניט האבען אויף זיך די התחייבות'ן וואס די תורה לייגט ארויף אויף פאמיליען־מענשען. ער האט זיי פרוי אפגעגעבען א גרויסען טייל פון זיין פארמעגען און האט זיך אויך מתחייב געווען אויסצוהאלטען די קינדער.

ר' נפתלי איז דאן אוועק פון דאבראמיסל און ר' אלימלך האט ערשט איצט אנגעהויבען צייגען, אז ער וויל בכלל ניט הנאה האבען פון זיין געלט. ער האט זיין הויז אפגעגעבען פאר אן הכנסת אורחים און אליין האט ער זיך ארייגגעקליבען ביי דעם שוסטער ר' תנחום'ן, וועלכער האט געוואוינט ביים בית המדרש. ר' אלימלך האט דעם גאנצען טאג און דעם גרעסטען טייל

פון דער נאכט פארבראכט אין בית המדרש. יעדע נאכט, ווען אלע האבן פארלאזט דעם בית המדרש, פלעגט ער נעהמען א בעזים און אויסקעהרען די פאדלאגע. אזוי האט ער זיך נוהג געווען נאכט אין און נאכט אויס. זיין איינציגע שפייז איז געווען ברויט מיט וואסער יעדען טאג פון דער וואך א חוץ שבת.

אין יאהר ת"ם איז ר' גבריאל געווארען רב פון שטאט. פון איהם האט זיך ר' אלימלך דערוואוסט אז אין פאלאצק געפינט זיך א סופר, א גרויסער ירא שמים און א מקובל. איז ר' אלימלך אוועק קיין פאלאצק און איז געקומען צום סופר, ר' שמעיה זרחי' א ברודער פון דעם מקובל ר' בצלאל אורי און דער זיידע פון דעם צדיק ר' ישראל, א תלמיד פון דעם מעזריטשער מגיד. ר' אלימלך איז באשטאנען אז ר' שמעיה זרחי' זאל פאר איהם שרייבען א ספר תורה. האט עס ר' שמעיה זרחי'ן גענומען פיער יאהר ביז ער איז פארטיג געווארען מיט שרייבען די ספר תורה. ר' אלימלך איז די גאנצע צייט פארבליבען ביי איהם. דאן האט ר' פתחיה, דער בעל מגיה, איבערגעקוקט די ספר תורה און אז ער איז פארטיג געווארען, האט ר' אלימלך זיך מיט דער ספר תורה צוריקגעקעהרט קיין דאבראמיסל און האט זי איבערגעגעבען צום רב, וועלכער האט זי אריינגעגעבען אין בית המדרש.

ווען ר' אלימלך'ס קינדער זיינען אונטערגעוואקסען האט ער זיי משדך געווען מיט חשוב'ע משפחות און האט זיי אפגעגעבען באדייטענדע סומען געלט פון זיין פארמעגען. ער אליין האט זיך ווייטער געפיהרט אין דעם זעלבען דרך, ניט ריידענדיג מיט קיין מענשען קיין דברי חול און ניט עסענדיג אין דער וואכען עפעס אנדערש ווי ברויט מיט וואסער. אין תצ"ח איז ר' אלימלך נפטר געווארען אין עלטער פון נייו-און-זיבעציג יאהר און זיין ספר תורה איז פארבליבען די ירושה פון שטאט טראגענדיג דעם נאמען פון "דעם רייכען יתום'ס ספר תורה".

די דאזיגע ספר תורה איז איצט געבראכט געווארען אינ'ם הויז פון דעם רב ר' זבולון מרדכי. ברוך האט זיך ערשט דאמאלס, טאקע ביים שמיד אין הויז, דערוואוסט די מערקווירדיגע און טראגישע געשיכטע פון דעם דאבראמיסלער רב'ס משפחה.

ר' זבולון מרדכי האט געשטאמט פון דעם רמ"א — ר' משה איסערליש. די משפחה, מיט דעם גאון ר' זכריה ירוחם בראש, וועלכער האט אליין געלערנט ביים רמ"א, האט זיך שפעטער, נאך א סך גלגולים, באזעצט אין א דארף ביי נעמעראוו וואו אלע האבען זיך אפגעגעבען מיט ערד-ארבייט און געלעבט אויף בשותפות'דיגע יסודות, האבענדיג איין קאסע פאר אלעמען. זיי האבען אלע געלעבט אין אמת'ער ברודערשאפט. מען האט זיי דערפאר א נאמען געגעבען "די טייבעלאך"

פאר דריי דורות האבען "די טייבעלאך" געפיהרט זייער לעבען אויף אט די דאזיגע יסודות — א מערקווירדיגער ביישפיעל פון אידישען צוזאמענלעבען — ביז די משפחה, וואס איז שוין דאמאלס געווען פארמעהרט און געצעהלט פון זיבעציג ביז אכציג נפשות, האט זיך באזעצט אין נעמעראוו. דארט האבען די "טייבעלאך" ווייטער אנגעהאלטען זייער בשותפות'דיגען לעבען. די עלטערע, וועלכע האבען זיך שוין געהאט גענוג אנגעארבייט, האבען

זיך אפגעגעבען מיט תורה ועבודה, בעת די איבגערע האבען זיך אפגעגעבען מיט ארבייט און אויף דעם אופן זיך אויסגעהאלטען איינע די אנדערע.

אין יאהר ת"ח זיינען פארגעקומען די גרויסע, שוידערליכע שחיטות אויף אידען, אנגעפיהרט פון דעם בלוט־דורשטיגען צורר היהודים באגדאן כמעלניצקי. נעמעראוו איז דאן געווארען איינע פון די מורא'דיגסטע שחיטה־שטעט. מאסען אידען זיינען דארט פון די אוקראינישע מערדער אויסגעשאכ־טען געווארען. די גאנצע משפחה פון "די טייבעלאך" איז אויסגעקוילעט געווארען. בלויז אן איין־איינציגער פון דער משפחה האט זיך געראטעוועט. דאס איז געווען דער עלף יאהריגען אינגעל זכריה ירוחם, אן אייניקעל פון דעם זכריה ירוחם, וואס האט זיך צוערשט באזעצט מיט זיין משפחה ביי נעמעראוו.

ווי דורך א נס איז דער דאזיגער זכריה ירוחם געראטעוועט געווארען פון דער בלוט־באד. ער איז אנטלאפען פון נעמעראוו און איז נאך וואכען פון וואנדערען און אויסבאהאלטען זיך פון די מערדערישע באנדעס, אנגעקומען קיין בריסק. דאס אינגעל איז געווען דערשלאגען און דערשעפט. ער איז אליין געווען מיט וואונדען אויפ'ן לייב. ער איז געווען פארהונגערט, מיט צעריסענע קליידער און שיך, אין טויט־שרעק פאר יעדען שארך און יעדען קלאנג. ער האט קוים געקענט א ווארט אויסריידען — א טראגישער איבערבלייב פון א גאנצער משפחה וואס איז אומגעקומען אויף קדוש השם.

אלץ וואס מען האט געקענט פון איהם ארויסקריגען איז געווען, אז ער קומט פון נעמעראוו און אז ער איז דער איינציגער וואס האט זיך געראטעוועט פון דער שוידערליכער שחיטה. דאס אינגעל איז אריינגענומען געווא־רען אין איינע פון די בעל־הבית'ישע הייזער אין בריסק און האט זיך, אין משך פון א פאר וואכען צייט, עטוואס דערהאלט. גוטע מענשען האבען איהם אנגעהויבען מקרב צו זיין און איהם צו בארוהיגען, ביז ער איז געווען געגוג געשטארקט, אז ער האט אליין געקענט דאוונען פאר'ן עמוד, אין א טלית אבער אהן תפילין. יעדען פריהמארגען נאכ'ן דאוונען פלעגט זכריה ירוחם זאגען פאר א מנין קאפיטלעך תהילים און דאן זאגען קדיש. ער האט אויך מיט א מנין געלערנט יעדען טאג משניות. נאך מנחה האט ער געזאגט פאר'ן עולם מדרש. נאך מעריב האט ער געזאגט א בלאט גמרא. דאס אינגעל האט אויך זיך באטייליגט אין פראוועון חצות. אזוי האט ער פיעל מאל דורכ'ן טאג געזאגט קדיש נאך די קרבנות פון דער שחיטה אין נעמעראוו.

מ.

גוים פארהייליגען אידישען צדיק

ווי ער האט משפיע געווען אויף די גוים און זיי געפיהרט אויפ'ן דרך הישר. — אפקלאנגען פון דער שחיטה אין נעמיראוו. — אין אמאליגער ווילנע.

זכריה ירוחם, איז געווען באשאנקען מיט גרויסע כשרונות. אנקומענ־דיג קיין בריסק אלס עלף יאהריגער אינגעל, איז ער שוין געווען קלאר אויף אויסווייניג עטליכע מסכתות. ער איז דערצו געווען א גרויסער חריף און איז געווען באשאנקען מיט אן אויסערגעוויינליכען זכרון. ער האט גע־

דארפט נאר אריינקוקען אין א ספר איין מאל און ער האט געקענט אלץ איבער־זאגען אויף אויסווייניג. מען האט איהם דערפאר גערופען דער נעמיראווער עילוי. דער בריסקער רב, דער גאון ר' משה יעקב, האט איהם גענומען צו זיך און האט איהם געזעצט לערנען צוזאמען מיט זיין זוהן דער עילוי צבי הירש וועלכער איז געווען מיט צוויי יאהר עלטער פון איהם.

דער נעמיראווער יתום איז געווען שעהן אין אויסזעהן, אבער צוליעב די טראגישע איבערלעבונגען זיינע, האט זיך א טיפער טרויער געלייגט אויף זיין פנים און האט איהם געגעבען דעם אויסזעהן פון א זקן. אינטערעסאנט איז געווען די חלוקי דעות וואס עס איז אנשטאנען צווישען די לומדים אין בריסק איבער זכריה ירוחם'ען. אזוי ווי אט דער יתום האט גדראוועגט פאר'ן עמוד, איז אויפגעשוואומען די פראגע צי ער, וואס איז נאך ניט געווען בר מצוה, קען מוציא זיין דעם עולם. עס זיינען געווען אזעלכע וואס האבען געהאלטען אז ניט. די גאונים פון בריסק האבען אבער גע'פסקנ'ט אז אין זיין פאל האט זכריה ירוחם געמעגט אנטאן טלית און תפילין און איבער זיי מא־כען די נויטיגע ברכות.

זעקס יאהר צייט האט זכריה ירוחם געלערנט מיט גרויס התמדה. צו זיין זיבעצעהנטען יאהר האט ער געקראגען סמיכה פון די בריסקער גאונים. דער בריסקער רב ר' משה יעקב איז נפטר געווארען און זיין זוהן ר' צבי הירש איז געווארען זיין ממלא מקום. זכריה ירוחם איז דערווייל אוועק קיין הוראדנע וואו עס האט זיך געפונען א גרויסע ישיבה מיט דעם גאון ר' רפאל דוד, א אייניקעל פון דעם גאון ר' דוד זילצבורג — א תלמיד פון דעם גאון ר' יוסף כץ דער רב פון קראקא און א תלמיד פון דעם מהרש"ל'ס א תלמיד — אלס ראש.

צוויי יאהר האט ר' זכריה ירוחם געלערנט אין דער דאזיגער ישיבה ביי ר' רפאל דוד'ן. דארט האט זיך דער נעמיראווער עילוי באקאנט מיט דעם רב פון שטאט, דער גאון ר' בנימין וואלף און האט זיך באפריינדעט מיט זיין זוהן יהודה. אין משך פון זיין אויפהאלט אין הוראדנא האט ר' זכריה ירוחם באזוכט עטליכע מאל דעם גאון ר' נפתלי הירץ גינזבורג אין פינסק. דער ראש הישיבה האט איהם באקרוינט מיט דעם טיטול "מורה מורינו" און האט איהם געוואלט חתונה מאכען מיט זיין אייניקעל, די טאכטער פון זיין בן יחיד, ר' אברהם שלמה, אבער ר' זכריה ירוחם האט באשלאסען צו געהן אפריכטען גלות.

זייענדיג אין דער ישיבה האט ר' זכריה ירוחם געהערט ווענען דער גדלות פון דעם סלוצקער מגיד ר' בצלאל און אויך ווענען דעם גרויסען סלוצקער גאון ר' אהרן משה, וועלכער איז שוין דאמאלס געווען הונדערט און צעהן יאהר אלט און האט פאר א משך פון אכציג יאהר געלערנט אין התבודדות. ר' זכריה ירוחם האט געוואלט לערנען ביי אט די צוויי גאונים.

דער אלטער גאון האט ר' זכריה נחום'ן שטארק מקרב געווען, דער הויפט ווען ער האט געהערט, אז ער שטאמט פון דער באריהמטער נעמיראווער פא־מיליע "די טייבעלאך". ר' אהרן משה איז אויך געווען פארוואנדט צו דעם רמ"א פון וועמען ר' זכריה ירוחם'ס פאמיליע האט אפגעשטאמט. פון סלוצק

האט ר' זכריה ירוחם געוואנדערט איבער אנדערע שטעט און שטעטלאך, אומעטום וואו ער איז געקומען האט ער שטענדיג געפונען אימיצען פון וועמען עפעס צו לערנען. אין קרעמעניץ, וואו עס האט זיך געפונען די ישיבה אהל יצחק אויפ'ן נאמען פון איהר גרינדער ר' יצחק הכהן, א תלמיד פון מהרש"ל, האט ער זיך צוגעהערט צו די שיעורים פון דעם גאון ר' יחזקאל מאיר. דארט האט ער אויך געהאט געפונען א גרויסען אוצר פון ספרים אין דער ישיבה און האט פארבראכט וואכען ביי די דאזיגע ספרים.

ר' זכריה ירוחם האט זיך איצט געהאט פארנומען קיין נעמיראוו פון וואנען ער איז מיט צעהן יאהר צוריק אנטלאפען נאכדעם ווי זיין גאנצע משפחה איז אויסגעשאכטען געווארען פון כמעלניצקי'ס באנדעס. וואס נעהענטער ער איז געקומען צו נעמיראוו אלץ מעהר האט ער זיך דערוואוסט וועגען די מורא'דיגע פאסירונגען אין יענער שחיטה־שטאט פון וואנען ער האט זיך געראטעוועט אלס קינד. ווען ער איז אנגעקומען אין נעמיראוו האט ער די שטאט נאך אלץ געפונען אין חורבות. ער האט איצט אויסגעפונען מעהר פרטים וועגען זיין משפחה וואס איז אויסגעקוילעט געווארען.

פון נעמיראוו איז ער אוועק אין דעם דארף וואו עס האט זיך געהאט געפונען די קאלאניע פון די „טייבעלאך". אין דארף האט זיך געפונען נאר איין אידישע פאמיליע — די פאמיליע פון ר' מענדעל דעם מילנער, א זקן. ר' מענדעל איז געווען איינער פון דריי אידען וועמען די גוים האבען געראטעוועט אין די טעג פון די שחיטות. די אנדערע צוויי אידען זיינען שוין לאנג געווען אוועק פון דארף.

ר' מענדעל דער מילנער האט ר' זכריה נחום'ען געוויזען די הייזער וואו עס האבען געוואוינט די קאלאניסטען, באזונדער דאס הויז פון דעם "הייליגען זקן", ווי די פויערים פון דארף האבען גערופען דעם גרינדער פון דער קאלאניע, ר' זכריה ירוחם, נאך וועמען דער נעמיראווער עילוי איז געווען א נאמען. די הייזער זיינען שוין געווען אלט און זיינען געווען אונטערגעשפארט מיט קלעצער כדי זיי זאלען ניט איינפאלען. אין די אלע הייזער האבען איצט געוואוינט אנדערע מענשען. בלויז דאס הויז אין וועלכער דער "הייליגער זקן" האט געוואוינט, איז געשטאנען ליידיג. דאס הויז איז געווען אויסגעקלעפט מיט ליים און אויסגעקאלכט פון דרויסען. ארום הויז איז געווען א גרויסער גארטען.

די גוים פון דארף האבען נאך אלץ גערעדט מיט גרויס יראת הכבוד פון דעם "הייליגען זקן". זיי האבען געזאגט, אז זינט דער זקן איז געווען אין דארף האט דארט קיין פרוי און להבדיל קיין בהמה ניט מפּיל געווען. ווען דער זקן איז געווען אין דארף און אימיצער פלעגט קראנק ווערען און דאס גלייכען אויב אימיצענס א בהמה איז קראנק געווארען, פלעגט מען קומען צום זקן. ער האט דעם קראנקען מענש אדער דער קראנקער בהמה געגעבען וואסער צום טרינקען אדער א שטיקעל ברויט צו עסען און האט אנגעזאגט זיך צו פארלאזען אויפ'ן רבונו של עולם און צו זיין עהרליך און סיי מענש און סיי בהמה זיינען דאן צוריק געזונט געווארען.

אין משך פון די פיער יאהר וואס ער איז דארט געווען איז אין דארף

קיין גנבה ניט פארגעקומען. פון אנפאנג איז אבער ניט געווען אזוי. די גוים האבען זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון גנבה. האט פאסירט אז מען האט ביי א אידען פון שטאל ארויסגע'גנב'עט א שעפס און א קאלב און פון א גוי'שען שטאל זיינען גע'גנב'עט געווארען א קוה און א פערד. אין דארף האבען זיך געפונען צוויי ברידער אויף וועמען עס איז געפאלען דער חשד, אז זיי זיינען באגאנגען די גנבה. זיי האבען געהאט צוויי אנדערע ברידער וועלכע האבען געוואוינט אין א צווייטען דארף. זיינען די ברידער גענומען געווארען צו אן אויספארשונג, אבער זיי האבען געלייקענט שטיין און ביין. קיין באווייז געגען זיי איז ניט געווען. האט מען זיי אפגעלאזט.

עס איז ניט אוועק קיין חודש און איינער פון די ברידער איז פלוצים געשטארבען. א צווייטער חודש איז אוועק און איינער פון די ברידער פון דעם צווייטען דארף איז געגאנגען אין וואלד האקען האלץ און א בוים איז אויף איהם געפאלען און צובראכען זיין נאקען. א דריטער ברודער איז אין משך פון ווינטער געגאנגען איבער א פארפרארענעם טייך. האט זיך דאס אייז איינגעבראכען אונטער זיינע פיס און ער איז דערטרונקען געווארען.

די גוים האבען עס אנגענומען פאר א באווייז אז די דריי זיינען געווען שולדיג אין די גנבות און זיינען דערפאר באשטראפט געווארען. זיי האבען ניט געפאלגט וואס דער "הייליגער זקן" האט זיי אנגעזאגט און זיי האבען דערפאר פארלארען זייערע לעבענס אין משך פון יאהר. דער פערטער ברודער, ווידער, האט דאן געשווארען, אז ער האט ניט געהאט צו טהאן מיט די גנבות. ער האט אבער פון די גנבות געוואוסט. איז ער קראנק געווארען. איז ער דאן געקומען צום "הייליגען זקן" איהם בעטען, אז ער זאל אויסווירקען אז ער זאל בלייבען לעבען.

האט איהם דער זקן פארזיכערט, אז אויב עס איז טאקע אמת וואס ער האט געזאגט, אז ער האט קיין חלק ניט געהאט אין די גנבות, וועט ער ניט שטארבען אין משך פון יאהר ווי זיינע ברידער. אבער דערפאר וואס ער האט ניט אויסגעזאגט אויף זיינע ברידער, וויסענדיג אז זיי זיינען באגאנגען די גנבה, וועט ער מוזען בלייבען א חולה זיין גאנצען לעבען. דער זקן האט איהם גע'עצה'ט, אז ער זאל זיך אויסלייזען דורך דעם וואס ער זאל באצאהלען פאר די גנבות וואס זיינע ברידער זיינען'באגאנגען. דער גוי האט עס ניט געוואלט טאהן און ער איז צוויי יאהר צייט געווען קראנק.

אויפ'ן דריטען יאהר האט ער אויסגעפאלגט די עצה פון דעם זקן און ער איז געזונט געווארען. פון דאמאלס אן איז דעם אלטען ר' זכריה ירוחם'ס נאמען געווארען מפורסם צווישען די גוים און ער האט באקומען דעם נאמען "דער הייליגער זקן".

ווען ר' זכריה ירוחם און זיין משפחה האט זיך איבערגעקליבען קיין נעמיראוו האבען די גוים און להבדיל די אידען פון דארף אפגעקויפט זיין הויז און דעם גארטען ארום הויז. דאס הויז איז געבליבען ליידיג. ווען אין דארף איז פארגעקומען א חתונה האט מען דאס פארעל אריינגענומען אין הויז וואס מען האט געהאלטען פאר א סגולה. דעם גארטען האבען די דארפס-

ליט באארבייט לויט א גורל און דאס וואס מען האט פון גארטען ארונטער־גענומען האט מען פארטיילט צווישען די ארימע, אידען ווי ניט־אידען.

אז די תושבים פון דארף האבען זיך דערוואוסט, אז דער יונגער ר' זכריה ירוחם איז אן אייניקעל פון דעם "הייליגען זקן", האבען זיי איהם אפגעגעבען גרויס כבוד און אנגעבאטען א הויז און א גארטען אויב ער וועט זיך דארט באזעצען. ר' זכריה ירוחם האט אבער ניט געדאכט פון דעם. ער האט זיך ווייטער געלאזט אין וועג אריין.

ער האט זיך אפגעשטעלט אין לודמיר, וואו ער האט פארבראכט אין תורה שמועסען מיט דעם דארטיגען רב, דער באוואוסטער גאון, ר' שלמה נפתלי, און זיין זוהן דער עילוי, ר' נחמן. פון דארט איז ער אוועק קיין לוצק.

אין לוצק האט זיך צו יענער צייט געפונען דער גאון ר' פסח כ"ץ, וועל־כער האט גע'שם'ט פאר א בעל מופת. זיין זוהן, ר' משה כהן, איז געווען דער מרא דאתרא. זייענדיג אין לוצק האט ר' זכריה ירוחם זיך באקענט מיט א וואנדערער אין וועמען ער האט דערקענט א פארבארגענעם צדיק און גאון. ר' זכריה ירוחם האט איהם ניט אפגעלאזט. כאטש יענער האט זיך דורכאויס אנטזאגט איהם צו זאגען ווער ער איז.

צוויי חדשים האט דער יונגער ר' זכריה ירוחם באגלייט דעם נסתר און האט אפילו ניט געוואוסט זיין נאמען און אויך ניט די שטאט פון וואנען ער שטאמט. עס איז געווען אויפ'ן דריטען חודש פון זייערע וואנדערונגען — עס איז געווען עטליכע טעג אין ניסן — דער נסתר האט געהאט יאהרצייט. ער האט געדארפט עולה לתורה זיין און האט דעם שמש, וואס האט איהם אויפגע־רופען, אנגעגעבען זיין נאמען. האט ר' זכריה ירוחם זיך דאמאלס צום ערשטען מאל, דערוואוסט אז ער הייסט ר' נחום טוביה ברב שלמה. מעהר האט ער ניט געקענט דערגעהן.

ביידע האבען זיך פארנומען אין דער ריכטונג פון ווילנע. די גאנצע גע־גענט ארום ווילנע איז דאמאלס געווען חרוב. עס איז געווען אקארשט נאך דער מלחמה צווישען די רוסען און פאליאקען. די געגענט איז איינגענומען געווא־רען פון די רוסען מיט דער הילף פון די קאזאקען וועלכע האבען עס אנגע־מאכט דעם חורבן אין די שטעט און שטעטלאך. אלעקסיי איז דאמאלס גע־ווען צאר און ער האט גראד געצייגט א געוויסע מאס פריינטליכקייט צו די אידען, טאקע דערפאר וואס דורך זייער פלייס און אונטערנעמונגס־גייסט זיי־נען אין משך פון צוויי יאהר צייט צוריק אויפגעלעבט און צוריקגעבויט גע־ווארען די פארוויסטע שטעט און שטעטלאך, באזונדער ווילנע, וועלכע האט גאר שטארק געליטען פון דער מלחמה. דער צאר האט די אידען אפילו געהאט געגעבען ספּעציעלע הנחות.

אבער בעת ווילנע און די אנדערע שטעט און שטעטלאך ארום האבען גע־האלטען אין אויפלעבען, זיינען די דערפער געווען וויסט, באזונדער די פריצי־שע גיטער. די פריצים זיינען זיך געווען צולאפען און די פויערים זיינען אויס־געשלאכטעט געווארען אין קריג אדער זיינען גענומען געווארען אין געפאנ־גענשאפט.

זעהענדיג פאר זיך א סכנה, האבען אידען, פון דער רעגירונג, אפגעדונ־גען שטיקער ערד און האבען זיי אנגעהויבען באארבייטען. די רעגירונג האט

די אידען באזארגט מיט זריעה און דערפאר פון זיי גענומען א באשטימטען פראצענט פון דעם וואס זיי האבען ארונטערגענומען פון די פעלדער.

ארום ווילנע זיינען געווען אויך א סך סעדער, וואס די פוילישע פריצים האבען געהאט געפלאנצט מיט דער הילף פון שטודירטע אגראנאמען און באטאניקער. די אידען האבען די דאזיגע סעדער אפגעדונגען פון דער רעגירונג און זיך מיט איהר געטיילט די פרוכט.

אויף דעם אופן האט די געגענט אנגעהויבען אטעמען מיט א ניי לעבען. אידען האבען נעדונגען די פרויען און קינדער פון די פויערים וואס זיינען געפאלען אין קריג צו העלפען באארבייטען די פעלדער און ארונטערנעהמען די פרוכט אין די סעדער. אויף עהנליכע באדינגונגען האבען אידען אויך גענדונגען פון דער רוסישער ממשלה ברויזען און מיהלען און עהנליכע איינריכטונגען וואס האבען געהאט געהערט צו די פריצים.

האבען אבער די רבנים פון ווילנע מיט אמאל איינגעזעהן, אז דורך דעם קען ארויסקומען א גרויסע רעה אידען. די פריצים וועלען זאגען, אז די אידען האבען "פארכאפט" זייער איינגענטום, און אז זיי האבען זיך געשטעלט איז דינסט פון די רוסען וואס האבען באזיגט די פאליאקען. האבען די רבנים איינגערופען אן אסיפה און אנגענומען א החלטה, אז די אידען וואס דינגען אפ ערד, סעדער, ברויזען און מיהלען, זאלען אויך פאר די פריצישע איינענטימער אפגעבען א באשטימטען פראצענט. היות ווי די פריצישע איינענטימער זיינען ניט געווען אויפ'ן ארט אפצונעהמען זייער־חלק, האבען די אידען געזאלט די תבואה און די פירות, וואס עס האט זיי געקומט, פארקויפען לויט א באשטימטען מקח און דאס געלט אוועקלייגען פאר די פריצים. דאס אלץ האט געזאלט געטהאן ווערען פאר עדות כדי עס זאל שפעטער ניט קענען געזאגט ווערען, אז די פריצים זיינען באשווינדעלט געווארען.

דאס איז געווען א וויכטיגער שריט צו שיינען דעם אידישען נאמען און צו פארמיידען מעגליכע בלבולים אויף אידען מצד די באזיגטע פאליאקען.

פון דעסטוועגען האט עס אבער ניט פארהיט די אידען פון קיין העצעס און בלבולים מצד געוויסע פוילישע עלעמענטען. יענע האבען פשוט מקנא געווען די אידען פאר דעם וואס זיי האבען געהאט הצלחה און זיי האבען אנגעהויבען אפטראגען מסירות צו דער רעגירונג און אפילו געשיקט א דעפוטאציע צום צאר אין מאסקווע, פאדערענדיג, אז ער זאל די אידען ארויסטרייבען פון ווילנע און אומגעגענט. זיי האבען אויך געלאזט וויסען די פריצים, וואס האבען נאך אלץ ניט געוואגט צוריקקעהרען אהיים, אז די אידען האבען "צוגענומען" זייערע גיטער.

צום גליק האט דער צאר זיך ניט געלאזט אויפרייצען געגען די אידען. אנשטאט דעם האט ער אויפגעפאדערט דעם גובערנאטאר פון ווילנע, אז ער זאל לויבען די אידען פאר זייער פעהיגקייט, און אז ער זאל אויך געבען ספעציעלע אנערקענונג צו יענע אידען וואס האבען עס פארדינט. היות ווי די פאליאקען האבען געהאט דערקלערט, אז אויב דער צאר וועט ניט נעהמען קיין שריט געגען די אידען. וועלען זיי פון זיי נעמען נקמה, האט דער צאר באפוילען, אז עס זאל גענומען ווערען די געהעריגע שריט די אידען צו באשיצען.

אויך די פריצים אין גלות האבען זיך ניט געלאזט אויפהעצען געגען די

אידען. זיי האבען, פארקערט, געלאזט וויסען, אז די אידען האבען באוויזען זייער עהרליכקייט מיט דעם וואס זיי צאהלען זיי פריוואיליג פראצענטען פון זייערע גיטער. אייניגע פון זיי האבען געשיקט לויב־בריעף צו די אידען פאר דעם וואס זיי האבען געטהאן בין דאן או זיי געבעטען אנגעהן מיט זייער אר־בייט להבא.

ווען ר' זכריה ירוחם און דער נסתר ר' נחום טוביה זיינען אנגעקומען אין ווילנא איז דער מאטעריעלער מצב פון די אידען דארט געווען א גאנץ גוטער. דערפאר איז אבער זייער גייסטיגער מצב ניט געווען קיין גוטער, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס אייניגע פון די באוואוסטע תלמידי חכמים, וואס זיינען געווען אנטלאפען פון ווילנא, ווען די קאזאקען זיינען דארט אריין, הא־בען זיך שוין געהאט צוריקגעקעהרט. די שחיטה וואס די קאזאקען האבען געהאט דורכגעפיהרט אין יאהר תט"ו, אויס'הרג'ענענדיג פינף און צוואנציג טויזענד נפשות אין ווילנא און אומגעגענט, איז נאך ניט געווען פארגעסען.

די פיער באריהמטע ווילנער גאונים פון יענער צייט, ר' משה רבקש, דער "באר הגולה"; ר' אפרים, דער "שער אפרים"; ר' שבתי כהן, דער ש"ך; ר' אהרן שמואל קוידענאווער און אנדערע, האבען אין משך פון דער צייט געהאט געפונען א מקום מנוחה אין אנדערע קהלות. די ווילנער קהלה האט זיך געהאלטען אין משתדל זיין אז זיי זאלען צוריקקומען.

פאר ר' זכריה ירוחם'ן און דעם נסתר, ר' נחום טוביה'ן, זיינען די אלע זאכען געווען ניי און זיי האבען א סך געהערט און געלערנט אין זייער אויפ־האלט אין ווילנא. זיי האבען אין ווילנא פארבראכט פיער חדשים צייט, פאר־שלינגענדיג די חדושי תורה פון די לומדים וואס זיינען געווען אין שטאט און, דורך אנדערע, פון די וואס זיינען אין שטאט ניט געווען. אזוי, צום ביישפיעל, האבען די צוויי וואנדערער מיט גרויס אינטערעס פארשלונגען די הגהות פון ר' משה רבקש אויף מסכת "זבחים" און מסכת "מנחות". די דאזיגע הגהות האבען פשוט געעפענט זייערע אויגען.

וועגען ש"ך האבען זיי אין ווילנא געהערט צוויי מעשה'לעך וואס האבען אויף זיי געמאכט א גרויסען רושם. איינע איז, אז דער ש"ך פלעגט זיך אזוי פארטיפען אין לערנען, אז ער פלעגט פשוט ניט וויסען און ניט פיהלען וואס ארום איהם טהוט זיך. איינמאל איז ער ארויף אויף'ן דאך לערנען, וויל ער האט געוואלט האבען התבודדות. האט ער אנגעהויבען שפאצירען הין און צוריק און פארגעסענדיג אז ער איז אויף א דאך, האט ער שפאצירט פון איין דאך אויף'ן צווייטען, אריבערשפרייזענדיג דעם חלל וואס האט די הייזער פא־נאנדערגעטיילט, ווי עס וואלט גארניט געווען.

מענשען האבען זיך געהאט פארקליבען אונטען אין גאס און זיך צוגע־קוקט צו דעם וואונדער, שרעקענדיג זיך, טאמער וועט חלילה עפעס געשעהן מיט'ן גאון, אבער דער ש"ך האט אפילו ניט געוואוסט פון דעם.

די צווייטע מעשה'לע איז, אז איינמאל איז דעם ש"ך'ס זוהן, ר' משה, קראנק געווארען און דער פאטער האט זיך איבער דעם שטארק מצער געווען. ער האט געהאלטען אין מתפלל זיין פאר זיין זוהן'ס רפואה שלימה. ר' משה איז אבער געווארען ערגער פון טאג און האט שוין געהאלטען ביי יציאת נשמה.

אז דער ש"ד האט עס דערזעהן האט ער אנגעהויבען בעטען תחנונים, דער־קלערענדיג אז ער גיט אוועק פאר זיין זוהן'ס געזונט די חדושי תורה זיינע פון יענעם טאג. פון יענעם מאמענט האט ר' משה זיך אנגעהויבען בעסערען.

מא.

שתדלנים און בעלי צדקה

מיפען פון דער אמאליגער ווילנע. — אידישקייט אין שטאט און אידישקייט אין דארף. — דער אידישער גוף און די אידישע נשמה. — דער "רייכער קבצן".

ר' זכריה ירוחם און נחום טוביה האבען אין ווילנע א סך געלערנט. זיי האבען דארט אין די בתי מדרשים געפונען גאנצע אוצרות פון ספרים, און נעדרוקטע כתבי יד, וואס זיי האבען נאך פריהער קיין מאל ניט געהאט געזעהן. זיי האבען זיך דארט אויך באקאנט מיט מערקווירדיגע אידישע פערזענליכקייטען וועלכע האבען גע'שם'ט אין ווילנע, די ירושלים דליטע.

ווען זיי זיינען געווען אין ווילנע איז דארט נפטר געווארען דער גביר און בעל צדקה ר' שלום שכנא שרה'קעס, דער ברודער פון ר' רפאל שלמה'ן, וועלכער איז געווען באקאנט אין ווילנע אונטער'ן נאמען "דער רייכער קבצן". זיי זיינען געווען די זיהן פון ר' אברהם'ן וועמען מען האט גערופען "דער ליעבער אברהם", א זוהן פון ר' שמעון דאקטעראוויטש פון קראקע וועלכער איז געווען צווישען די וואס האבען געבויט די באריהמטע ווילנער שטאט־שוהל אין יאהר שכ"ג. ער האט געהאט א שותף ר' ישראל.

ר' אברהם איז ביי ר' שמעון'ען געווען א בן יחיד. ער איז, נאטירליך, אפגעהיט געווארען ווי דאס שווארצאפעל פון אויג. כאטש מען האט געהאל־טען פאר איהם די בעסטע מלמדים, האט ער אבער קיין גרויסע פעולה אין לערנען ניט געהאט. עס האבען איהם פשוט געפעהלט די נויטיגע כשרונות. ער איז אבער געווען זעהר א גוטהארציגער. ער פלעגט אפט באזוכען די ארימע זאוואולקעס און געסלאך פון ווילנע און דארט פארטיילען נדבות מיט א ברייטער האנט. אז אברהם איז געווארען פופצעהן יאהר אלט, האט זיין פאטער איהם געמאכט פאר דעם ממונה אויף זיין צדקה־געלט און איבערגעלאזט צו איהם אז ער זאל פארטיילען דאס געלט.

ווען אברהם איז געווארען אכצעהן יאהר אלט האט איהם זיין פאטער פאר'שדכן'ט מיט דער טאכטער פונ'ם גאון ר' ישראל, א זוהן פון דעם גאון ר' שלום שכנא פון לובלין, וועלכער איז געווען דער תלמיד פון דעם בא־וואוסטען ר' יעקב פאלאק פון פראג. שרה האט געהייסען דאס ווייבעל. זי איז געווען זעהר א גאטספארכטיגע און א גוטהארציגע פונקט ווי אברהם אליין. זי האט זיך כסדר אפגעגעבען מיט צדקה־ארבייט און איהר נאמען האט געקלונגען איבער גאנץ ווילנע און נעגרייכט אויך אנדערע שטעט.

ווען קעניג זיגמונד אוגוסט האט געמאכט ווילנע פאר זיין רעזידענץ האט ער ארויסגעגעבען א באפעהל צו פארשעהנערען די שטאט מיט פרעכ־טיגע בנינים. האבען די צוויי שותפים, ר' שמעון און ר' ישראל זיך אריינ־געקליבען אין ווילנע און האבען, אין הוספה צו זייערע אנדערע עסקים, זיך

גענומען דארט בויען הייזער און קראמען און זיי אויספארדינגען. זיי האבען גענומען פון דער רעגירונג דעם פאדריאד צו בויען הייזער און פאלאצען פאר די מיניסטארען און אנדערע הויכע מלוכה מענשען. זיי האבען ארונטערגעבראכט פון אויסלאנד ארכיטעקטען און בויער און געמאכט דערביי א גרויסען פארמעגען. עס איז געווען דאמאלס ווען זיי האבען אויפגעבויט די ווילנער שוהל. אין עטליכע יאהר ארום האבען זיך די שותפים צעטיילט לויט די תנאים פון א בית דין פון דריי.

ר' שמעון איז געווען איבער זעכציג יאהר אלט ווען ער האט זיינע געשעפטען איבערגעגעבען צו זיין זוהן און צוויי איידימס. אליין האט ער זיך אפגעגעבען מיט תורה און עבודה. דערפאר וואס ער האט געהאט א צוטריט צו די העכסטע מלוכה פיהרער און אפילו צום מלך אליין, האט די קהלה אויף איהם ארויפגעלייגט דעם גאנצען עול פון שתדלנות. ער איז אויסגעקליבען געווארען אלס דער נשיא פון די אויסערוויילטע פון דעם "ועד ארבע ארצות". די קערפערשאפט וואס האט דאמאלס פארטראטען אלע אידישע ענינים. ר' שמעון האט גראד געהאט הצלחה אין זיין כלל־ארבייט. ער האט אידען געטהאן גרויסע טובות. צוליעב זיין כלל־ארבייט האט ר' שמעון שפעטער זיך צוריק איבערגעקליבען קיין קראקע ווען די מלוכה איז דארט אריבער.

ר' אברהם, זייז זוהן, האט דערווייל געפיהרט גרויסע געשעפטען. אבער ווי פארנומען ער איז געווען, האט ער דאך געהאט צייט זיך אפצוגעבען מיט צדקה־ארבייט. וואס איז געווען דער עיקר פון זיין לעבען. ניט נאר האט ער פארטיילט צדקה, נאר האט אויך דערהויבען דעם גייסט פון די ארימע און זיי דערמוטיגט. מען האט אויף איהם געזאגט אין ווילנע, אז ר' אברהם טיילט ניט נאר אוים געלט נאר אויך ליעבע צו די ארימע און געפאלענע. טאקע דערפאר האט מען איהם גערופען "דער ליעבער אברהם". און ווי גוט און ליעב ר' אברהם איז געווען, איז זיין ווייב שרה געווען צעהן מאל בעסער און ליעבער. זי האט ארייגעטהאן איהר גאנצע נשמה אין איהר צדקה־ארבייט און האט דערביי ארויסגעוויזען אזא שפלות פון איהר זייט, וואס האט אלעמען איבערראשט. זי איז צו די ארימע און דערשלאגענע געווען ווי א מוטער און א שוועסטער. שרה פלעגט פארברייינגען שעה'ן אין די הייזער פון די ארימעלייט. די קראנקע און דערשלאגענע און האט אפט מיט איהרע אייגענע הענט געטאן ארבייט פאר די קראנקע און באזונדער פאר ארימע קימפעטארינס.

ר' אברהם און שרה האבען געהאט צוויי זיהן: שלום שכנא, דער בכור און רפאל שלמה. ווען שלום שכנא איז געווארען פערצעהן יאהר אלט, האט איהם זיין מוטער גענומען מיט זיך צו די ארימע און קראנקע כדי ער זאל וויסען ווי ביטער עס איז דאס לעבען פון אידישען המון. גאנץ אפט, אז זיי האבען זיך געפונען אין אן ארים הויז, האט זי איהר זוהן געהייסען זיך בייטען קליידער מיט איינעם פון די קינדער. זי פלעגט איהם דערביי זאגע'י, אז כאטש דאס אינגעל איז ארים, איז ער אבער א גרעסערער למדן פון איהם, און פלעגט דערביי שלום שכנא'ן איבערזאגען וואס די חז"ל האבען געזאגט: הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. דאס צווייטע קינד, רפאל שלמה, האט שרה אויך דערצויגען אין זעלביגען גייסט.

זייער הויז איז געווען אין ווילנע א בית ועד לחכמים און אויך א שוץ־

פלאץ פאר ארימע לייט. שרה האט געהאט אויפגעבויט א באזונדער הויז פאר א הכנסת אורחים. תלמידי חכמים האבן שטענדיג געפונען א פלאץ אין זייער הויז. ניט קוקענדיג אויף זייערע גרויסע עשירות האבן זיי זיך געקליידט באשיידען און קיין מאל ניט געצייגט, אז זיי האלטן זיך העכער פון ווער עס ניט איז.

דורך זיין פאטער, איז אויך ר' אברהם געווארען באקאנט מיט די מלוכה־פיהרער און מיט די אדעליגע, וועלכע פלעגען קומען צו איהם מיט אלערליי מסחר ענינים. ר' אברהם איז דערפאר אויך געווען ביכולת צו טהאן טובות אידען. דורך איהם האבן א סך אידען געקראגען א צוטריט צו די פריצישע הויפען און האבען געטהאן מיט זיי מסחר, אדער זיך געדונגען קרעטשמעס, מיהלען און אויך טייכען און אזארעס צו פאנגען פיש, און אפילו גענומען פאסעסיעס אדער גלאט שטיקער ערד, גערטנער און סעדער אויף ארענדע. דורך ר' אברהם'ס פארמיטלונג האבען הונדערטער און טויזענדער אידען זיך איבערגעקליבען פון די גרויסע שטעט, וואו עס איז געווען ענג און וואו עס איז געווען שווער צו געפינען פרנסה, אין די דערפער און ישובים, וואו זיי האבען זיך לייכטער איינגעארדענט.

טאקע צוליעב דעם איז דאמאלס ארויסגעוואקסען אן אנדער אידישער פראבלעם — ווי צו באזארגען די אידען אין די דערפער און די ישובים מיט א געהעריגער גייסטיגער סביבה; ווי צו באזארגען זייערע קינדער מיט מלמדים און ווי אכטונג צו געבען, אז די דארפישע אידען זאלען ניט אפגעפרעמדט ווערען פון כלל, אז זיי זאלען האבען געלעגענהייטען צו דאווענען בצבור און בכלל צו זיין א באשטאנד־טייל פון אידישען כלל.

אט די וויכטיגע פראגע איז אויפגענומען געווארען אויף אן אסיפה פון דעם ועד ארבע ארצות, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין קראקע. עס איז אויף דער דאזיגער אסיפה באשלאסען געווארען, אז מען זאל אין יעדער שטאט באשטימען א ועד פון מפקחים (אויפזעהער), וואס זאל אכטונג געבען אויף אט די אידישע ישובניקעס, אז זיי זאלען ניט אפגעפרעמדט ווערען פון כלל. ר' שמעון האט נעגעבען א גרויסע סומע געלט פאר אט דעם צוועק וואס ער האט געהאלטען פאר גאר א וויכטיגען.

ר' אברהם, האט דערווייל געהאלפען אידען אויף זיין אייגענעם שטייגער. יעדעס מאל וואס א פריץ האט זיך געווענדעט צו איהם פאר אן הלוואה, האט ער געשטעלט א תנאי, אז ער זאל אנשטעלען א אידען פאר אן אויפזעהער פון זיין הויף. דער דאזיגער אידישער אויפזעהער האט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט און האט פארוואלטעט דעם הויף אזוי, אז דער פריץ האט געהאט גרויסע ריוחים. דער פריץ איז דאן געווען דאנקבאר פאר דעם וואס ר' אברהם האט איהם רעקאמענדירט א אידען. אויף דעם אופן זיינען אידען באזארגט געווארען מיט פרנסה און די פריצים האבען געקראגען א בעסערע מיינונג פון אידען.

דורך דעם האבען מעהר אידען געקראגען א געלעגענהייט זיך צו באזעצען אין די דערפער און פון איינצעלנע אידען אין די דערפער זיינען אויסגעוואקסען גאנצע קהלות. אזוי אז ניט נאר איז פארבעסערט געווארען דער גשמיות'דיגער מצב פון די אידען נאר אויך דער רוחניות'דיגער.

ווען ר' אברהם'ס זיהן זיינען געווען נאָך גאָר קליינע קינדער, האָט ער זיי אָפּגעגעבען א סומע געלט צו מאכען א גמילות חסד און פארלייהען קליינע סומען צו אָרימע אידישע הענדלער אין מארק. ר' אברהם האָט אין גאנצען איבערגעלאָזט צו זיינע זיהן, אז זיי זאָלען אָנפיהרען מיט דער ארבייט פון דעם דאָזיגען גמילות חסד. ער האָט אויף דעם אופן זיי געוואָלט מחנך זיין אין צדקה ענינים און זיי בריינגען פּנים אל פּנים מיט דער ווירקליכקייט פון אידי־שען לעבען.

דער גרויסער שתדלן און בעל צדקה ר' שמעון איז נפטר געוואָרען אין עלטער פון פינף־און־אכציג יאָהר. אין זיין צוואה האָט ער א פערטעל פון זיין פארמעגען אָפּגעזאָגט אויף צדקה, איבערלאָזענדיג צום ועד ארבע ארצות, מיט דער הסכמה פון זיין זוהן ר' אברהם, דאָס צו פארטיילען. די איבריגע דריי חלקים האָט ער איבערגעלאָזט פאר זיין זוהן און זיינע טעכטער. זיין זוהן, וועלכער איז געווען דער בכור, האָט געדארפט קריגען צוויי חלקים. ר' אברהם'ס פרוי — די צדקנית שרה, האָט אָבער פארלאַנגט פון איהר מאַן אז דעם חלק וואָס ער האָט געקראָגען אלס בכור זאָל ער צוטיילען אויף צדקה. דערהויפּט פאר תורה: צו בויען בתי מדרשים, שרייבען ספרי תורה, איינ־קויפען ספרים פאר די בתי מדרשים און העלפען ישיבות און תלמוד תורה'ס.

ווען ר' אברהם'ס צוויי זיהן שלום שכנא און רפאל שלמה, זיינען אונ־טערגעוואקסען, האָט ער זיי משדך געווען מיט יחוס'דיגע משפּחות און זיי, פּונקט ווי זייער טאטע־מאמע, האָבען זיי זיך, אויך נאָך דער חתונה, אָפּגעגע־בען מיט צדקה און הרבצת התורה. זייערע הייזער זיינען געווען בתי ועד לחכמים. אלע נויטבאדערפטיגע האָבען דאָרט תמיד געקראָגען הילף.

ביסלעכווייז האָבען די צוויי זיהן איבערגענומען די געשעפטען פון זייער פאָטער, בעת ר' אברהם האָט זיך אלץ מעהר אָפּגעגעבען מיט תורה און צדקה. אָבער אפילו ווען זיי זיינען געווען פארנומען מיט זייערע גרויסע עסקים, האָ־בען זיי געפונען גענוג צייט זיך אָפּצוגעבען מיט צדקה ענינים. אויך זייערע ווייבער זיינען געווען בעלי צדקה. זייער שוויגער, שרה, האָט זיי דערמוטיגט און אויך געלערנט ווי צו טהאָן צדקה. אויף אַזא אופן איז די גאנצע משפּחה געווען געווידמעט צו צדקה.

די צוויי ברידער, ר' שלום שכנא און ר' רפאל שלמה, האָבען זיך יעדער געהאַט זיין אייגענעם דרך ווי צו פארטיילען צדקה. ר' שלום שכנא פלעגט אין די קאלטע ווינטערדיגע נעכט ביי זיך ניט קענען פועלן צו זיצען אין זיין ריי־כער און באקוועמער היים. ער פלעגט זיך ארויסלאָזען איבער די אָרימע געסלאַך פון ווילנע, מיט א בייטעל געלט אין קעשענע, און פלעגט זיך צוקוקען ווי אזוי די אָרימע לייט וואוינען. דאָ האָט אריינגעבלאָזען קעלט דורך די אלטע ווענט, דאָ האָט געפעהלט אן אויווען, און דאָ איז דער דאך געווען צו־בראָכען. דאָ האָבען געפעהלט בגדים און דאָ האָט געפעהלט ברויט, דאָ זיינען געלעגען מענשען קראַנק און דאָ איז אימיצער געווען אָהן ארבייט. ר' שלום שכנא האָט אומעטום איבערגעלאָזט געלט כדי מתקן צו זיין דאָס וואָס עס האָט דאָרט געפעהלט. ווען דער בייטעל געלט האָט ניט געקלעקט צו באזאָר־גען אלעמען, האָט ער שפּעטער פון הויז צוגעשיקט נדבות צו די וואָס האָבען זיך אין עפּעס געניטיגט.

זיין ברודער, ר' רפאל שלמה, האט זיך גענומען אזא הנהגה: א חוץ וואס ער האט געטיילט געלט אויף צדקה פון זיין אייגענער קעשענע, איז ער גע־גאנגען מיט א פושקע פון הויז צו הויז און האט געבעטען, אז יעדער זאל דארט עפעס אריינווארפען לויט זיין באגעהר און לויט זיין מעגליכקייט. ער פלעגט דערביי זאגען:

— שלאגט זיך ארויס פון קאפ אז דאס קומט צו אייך רפאל שלמה דער גביר. דאס איז ניט מעהר ווי רפאל שלמה דער קבצן. גיט מיר ניט ווי א גביר נאר ווי אן ארימאן. גיט מיר גראשענס, גיט וויפיעל איהר קענט און דער אויבערשטער וועט אייך העלפען.

ר' רפאל שלמה פלעגט דערביי מסביר זיין אז אייגענטליך איז דאך גדול המעשה יותר מן העושה, אז עס איז וויכטיגער צו משפיע זיין, אז אנדערע זאלען געבען ווי אליין צו געבען. ער פלעגט אויך זאגען, אזביים אויבערשטען איז מעהר אנגעלייגט די פרוטות וואס מען קלייבט צוזאמען צווישען עולם ווי די רובעלס וואס מען גיט אליין. ער האט אויך געזאגט, אז ער האלט אז מען דארף זיך אליין אפגעבען מיט צדקה־ארבייט און ניט באנוגענען זיך נאר מיט געבען. אט צוליעב דעם האט מען ר' רפאל שלמה'ן אין ווילנע גערופען "דער רייכער קבצן".

אויף דעם פארלאנג פון זיין מוטער, האט ר' רפאל שלמה יעדען מאל צוגעלייגט פון זיין קעשענע פונקט אזוי פיעל וויפיעל ער האט צוזאמענגע־קליבען מיט דער פושקע. שפעטער האט זיין מוטער, שרה, אליין אנגעהויבען צוטראגען אז עהנליכע סומע פון איהר קעשענע. דאס געלט האט ר' רפאל שלמה באנוצט פאר א ספעציעלען צוועק — פדיון שבוים. ווארים עס איז דאמאלס געווען א צייט ווען אויף אידען זיינען געמאכט געווארען בלבולים פון די קאטוילישע גלחים. א סך אידען זיינען געווען אונטער קלאגעס און מען האט געדארפט האבען געלט זיי צו פארטיידיגען און זיי צו ראטעווען.

ר' אברהם און די צדקנית שרה זיינען נפטר געווארען אין גאר א הויכען עלטער. זייערע זיהן האבען ווייטער אנגעהאלטען די גרויסע טראדיציע פון דער זעלטענער משפחה. זיי האבען אויך משדך געווען זייערע קינדער מיט באוואוסטע לומדישע פאמיליעס.

אין יאהר תט"ו, ווען ווילנע איז געווארען דער צענטער פון קריג צווישען די רוסען און די פאלאקען, זיינען די צוויי ברידער שוין געווען אויף די עלטערע יאהרען. זייערע מסחרים זיינען געווען פארשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד און זיינען אנגעפיהרט געווארען פון זייערע זיהן און אייניקלאך. אז די קאזאקען האבען זיך געהאלטען אין דערנעהנטערען צו ווילנע האבען די דאזיגע צוויי ברידער באזארגט די אידען מיט וועגענער כדי זיי זאלען קענען באצייטענס אוועק פון שטאט. די ערשטע וואס זיינען געראטעוועט געווארען זיינען געווען די גרויסע לומדים און זייערע פאמיליעס.

די צוויי ברידער האבען דערביי געהאט די הילף פון דעם רוסישען גוט־באזיצער וואלקאוו, וועלכער האט געהאט א גרויסען גוט ביי שווינציאן. דער דאזיגער גוט האט פריהער געהערט צו א פוילישען אדעליגען און איז אריבער צום רוס וואלקאוו דורך דער פארמיטלונג פון די ברידער. ר' שלום שכנא און

ר' רפאל שלמה. די ברידער האבען וואלקאוו'ן געהאט געליהען געלט אויף ליכטע באדינגונגען. ווי דאס איז שוין געווען די טראדיציע פון זייער משפחה. האבען זיי וואלקאוו'ן צוגערעדט אז ער זאל נעהמען א אידען צו פארוואלטען זיין גוט. דער דאזיגער איד האט וואלקאוו'ן אריינגעבראכט א גרויסען פארמעגען און דער גוט־באזיצער האט דערפאר תמיד געפיהלט גרוים דאנקבארקייט צו די דאזיגע ווילנער ברידער.

עס איז געווען א דינסטאג, כ"ב תמוז, א טאג איידער די קאזאקען זיינען אריינגעקומען אין ווילנע. וואלקאוו האט געשיקט קיין ווילנע וועגענער צו ברייגען אויף זיין גוט די צווי ברידער און זייערע פאמיליעס. ר' שלום שכנא און ר' רפאל שלמה האבען זיך ניט געוואלט אפשיידען פון די אנדערע אידען, אבער די גאונים ר' משה רבקה'ס און ר' שבתי כהן האבען זיי אבער געהייסען פאהרען צו וואלקאוו'ן אויפ'ן גוט.

אין מיטען פון חודש אלול זיינען זיי צוריקגעקומען קיין ווילנע. א גרויסער טייל פון שטאט איז געווען פארברענט. די שרפה אין ווילנע האט געהאט אנגעהאלטען זיבעצעהן טעג. ווי דורך א נס זיינען די הייזער פון די צווי ברידער בעלי צדקה, געבליבען גאנץ. ר' שלום שכנא און ר' רפאל שלמה האבען זיך די ערשטע גענומען צוריקצובויען די חרוב'ע ווילנע. זיי האבען געגעבען א גרויסע סומע געלט צו בויען הייזער, באזונדער פאר ארימע לייט.

ר' שלום שכנא איז נפטר געווארען דער ערשטער. צעהנדליגע טויזענדער אידען און ניט־אידען זיינען געקומען צו זיין לויה. ר' רפאל שלמה, "דער רייכער קבצן", איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין צדקה־ארבייט. אבער ער איז שוין געווען אלט און האט מעהר ניט געקענט געהן מיט דער פושקע איבער די הייזער צו קלייבען נדבות — וואס ער האט אנגעהאלטען טעגליך פאר פערציג יאהר צייט.

ר' רפאל שלמה האט דאן גערופען אן אסיפה פון די גבירים און נכבדים פון ווילנע און האט זיי דערקלעהרט, אז ער איז צו שוואך ווייטער צו געהן מיט דער פושקע. ער האט אנגעבאטען צו פארקויפען "די חזקה" צו געהן מיט דער פושקע. ער האט אבער פארלאנגט א גרויסע סומע געלט פאר דער דאזיגער חזקה — נאטירליך פאר צדקה.

די חזקה האט אפגעקויפט דער ווילנער נגיד ר' ירחמיאל כהן. ער האט אבער אויסגענומען א תנאי, אז ער זאל פון זיין אייגענער קעשענע דארפען צוטראגען נאר א פינפטעל פון דעם וואס ער וועט צוזאמענקלייבען מיט דער פושקע. ר' רפאל שלמה איז ניט געווען צופרידען און איז באשטאנען, אז עס זאל צוגעטראגען ווערען אזא סומע ווי ער האט די גאנצע צייט אליין געגעבען. האבען זיך ביי דער אסיפה געפונען נאך זעקס אידען וואס האבען זיך מתחייב געווען, אז זיי וועלען צווישען זיך צוטראגען די איבעריגע פיער פינפטעל.

פאר דרייצעהן יאהר איז דאן דער נגיד ר' ירחמיאל כהן געגאנגען מיט דער פושקע אויף וועלכער עס איז געווען אנגעשריבען "דער רייכער קבצן" איבער די גאסען פון ווילנע, פון הויז צו הויז און געקליבען גראשענס פאר צדקה. אין אווענט פלעגט ער זיך צוריקקעהרען אהיים, איבערצעהלען דאס געלט וואס ער האט צוזאמענגעקליבען, עס פארשריבען אין א בוך און צוגעגעבען זיין אייגענעם פינפטעל. סוף וואך פלעגען זיך צוזאמענקומען די אנדערע

זעקס אידען און לויט ווי די חשבונות פלעגן ציינגן, האבען זיי צוגעטראגען די איבעריגע פיער פינפטעל.

די פטירה פון דעם "רייכען קבצן" ר' רפאל שלמה האט נאטירליך געמאכט א גרויסען רושם אין ווילנא און די צוויי אורחים, דער נסתר ר' נחום טוביה און דער יונגער ר' זכריה ירוחם, דער נעמעראווער עילוי, האבען פשוט ניט געקענט זיך אפוואונדערען פון די גרויסע מעשים פון דעם דאזיגען ר' רפאל שלמה און זיין משפחה. עס איז אויך געווען דאמאלס וואס עס איז געקומען דער דעקרעט, אז מען זאל פארבאטען אידען צו האלטען גוי'שע דינסטען און אמען. דער דאזיגער דעקרעט איז גראד פון די ראשי הקהל אין ווילנא ניט אויפגענומען געווארען ווי קיין גזרה וואס קען אידען טהאן שלעכטס, נאר ווי עפעס פון וואס אידען קענען גאר געווינען.

מב.

צעריסענע פאמיליען־לעבענס

דעם רבי'ס אוידים אין דאבראמיסל העלפט פארשטארקען דעם שלום בית אין שטאט. — פארוואס דארט זיינען פארגעקומען א סך גיטין.

ווען די צוויי וואנדערער זיינען געווען אין ווילנא האט דער נעמעראווער עילוי, ר' זכריה ירוחם, אנגעהויבען אויסצוגעפינען מעהר פרטים וועגען דעם נסתר ר' נחום טוביה'ן. ער האט צום ערשטען מאל זיך דערוואוסט, אז ער שטאמט פון פאלאצק. ביידע וואנדערער האבען זיך איצט פארנומען פון ווילנא קיין פאלאצק.

ר' נחום טוביה האט זיך נוהג געווען, אז ער האט אין וואכען־טעג קיינ־מאל ניט געגעסען מעהר ווי ברויט מיט וואסער. שבת האט ער געגעסען חלה, אבער קיין זאך מעהר. דאס אייגענע האט ער געטהאן ימים טובים. פסח האט ער מקיים געווען די מצוה פון ארבע כוסות און אויך מרור און חרוסת, אבער ניט מעהר. אין זיינע וואנדערונגען האט ער יעדען טאג געפאסט תעניתים. פארנאכט איז ער אריין אין א אידיש הויז און געבעטען א שטיקעל ברויט. דאס ברויט פלעגט ער נעהמען מיט זיך אין בית המדרש, און נאך מעריב האט ער מיט'ן שטיקעל ברויט פארפאסט, פארטרינקענדיג מיט וואסער. דאס זעלבינע פלעגט ער טהאן פרייטאג, ווען ער פלעגט בעטען ערגעץ א חלה און איבער דעם דערנאך מאכען קידוש אין בית המדרש.

אין פאלאצק האט ר' נחום טוביה געהאט א קליינע גרופע לומדים וואס האבען זיך אפגעגעבען מיט לערנען קבלה. זיי האבען אלע אויך זיך גענומען סגופים און געפאסט תעניתים. די מעהרסטע צייט האבען זיי פארבראכט אין התבודדות. דער נעמעראווער עילוי האט געהאט גרויס חשק צו ווערען א חבר פון אט דער גרופע מקובלים, אבער מען האט איהם אין דער חברותא ניט אריינגענומען, ווייל די מקובלים האבען געהאט א תקנה, אז מען זאל קיין בחורים ניט אריינעהמען. ערשט דאמאלס ווען ר' זכריה ירוחם איז געווארען דער איידעם פון א חשוב'ען פאלאצקער בעל הבית, האט מען איהם אריינ־גענומען צווישען די מקובלים.

אין יאהר תכ"ג איז ר' זכריה ירוחם געווארען דער פאטער פון זיין בכור

גבריאל. צוויי יאָהר שפּעטער האָט איהם זיין ווייב געבאָרען א צווייטען זוהן, יחזקאל. אין ת"מ, ווען גבריאל איז געוואָרען זיבעצעהן יאָהר אַלט, האָט איהם זיין פאָטער משדך געווען מיט דער טאָכטער פון דעם דאַבראָמיסלער רב, דער גאון ר' תנחום שמואל. אין דריי יאָהר אַרום האָט ער חתונה געמאַכט זיין צווייטען זוהן. גבריאל'ס ערשט קינד איז געווען א טאָכטער און דאָס צווייט קינד איז געווען א זוהן. ווען דאָס אינגעל איז געוואָרען בר מצוה איז ר' זכריה ירוחם געקומען קיין דאַבראָמיסל צו דער שמחה. מען האָט איהם דאָרט צוגעטיילט גרויס כבוד ווי אזא גאון האָט פאַרדינט. ער איז א קורצע צייט פאַרבליבען אין דאַבראָמיסל און דאַן צוריקגעפאָהרען אהיים. דאָס אייניקעל, דער בר מצוה איז דערנאָך קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען.

ר' גבריאל, דעם רב'ס איידעם, האָט פון סאַמע אָנפאַנג זיך באַליעבט געמאַכט אין דאַבראָמיסל. דאָס איז געווען צוליעב זיין לומדות, צוליעב זיין פרעהליכקייט און צוליעב זיין חכמה. דערפאַר וואָס דער שווער איז שוין געווען אַלט און דערצו א חלוש, האָט מען מיט אַלע ענינים פון שטאָט זיך געווענדעט צום איידעם. ר' גבריאל האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכענט ווי א רודף שלום אין פאַמיליע סכסוכים. טאַקע צוליעב דעם זיינען אין דאַבראָמיסל פאַרקלענערט געוואָרען די צאָהל גט'ן און עס האָט זיך פאַרמעהרט די צאָהל חתונות. די קהלה אין דאַבראָמיסל האָט זינט זיין אָנקומען דאָרט אַלס איידעם אָנגעהויבען וואַקסען.

ר' תנחום שמואל איז געווען א געבאָרענער אין דאַבראָמיסל. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר ש"ס. זיין פאָטער האָט געהייסען ר' מלכיאל צבי און איז געווען אין דאַבראָמיסל דער מרא דאתרא. ר' תנחום שמואל איז געווען דרייסיג יאָהר אַלט ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרען און איז געוואָרען דער ממלא מקומו. ר' תנחום שמואל האָט זיך, א חוץ זיין גאונות אויסגעצייכענט מיט זיין עניוות און זיינע מידות טובות. ער איז קיינמאָל ניט אַרויס פון זיינע ד' אמות פון תורה. ער האָט געפאַסט יעדען טאָג פון דער וואָך, א חוץ שבת. ער האָט ניט געגעסען קיין ברויט, נאָר וואַרעמע קאַרטאָפעל צוליעב דעם חשש פון ווערים.

פון יענער צייט זיינען אויך געבליבען באַקאַנט צוויי מערקווירדיגע טיפּען פון דאַבראָמיסל, ר' פייווע דער טענצער און חנא טביה "דער קושער" ר' פייווע האָט באַקומען דעם נאָמען "טענצער", דערפאַר וואָס ווען ער פלעגט זאָגען "אין כאלהינו", פלעגט ער טאַנצען פון גרויס שמחה און התלהבות. ר' חנא טביה האָט זיך נוהג געווען צו קושען יעדע פּאָר תפילין און די ציצית פון יעדען טלית וואָס ער האָט נאָר געזעהן אין בית המדרש. ביידע זיינען געווען תלמידים פון דעם צדיק און בעל מופת ר' חיים יצחק.

דער דאָזיגער ר' חיים יצחק איז שוין געווען נײַנציג יאָהר אַלט ווען ר' תנחום שמואל איז געוואָרען בר מצוה. זיין פאָטער האָט איהם גענומען צו דעם זקן און יענער האָט איהם געבענטשט. ער האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ער האָט א הויכע נשמה. פאַר זיין פּטירה האָט ר' חיים יצחק געזאָגט אויף ר' תנחום שמואל'ן, אַז ער האָט גלוי אליהו. ר' תנחום שמואל איז געוואָרען דער איידעם פון דעם סופר ר' ירמיהו.

דרייסיג יאָהר האָט ר' תנחום שמואל געלעבט מיט זיין פרוי און זי האָט

ניט געהאט קיין קינדער. נאך איהר פטירה האט ער חתונה געהאט א צווייטע מאל און די צווייטע פרוי האט אויך ניט געהאט קיין קינדער. צוואנציג יאהר האט זיין צווייטע פרוי מיט איהם געלעבט און איז געשטארבען. ערשט מיט זיין דריטען זיווג, דריי יאהר נאך דער חופה, איז ר' תנחום שמואל געווארען א פאטער פון א טאכטער, וועלכע איז דערנאך געווארען ר' גבריאל'ס פרוי.

דאבראמיסל האט צו יענער צייט געהאט א נאמען פאר א גאנץ פרידליכע שטאט. זעלטען ווען דארט פלעגט פארקומען א דין תורה. דערפאר זיינען דארט אבער געווען א סך צעריסענע פאמיליען לעבענס. מענער און ווייבער פלעגען זיך ארומקריגען. מענער האבען חושד געווען זייערע ווייבער, און די ווייבער האבען חושד געווען זייערע מענער. מען האט איינער אויפ'ן אנ־דרען שטענדיג גערעדט רכילות. דערפאר זיינען דארט פארגעקומען א סך גט'ן.

ר' תנחום שמואל האט אט די צושטערטע שלום בית'ן געהאלטען פאר א גרויסע קללה. ווען מאן און ווייב פלעגען קומען צו איהם זיך קלאגען איינער אויפ'ן אנדערען, האט ער זיי מיט גרוים ליעבשאפט פרובירט שטראפען און באווייזען, אז עס איז ניטא קיין שום גרונט פאר די אלע חשדים. ער האט אפט געווינט צוזאמען מיט די מענער און ווייבער אויף זייער צער. ער פלעגט זיי באווייזען מיט מאמרי חז"ל, אז מען דארף זיך ניט גט'ן. ער פלעגט באַ־זונדער אנווייזען אויף דעם וואס די גמרא זאגט (סנהדרין דף ת"ב): "כל המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות" (אז דער וואס גט אפ זיין ערשטע פרוי פארגיסט אפילו דער מזבח אויף דעם טרעהרען). אבער דאס האט קוים געהאלפען. ער האט זעלטען געקענט אפריידען מאן און ווייב, אז זיי זאלען זיך ניט גט'ן.

די דאזיגע גט'ן האבען פשוט אנגעמאכט א חורבן אין אידישען לעבען אין דאבראמיסל. ווען ישראלים פלעגען זיך גט'ן, האט נאך אפט פאסירט, אז די צושיידטע מענער און פרויען האבען זיך שפעטער איבערגעבעטען און ווי־דער חתונה געהאט. מיט די כהנים איז אבער געווען אנדערש. זיי האבען זיך שוין מעהר ניט געקענט צוריקנעהמען און די כהנים זיינען דאך באוואוסט פאר כעסנים און היץ־קעפ.

ר' תנחום שמואל האט דערפאר פיעל מאל גוזר תענית געווען און האט גערופען דעם עולם צו תשובה. ער האט אויף דעם אופן געוואלט אפשטעלען די מגפה פון גט'ן אין דאבראמיסל. עטליכע מאל איז ער מיט א גרויסען עולם געגאנגען מתפלל זיין אויפ'ן בית הקברות. מען האט דארט געזאגט פאר־שידענע תפלות און געבלאזען שופר. אבער די צאהל גט'ן איז ניט פארקלע־נערט געווארען.

אנדערש איז געווען ווען דעם רב'ס איידעם, ר' גבריאל, איז אנגעקומען אין דאבראמיסל. ר' נחום שמואל האט אנגעהויבען אפשיקען אלע פאמיליען סכסוכים צו זיין איידעם, און ער, ר' גבריאל, האט געהאט א גאר אנדער צו־גאנג צו דעם ענין. פון נאטור א געלאסענער, האט ער צוערשט, אין יעדען פאל פון א צושטערטען שלום בית, זיך גענומען עטליכע טעג צייט אויסצו־פארשען וואס אזוינס עס האט געפיהרט דערצו, אז מאן און ווייב זאלען ניט קענען לעבען בשלום. וויסענדיג, אז ווען די קריגערייען צווישען מאן און ווייב ווערען ארויסגעטראגען אין גאס, אזוי ווערט דער ענין א סך מעהר פאר־

שארפט. האט ער דערפאר אלץ געטהאן אין דער שטיל, באהאלטענערהייט, אזוי, אז קיין זייטיגע מענשען זאלען ניט וויסען וואס עס קומט פאר אין דער פאמיליע.

אין משך פון עטליכע וואכען צייט, וואס ר' גבריאל האט געוויינליך זיך גענומען פאר דער חקירה ודרישה, האט זיך אפט ארויסגעוויזען, אז די קריגערייען האבען זיך אנגעפאנגען צוליעב פאלשע חשדים און צוליעב די רכילות פון בייזע צינגער. מאן און ווייב האבען זיך דאמאלס ארומגעזעהן, אז זיי זיינען פשוט פארפיהרט געווארען און, מיט דער הילף פון דעם רב'ס איידעם האבען זיי געמאכט שלום און זיך צופרידענע צוריקגעקעהרט אהיים.

אויף דעם אופן זיינען אין דאבראמיסל געמינערט געווארען די גט'ן און עס איז געשטארקט געווארען דער שלום בית אין שטאט. ר' גבריאל האט בכלל זיך שטארק באמיהט צו דערהויבען דעם גייסטיגען מצב פון די דאבראמיסלער אידען. ער האט זיי געלערנט ווי אויסצומיידען רכילות און צו פארבעסערען די באציהונגען ניט נאר צווישען מאן און ווייב, נאר אויך צווישען שכנים, ווארום ער האט גוט געוואוסט, אז די רכילות וואס שכנים פארשפרייטען איינע געגען די אנדערע איז דער גיפט וואס פארדארבט דאס לעבען פון א קבוץ און פיהרט צו פארשידענע צרות.

באלד ווי ר' גבריאל איז געווארען דעם דאבראמיסלער רב'ס איידעם, האט ער זיך אנגעהויבען געגויער צוקוקען צום טאג-טעגליכען לעבען פון די דארטיגע אידען און זייערע באדערפענישען. בעת די דאבראמיסלער אידען זיינען געווען צוריקגעשטאנען אין רוחניות, זיינען זיי אבער געווען אין א גוטען מצב אין גשמיות. יעדע משפחה האט זיך געהאט איהר אייגענעם גארטען פון וועלכען מען איז געווען באזארגט א גאנץ יאהר. מען האט אויך געהאט א קוה, א ציג און עופות. עס זיינען געווען אזוינע וואס פלעגען אפדינגען גרעסערע שטיקער ערד און פארזייען תבואה, קארטאפעל וכדומה.

אין צוגאב זיינען די אידען געווען בעל מלאכות און הענדלער. אויב עס האט געפעהלט שלום בית איז עס דאס רוב געווען צוליעב דעם, וואס די דאבראמיסלער אידען האבען זיך משדך געווען צווישען זיך. זעלטען ווען מען האט זיך משדך געווען מיט אידען פון דערבייאיגע שטעטלאך ווי ליאזנע און באבינאוויטש. ר' גבריאל האט דערפאר אנגעהויבען צוריידען די אידען פון דאבראמיסל, באזונדער די וואס האבען געהאט טעכטער אויסצוגעבען, אז זיי זאלען זיך נעהמען ישיבה בחורים פאר איידעמס. אויף דעם אופן האט דאבראמיסל באלד צוגעקראגען לומדישע יונגע לייט וואס האבען באלד געקראגען א השפעה אין שטעטעל.

ר' גבריאל האט איצט געהאט פאר זיך צוויי אויפגאבען: פון איין זייט האט ער זיך באמיהט אז די בעלי בתים פון שטעטעל, די קרעמער, די סוחרים און די בעלי מלאכות זאלען זיך צוהערען צו די פארשידענע שיעורים וואס ער האט איינגעפיהרט, און פון דער צווייטער זייט האט ער געווירקט אויף די לומדישע איידעמס, אז א חוץ תורה זאלען זיי זיך אויך אפגעבען מיט ארבייט אדער מסחר. ר' גבריאל פלעגט אנווייזען אויף דעם וואס די חז"ל האבען געזאגט, אז טוב תורה עם דרך ארץ.

ר' גבריאל האט אויך געהאט געגרינדעט א ישיבה אין דאבראמיסל,

אבער זי האט לאנג ניט געהאט קיין קיום. דאגעגען האט אלץ געוואקסען דער באגעהר מצד דאבראמיסלער אידען צו נעהמען ישיבה בחורים פאר איידעמס. אין משך פון צוועלף יאהר צייט האט דאבראמיסל פשוט געקראגען אן אנדער פנים, א דאנק דער השפעה פון ר' גבריאל'ן.

א גרויסע השפעה האט ר' גבריאל אויך געהאט מיט זיינע דרשות אין וועלכע ער פלעגט א סך ריידען וועגען דער ברכה פון שלום בית און וועגען אנדערע טאג־טעגליכע ענינים.

צווישען די נייע לומדישע איידעמס וואס זיינען צוגעקומען אין דאבראמיסל איז געווען איינער מיט'ן נאמען יוסף. זיין שווער, ר' חיים יצחק, איז אליין געווען א מערקווירדיגע פערזענליכקייט. מען האט איהם גערופען "ר' חיים יצחק דער בדחן", און מען האט איהם אויך גערופען "ר' חיים יצחק דעם פריץ'ס". דעם לעצטען נאמען האט ער געקראגען דערפאר וואס ער איז געווען א גאנצער בן בית ביי דעם פריץ פון טעפקע, א דריי וויארססט פון דאבראמיסל. דער פריץ פלעגט זיך אהן ר' חיים יצחק'ן ממש קיין ריהר ניט טהאן.

"בדחן" האט מען איהם גערופען דערפאר וואס ער האט אויף זיך גענומען די מצוה צו משמח זיין חתן־כלה סיי ארים און סיי רייך, און האט פאר דעם קיינמאל ניט גענומען קיין געצאהלט. די דאזיגע מצוה פון משמח זיין חתן און כלה האט ער געהאט איבערגענומען בירושה פון זיינעם א זיידען, וועלכער איז געווען א גרויסער צדיק און איז כל ימיו געזעסען אפגעזונדערט פון מענשען און געלערנט און האט מיט קיינעם קיין ווארט ניט גערעדט. ער פלעגט נאר אנצייגען מיט די פינגער אויב ער האט עפעס געדארפט. ער האט כסדר געפאסט תעניתים און גענומען אויף זיך סגופים. ער איז געווען א זעלטענער מנגן. זיינע תפלות זיינען געווען באגלייט מיט אזוינע מתיקות'־דיגע ניגונים, אז מענשען האבען זיך ממש ניט געקענט אוועקרייסען. ער האט גענומען אויף זיך צו קומען אויף חתונות און משמח זיין חתן־כלה. ער פלעגט טאנצען און זינגען, האלטענדיג זיינע אויגען פארבונדען מיט א פאטשיילקע כדי ער זאל ניט דארפען קוקען אויף קיין ווייבער. אזוי האט ער זיך נוהג געווען ביז א הויכען עלטער. דאן האט זיין אייניקעל, ר' חיים יצחק, איבערגענומען די דאזיגע מצוה.

ר' חיים יצחק'ס איידעם, יוסף, האט געשטאמט פון מינסק. זיין פאטער איז געווען א מולער וואס האט געמאכט אויוועגס. גלייכצייטיג איז ער אויך געווען א גרויסער למדן און ירא שמים. יוסף האט פון זיין טאטען גע'ירשנ'ט סיי די לומדות און סיי די מלאכה צו מאכען אויוועגס. ער איז אבער ניט געווען קיין פשוט'ער אויווען־מאכער. זיינע אויוועגס האבען געהאט א שם. זיי האבען געהאלטען היץ א סך לענגער ווי געוויינליכע אויוועגס און זיי זיינען אויך געווען גלאט ווי גלאז. עס איז קיין מאל ניט געווען קיין שפאלט צווישען די ציגעל.

אידען האבען באזונדער געגארט ר' יוסף'ס אויוועגס פאר באקען מצה. ר' גבריאל איז געווען אזוי אנטציקט פון זיינע אויוועגס, אז ער האט אויפגעפאדערט די דאבראמיסלער בעלי בתים אויפצושטעלען א קהל'שען אויוועגען צו באקען ערב פסח מצות פאר דער שטאט.

יוסף איז שנעל מפורסם געווארען פאר זיינע אויוועגס און מען האט איהם ממש צעריסען, ווייל יעדער האט געוואלט האבען זיינעם אן אויווען. ער האט יעדערען פרובירט צופרידענשטעלען, אבער ניט צו נעהמען פאר דעם געצאהלט. יוסף וואלט געקענט פארדינען א סך געלד פון זיינע אויוועגס. פריצים האבען איהם גערופען אויפצושטעלען אויוועגס. ער האט אבער פון דעם זיך אפגעזאגט, ווייל ער האט בעסער געוואלט זיצען און לערנען תורה. שפעטער האט ער איינגעזעהן, אז זיין ארבייט איז זעהר וויכטיג און ער האט זיך אויסגעקליבען א פאר לומדישע יונגע לייט וועמען ער האט אויסגעלערנט די מלאכה. ער האט פון דעסטוועגען נאך אלץ געמוזט זיך אפגעבען מיט אויפשטעלען אויוועגס, אזוי גרויס איז געווען די נאכפראגע אויף זיי, און יוסף האט געוואוסט ווי וויכטיג אן אויווען איז אין טעגליכען לעבען.

ר' גבריאל איז געווארען אזוי מפורסם אלס בעל דרשן, אז די אלע שטעט־לאך ארום האט מען צו איהם אנגעהויבען שיקען שלוחים איהם צו פארבעטען צו קומען האלטען דרשות. א חוץ א בעל דרשן האט ער אויך געקראגען א שם פאר זיין לומדות. מען האט אויף איהם געזאגט, אז אין לומדות שטעהט ער ניט נידעריגער פון זיין פאטער ר' זכריה ירוחם'ן, מיט וועמען ער פלעגט זיך אפט איבערשרייבען וועגען לומדישע ענינים.

זיין ברודער ר' יחזקאל, וועלכער האט געוואוינט אין פאלאצק, איז צוויי יאהר נאך זיין חתונה געווארען דער פאטער פון א קינד, וועמען ער האט א נאמען געגעבען זבולון מרדכי. דאס קינד איז געווען שוואך אין קערפער, אבער שטארק אין גייסט. אז דאס קינד איז געווען פינף יאהר אלט, איז ר' יחזקאל נפטר געווארען און זבולון מרדכי איז צוגענומען געווארען פון זיין זיידען.

ר' זכריה ירוחם איז ביי דער צייט שוין געווען מפורסם אויך ווי א בעל מקובל. ווארים א חוץ דעם וואס ער האט זעכצעהן יאהר צייט געלערנט קבלה ביי דעם נסתר ר' נחום טוביה, האט ער צעהן יאהר געלערנט קבלה ביי ר' נחום טוביה'ס ממלא מקום, ר' זונד'ל יוסף.

דער יתום זבולון מרדכי, ניט קוקענדיג אויף דער שוואכקייט פון זיין קערפער האט געלערנט מיט גרויס התמדה. א חוץ מלמדים האט אויך מיט איהם געלערנט זיין זיידע, און ניט נאר תורה נאר אויך מוסר פון מידות טובות. צו צוועלף יאהר איז ער שוין געווען גאר א גרויסער למדן. ער האט אויך געהאט זיין אייגענעם דרך, האלטענדיג זיך אפגעזונדערט פון מענשען.

אין תנ"ז האט דער גאון ר' משה ברב מרדכי פון פויזען, וועלכער איז געווען רב און ראש ישיבה אין מינסק, געשיקט א שליח צו ר' זכריה ירוחם'ן און איהם געבעטען צו ווערען זיין ממלא מקום אלס ראש ישיבה. ר' זכריה ירוחם האט דאן אוועקגעשיקט זיין אייניקעל זבולון מרדכי'ן צו זיין זוהן ר גבריאל'ן קיין דאבראמיסל.

דער יתום, א חוץ דעם וואס ער האט זיך געהאלטען אפגעזונדערט פון מענשען, האט ער אויך געצייגט גרויס עצבות. אין דעם פרט איז ער געווען גלייך צו זיין פאטער. דאס וואס ער איז געבליבען א יתום האט נאך פארגרע־סערט זיין צער. אפילו די התקרבנות פון זיין פעטער, ר' גבריאל'ן, האט איהם ניט דערמונטערט. ער האט זיך אלץ מעהר און מעהר געפיהלט שפל און גע־

בראכעו אין געמיטה. ער האט אפילו אנגעהויבען אויסמיידען זיין פעטער'ס הויז און האט טאג און נאכט פארבראכט אין בית מדרש. אויך דארט האט ער זיך געהאלטען אפגעזונדערט, זיצענדיג תמיד אין א ווינקעל און געלערנט. תורה איז געווען זיין גאנצער לעבען.

ער האט אפילו ניט געוואלט עסען ביי זיין פעטער און האט זיך באנוגענט מיט א טרוקען שטיקעל ברויט פארטרינקענדיג מיט וואסער. זבולון מרדכי האט שפעטער אויך אנגעהויבען פאסטען תעניתים און גענומען אויף זיך סגופים. אלע רייד פון זיין פעטער און אלע פארזוכען זיינע איהם צו ברייננגען אויף אן אנדער דרך האבען ניט געהאלפען.

ארום יענער צייט איז ר' גבריאל'ס שווער, דער דאבראמיסלער רב, ר' תנחום שמואל, נפטר געווארען אין עלטער פון זיבען און ניינציג יאהר. ר' גבריאל איז געווארען דער ממלא מקומו. אויף דער עצה פון זיין פאטער ר' זכריה ירוחם, האט ר' גבריאל גענומען זיין פלימעניק דעם יתום זבולון מרדכי פאר אן איידעם. זבולון מרדכי איז דאמאלס געווען א אינגעל פון פערצעהן יאהר. ער האט זיין דרך אבער ניט געענדערט אפילו נאך דער חתונה.

מג.

אן עלילת דם

דער דאבראמיסלער רב און זיין איידים. — די אבילות וואס צוויי קהלות האבען געפראוועט. — א פנים חדשות אין שטעטעל.

פינף יאהר נאך דער חתונה איז ר' זבולון מרדכי, א ניינצען יאהריגער יונגערמאנטשיק, געבליבען אן אלמן. קיין קינדער זיינען איהם פון זיין פרוי ניט געבליבען. פאר דער גאנצער צייט איז ר' זבולון מרדכי געווען אינגאנצען אפגעזונדערט פון מענשען.

אין משך פון דער צייט איז אויך זיין זיידע, ר' זכריה ירוחם, נאכדעם ווי ער איז געווען ראש ישיבה אין מינסק פאר פינף יאהר צייט, נפטר גע־ווארען אין עלטער פון פינף־און־זעכציג יאהר. ר' זבולון מרדכי איז לאנג ניט געבליבען קיין אלמן. זיין שווער, וועלכער איז אויך געווען זיין פעטער, דער דאבראמיסלער רב, ר' גבריאל, האט איהם חתונה געמאכט מיט זיין צווייטער טאכטער. מיט זיין צווייטען זיווג האט ר' זבולון מרדכי געהאט א זוהן, וועמען ער האט א נאמען געגעבען נאך זיין זיידען, זכריה ירוחם.

ר' זבולון מרדכי, וועלכער האט מיט קיינעם ניט גערעדט און האט זיך תמיד געפיהלט דערשלאגען און שפל, האט די דערציהונג פון זיין זוהן איבער־געלאזט צו זיין שווער. דאס אינגעל איז געווען א געזונטער און א שעהנער. אויך זיינע גייסטיגע כשרונות זיינען געווען אויסגעצייכענטע. ער איז אויך געווען דער היפוך פון זיין פאטער מיט דעם וואס ער איז געווען א פרעהליכער און א לוסטיגער. זיין זיידע האט איהם שטארק ליעב געהאט און זיך מיט איהם א סך אפגעגעבען בעת זיין פאטער האט זיך ממש אויף איהם ניט אומגעקוקט.

ר' גבריאל, האט זיין אייניקעל אפט פארהערט אין לערנען און האט מיט איהם אליין געלערנט אין צוגאב צו די מלמדים. צו בר מצוה איז זכריה ירוחם

שוין געווען א גאנץ היבשער למדן און האט געזאגט א טיפען פלפול. ר' גבריאל האט געהאט פון איהם גרויס נחת. ער האט זיך אבער מצער געווען וואס דער פאטער, ר' זבולון מרדכי, איז דערוואיטערט פון זיין קינד. דאס אינגעל האט אויך געהאט פון דעם גרויס צער.

ווען זכריה ירוחם איז געווען פערצעהן יאהר אלט איז ער איינמאל א שבת-צו-נאכט אריין צו זיין פאטער אין חדר און האט זיך פאר איהם ביטער פאנאנדערגעוויינט.

— פארוואס ביזטו צו מיר ניט ווי אלע טאטעס זיינען צו זייערע קינדער? — האט ער געבליפעט.

ר' זבולון מרדכי, וועלכער איז בטבע גראד געווען א וויכער און הארציגער מענש, איז געווען שטארק גערירהט און האט זיך אליין פאנאנדערגעוויינט. ער האט אין דער אמת'ען גאר שטארק ליעב געהאט זיין זוהן. האט ער זכריה ירוחם'ן גענומען אויפ'ן שויס און האט איהם אנגעהויבען קושען און האלזען. דאס אינגעל איז געווען מלא שמחה. ר' זבולון מרדכי האט דאן אנטפלעקט פאר זיין זוהן דעם טיפען צער וואס ער טראגט אין הארצען זינט ויין קינדהייט — א צער וואס טרייבט איהם פון מענשען.

פון דאמאלס אן איז ר' זבולון מרדכי געווארען צוגענגליכער און פריינטליכער. ער האט זיך מעהר אפגעגעבען מיט זיין זוהן און האט אפילו אנגעהויבען ריידען ביסלעכוויוז מיט זיין שווער.

ווען זכריה ירוחם איז געווארען נייטצעהן יאהר אלט, איז ער געווארען דער איידעם פון דעם גאון ר' טוביה אשר פון באבינאוויטש און איז א יאהר ציים געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט. זיין זיידע און פאטער האבען שטארק געבענקט נאך איהם. האבען זיי איהם און זיין פרוי אריבערגעבראכט קיין דאבראמיסל, וואו ער איז געווארען פאטער פון א טאכטער. עס איז ניט אוועק קיין דריי יאהר און זכריה ירוחם איז קראנק געווארען. נאך א האלב יאהר קרענקען איז ער נפטר געווארען.

זיין פטירה האט באזונדער מורא'דיג געטראפען זיין זיידען, ר' גבריאל'ן, וועלכער איז ביז דאמאלס, ניט קוקענדיג אויף זיינע אכט-און-זעכציג יאהר, געווען שטארק און אויסגעקוקט ווי א יאהר פופציג. נאך זיין אייניקעל'ס טויט איז דער דאבראמיסלער רב פלוצים פארעלטערט געווארען און איז געווארען איינגעבויגען אין דרייען. עס איז איהם אויך געווארען שווער זיך צו באגעגענען מיט מענשען. ר' זבולון מרדכי האט זיך אויף דאס ניי אפגעזונדערט פון מענשען.

ביידע, זיידע און פאטער, האבען געפראוועט אבילות נאך זכריה ירוחם'ן. ביידע פלעגען זיך טיילען מיט'ן דאווענען פאר'ן עמוד און האבען ביידע נאכ'ן נפטר געזאגט קדיש.

די גאנצע קהלה האט מיטגעפיהלט זייער צער. דאבראמיסל האט באזונדער געהאט צו געדענקען דעם ערשטען יאהרצייט נאך זכריה ירוחם'ן, וואס איז אויסגעפאלען אין די ניין טעג. ווי דער שטייגער איז געווען האט מען דאמאלס סיי ווי אומעטום געפראוועט אבילות. מען האט געזאגט חצות סיי ביייטאג און סיי ביינאכט. די בתי מדרשים זיינען געווען פול מיט אידען

אין זכריה ירוחם'ס יאהרצייט געפראוועט געווארען אויף א גאר איינ-

דרוקספולען אופן אין מיטען פון דער אלגעמיינער אבילות. צום יאהרצייט זיינען קיין דאבראמיסל ארונטערגעקומען דעם נפטר'ס שווער פון באבינאָ־וויטש און א סך פון די דארטיגע בעלי בתים. דעם מעריב צום יאהרצייט האט געדאווענט פאר'ן עמוד דער זיידע, ר' גבריאל, און דעם נפטר'ס שווער און דער פאטער האבען געזאגט קדיש. דער גאנצער עולם האט ביטער געוויינט עם האט אויך געזאגט קדיש דאס טעכטערל וואס דער נפטר האט איבערגע־לאזט. א רושם האט געמאכט אויפ'ן עולם ווען דאס טעכטערל איז זאגענדיג קדיש, געפאלען אין חלשות.

א גאנצע נאכט זיינען די אבלים מיט עטליכע מנינים אידען, געזעסען און געלערנט. אויף מארגען זיינען זיי, מיט ר' גבריאל'ן בראש, געגאנגען אויפ'ן בית עלמין און געזאגט תפלות אויפ'ן קבר פון נפטר און נאכהער איז דארט אויפגעשטעלט געווארען א מצבה.

ר' גבריאל איז באלד נאכדעם געווארען אזוי שוואך, אז ער האט געבעטען זיין אידעם, ר' זבולון מרדכי'ן, איבערצונעהמען די רבנות. ר' זבולון מרדכי האט עס ניט געוואלט, און ר' גבריאל האט באשטימט זיין תלמיד ר' דוד משה'ן פאר א דיין. דריי יאהר שפעטער איז ר' גבריאל נפטר געווארען, איבערלאזענדיג א צוואה אין וועלכער ער האט אויפגעפאדערט זיין אידעם צו ווערען זיין ממלא מקום. ר' זבולון מרדכי האט קיין ברירה ניט געהאט. ער האט אבער געוואלט, אז ר' דוד משה זאל ווייטער בלייבען דיין.

האט דער דיין זיך אפגעגעבען מיט אלע ענינים פון שטאט, בעת ר' זבולון מרדכי איז געזעסען על התורה ועל העבודה און ווייטער געפראוועט התבודדות. כאטש פון צייט צו צייט האט ער געהאלטען דרשות און געזאגט פלפולים.

צו יענער צייט האט דאבראמיסל צוגעקראגען א נייע אינטערעסאנטע פערזענליכקייט, וואס האט שפעטער געשפילט א וויכטיגע ראל אין דער דארטיגער קהלה. דאס איז געווען ר' חיים שמעון, וועמען ר' יוסף דער מוליער האט אויסגעקליבען פאר א מאן פאר זיין אייניקעל, א יתומה.

ר' יוסף, וועלכער האט אלעמען באזארגט מיט אוייוענס, האט זיין חיונה געצויגען פון עפעס אנדערש, — פון גערטנעריי און ערד־ארבייט בכלל, אפגעבענדיג זיין איבעריגע צייט צו תורה. ער האט שוין געהאט חתונה גע־מאכט זיינע קינדער. זיין מוזיניק האט אבער ניט מאריך ימים געווען, איבער־לאזענדיג א יתומה, פאר וועלכער ר' יוסף איז ספעציעל געפאהרען קיין מינסק פאר איהר צו געפינען א חתן. דעם חתן, וואס ער האט פאר איהר אויסגעקלי־בען, איז געווען דער דערמאנטער חיים שמעון, א ליאזנער בחור, וועלכער האט זיך שטארק אויסגעצייכענט אין דער ישיבה, אבער האט נאך מעהר זיך געהאט אויסגעצייעכנט מיט זיינע מעשים אין זיין געבורט־שטאט וואו ער האט געהאט באקומען פאר די דאזיגע מעשים דעם נאמען "כוואט".

חיים שמעון האט געהערט צו גאר א חשוב'ע משפחה. זיין טאטע איז געווען א לומדישער איד און איינער פון די ראשי הקהל. זיין מוטער איז גע־ווען א גרויסע בעלת צדקה.

חיים שמעון איז פון זיין סאמע יוגענט געווען א גרויסער בריה, פול מיט ענערגיע און אונטערנעהמונגס־גייסט. גלייכצייטיג האט ער זיך שטענדיג אויסגעצייכענט אין לערנען. שוין דאס וואס ער איז געווען איינער פון די

בעסטע תלמידים ביי דעם מלמד, ר' גדליה זלמנ'ען, האט איהם צוגעגעבען חשיבות, ווארים גדליה זלמן האט געהאט א שם, אז ער נעהמט ניט קיין תלמיד וואס איז ניט קלאר לכל הפחות אין איינע פון די דריי "בבא'ס" און איז דערצו גוט און פרום און א מתמיד.

ר' גדליה זלמן איז בכלל געווען אנדערש פון די געוויינליכע מלמדים. ער האט קיינמאל ניט געהאלטען קיין "טשופלינע" אין האנט. ער האט זיך קיינמאל ניט געהיצט און האט ממש קיין הויך ווארט פון זיין מויל ניט ארויסגעלאזט. ער האט דאסזעלביגע אויך געפאדערט פון זיינע תלמידים אויב ער האט פון אימיצען געהערט א הויך ווארט, האט ער אויף יענעם געזאגט, אז די בהמה האט אין איהם זיך מתגבר געווען איבער'ן מענשען.

די תלמידים האבען איהם שטארק ליעב געהאט. די הארבסטע שטראף זיינע איז געווען, אז ער האט פון א תלמיד אפגעקעהרט דעם פנים.

חיים שמעון האט געהאט די אלע מדות טובות וואס זיין רבי האט אין איהם איינגעפלאנצט. ער האט אבער אויך געהאט זיין אייגענעם דרך און טאקע אויך זיין ווילען. ער האט פון זיין סאמע יוגענט זיך אינטערעסירט מיט קהל'שע ענינים און האט דורכאויס געוואלט וויסען אלץ וואס עס קומט פאר אין דער קהלה.

פארשטעהט זיך, אז אויב אידען אין ליאזנע האבען געהאט אויסצו־שטעהן צרות פון איינעם פון די פריצים, אז אייניקעל פון גענעראל שערעמע־טיעוו'ן, וועלכער האט איינגענומען וויטעבסק פאר די רוסען, האט עס חיים שמעון'ען שטארק אינטערעסירט און ער האט געוואלט וויסען אלץ וואס עס טהוט זיך. דאס איז באזונדער געווען דער פאל ווען דער דאזיגער פריץ, וועמעס נאמען איז געווען ניקאלאיעוו, האט אנגעהויבען מאכען בלבולים אויף אידען, האבענדיג פאר אן ארויסהעלפער א געוויסען קוזיצקי'ן, וועלכער איז געווען נאך א גרעסערער צורר היהודים פון איהם אליין.

אין מיטען פון חודש שבט, אין יאהר תצ"ז, איז אין א דארף ניט ווייט פון ליאזנע פארשוואונדען געווארען א קריסטליך אינגעל. דער אידען־פיינטלי־כער גוט־באזיצער ניקאלאיעוו, מיט דער הילף פון זיין פריינט קוזיצקי, האט אויסגענוצט די דאזיגע געלעגענהייט און איז ארויס מיט דער באשולדיגונג, אז די אידען האבען גע'גנב'עט דאס קינד און עס געקוילעט כדי צו נוצען זיין בלוט אויף פסח.

די אידען אין ליאזנע זיינען געווען אין שרעק. די ראשי הקהל האבען צוזאמענגערופען אן אסיפה זיך מיישב צו זיין וואס צו טהאן. דער יונגער חיים שמעון, וועלכער האט שוין לאנג נאכגעטראכט וועגען פארשידע־נע תחבולות ווי צו ראטעווען אידען פון דעם בלוט־בלבול, האט געהאט גרויס חשק צו זיין ביי דער דאזיגער אסיפה און זיך צוהערען וואס די ראשי הקהל האבען גערעדט צווישען זיך. ער האט אבער גוט געוואוסט אז מען וועט איהם צו דער אסיפה ניט צולאזען. האט זיך חיים שמעון אריינגע'גנב'עט אין דעם קהל־שטיבעל און זיך באהאלטען הינטער'ן אויווען.

שעה'ן לאנג האט געדויערט די אסיפה. פארשידענע עצות און תחבולות זיינען פארגעשלאגען געווארען. די שטימונג אויף דער אסיפה איז געווען א נעדריקטע. אייניגע האבען געזאגט, אז מען דארף פרובירען געווינען ניקא־

לאיעוו'ן דורך א מתנת יד. אנדערע ווידער, האבן געזאגט, אז מען דארף אונטערקויפען די ממשלה. מען האט זיך אבער געשראקען פאר דעם שררה, דער הויפט פון שטאט, וועגען וועמען מען האט געוואוסט, אז מען קען איהם ניט אונטערקויפען. גלייכצייטיג האט מען אויך געוואוסט, אז ער איז ניט קיין שטארקער אוהב ישראל. מען האט שוין געוואוסט, אז אין משך פון דער וואך וועט ניקאלאיעוו דערשיינען פאר דעם שררה און אנדערע שטאטישע פיהרער און פאר זיי פארלייגען די "באווייזען". אז אידען זיינען שולדיג אין דעם טויט פון פארשוואונדענעם קינד.

די דאזיגע ידיעה האט אויף די פארזאמעלטע ראשי הקהל אנגעיאגט א פחד. עס איז באשלאסען געווארען, אז קודם כל זאל מען גוזר תענית זיין און דאן זוכען מיטלען ווי אזוי צו פארמיידען דעם אומגליק וואס מען האט איצט דערווארט. חיים שמעון האט אין זיין באהעלטעניש באשלאסען ביי זיך צו טהאן עפעס אויף זיין אייגענעם חשבון.

דאס ערשטע וואס חיים שמעון האט געטהאן איז געווען דאס וואס ער האט זיך אנגעהויבען פריינטלען מיט איינעם פון די שרייבער אין דער שטאטישער קאנצעלאריע. פון איהם האט ער זיך דערוואוסט, אז ניקאלאיעוו דארף דערשיינען פאר די שטאטישע פיהרער דעם קומענדיגען פרייטאג אווענט. דאס איז ספעציעל באשטימט געווארען פאר יענעם אווענט דערפאר וואס דאמאלס זיצען אידען אין דער היים און ניקאלאיעוו האט ניט געוואלט אז אימיצער פון די אידען זאל וויסען אין פאראויס וואס ער גרייט צו געגען זיי.

חיים שמעון האט אויך אויסגעפונען, אז אויסער דעם שררה וועלען זיין פיער אנדערע. איינער פון זיי האט געזאלט זיין א אוהב ישראל. א צווייטער האט געזאלט זיין א שונא ישראל און די אנדערע צוויי האבן געזאלט זיין ניט קיין שונאים און ניט קיין פריינט פון אידען. יענעם פרייטאג האט א גאנצען טאג און אין אווענט געבושעוועט א שנעע-שטורם. אין אווענט איז דער שטורם פארשטארקט געווארען. ווען מען האט אין הויז פארענדיגט דעם פרייטאג-ביי-נאכטיגען מאלצייט, האט חיים שמעון פלוצים זיך אויפגעהויבען פון טיש און דערקלעהרט אז ער וועט געהן צו זיינעם א חבר מיט וועמען ער האט עפעס איבערצורעדען. דער שטורם האט איהם ניט געזאלט צוריקהאלטען. ער האט דערביי אויך מודיע געווען די עלטערן, אז עס איז מעגליך אז ער זאל די נאכט איבערנעכטיגען ביי זיין חבר אין הויז.

זיינע עלטערן האבן עס אנגענומען פאר גוט-געלט. זיי איז גאר ניט איינגעפאלען אז חיים שמעון האט עפעס א געהיימע שליחות דורכצופיהרען.

ניט קוקענדיג אויף דעם שטורם איז חיים שמעון יענעם פרייטאג אויף דער נאכט, מיט פעסטע טריט און אנטשלאסענקייט, אוועק צו דער קאנצעלאריע, אבער ווען ער איז דארט אנגעקומען האט ער זיין באקאנטען שרייבער ניט געפונען. דער וועכטער ביים טיהר האט איהם ניט אריינגעלאזט. אלע טענות פון חיים שמעון'ען, אז ער האט עפעס וויכטיגעס איבערצוגעבען די פארזאמעלטע האט ניט געהאלפען. דער וועכטער ביים טיהר האט איהם פשוט אנגענומען פאר'ן קאלנער און איהם ארויסגעווארפען.

חיים שמעון איז אבער ניט געווען אנטמוטיגט. זעהענדיג א פאר באלויכטענע פענסטער, איז ער צוגעגאנגען צו איינעם פון זיי און אריינקוקנ־

דיג אינעווייניג האט ער געזעהן, אז דאס איז דער חדר וואו מען האט זיך פארזאמעלט אויסצוהערען דעם שונא ישראל ניקאלאיעוו'ן. חיים שמעון איז דאן געפאלען אויף אן המצאה. ער האט אנגעהויבען רופען און בעטען מיט גרויס תחנונים פון הינטער'ן פענסטער, אז מען זאל איהם אריינלאזען אינע־ווייניג, ווייל ער געהט פשוט אויס פון קעלט. זיין תחנונים'דיגער קול איז דערהערט געווארען אינעווייניג. די פארזאמעלטע האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען. דער שרה האט אריינגערופען דעם וועכטער און איהם געהיי־סען אריינברענגען דעם יעניגען וואס האט זיך אזוי תחנונים'דיג געבעטען פון הינטער'ן פענסטער.

אין א ווײַלע ארום איז חיים שמעון געשטאנען פאר די פארזאמעלטע פיהרער פון ליאזנע. א בחור'ל פון פיינעם אויסזעהן און מיט אויגען, וואס האבען אויסגעדריקט פעסטקייט און אנטשלאסענקייט, האט ער באלד גע־מאכט א גוטען איינדרוק אויף די גוים. בלויז ניקאלאיעוו און קוזיצקי האבען איהם אנגעקוקט מיט רוגזה. זיי האבען דעם אידישען בחור'ל ניט געקענט פארגעבען וואס ער האט זיך אריינגעריסען אין דער קאנצעלאריע גראד דא־מאלס ווען זיי האבען געזאלט מאכען זייער בלבול אויף אידען.

— אן אנדער באווייז פון אידישער חוצפה, — האט ניקאלאיעוו אויס־געריפען אויפ'ן קול, ניט קענענדיג מעהר צוריקהאלטען זיין צארן.

חיים שמעון האט ניט געענטפערט. ער האט בלויז געשענקט ניקאלאיעוו'ן א דורכדרינגענדען קוק וואס האט דעם צורר היהודים געשטאכען ווי מיט נאדלען און האט ארונטערגעלאזט זיינע אויגען. דערווייל איז דער גלח, וואס איז געזעסען צווישען די פארזאמעלטע, געפונען פאר נויטיג צו זאגען א גוט־ווארט פאר אידען בכלל און פאר דעם בחור'ל, חיים שמעון'ען בפרט. ער האט עס געטהאן מיט דער ביטערקייט פון איינעם וואס זעהט דא א געלעגענהייט צו פאנגען א אידישע נשמה.

— נאך אלעם דעם, — האט ער געזאגט, ווי אן ענטפער צו ניקאלאיעוו'ן, — דארף מען זיך ניט אזוי ווארפען מיט אידען. מען דארף אידען ניט באליי־דיגען, ווארים זיי זיינען שארפזיניג און קלוג. זיי קענען גאנץ לייכט איבער־געהן צו אונזער גלויבען און דאן ווערען זיי גוטע קאטוילעקען.

חיים שמעון האט געהאט א שעת הכושר אליין עפעס צו זאגען.

— דער עיקר, — האט ער געזאגט, — האבען אידען ליעב דעם אמת. ווען זיי ווייסען, אז עס איז דער אמת נעהמען זיי עס אן פון וועמען דאס זאל ניט קומען. אבער זיי פארלאנגען אז אויך אנדערע זאלען אננעהמען דעם אמת און טאקע זיין גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר'ן אמת.

— פארשאלטענער איד, — האט ניקאלאיעוו אויסגערופען מיט כעס. שוין פיהלענדיג אז דעם אידישען בחור'לס קומען האט א דירעקטען שייכות מיט זיינע טרייפענע פלענער צו ווארפען די שולד אויף אידען פאר א פאר־ברעכען וואס זיי זיינען ניט באגאנגען.

דער הויפט פון שטאט האט איגנארירט ניקאלאיעוו'ן און האט זיך גע־ווענדעט צו חיים שמעון'ען:

— נאך וואס ביזטו אהער געקומען? — האט ער איהם געפרעגט אין א גאנץ פריינטליכען טאן וואס האט חיים שמעון'ען שטארק דערמוטיגט.

— איך בין אהער געקומען צו דערצעהלען אייך, וואס זיינען פאראינטערעסירט אין אויסגעפינען דעם אמת, וואס איך האב היינט אין דער פריה געהאט געהערט וואס אט דער מענש, — און ער האט מיט'ן פינגער אנגעצייגט אויף קוזיצקי'ן, — האט געזאגט צו אט דעם, — און ער האט אנגעצייגט אויף ניקאלאיעוו'ן, — איך וועל אייך דערצעהלען וואס ניקאלאיעוו האט געענטפערט קוזיצקי'ן.

אלע האבען אויסגעשטעלט מויל און אויערען און אנגעקוקט חיים שמעון'ען אין גרויס פארוואונדערונג. דער אידישער בחור'ל האט באלד מסביר געווען, אז זינט ניקאלאיעוו און קוזיצקי האבען אנגעהויבען פארשפרייטען דעם בלבול אויף אידען, האט ער אויף זיך גענומען די עובדה זיי נאכצופאלגען און זיך צוהערען צו אלץ וואס זיי ריידען צווישען זיך.

אלע זיינען איצט געווען געשפאנט.

מד.

די ווידוי פון צוררי היהודים

ווי די שטאט־פיהרער פון ליאזנע האבען געוואלט אויסגעפינען דעם אמת וועגען עלילת־דם. — די העלדישקייט פון א אידישען בחור'ל.

חיים שמעון האט געהאט וויכטיגע פרטים איבערצוגעבען די פארזאמעלטע פיהרער פון ליאזנע וועגען דעם ווי אזוי די צוויי צוררי היהודים, ניקאלאיעוו און קוזיצקי, האבען זיך צוגעגרייט פאר'ן עלילת דם געגען די אידען. ער האט געהערט ווי קוזיצקי האט געזאגט צו ניקאלאיעוו'ן, אז ווען ער וועט דערשיינען פאר די שטאט־פיהרער, זאל ער ריידען קלאר און אנטשלאסען כדי צו מאכען אן איינדרוק. אויף דעם האט ניקאלאיעוו געהאט געענטפערט, אז ער איז ביי זיך בטוח, אז זיינע רייד וועלען מאכען א רושם און אז קיינער וועט זיך ניט כאפען אז דאס איז אלץ אויסגעטראכט. ניקאלאיעוו האט דאן פארענדיגט, אז ווי נאר די באשולדיגונג געגען די אידען וועט אנגענומען ווערען, וועלען זיי, ער און קוזיצקי, קריגען פון די אידען גרויסע סכומים געלט דערפאר וואס מען וועט זיי וועלען אונטערקויפען.

חיים שמעון'ס רייד האבען קוזיצקי'ן און ניקאלאיעוו'ן געטראפען ווי א דונער. זיי האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען. זיי האבען זיך ניט געקענט פארשטעלען ווי אזוי דער אידישער בחור'ל האט ארויסבאקומען דעם סוד. די שטאטישע פיהרער, מיט'ן שררה בראש, זיינען געווען צעטומעלט. זיי האבען פשוט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. חיים שמעון איז געשטאנען א שטאלצער און א פעסטער ווי קיין זאך וואלט איהם ניט געוואט איבערראשט

דער שררה איז געווען דער ערשטער וואס האט געבראכען די שטילקייט. ער האט דעם אידישען בחור'ל געפרעגט פאר וואס ער איז ניט געקומען באלד מיט דער דאזיגער געשיכטע. אויף דעם האט חיים שמעון געענטפערט מיט קלארקייט אז ער האט געהאפט, אז די צוויי מוסרים וועלען זיך בארענקען און וועלען איינגאנצען נישט קומען מיט זייער מסירה. האט ער דערפאר בא־

שלאָסען אָפּצוּוואַרטען ביז אויף דער נאַכט. אָבער זעהענדיג, אַז זיי זיינען יאָ געקומען, האָט ער באַשלאָסען זיי צוצונאַגלען צו דער וואַנט.

קוזיצקי און ניקאָלאַיעוו זיינען דערווייל געקומען צו זיך, און מיט דער חוצפּה פון פאַרשווינען פון זייער מיה, האָבען זיי באַלד אָנגעהויבען לייקענען וואָס חיים שמעון האָט דערצעהלט וועגען זיי. זיי האָבען אַפילו פּרובירט שאַפען דעם איינדרוק, אַז די אידען האָבען אונטערגעשמועלט אַט דעם בחור'ל כדי צו צעטומלען די מחות פון די קריסטליכע פיהרער. זיי האָבען דערביי אָנגעהויבען גיסען פּעך און שוועבעל אויף אידען בכלל און אויף חיים שמעון'ען בפרט. חיים שמעון איז געבליבען רוהיג און מיט אַ געלאַסענקייט, וואָס האָט אויף די צוהערער געמאַכט אַן איינדרוק, האָט ער דערקלעהרט, אַז אייגענטליך וויים קיין איד ניט וועגען דעם, און אַז אַפילו ביי זיי אין הויז וויים קיינער ניט וואוהין ער איז געגאַנגען. ער האָט עס אַלץ אונטערנומען אויף זיין אייגענעם חשבון, ווייל ער האָט געפיהלט, אַז דער אמת מוז באַוויזען ווערען. ער צווייפעלט אויך ניט אַז די פאַרזאַמעלטע וועלען זיין פאַראינטערעסירט נאָר אין אמת.

דער שרה האָט געהייסען חיים שמעון'ען וואַרטען אין דעם גרויסען וואַרט־צימער און ער אַליין איז מיט'ן גלח אַריין אין אַ זייטיגען חדר דאָרט צו באַטראַכטען דעם גאַנצען ענין. בעת חיים שמעון איז געזעסען אין דעם גרויסען וואַרט־צימער, האָבען קוזיצקי און ניקאָלאַיעוו פּלוצים זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם און מיט רציחה אין זייערע אויגען זיך געוואָלט אַ וואַרף טהאָן אויף איהם שלאָגען. חיים שמעון האָט זיך אָבער פלינק אויסגעדרעהט פון זייערע הענט. ער האָט אַ שפּרונג געטהאָן אויף אַ באַנק און דאָן פון איין באַנק אויף דער צווייטער און איז באַלד צוריק געווען אין דעם פריהערדיגען חדר, וואו די אַנדערע שטאָטישע פיהרער זיינען געבליבען וואַרטען אויפ'ן שרה און דעם גלח.

ניקאָלאַיעוו און קוזיצקי זיינען געווען נאָך איהם און האָבען איהם באַלד געפּאַקט און איהם אָנגעהויבען שלאָגען. חיים שמעון איז אָבער געווען אַ שטאַרקער און פלינקער בחור'ל. ער האָט ניקאָלאַיעוו'ן אַ שטאַרקען שטויס געטהאָן און יענער איז אומגעפאַלען מיט זיין גאַנצער הויך, אָנשלאָגענדיג זיך מיט דער נאָז אויף אַ באַנק. בלוט האָט אָנגעהויבען גיסען פון זיין נאָז. קוזיצקי האָט זיך אָבער געהאַט פאַרמאַסטען אויף איהם. חיים שמעון האָט אַ שפּרונג געטהאָן און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט מיט איין אָרעם איהם אַרומגעכאַפּט אַרום האַלז און מיט דעם פויסט פון דער צווייטער האַנד אָנגעהויבען שלאָגען איהם אין פּנים. קוזיצקי איז פאַר אַ ווייל געווען הילפלאָז. חיים שמעון האָט דערווייל צוריק זיך באַפרייט און איז צוגעלאָפען צו די שטאָט־פיהרער זיך צו שיצען הינטער זייערע פּלייצעס.

קוזיצקי און ניקאָלאַיעוו זיינען געווען אין גרוים צאָרן. זייער קרבן האָט זיך אויסגעדרעהט פון זייערע הענט און זיי אַליין האָבען דערביי געהאַט אַריינגעכאַפּט קלעפּ. דער פּאָרזיצער און דער גלח האָבען זיך שוין אָבער צוריקגעקעהרט, זיי האָבען געהאַט געהערט דעם טומעל. זיי האָבען געוואָלט וויסען וואָס עס איז געשעהן. קוזיצקי און ניקאָלאַיעוו האָבען געהאַט די חוצפּה צו זאָגען אַז חיים שמעון איז געווען דער ערשטער זיי צו באַפאַלען.

עס האט געדארפט הייסען, אז ווען זיי זיינען ארויס אין גרויסען ווארט צימער נעהמען א טרונק וואסער, איז חיים שמעון זיי באפאלען שלאגען.

חיים שמעון האט נאטירליך געלייקענט און איז באשטאנען, אז עס איז געווען פונקט דער היפוך. ער האט געבעטען דעם שררה אויסצופרעגען דעם וועכטער וואס האט זיך געפונען אין גרויסען ווארט־צימער און האט צוגע־זעהן ווי אלץ האט זיך אנגעפאנגען און דאן אויך די אנדערע מיטגלידער פון שטאטישען ראטה וואס האבען אלעם צוגעזעהען אין דעם פארזאמלונגס חדר. דער שררה, צוזאמען מיט'ן גלח, האבען דאן אנגעהויבען אויספארשען דעם גאנצען ענין. אין א האלבער שעה ארום האבען זיי ארויסגעטראגען דעם אורטייל, אז היות ווי מען קען דא ניט געניי פאנאנדערקלייבען זיך און כדי מען זאל דעם אמת איינמאל פאר אלע מאל ארויסקריגען, סיי בנוגע דעם גע־שלעג און סיי בנוגע דעם עצם ענין ווענען דער באשולדיגונג, אז אידען הא־בען ערמארדעט א קריסטלאך קינד, על כן איז ביי זיין געבליבען, אז מען זאל די צוויי גוים, קוזיצקי'ן און ניקאלאיעוו'ן, און דעם אידישען בחור'ל, חיים שמעון'ען, איינטיילען שמיץ. קוזיצקי און ניקאלאיעוו זאלען קריגען צו צוואנ־ציג שמיץ און חיים שמעון זאל קריגען פופצעהן שמיץ.

באלד נאכ'ן פסק האט דער שררה באפוילען אריינצופיהרען די דריי פאר־משפט'ע אין דעם "בלינדען חדר" — א חדר אהן פענסטער — וואו זיי זא־לען געהאלטען ווערען ביז מען וועט יעדען באזונדער נעהמען אויף'ן באנק צו שמייסען. אין דערזעלביגער צייט האט דער שררה אויך געהייסען רופען יאן רעאוס'ן וועלכער איז געווען א מומחה אויף איינטיילען שמיץ, אז ער זאל באלד צוגרייטען ריטער צו שמייסען די פאר'משפט'ע.

ניקאלאיעוו און קוזיצקי זיינען געווען דערשלאגענע. זיי האבען קוים נעקענט זיך האלטען אויף די פיס. בלויז חיים שמעון האט זיך געהאלטען פעסט און דרייסט און האט ניט געצייגט קיין צייכען פון שוואכקייט און דערשראקענקייט.

אויפ'ן פארשלאג פון גלח האט מען געווארפען גורל וועלכער זאל קריגען די שמיץ דער ערשטער. דער גורל איז געפאלען אויף קוזיצקי'ן. ווען אלץ איז געווען גרייט און יאן רעאוס האט שוין געהאט פארטיג זיינע ווייכע און שמאגלע ריטער, האט מען אריינגעפיהרט קוזיצקי'ן אין דעם ספעציעלען חדר וואו אזוינע שמיץ פלעגען איינגעטיילט ווערען. אין דאזיגען חדר איז געשטא־נען א באנק אויף וועלכען מען פלעגט דעם פאר'משפט'ען צובינדען און געבען איהם זיין שטראף.

קוזיצקי האט זיך פרובירט ראנגלען מיט די שומרים, וואס האבען איהם אנגעהויבען צובינדען צו דער באנק. ער האט דערביי געכאפט עטארקע בוכ־צעס פון די שומרים וועלכע האבען מיט איהם געמאכט קליינע מחזקות. מען האט פון איהם ארונטערגעצויגען זיינע קליידער און מען האט איהם איינגע־וויקעלט אין א נאסען לייללאך און איהם אנגעהויבען אויסציהען אויף דער באנק. יאן ריעאוס און צוויי ארויסהעלפער זיינען געשטאנען מיט פארטיגע ריטער גרייט אנצופאנגען אויסצעהלען די שמיץ.

קוזיצקי האט זיך אויפגעהערט ראנגלען. ער איז געווען טויט פון שרעק זיין גאנצער קערפער האט געציטערט. דער שרייבער פון דער קאנצעלאריע

איז צו איהם צוגעגאנגען און איהם געפרעגט, אויב ער איז נישט גרייט זיך מודה צו זיין. קוזיצקי האט נאך פרובירט זיך האלטען שטייף. ער האט דערקלעהרט, אז ער האט זיך ניט אויף וואס מודה צו זיין, אז חיים שמעון האט ניט דערצעהלט דעם אמת.

דער שרהה האט געגעבען א צייכען צו רעאוס׳ן אנצופאנגען זיין ארבייט. קוזיצקי׳ס הענט און פיס זיינען געבונדען געווארען מיט שטריק. ער האט געשריען און זיך געקארטשעט פון וועהטאג. יאן רעאוס האט אנגעהויבען דערלאנגען די שמיץ און דער שרייבער האט די שמיץ געצעהלט. ווען עס האט געהאלטען ביי דעם זעקסטען שמיץ האט קוזיצקי מעהר ניט געקענט אויסהאלטען די יסורים און האט אויסגערופען אז ער וועט דערצעהלען דעם אמת.

רעאוס האט ארונטערגעלאזט די האנט און דער שרייבער איז צוגעקומען צו קוזיצקי׳ן צו הערען וואס ער האט צו זאגען. זיין וידוי איז אבער געווען נאר א טיילווייזע. ער האט ניט געוואלט באשטעטיגען אלץ וואס חיים שמעון האט געזאגט.

דער פארזיצער האט זיך אנטזאגט אנצונעהמען די וידוי און האט רעאוס׳ן געהייסען ווייטער אנגעהן מיט די שמיץ. רעאוס האט ווידער אנגעהויבען דערלאנגען שמיץ און דער שרייבער האט געהאט אפגעצעהלט ביז פערצעהן. דער לייליאך אין וועלכען קוזיצקי איז געווען איינגעוויקעלט איז שוין געווען צוריסען אין שטיקער פון די מעכטיגע קלעפ. קוזיצקי׳ס לייב איז געווען פול מיט וואונדען. בלוט האט פון די וואונדען געפלאסען. קוזיצקי האט אנגעהויבען שרייען אז ערשט איצט וועט ער אויסזאגען דעם אמת: חיים שמעון איז געווען גערעכט, אלץ וואס ער האט דערצעהלט איז געווען אמת.

אז מען איז פארטיג געווארען מיט קוזיצקי׳ן, האט מען אין חדר אריינגעפיהרט ניקאלאיעוו׳ן. ער האט שוין געוואוסט, אז קוזיצקי האט זיך מודה געווען. ניקאלאיעוו האט ביים אריינקומען אין חדר, געקענט זעהן ווי זיין חבר קוזיצקי ליגט אויסגעצויגען אויפ׳ן באנק א פארבלוטיגטער, קרעכצענדיג פון גרויס יסורים. ניקאלאיעוו איז געווען בלייך און דערשראקען. ער האט גוט געוואוסט וואס איהם דערווארט. ער האט זיך אבער געמאכט מוטה און האט אנגעהויבען זאגען, אז דער אידישער בחור׳ל, חיים שמעון, האט געזאגט ליגען און אז אויך קוזיצקי האט געזאגט ליגען.

דער באפעהל איז געגעבען געווארען, אז מען זאל ניקאלאיעוו׳ן אויסציהען אויף דער באנק און אז עס זאלען איהם אריינגעצעהלט ווערען די צוואנציג שמיץ וואס זיינען איהם צוגע׳פסק׳ענט געווארען. זיינע קליידער זיינען פון איהם ארונטערגעשלעפט געווארען און מען האט איהם איינגעוויקעלט אין א נאסען לייליאך. מען האט איהם צוגעבונדען צו דער באנק, און יאן רעאוס האט איהם אנגעהויבען אויסצעהלען די שמיץ. ניקאלאיעוו האט געשריען פון וועהטאג, אבער האט קיין ווארט ניט געזאגט, ביז עס האט געהאלטען ביי דעם אכטען שמיץ. ער האט מעהר די יסורים ניט געקענט אויסהאלטען און האט אויסגערופען, אז ער איז גרייט זיך מודה צו זיין.

די שמיץ זיינען אפגעשטעלט געווארען און דער שרייבער איז צוגעקומען צו דעם פארבלוטיגטען ניקאלאיעוו׳ן און פון איהם ארויסגעקראגען זיין

ווידוי, אז חיים שמעון האט געזאגט דעם אמת און אז אויך קוזיצקי האט געזאגט דעם אמת, כאטש ניקאלאיעוו האט דורכאוים געוואלט שאפען דעם איינדרוק, אז קוזיצקי איז א סך שולדיגער ווי ער אליין.

ביידע צוררי היהודים זיינען, פארבלוטיגטע, אפגעפיהרט געווארען אין תפיסה און א שטארקע וואך איז געשטעלט געווארען זיי צו היטען. חיים שמעון'ען, פארשטעהט זיך, האט מען גארניט געטהאן. אויף זיין אייגענעם פארלאנג, דערפאר וואס עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט און אין ווילנע האט נאך אלץ געבושעוועט דער שטורם, האט מען איהם געגעבען א געלעגער אין דער קאנצעלאריע איבערצושלאפען די נאכט. אויף מארגען פריה איז ער אוועק אהיים און האט אין הויז קיין ווארט ניט געזאגט וועגען דעם וואס עס איז געשעהן. ווי אלע שבת איז ער מיט זיין טאטען געגאנגען אין בית המדרש דאווענען און האט מתפלל געווען מיט גרוים כוונה ווי עס וואלט גארניט געהאט פאסירט. זיין פאטער, און אלע אנדערע בני בית, האבען געמיינט, אז ער האט די נאכט געשלאפען ביי זיין חבר אין הויז. קיי-נער האט גארניט געדאכט אז ער האט באוויזען אזא בריה'שקייט.

קיינער אין שטעטעל וואלט בכלל ניט געוואוסט וואס עס איז יענעם פרייטאג-צו-נאכט פארגעקומען אין דער קאנצעלאריע. זונטאג פארנאכט האט אבער איינער פון די ראשי הקהל פון ליאזנע זיך געטראפען מיט איינעם פון די גוים וואס זיינען געווען אין דער קאנצעלאריע און יענער האט דעם אידען דערצעהלט די מערקווירדיגע פאסירונג. אבער ער האט ניט געקענט אנגעבען ווער אזוינס עס איז געווען דער אידישער בחור'ל וואס האט באווי-זען אזא העלדישקייט. ווארים חיים שמעון האט ניט אנגעגעבען קיין פרטים וועגען זיך. ער האט אפילו ניט געזאגט ווי ער הייסט אדער ווער עס איז זיין טאטע. די גוים זיינען געווען אזוי פארנומען מיט די געשעהענישען ארום זיי, אז זיי האבען וועגען דעם זיך גארניט נאכגעפרעגט.

דינסטאג פון יענער וואך זיינען די ראשי הקהל פלוצים גערופען גע-ווארען אין דער קאנצעלאריע און עס איז זיי פארמעל איבערגעגעבען געווא-רען דאס וואס דער דערמאנטער גוי האט שוין געהאט דערצעהלט דעם אידען. אלע האבען איצט געהערט דעם גרויסען חידוש, אז א בלוט-בלבול איז געווען צוגעגרייט געגען די אידען פון ליאזנע, אבער א אידישער בחור'ל האט דעם בלבול צושטערט.

די ראשי הקהל האבען איצט געוואלט וויסען ווער דער דאזיגער בחור'ל איז געווען. דאס האט אבער קיינער אין דער קאנצעלאריע ניט געוואוסט. דער שררה פון שטאט האט אליין געוואלט וויסען ווער אזוינס דאס איז גע-ווען און ער האט טאקע באלד אויפגעפאדערט די ראשי הקהל, אז זיי זאָ-לען, אין משך פון צוויי טעג צייט, ניט נאר אויסגעפינען ווער דאס איז געווען, נאר איהם טאקע אויך ברייגנען צו איהם אין דער קאנצעלאריע.

מען האט איצט איבער ליאזנע אנגעהויבען ארומזוכען אט דעם העל-דישען בחור'ל. אלע האבען געוואלט וויסען ווער ער איז. דער עיקר איז מען געווען פאראינטערעסירט איהם צו געפינען דערפאר וואס דער שררה פון שטאט האט באפוילען איהם צוצושטעלען אין דער קאנצעלאריע. חיים שמעון האט געהערט וואס עס טהוט זיך אין ליאזנע און ווי אלע ריידען פון זיינע

מעשים, אבער ער האט געשוויגען און זיך ניט געוואלט ארויסגעבען. דער רב האט דאן אויסגערופען אין שוהל, אויפפאדערענדיג דעם געהיימניס־פולען בחור'ל זיך צו אנטפלעקען. ער האט דערביי מודיע געווען, אז אויב ער וועט דאס ניט טהאן וועט ער האבען אויף זיך א גרויסע זינד. ערשט דאמאלס איז חיים שמעון געקומען צום רב און האט אויסגעזאגט דעם סוד, אז דאס איז ער דער בעל דבר. אויף מארגען האבען די ראשי הקהל גענומען מיט זיך חיים שמעון'ען און זיינען געקומען צום שררה אין דער קאנצע־לאריע. דער שררה האט געזאגט עטליכע לויט־ווערטער חיים שמעון'ען און האט ארויסגעגעבען א פסק פאר ניקאלאיעוו'ן און קוזיצקי'ן: מען זאל זיי ביידען איינטיילען צו נייע פינף־און־צוואנציג שמיץ דערפאר וואס זיי האַ־בען באליידיגט דעם גלח און איהם, דערמיט וואס זיי האבען זיי געוואלט מאכען פאר שותפים אין א שענדליכען בלבול.

דער שררה האט אויך איינגערופען א גרויסע פארזאמלונג פון די גוי'שע איינוואוינער און האט געצוואונגען ניקאלאיעוו'ן און קוזיצקי'ן צו דערצעהלען וועגען דעם בלבול וואס זיי האבען געוואלט מאכען אויף די אידען. גלייכצייטיג איז ארויסגעגעבען געווארען א ווארנונג, אז קיינער זאל ניט וואגען אנצוריהרען א אידען, ווייל זיי זיינען אומשולדיג. דער שררה האט אויך אויפגעפאדערט אלע עהרליכע קריסטען צו באשיצען די אידען גע־גען א מעגליכען איבערפאל. ניקאלאיעוו און קוזיצקי זיינען געמאכט גע־ווארען פאראנטווארטליך מיט זייערע לעבענס פאר יעדען אנפאל וואס וועט געמאכט ווערען אויף אידען.

ביי די אידען אין ליאזנע איז איצט געווען א שמחה. אלע האבען גע־וואוסט, אז דער העלד פון טאג איז חיים שמעון. מען האט איהם פון דאן אן אנגעהויבען רופען "דער כוואט".

חיים שמעון האט אבער פון דעם ניט געמאכט קיין וועזען. ביי איהם האט עס געזאלט זיין א גאנץ געוויינליכע זאך. ער איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין לערנען און באלד נאך פסח איז ער געפאהרען קיין מינסק לערנען אין דער דארטיגער ישיבה ביי דעם גאון ר' אריה ליב, וועלכער איז געווען דער ראש הישיבה.

אין יאהר תצ"ז האט זיך חיים שמעון אין דער ישיבה באקאנט מיט צוויי תלמידים וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע כשרונות. איינער איז געווען אברהם, א זוהן פון ר' שמואל דער רב פון פויזען, און דער צוויי־טער איז געווען ישראל, דער זוהן פון ר' משה פון ליסע. אברהם, וועלכער איז געווען אין זעלביגען עלטער וואס חיים שמעון, איז גראד געווען דער היפוך פון דעם ליאזנער בחור. בעת חיים שמעון איז געווען א געוואגטער און אן אנטשלאסענער, איז אברהם געווען א גרויסער פחדן. אפילו ביי טאג האט ער מורא געהאט צו זיין אליין אין הויז. ביינאכט האט ער מורא געהאט אליין צו געהן אין דרויסען. ער האט זיך תמיד געשראקען פאר זיין אייגענעם שאטען. דאס האט זיך ביי איהם גענומען פון דער גרויסער שרעק וואס ער, און זיין משפחה, האבען דורכגעמאכט אין יאהר תצ"ו.

די דאזיגע שרעק איז געקומען פון א בלוט־בלבול וואס די גוים אין פויזען האבען געמאכט אויף די דארטיגע אידען. א סך אידען פון שטאט

זיינען ארעסטירט געווארען. די סכנה איז געווען גרויס. דער גביר, בעל צדקה און שתדלן פון פויזען, ר' יעקב, וועלכער איז געווען שטארק אנגעזעהען אין רעגירונגס־קרייזען, און דעם גאון ר' אריה ליב דרשן, זיינען געווען צווישען די ארעסטירטע.

דערפאר וואס אט די צוויי גדולים זיינען געווען אזוי חשוב, האט מען זיי אויסגעקליבען פאר די קרבנות פון דער אידישער קהלה אין פויזען. מען האט זיי ביידען געפייניגט מיט אלערליי שווידערליכע עינוים אין תפיסה. מען האט פון זיי געוואלט ארויסצווינגען א ווידוי, אז אידען דארפען טאקע קריסטלאך בלוט פאר מצות. פארשטעהט זיך, אז די צוויי מארטירער, האבען, טראץ דער שרעקליכער אינקוויזיציע, כסדר געלייקענט. דאס האט אבער נאר געמיינט, אז זייערע פייניגער האבען זיי נאך מעהר געפייניגט. אזוי האט מען זיי געהאלטען אין מאטערען און פייניגען טעג נאכאנאנד, ביז זיי האבען אויסגעהויכט זייערע הייליגע נשמות.

ר' שמואל, אברהם'ס פאטער, צוזאמען מיט זיין גאנצער משפחה, זיינען אויך געווען אין גרויס סכנה. ווי אן אדם חשוב, וואלט ר' שמואל ווארשיינליך אויך געפייניגט געווארען, און, ווי די דערמאנטע קדושים, פארפייניגט געווארען צום טויט. אבער ווי דורך א נס איז ער מיט זיין משפחה אנטלאפען קיין לאנצבורג. אט די שרעק האט זיך אויף דעם יונגען אברהם'ן געלייגט ווי א שווערע משא און האט איהם פארפאלגט א לאנגע צייט.

זייענדיג אין לאנצבורג האט אברהם זיך א נדר געטהאן צו געהן צו פוס קיין מינסק דארט צו לערנען אין דער ישיבה. צוויי אנדערע יונגעלייט פון לאנצבורג זיינען מיט איהם מיטגעגאנגען. אט אזוי זיינען זיך אין דער מינסקער ישיבה צוזאמענגעקומען צוויי יונגעלייט, וואס יעדער פון זיי האט געהאט דורכגעמאכט אן עלילת דם, אבער מיט גאנץ אנדערע רעזולטאטען. סיי פאר די קהלות פון וועלכע זיי זיינען געקומען און סיי פאר זיך אליין.

מה.

ווען אידען דארפען שוץ

אן אנדער מעשה מיט אן עלילת דם אין ליאזנע. — דער אלטער שמש פון ליאזנע און דעם מוסר השכל וואס ער האט גענומען פון די אמאליגע יאהרען.

אין דער מינסקער ישיבה, וואו חיים שמעון פון ליאזנע, און אברהם פון פויזען, האבען זיך באקאנט, האבען זיי צווישען זיך אפט איבערדערצעהלט איינער דעם צווייטען זייערע דערפאהרונגען אין שייכות מיט די בלוט בלבולים, וואס זיי האבען דורכגעמאכט אין זייערע שטעט. חיים שמעון האט אויך געהאט צו דערצעהלען וועגען א צווייטען עלילת דם אין ליאזנע. דער דאזיגער עלילת דם איז פארגעקומען מיט א סך יאהרען פריהער, דאמאלס ווען ליאזנע האט ערשט אנגעהויבען זיך צו אנטוויקלען ווי א אידישער ישוב. די מעשה וועגען אט דעם עלילת דם, — וואס האט אויף איהם געמאכט א גרויסען רושם — האט חיים שמעון געהאט געהערט פון דעם אלטען שמש פון ליאזנע, ר' יקותיאל.

דער דאזיגער ר' יקותיאל איז געווען א באוואוסטע פיגור אין ליאזנע.

ער איז געווען איינער פון די עלטסטע מענשען אין שטאט. אלץ וואס מען האט געוואוסט וועגען זיין עלטער איז געווען, אז ר' משה דער וועכטער, וועלכער איז שוין געווען ארום הונדערט יאהר אלט, און זלאטע חוה די הייבאם, זיינען געווען עלטער פאר איהם. ר' יקותיאל האט געדענקט ליאזנע ווען זי האט געהאט ניט מעהר ווי פינף און דרייסיג אידישע משפחות. זיין טאטע, ר' אלחנן, איז דאמאלס געווען דער ראש הקהל.

דער אלטער שמש, ר' יקותיאל, האט געדענקט ווען די רוסען האבען געהאט איינגענומען וויטעבסק און די גאנצע געגענט ארום, איינשליסענדיג ליאזנע. ער איז בעת יענער מלחמה, אין יאהר תי"ד, געווען שוין אריבער בר מצוה. א סך אידען זיינען אין יענער מלחמה נתעשר געווארען, זיין פאטער און פעטער בתוכם. ער אליין, נאכדעם ווי זיין פאטער האט איהם פארשדכנ'ט מיט דער טאכטער פון ר' מרדכי דעם סופר פון קאלישק, האט זיך געהאט גענומען צו מסחר און אנגעהויבען צושטעלען דעם רוסישען מיליטער פראוויאנט, און איז אויך נתעשר געווארען.

בעת דער רוסישער קאמאנדיר שערעמעטיעוו האט פארנומען וויטעבסק האט ער דארט ארעסטירט א סך אידען. ער האט אבער קיינעם ניט געריהרט אין ליאזנע. א סך אידען פון וויטעבסק, מורא האבענדיג אז מען וועט זיי ארעסטירען, האבען זיך איבערגעקליבען קיין ליאזנע און די אידישע קהלה דארט האט אנגעהויבען וואקסען. ר' יקותיאל פלעגט אויף דער עלטער תמיד האבען אויסצוזעצען געגען דער הנהגה פון די ליאזנער ראשי הקהל און פלעגט זאגען, אז ווען זיין טאטע איז געווען ראש הקהל איז געווען אנדערש. דער עיקר האט ער געהאט אויסצוזעצען געגען דער הנהגה פון די ליאזנער עשירים, וואס זיי לעבען אזוי ברייטלאך און לאזען זייערע ווייבער זיך פוצען. ר' יקותיאל האט געהאלטען אז אין דעם שטעקט :: גרויסער איבעל, אז דאס רייסט אויף די אויגען פון די גוי'שע שכנים און אז דאס פיהרט צו מסירות און אנדערע צרות.

אין דעם פרט האט דער אלטער ר' יקותיאל געהאט זיין אייגענעם סוס אויף זאכען. ער פלעגט זאגען אז אידען און גוים, זיינען צוויי באזונדערע וועלטען. דער אויבערשטער, האט ער געזאגט, האט דעם עולם הזה אוועקגעגעבען עשו'ן און דעם עולם הבא — יעקב'ן. אבער כדי יעקב זאל קענען האבען א קיום אויף דער וועלט, האט דער אויבערשטער איהם אויך אפגעגעבען א חלק פון עולם הזה. דעם אידענ'ס עולם הזה איז אבער גאנץ אנדערש פון דעם גוי'ס. דעם אידענ'ס עולם הזה איז איינגעוויקעלט אין מצוות. דער איד קען זיך קיין קעהר ניט טהאן אהן צו דארפען דערביי עפעס מקיים זיין א מצוה. אויפ'ן טיהר פון א אידישער הויז מוז זיין א מזוזה. זיינע בגדים דארפען האבען ציצית. זיין פעלד דארף מקיים זיין די מצוות פון לקט, שכחה און פאה. ווען ער עסט און טרינקט מוז ער זאגען ברכות אין אנפאנג און צום סוף. קורץ, דער איד קען ניט הנאה האבען פון עולם הזה אהן א ברכה. אויב ער טהוט דאס ניט איז פונקט ווי ער וואלט באגאנגען גזילה, און דער אויבערשטער ברייננגט דערפאר אויף איהם צרות און יסורים. דער איד דארף אבער פאר זיך אנהויבען רופען צום רבונו של עולם, טהאן תשובה מיט'ן גאנצען הארצען, און אלע זיינע חטאים ווערען איהם פארגעבען.

וואס איז נוגע די מעשה וועגנז עלילת דם, וואס ר' יקותיאל האט דער־צעהלט, און חיים שמעון האט שפעטער איבערדערצעהלט, האט ער עס גע־האט איבערגעגעבען אין נאמען פון זיין זיידען ר' אלישע, וועמען מען האט גערופען "דער זיסער", דערפאר וואס ער פלעגט תמיד באגלייטען זיינע רייד מיט די ווערטער: "דער זיסער טאטע אין הימעל".

איינמאל איז אין ליאזנע אנגעקומען א נייער גלח, א שונא ישראל. האט ער אנגעהויבען האלטען דרשות אין קלויסטער פול מיט גיפט און שנאה צו אידען. די ליאזנער גוים האבען אזוינע רייד נאך ניט געהערט, צום ערשטען מאל אז אימיצער האט זיי אנגעהויבען אריינקלאפען אין די קעפ, אז מען דארף אידען פיינט האבען.

ווען ווינטער איז אנגעקומען, און עס האט זיך אנגעהויבען דערנעהענ־טערען צו פסח, האט דער גלח מודיע געווען די גוים, אז זיי זאלען היטען זייערע קינדער, ווייל אידען דארפען קריסטליך בלוט כדי דאס אריינצוקנע־טען אין די מצות, זיי גנב'ענען דערפאר קריסטליכע קינדער און קוילענען זיי.

דאס האט אויף די גוים געמאכט א גרויסען רושם. ביז דאמאלס זיינען די גוים געווען געוואוינט צו קומען אין אידישע הייזער, שבתים און ימים טובים, כדי צו פארזוכען די אידישע מאכלים מיט וועלכע מען האט זיי מכבד געווען. גרויס הנאה פלעגען די גוים האבען פסח ווען מען האט זיי אין א אידיש הויז מכבד געווען מיט מצה. זיי האבען די מצה פארשלונגען און זיך שטארק פאסמאקאוועט.

איצט, אז זיי האבען געהערט פון דעם גלח, אז די מצה איז געקנאטען מיט קריסטלאך בלוט און אז גוים דארפען זיך צו דעם ניט צוריהרען און אויך ניט צו קיין אנדערע אידישע מאכלים, האבען די אויפגעהעצטע גוים אנגע־הויבען קומען צום גלח און זיך מתודה זיין פאר איהם אויף די "זינד" וואס זיי זיינען באגאנגען אין עבר.

די גוים האבען אנגעהויבען זיך אפטיילען פון די אידען, און די אידען האבען אנגעהויבען מורא האבען צו באגעגענען זיך מיט גוים. די שנאה צו זיי מצד די גוים איז שטארק געוואקסען. דער רב פון ליאזנע, דער אכציג יאהריגער ר' שמאי און די ראשי הקהל האבען שוין געפיהלט, אז א גרויס געפאהר שוועבט איבער די אידישע קעפ און זיי האבען אויסגערופען אין בית המדרש, אז אין א מארק־טאג זאלען אידען ניט ארויס פון זייערע הייזער. די מאנסבילען האבען נאר געזאלט געהן אין בית המדרש דאווענען. עס איז אויך אויסגערופען געווארען אז די קינדער, אנשטאט צו געהן צו זייערע מלמדים אין חדר, זאלען זיך, צוזאמען מיט די מלמדים, פארזאמלען אין בית המדרש.

עס איז געווען א פאר טעג נאך פורים. פלוצלונג זיינען אין ליאזנע אנ־געקומען באוואפענטע זעלנער און האבען ארעסטירט צוויי אידען. דער רב און די ראשי הקהל האבען געקראגען צו וויסען, אז די צוויי ארעסטירטע אידען ווערען באשולדיגט, אז זיי האבען גע'גנב'עט א קריסטליך קינד, כדי איהם צו קוילען און באנוצען זיין בלוט פאר פסח. אזוי ווי דאס קינד איז נאך מעגליך ניט "געקוילעט" געווארען, על כן זיינען די ראשי הקהל מיט'ן רב אויפגעפאדערט געווארען, אז זיי זאלען דאס קינד צוריקקעהרען א לעבעדינס.

אויב אבער דאס קינד איז שוין געשאכטען געווארען, זיינען זיי אויפגעפא־דערט געווארען אפצוגעבען דעם קערפער. אין פאל דאס וועט ניט געטהאן ווערען, וועלען די צוויי ארעסטירטע אידען געשאכטען ווערען. אלע איבעריגע אידען אין ליאזנע וועלען אויסגע'הרג'עט ווערען און זייערע הייזער וועלען פארברענט ווערען.

ניט קוקענדיג אויף זיין הויכען עלטער, האט דער רב, ר' שמאי, אויף זיך באלד גענומען א תענית פון דריי מעת לעת. צו אט דעם תענית זיינען אויך צוגעשטאנען א רייהע בעלי בתים, און אזוי איז עס געווארען א תענית צבור. די פרויען פון ליאזנע זיינען אלע געגאנגען טבילה און האבען אנגעהויבען שפינען וואל פאר קנויטען פאר ליכט — א פאדים פאר יעדע אידישע נשמה, קיין אונטערשייד צווישען מאן און פרוי און קיין אונטערשייד צווישען יונג און אלט. יעדעס קנויט איז צעטיילט געווארען פאר צעהן ליכט. באזונ־דערע קנויטען זיינען געשפונען געווארען, פון וועלכע יעדער פאדים איז גע־ווען פאר א באוואוסטען רשע און צורר היהודים. דעם צעטעל פון די דאזיגע רשעים און שונאי ישראל האט צוגעגרייט דער רב. אויף'ן דאזיגען צעטעל האבען זיך געפונען אזוינע רשעים ווי נמרוד, המן און אנדערע וואס האבען אנגעטהאן צרות אידען. די קנויטען פאר די רשעים זיינען צעטיילט געווארען אין דרייען.

אויפ'ן צווייטען טאג פון תענית, פאר מנחה, האט מען געבראכט די נשמה־ליכט אין בית המדרש און זיי אנגעצונדען. קינדער פון זעקס און זיבען יאהר אלט, וועלכע האבען ארויסגעצויגען א זכה־בגורל, האבען די ליכט אנ־געצונדען. דאן האט דער עולם געזאגט דעם קאפיטעל תהילים קי"ט און עס איז אויסגערופען געווארען, אז יעדער זכר פון דרייצעהן יאהר און עלטער און יעדע נקבה פון צוועלף יאהר און עלטער מוז אויף זיך נעהמען א תענית וואס זאל דויערען א גאנצען מעת לעת. אין משך פון דעם תענית זאל אויך זיין פארבאטען צו טהאן א מלאכה. דער גאנצער עולם האט דעם גאנצען מעת לעת פארבראכט אין בית המדרש און געזאגט תהילים.

אויפ'ן דריטען נאך נאך תפילת שחרית איז די גאנצע עדה אידען גע־גאנגען אויף'ן בית הקברות און געזאגט תהילים אויף די קברים פון די הייליגע. די שטאט האט זיך געהאט צעטיילט אין צוויי מחנות. בעת איין מחנה איז געווען אויף'ן ביי' עלמין האט די צווייטע דערוויל אכטונג געגעבען אויף די הייזער.

נאך מיטאג האט זיך דער עולם ווידער פארזאמעלט אין בית המדרש. דער רב האט געהאלטען א דרשה און דאן האט דער גאנצער עולם געזאגט וידוי. דער רב און צוויי זקנים, אנגעטהאן אין טלית און קיטעל, האבען זיך אוועקגעשטעלט אויף דער בימה מיט שווארצע ליכט אין די הענט. איין זקן איז געשטאנען ביים רב צו רעכטס און דער צווייטער צו לינקס. דער רב האט אויסגערופען, אז זיי, זאלבעדריט, זיינען מכוון געגען דעם בין דין של מעלה. אויף דער בימה זיינען אויך ארויף דער חזן, ר' ישעיה, און דער גבאי, ר' ברוך.

דער ארון הקודש איז געעפענט געווארע' און דער גבאי ר' ברוך האט געבלאזען שופר. דער חזן ר' ישעיה האט דאן געהויבען זאגען דעם קאפיטעל

תהילים ע"ט און דער עולם האט נאכגעזאגט פסוק פאר פסוק. דער גבאי האט דאן ווידער געבלאזען מיט'ן שופר און דער חזן האט געזאגט א נייעם קאפיטעל תהילים, ק"מ, וואס דער עולם האט נאכגעזאגט פסוק פאר פסוק.

גורל איז געווארפען געווארען און פיער מענשען פון דער עדה האבען זוכה געווען צו זיין די וואס זאלען ארויסנעהמען פיער ספרי תורה. די ספרי תורה זיינען געטראגען געווארען איבער'ן בית המדרש און יעדער פון עולם האט א קוש געטהאן די מענטעלאך. נאכדעם זיינען די ספרי תורה איבער־געגעבען געווארען צו די וואס זיינען געשטאנען ארום רב און דער אלטער רב האט געלייענט פון א פארמעט א חרם געגען דעם יעניגען וואס האט גע־גנב'עט דאס קריסטליך קינד. דער חרם האט געזאלט חל זיין אויף יעדען וואס האט געהאט א שייכות מיט'ן גנב'ענען דאס קינד.

כאטש דער תענית ציבור איז שוין געווען געענדיגט, האט דער רב געלאזט אויסרופען, אז ביז וואנען די צרה וועט ניט זיין פאראיבער, זאל קיינער אין ליאזנע ניט עסען קיין פלייש אפילו ניט שבת. דער רב מיט די בעלי בתים, וואס האבען געפאסט דריי מעת לעת כסדר, האבען פארפאסט בלויז מיט א שטיקעל ברויט און ווארים וואסער און דאן וויטער געפאסט.

דעם פאלגענדיגען שבת, צוויי טעג נאכדעם ווי דער חרם איז אויסגערופען געווארען, זיינען דער רב און די ראשי הקהל גערופען געווארען צו דער פא־ליציי. דארט האט זיך אויך געפונען דער צורר היהודים'דיגער גלח. די אידען זיינען ווידער געווארענט געווארען, אז אויב זיי וועלען ביז דינסטאג ניט צור־ריקקעהרען דאס קריסטליך קינד, לעבעדיג אדער טויט, וועט בלוטיגע נקמה גענומען ווערען פון דער גאנצער אידישער קהלה. דער גלח האט געהאט די חוצפה צו פארלאנגען, אז דער גרייז־גרויער רב זאל קושען דעם צלם, וואס איז געהאנגען אויף א זילבערנע קייט ארום זיין האלז. דער רב האט אבער אויף דעם געענטפערט מיט שטאלץ און ווירדע, אז אזא פאדערונג קען נאר קומען פון א ממזר און א מומר להכעים, ווייל אן עהרליכער מענש, אן אמת גלויבי־גער, וועט ניט וועלען צווינגען אימיצען, אז ער זאל טהאן עפעס וואס איז געגען זיין גלויבען. דער גלח איז אריין אין א גרימצארן, אבער ער האט גע־מאכט א שוויג.

דערווייל האט דער גלח ארויסגעשיקט ספעציעלע שלוחים איבער די דערפער, אנזאגענדיג די גוים, אז זיי זאלען אויף מארגען, זונטאג, קומען אין קלויסטער. א גרויסער המון האט זיך פארזאמעלט אין קירך. דער גלח האט געהאלטען א דרשה און ווידער דערצעהלט די גוים, אז אידען באנוצען קריסט־ליך בלוט אין די מצות וואס זיי עסען פסח. ער האט דאן באקאנט געמאכט, אז עס איז שוין איבער א וואך ווי א קריסטליך קינד איז גע'גנב'עט גע־ווארען. עס איז קיין ספק, האט ער געזאגט, אז דאס איז די ארבייט פון די אידען.

פון צווישען המון האט זיך דערווייל ארויסגערוקט א פויער, וועלכער האט אנגעהויבען זיך רופען צום גלח, דערקלעהרענדיג, אז ער איז צו איהם געשיקט געווארען מיט א ספעציעלער שליחות. די שליחות איז געווען פון א צווייטען פויער פון זיין דארף. יענער פויער, האט ער דערצעהלט, איז מיט א פאר טעג צוריס פלוצים קראנק געווארען. ער האט נעקראגען א וועהטאג אין

הארצען און אין קאפ. אין עטליכע שעה ארום איז ער געשטארבען. פאר זיין טויט האט ער גערופען אט דעם גוי, וואס האט די דאזיגע מעשה דערצעהלט, און איהם געבעטען, אז ער זאל געהן צום גלח און איהם דערמאנען וועגען זיין צוזאג, אז ער וועט אט דעם פויער וואס איז געשטארבען, ארייננבריינגען באלד אין גן עדן אריין. דערביי האט יענער פאר'ן טויט איבערגעגעבען דעם פויער, אז דעם צוזאג האט דער גלח איהם געהאט גענעבען צוליב דעם וואס ער און א צווייטער האבען, אויף'ן גלח'ס פארלאנג, גע'גנב'עט א קריסטליך קינד און עס באהאלטען ביי זיינעם א ברודער אין א דערבייאיגען דארף, כדי מיט דעם אנצושרעקען די אידען.

דער גלח האט אקארשט געהאט פארענדיגט זיין דרשה, ווען דער פויער האט אנגעהויבען דערצעהלען הויך אויף'ן קול, וואס ער פארלאנגט פון איהם. דערהערענדיג דעם פויער'ס רייד, איז דער גלח פאר א ווייל'ע געווארען מבולבל. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך און האט אנגעהויבען שרייען, אז דער פויער איז שיכור און ווייס ניט וואס ער רעדט. ער איז בלויז געקומען שטערען די תפילה. ער האט דעם פויער געהייסען ארויסווארפען פון קלויסטער. דער פויער האט נאך דערביי געכאפט קלעפ.

דער פויער איז געווען צעטומעלט. ער האט ניט באגריפען וואס דא איז פארגעקומען. מיט וואס אזוינס ער האט זיך פארזינדיגט ביים גלח, אז ער האט איהם אזוי באהאנדעלט. דער פויער האט דאן גאר אומשולדיגערהייט אנגעהויבען איבערדערצעהלען פאר די גוים אין דרויסען, וואס עס איז פארגעקומען מיט זיין שכן און וואס יענער האט איהם דערצעהלט פאר'ן טויט.

אין דערזעלביגער צייט האט מען זיך דערוואוסט, אז אויך דער צווייטער גוי, וואס האט געהאלפען באהאלטען דאס קריסטליך קינד, איז פלוצים קראנק געווארען און געשטארבען. מען האט זיך אויך דערוואוסט, אז דער גלח איז ביי איהם געווען פאר'ן טויט. אין דעמזעלביגען טאג, נאך איידער דער גלח האט פארענדיגט זיין תפלה אין קלויסטער, זיינען אנגעקומען צוויי גוים, באגלייט פון א פאליציאנט, מיטברייגענדיג מיט זיך דאס קריסטליך קינד, וואס איז געווען פארשוואונדען און צוליעב וועמען דער בלוט-בלבול איז געמאכט געווארען אויף די אידען. דאס קינד איז געצייגט געווארען פאר דעם גאנצען המון. אלע האבען איצט געוואוסט, אז די אידען זיינען אומזיסט באשולדיגט געווארען.

ווי אזוי דאס קינד איז פלוצים געבראכט געווארען א לעבעדיגס קיין ליאזנע איז געווען גאר פשוט: איינער פון די פאליציאנטען, וועלכער איז אלע מאל געווען פריינטליך צו אידען און האט די גאנצע צייט ניט געוואלט גלויבען, אז אידען נוצען קריסטליך בלוט אויף פסח, האט גראד געהערט וואס דער פויער האט געהאט צו דערצעהלען וועגען דעם וואס זיין שכן האט איהם איבערגעגעבען פאר זיין טויט. מיט דעם אלס שפור, האט דער פאליציסט גענומען מיט זיך צוויי מענשען און איז מיט זיי אוועק אין דארף, וואו דאס אינגעל האט געזאלט זיין באהאלטען. דארט האבען זיי דאס אינגעל טאקע געפונען און איהם מיטגענומען מיט זיך קיין ליאזנע. זיי האבען דערביי זיך דערוואוסט, אז דאס איז אלץ געטהאן געווארען אויפ'ן פארלאנג פון גלח, וועלכער האט אפען געהאט דערקלעהרט, אז ער וויל מיט דעם זיך נוקם זיין אז

די אידען. שפעטער האט דאס איינגעל געזאלט אריינגעגעבען ווערען אין א מאנאסטיר. דער גלח האט געהאט אונטערגעקויפט די פויערים, וואס האבען דאס קינד גע'גנב'עט און דעם, אין וועמעס הויז דאס קינד, איז געווען באַ־האלטען.

ווען דער המון האט דערזעהן דאס קינד א לעבעדיגס איז געווארען א טומעל. דער גלח איז פאר א ווייל געווען פארלאָרען. ער האט זיך אבער באלד געשטארקט און מיט א קופערנעם שטערען איז ער ארויף אויפ'ן באלעמער און האט זיך אנגעהויבען צלמ'ען און שווערען, אז ער איז דא אינגאנצען אומ־שולדיג, אז אין דער אמת'ען האבען טאקע די אידען גע'גנב'עט דאס קינד און וואלטען איהם געווים געקוילעט, ווי זיי טהוען עס תמיד, ווען זיי דאר־פען קריסטליך בלוט אויף פסח. אבער ער, דער גלח, האט זיך פון דעם דער־וואוסט און געמאכט א טומעל. האבען זיך די אידען דערשראקען און באַ־שלאסען דאס קינד צוריקצוקעהרען. אבער אפגעבען דאס קינד, ווי עס באַ־דארף צו זיין, וואלט דאך באוויזען, אז זיי גיבען צו, אז זיי האבען דאס קינד גע'גנב'עט, זיינען זיי דערפאר געפאלען אויף דער המצאה, וואס זיי האבען אונטערגעקויפט דעם פאליציסט און די צוויי קריסטען וואס האבען איהם מיטגעהאלפען, אז זיי זאלען דערצעהלען א גאנץ אנדער געשיכטע וואס זאל נאר מאכען איהם, דעם גלח, פאר'ן שולדיגען.

נאך די דאזיגע רייד, וואס האט דעם המון צעטומעלט, איז דער גלח אומגעפאלען אויפ'ן באלעמער אין חלשות. מען האט איהם געדארפט טראגען אהיים און איהם אריינלייגען אין בעט. דערווייל איז אויף דער סצענע אנגע קומען דער הויפט פון דער פאליציי און, הערענדיג וואס דער גלח האט גע־טהאן, פרובירענדיג זיך ריינוואשען, האט ער אויסגערופען פאר'ן המון, אז אלע זאלען וויסען, אז די אידען זיינען אומשולדיג. ער האט אויך געווארענט, אז דער וואס וועט וואגען ליינען א האנט אויף אידען וועט געהאנגען ווערען.

ער האט גלייך געגעבען א באפעהל, אז די צוויי אידען וואס זיינען גע־ווען אין תפיסה אויף דער קלאגע, אז זיי האבען גע'גנב'עט דאס גוי'איש איינגעל, זאלען באלד באפרייט ווערען און אז אלע אידען זאלען קריגען צו וויסען, אז דער בלבול געגען זיי איז אפגעווישט געווארען. דער הויפט פון דער פאליציי האט אויך אויסגערופען, אז די פויערים וואס האבען זיך פאר־זאמעלט פון די ארומיגע דערפער זאלען זיך באלד צוגעהן אהיים.

ביסלעכווייז איז דער המון זיך צוגאנגען. אויפ'ן מארק, אין צענטער פון שטאט, זיינען געבליבען נאר די גוים פון שטאט ליאזנע גופא. די צוויי ארעס־טירטע אידען זיינען דארט געבראכט געווארען און דער הויפט פון דער פאליציי האט דאן אויסגעקליבען צוויי פון די עלטסטע גוים און דערקלעהרט, אז עס איז זייער און זיין חוב צו ברייגגען די צוויי ארעסטירטע אידען צום רב און זיי איהם איבערגעבען אלס פרייע מענשען און דערביי זיך פאר איהם אנטשולדיגען וואס אזא טעות איז געמאכט געווארען.

דערווייל האט זיך איבער דעם אידישען קווארטאל פון ליאזנע צעטראַ־גען, אז דער הויפט פון דער פאליציי, מיט צוויי פון די עלטסטע גוים פון ליאזנע, פיהרען די צוויי ארעסטירטע אידען. קיינער האט ניט געוואוסט וואס עס איז געשעהן. האבען די אידען געמיינט, אז דאס פיהרט מען די צוויי

ארעסטירטע אידען צו זייער הינריכטונג. אימיצער האט געהאט ארויסגעזאגט די סברא, אז מען האט שוין די דאזיגע צוויי אידען פאר'משפט צום טויט און אז מען פיהרט זיי צום שוהל, וואו מען וועט זיי קוילען פאר אלעמען אין די אויגען און דאן וועט מען זייערע קערפערס איינוויקלען אין ספרי תורה און זיי פארברענען. דאס צווישען די אידען אויסגעבראכען א יללה. אבער ווי גרויס עס איז ניט געווען די שרעק האבען זיך די אידען אנגעהויבען פאר־זאמלען אין שוהל.

אין שוהל איז שוין פון פריהער געווען פארזאמעלט דער רב און די ראשי הקהל, וועלכע זיינען געזעסען איינגעוויקעלט אין טלית און אין קיטעל און געזאגט תהילים. אז דער עולם איז געווארען גרעסער און אז דער רב און די ראשי הקהל האבען געהערט, אז מען פיהרט די צוויי ארעסטירטע אידען צום שוהל, האבען זיי זיך אויפגעהויבען און געקומען דעם הויפט פון דער פאליציי אנטקעגען. גלויבענדיג אז דאס מיינט דער סוף פון דער גאנצער עדה אידען, האט איינער פון די ראשי הקהל, וואס האט געקענטריידען גויא'יש, זיך געווענדעט צום הויפט פון דער פאליציי און מיט תחנונים פון איהם פארלאנגט, אז אויב עס דערווארט אלעמען דער טויט, זאל ער כאטש זיי געבען א שעה צייט כדי דער עולם זאל קענען דאווענען מנחה בצבור און זאגען וידוי.

דער הויפט פון דער פאליציי האט זיך צולאכט. ער האט דערקלעהרט, אז ער איז ניט געקומען די אידען טהאן שלעכטס, נאר ביי זיי בעטען מחילה דערפאר וואס דאס פארשוואונדענע קינד האט זיך אפגעזוכט און דער אמת האט זיך ארויסגעוויזען. די אידען פון ליאזנע האבען זיך מעהר ניט געהאט וואס צו שרעקען. דער עולם האט אויפגענומען די גוטע בשורה מיט פרייד און איז זיך צוגאנגען אהיים. דער רב און די ראשי הקהל זיינען אבער ווייטער געבליבען אין שוהל צו פארענדיגען דעם תענית וואס זיי האבען אויף זיך גענומען.

נאך אין זעלביגען טאג האט מען געהערט, אז דער גלח איז געפעהרליך קראנק און אז ער קריכט ממש אויף די ווענט פון יסורים. צוויי וואכען צייט איז ער געווען אין יסורים און איז דאן געשטארבען. אידען ווי ניט־אידען אין ליאזנע און פון די ארומיגע שטעטלאך און דערפער, האבען געוואוסט, אז די וואס האבען געהאט א האנט אין צוגרייטען דעם עלילת דם געגען אידען האבען געכאפט א מיאוסען אפשניט.

מו.

גאוה און בעלי־גאוה'ניקעס

דער ענין פון גאוה און פארוואס דאס איז געגען דעם אידישען גייסט — ר' שמעון חיים וועלכער האט ניט געקענט פארטראגען בעלי־גאוה'ניקעס און בארימער.

דער תלמיד, ישראל, מיט וועמען חיים שמעון האט זיך באקאנט אין דער מינסקער ישיבה, האט געהאט די אויסצייכענונג, וואס ער איז געווען א גרויסער קענער אין מאטעמאטיק און אסטראנאמיע. דערצו איז ער אויך געווען א גרויסער קינסטלער אין האלץ־שניצעריי. איידער ער איז געקומען קיין

מינסק, האט ער פיער יאהר פארבראכט אין דער ישיבה פון דעם גאון ר' מרדכי. טאקלים אין בערלין, וואו ער האט זיך געלערענט די אלע חכמות. אין משך פון צוויי יאהר צייט האט ער זיך אפגעגעבען מיט בויען א קליינעם בית המקדש'ל, וועלכער האט פארנומען צוויי איילען אויף צוויי איילען.

חיים שמעון, וועלכער האט שוין לאנג געהאט א נייגונג צו מאטעמאטיק און אסטראנאמיע, האט איצט, מיט ישראל'ס הילף, זיך מעהר אפגעגעבען מיט די דאזיגע חכמות און די פריינדשאפט צווישען די צוויי תלמידים איז געוואקסען. אין משך פון זיין אויפהאלט אין דער מינסקער ישיבה איז חיים שמעון געבליבען א יתום. ביידע, זיין פאטער און מוטער, זיינען איינע נאך די אנדערע נפטר געווארען. זיינע חברים האבען זיך משתתף געווען אין זיין צער. חיים שמעון האט געזוכט טרייסט אין דעם וואס ער האט זיך אפגעגעבען נאך מעהר מיט לערנען תורה און אויך מאטעמאטיק מיט ישראל'ס הילף.

ישראל איז פאר'שדכנ'ט געווארען אין מינסק גופא. ער איז געווארען דער איידים פון א געוויסען ר' שמואל זאנוויל, וועלכער איז געווען א בארשטער פון פלאקס. דער דאזיגער ר' שמואל זאנוויל איז געווען איינער פון די באַוואוסטע לומדים, אבער האט געוואלט ניט אנדערש ווי זיך צו מפרנס זיין פון מלאכה. בעת ער פלעגט בארשטען דעם פלאקס פלעגט ער אויך אויסוויינ׳ איבערגעהן איין מסכת נאך דער צווייטער.

דער איידים איז אויך געגאנגען אין דעם זעלבינגען דרך וואס זיין שווער. ער האט ניט געוואלט אפילו עסען קעסט ביי זיין שווער. באלד נאך דער חתונה האט ער זיך גענומען צו א מלאכה. בעת ער איז געווען אין בערלין, האט ער געהאט געזעהן א מאשין צו מאכען וואליקעס. האט ישראל איצט פון זכרון אליין צוזאמענגעשטעלט אזא מאשין און האט אנגעהויבען מאכען וואליקעס פון וואס ער האט באלד פון אנפאנג געהאט פרנסה בהרחבה.

שפעטער, אז חיים שמעון איז אויסגעקליבען געווארען פון דעם דאבראַמיסלער מוליער, ר' יוסף'ן, אלס חתן פאר זיין אייניקעל, א יתומה, איז ער פארבליבען אויף נאך א יאהר אין דער מינסקער ישיבה, האט ער פאר דער צייט באשלאסען זיך ביי ישראל'ן אויסצולערנען ווי צו מאכען וואליקעס, כדי ער זאל האבען נאך דער חתונה פון וואס צו ציהען חיונה. ער האט פון ישראל'ן זיך אויך אויסגעלערענט ווי צוזאמענשטעלען די מאשין.

נאך דער חתונה האט חיים שמעון זיך אין דאבראמיסל איינגעאָרדענט א ווארשטאט און האט אנגעהויבען מאכען וואליקעס. זיין סחורה איז אין גיכען מפורסם געווארען און מען פלעגט פון נאהנט און פון ווייט קומען צו איהם קויפען וואליקעס.

חיים שמעון איז געווען א גאר פריינטליכער מענש און א גרויסער בעל מדה. מען האט זיך אין שטאט באלד אנגעהויבען צוהערען צו זיינע מיינונגען און זיך מיט זיי רעכענען. כאטש נאך גאר א יונגערמאנטשיק, האט מען איהם געהאט אויסגעקליבען צו זיין איינער פון די פארשטעהער ביים חויפט

פון שטאט אין אלע קהל'שע ענינים. פארשטעהט זיך, אז מען האט איהם שוין אנגעהויבען רופען ר' חיים שמעון.

ר' יוסף'ן האט מען שוין לאנג געהאט אויפגעהערט רופען "מוליער" ווייל ער האט שוין מעהר ניט געמאכט קיין אויווענס און האט זיך מפרנס געווען פון זיין גארטען און פעלד. אליין פלעגט ער כסדר זיצען על התורה ועל העבודה. ער האט זיך נוהג געווען א פאר שעה דורד'ן טאג צו כאפען א דרעמעל אין א שטיבעל פון בית מדרש אויף דער הארטער באנק.

מען פלעגט איהם אפט פרעגען: ר' יוסף, אויב שלאפען קענט איהר דאך דאס בעסער טהאן אין דערהיים אויף א ווייכען געלעגער!

אויף דעם האט ער תמיד געענטפערט, אז ער געדענקט גוט די טעג, ווען ער איז געווען אין דער ישיבה און האט כסדר געשלאפען אויף דער הארטער באנק. אגב, האט ער געזאגט, איז עס דאך ווי די תורה זאגט: כך דרכה של תורה: פת במלח תאכל, מים במשורה תשתה ועל הארץ תישן.

— אויב מען איז א צו גרויסער מפונק — פלעגט ער זאגען — האט מען ניט קיין הצלחה אין לערנען.

צו ר' חיים שמעון'ען איז ר' יוסף געווען שטארק צוגעבונדען. זיי האבען עטליכע מאל אין וואך געלערענט צוזאמען און ביידע האבען שטארק הנאה געהאט איינער פון צווייטען'ס לומדות. איין זאך האט אבער ר' יוסף'ן פאר־שאפט עגמת נפש און דאס איז געווען וואס ר' חיים שמעון איז געווען א היציגער און האט ניט פארשווינגען, ווען ער האט געזעהן ווי אימיצער צייגט ארויס גאוה אדער האט פרובירט זיך מיט עפעס ריהמען. האט יענער געמעגט זיין דער גרעסטער תלמיד חכם, ר' חיים שמעון האט איהם ניט געשוינט.

ביי ר' חיים שמעון'ען איז די שנאה צו גאוה און באריהמעריי געלעגען ממש אין בלוט. ער האט עס געלערענט פון זיין ערשטען מלמד און האט עס אויך געלערענט פון ר' יקותיאל'ן דעם ליאזנער שמש. ר' יקותיאל האט אויך קיינמאל ניט געקענט פארטראגען מענשליכע גדלות. אין חיים שמעון'ס זכרון האט זיך באזונדער איינגעקריצט דאס, וואס ר' יקותיאל האט אמאל געהאט געזאגט וועגען פרעה מלך מצרים און זיין גאוה. פרעה, כידוע, פלעגט דער אל־טער ר' יקותיאל זאגען, האט זיך געהאלטען פאר א גאט. ער האט געוואגט פרעגען מיט חוצפה: ווער איז עס דער אידישער גאט, אז איך זאל זיך דארפען צוהערען צו איהם? אט צוליב זיין גדלות — האט ר' יקותיאל געזאגט — האט איהם דער אויבערשטער באשטראפט מיט די צעהן מכות און האט איהם דערנאך מיט זיין גאנצען חייל דערטרונקען אין ים סוף. אויך קרח האט געכאפט זיין פסק נאר צוליב זיין גאוה — פלעגט ר' יקותיאל זאגען.

אט דערפאר פלעגט ר' חיים שמעון פשוט אויפגעקאכט ווערען, ווען ער האט געהערט פון וועמען ניט איז, האט יענער געמעגט זיין א גרויסער חשוב, אזוינס וואס האט געשמעקט מיט גאוה. ר' חיים שמעון האט יענעם

שארף אויסגערעדט און איז איהם אריינגעפאהרען, ווי מען זאגט, מיט א גור־בערנאטאר אין זייט, אז יענער האט שוין געהאט צו גערענקען.

אפט זיינען צוליב דעם ארויסגעקומען איבעררייערן. ניט יעדער האט געוואלט ארונטערשלינגען דאס וואס ר' חיים שמעון האט געהאט צו זאגען. נאך אלעם דעם איז ער דאך געווען א יונגערמאנטשיק. א סך האבען געמיינט, אז עס איז פון זיין זייט אן עזות זיך צו שטעלען געגען עלטערע און חשוב'ערע מענשען ווי ער. אויך ר' יוסף אליין האט ניט געקענט פארטראגען ר' חיים שמעון'ס רייד, כאטש אין תוך האט ער מיט איהם מסכים געווען און האט אליין ניט געקענט פארטראגען קיין גאוה. ער האט אבער געמיינט, אז דער יונגער ר' חיים שמעון דארף זיין מעהר איינגעהאלטען.

זיינען אפט צווישען די צוויי פארגעקומען היציגע ויכוחים. איינער האט דעם צווייטען אפגעשלאגען מיט מאמרי חז"ל. ר' חיים שמעון האט אבער תמיד איהם מנצח געווען מיט דער גמרא אין סנהדרין ק"א: "אמר ר' נחמן גסות הרוח שהיתה בו בירבעם טרדתו מן העולם" (האט געזאגט ר' נחמן, אז די גאוה וואס איז געווען אין ירבעם'ן האט איהם פארטריבען פון דער וועלט).

— די גאוה, דאס איז דאס ערגסטע אין מענשען — פלעגט ר' חיים שמעון וועלען באווייזען זיין פרוי'ס זיידען — פון דעם קומט ארויס אלע שלעכטס. דאס איז מטמא די תורה, און ווי אזוי קען מען אימיצען פארגעבען, אז ער איז מטמא די תורה? אט זאגט דאך די גמרא עדות אויף דער גדלות פון ירבעם'ן. אין סנהדרין ק"ב ווערט געזאגט אויף'ן פסוק אין מלאכים י"ח, "וימצא אותו אחיה השילוני הנביא בדרך והוא מתכסה בשלמה חדשה ושניהם לבדם בשדה" און אחיה השלוני דער נביא האט איהם (ירבעם'ן) באגעגענט אויף'ן וועג און ער איז געווען צוגעדעקט מיט א נייע קלייד און ביידע זיינען געווען אליין אין פעלד). פרעגט די גמרא: וואס עפעס א ניי קלייד? זאגט אויף דעם ר' נחמן, אז פונקט ווי א נייע קלייד האט אויף זיך ניט קיין פעהלער, אזוי האט ירבעם'ס תורה אויך זיך ניט געהאט קיין פעהלער. אז אנדערער זאגט, אז זיין תורה איז געווען ווי א ניי קלייד, ווייל מען האט פון איהם געהערט אזוינע חידושים וואס מען האט פריהער פון קיינעם נאך ניט גע־האט געהערט. ווייטער ווערט דארט געפרעגט, וואס באדייט דאס וואס עס ווערט געזאגט, אז זיי זיינען ביידע געווען אליין אין פעלד? זאגט אויף דעם ר' יהודה, אז אלע תלמידי חכמים זיינען צו זיי געווען גלייך ווי די גראז פון פעלד. עס איז אויך פאראן א "דאיכא דאמר", אז דאס איז אן אנדייטונג אויף דעם וואס אלע טעמים פון דער תורה זיינען צו זיי געווען אנטפלעקט ווי דאס פעלד.

ר' חיים שמעון פלעגט דאן אויספיהרען:

— היינט זעהט איהר שוין צו וואס גאוה פיהרט? די גאנצע גדלות אין תורה איז ירבעם'ן ניט בייגעשטאנען. ער איז געווארען דער חוטא ומחטיא את הרבים. ער האט געבראכט נאר שלעכט אויף אידען און אויף זיך.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער אלטער ר' יוסף פלעגט האבען אפטע ויכוחים מיט זיין אייניקעל'ס מאן, ר' חיים שמעון'ען, האבען זיי אבער געלעבט בשלום. ר' חיים שמעון איז אויך געווען באליבט ביי אלע אנדערע אין דאבראַ־מיסל. דאס האט אזוי אנגעהאלטען ביז עפעס האט פאסירט, און פאסירט האט עס גראד אין מרחץ.

דער מרחץ איז דאבראמיסל, ווי אין אלע אנדערע שטעט און שטעטלאך, איז געווען א וויכטיגער מוסד. צוויי טעג א וואך, מיטוואך פאר ווייבער, און פרייטאג פאר מענער, האט דארט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט מענשען. א גאנצע וואך האט מען דעם מרחץ ניט געהייצט. מען פלעגט דארט נאר אנווארימען דעם קעסעל, כדי צו מאכען ווארימער דעם וואסער אין דער מקוה פאר די וואס פלעגען געהן טבילה. דער דאבראמיסלער מרחץ האט זיך געהאט אויסגעצייכענט מיט דעם אויוועז וואס ר' יוסף האט דארט געהאט אויפגעשטעלט אין זיינע יונגע יאהרען. אט דער אויוועז האט געגעבען היץ באלד ווי מען האט אויף די הייסע שטיינער ארויפגעגאסען עטליכע שעפע־לאך וואסער. די היץ פלעגט דאן זיין אזוי גרויס, אז די וואס זיינען געווען אויף דעם אויבערשטען פאל האבען געמוזט ארונטער נידעריגער.

צוליב דעם וואס דער קעסעל איז ניט געווען גרויס גענוג, און דערפאר וואס אין דאבראמיסל איז געווען א תקנה, אז יעדערער איז בארעכטיגט צו לכל הפחות פינף שעפעלאך, האט מען געמוזט איינפיהרען, אז אין מרחץ זאל מען געהן כתות־וויז, כדי דער בעדער זאל קענען צושטעלען גענוג הייסע וואסער פאר אלעמען. אזוי האט זיך איינגעשטעלט, אז אין משך פון פרייטאג פלעגען די זעלביגע מענשען געהן אין מרחץ כתות'וויז.

אין דאבראמיסל האט זיך דאמאלס אויפגעהאלטען דער זקן און באוואוס־טער למדן ר' בצלאל פון ראסאסנע, וועלכער איז געקומען צו גאסט צו זיין זוהן'ס איידים, ר' יהושע פייטעל דער סופר. ר' בצלאל איז פאר איבער פער־ציג יאהר געזעסען און געלערענט אין פרישות. ער האט גע'שם'ט פאר זיין חריפות און בקיאות און אויך פאר זיין יראת שמים.

ר' בצלאל האט באזונדער גע'שם'ט מיט זיין תמימות און מיט דעם וואס ער איז געווען אפגעהיט מיט יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל. ער איז בכלל געווען א גרויסער זהיר אין מצוות. כדי צו זיין זיכער אז די פרשיות פון זיינע תפילין אדער די מזוזה אויף זיין טיר זיינען כשר, פלעגט ער בודק זיין די אותיות מיט א פארגרעסער גלאז. ער האט געוואלט זיין זיכער, אז אין די אותיות געפינען זיך ניט קיין ווייסע פינטעלאך, וואס זיינען ניט אויסגע־פילט מיט'ן טינט. יעדען טאג, איידער ער האט געלייגט תפילין, האט ער דעם של ראש און דעם של יד געמאסטען מיט א ספעציעלער מאס, וואס ער האט געהאט ביי זיך, כדי צו זיין זיכער, אז די פיער־קאנטיגקייט פון די תפילין איז ניט מכולה געווארען.

ר' בצלאל האט אויך געהאט לעבען זיך אימיצען וואס האט געהאט די עובדה אכטונג צו געבען, אז ווען ער לייגט תפילין זאל דער של יד זיין פונקט דארט וואו ער באדארף צו זיין און דער של ראש זאל אויך זיין דארט וואו דער דין זאגט אז ער זאל זיך געפינען. דער דאזיגער מענש פלעגט שטעהן

לעבען ר' בצלאל'ן די גאנצע צייט וואס ער האט געדראווענט און אכטונג גע־געבען, אז ניט דער של יד און ניט דער של ראש זאלען זיך ארונטערוקען.

ר' בצלאל האט אויך שטארק אפגעהיט די מצוה פון כבוד תלמידי־חכמים. ער האט אליין די דאזיגע מצווה אפגעהיט און האט אויך געוואלט אז אנדערע זאלען זי אפהיטען. כדי מזכה צו זיין מענשען מיט דער מצות פון כבוד תלמידי־חכמים, האט ר' בצלאל תמיד מפרסם געווען וועגען זיין לומדות און זיין צדקות. עס האט געזאלט הייסען, אז דורך דעם וואס מען וועט איהם אפגעבען דעם געהעריגען כבוד וועט יעדער מקיים זיין די מצוה, וועלכע איז א מצוה־עשה. האט טאקע ר' בצלאל, וועלכער איז שוין געווען איבער אכציג יאהר אלט, נעקראגען גרויס כבוד אין דאבראמיסל.

אז עס איז געקומען פרייטאג און ר' בצלאל איז געגאנגען אין מרחץ, האט ער אפילו דארט נעקראגען גרויס כבוד. מען האט איהם אפגעגעבען א באזונדערען ארט און אלע האבען זיך פאר איהם אויפגעשטעלט. ר' חיים שמעון איז דאמאלס אויך געווען אין מרחץ און כאטש ער האט געוואוסט, אז אין מרחץ איז מען ניט מחויב זיך אויפצושטעלען און געבען אימיצען כבוד, האט ער עס אבער געמאן צוזאמען מיט די אנדערע אידען, דערפאר, וואס יענע זיינען געווען פשוט'ע מענשען און האבען ניט געוואוסט די סוגיא אין קדושין דף ל"ג, וואו עס ווערט געמאכט אן אונטערשייד צווישען די חדרים אין א מרחץ, וואו מענשען זיינען אנגעטהאן און וואו מען מעג אפילוריידען דברי תורה, און וואו מען איז טאקע מחויב אפצוהיטען די מצוה פון כבוד תלמידי חכמים, און די חדרים, וואו מען וואשט זיך און וואו מענשען זיינען נאקעט. דארט טאר מען ניט ריידען קיין דברי תורה און דארט איז מען ניט מחויב זיך אויפצושטעלען פאר און געבען כבוד צו א תלמיד חכם. ר' חיים שמעון האט געטראכט, אז קיין שאדען וועט פון דעם ניט ארויסקומען און ארייגלאזען זיך אין א ויכוח וועגען דעם מיט די פשוט'ע מענשען, וואלט אי געהייסען ריידען דברי תורה, וואס איז אין מרחץ פארבאטען, און אי דאס וואלט ניט געהאט קיין פעולה. יענע וואלטען איהם פשוט ניט פארשטאנען.

דערווייל האט זיך געמאכט, אז צוליב א וועלכער עס איז סיבה האט מיט אמאל אויסגעפעלט הייסע וואסער און אייניגע האבען אנגעהויבען שרייען צום בעדער און צו "נאניע'ן דעם פארשטשיק", אז זיי זאלען זיך אונטעראיילען און כאטש באזארגען דעם צדיק, ר' בצלאל'ן, מיט הייסע וואסער. בעת מעשה זיינען צוויי בעלי בתים געזעסען אויף א באנק אין דער זייט, זיך געוואשען און געשמועסט צווישען זיך טאקע וועגען ר' בצלאל'ן.

— עס איז שוין פערציג יאהר — האט איינער באמערקט צום צווייטען — ווי ער פראוועט פרישות.

די דאזיגע צוויי אידען האבען, דאכט זיך, גערעדט אזוי, אז קיינער זאל ניט הערען. ר' בצלאל אליין איז געזעסען אביסעל ווייטער און צו זיינע אויערען האבען יענע רייד ניט געזאלט גרייכען. אבער ר' בצלאל האט גראד יא געהערט.

— ניט קיין פערציג יאהר בין איך געזעסען אין פרישות נאר זיבען און

פערציג, און נאָך מעהר מעגט איהר וויסען: פון דעם טאָג וואָס איך האָב זיך גענומען אויף מיין דרך, האָב איך קיינמאָל ניט ארויסגעקוקט פון מיינע דלד אמות, — האָט ער זיך אָפּגערו פען.

ווען ר' חיים שמעון האָט דאָס געהערט, האָט זיין בלוט אין איהם אויפגעקאָכט. ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר א צייכען פון גאוה און זעלבסט־לויב מצד דעם צדיק ר' בצלאל'ן, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטען און ניט געזאָגט קיין וואָרט. ערשט שפּעטער, אז זיי זיינען געווען אין דעם צווייטען חדר, וואו מען טהוט זיך אָן און זיי זיינען שוין אַלע געווען אין זייערע מלבושים, האָט ר' חיים שמעון זיך אָפּגערופען צו ר' בצלאל'ן:

— רבי, — האָט ער צו איהם געזאָגט — ווי עס קוקט אויס אַרט אייך גאָרניט וואָס די תנאים און אמוראים ווי אויך אַלע גאונים פּסק'ענען, אז מען טאָר ניט צייגען קיין שום סימן פון גאוה. איהר, רבי, האָט זיך צוגע־הערט צו דעם וואָס די צוויי אידען האָבען גערעדט צווישען זיך וועגען אייך, זאָגענדיג וועגען אייך פאַרשיידענע שבחים און איהר האָט זיי נאָך דערמאָנט וועגען דעם, אז איהר זייט געזעסען אין פּרישות נאָך לענגער ווי זיי האָבען געמיינט און ווי אזוי איהר זייט די גאַנצע צייט געווען אָפּגעהיט ניט ארויס־צוקוקען ווייטער ווי אייערע דלת אמות! איז עס דען ניט קיין צייכען פון גאוה און זעלבסט־לויב? די חכמים אונזערע האָבען שטאַרק מחמיר געווען אין אַט דעם ענין פון גאוה. דער גאון ר' אריה ליב, דער ראש מתיבתא פון מינסק, האָט געזאָגט אויף דעם וואָס ר' יהודה זאָגט אין נאָמען פון רב (בבא בתרא, דף צ"ח), אז "כל המתגאה בטלית של תלמיד חכם ואינו תלמיד חכם אין מכניסין אותו במחיצתו של הקודש ברוך הוא" (דער וואָס פּוצט זיך אויס אין דעם בגד פון א תלמיד חכם און איז ניט קיין תלמיד חכם, לאָזט מען איהם ניט אריין אין דער מחיצה פון דעם אויבערשטען). אויף דעם האָט ר' אריה ליב געזאָגט, אז דער פּשט פון דעם איז ניט, אז דער וואָס איז ניט קיין תלמיד חכם און פּוצט זיך אויס אין דעם בגד פון א תלמיד חכם, אז דאַמאָלס באשטראָפט מען איהם, נאָר אז דער וואָס איז טאַקע באמת א תלמיד חכם אָבער איז ניט אזא גרויסער תלמיד חכם ווי ער וויל, אז מען זאָל איהם האַלטען און ער מאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט געווען א פיעל גרעסערער תלמיד חכם ווי ער איז, דאָן איז זיין שטראָף וואָס מען לאָזט איהם ניט אריין אין דער מחיצה פון הקדוש ברוך הוא. וואָרום אויב דער פּשט וואָלט טאַקע געווען, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען איינעם וואָס איז אין גאַנצען ניט קיין תלמיד חכם און מאַכט דעם אָנשטעל, אז ער איז עס יאָ, דאָן איז ער דאָך ניט מעהר ווי א ליגנער און די שטראָף פאַר א ליגנער איז דאָך שוין א באשטימטע!

ר' חיים שמעון האָט די דאָזיגע רייד ארויסגעזאָגט מיט פייער, ווייל ער האָט טאַקע געוואָלט טרעפען דעם אַלטען גאון אין ווען ער האָט פּלוצים דערזעהן א ניצוץ פון גאוה און דאָס האָט איהם, ר' חיים שמעון'ען, שטאַרק אויפגעפלאַקערט. די מענשען וואָס זיינען געווען דערביי האָבען געעפענט מויל און אויערען. איינינע פון זיי האָבען בכלל ניט פאַרשטאַנען וואָס אזוינס ר' חיים שמעון האָט דאָ געהאַט געזאָגט. כאָטש די תורה וואָס ער האָט געזאָגט איז

ניט געווען אזוי טיעף, איז עס אבער געווען איבער זייער השגה. אבער אויך די וואס האבען איהם פארשטאנען און האבען גוט געוואוסט, אז ער האט דא שארף ארייגעזאגט דעם זקן, האבען קיין ווארט ניט געזאגט. אייניגע האבען אבער געפיהלט, אז ר' חיים שמעון האט געוואגט צו פיעל און אז עס איז פון זיין זייט א העזה צו ריידען אזוי צו א בארימטען צדיק.

מז.

די היילינגע ירושה

דער סופר פון דאבראמיסל, וואס האט איבערגענומען די גייסטיגע ירושה פון זיין רבי'ן. — וויל א תשובה אויף חטאים וואס ער איז ניט באגאנגען.

צווישען די וואס האבען זיך צוגעהערט ווי דער יונגער ר' חיים שמעון האט שארף אויסגערעדט דעם אלטען צדיק ר' בצלאל'ן פאר דעם וואס ער האט געזאלט האבען ארויסגעצייגט סמנים פון גאוה, איז געווען ר' יהושע פייטעל דער סופר, דער מאן פון ר' בצלאל'ס אייניקעל. דער דאזיגער ר' יהושע פייטעל איז געווען אן אויסערגעוויינליכער פרומאק. פון זיין סאמע יוגענט האט ער כסדר פארבראכט אין בית המדרש. ער איז געווען א תלמיד אין ר' גבריאל דעם דאבראמיסלער רב'ס ישיבה. עס איז געווען אויף ר' גבריאל'ס עצה וואס ר' יהושע פייטעל איז געווארען א סופר. ר' גבריאל איז אויך געווען זיין שדכן. די מלאכה פון א סופר האט ר' יהושע פייטעל זיך געלערנט ביי ר' פתחיה מאיר'ן, וועלכער איז געווען ניט נאר א סופר נאר האט אויך געמאכט בתים פאר תפילין. ר' יהושע פייטעל האט ביי ר' פתחיה מאיר'ן געארבייט פופצעהן יאהר.

ר' פתחיה מאיר איז געווען א זעלטענהייט אפילו צווישען סופרים. ער האט ניט געשריבען קיין ווארט און האט ניט אנגעפאנגען קיין בתים נאר איז א תענית. איידער ער האט זיך געזעצט שרייבען איז ער געגאנגען טבילה. דאן האט ער עטליכע מאל פאר זיך אליין איבערגע'חזר'ט, אז ער שרייבט פאר א היילינגען צוועק. ער איז אויך געווען באזונדער אפגעהיט ביים צוגרייטען דעם פארמעט און די טינט און די פעדער. אלץ האט ער געטהאן מיט גרויס קדושה און טהרה.

ר' יהושע פייטעל האט ביי זיין רבי'ן געלערנט ניט נאר די היילינגע מלאכה, נאר אויך ווי צו זיין אפגעהיט און פרום. ווען ר' פתחיה מאיר איז נפטר געווארען איז ר' יהושע פייטעל געווארען דער ממלא מקומו. ער האט אבער זיך שטארק געשראקען פאר דער גרויסער פאראנטווארטליכקייט וואס ער נעהמט אויף זיך. איז ער געקומען צו דעם רב, ר' גבריאל'ן, און מיט טרעהרען אין די אויגען ביי איהם זיך געבעטען, אז ער זאל איהם "באפרייען" פון אט דער גרויסער פאראנטווארטליכקייט וואס ער וועט אויף זיך נעהמען אויב ער וועט דארפען אידען פארזארגען מיט ספרי תורה, מיט תפילין און מזוזות. ער האט מורא געהאט, אז ער וועט ניט קענען גרייכען די מדרגה פון ר' פתחיה מאיר'ן.

— ווי קען איך זיך פארגלייכען צו דעם צדיק ר' פתחיה מאיר, זכרונו

לברכה, ? — האט ער געוויינט פאר ר' גבריאל'ן, — איך בין א שוואך און קליין מענשעל. איך וועל זיך בעסער נעהמען צו א פשוט'ער מלאכה.

ר' גבריאל האט איהם אבער ניט אפגעלאזט. ער האט איהם געטרייסט און געמונטערט. ער האט איהם צוגערעדט, אז ער זאל די מלאכה ניט אויפגעבען. ר' יהושע פייטעל איז ענדליך איינגעגאנגען אויף דעם, אבער מיט'ן תנאי, אז אימיצער זאל תמיד זיין לעבען איהם און זאל איהם דערמאנען וועגען דער הייליגקייט פון זיין מלאכה און זאל איהם אויך דערמאנען ווי וויכטיג עס איז, אז ער זאל אלץ טהאן לשמה. ער האט אויך געוואלט, אז יענער זאל איהם האלטען אין דערצעהלען ווי אזוי ר' פתחיה מאיר האט זיך נוהג געווען און ווי אזוי ער האט אריינגעלייגט ספעציעלע כוונות סיי אין צוגרייטען דעם פארמעט און סיי אין שרייבען אדער אין מאכען די בתים. ר' יהושע פייטעל האט אפילו מיט דעם זיך נאך ניט געוואלט נעהמען צו דער מלאכה ביז ער האט ניט געהאט א חלום אין וועלכען זיין רבי, ר' פתחיה מאיר, האט זיך צו איהם באוויזען און איהם אנגעזאגט, אז ער זאל ווערען דער סופר פון דאב־ראמיסל.

ר' גבריאל האט געמוזט פאר ר' יהושע פייטעל'ן אויסקלייבען אן ארויס־העלפער. דאס איז געווען ר' שמעיה, דער הינקענדיגער, א למדן און א ירא שמים. ר' יהושע פייטעל האט מיט איהם צוערשט געלערנט די דינים פון א סופר, און האט איהם אויך באקאנט מיט דער הנהגה פון זיין רבי'ן ר' פתחיה מאיר'ן, כדי ער, ר' שמעיה, זאל איהם קענען וועגען דער דאזיגער הנהגה דערמאנען, אבער אפילו דאמאלס האט נאך ר' יהושע פייטעל זיך נישט גענומען צו דער מלאכה איידער ער האט גענומען אויף זיך סגופים און געפאסט תעניתים. ער האט געפאסט ניט ווייניגער ווי הונדערט און צוואנציג תעניתים — דריי מאל פערציג — אויסלאזענדיג בלויז שבתים און יום טובים. ער האט אויך כסדר, נאכט איין און נאכט אויס, געפראוועט חצות און איז בכלל ניט ארויס פון בית המדרש. ערשט דאן האט זיך ר' יהושע פייטעל געפיהלט ראוי צוצוטרעטען צו דער הייליגער מלאכה פון א סופר.

ווען דער דאזיגער ר' יהושע פייטעל האט געהערט די מוסר פון ר' חיים שמעון'ען צו דעם צדיק ר' בצלאל'ען אין מרחץ, האט ער דערפיהלט ווי א ציטער געהט איהם אריבער איבער'ן לייב. די מוסר־רייד איז געווען אנגע־מאסטען אויף איהם אליין. איז ער דען אליין ניט געווען געכאפט אין גאוה ? אט האט ער ניט איינמאל זיך געפיהלט שטאלץ מיט זיין מלאכת הקודש. ניט איינמאל האט ער אנגעקוואלען פון די שעהנע תפילין וואס ער האט געמאכט און פון די שעהנע פרשיות און מזוזות וואס ער האט געשריבען. ער האט אפילו הנאה געהאט פון דעם וואס זיין ארויסהעלפער, ר' שמעיה, דער הינ־קענדיגער, פלעגט לויבען זיין ארבייט. היינט וויפיעל מאל האט ער אליין גע־לויבט זיין סחורה פאר די קונים ! דאס אלץ האבען געזאלט זיין סמנים פון גרויסהאלטעריי און פון זעלבסט־באריהמעריי.

האבען דערפאר ר' חיים שמעון'ס רייד אויף דעם תמימות'דיגען סופר געמאכט אזא רושם, אז ער האט יענעם שבת ניט געקענט געפינען קיין מנוחה. באלד נאך שבת איז ער אוועק צו ר' דוד משה'ן, דעם דיין, און האט

איהם דערצעהלט ווי אזוי ער פיהלט זיך ווי א זינדיגער דערפאר וואס ער האלט זיך פאר א בעל גאוה. ער האט דערפאר פארלאנגט פון דעם דיין א תשובה. וואס איז נוגע להבא האט ער געלאזט וויסען, אז ער האט באשלאסען אויפצוגעבען זיין מלאכה און איבערלאזען ר' שמעיה'ן אויף זיין ארט.

ר' יהושע פייטעל האט דערביי אויך אנגעגעבען אז אנדער אורזאך פאר וואס ער וויל ווערען אויס סופר. ער האט געפיהלט ווי זיין ראיה ווערט קאליע און ער האט מורא געהאט, טאמער מאכט ער פעהלערען אין שרייבען ספרי תורה און פרשיות פאר תפילין. דער דיין האט זיך אנטזאגט איהם צו געבען זיין פארלאנגטע תשובה. ער האט איהם פארזיכערט, אז ער האט זיך מיט גאר־ניט פארזינדיגט, אז ער זאל דארפען נעהמען אויף זיך א תשובה. זעהענדיג, אז ער קען מיט דעם דיין גארניט מאכען, האט ר' יהושע פייטעל אליין גענו־מען אויף זיך א תשובה. ער האט זיך אנגעהויבען פייניגען מיט סגופים און תעניתים און האט אויפגעגעבען זיין מלאכה.

האט זיך די מעשה צוטראגען איבער'ן שטאט, אז ר' יהושע פייטעל איז געווארען אויס סופר. האט מען זיך אנגעהויבען נאכפרעגען וואס אזוינס עס האט פאסירט. אבער קיינער האט אויף דעם ניט געקענט געבען קיין גענויע תשובה. די סברות זיינען געווען צעטיילט. עס זיינען געווען אזעלכע וואס הא־בען געזאגט, אז ר' יהושע פייטעל האט געהאט א חלום אין וועלכען זיין אמא־ליגער רבי, ר' פתחיה מאיר, האט זיך צו איהם באוויזען און האט איהם אנ־געזאגט, אז ער זאל מעהר ניט בלייבען ביי דער מלאכה.

האט זיך ראבראמיסל אנגעהויבען טומלען.

אין דאבראמיסל איז געווען א איד מיט'ן נאמען ר' פנחס מרדכי, א למדן און א בעל צדקה. ער האט געזאגט א שיעור גמרא. דערפאר וואס ער איז ניט געווען געבענשט מיט קיין קינדער, האט ער אריינגענומען צו זיך אין הויז זיין ברודער'ס א אינגעל, א יתום. ר' פנחס מרדכי האט געהאט די טבע, אז ווען ער האט עפעס געהערט האט ער תמיד געוואלט וויסען וועגען דעם אלע פרטים. ער האט דאן זיך גענומען די מיה אויסצופארשען יעדען ענין וואס האט איהם אינטערעסירט און געהאלטען פאר וויכטיג.

אט דערפאר, אז ר' פנחס מרדכי האט געהערט די פארשידענע סברות וואס זיינען אין שטאט ארויסגעזאגט געווארען וועגען ר' יהושע פייטעל'ן, האט ער באשלאסען דעם ענין אויסצופארשען. האט ער אויסגעפונען, אז דאס איז דער פועל יוצא פון ר' חיים שמעון'ס רייד צו ר' בצלאל'ען. ער האט מיט דעם גורם געווען, אז ר' יהושע פייטעל זאל זיך פיהלען געמראפען. ר' יוסף האט זיך פון דעם דערוואוסט און זיין צער איז געווען גרויס. ער איז אוועק צו ר' בצלאל'ען און האט ביי איהם געבעטען מחילה פאר דעם וואס זיין אייניקעל'ס מאן האט געהאט די חוצפה צו איהם אזוי צו ריידען.

ר' בצלאל האט ר' יוסף'ן געטרייסט און איהם דערקלעהרט, אז אין דער אמת'ען האט ער גארניט אויף וואס זיך מצער צו זיין, ווייל ר' חיים שמעון האט איהם א טובה געטהאן. בעת ער, ר' בצלאל, האט קיין מאל ניט געהאט בדעה צו צייגען גאוה, האט אבער אימיצער זיינע רייד געקענט אננעהמען פאר גאוה און דורך דעם וואלט ארויס א קלקול.

אין א פאר וואכען ארום האט זיך ר' בצלאל צוריקגעקעהרט אהיים קיין ראסאסנע און אויך ר' יהושע איז אוועק פון דאבראמיסל. דער גאנצער ענין איז ביסלאכווייז פארגעסען געווארען. עס זיינען צוגעקומען נייע ענינים וואס האבען געהאלטען דאבראמיסל פאראינטערעסירט.

דערפאר וואס ר' חיים שמעון פלעגט אזוי שטורמען געגען די בעל־גאווה'ניקעס און האט ניט געקענט פארטראגען קיין מענשען וואס באריה־מען זיך און זוכען כבוד, האט ער געהאט ווייניג פריינט אין דאבראמיסל. אפילו ר' אליעזר ראובן דעם שמיד'ס צוויי עלטערע איידעמס האבען ניט געצייגט קיין התקרבות צו ר' חיים שמעון'ען. דאס איז זיכער געווען צו־ליעב דעם וואס זיי האבען געוואוסט, אז ר' חיים שמעון קוקט אויף זיי פון אויבען ארונטער טאקע דערפאר וואס ער האט זיי געהאלטען פאר מענ־שען וואס ווילען אז מען זאל וויסען וועגען זייער לומדות.

אנדערש זיינען אבער געווען די באציהונגען צווישען דעם שמיד'ס דריטען איידעם, ר' יצחק שאול'ען, און ר' חיים שמעון'ען. דורך ר' יצחק שאול'ען, מיט וועמען ער האט זיך באפריינדעט, האט ר' חיים שמעון זיך אויך באקאנט מיט ברוד'ן, ווען יענער איז געקומען צו ר' יצחק שאול'ס שווער אויף פסח.

ר' חיים שמעון און ר' יצחק שאול זיינען צוגעבונדען געווארען איי־נער צום צווייטען פון דעם ערשטען טאג וואס ר' יצחק שאול איז אנגעקו־מען אין דאבראמיסל. ר' חיים שמעון איז געווען איינער פון די מחותנים אויף ר' יצחק שאול'ס חתונה. ר' יצחק שאול האט דאן, ווי דער שטייגער איז געווען, געזאגט א דרשה וואס האט ארויסגערופען דעם לויב פון אלע לומדים. אויך ר' חיים שמעון האט איהם געלויבט פאר דער דרשה.

— זאלסט אבער גאר ניט זיין קיין בעל גאוה, — האט ער געע'צה'ט דעם חתן, — זיי ניט ווי אלע לומדישע יונגע לייט וואס ווען זיי זאגען נאר א שטיקעל תורה, הויבען זיי זיך אן בלאזען.

ר' יצחק שאול, וועלכער האט שוין געהאט אין זיך איינגעזאפט די תורה פון בעל שם דורך זיין פאטער, ר' ניסן, האט פון אט די רייד, וואס ר' חיים שמעון האט צו איהם געזאגט דערפיהלט, אז ער האט דא פאר זיך א גאר אנדער מין יונגען מאן. ער האט באמערקט ווי די אנדערע לומדים ביים טיש, יונגע אזוי גוט ווי עלטערע, האבען ארונטערגעבויגען די קעפ. ר' חיים שמעון'ס רייד איז זיי ניט געווען געפעלען. זיי האבען געפיהלט ווי ער וואלט געהאט געציעלט געגען זיי. ר' יצחק שאול'ס פאטער וועלכער איז, ווי דער הויפט מחותן, געזעסען ביים חתן, האט געהערט וואס ר' חיים שמעון האט געזאגט, האט זיך צוגעבויגען צו זיין זוהן און געזאגט:

— פון אט דעם יונגען מאן קען מען מאכען א מענש.

דער חסיד אין איהם האט איהם געזאגט, אז אין ר' חיים שמעון'ען רעדט דער אומבאוואוסטזיניגער נאכפאלגער פון דער נייער חסידישער תורה וואס האט זיך אנגעהויבען דאמאלס באפעסטיגען אין דער אידישער וועלט. אט די תורה איז דאך טאקע געווען דער סאמע היפוך פון דעם וואס אט די לומדים, געגען וועמען ר' חיים שמעון האט געהאט אזוי שטארק אויסצוזעצען, האבען מיט זיך פארגעשטעלט.

דערפאר האט ר' יצחק שאול באלד אנגעהויבען זיך פריינדלען מיט ר' חיים שמעון'ען און האט שפעטער אויך צוזאמענגעבראכט ברוך'ן מיט אט דעם מאכער פון וואליקעס. אויף יענעם באזוך אין דאבראמיסל האט ברוך זיך אויך באקאנט מיט אן אנדער יונגען מאן — חיים אליה'ן — דער איידעם פון ר' זלמן פישעל דעם בן יחיד. דער דאזיגער ר' חיים אליה איז געווען גאר פון אן אנדער ליים געקנאטען. אויב ברוך האט זיך מיט איהם אין גאנצען פאראינטערעסירט, איז עס אפשר געווען צוליעב זיין שוועהר, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען געטראגען דעם צונאמען "בן יחיד".

אט דעם צונאמען "בן יחיד", האט ר' זלמן פישעל געקראגען ניט דער־פאר וואס ער איז טאקע געווען א בן יחיד, נאר צוליעב עפעס אנדערש. ער איז ביי זיין פאטער ר' אפרים'ען געווען דער ניינטער. די אלע אנדערע אכט קינדער, זיהן און טעכטער, האבען אלע געלעבט. אויב ר' זלמן פישעל וואלט פארדיענט א צונאמען, וואלט מען איהם גאר געדארפט רופען "דער מוזיניק". אבער פון זיין סאמע יוגענט איז ר' זלמן פישעל געווען א ציטערדיגער, אן איידעלער, וואס האט ניט געוואלט און תמיד "מורא געהאט" זיך צוצוריהרען צו א וועלכער עס איז ארבייט.

זיינע עלטערן האבען איהם שטארק "פארצויגען" און ער אליין האט זיך נאך מעהר פארצויגען. זיינע עלטערן האבען זיך מיט איהם קיינמאל ניט געשאפען ווי מיט אנדערע קינדער צו טהאן עפעס אן ארבייט אין הויז אדער אין גארטען, און ר' זלמן פישעל האט זיך אליין קיין מאל ניט אנגעבאטען, ווי דאס פאסירט אזוי אפט מיט קינדער, עפעס צו טהאן. ער האט קיין מאל ניט געוואלט געהן צום ברונים אדער טייך נאך וואסער און האט קיין מאל ניט געוואלט עפעס אויפהויבען א משא אדער אונטערטראגען א שווערע זאך. ער האט קיין מאל, ווי אנדערע קינדער, געוואלט אונטערטרייבען די ציג אדער די קוה אין פעלד אדער ברייננגען זיי פון פעלד צום הויז. ער האט אויך גאר ניט געוואלט צוליינגען א האנט צו וואס ניט איז. האט מען איהם דער־פאר א נאמען געגעבען "דער בן יחיד", און אט דעם נאמען האט ער מיט זיך געטראגען אלע זיינע יאהרען.

דער נאמען האט איהם טאקע גוט געפאסט, ווייל אפילו אין זיינע שפע־טערדיגע יאהרען האט זיך ר' זלמן פישעל געהאלטען אין פארציהען און האט קיינמאל ניט ארייננעטהאן קיין פינגער אין קאלטען וואסער, אט פונקט ווי ער וואלט געווען דער אייביגער בן יחיד. ער האט קיין מאל ניט געטהאן קיין וועלכע עס איז מלאכה און האט קיין מאל ניט געפיהרט קיין מסחר. ביז דער חתונה איז ער געזעסען ביי זיין טאטענ'ס טיש, און ווען ער האט חתונה געהאט איז ער געזעסען ביי זיין שווער'ס טיש.

זיין שווער איז געווען ר' אברהם דן דער קצב. ר' זלמן פישעל איז ביי איהם געזעסען אויף קעסט ניט ווייניגער ווי צוואנציג יאהר, ביז דער שווער איז נפטר געווארען. אבער אויך דאמאלס האט ר' זלמן פישעל גארניט גע־דארפט און גאר ניט געוואלט טהאן כדי מפרנס צו זיין ווייב און קינדער. די ברויט־געבערין איז דאמאלס געווארען זיין ווייב.

ר' זלמן פישעל איז געווען א שטיקעל יודע ספר, אבער ווי נאר ער האט

געעפּענט א גמרא אזוי האָט ער זיך באלד דערמאָנט, אז ער דאַרף עפּעס טהאָן א קליינינקייט און אנשטאט זיך צו פארטיעפען אין לערנען, איז ער אוועק טהאָן דאס וואס איז נאָר געווען אז אויסרייד ניט צו לערנען. ר' זלמן פישעל האָט תמיד געהאט ביי זיך אין קעשענע א לעקעכעל, א קיכעלע אָדער גאָר א צוקערקעלע און א פּרי. ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער עפּעס ארויס־גענומען פון קעשענע און געקייט. ער האָט כסדר געהאַלטען אין זאָגען, אז ער האָט א "שוואך הארץ" און טאָר עס נישט לאָזען פאר'חלש'ען.

א גרויס שוואכקייט האָט ר' זלמן פישעל געהאט צו דאוונען פאר'ן עמוד. שבתים און יום טובים איז דאָך געווען אָפּגערעדט. ער וואָלט פּשוט אוועקגעגעבען דאס לעבען כדי צו קענען דאוונען פאר'ן עמוד. אָבער אויב ניט קיין שבת'דיגען אָדער יום־טוב'דיגען דאוונען, איז אויך גוט געווען א וואָכעדיגער דאוונען.

און אז ר' זלמן פישעל האָט געדאוונט פאר'ן עמוד, האָט מען אויך געקענט פּיהלען דעם בן יחיד. ער האָט געצאַצקעט און געדרעהט דעם קול אזוי, אז מענשען האָבען דערנאָך געהאט וועגען וואס צו ריידען. ר' זלמן פישעל אליין פלעגט דערנאָך געהן איבער דאבראַמיסל, פון קראָם צו קראָם און פון הויז צו הויז, און זיך נאכפרעגען וואס מען זאָגט וועגען זיין דאוונען. ער האָט זיך ניט באַנוגענט מיט דעם וואס ער האָט געהערט וועגען זיך אין בית המדרש.

ר' זלמן פישעל פלעגט אויך אונטעררוקען א מטבע נאַניע דעם פּאַרשטשיק כדי יענער זאָל פריוואַט אין מרחץ יעדען איינעם א פרעג טהאָן: נו, וואס זאָגט איהר עפּעס וועגען ר' זלמן פישעל'ס דאוונען? עס איז שוין געווען איינמאָל א דאוונען! הלוואי האָבען מיר א סך אזוינע בעלי תפלה...

אין דאבראַמיסל האָט מען שוין געוואוסט, אז ווי נאָר עס קומט דער חודש אב, אזוי וויקעלט ר' זלמן פישעל ארום דעם האלז מיט א האַזען־פּעלכעל, ער זאָל חלילה ניט פאַרקיהלען זיין קול. מיט'ן אנקומען פון חודש אלול פלעגט ער אָנהויבען טרינקען ווייכע אייער מיט האָניג כדי זיין קול זאָל זיין ריין און שטאַרק. ר' זלמן פישעל האָט זיך אָפּגעהיט ניט נאָר ווי א בן יחיד נאָר ווי ער וואָלט געווען דער גאָר גרויסער מנגן אויף וועמעס נגינה די גאַנצע וועלט וואַרט.

האָט מען שוין אין דאבראַמיסל געוואוסט וואס פאר א פאַרשוין דער ר' זלמן פישעל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. אָדער מענשען האָבען געהאט פון איהם צו ריידען אָדער פון איהם צו שפּאַסען.

זיין איידעם, ר' חיים אליה, איז גראָד געווען א וואוילער יונגער מאַן. ער איז געווען פריינטליך צו מענשען בכלל און צו בני תורה בפרט. ער האָט שטענדיג גערעדט מיט גרויס געלאַסענקייט. ער האָט אויך גערעדט קלאָר און קורץ. דערצו האָט ער ליעב געהאט צו זאָגען א גלייכוואָרטעל און צו מאַכען א שפּאַס. ער האָט זיך שטענדיג באַנוצט מיט מאמרי חז"ל און מיט פּסוקים צו באַפּוצען זיינע רייד.

האָבען דערפאַר מענשען איהם שטאַרק גערן געהאט. אויך ר' זלמן פישעל

האט איהם שטארק גערן געהאט. ער האט איהם אפגעהיט טאקע ווי זיך אליין. ר' זלמן פישעל פלעגט אפילו אומגעהן איבער'ן שטאט און האלטען אין לויבען זיין איידעם. מענשען האבען געשפאסט, אז אייגענטליך האט דא ר' זלמן פישעל געפונען אין זיין איידעם זיין גלייכען. דער שווער, דער בן יחיד, האט געצערטעלט און אפגעהיט זיין איידעם ווי ער וואלט אויך געווען א בן יחיד.

מח.

דער קאפריזנער פריץ

ווי ער האט ארויסגעצוואונגען זיין אויטאריטעט אויף זיינע פאראבקעס. — דער פארוואלטער פון זיין גוט און דער אידישער וואליקעס מאכער.

ר' חיים שמעון, וועלכער האט געצויגען זיין פרנסה פון מאכען וואליקעס, האט מיט דער צייט געקראגען גרויס פרסום מיט זיין סחורה, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויסע מעלות. פון נאהענט און פון ווייט איז מען געקומען קויפען דאבראמיסל קיין וואליקעס ביי ר' חיים שמעון'ען.

ר' חיים שמעון'ס וואליקעס האבען אנגעשלאגען ווייט צום דניעפער. ניט נאר פשוטע פויערים האבען זיך נאכגעפרעגט אויף זיין סחורה, נאר אויך פריצים און רעגירונגס בעאמטע. איז דערפאר גאר ניט געווען קיין חידוש, וואס אויך דער פריץ סטעפאן ווערביצקי, וועלכער האט געהאט זיין גוט ביי די ברעגעס פון דעם דניעפער, ארום פינף וויארסט פון ליאדי, האט איינמאל ארויסגעשיקט דעם אויפזעהער פון זיין גוט, יאן בעדניצקי, קיין דאבראמיסל איינצוקויפען וואליקעס ביי ר' חיים שמעון'ען. גראד האט די קניה געזאלט זיין א גרויסע. ווערביצקי האט געהאט אויף זיין גוט הונדערטע פאראבקעס און ער האט געוואלט האבען ניט ווייניגער ווי צוויי הונדערט פאר וואליקעס אויף א מאל.

דער פאקט וואס ווערביצקי איז געווען א פריץ מיט א סך שגעונות, א קאפריזנער און א כעסן, און וואס זיין פארוואלטער בעדניצקי איז געווען א גרויסער צורר היהודים, וועלכער האט קיינמאל ניט געוואלט האבען קיין מגע ומשא מיט אידען, האט געזאלט באווייזען, אז ר' חיים שמעון'ס וואליקעס האבען געקראגען אזא שם, אז אט די צוויי פארשוינען האבען זיך פון זיין סחורה ניט געקענט אפזאגען.

איז טאקע ר' חיים שמעון געווען שטארק צופרידען פון דער גרויסער באשטעלונג אויף וואליקעס וואס דער פריץ ווערביצקי האט ביי איהם געמאכט דורך זיין פארוואלטער בעדניצקי. ר' חיים שמעון האט ניט געהאט פארטיג אזוי פיעל וואליקעס מיט א מאל. ער האט אבער צוגעזאגט בעדניצקי'ן, אז ער וועט די סחורה האבען פארטיג אין גאר א קורצער צייט. דערווייל האט ער בעדניצקי'ן איבערגעגעבען אזוי פיעל וואליקעס ווי ער האט געהאט פארטיג און צוגעזאגט צו ברייגנען די איבעריגע אין הויף אריין אין א באשטימטער צייט.

נאכדעם ווי זיי זיינען דורכגעקומען וועגען דעם מקח און האבען זיך

וועגען אלץ געגוי אָפּגעשריבען, מיט א קאָנטראַקט פאר להבא און מיט א קבלה פאר דעם געלט וואָס ר' חיים שמעון האָט שוין פון בעדניצקי'ן געקראָגען פאר די פארטיגע וואליקעס, וואָס ער האָט איהם איבערגעגעבען, איז דער פּריצישער פּאַרוואַלטער צוריקגעפאָהרען אהיים, און ר' חיים שמעון האָט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט פארטיג צו מאכען די גרויסע צאָהל באַשטעלטע וואליסעס.

ר' חיים שמעון האָט איצט אָנגעשטעלט נייע ארבייטער און מען האָט ביי איהם געארבייט טאָג און נאכט ביז מען האָט פארטיג געמאכט די וואליקעס פאר'ן פּריץ. בעת ר' חיים שמעון האָט זיך שטארק באמיהט, אז די סחורה זאָל זיין די בעסטע וואָס ער האָט ווען ארויסגעגעבען, האָט ער אויך זיך אָנגעשטרענגט אז ער זאָל עס האָבען פארטיג לאנג פאר דער באַשטימטער צייט. וויסענדיג, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט א פּריץ, א שגעון, און מיט א פאַרוואַלטער, א שונא ישראל, האָט ער געוואָלט, אז וואָס איז שייך זיין צד, זאָל מען צו איהם ניט קענען האָבען די מינדעסטע טענה. איז דערפאר ר' חיים שמעון געווען שטארק דערשטוינט וואָס, ברייגגענדיג די סחורה, אָנגעלאָדען אין ספּעציעלע וועגענער, אין ווערביצקי'ס הויף, און מעלדענדיג זיך צום פאַרוואַלטער בעדניצקי, א וואָך פריהער ווי דער באַשטימטער טערמין, האָט איהם דער פאַרוואַלטער אויפגענומען מיט גרויס רוגזה און האָט איהם באלד געלאָזט וויסען, אז ער מעג צוריקפאָהרען מיט זיין סחורה, ווייל דער פּריץ ווערביצקי האָט חרטה געהאט אויף דעם גאנצען מסחר. בעדניצקי האָט זיך אפילו ניט געוואָלט לאָזען ריידען. אז ר' חיים שמעון האָט געוואָלט וויסען וואָס אזוינס עס איז געשעהן, האָט איהם יענער, צוזאמען מיט זיינע וועגענער, פּשוט אַרויסגעטריבען פון הויף. כאָטש ר' חיים שמעון האָט ניט געהאט קיין באגריף, אז הינטער דעם אלעם איז באגאנגען געוואָרען א שווינדעל מצד דעם צורר היהודים'דיגען בעדניצקי, וועלכער האָט דערביי אויך ארויסגערופען דעם צאָרן ביי ווערביצקי'ן סיי געגען ר' חיים שמעון'ען און סיי געגען אלע אידען, האָט ער אָבער געפיהלט, אז עפּעס איז דאָ ניט גלאטיג און אז ער דאַרף דעם ענין גענויער אויספאָרשען. האָט ער אָנגעהויבען פאָדערען פון דעם פאַרוואַלטער, אז ער זאָל איהם נעהמען צום פּריץ אליין.

— מיר געהט דאָ ניט אזוי אין דעם היזק וואָס איך וועל ליידען, — האָט ר' חיים שמעון זיך פּרובירט אויספיהרען מיט'ן פאַרוואַלטער, — עס געהט מיר אין מיין עהרע. איך מוז זיך גענוי פארשטענדיגען מיט'ן פּריץ און אויסגעפינען פארוואָס ער האָט חרטה געהאט אויף דעם אָפּמאַך מיט מיר.

דאָס האָט בעדניצקי'ן ארייגגעבראכט אין א גרימצאָרן. ער האָט אָנגעהויבען גיסען פּעך און שוועבעל אויף ר' חיים שמעון'ען און אלע אידען.

— זאָל זיך דאָ דיין פּוס מעהר ניט געפינען, — האָט ער אָנגעהויבען שטורמען, — דו וואגסט צווייפלען אין מיין וואָרט? איך האָב דיר געזאָגט, אז דער פּריץ וויל מעהר פון דיר ניט וויסען און דו פארלאנגסט מיט איהם זיך וועגען דעם אויסצו'טענה'ן!

ר' חיים שמעון האָט פון דעם וואָס בעדניצקי האָט זיך אזוי אויפגעקאָכט, ערשט זיך אָנגעשטויסען, אז דאָס איז ניט אזוי אן ענין פון פּריץ ווי זיינער א פּערזענליכער ענין און טאקע דערפאר, האָט ער ווידער אמאָל דערקלעהרט,

אז ער מוז זיך זעהן מיט'ן פריץ אליין. בעדניצקי איז געווארען אזוי אויפגע־בראכט, אז ער האט ארונטערגעכאפט א ביקס, וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט, און געוואלט דערשיסען ר' חיים שמעון'ען. די צוויי בעלי עגלה, פון די פוהרען מיט די וואליקעס, האבען בעדניצקי'ן אנגעכאפט ביי דער האנט און ניט דערלאזט אז ער זאל שיסען אויף ר' חיים שמעון'ען.

ר' חיים שמעון האט איצט קיין ברירה ניט געהאט ווי צו פארלאזען דעם הויף, מיטנעהמענדיג מיט זיך זיין סחורה. ער איז אבער נאך ניט צוריקגע־פאהרען אהיים. ער האט זיך אפגעשטעלט אין דעם דערבייאיגען דארף כדי געניער צו באטראכטען וואס אזוינס עס איז דא פארגעקומען און וואס אזוינס ער דארף טהאן כדי, לכל הפחות, זיך רעכטצופארטיגען ביי דעם פריץ, וועלכער האט מסתמא נעקראגען א פאלשען איינדרוק וועגען איהם און זיין סחורה. דערווייל איז איבער'ן דארף צוטראגען געווארען די ידיעה, אז ר' חיים שמעון האט געבראכט וואליקעס פאר די פאראבקעס, אז ער האט זיי געבראכט נאך פריהער ווי ער האט געדארפט, נאר אז דער אכזריות'דיגער בעדניצקי וויל די וואליקעס ניט נעהמען.

דער וועטער איז שוין געווען א קאלטער. א סך פאראבקעס זיינען געלע־גען קראנק פון פארקיהלונגען, טאקע דערפאר, וואס זיי האבען ניט געהאט קיין וואליקעס און קיין ווארעמע בגדים. האבען די פויערים אנגעהויבען מורמלען. פונקט ווי ר' חיים שמעון, האבען זיי ניט געקענט פארשטעהן וואס דא איז פארגעקומען. האט זיך עס אויך דערטראגען אין ווערביצקי'ס שלאס. די דינער פון שלאס האבען וועגען דעם גערעדט און געקוועטשט מיט די פליי־צעס. אויך ווערביצקי'ס פערזענליכער באדינער האט וועגען דעם געהערט און האט ניט געקענט פארשטעהן פאר וואס בעדניצקי האט משלח געווען דעם אידען מיט די וואליקעס. דער פריץ ווערביצקי איז אבער געשלאפען. א גאנצע נאכט האט ער געהאט גע'שכור'ט מיט שכנישע פריצים. אז ווערביצקי איז אויפגעשטאנען, האט יענער איהם דערצעהלט מיט גרויס פארוואונדערונג וואס דער איד ר' חיים שמעון איז צוריקגעשיקט געווארען מיט זיין סחורה.

— קיינער אין הויף, — האט דער אלטער דינער גערעדט ווי צו זיך אליין, — קען ניט פארשטעהן פארוואס בעדניצקי זאל ניט וועלען אננעהמען די וואליקעס ווען מען דארף זיי איצט אזוי שטארק האבען.

— רוף איהם באלד אהער, דעם שווארצען הונט, — האט דער פריץ אויסגערופען, מיינענדיג מיט דעם בעדניצקי'ן ווען ער האט תמיד אזוי גערופען, — רוף אויך אהער דעם אידען מיט זיינע וואליקעס.

דער אלטער דינער האט לאנג ניט געווארט. ער איז באלד געלאפען אויספיהרען זיין האר'ס באפעהל. ער האט געדארפט שיצען זיין אייגענע פעל. ווארום ווערביצקי האט נאך געקענט נעהמען דעם קאנטשיק און איינ־טיילען שמיץ טאקע איהם, זיין אלטען דינער אליין, ווי ער האט עס שוין אזוי פיעל מאל געטהאן אהן א פאר־ווען און אהן א פאר־וואס.

אלע אין הויף האבען גוט געוואוסט די קאפריזען און אכזריות־פון "סטעפאן וויעלמאזשני", ווי ווערביצקי פלעגט זיך אליין רופען. גאר אפט פלעגט ער צוזאמענרופען די פאראבקעס און זייערע הויזגעזינטען פאר זיין שלאס. ער פלעגט זיך דאן אוועקזעצען אויף א שטול אויף א פלאטפארמע,

מיט א צעפּטער אין האנט ווי א הערשער, וועמעס מאכט איז אומבאגרעניצט. האט ער אהן א פאר־וואס אנגעדייט מיט'ן צעפּטער אויף איינעם פון זיינע פאראבקעס, אויף וועמען עס איז געפאלען זיין אויג, און איהם געהייסען איינטיילען פינף אדער צעהן שמיץ. באלד אויפ'ן ארט האט מען יענעם צוגעבונדען צו א באנק און, פאר אלעמען אין די אויגען, איהם איינגעטיילט די שמיץ. בעת דער אומגליקליכער האט זיך געקארטשעט און געשריען פון ווייטאג, האבען אלע פארזאמעלטע געדארפט זינגען א לויב־געזאנג צו דעם אכזריות'דיגען פּריץ. נאך די שמיץ האט דער געשמיסענער געדארפט קריכען אויף אלע פיער צו דער פּלאטפארמע און קושען ווערביצקי'ס שפּיץ שטיוועל. כמעט יעדער איינער פון ווערביצקי'ס פאראבקעס האט שוין געהאט פאר־זוכט דעם טעם פון זיינע שמיץ און דערפאר האט יעדער טאקע פאר איהם געציטערט אימת מות.

סטעפאן ווערביצקי'ס אלטער דינער איז געלאפען צו דעם פארוואלטער בעדניצקי'ן און האט איהם איבערגעגעבען, אז דער פּריץ פאדערט איהם אויף באלד צו קומען און ברייגגען מיט זיך ר' חיים שמעון'ען. האט ניט לאנג געדויערט און בעדניצקי איז געשטאנען פאר'ן פּריץ ווערביצקי. ר' חיים שמעון איז געבליבען פון דער זייט.

ווערביצקי האט זיין פארוואלטער באגעגענט מיט זלזולים, פאדערענדיג ביי איהם אן ערקלעהרונג, פאר וואס ער איז איהם ניט באלד געקומען מעל־דען אז דער איד האט געבראכט די וואליקעס. בעדניצקי האט עפּעס געוואלט אויף דעם ענטפערען, אבער דער פּריץ האט מיט צארן אויסגערופען: "שווייג, דו שווארצער הונט!" און האט זיך געווענדעט צו ר' חיים שמעון'ען און געזאגט:

— פיין פון דיר, דו האסט די וואליקעס פארענדיגט פאר'ן טערמין. דאס געפעלט מיר. סטעפאן וויעלמאזשני האט ליעב מענשען וואס דערפילען זייער צוזאג, מעגען זיי אפילו זיין אידען. איך וועל דיר דערלייגען א גילדען פאר יעדען פאר וואליקעס און וועל ביי דיר באשטעלען נאך צוויי הונדערט פאר.

ר' חיים שמעון, וועלכער האט געהאט אנגענומען פאר אמת בעדניצקי'ס באהויפטונג אז דער פּריץ האט חרטה געהאט אויפ'ן מסחר, איז געווען גע־פּלעפט. ער האט געמיינט, אז דער פּריץ וויל דא בלויז מיט איהם טרייבען שפּאס.

— מען האט מיר געהאט איבערגעגעבען, אז דער האר האט חרטה גע־האט און איך בין שוין געווען גרייט צוריקצופאהרען מיט מיין סחורה אהיים אהן וועלכע עס איז טענות א.יצט הער איך גאר עפּעס אנדערש.

— אבער ווער האט דיר דען געזאגט, — האט דער פּריץ אויסגעשריען.

— אז איך האב חרטה געהאט?

ר' חיים שמעון האט געווארפען א בליק אויף בעדניצקי'ן. יענער איז גע־שטאנען א דערשראקענער. ער האט זיך געטרייסעלט ווי אין קדחת. דער פּריץ האט באלד פארשטאנען אז דאס איז געווען בעדניצקי'ס ארבייט און ער האט זיך אויף איהם א ווארף געטהאן און אנגעהויבען דונערען. פאר וואס ער האט געוואגט צו זאגען אזוינע זאכען אין זיין נאמען און איהם מיט דעם פארשווארצט דעם פּנים און געבראכט אויף איהם גרויס אומ'כבוד.

— דו וועסט פאר דעם טייער באצאהלען, שווארצער הונט! — האט ער אויסגערופען און האט איהם באלד אנגעהויבען שלאגען מיט'ן קאנטשוק איבער'ן קערפער און פנים ביז עס האט פון בערניצקי'ן זיך געגאסען בלוט, — און דיר, — האט דער פריץ זיך געווענדעט צו ר' חיים שמעון'ען, — וואלט אויך געקומט שמיץ פאר דעם וואס דו האסט געגלויבט אויף מיר, אז איך האלט ניט מיין ווארט. אזא זאך וועט ביי מיר קיין מאל ניט געשעהן אפילו ווען דער פרייז וואלט געווען א צו הויכער. אבער איך זעה דאך, אז איך האב דא צו טהאן מיט אן עהרליכען מענשען. דו האסט געבראכט די סחורה פאר דער צייט וועל איך מיט דיר האבען איינזעהעניש און איך וועל מיט דיר האנדלען ווייטער.

דער פריץ האט געהייסען ארויסצוברייינגען די חשבונות ווענגען די וואליקעס און האט דערוויל איינגעווילגט ארויסצוגעהען אין דרויסען אנקוקען די נייע סחורה וואס ר' חיים שמעון האט געבראכט אין די וועגענער. ווי תמיד, ווען סטאפען ווערביצקי האט זיך געצייגט אין דרויסען, האבען פאראבקעס געבלאזען אין טרומייטערס און א גרויס פאראד איז געמאכט געווארען פאר איהם. דער פריץ האט אנגעקוקט ר' חיים שמעון'ס וואליקעס און איז געווען אנטציקט פון זיי. ער האט זיי געהייסען אריינטראגען אין מאגאזין, וואו עס זיינען אויך געווען די פריהערדיגע וואליקעס.

דערוויל האט דער פריץ געהאט א געלעגענהייט צו פארגלייכען די פריהערדיגע וואליקעס מיט די נייע. ר' חיים שמעון איז געווען דערשטוינט.

— דאס איז ניט מיין סחורה, — האט ער אויסגערופען, אנקוקענדיג א פאר וואליקעס וואס האט געזאלט געהערען צו דער ערשטער קניה — אזא פאר וואליקעס איז ווערטה ניט מעהר ווי א העלפט פון דעם פרייז וואס מען האט געצאהלט פאר מיינע וואליקעס.

בערניצקי איז געפאלען אין חלשות. דער פריץ האט איהם געהייסען אריינטראגען אין הויז און האלטען א שטרענגע וואך איבער איהם. עס האט זיך אנגעהויבען ארויסווייזען, אז עפעס איז דא פארגעקומען. דער פריץ האט געוואלט וויסען דעם פולען אמת.

ער האט געהייסען צו זיך ברייינגען די צוויי פויערים, וואס זיינען געפאהרען מיט בערניצקי'ן קיין דאבראמיסל צו ר' חיים שמעון'ען איינקויפען ביי איהם די ערשטע וואליקעס.

— אויב איהר וועט זאגען דעם אמת וועט איהר מיט גארניט באשטראפט ווערען. יעדער פון אייך וועט קריגען א גוטען טרונק בראנפען און א לאבען ברויט. אויב, אבער, איהר וועט זאגען ליגען דאן וועט מען אייך ארונטערהאקען די קעפ — האט זיי דער פריץ געווארענט.

מיט ציטערדיגע שטימען האבען די פויערים דערצעהלט וואס עס האט פאסירט: די וואליקעס וואס זיי האבען געקויפט ביי ר' חיים שמעון'ען אין דאבראמיסל, האט בערניצקי דערנאך פארקויפט פאר א גוטען פרייז און די סחורה וואס ער האט געבראכט אין הויף אריין האט ער געקויפט ערגעץ אנדערשוואו פאר ביליג. דעם פריץ האט ער אבער גערעכענט א פיעל העכערען פרייז ווי ער האט לכתחילה געהאט געצאהלט צו ר' חיים שמעון'ען. אין אנדערע ווערטער, ער האט געמאכט א ריוח פון צוויי זייטען.

ר' חיים שמעון איז צוריקגעפאָהרען אהיים מיט א באשטעלונג פאר נאָך צוויי הונדערט וואליקעס און אין דריי וואָכען ארום איז ער מיט די נייע וואליקעס צוריקגעוועזן אין ווערביצקי'ס הויף. אויף זיין צווייטען באזוך אין דעם פּריצישען הויף, האָט שוין ר' חיים שמעון דאָרט געפונען אן אנדער פארוואלטער, דעם איד ר' אהרן יוסף פון ליאדי. וועגען בעדניצקי'ן, דעם פריהערדיגען פארוואלטער, האָט ר' חיים שמעון געהערט, אז ער האָט אריינגעקראָגען פינף און צוואנציג שמיץ און אז זיין לייב איז אזוי צעקיילט און צעביילט געוואָרען, אז ער ליגט נאָך קראַנק.

פון ר' אהרן יוסף'ן האָט זיך ר' חיים שמעון דערוואוסט, אז אלע צרות פאר אידען אויף ווערביצקי'ס גיטער, האָבען זיך גענומען פון דעם צורר בעדניצקי'ן. פאר א לאנגע צייט האָבען אידען אין די שטעטלעך ביי ווערביצקי'ס גיטער געהאט פּרנסה בהרחבה.

דאָס האָט אָנגעהאלטען כל זמן דער אלטער פּריץ האָט געלעבט. דאן איז געקומען דער נייער פּריץ, וועלכער איז ארונטערגעפאלען אונטער דעם איינפלוס פון דעם שונא ישראל בעדניצקי, און אידען זיינען דאָרט מעהר ניט צונעלאָזט געוואָרען.

בעדניצקי וואָלט ווייטער געבליבען דער מושל פון ווערביצקי'ס גיטער. האָט זיך אָבער, טאקע דורך ר' חיים שמעון'ען, ארויסגעוויזען זיין פאלשקייט און אזוי ארום איז ער באזייטיגט געוואָרען. מיט א קורצער צייט צוריק איז ווערביצקי אליין, באגלייט פון באוואפענטע שומרים, ארונטערגעקומען קיין ליאדי און איז אוועק אין קהל שטיבעל וואו ער האָט פאָרגעלייענט א פּאפּיר, אָנזאָגענדיג די אידען, אז דער "שווארצער הונט" יאן בעדניצקי האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין א שווינדלער און אויך, אין משך פון גאנצע דריי יאָהר האָט ער געהאלטען אין אויסטראכטען בלבולים אויף אידען, וואָס צוליעב דעם האָט ער, ווערביצקי, דערווייטערט פון זיך אלע אידען. איצט אָבער וויים ער, דער גנעדיגער פּריץ, אז דער "שווארצער הונט" איז א שווינדלער און אזוי ווי ער האָט אויך זיך איבערצייגט, דורך איינעם פון די דאבראמיסלער אידען, אז אידען זיינען עהרליכע מענשען, בעט ער דערפאר ביי זיי מחילה און לאדט זיי איין אויף זיינע גיטער. ער האָט דאן געבעטען אהרן יוסף'ן וועלכער איז געוועזן דער פארוואלטער פון די ווערביצקי־גיטער פריהער, אז ער זאָל זיך צוריקקעהרען אויף זיין פּאָסטען.

פון ר' אהרן יוסף'ן האָט זיך ר' חיים שמעון אויך דערוואוסט, אז ווערביצקי'ס פאטער איז געוועזן א גרויסער אוהב ישראל און אז אידען האָבען געהאט גרויסע טובות פון איהם. דער יונגער פּריץ האָט אָבער דורך בעדניצקי'ן זיך באקאנט מיט א שונא ישראל, וועלכע האָבען כסדר געהאלטען אין העצען אויף אידען. איצט האָט זיך אלץ געהאט געענדערט צום גוטען.

ווען ר' חיים שמעון האָט זיך אין הויף געמעלדעט מיט זיינע וואליקעס, האָט ווערביצקי געהייסען זיין אידישען פארוואלטער זיך מיט איהם אָפּרעכענען און באצאָהלען איהם וואָס עס האָט איהם געקומט. דערנאָך האָט ער אהרן יוסף'ן געהייסען ברענגען ר' חיים שמעון'ען צו זיך אין שלאָס צו האָבען דאָרט א פּארעווען מאָלצייט וואָס דער פּריץ, מיט א וואונש צו שוינען די

רעליגיעזע געפיהלען פון די צוויי אידען, האט געהייסען דאס צונגרייטען איין ר' אהרן יוסף'ס הויז.

זיצענדיג ביים טיש האט ווערביצקי דערוויל דערצעהלט וואס ער האט געדענקט פון זיין טאטען אין שייכות מיט די אידען פון ליאדי, נאכדעם ווי א גרויסער טייל פון שטאט איז אוועק מיט'ן רויך. דער פריץ האט געהאט אויפגענומען דעם רב פון די ראשי הקהל פון ליאדי, וועלכע האבען איהם דערצעהלט וועגען די גויטען פון די נשרפים. דער פריץ האט דאן געהייסען שיקען פון זיינע וועלדער האלץ צוריקצובויען דעם פארברענטען בית המדרש און א גרויסע צאהל הייזער פון די ארימע אידען. דער יונגער פריץ האט איצט גערעדט מיט גרוים שטאלץ וועגען זיין פאטער'ס פריינטשאפט צו אידען און האט אויסגעדריקט צופרידענהייט מיט זיין אייגענער דערנעהענטערונג צו אידען.

ר' חיים שמעון איז געווען אין זיבעטען הימעל. ער האט עס אלץ גורם געווען.

מט.

א אידיש הארץ

די פריינטשאפט פון א תלמיד־חכם צו אן עם הארץ. — דער וואונש פון א טאטען איינצושאפען זיך א לומדישען איידים.

עס איז ניט געווען לייכט פאר ר' אליעזר ראובן'ען, דעם דאבראמיסלער שמיד, מסכים צו זיין, אז זיין דריטער איידעם, ר' יצחק שאול, זאל ווערען זיין ארויסהעלפער אין דער קוזניע. ער האט זיך געהאט געקוואפעט אויף ר' יצחק שאול'ס לומדות און געהאפט אז, פונקט ווי זיינע ערשטע צוויי איידעמס, וועלכע זיינען געווארען ראשי ישיבה, וועט אויך ער ווערען א לייט.

ר' אליעזר ראובן אליין האט גראד ניט געקוקט אזוי שפל אויף מלאכה און בעלי מלאכה. ער האט אבער געהאט אזא ליבע צו תלמידי חכמים, אז ער האט זיך שטארק באמיהט חתונה צו מאכען אלע זיינע דריי טעכטער מיט לומדישע יונגעלייט. ער האט זיך אויף זיי געלאזט א סך קאסטען. ער האט זיי אויסגעהאלטען מיט אלע זייערע הצטרכות'ן. זיין שטאלץ און פארגעניגען איז געווען וואס זיי זיינען געזעסען און געלערנט. זיינע עלטערע צוויי איידעמס זיינען שוין מעהר ניט געווען ביי איהם. זיין נחת איז איצט געווען זיין דריטער איידעם, וועלכער איז געזעסען ביי איהם אויף קעסט.

האט ר' אליעזר ראובן זיך געפיהלט פריקרע. אויב אן איידעם א בעל מלאכה, וואס האט ער זיך אזוי שטארק געדארפט באמיהען? ער האט עט־ליכע מאל וועגען דעם איבערגערעדט מיט זיין ווייב, דבורה, און מיט זיין טאכטער, ר' יצחק שאול'ס ווייב, פעשע. דבורה האט גראד געקוקט אויף דעם ענין ניכטער.

— האסטו אליין דען ניט באוויזען אז מען קען זיין א בעל מלאכה און דאך זיין אן עהרליכער איד?

פון דעסטוועגען האט זיך ר' אליעזר ראובן נאך אלץ גע'ישוב'ט ביז

ער האָט זיך ענדליך איבערגעצייגט, אז זיין דריטער איידעם איז בכלל אנדערש פון אנדערע לומדישע יונגעליט, בפרט פון זיינע עלטערע צוויי איידעמס. דאָס האָט ער געזעהן פון דעם אופן ווי ער האָט באהאנדעלט זיין שכן, דעם עם הארצות׳דיגען זבולון בנימינ׳ען, אָט דעם מגושם׳דיגען דאָרפס־מענש וואָס האָט כל ימיו פארבראכט אין די דערפער צווישען גוים און האָט געצויגען זיין חיונה פון דעם, וואָס ער האָט געהיילט קראנקע בהמות און געשונדען די פעלען פון פגירות. בלויז אליעזר ראובן האָט איהם מקרב געווען. אלע אנדערע אין דאבראמיסל האָבען געקוקט אויף איהם פון אויבען־ארונטער, ניט נאָר צוליעב זיין מקור פון פרנסה נאָר אויך, און דערהויפט, צוליעב זיין עם הארצות. אפילו דעם שמיד׳ס ערשטע צוויי איידעמס פלעגען פון זבולון בנימינ׳ען טרייבען שפּאס און אָפּט ריידען פון איהם מיט בטול. דער שמיד האָט געהאט אָנגענומען ווי דאָס וואָלט געווען א גערעכטע זאך. איז דאָך זיין שכן פאָרט געווען אזא שפל׳ער פארשוין. ער האָט דערפאר דאָס גאָרניט געהאלטען פאר קיין אומגוט מצד זיינע לומדישע איידעמס. פאר־קעהרט, ער האָט עס גאָר אָנגענומען פאר א באוויז, אז די מערכה פון אז עם הארץ דארף גאָרניט זיין קיין בעסערע.

אנדערש איז אָבער געווען די באציהונג פון ר׳ יצחק שאול׳ען צו דעם נבלה־שינדער. צו דעם שמיד׳ס איבערראשונג האָט זיין איידעם, זבולון בנימינ׳ען באהאנדעלט מיט גרויס דרך ארץ. בעת זבולון בנימין פלעגט ממש ניט וואגען צוצוגעהן נאָהענט צו דעם לומדישען יונגענמאן, בפרט ווען יענער איז געזעסען און געלערנט, האָט אָבער ר׳ יצחק שאול, ווי זיין שווער האָט אָפּט באמערקט, תמיד אוועקגעלייגט די גמרא אָן א זייט, און ווען נאָר זבולון בנימין האָט זיך באוויזען, איהם געבעטען זיך זעצען און מיט איהם פאר־פיהרט א שמועס, נאָכפרעגענדיג זיך וועגען אלץ וואָס האָט איהם געדריקט אויף דער נשמה און וועגען אלץ וואָס האָט געהאט א שייכות מיט איהם און זיין משפחה.

פון אָנפאנג האָט זבולון בנימין, קענטיג, עס גאָרניט געקענט באנעהמען. אָבער אז ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם יונגען למדן, איז ער געוואָרען ביי זיך געשטארקט. ר׳ יצחק שאול האָט ניט נאָר געטרייסט דעם דאָזיגען פּראָסטען אידען, נאָר האָט איהם אויך געגעבען עצות וועגען זיך און זיין משפחה. וואָס עס האָט זבולון בנימינ׳ען שטארק באקימערט איז געווען וועגען זיינע קינדער. קודם כל האָט ער געהאט א בת יחידה, דינה. זי איז שוין געווען נאָהענט צו אכצעהן, און זבולון בנימין האָט געטראכט וועגען א שידוך פאר איהר. דאן האָט ער געהאט קלענערע קינדער אייגענע און יתומים. — די קינדער פון א שוואָגער, וועלכע ער האָט אין זיין גוט־הארציגקייט אריינ־גענומען צו זיך אין הויז און זיי דערצויגען ווי אייגענע קינדער.

זבולון בנימין האָט גראד געוואָלט, אז סיי זיינע אייגענע קינדער און סיי די יתומים זאָלען ניט אויסוואקסען קיין עם הארצים ווי ער. האָט ער זיי געשיקט צו די בעסטע מלמדים. די קינדער האָבען שוין געהאלטען אין אונ־טערוואקסען. זבולון בנימין האָט גע׳חלום׳ט פון שיקען זיי אין א ישיבה. אָבער ווער זאָל איהם עצה׳ן וועגען אָט די זאכען? אז ער האָט אימיצען אין

שטעטעל וועגען דעם געפרעגט, האט יענער א מאך געטהאן מיט דער האנט און געזאגט מיט ביטול:

— און אז דיינע קינדער וועלען זיין בעלי מלאכות וועט דיר ניט טויגען? גענוג אז דיינע קינדער וועלען קענען עברי!

זבולון בנימין האט געהאט גרויס צער דערפון, און ווי ער האט זיך אין ר' יצחק שאול'ען פארטרויט, האט ער ממש געפיהלט ני' א פארלארענער.

— צו וועמען זאל איך זיך קעהרען און ווענדען, אז אלע שטויסען מיך אפ ווי איך וואלט גארניט געהאט קיין רעכט צו וועלען האבען קינדער בני תורה? — און אין זבולון בנימינ'ס אויגען האבען זיך געשטעלט טרעהרען.

ר' יצחק שאול האט איהם געוויזען סימפאטיע און זיך באלד אנגעבאטען ווערען דער מורה דרך פון זיינע קינדער.

— שיק זיי צו מיר, — האט ער געזאגט, — איך וועל זיי פארהערען און אפילו מיט זיי לערנען. אויב זיי האבען נאר די כשרונות און דעם חשק צו לערנען, וועל איך שוין זיי מדריך זיין אז זיי זאלען קענען גרייכען א ישיבה.

זבולון בנימין האט אויפגעלעבט.

— איהר האט מיך מחיה געווען, — האט ער אויסגערופען, — איך וועל אייך די טובה ניט פארגעסען מיין גאנצען לעבען. און איצט, — האט ער אנ־געהויבען ריידען פארטרויליך, אפוושענדיג א טרעהר פון אויג, — וואלט איך אויך וועלען אייער עצה וועגען מיין טאכטער. זי איז א טייער קינד. אין זי דען שולדיג וואס זי האט א טאטען אז עם הארץ, וואס איז אזוי שפל אין די אויגען פון אלע מענשען? איך וואלט פאר איהר וועלען האבען אז איידעם א בן תורה. איך בין אין דער אמת'ען זיך שטארק מתקנא אז אייער שווער. ער האט זיך גענומען גאנצע דריי לומדישע איידעמס. פארוואס זאל איך אויך ניט קענען קריגען א לומדישען איידעם פאר מיין דינה'לען?

— ווער זאגט דען, אז ניט? — האט ר' יצחק שאול איהם דערמוטיגט, זעהענדיג די תמימות פון אט דעם פשוט'ען אידען.

— איהר זייט דער ערשטער פאר וועמען איך וואג צו זאגען, אז איך וויל א לומדישען יונגען מאן פאר מיין טאכטער. פאר אנדערע האב איך מורא אזוי צו ריידען כדי מען זאל פון מיר ניט לאכען!

זבולון בנימין האט דאן אנטפלעקט פאר ר' יצחק שאול'ן, אז ער האט אפגעשפארט גאנצע הונדערט רענדלעך פאר נדן פאר זיין טאכטער. ער האט אויך גענוג געלט פאר אן אויסשטייער און פאר מלבושים פאר דעם איידעם.

— איך פארזיכער אייך, אז א בן תורה וועט ביי מיר גארניט פעהלען. איך וועל איהם ממש אויף די הענט טראגען. ער וועט קענען זיצען אומגע־שטערט און לערנען. וואו נעהמט מען נאר אזא יונגען מאן?

זבולון בנימין האט עס געזאגט מיט אזוי פיעל בענקעניש און געפיהל, אז ר' יצחק שאול איז פשוט געווען געריהרט.

— איך וועל אייך באזארגען מיט אן איידעם, — האט ער איהם פאר־זיכערט. זבולון בנימין איז אויפגעשפרונגען פון שמחה.

ר' יצחק שאול האט איהם מסביר געווען, אז זיין טאטע, ר' ניסן, איז הארקי, איז א איד וואס האט ליעב צו פאר'שדכנ'ען חשוב'ע יונגעליים. ער

וועט דערפאר באלד צו איהם שרייבען, און איהם בעטען אז ער זאל געפינען א געהעריגען שידוך פאר זבולון בנימינ׳ס טאכטער.

— פארגעסט אבער ניט צו שרייבען אייער פאטער דעם פולען אמת, — האט זבולון בנימין פארלאנגט, — שרייבט איהם ווער איך בין, אז איך בין א שפל׳ער מענש, א גרויסער עם הארץ און צי מיין חיונה פון שינדען נבלות, און היילען קראנקע בהמות. אויך מיין ווייב איז א פראסטע אידענע. איהר טאטע איז א שוסטער. איצט אויף דער עלטער איז ער געווארען דער שמש אין דעם הקדש אין דובראוונע. איהר מעגט אויך שרייבען אייער פאטער, אז ביז נאך מיין חתונה האב איך קיין צורת אות ניט געקענט און האב אפילו ניט געקענט מאכען קיין ברכה. ערשט נאך מיין חתונה האב איך זיך אויסגעלערנט אביסעל עברי און די נויטיגע ברכות וואס א איד דארף קענען. איך קען נאך אלץ ניט דאווענען בצבור, ווייל איך קען פשוט ניט נאכהאלטען דעם שליח צבור. אז מען רופט מיך אויף צו דער תורה קלאפט מיר א צאהן אן א צאהן, ווייל איך האב תמיד מורא, אז ביים מאכען די ברכה זאל זיך מיר ניט פארטשעפען די צונג. איך וויים, אז פון מיין עברי לאכט מען הינטער מיינע פלייצעס. וואס זאל איך טהאן, אז איך בין אזוי געשטראפט? איך האב אבער קיינמאל אין מיין לעבען ניט געזאגט קיין ליגען. איך האב ניט אפגענארט ניט קיין אידען און ניט קיין גוים.

אויף מארגען האט זבולון בנימין געבראכט ר׳ יצחק שאול׳ען הונדערט און צוואנציג רענדלעך וואס ער האט געזאגט וועט זיין אויף נדן און חתונה הוצאות פאר זיין טאכטער.

— איך האב אמאל געהערט, אז א פראסטען מענשען טאר מען ניט גלויבען אויפ׳ן ווארט, — האט ער געזאגט אין תמימות, — זאל דערפאר דאס געלט ליגען ביי אייך.

בעת אויף דעם לומדישען ר׳ יצחק שאול׳ען האט געמאכט א גרויסען רושם די תמימות און די פשטות פון דעם נבלה־שינדער זבולון בנימין, האט אויף זבולון בנימינ׳ען געמאכט נאך א גרעסערען רושם ר׳ יצחק שאול׳ס צוגעלאזטקייט און פריינטליכקייט. יענער האט גערעדט צו איהם ווי צו א גלייכען.

זבולון בנימין האט גוט געוואוסט ווי שפל ער איז אין די אויגען פון אלע דאבראמיסלער אידען. ניט נאר האט מען איהם פארשטויסען צוליעב זיין פארגרעבטקייט, נאר אויך צוליעב זיין פרנסה. זבולון בנימין האט גוט געדענקט ווי דאמאלס, ווען ער האט געוואוינט אין שטעטעל גופא, האט מען איהם שטענדיג גע׳רודפ׳ט פאר זיין עם הארצות. ער האט ניט פארגעסען די צייט ווען ער האט נאך אפילו קיין ברכה אויף דער תורה ניט געקענט מאכען און מען פלעגט איהם רופען צו דער תורה נאר איין מאל א יאהר — שמחת תורה — מיט "כל הנערים". זבולון בנימין איז דאן געשטאנען הינטער דער פלייצע פון אימיצען, וואס האט פאר אט דער דאזיגער עליה, באצאהלט א געהעריגען פרייז, צוזאמען מיט קליינווארג, און האט נאכגעזאגט די ברכות אויף דער תורה.

ער האט אפילו ניט געקענט געהעריג נאכזאגען די ברכות. דאס קליינווארג, וואס איז געווען מיט איהם, האט דערפון שטארק הנאה געהאט. א סך

האבען ארויסגעשאסען מיט א געלעכטער. אפילו צווישען דעם עולם פון דערוואקסענע זיינען געווען א סך לצים וואס האבען געמאכט חוזק פון דעם ווי ער האט "געבראכען די ציינער" נאכצוזאגען די ברכות. זבולון בנימין האט געפיהלט די אפקומעניש פון דעם. ווען ניט פאר דעם וואס ער האט גע־פיהלט אז עס איז דער חוב פון יעדען אידען, כאטש איין מאל א יאהר עולה לתורה צו זיין, וואלט ער זיכער ניט געוואלט דורכגעהן דעם גיהנם צו ווערען אויסגעלאכט פון א גאנצער עדה אידען.

אבער נישט נאר שמחת תורה האט דער עולם געטריבען שפאס פון איהם. אזוי איז עס אויך געווען תמיד ווען ער האט זיך נאר באוויזען אין בית המדרש, אדער אפילו, להבדיל, אין מרחץ. אומעטום האבען זיך שוין גע־פונען "וואוילע יונגען" וואס האבען חוזק געמאכט פון איהם. זבולון בנימין האט געהאט דערפון גרויס צער און טאקע צוליעב דעם האט ער זיך מיט זיין ווייב און קינדער ארויסגעקליבען פון שטעטעל און גענומען א דירה אין שכנות פון דעם שמיד ר' אליעזר ראובן'ען וועלכער איז געווען דער איינ־ציגער אין דאבראמיסל וואס האט איהם מקרב געווען. דארט לעבען דעם שמיד, דערווייטערט פון די איבעריגע אידען, האט זבולון בנימין זיך גע־פיהלט פרייער, כאטש אין דער אמת'ען האט ער זיך נאך אלץ מצער געווען וואס ער קען ניט זיין ווי אלע אידען און דאווענען בצבור און זיצען ביי אידי־שע מסיבות און קיינער זאל פון איהם ניט דארפען לאכען.

אין די שמועסען וואס ער האט געהאט מיט דעם פריינטליכען ר' יצחק שאול'ען, האט זבולון בנימין צום ערשטען מאל אין זיין לעבען, געעפענט פאר איהם זיין הארץ.

— פאר וואס זאלען אידען אין דעם פרט זיין אנדערש פון די גוים להבדיל? — האט ער געפרעגט אין תמימות, — ביי די גוים דארף מען גארניט קענען. מען געהט אין קירך און מען הערט זיך צו צו דעם וואס דער גלח זאגט. מיט דעם איז מען יוצא. ביי אידען מוז מען אבער קענען אליין דאווענען און עס איז גאר ניטא קיין שיעור וויפיעל מען דארף קענען. טאמער איז פאראן אזוינער ווי איך וועמעס קאפ עס באנעהמט ניט די אלע זאכען, האלט מען אין טרייבען פון איהם לצנות!

וועגען דעם האט ר' יצחק שאול געהאט א סך צו זאגען, און דאס האט זבולון בנימינ'ען געטרייסט און געמונטערט. יצחק שאול האט ביי איהם ארויסגערופען די האפענונג אז אויך ער קען זיך נאך דערהויבען צו א העכערער מדרגה.

צום אלעם ערשטען האט איהם דעם שמיד'ס איידעם געגעבען צו פאר־שטעהן, אז אידען זיינען ניט גלייך צו גוים, אז אידען זיינען א פאלק וואס דארפען און מוזען שטעהן אויף א העכערער מדרגה. אויב גוים קענען אפ־קומען בלויז מיט'ן צוהערען זיך צו דעם וואס דער גלח זאגט, האט אבער א איד גרויסע פליכטען צו דערפילען יעדען טאג און כדי די דאזיגע פליכטען צו דערפילען מוז מען א סך קענען און סך וויסען. אבער דאס מיינט ניט, אז אויב אימיצער איז פראסט שטעהט ער אויף א נידעריגערע מדרגה ווי אימי־צער וואס איז א למדן. בכלל, האט איהם ר' יצחק שאול מסביר געווען, איז ניטא זיך וואס צו שעהמען מיט א וועלכע עס איז מלאכה וואס מען טהוט.

אויב מען טהוט זי נאר עהרליך. וואס איז שייך געלערנטקייט, האט איהם דער יונגער למדן געטרייסט, איז עס נאר א פראגע פון מעשים און אין מעשים קען זיך יעדער איד, למדן אדער עם הארץ, אויסצייכענען.

— אלע אידען, — האט ר' יצחק שאול געזאגט, — זיינען גלייך אין אלע ענינים פון קדושה. נאר כהנים האבען געהאט באזונדערע מצוות מקיים צו זיין. אלע אנדערע אידען זיינען דורכאויס גלייך ווען עס קומט צו מקיים זיין די מצוות פון דער תורה.

ר' יצחק שאול האט דערביי געגעבען זבולון בינימינ'ען צו פארשטעהן, אז ווען עס האנדעלט זיך ווענען א מנין אדער א מזומון איז דער צעהנטער אדער דער דריטער וויכטיג צי ער איז אן עם הארץ אדער א למדן. ניין צדיקים קענען ניט זיין קיין מנין און דאווענען בצבור. דער צעהנטער, מעג ער אפילו זיין אן עם הארץ, וועט ער משלים זיין דעם מנין. דאס מיינט פשוט, אז דער "איד" אין דעם אידען איז דער עיקר און ניט די מאס תורה וואס אין דעם אידען.

די דאזיגע רייד האבען פשוט אריינגעגעבען א נייע נשמה אין זבולון בנימינ'ען. ער האט נאך אזעלכע רייד קיין מאל ניט געהערט.

— וואס איך הער! — האט ער אויסגערופען אין גרויס התפעלות. ער האט זיך אנגעהויבען פיהלען ווי א מענש, א גלייכער מיט אלעמען. ער איז געווארען שטאלצער, מונטערער, שטארקער.

דערווייל האט ר' יצחק שאול געהאלטען אין מסביר זיין זבולון בנימינ'ען און טאקע מיט מאמרי חז"ל. ער האט אבער די דאזיגע מאמרי חז"ל, וועלכע זבולון בנימין האט קיין מאל ניט געהערט, אזוי דערקלעהרט, אז אפילו אט דער פראסטער מענש האט זיי פארשטאנען. גלייכצייטיג האט ר' יצחק שאול גערעדט צו איהם אזוי ווי ער וואלט געווען זיין גלייכען און וואלט טאקע גע־קענט משיג זיין א מאמר חז"ל. ר' יצחק שאול האט פאר איהם איבערגעזאגט וואס ר' שמעון בן לקיש זאגט אין חולין, דף צ"ב: "אומה זו כגפן נמשלה: זמורות שבו אילו בעלי בתים, אשכלות שבו אילו תלמידי חכמים, עלין שבו אילו עמי הארץ, והתלמידי חכמים צריכים להתפלל על העמי הארץ שיצליחו בעבודתם, דכמו שהעלים מגינים על הפרות כן עמי הארץ מגינים על תלמידי חכמים", וואס מיינט, אז דאס אידישע פאלק איז געגליכען צו א ווייגשטאק. די צווייגען זיינע, דאס זיינען די בעלי בתים. די בינטלאך ווייגטרויבען, דאס זיינען תלמידי חכמים. די בלעטער זיינען די עמי הארץ. דערפאר דארפען די תלמידי חכמים מתפלל זיין פאר די עמי הארצים אז יענע זאלען מצליח זיין אין זייער ארבייט, ווארום פונקט ווי די בלעטער באשיצען די פירות אזוי באשיצען די פראסטע מענשען די תלמידי חכמים.

ר' יצחק שאול איז געגאנגען נאך ווייטער. ער האט זבולון בנימינ'ן גע־געבען צו פארשטעהן, אז ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער האט אזוי ווייניג געלערנט ביז אהער קען נאך עפעס זיך דערלערנען.

— אט מיט דעם צייכענען זיך אויס אידען פון די ניט־אידען, — האט ער איהם געזאגט, — ביי אידען זיצט מען תמיד און מען לערנט. אין יעדען בית המדרש זאגט מען פארשידענע שיעורים. עס זיינען פאראן שיעורים פאר לומדישע אידען, אבער עס זיינען אויך פאראן שיעורים פאר פראסטע מענ־

שעו. געהט נאר אין בית המדרש יעדען טאג צווישען מנחה און מעריב, הערט זיך צו ווי מען לערנט. נאך א לענגערע צייט וועט זיך זיכער עפעס צו אייך צוקלעפען. ניטא דער איד וואס קען ניט זיך עפעס אויסלערנען אין משך פון דער צייט.

זבולון בנימין איז געווען אזוי באגייסטערט, אז ער האט באלד צוגע־זאגט ר' יצחק שאול'ען אז ער וועט אנהויבען געהן יעדען טאג אין בית המדרש און זיך צוהערען ווי מען לערנט.

— זאל מען פון מיר לאכען, — האט ער געזאגט, — איך וועל מיט דער צייט ווערען גלייך מיט אלעמען. זבולון בנימין האט אנגעהויבען קריגען אמונה אין זיינע אייגענע כחות. ער האט זיך צוגעהערט אין בית המדרש צו אלץ וואס מען האט דארט געלערנט און אפילו גע'שמועסט. אויב ער האט עפעס ניט פארשטאנען איז ער שפעטער געקומען צו ר' יצחק שאול'ן און יענער האט עס איהם מסביר געווען.

דערווייל איז אוועק א שטיקעל צייט און ר' יצחק שאול האט פון זיין פאטער, אין הארקי, געקראגען אן ענטפער אויף דעם בריוו וואס ער האט צו איהם געשיקט וועגען א שידוך פאר זבולון בנימינ'ס טאכטער דינה. ר' ניסן, ר' יצחק שאול'ס פאטער, האט מודיע געווען זיין זוהן, אז אייגענטליך האט ער עטליכע יונגע לייט, אלע בני תורה, פון וועמען אויסצוקלייבען א חתן פאר דינה'ן. ער האט צוגעזאגט נאר אין קורצען צו האבען דעם ריכטיגען זיווג פאר איהר.

נ.

וואו תורה דארט איז חכמה

דער יונגער למדן וואס איז געווארען א שמיד און האט געמאכט א וויכטיגע ערפינדונג. — האט עס גענומען פון דער משנה. — צער בעלי חיים.

גרויס איז געווען די השפעה וואס דעם שמיד'ס אידעם, ר' יצחק שאול, האט געהאט אויף דעם נבלה־שינדער זבולון בנימינ'ען. ניט ווייניגער איז אויך געווען די פעולה וואס זבולון בנימין האט געהאט אויף ר' יצחק שאול'ן. פון זיין פאטער, ר' ניסן, האט ר' יצחק שאול געקראגען צו וויסען, אז עס איז זיין חוב זיך אפצוגעבען מיט דער גייסטיגער דערהויבונג פון אט דעם פארגרעבטען זבולון בנימינ'ען. ר' ניסן, וועלכער האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו געפינען א חתן פאר זבולון בנימינ'ס טאכטער, דינה, האט זיך פון דערוויטען אויך פאראינטערעסירט אין זבולון בנימינ'ען אליין. ער האט דערפאר אין זיין בריוו צו זיין זוהן איהם אנגעזאגט, אז ער זאל בא־טראכטען אט דעם נבלה־שינדער ווי א געפינס, ווייל ער קען דערהויבען ווערען צו א גאנץ הויכער מדרגה, צייענדיג מיט דעם, אז עס איז ניטא דער איד, ווי שפל ער זאל ניט זיין, וואס קען ניט שטייגען און זיך דערהויבען.

ווי א פועל יוצא פון דעם האט ר' יצחק שאול באשלאסען אליין צו צייגען א ביישפיעל פון ליעבע צו מלאכה. ער האט ביי זיך אפגעמאכט צו ווערען א שמיד. נאך א סך איינ'טענה'ן מיט זיין שווער האט ער ביי איהם גע'פועל'ט אז ער זאל איהם ארייננעהמען אין דער קוזניע.

ר' אליעזר ראובן האט אפילו גערארפט מיט זיך א סך ראנגלען איידער ער האט מסכים געווען אז דער איידעם, וועלכען ער האט גענומען פאר זיין לומדות און מיט וועלכען ער האט זיך געזאלט צאצקען, זאל ווערען א פשוט'ער בעל מלאכה. ער האט עס באזונדער ניט געקענט פארדייהען דערפאר וואס ער האט געמיינט, אז דאס וועט זיין א פחיתת הכבוד פאר זיינע אנדערע צוויי איידעמס, די ראשי הישיבה. אבער ער האט איינגעזעהן אז זיין דריטער איידעם איז פון א גאנץ אנדער ליים געקנאטען. ר' אליעזר ראובן האט נאך ווייניג געוואוסט פון דעם, אז דער חסידישער גייסט האט אנגעהויבען קלאפען אין זיין איידעם. עס איז אבער פאר איהם געווען גענוג וואס ער האט זיך ענדליך איבערצייגט אז אזוינער ווי ר' יצחק שאול וועט ניט דער־נידעריגט ווערען מיט דעם וואס ער וועט זיך נעהמען צו מלאכה.

אגב האט זיך באלד ארויסגעוויזען אז ר' יצחק שאול האט מיט זיך גע־בראכט הצלחה אין דער קוזניע. ער האט ערשט זיך געהאט אויסגעלערנט די מלאכה ביי זיין שווער און ער האט באלד אנגעהויבען מחדש צו זיין זאכען וואס האבען ארויסגערופען גרויס באוואונדערונג און זיינען אויך געווארען א קוואל פון מעהר הכנסה. ר' יצחק שאול האט דערפונדען א נייע איינריכ־טונג צו דעם אקער־אייזען. ער האט צוגעגעבען צו דעם אקער־אייזען אזא פלעקעלע וואס האט צוברעקעלט די ערד ביים אקערען. דאס האט פארשפארט א סך ארבייט די פויערים. אלע האבען אנגעהויבען קומען צו ר' אליעזר ראובן'ען אין דער קוזניע, אז מען זאל צוגעבען צו זייערע אקערס ר' יצחק שאול'ס איינריכטונג. זיי זיינען אלע געווען גרייט צו באצאהלען דערפאר.

אויך פון פריצישע הויפען האט מען אנגעהויבען שיקען די אקערס צוצו־געבען צו זיי ר' יצחק שאול'ס ערפינדונג. מען האט פון דארט אויך בא־שטעלט ביי ר' אליעזר ראובן'ען נייע אקערס. אויך קארעטעס האט מען פון די פריצישע הויפען אנגעהויבען שיקען צו ר' אליעזר ראובן'ען אין קוזניע וויל מען האט געוואוסט, אז זיין איידעם איז א גרויסער מייסטער און טויג יך אוים צו אלע ארבייטען.

— איך שטעה שוין ביי דער קאוואדלע פערציג יאהר און האב גארניט געקענט מחדש זיין, און דא קומט א ישיבה בחור און וויזט קונצען! — האט ר' אליעזר ראובן אויסגעדריקט זיין פארוואונדערונג וועגען זיין איידעם.

די שוויגער, דאס הייסט, דעם שמיד'ס ווייב, האט עס דערקלעהרט נאר מיט דעם וואס "וואו תורה דארט איז חכמה".

ר' יצחק שאול אליין האט זיין ערפינדונג צוגעשריבען צו דער תורה.

— איך האב, — האט ער געזאגט, — אליין ווייניג מחדש געווען. איך האב עס נאר גענומען פון משנה. דארט רעדט זיך וועגען כלים וואס זיי־נען מקבל טומאה און כלים וואס זיינען ניט מקבל טומאה, און דארט ווערט דערמאנט וועגען א פלעקעל וואס צעברעקעלט די ערד ביים אקערען. ווען איך האב געזעהן די אקערס וואס די פויערים ברייננען אהער האבען ניט אזעלכע פלעקלאך איז מיר איינגעפאלען אז מען וואלט זיי געדארפט צוגעבען צו די אקערס און אזוי ארום האט מיר די משנה געהאלפען קומען צו אט דעם געדאנק.

בײ ר' יצחק שאול'ן איז מלאכה געווען אז ענין ניט נאר פון פארדיענען

דאס ברויט אויף אן עהרליכען אופן, נאר טאקע אויך צו קענען דורך דעם דערנעהנטערען זיך צו די פשוט'ע פאלקס־מענשען. ער האט נאר געוואלט זיין איינער פון זיי און ווי איינער פון זיי זיי דערהויבען צו א העכערער מדרגה מיט דעם וואס ער האט אין זיי געהאלטען איינפלאנצען מידות טובות און אויך מיט דעם וואס ער האט זיי געלערנט תורה, יעדערען לויט זיין פארשטאנד און השגחה. זיין ליעבע און איבערגעבענהייט צו פראסטע מענשען האט פשוט ניט געהאט קיין שיעור. ער האט זיין ליעבע אויך געציינט צו פיער־פיסיגע באשעפענישען, צו עופות און אפילו צו גראזען און בוימער.

אט די ליעבע צו אלע גאט'ס באשעפענישען און אפילו די צמחים, האט אין איהם איינגעפלאנצט זיין פאטער, ר' ניסן, וועלכער האט איהם פון זיין סאמע יוגענט געלערנט אז מען דארף אויף אלעמען און אלץ רחמנות האבען, אז מען טאר קיינעם ניט מצער זיין אפילו ניט קיין פליגעלע און קיין ווערימעל, אויך נישט קיין גראזען און קיין בלעטער פון בוימער. ווארום אויך גראזען און בלעטער פיהלען וועהטאג און צער.

גראד איז ר' יצחק שאול אין זיין קינדהייט גארניט געווען אזא בעל רחמן. ער איז געווען ניט אנדערש פון א סך אנדערע קינדער. ער האט געווארפען שטיינער אויף עופות און האט געשלאגען ציגען און בהמות און געריסען צווייגען פון בוימער און געפליקט גראזען און פלאנצען. טאקע דערפאר האט איהם זיין טאטע געהאלטען אין מוסר'ן.

ר' יצחק שאול'ן האט זיך אין זיין זכרון באזונדער איינגעקריצט דאס וואס זיין פאטער האט איהם געהאט אנגעלערנט אין שייכות מיט א האן. אט דער האן איז געווען זיין פאטער'ס ליעבלינג. דאס איז געווען דערפאר וואס מיט זיין ערשטען קרעה פלעגט ר' ניסן אויפשטעהן, באלד אפגיסען נעגעל־וואסער און לויפען אין בית המדרש אריין. האט ר' ניסן נאר געוואלט אז דער האן זאל קרעהען וואס העכער און אז זיין קול זאל חלילה ניט מכולה ווערען. האט ער דעם האן שטענדיג צוגעזעהן. ער האט איהם געקארמעט און געגעבען טרינקען און אליין אכטונג געגעבען, אז פארנאכט, זאל ער אריינגעטריבען ווערען אין "קאטוך" אונטער'ן אויווען.

ר' ניסן איז דאן געווען זיכער, אז ער וועט האבען ווער עס זאל איהם אויפוועקען האלבע נאכט און אז ער וועט חלילה קיינמאל ניט פארשלאפען. וואס העכער דעם האן'ס קרעה האט זיך צעטראגען, אלץ צופרידענער איז ר' ניסן געווען און אלץ שטארקער האט ער צוגעזעהן דעם האן. אבער גראד ר' ניסן'ס ליעבע צום האן האט ביי דעם קליינעם יצחק שאול'ען ארויסגערופען א שנאה צו איהם. ער האט ניט געקענט פארטראגען זיין קרעהען און האט בכלל געפיהלט א דערווידער צו אט דער באשעפעניש וואס איז געווען זיין פאטער'ס ליעבלינג. האט ער דערפאר שטענדיג געזוכט א געלעגענהייט זיך צו איזדיעקעווען מיט'ן האן. ווען זיין טאטע איז ניט געווען דערביי און דער האן האט זיך געפונען אויפ'ן געהעפט, האט ער אויף איהם געווארפען שטיינדלאך אדער סתם איהם ארומגעיאגט כדי איהם אויסצומאטערן. יצחק שאול האט אויף אזא עהנליכען אופן אויך געמאטערט אנדערע ברואים.

זיי האבען אין הויז געהאט א הון וואס איז געזעצט געווארען אויף אייער און האט אויסגעבריהט הינדעלאך. האט די הון שפאצירט אויפ'ן געהעפט מיט איהרע הינדעלאך. פלעגט יצחק שאול ווארפען אויף זיי שטיינדלאך און זיי האלטען אין שרעקען און זיי ממש קיין מנוחה ניט געגעבען. ער האט אויך הנאה געהאט אנצורייצען א הונט אויף א קאץ אדער כאפען פליגען, זיי ארייגשליידערען אין שפינוועבס און דאן צוקוקען ווי אזוי די פליגען ראנגלען זיך מיט'ן שפין און ווערען דערנאך פארשלונגען.

נאר איינמאל, גאר ניט באמערקענדיג, אז זיין פאטער קוקט זיך צו ווי ער טהוט אט די אלע זאכען, האט ער פלוצים דערפיהלט ווי א האנט ווערט ארויפגעלייגט אויף זיין פלייצע. ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן זיין פאטער. ר' ניסן איז געווען בייז.

ר' ניסן האט אויף קיינעם ניט געלעגט קיין האנט. ער איז געווען א מלמד און ער האט קיינמאל ניט געשלאגען קיין תלמיד. ער האט די טשופלינע געהאלטען אויפגעהאנגען אויפ'ן וואנט און ווען אימיצער האט זיך מיט וואס ניט איז פארזינדיגט, האט ער איהם נאר אנגעוויזען אויף דער טשופליני און האט איהם אנגעהויבען שטראפען. דאס האט געווירקט. די תלמידים האבען פאר ר' ניסן'ען געהאט מעהר מורא און מעהר דרך ארץ ווי די תלמידים פאר מלמדים וואס האבען געשלאגען מכות רצח.

אז ר' ניסן האט זיין זוהנדעל, יצחק שאול'ען, אריינגענומען אין הויז אריין, האט ער איהם געהייסען נעהמען די מסיכת שבת און אויפמישען דף קב"ה און זאגען הויך אויפ'ן קול די משנה "כופין את הסל לפני האפרחים כדי שיעלו וירדו", אז מען זאל איינבויגען דאס קערבעל פאר די יונגע הינדעלאך כדי זיי זאלען קענען ארויף און אראפ.

— אט זעהסטו, מיין זוהן, — האט ר' ניסן זיך מיט איהם אויסגעפיהרט, — אפילו שבת מעג מען נעהמען א זאך וואס מען וואלט אנדערש נישט געטארט אנריהרען, כדי די יונגע עופות זאלען ניט דארפען זיך מצער זיין ביים ארויף און אראפ וואס איז אין זייער טבע. ווארום צער בעלי חיים איז מין התורה. די גמרא אין ברכות, דף מ' זאגט, אז א מענש טאר זיך ניט זעצען צום טיש איידער ער גיט עסען דער בהמה, וויל אין פסוק שטעהט "ונתתי עשב בשדך לבהמתך" (איך וועל געבען גראז אין פעלד פאר דיין בהמה), און דערנאך שטעהט "ואכלת ושבעת", וואס מיינט, אז דער מענש דארף עסען ערשט נאכדעם ווי ער האט געגעבען עסען דער בהמה. אבער דו, מיין זוהן, ביזט אזא אכזר, אזא רוצח, דו דארשט פשוט נאך בלוט. דיך קימערט ניט דער צער פון אנדערע באשעפענישען.

יצחק שאול האט געמיינט, אז זיין פאטער וועט זיך באנוגענען מיט אט די שארפע שטראף־רייד. ער האט אבער א טעות געמאכט. זיין פאטער האט נאך געהאט צוגעגעבען. ער האט געזאגט:

— ווייסט גאנץ גוט, אז עס איז נישט מיין טבע צו באנוצען די רוט און צו שלאגען אימיצען. אבער פאר דיינע שלעכטע מעשים, פיהל איך מיך געצוואונגען דיך אויסצוציהען אויף דער באנק און איינטיילען שמיץ. דאס וועט ניט זיין דערפאר וואס איך וויל דיך שלאגען, נאר דערפאר וואס איך

וויל, אז דו זאלסט די קלעפ געדענקען; דו זאלסט פארזוכען דעם טעם פון יסורים.

ער האט באפוילען יצחק שאול'ן, אז ער זאל ארונטערנעמען דעם קאנטשיק פון דער וואנט און זאל עם איהם דערלאנגען. ר' ניסן האט דאן געהייסען איהם זיך אויסציהען אויף דער באנק מיט'ן פנים ארונטער. איידער ר' ניסן האט אנגעהויבען איינטיילען די שמיץ האט ער איהם ווידער מודיע געווען, אז ער טהוט עס נאר כדי ער זאל געדענקען די יסורים וואס ער האט גורם געווען די עופות און די אנדערע לעבעדיגע באשעפענישען.

דאס זיינען די ערשטע און לעצטע קלעפ וואס יצחק שאול האט ווען גע־קראגען פון זיין פאטער, און ער האט די קלעפ מקבל באהבה געווען. יעדער שמיץ האט איהם שטארק וועה געטהאן. אבער ער האט קיין פיפס ניט געטהאן. אז ר' ניסן האט אוועקגעלייגט דעם קאנטשיק, איז ער אריין אין א צווייטען חדר און יצחק שאול האט געהערט ווי זיין פאטער האט זיך דארט צעוויינט אויפ'ן קול. יצחק שאול האט געפיהלט, אז דאס וויינט זיין פאטער פון גרויס צער איבער דעם וואס ער האט זיך אזוי שלעכט אויפגעפיהרט און האט איהם געצוואונגען איהם איינצוטיילען שמיץ. דאס האט יצחק שאול'ען וועה גע־טהאן נאך מעהר ווי די שמיץ אליין. ער האט געפיהלט גרויס חרטה און בושה.

א פאר טעג האט יצחק שאול געפיהלט די וועהטאגען פון די שמיץ. אויפ'ן דריטען טאג איז ער צוגעקומען צו זיין פאטער און האט איהם א קוש געטהאן אין האנד און מיט טרעהרען אין די אויגען בייי איהם געבעטען מחילה. ר' ניסן'ס אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרעהרען.

— דו ביזט נאך א יונג קינד. אלע דיינע חטאים פאלען אויף מיר. איז עס נאך ניט אזוי שלעכט. א סך ערגער איז וואס פון דיר קען ארויסוואקסען אן אמת'ער אכזר, א בלוט־דארשטיגע באשעפעניש.

דאס האט אויף דעם יונגען יצחק שאול'ען געמאכט אזא רושם, אז ער האט באלד דערפיהלט אן ענדערונג אין זיין הארצען. עס האט איהם אנגענו־מען א געפיהל פון גרויס רחמנות צו אלע ברואים.

ר' ניסן האט דערווייל אנגעהויבען אויף איהם מעהר משפיע זיין. ער האט מיט איהם אנגעהויבען לערנען, אין צוגאב צו די געוויינליכע למודים, מוסר, וואס האט געזאלט טיפער איינפלאנצען אין זיין הארצען מידות טובות.

ווען ער איז געווארען עלף יאהר אלט, האט איהם זיין פאטער געשיקט קיין מינסק דארט לערנען אין א ישיבה און ער איז אין דער ישיבה פאר־בליבען זיבען יאהר צייט און זיך דארט אויסגעצייכענט מיט זיין גרויסער התמדה. ער האט באקומען דעם נאמען "הארקער מתמיד". ער האט שטארק אפגעהיט וואס זיין פאטער האט איהם אנגעזאגט ניט צו פאר'בטל'ען צייט און אויך צו צוימען דעם נאטירליכען באגעהר צו קוקען אויף זאכען וואס האבען ניט קיין אמת'ען באדייט, אדער זיך צוצוהערען צו די רייד פון זייטיגע מענשען און אליין רידען וועגען אומוויכטיגע ענינים.

ר' ניסן אליין האט אין זיין יוגענט געהאט געלערנט אין מינסק און ער האט דארט געהאט פריינט מיט וועמען ער האט זיך פון צייט צו צייט דורכ־געשריבען. אט די דאזיגע פריינט פון זיין פאטער האבען מקרב געווען יצחק שאול'ען און אכטונג געגעבען אויף זיין הנהגה.

איינער פון זיין פאטער'ס פריינט איז געווען א געוויסער ר' אברהם אבא, א בעקער, אבער א גרויסער למדן. ער האט יצחק שאול'ען געהאלטען אין אויפקלערעהרען אז א תורת וואס איז ניט באזירט אויף יראת שמים, אויף מקיים זיין די מצוות און באזונדער אויף אהבת ישראל, איז ניט קיין ריכטיגע תורה. ר' אברהם אבא האט יצחק שאול'ען אנגעהויבען נעהמען צו די קליינע אסיפות פון א קליינער חברה וואו מען האט גערעדט וועגען די ענינים פון עבודת הבורא. ביי די דאזיגע אסיפות האט יצחק שאול זיך באקאנט מיט א געוויסען ר' משה ניסן, איינער פון די בטלנים אין בית המדרש, אן איינזאמער מענש אבער אן אויסערגעוויינליכער למדן. א חוץ זיין בקיאות אין גמרא האט ער געקענט דעם רמב"ם אויף אויסווייניג. א גאנצע וואך איז ער אפגעקומען מיט ברויט אנן וואסער. מאנטאגס און דאנערשטאגס האט ער אין גאנצען געפאסט.

א חוץ תורה האט זיך ר' משה ניסן אפגעגעבען מיט עבודה. ער האט א סך מאריך געווען אין זיינע תפלות און האט זיך אויך אפגעגעבען מיט מוסר. ער האט ניט נאר אליין געלערנט מוסר, נאר האט עס אויך געלערנט מיט'ן עולם. יצחק שאול איז אויך געווען איינער פון די וואס פלעגען קומען הערען זיין מוסר און דאס האט אויף איהם געהאט א גרויסע השפעה. ניט נאר האט ר' משה ניסן איינגעפלאנצט אין איהם מידות טובות, נאר האט ביי איהם ארויסגערופען א פלאם־פייערדיגע ליעבע צו מענשען.

נאכדעם ווי יצחק שאול האט זיך צוריקגעקעהרט פון מינסק קיין הארקי האט ער וויטער געלערנט ביי ר' עזריאל יוסף'ען, דער דארטיגער שטאט־מגיד וועלכער האט פאר א צייט אויך אנגעפיהרט מיט א ישיבה. ר' עזריאל יוסף איז צוזאמען מיט יצחק שאול'ס פאטער און אנדערע עטליכע מאל געווען ביים בעל שם. אויף אזא אופן האט די נייע תורה פון חסידות דערגרייכט אויך יצחק שאול'ען.

פארשטעהט זיך, אז ווען ר' יצחק שאול איז געווארען דער איידעם פון דעם שמיד ר' אליעזר ראובן אין דאבראמיסל, האט ער זיך געפיהרט אין דעם דרך החסידות, כאטש נאר ווייניג האבען געוואוסט וואס אזוינס אט דער דרך איז. אין גייסט פון אט דער נייער לעהרע פון חסידות האט ר' יצחק שאול באשלאסען צו ווערען א שמיד און האט זיך אנגעהויבען ארומרינגלען מיט פראסטע מענשען, צווישען זיי אויך זבולון בנימינ'ען, וועלכער איז אלע זיינע יאהרען געווען ממש א פארשטויסענער.

גראד האט זיך שפעטער געמאכט, אז דער דאזיגער זבולון בנימין איז געווארען נאר א גרויסער חשוב אין דאבראמיסל. דאס איז געווען צוליעב דעם וואס ער האט באוויזען אז ער קען ראטעווען אידען און ניט־אידען פון א שווערער חולאת וואס האט זיך געהאט פארשפרייט אין דאבראמיסל און אין די דערפער ארום.

די דאזיגע חולאת האט באזונדער געהאט געטראפען קינדער און להבדיל אויך בהמות. א סך פון זיי זיינען געשטארבען. איז געווארען א גרויסע בהלה. קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן, ווי אזוי מען שטעלט אפ די מגפה. זבולון בנימין, וועלכער האט געהאט א לאנג־יאהריגע דערפאהרונג אין

היילען בהמות, האט אויך פארשטאנען אויף מענשליכע חולאת'ן, באזונדער יענע חולאת וועלכע האט געהאט אנגענומען די פארמע פון א מגפה.

זבולון בנימין האט שוין פון לאנג געוואוסט, אז אט די חולאת נעהמט זיך פונ'ם מילך פון קיה און ציגען צוליעב געוויסע גיפטיגע גראזען וואס זיי עסען. ער האט אויך געוואוסט, ווי אזוי ער קען די דאזיגע חולאת אויס־היילען און דער עיקר פארמיידען אז זי זאל זיך ניט פארשפרייטען ווייטער. האט ער באלד זיך גענומען צו דער ארבייט און אליין צוגעגרייט די רפואות פאר די קראנקע קינדער און אויך אנגעזאגט ווי אזוי מען זאל זיך היטען כדי ניט צו פארשפרייטען די חולאת. אין משך פון עטליכע טעג איז די מגפה אין דאבראמיסל אפגעשטעלט געווארען. ער האט די מגפה אויך אפגעשטעלט צווישען די בהמות.

גאנץ דאבראמיסל האט איצט געוואוסט וואס פאר א וואונדער זבולון בנימין האט באוויזען, און דער נבלה־שינדער, מיט וועמען קיינער האט זיך קיינמאל ניט גע'חבר'ט, איז מיט אמאל געוואקסען אין חשיבות. מען האט זיך ארומגעזעהן, אז עפעס איז ער גאר ניט אזוי פשוט ווי מען האט געמיינט און אז דאס וואס אנדערע האבען ניט געקענט אויפטהאן מיט קיין תפלות און אלערליי תחבולות, האט זבולון בנימין באוויזען אויף זיין אייגענעם שטייגער.

נא.

אנערקענונג פאר א פראסטען מענשען

דער כבוד וואס דאבראמיסלער רב האט צוגעטיילט זבלון בנימינ'ען. — ער הערט צום ערשטען מאל ווי מען רופט איהם "רבי". — חסידישע נסתרים.

נאך דעם ווי זבולון בנימין האט אפגעשטעלט די מגפה אויף קינדער און, להבדיל, אויך אויף בהמות, וואס האט געהאט געבושעוועט אין דאבראמיסל, האט דער רב גוזר תענית געווען כדי צו לויבען און דאנקען דעם רבונו של עולם פאר דעם חסד וואס ער האט געטהאן דורך זבולון בנימינ'ען. עס איז דאן געווען ערב ראש חודש אלול און צום יום כפור קטן האט זיך דער גאנצער עולם פארקליבען אין בית המדרש. דער רב האט געזאגט א דרשה וואס האט אויף די צוהערער געמאכט א גרויסען רושם. ער האט געלויבט זבולון בנימינ'ען ווי א שליח פון הימעל צו ראטעווען קינדער. ער האט אויף דעם אנגעוויזען ווי אויף א ביישפיל, אז יעדער איד קען ווערען דער שליח דורך וועמען עס זאל געשיקט ווערען א ישועה פאר'ן כלל־ישראל.

ווי זיין שטייגער, האט דער רב אין זיין דרשה זיך ביטער צעוויינט. ער האט געזאגט, אז די מגפה איז געווען דער פועל יוצא פון זינד, און אויב דער עולם איז זינדיג, איז עס זיין, דעם רב'ס, שולד, ווייל עס שטעהט געשריבען "ואשימם בראשיכם", אז די שולד פאר די חטאים וואס אן עדה באגעהט איז אויפ'ן רב פון שטאט, דערפאר וואס ער האט ניט דערפילט זיין חוב צו מדריך זיין די עדה ווי געהעריג. אין דערזעלביגער צייט האט ער אבער אויך גערעדט מיט פרייד וואס דער אויבערשטער האט דאך געשיקט די ישועה און טאקע דורך אזא פשוט'ען און עם הארצות'דיגען מענשען ווי זבולון בנימין.

דאס וואס דער רב האט אזוי פיעל געליבט זבולון בנימינ'ען האט געמאכט א רושם אויף א סך צוהערער. עס זיינען אבער אויך געווען אזוינע וואס האבען זיך אן זבולון בנימינ'ען צוליעב דעם מתקנא געווען און האבען ערשט איצט אנגעהויבען טרייבען שפאס אויף זיין חשבון. אימיצער האט זיך גע'חכמה'ט, אז איצט דארף זיך נאר זבולון בנימין פארלאזען פאות און מען וועט איהם קרוינען פאר א גוטען־אידען. אן אנדערער האט געזאגט, אז דער רב האט זיך טועה געווען מיט ליבען אזוי שטארק דעם נבלה־שינדער, וויל דעם גאנצען כח וואס ער האט געוויזען אין אפשטעלען די מגפה איז צו איהם געקומען דורך א מכשף, וועלכער זאל איהם האבען אנטפלעקט דעם סוד מיט וועלכע גראזען און קרייטיכער מען קען אפשטעלען אזא חולאת.

אבער ניט קוקענדיג אויף די אלע רייד האבען די מעהרסטע אין דאבראמיסל אנגעהויבען זיך באציהען מיט כבוד צו זבולון בנימינ'ען. יענע האבען זיך אפילו ארומגעקריגט מיט די וואס האבען פון זבולון בנימינ'ען געלאכט און איהם בארעדט. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז דער רב האט גערופען צו זיך די וואס האבען בארעדט און געשפאט פון זבולון בנימינ'ען און זיי מתרה געווען, אז זיי זאלען עס מעהר ניט וואגען צו טהאן, וויל זבולון בנימין שטעהט באמת אויף גאר א הויכער מדרגה.

פארשטעהט זיך, אז דער שמיד ר' אליעזר ראובן און זיין אידעם ר' יצחק שאול, זיינען געווען באזונדער שטארק צופרידען וואס זבולון בנימין איז געווארען אזא חשוב.

פאר דער גאנצער צייט האט זבולון בנימין אליין זיך געפונען אין די ארומיגע דערפער, וואו די מגפה האט נאך אלץ געבושעוועט. נאכדעם ווי ער איז פארטיג געווארען מיט די אידען אין דאבראמיסל און געראטעוועט צעהנדליגער קינדער פון טויט און א סך פון זייערע בהמות, להבדיל, האט ער זיך ארויסגעלאזט איבער די דערפער דארט צו העלפען גוי'שע קינדער און גוי'שע בהמות. ער האט זיך ערשט צוריקגעקעהרט אהיים פרייטאג נאכמיטאג. ער איז שנעל געלאפען אין מרחץ. אריינקומענדיג אין מרחץ, וואו עס איז פול מיט פארע און וואו איינער זעהט קוים דעם צווייטען, האט ער געהערט ווי דער עולם רעדט צווישען זיך וועגען איהם. קיינער האט איהם ניט געהאט באמערקט און דער שמועס וועגען איהם איז דערפאר אנגעגאנגען אומגעשטערט.

פון דעם וואס זבולון בנימין האט געהערט האט ער צום ערשטען מאל אויסגעפונען, אז דער רב האט אין זיין דרשה גערעדט וועגען איהם און איהם שטארק געלויבט. ער האט זיך אויך דערוואוסט, אז טאקע צוליעב דעם לויבען איהם איצט די מעהרסטע תושבים פון שטאט. זבולון בנימין האט זיך דערפיהלט שלעכט. ער האט ניט געקענט פארטראגען די לויב־ווערטער וועגען איהם. ער האט זיך שנעל אנגעטהאן און איז אוועק אהיים. אריינקומענדיג צו דעם שמיד ר' אליעזר ראובן'ען האט ער זיך ביטער פאנאנדערגעוויינט.

— מענשען וועלען מיך איצט שטארק מקנא זיין, — האט ער געכליפעט, — איך האב אמאל געהערט, אז פאר דעם וואס מענשען קריגען כבוד אויף דער וועלט רעכענט מען ארונטער פון זייער חלק עולם הבא. וואלט זיך מיר ניט געוואלט צוליעב דעם פארלירען פון מיינע זכיות אויף יענער

וועלט. וואלט דען ניט געווען קיין פלאן אז איך זאל זיך פון דאנען איינגאנצען ארויסקלייבען און זיך באזעצען ערגעץ־וואו קיינער קען מיך ניט?

דער שמיד האט איהם פרובירט בארוהיגען און טרייסטען, אז ער האט גאר ניט וואס מורא צו האבען. נאך א לאנגען שמועס זיינען זיי בײדע אוועק אין שטעטעל מקבל שבת זיין. אויפ'ן וועג האבען זיי דערווייל בײדע גע־שמועסט וועגען די וואונדער פון בורא עולם, וואס עס זיינען פאראן גראזען וועלכע היילען און גראזען וועלכע ברייגנען, רחמנא לצלן, מחלות.

— דער וואונדער איז נאך גרעסער, — האט זבולון בנימין דא געצייגט זיינע ידיעות אין אזוינע זאכען, — וואס די בהמות אליין ווייסען בחוש אויס־צוקלייבען וואס פאר גראזען זיי זאלען עסען און וואס פאר גראזען ניט אנ־צוריהרען. זעלטען ווען א בהמה ריהרט זיך צו צו א גראז וואס ברייגנט מיט זיך א מחלה. אבער אפילו דאמאלס קען מען די מחלה באהערשען דורך געבען דער בהמה עסען אן אנדער גראז וואס האט דעם כח יענע מחלה צו היילען.

זבולון בנימין האט דערביי אליין פרובירט צונישט מאכען דאס וואס ער האט דורך פארשידענע גראזען און קרייטיכער מנצח געווען די מגפה. ביי איהם איז עס נאר געווען א פועל יוצא פון דעם וואס דער רבונו של עולם האט באצייטענס צוגעגרייט די רפואה פאר דער מכה און ער, זבולון בנימין, האט נאר גורם געווען, אז די רפואה וואס דער אויבערשטער האט צוגעגרייט, זאל אנגעווענדעט ווערען אין דער געהעריגער צייט און מאס. וועגען זיין חלק אין דעם איז גאר ניט געווען וועגען וואס צורײדען.

ווי תמיד איז ר' אליעזר ראובן אויך דאמאלס אנגעקומען אין בית המדרש פון די סאמע ערשטע. אזוי האט ער זיך שוין געפיהרט יאהרען לאנג. ער האט אויך נעהאט א לאנג־יאהריגען מנהג, אז ערב שבת, פלעגט ער אין בית המדרש ברייגנען, איינגעוויקעלט אין א טיכעל, די פרוטות וואס ער און זיין ווייב, האבען א גאנצע וואך געקליבען פאר צדקה. פון דעם ערשטען טאג פון נאך זייער חתונה האבען זיי זיך נוהג געווען, אז יעדען אין דער פריה און יעדען אווענט זאלען זיי בײדען אוועקלייגען צו פרוטות פאר צדקה. ווען דאס ערשטע קינד איז ביי זיי געבוירען געווארען האבען זיי דאס איינענע אויך געטהאן פאר'ן קינד און אזוי פאר יעדעם אנדער קינד וואס איז שפע־טער געבוירען געווארען. זיי האבען אויך נאך יעדען מאלצייט אוועקגעלייגט דעם סכום וואס א מאלצייט דארף באטרעפען פאר אן אורח. די דאזיגע פרוטות פלעגען אין משך פון דער וואך געהאלטען ווערען פון דעם שמיד'ס ווייב. פרייטאג פארנאכט פלעגט ר' אליעזר ראובן ברייגנען דאס געלט אין בית המדרש און, ווען קיינער האט ניט באמערקט, האט ער דאס געלט אריינגע־ווארפען אין דער קהל'שער פושקע כדי עס זאל זיין אמת'ער מתן בסתר.

יענעם ערב שבת האבען ר' אליעזר ראובן און זבולון בנימין, אריינקו־מענדיג אין בית המדרש, געפונען דעם עלף־יאהריגען אייניקעל פון שמש, קעהרענדיג דעם בית המדרש. זיי האבען זיך דערוואוסט אז מיט'ן שמש האט געטראפען א סיבה. ער האט זיך צובראכען א פוס. דאס אייניקעל האט איצט געטהאן די ארבייט אין בית המדרש. ר' אליעזר ראובן און זבולון בנימין האבען באלד איבערגענומען די פליכטען פון דעם שמש צוצוגרייטען אלץ לכבוד שבת. ר' אליעזר ראובן האט דערביי אויך ניט פארגעסען איבער־

צוביטעז דעם וואכעדיגען פרוכת אויף א שבת'דיגען וואס איז געווען זיין עובדה שוין פאר צעהנדליגע יאהרען, ווייל, ווי ער האט אמאל געהערט פון א מקובל, איז עס א סגולה פאר שלום בית און פאר אריכת ימים פון די קינדער.

זבולון בנימין האט אנגעפילט דעם האנט-פאס מיט וואסער און אנגעצונדען ליכט אין עמוד און אין די הייננליכטער. דערווייל האט זיך דער עולם פארקליבען און מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה. זבולון בנימין האט פארנומען זיין געוויינליכען פלאץ הינטער דער בימה. אז מען האט פארענדיגט די תפלות, איז זבולון בנימין נאך אלץ געשטאנען מיט'ן פנים צו דער וואנט. ער האט געהאלטען אין זאגען קאפיטלעך תהילים וואס ר' יצחק שאול האט איהם געהאט אנגעזאגט, אז ער זאל זיי זאגען נאך יעדער תפלה.

— א גוטען שבת, ר' זבולון בנימין, — האט דער נבלה-שינדער פלוצים דערהערט הינטער זיין פלייצע. ער האט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פנים און איז געווען פארגאפט. דער רב פון דאבראמיסל איז געשטאנען לעבען איהם. ער האט געהאלטען אויסגעשטרעקט זיין האנט צו איהם און געזאגט: — שלום עליכם, ר' זבולון בנימין.

זבולון בנימין האט זיך פאנאנדערגעוויינט. דעם ערשטען מאל ווי אזא כבוד איז איהם צוגעטיילט געווארען. צום ערשטען מאל אז ער האט געהערט ווי מען רופט איהם "רב".

— רבי, — האט ער געזאגט וויינענדיג, — וועט מען צוליעב אט דעם כבוד ביי מיר ניט אוועקנעהמען א טייל פון מיין עולם הבא?

— זארגט זיך נישט, — האט דער רב געזאגט שטארק גערירט, — נאר יענע וואס זיינען רודפים אחר הכבוד פארלירען דורך דעם עולם הבא אבער אייך קומט דער כבוד. אייער חלק עולם הבא וועט ניט געמינערט ווערען.

איבער'ן בית המדרש האט זיך צוטראגען די נייעס, אז דער רב איז צוגעקומען צו זבולון בנימין'ען און איהם געזאגט גוט שבת און איהם אויך גערופען "רב" זבולון בנימין. באלד האט וועגען דעם אויך געוואוסט גאנץ דאבראמיסל, די שטאט איז געגאנגען אויף רעדלאך.

זבולון בנימין איז מיט אמאל געווארען א חשוב ביי די דאבראמילער אידען. א סך האבען איהם שוין אפילו אנגעהויבען רופען "רב" זבולון בנימין. האט דאך דער רב אליין איהם אזוי גערופען. זבולון בנימין האט זיך אבער מיט דעם אויף א האר ניט געגרויסט. ער איז געבליבען דער זעלביגער פשוט'ער מענש וואס פריהער. ער האט גאר געהאט צער וואס מען האט איהם אנגעהויבען געבען כבוד. אויב אימיצער האט פון דעם הנאה געהאט איז עס געווען דעם שמיד'ס אידעם, ר' יצחק שאול.

ר' יצחק שאול האט אויך גרויס הנאה געהאט, ווען ער האט געקראגען א ידיעה פון זיין פאטער ר' ניסן פון הארקי, אז ער האט ענליך אויסגעקליבען א חתן פאר זבולון בנימין'ס בת יחידה, דינה. דאס איז געווען א ישיבה בחור מיט'ן נאמען ירמיהו, א יתום. לויט ר' ניסן'ס בריוו האט ער שוין מיט ירמיהו'ן געהאט גערעדט וועגען דעם שידוך. און עס האט נאך געדארפט נעהמען עטליכע חדשים ביז ער וועט קענען ארונטערקומען קיין דאבראמיסל אנקוקען דער כלה און אליין אנגעקוקט ווערען.

ווען ר' יצחק שאול האט מודיע געווען זבולון בנימין'ען וועגען דעם שידוך, איז יענער געווען מלא שמחה. ענדליך האט ער זיך געפיהלט מיט מענשען גלייך. ער האט איצט געקענט דערוואַרטען צו האבען א בן תורה פאר אן איידים.

אין א קורצער צייט ארום האט זבולון בנימין געשיקט א פוהר קיין הארקי צו ברייגנען דעם חתן, ירמיהו. האט ער גאר שטארק אויסגענומען סאי ביי זבולון בנימין'ען און סאי ביי זיין טאכטער. אויך ירמיהו איז גע־ווען צופרידען מיט'ן שידוך. תנאים זיינען באלד געשריבען געווארען און דער טאג פון דער חתונה איז באשטימט געווארען. זבולון בנימין איז געווען אזוי שטארק צופרידען פון דעם שידוך, אז ער האט ירמיהו'ן באלד געגעבען געלט, אז ער זאל זיך קענען אויסהאלטען ביז דער חתונה. נאך דער חתונה, פאר־שטעהט זיך, האט ער מעהר ניט געדארפט זארגען, ווייל זבולון בנימין האט איהם צוגעזאגט פאקטיש אייביגע קעסט.

זבולון בנימין איז אין פאראויס שוין געווען שטאלץ מיט זיין קינפטיגען איידים. ר' יצחק שאול האט איהם פארזיכערט, אז ירמיהו איז אן אמת'ער בן תורה. ער האט ניט נאר אליין גערעדט מיט איהם תורה, נאר האט איהם אויך געהאט גענומען צום דאבראמיסלער רב, אז יענער זאל זיך דערקונדיגען אויף ווי ווייט עס גרייכען זיינע ידיעות אין תורה. קענטיג, אז ר' יצחק שאול האט געוואלט זיין זיכער, אז זבולון בנימין זאל טאקע באמת אריינקריגען א לומד'ישען יונגענמאן פאר אן איידים.

אט די דאזיגע באציהונג פון ר' יצחק שאול'ען צו זבולון בנימין'ען האט געמאכט גרויסען רושם אויף ברוך'ן, וועלכער האט געוואלט זיך טיעפער דערגרונטעווען אין ר' יצחק שאול'ס דרך התורה און דרך העבודה. עס איז פאר איהם שוין געווען קלאהר, אז ר' יצחק שאול געהט אויף א גאנץ אנדער דרך — א דרך וואס איז לחלוטין אנדערש פון דעם דרך, אויף וועלכען עס זיינען נעגאנגען אלע אנדערע.

ברוך אליין האט ביז דאמאלס געהאלטען, אז נאר תורה איז דער עיקר. פון ר' יצחק שאול'ן האט ער געלערנט, אז דער עיקר זיינען מעשים: לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה. אבער פון וואנען האט זיך דאס אלץ גע־נומען? ברוך אליין האט געפיהלט ווי זיין הארץ איז מיט ר' יצחק שאול'ן. אבער ער האט נאך ניט גענוי געוואוסט, אז דאס שטעלט מיט זיך פאר א נייע שיטה — דער דרך החסידות.

פון אנפאנג איז ר' יצחק שאול ניט געווען גענוג רעדעוודיג, אז ער זאל ברוך'ן גלייך דערציילען, אז זיין פאטער, ר' ניסן, געהערט צו דער "כת החסידים", וואס איז נאך דאמאלס געווען אזוי ניי. און אז זיין פאטער האט אויך איהם דערצויגען אין דעם גייסט פון חסידות. אבער וואס נענטער ער איז געווארען מיט ברוך'ן, אלץ אפענהארציגער איז ער מיט איהם געווען און ער האט שוין אנגעהויבען אנטפלעקען פאר איהם וואס ער האט געוואוסט וועגען חסידות און אויך ווי אזוי זיין פאטער איז געקומען דערצו.

ר' ניסן איז געווען א געבארענער פון באברויסק. ווען ער איז געווען א בחור'ל פון א יאהר זעכצעהן איז ער געווען איינער פון די אויסגעצייכענטסטע תלמידים אין ר' שלום צבי'ס ישיבה אין זיין געבורט־שטאט. שפעטער איז

ער אוועק לערנען אין ר׳ יחיאל׳ס ישיבה אין האלוסק און איז דארט פאר־בליבען פיער יאהר צייט, לערנענדיג מיט גרויס התמדה. פון דארט איז ער אוועק קיין מינסק צו לערנען אין דער ישיבה פון דעם פויזנער גאון. אין אט דער ישיבה זיינען אריינגענומען געווארען נאר לומדים מצוינים. שפעטער האט דער ראש הישיבה איהם פאר׳שדכן׳ט מיט דער טאכטער פון א ישוב׳ניק, ניט ווייט פון מינסק.

צוועלף יאהר איז ר׳ ניסן פארבליבען ביי זיין שווער אויף׳ן ישוב, פאר־ברענגענדיג אין תורה און עבודה. זיין פרוי איז דאן קראנק געווארען און געשטארבען. ר׳ ניסן האט זיך צוריקגעקעהרט קיין מינסק, וואו דער ראש הישיבה פון האלוסק, ר׳ יחיאל, האט פארנומען דעם פלאץ פון דעם פויזנער גאון סאי אלס בית דין און סאי אלס ראש מתיבתא. ר׳ יחיאל האט איהם דארט שטארק מקרב געווען.

נאך דאמאלס ווען ר׳ ניסן איז געווען אין מינסק צום ערשטען מאל, האט ער זיך דערוואוסט, אז דארט געפינט זיך א קליינע חברה לומדים וואס זיינען זיך עוסק אין דער קבלה און נאך א סך מיה האט ער זיך דערשלאגען צו אט דער חברה און מען האט איהם דארט אריינגענומען. ר׳ יחיאל איז געווען דער רבי פון דער דאזיגער חברה פון מקובלים. דער תמצית פון ר׳ יחיאל׳ס לעהרע אין קבלה איז געווען דער ענין פון גלגולים. ער האט גע־האלטען, אז די נשמות פון אלע תנאים, אמוראים און גאונים און פון אלע אנדערע קדושים פון אלע צייטען, אנפאנגענדיג ממש פון אדם הראשון׳ען, ניט אויסלאזענדיג די נשמות פון די אבות און אמהות, די נביאים און אלע אנדערע, וואס ווערען דערמאנט אין תנ״ך און אין תלמוד ווי אויך אין "זוהר", ווערען אויף דאס ניי געבארען און אז מיר זעהען זיי אין זייערע גלגולים אין אונזער אייגענעם דור. אויף אזא אופן, האט עס געזאלט הייסען, איז דא א המשך פון די אמאליגע דורות ביז אונזער אייגענער צייט.

די חברים פון דער חברה האבען געגלויבט, אז ר׳ יחיאל האט דאס אלץ געוואוסט דורך רוח הקודש און אז ער האט געהאט גילוי אליהו, און אז טאקע אליהו הנביא האט איהם מגלה געווען דעם סוד וועגען די נשמות פון די אמאליגע קדושים וואס זיינען איצט אין א נייעם גלגול.

דאס האט אויף ר׳ ניסן׳ען, דאמאלס נאך גאר א יונגער בחור, געמאכט א גרויסען רושם. אלע איבעריגע פון דער חברה זיינען געווען באווייבטע, ווייל די חברה האט געהאט א תקנה, אז קיינער זאל ניט אריינגענומען ווערען סיידען ער איז א באווייבטער. ר׳ ניסן איז אבער געווען אן אויסנאם. אויף ר׳ יחיאל׳ס פארלאנג האט מען איהם אריינגענומען אין דער חברה, כאטש ער איז דאמאלס נאך געווען א בחור.

ווען ר׳ ניסן האט חתונה געהאט און האט זיך איבערגעקליבען אויף׳ן ישוב צו זיין שווער, האט ער אויפגעהערט זיך עוסק צו זיין אין קבלה. דאס איז געווען אויף דעם אויסדריקליכען אנזאג פון ר׳ יחיאל׳ען, אז ער זאל ניט לערנען קיין קבלה אהן א רבי׳ן. ווען ער האט זיך מיט צוועלף יאהר שפעטער צוריקגעקעהרט קיין מינסק, האט ער צוריק זיך אנגעשלאסען אין דער חברה פון די מקובלים און האט ווייטער געלערנט אט די געהיימע לעהרע.

די חברה האט זיך פאר די צוועלף יאהר צייט געהאט ווייט פארשפרייט

און האט צונעקראגען א סך חברים. אין א צווי, דריי חדשים ארום האט זיך ר' ניסן דערוואוסט, אז אין דער אויסגעוואקסענער חברה געפינט זיך א חברותא פון אזוינע וואס האבען א נייעם דרך פון עבודת הבורא. קיינער פון אט דער חברה, האט ער געהערט, גיט זיך ניט צופיעל אפ מיט'ן לימוד פון קבלה און אז קיינער נעהמט ניט אויף זיך קיין סגופים און תעניתים. דער עיקר פון דער נייער עבודה איז געווען מקיים צו זיין די מצוות פון דער תורה מיט גרויס שמחה. ר' ניסן האט זיך אויך דערוואוסט, אז די חברים זיינען מאריך אין תפילה און אז איידער זיי שטעלען זיך דאווגען געהען זיי טבילה און אז בכלל זיינען זיי זעהר באשיידען און זיינען זיך מפרנס פון פארשיידענע מלאכות. אפילו די וואס זיינען ניט קיין בעלי מלאכה, האבען פון זיך ארונטערגענומען דעם "אצטלא דרבנן" און זיי טראגען פשוט'ע בגדים ווי בעלי מלאכה. דאס טהוען זיי, האט מען ר' ניסן'ען איבערגעגעבען, כדי זיי זאלען זיך בעסער קענען חבר'ען מיט פראסטע מענשען און אויף אזא אופן זיי מקרב צו זיין צו תורה און מעשים טובים. איינינע פון זיי, האט מען ר' ניסן'ען ווייטער דערציילט, לאזען זיך אפט ארום אפריכטען גלות. געהענדיג צווישען פאלק, פארשטעלט ווי פשוט'ע מענשען, זיינען זיי דערווייל מעורר דעם המון און לערנען איהם ווי צו דינען גאט און אפצוהיטען די תורה.

ר' ניסן האט זיך שטארק פאראינטערעסירט אין אט דער חברה און האט זיך מיט איהרע חברים אנגעהויבען חבר'ען. אין א קורצער צייט ארום איז ער אריינגענומען געווארען ווי איינער פון דער חברותא. ער האט אנגעהויבען לערנען די תורה און די דרכים פון זיינע חברים. אלץ איז געווען בכתב. ערשט, ווען ר' ניסן איז שוין געווען איינער פון דער חברה, האט ער זיך דערוואוסט, אז אייגענטליך איז אט-די חברה אין מינסק ניט די איינציגע פון איהר מין, אז עס זיינען פאראן א סך אזוינע חברות און אז זיי זיינען אלע פארבונדען צווישען זיך. ר' ניסן האט זיך אויך דערוואוסט, צו זיין גרויסען שטוינען, אז דער ראש פון אט די חברות איז א גרויסער צדיק און בעל מופת, ר' אדם בעל שם.

עס איז ניט אוועק קיין האלב יאהר און ר' ניסן איז שוין געווען גענוי באקאנט מיט דער גאנצער תורה — די תורה פון חסידות אין איהר ערשטער פארמע, ווי זי איז געקומען פון ר' אדם בעל שם, פון וועמען ר' ישראל בעל שם טוב האט שפעטער געלערענט דעם דרך החסידות און איז פון איהם געקרוינט געווארען דער פיהרער פון דער נייער שיטה אין אידישקייט.

נב.

אויפ'ן שייד־וועג

דער אנפאנג פון דער חסידישער באוועגונג און ווי זי האט זיך ביסלעכווייז צעוואקסען. — דער לומדישער בעל־מלאכה.

פון ר' יצחק שאול'ן האט ברוך, צום ערשטען מאל, געהערט וועגען ר' אדם בעל שם און דאן אויך וועגען ר' ישראל בעל שם טוב, וועלכער האט שוין אין יענער צייט אנגעפיהרט מיט דער חסידישער באוועגונג. די געשיכטע,

וואס ר׳ יצחק שאול האט איהם דערצעהלט פון זיין טאטען, ר׳ ניסן, איז איינענטליך געווען די געשיכטע פון חסידות ביז יענער צייט. דערצעלט מיט דעם גאנצען פייער פון דעם התלהבות׳דיגען ר׳ יצחק שאול׳ן, וועלכער איז אליין געווען א לעבעדיגער ביישפיעל פון חסידישען לעבען און חסידישען דענקען, האט עס אויף דעם יונגען ברוך׳ן געמאכט א גוואלדיגען רושם.

האט ברוך דערפאר געשלונגען יעדעס ווארט וואס ר׳ יצחק שאול האט איהם דערצעהלט וועגען זיין טאטען׳ס באקאנטשאפט מיט די ערשטע חסידי־שע נסתרים און ווי אזוי זיי האבען פארשפרייט חסידות צווישען די אידישע פאלקס־מאסען.

ר׳ ניסן איז ערשט געווען זעקס חדשים אין דער געהיימער חסידישער חברה אין מינסק און ער האט זיך באקאנט מיט צוויי מערקווירדיגע פערזא־נען פון די אמאליגע חסידים. זיי זיינען געווען ר׳ מרדכי פון דובראוונע און ר׳ יצחק פון מאנאסטירטשינע.ביידע זיינען געווען באוואוסטע רבנים אין זייערע שטעט. זיי זיינען געווען די ממלאי מקום פון זייערע טאטעס. ר׳ מרדכי׳ס פאטער איז געווען דער גאון ר׳ חיים און ר׳ יצחק׳ס פאטער איז געווען דער גאון ר׳ בנימין סגל.

ביידע זיינען געווארען חסידישע נסתרים, וואס האבען געוואנדערט פון שטאט צו שטאט און דארט פארפלאנצט די חסידישע תורה, שאפענדיג אומע־טום קליינע חסידישע חברות וועלכע זיינען געווארען די נעסטען פון וואנען חסידות איז פארשפרייט געווארען. האט ר׳ ניסן זיך אנגעשלאסען אין אט די צוויי נסתרים און האט מיט זיי געוואנדערט איבער שטעט און שטעטלאך.

אויף אזא אופן זיינען זיי אין זייערע וואנדערונגען אנגעקומען קיין הארקי און דארט האבען זיי, נאך א סך מיה, געפונען אן אנהאלט פאר דער נייער חסידישער תורה. ר׳ ניסן האט זיך אפגעשטעלט אין הארקי. ווארר־שיינליך איז עס געווען אויפ׳ן פארלאנג פון די צוויי נסתרים, וועלכע האבען געוואלט, אז ער, ר׳ ניסן, זאל דארט ווערען דער מדריך פון דער חסידישער חברה.

ר׳ ניסן האט דארט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון א חשוב׳ען בעל הבית, און א יאהר נאך דער חתונה איז געבארען געווארען ר׳ יצחק שאול. צעהן יאהר האט ר׳ ניסן אנגעפיהרט זיין חסידישע טהעטיגקייט אין הארקי. חסידישע שלוחים זיינען אפט אהין געקומען און מיטגעבראכט כתבים וועגען די וויטערדיגע אנטוויקלונגען פון דער חסידישער תורה. הארקי איז געווארען א וויכטיגער צענטער פון חסידות. די צאהל חסידים איז גע־וואקסען און זייער השפעה האט זיך שטארק געפיהלט אין דער גאנצער גע־גענד ארום.

בעת ר׳ ניסן האט זיך אפגעגעבען מיט מלמדות, האט ער אבער פון צייט צו צייט פארלאזט הארקי און האט מיט אנדערע חסידישע נסתרים ארומגעוואנדערט. אין משך פון די יאהרען איז די חסידישע הנהגה איבער־געגאנגען פון ר׳ אדם בעל שם צו ר׳ ישראל בעל שם טוב. ר׳ ניסן האט דערנאך אליין געהאט די געלעגענהייט צו באזוכען דעם בעל שם טוב. ער האט אויף אזא אופן דורכגעמאכט די גאנצע אנטוויקלונג פון חסידות, פון דער צייט ווען חסידות האט געזאלט מיט זיך פארשטעלען די לעהרע פון

דעם אומבאקאנטען ר' אדם בעל שם ביז דער צייט פון דעם שוין באקאנטען ר' ישראל בעל שם טוב.

אין זיינע ערשטע יאהרען האט ר' יצחק שאול ווייניג וואס געוואוסט פון חסידות. זיין פאטער האט קענטיג איהם נאך ניט געהאלטען ראוי פאר דער חסידישער לעהרע. ער האט איהם פריהער געוואלט אנשטאפען מיט תורה און אין איהם איינפלאנצען מידות טובות. ער האט איהם געשיקט קיין מינסק דארט לערנען און האט איהם געשטעלט אין פארבינדונג מיט זיינע אלטע פריינט דארט, ווארשיינליך אלע באהאלטענע חסידים.

ר' יצחק שאול האט פון זיי טאקע א סך געלערנט, אבער האט נאך אלץ קוים געוואוסט וועגען דער עצם לעהרע פון חסידות. ערשט ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט קיין הארקי, האט איהם זיין פאטער אנגעהויבען צו באקאנען מיט חסידות און טאקע איהם געלערנט דעם חלוק צווישען דער שיטה פון ר' אדם בעל שם און דער שיטה פון ר' ישראל בעל שם טוב. אין הארקי האט שוין עקזיסטירט א "כת חסידים" און די חסידישע לעהרע איז שוין אפען פארשפרייט געווארען.

ברוך איז געווען פארגאפט. אלץ איז פאר איהם געווען ניי. ר' יצחק שאול אליין איז פאר איהם געווען ניי אין זיין אויפפאסונג פון זאכען און אין זיין באציהונג צו מענשען, דער עיקר צו פשוט'ע פאלקס־מענשען. ברוך האט גראד געהאט א גוטע געלעגענהייט צו זעהן דעם חלוק אין דער באציהונג צו פשוט'ע מענשען מצד ר' יצחק שאול'ן און מצד זיינע צוויי שוואגערס, וועלכע האבען געהערט צו דעם באקאנטען טיפ לומדישע יונגעלייט.

פאר ברוך'ן איז באזונדער געווען אינטערעסאנט דער ויכוח, וואס ער האט צוגעהערט צווישען ר' יצחק שאול'ן און זיין שוואגער, ר' משה לייב. ר' משה לייב האט געהאט דערציילט מיט ניט ווייניג פארוואונדערונג, אז ער האט אין בית המדרש זיך צוגעהערט ווי צוויי אינגלאך לערנען גמרא. האבען די אינגלאך גראד געציינגט, אז זיי פארשטעהען גוט וואס זיי לערנען און אז זיי האבען פיינע כשרונות. איז ר' משה לייב, ווי ער האט אליין דערציילט, געווען פאראינטערעסירט אויסצוגעפינען ווער די דאזיגע וואוילע אינגלאך זיינען.

— ווי דערשטוינט ביז איך געווארען, — האט ער אויסגעפיהרט, — אז מען האט מיר געזאגט, אז איינער איז דעם נבילה־שינדער, זבולון בנימין'ס, אינגעל און דער צווייטער איז ישראל שמואל דעם סטאלער'ס אינגעל. האב איך מיר געטראכט, אז דאס איז אין דער אמת'ן א פאל וואו עס דארף געזאגט ווערען דער מאמר „מי יתן טהור מטמא" אויף וואס די חז"ל האבען געזאגט, אז דאס מיינט אברהם אבינו וועלכער איז געווען דער זון פון תרח'ן. אט האבען מיר דא אויך אזוינע טמאים ווי זבולון בנימין און ישראל שמואל פון וועמען עס קומען ארויס אזוינע פיינע לומדישע קינדער.

ער האט דאס געזאגט מיט א מאדנער קאלטקייט און גלאסענקייט ווי דאס וואלט ביי איהם געווען א גאנץ פשוט'ער ענין. ער האט גאר ניט גע־פיהלט דעם ווידערשפרוך און די ניט אויסגעהאלטענקייט פון זיינע רייד. צום ערשטען מאל האט ברוך דערזעהן ווי ר' יצחק שאול ווערט אויפגעפלאמט. ער איז אריין אין א ביטערען צארן. זיין גאנצער גוף האט אנגעהויבען ציטערען. ער האט מיט אן אויפרעגענדיגען קול אויסגעשריען:

— זינדיג ניט מיט דיינע רייד! זיי ניט מבזה קיין כשר'ע און באמת פיינע אידען. אַט דער ישראל שמואל, דעם סטאָלער, וועמען דו האלטסט פאר אזוי שפל, און אין דער אמת'ן א גרויסער למדן. ער באהאלט זיך מיט זיין לומדות. גאָר ווייניג ווייסען וועגען דעם. איך אליין האָב וועגען דעם אויסגעפונען צופעליג. איך קען אָבער עדות זאָגען, אז ער איז בקי אין דעם גאנצען סדר נזיקין, אין שולחן ערוך און אין אורח חיים. וואָס איז שייך דעם סדר נזיקין קען ער איהם אויף אויסווייניג, ער ווייס יעדען דף און יעדע שורה. קענסטו אימיצען פון די לומדישע יונגעלייט, די וואָס זיצען אויף קעסט ביי זייערע שווערס, אז ער זאָל קענען דעם גאנצען סדר נזיקין אויף אויסווייניג? און ווייסטו אויך, אז אַט דער ישראל שמואל לערנט כסדר אויף אויסווייניג ווען ער שטעהט ביי דער ארבייט? וואָס איז שייך דעם זבולון בנימינ'ן, פאר וועמען דו האָסט ניט קיין אנדער נאמען ווי "דער נבילה־שינדער" און וועגען וועמען דו רעדסט תמיד מיט גרינגשעצונג, דאַרף איך דיר דען זאָגען, אז זיין הנהגה און זיין תמימות זיינען ווי פון אן אמת'ן צדיק?

ר' יצחק שאול האָט נאָך געהאַט א סך צו זאָגען וועגען דעם ווי אזוי זיינע צוויי שוואָגערס קוקען ארונטער מיט בטול אויף פשוט'ע מענשען ווען אין דער אמת'ן האָט עס געזאָלט זיין זייער חוב זיי צו דערהויבען צו א העכערער מדרגה.

דערביי האָט ר' יצחק שאול דערצעהלט ווי אזוי ער האָט אויסגעפונען וועגען ישראל שמואל'ס לומדות. לעבען דאברואמיסל איז געווען א פריץ מיט'ן נאָמען זיגיסמונד קיוועטשיסקי, וועמען עס האָט זיך פארוואָלט האָבען א ספּעציעלען מין שליטען וואָס ער האָט געהאַט געזעהן ביי אן אנדער פריץ, יוזעף שיוועניצקי, וועלכער האָט געהאַט זיין גוט ביי ליובאוויטש. דער דאָזיגער מין שליטען איז געווען געבויט אזוי, אז ער האָט געקענט גענוצט ווערען אין די טיפסטע שנייען. פריצים האָבען אזוינע שליטענס באנוצט ווינטער פאר יאגד אין זייערע וועלדער. זיי זיינען געווען ברייטער און שטארקער געבויט ווי אנדערע שליטענס. האָט זיגיסמונד קיוועטשיסקי געשיקט נאָך דעם שמיד, ר' אליעזר ראובן'ען און זיין איידעם, ר' יצחק־שאול'ן, ווי אויך נאָך דעם סטאָלער ישראל שמואל'ן. ער האָט זיי אין א ספּעציעלער קארעטע געשיקט צו דעם גוט פון יוזעף שיוועניצקי'ן כדי זיי זאָלען דאָרט אָנקוקען יענע שליטענס און זיי נאָכמאכען פאר איהם. דאָס האָבען זיי זיך ענדליך אונטער־נומען צו טהאָן. ר' ישראל שמואל האָט צוגעגרייט די האָלץ־ארבייט פאר די דאָזיגע שליטענס און ר' יצחק שאול און זיין שווער האָבען געטהאָן די אר־ביים וואָס האָט געהערט צו שמידען. האָבען זיי דערווייל פאר וואָכען נאָכ־אנאנד געארבייט צוזאמען. איז ר' יצחק שאול'ן געוואָרען אויפפאלענד וואָס ישראל שמואל האלט אין אונטערזינגען ווען ער שטעהט ביי דער ארבייט. אז ר' יצחק שאול האָט זיך אונטערגעהערט וואָס ער זינגט, האָט ער געהערט ווי ער פרעפּעלט פון זיין מויל מיט תורה. עס האָט געהאלטען אין פליהען פון זיין מויל איין בלאַט גמרא נאָך דער צווייטער.

ער האָט שוין ישראל שמואל'ען מעהר ניט אָפּגעלאָזט און האָט ענדליך אויסגעפונען אז ער איז א גרויסער למדן.

— און וואָלט ער אפילו ניט געווען קיין למדן — האָט ר' יצחק שאול

זיך געוואלט אויספיהרען, — וואלט ער דען ניט געווען קיין עהרליכער איד וואס פארדינט פולען דרך ארץ?

ברוך האט זיך צוגעהערט צו די דאזיגע רייד און האט געפיהלט אז אין ר' יצחק שאול'ען קלאפט א נייער גייסט. אז דאס חסודות וואס ער שטעלט מיט זיך פאר איז באמת א נייער דרך אין עבודת הבורא.

אין ברוד'ס זכרון האט זיך באזונדער איינגעקריצט דאס וואס ער האט איין מאל געהאט צוגעזעהן און צוגעהערט ביי ר' אליעזר ראובן'ען אין הויז. עזרא יהודה, א גערטנער, וואס האט געוואוינט בשכנות מיט'ן שמיד איז ארייגעקומען אין הויז און איבערגעגעבען ידיעות פון שטעטעל. דער שמיד איז געווען פאראינטערעסירט, אבער די עלטערע צוויי איידעמס זיינע האבען באלד ארויסגעוויזען אומצופרידענהייט. עזרא יהודה איז אין זייערע אויגען געווען צו פראסט, אז זיי זאלען זיך וועלען צוהערען צו זיינע רייד, דערהויפט ווען די רייד האבען געהאט צו טהאן מיט קהל'שע ענינים, באזונדער מיט'ן רב.

דער עלטערער איידעם האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט מיט כעס אויסגערופען:

— דולט ניט קיין מח! ווענגען אוגערקעס און רעטעכער האט איהר א גרעסערע ידיעה ווי אין אזוינע ענינים!

עזרא יהודה איז אנטשוויגען געווארען. ער איז געווען אין א פארלעגענהייט. אבער ער איז שנעל געקומען צו זיך און געזאגט:

— אויב מען וואלט מיך געשיקט אין חדר און אין דער ישיבה ווי דאס האבען געטהאן אייערע טאטעס מיט אייך, און אויב איך וואלט געהאט א שוועער ווי אייערער, וואס זאל מיך אויסהאלטען מיט קעסט, וואלט איך אפשר געווען נאך א גרעסערער למדן פון אייך. צום באדויערען בין איך געבליבען א קיילעכדיגער יתום צו ניין יאהר. איך האב גראד געהאט חשק צו לערנען, אבער איך בין געווען געצוואונגען צו פארדינען מיין ברויט. זינט דאמאלס האב איך מיין גאנצען לעבען געארבייט מיט'ן גאל פאר מיין שטיקעל ברויט. פון דעסטוועגען בין איך קלאר אין חומש און קען תהילים אויף אויסווייניג. אבער וואס קענט איהר? — און ער האט געקוקט אויף די עלטערע צוויי איידעמס — וויפיעל איהר האט ניט געלערנט, קענט איהר נאך אלץ צו ווייניג. אגב האב איך אליין געהערט פון רב ווי ער האט געזאגט אין זיינע א דרשה, אז דער עיקר איז ניט לערנען, נאר מעשים.

די צוויי איידעמס זיינען שטארק אין כעס געווארען. זיי האבען עס אנגענומען פאר א חוצפה וואס אט דער פראסטער גערטנער האט געוואגט אזוי צו ריידען צו זיי. זיי וואלטען איהם אודאי שטארק אנגעגריפען, אויב דער שוועער וואלט, למען השלום, עס ניט פארמידען. ער איז מיט דעם גערטנער ארויס פון הויז. אבער ערשט דאן האט זיך דער עלטערער איידעם צעהיצט. סטייטש, ווי האט עס אז עם הארץ געוואגט ריידען מיט גרינגשעצונג ווענגען לומדים? ער האט געהאלטען, אז מען האט איהם געדארפט אנלערנען.

דער צווייטער איידעם, ר' משה ליב, איז מיט איהם געווען מסכים. אבער ר' יצחק שאול האט זיך אנגענומען פאר עזרא יהודה'ן. ער האט בכלל גע־האלטען, אז אזוינער ווי דער גערטנער, וואס קען חומש און תהילים, איז גארניט קיין עם הארץ און אודאי קען אויף איהם ניט חל זיין דער דין בנוגע

דער באציהונג פון אן עם הארץ צו א תלמיד חכם. דערביי האט ר' יצחק שאול אליין געצייגט, אז ער קען זיך אויפקאכען ווען עם קומט צו עפעס וואס ריהרט איהם אן. ברוך האט דא קלאר געזעהן ווי אזוי די צוויי דרכים וואס די איידעמס האבען מיט זיך פארגעשטעלט טיילען זיך פאנאנדער.

נאך גרעסער האט אויף ברוך'ן געמאכט א רושם די פאסירונג אין דאבראמיסלער שוהל שבת הגדול. די דרשה האט דאמאלס געהאלטען ר' שלמה, דער מאן פון דעם רב'ס אייניקעל. נאכדעם ווי דער אלטער רב איז ערב שבת הגדול פלוצים פאראליזירט געווארען, האט ער אויסגעדריקט דעם פארלאנג, אז ר' שלמה זאל דרשה'נען אויף זיין ארט.

ר' שלמה איז געווען דער זוהן פון ר' אברהם בנימין דער וואלבערשטער וועלכער איז פון א קבצן געווארען אן עושר. ר' שלמה איז געווען א גרויסער למדן, אבער קיינער אין שטעטעל האט איהם ניט ליעב געהאט דערפאר וואס ער האט שטענדיג פון זיך געבלאזען און האט גערעדט וועגען זיך מיט גדלות. אפילו ווען ער האט גערעדט וועגען גאר גרויסע תלמידי חכמים, וועגען אזוינע מפרשים ווי רש"י און רבנו תם, האט ער עס געטהאן ווי ער וואלט געווען זייער גלייכען, אויב טאקע ניט נאך גרעסער פון זיי. יענע האבען זיך זייער שיטה, פלעגט ער זאגען מיט גאוה, און איך האב זיך מיין אייגענע שיטה.

פראסטע מענשען, אז זיי האבען דאס געהערט, זיינען אריין אין התפעלות. זיי האבען עס אנגענומען ווי א באווייז, אז ר' שלמה איז א גדול. לומדישע מענשען פלעגען אבער אויפגעקאכט ווערען. זיי האבען אזא האלטונג ניט געקענט פארטראגען. זיינען דערפאר א סך געווען שטארק אומצופרידען וואס ר' שלמה האט געזאלט שבת הגדול האלטען די דרשה, באזונדער דאס וואס ער האט געדארפט פארנעהמען דעם פלאץ פון דעם אלטען רב, וועלכער איז שוין געזעסען איבער זעכציג יאהר אויף דעם כסא הרבנות אין דאבראמיסל. אבער קיינער האט ניט געוואגט זאגען א ווארט, זינט דער אלטער און קראנקער רב האט עס אליין פארלאנגט.

פון דעם סאמע מאמענט, וואס ר' שלמה האט זיך געשטעלט אויף דער בימה, לעבען ארון קודש, האט דער עולם געפיהלט א דערווידער צו איהם. דער אלטער רב, אז ער האט זיך געשטעלט זאגען זיין דרשה, האט תמיד געצייגט גרויס הכנעה. ער פלעגט א קוש טהאן דעם פרוכת און שעפטשען א שטילע תפלה, אז ער זאל מיט גארניט געשטרויכעלט ווערען אין דער דרשה וואס ער דארף האלטען פאר'ן עולם. אז ער האט גערעדט, האט ער עס געטהאן מיט יראה און מיט א געפיהל פון גרוים אחריות.

אנדערש איז געווען די האלטונג פון ר' שלמה'ן. שוין זיין קוק איז געווען פון איינעם וואס באציהט זיך מיט ביטול צום עולם. ער האט געגעבען א באפעהל דעם אלטען שמש, — און מיט א טאן פון גרינגשעצונג — אז ער זאל איהם צוטראגען דעם טלית און זאל אויסרופען, אז בעת ער וועט האלטען זיין דרשה, זאל קיינער ניט וואגען צו געניצען ווי דאס איז אפט דער שטייגער פון עמי הארצים ווען זיי הערען תורה וואס זיי קענען ניט פארשטעהן.

ווען ר' שלמה האט אנגעפאנגען זיין דרשה, וועלכע איז גראד געווען א טיף-לומדישע, האט ער באלד געצייגט זיין גאוה. ער האט זיך פארגליכען מיט די גדולי התורה פון אמאל און האט געוואגט זיך ארויסצושטעלען ווי איינער

וואס האט א רעכט צו האלטען אנדערש ווי זיי. צוויי שעה האט געדויערט זיין דרשה, בעת א סך לומדים האבען געפיהלט די עזות פון ר' שלמה'ן, האבען זיי אבער קיין ווארט ניט געזאגט.

אנדערש איז געווען ר' חיים שמעון, וועלכער האט אנגעהויבען שטורמען און שרייען אויפ'ן קול, אז ר' שלמה איז מזלזל דעם כבוד פון די גדולי התורה. אין בית המדרש איז געווארען א טומעל. אויף ר' שלמה'ס פנים האבען זיך געביטען די קאלירען. ער האט אנגעהויבען שרייען פון דער בימה, אז מען דארף דעם חצוף, ר' חיים שמעון'ען, פשוט מחרים זיין. די בעלי הבתים פון שטעטעל, מיט'ן דיין, ר' משה, אין דער שפיץ, האבען זיך אריינגעמישט און בארוהיגט דעם עולם, ניט דערלאזענדיג, אז עס זאל קומען צו א מחלוקה. אבער דאבראמיסל איז צוליעב דעם געגאנגען אויף רעדלאך.

בעת דעם שמיד'ס צוויי עלטערע איידעמס האבען געהאלטען, אז ר' חיים שמעון האט ארויסגעצייגט עזות מיט זיין האנדלונג, האט אבער ר' יצחק שאול געהאלטען מיט איהם, און האט דערביי דערצעהלט, אז ביי זיי אין הארקי וואלט מען זיך גאנץ אנדערש באצויגען צו אזא בעל גאוה ווי ר' שלמה. מען וואלט איהם דארט פשוט געהאט אריינגענומען אין דער קהל'שער שטיבעל און איהם איינגעטיילט מלקות.

ר' יצחק שאול האט דערביי דערצעהלט ווי אזוי אין הארקי איז אמאל געקומען א יונגער למדן וואס האט געהאט מיט זיך כתבים פון די גאונים אין ווילנע און בריסק. שבת בייטאג איז די גאנצע שטאט געקומען הערען זיין דרשה. אבער זיין דרשה איז אויך געווען אזעלכע ווי ר' שלמה'ס. האט מען איהם אויסגעהערט און אז עס איז געקומען בין השמשות, ווען מען דערקענט ניט קיין פנים'ער, האבען עטליכע לומדישע יונגעלייט א נעהם געטהאן דעם בעל דרשן'ען און איהם אריינגעפיהרט אין א זייטיגען חדר פון בית המדרש און איהם דארט גוט אפגעשמיסען.

דער בעל דרשן האט דעם וויטאג געפיהלט עטליכע טעג. ער איז זיך נעגאנגען באקלאגען צום רב. ער האט אבער ניט געקענט זאגען ווער דאס האט געטהאן און קיינער פון די וואס האבען עס געטהאן, האבען וועגען דעם גע־זאגט א ווארט. דער רב האט דאן דערקלעהרט, אז דאס איז מסתמא געווען מין השמים, ווי א שטראף פאר דעם וואס ער האט מזלזל געווען אין דעם כבוד פון די גדולים פון אמאל.

— אט אזוי וואלט מען איצט געדארפט טהאן מיט ר' שלמה'ן, — האט ר' יצחק שאול אויסגעפיהרט.

נג.

א מערקווירדיגע ישיבה

זי איז באשטאנען בלויז פון צעהן תלמידים פון וועלכע יעדער איז געווען א גאון. — די גלגולים פון א אידישע פאמיליע פון שפאניע וואו מען רייסט זיך איבער אורחים.

א חוץ וואס ברוך האט אויסגעפונען פון ר' יצחק שאול'ן, אז חסידות שטעלט מיט זיך פאר א נייעם דרך פון עבודת הבורא, האט ער זיך אויך

דערקונדיגט, אז חסידות גיט א מענשען כח זיך אליין צו באהערשען. אט האט ברוך זיך צוגעהערט צו די ויכוחים פון די צוויי שוואגערס, ר' יצחק שאול'ן און ר' משה ליב'ן. ביידע האבען זיך שטארק געהיצט. ר' משה ליב איז אפט אריין אין א גרימצארן. דאס איז אויך געווען דער פאל מיט ר' יצחק שאול'ן. ווארום בטבע איז ער געווען א גאר פייערדיגער. אבער פונקט דא־מאלס ווען עס האט געהאלטען, אז ער זאל זיך צעפייערען און ציינגען כעס, האט ער זיך באהערשט און איז געווארען רוהיג און געלאסען.

— מיין טאטע האט מיר איבערגעגעבען אין נאמען פון בעל שם, — האט ר' יצחק שאול דערקלעהרט דעם כח מיט וועלכען ער באהערשט זיך, — אז כעס, אפילו ווען דאס ווערט ארויסגערופען צוליעב יראת שמים, איז א פרעמדע און אומווירדיגע זאך. דערפאר האט מיך מיין טאטע געלערנט, אז ווען איך וועל אריינגעבראכט ווערען אין כעס, זאל איך באלד זיך צוימען, אנטהאן א שלאס אויפ'ן מויל און מעהר קיין ווארט ניט זאגען.

דאס האט אויף ר' ברוך'ן געמאכט אזא רושם, אז ער האט דורכאויס געפיהלט אז ער האט דא צו טהאן מיט א נייעם מענשען.

ברוך האט דערפאר געוואלט נאך מעהר זיך גריבלען אין דעם מהות פון די שוואגערס. זיי האבען ביידע פארגעשטעלט מיט זיך די קאנטראסטען און די באזונדערע דרכים, וואס האבען דאמאלס אנגעהויבען צו צוטיילען די אידישע מחנה. ווענגען ר' יצחק שאול'ן האט ער שוין כמעט אלץ געוואוסט וואס פאר א מהות איז אבער געווען ר' משה ליב?

ווי ברוך האט אויסגעפונען, איז ר' משה ליב געווען גאר א גרויסער מיוחס. ער איז געווען א געבארענער פון לופאלאוו, א פארשטאט פון מאהלעוו אויפ'ן דניעפער. ער איז געווען דער צעהנטער דור פון א באריהמטער אידי־שער משפחה פון קאסטיליע, שפאניע, וועלכע האט געמוזט פון דארט אנטלוי־פען און זיך צוערשט באזעצט אין טוסקאני און פון דארט געוואנדערט פון שטאט צו שטאט ביז זי האט דערגרייכט מאהלעוו.

ר' יצחק איז געווען דער נאמען פון ר' משה ליב'ס עלטער־עלטער־זיידע, פון צעהן דורות צוריק, אין קאסטיליע. ער איז געווען דער תלמיד פון בא־וואוסטע גאונים פון יענער צייט. מען האט אויך אויף איהם געזאגט, אז ער איז געווען דער תלמיד פון דעם גאון און צדיק ר' שם טוב. לויט דער טרא־דיציע פון דער משפחה, איז ר' יצחק געווען א גרויסער למדן. ר' יצחק'ס פאטער איז געווען א סוחר און א גרויסער עושר. בעת ר' יצחק האט זיין פאטער ארויסגעהאלפען אין די מסחרים, האט ער זיך אבער, הויפטזעכליך, אפגעגעבען מיט לערנען תורה.

ר' יצחק האט דערגרייכט מאהלעוו מיט זיין זוהן, ר' נתן נטע, און איניקעל, ר' נחמן. יענע האבען באלד דארט אנגעהויבען האנדלען מיט דעם דארטיגען פירסט און זייער מסחר האט זיך פארשפרייט איבער די ארומיגע שטעט און שטעטלאך. ווען זיי זיינען אנגעקומען קיין מאהלעוו איז ר' נחמן'ס פרוי געשטארבען, ניט איבערלאזענדיג איהם קיין קינדער. ער האט חתונה געהאט צום צווייטען מאל מיט דער טאכטער פון א מינסקער בעל הבית. אבער אויך זי האט קיין קינדער ניט געהאט. האט זיין זיידע איהם גע'עצה'ט, אז ער זאל זיך א נדר טהאן, אז אויב ער וועט געבענשט ווערען מיט א זוהן.

וועט ער איהם איינגאנצען ווידמען צו תורת. ער האט אזוי געטהאן, איז עטליכע יאהר ארום האט זיין פרוי איהם געבארען א זוהן, ר' חיים יהושע. דער פאטער האט געהאלטען זיין נדר. איז ר' חיים יהושע געזעסען על התורה ועל העבודה און אז ער האט געבארען א זוהן, ר' משה, איז יענער ניט נאר געגאנגען אין זיין פאטער'ס דרכים, נאר איז אינגאנצען געווארען א נזיר. ער איז געווען פארהייראט נאר א יאהר צייט, אין משך פון וועלכען זיין פרוי האט איהם געבארען א זוהן, און אזוי האט די משפחה ווייטער פארטגעזעצט איהר קיום.

ר' משה'ס אייניקעל, ר' נתן נטע, וועלכער איז געווען ר' משה ליב'ס זיידע, איז געווען דער מגיד פון לופאלאוו און ער איז געווען א פייערדיגער מוסר-זאגער. ער האט די ראל פון א מוסר-זאגער אויף זיך גענומען נאכדעם ווי זיין זיידע, ר' משה, האט זיך צו איהם באוויזען אין חלום און איהם אנ-געזאגט, אז דאס זאל זיין זיין עובדה. ר' יוסף עקיבא, ר' משה ליב'ס פאטער, איז געווען אט דעם מגיד'ס זוהן. שוין צו דרייצעהן יאהר איז זיין פאטער געווען א בקיא בש"ס, און מען האט איהם גערופען "דער לופאלאווער עילוי. צו אכטצעהן יאהר האט מען איהם חתונה געמאכט מיט דער טאכטער פון א באוואוסטען מאהלעווער בעל חבית.

צוואנציג יאהר איז ר' יוסף עקיבא געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט און געלערנט מיט גרוים התמדה. קיין קינדער האט איהם זיין פרוי ניט געבא-רען און דאס איז געווען דער גרויסער צער פון זיין לעבען. ווען זיין פרוי איז געשטארבען, האט זיין שווער איהם צוגערעדט חתונה צו האבען מיט א איינגע-רער טאכטער. מיט זיין צווייטען זיווג, האט ר' יוסף עקיבא געלעבט זעקס יאהר. אבער זי האט איהם אויך ניט געבראכט קיין קינדער.

בלייבענדיג אן אלמן צום צווייטען מאל, האט ר' יוסף עקיבא מעהר ניט געוואלט בלייבען אין מאהלעוו. גראד האט זיך געמאכט, אז קיין מאהלעוו איז געקומען א שליח, וואס האט איהם איינגעלאדען צו קומען קיין סמילא-וויץ, וואו עס האט זיך געהאט געעפענט א מערקווירדיגע ישיבה און וואו מען האט איהם געוואלט האבען פאר דעם צעהנטען.

דער שליח וואס איז נאך איהם געקומען איז געווען דער גאון ר' מנחם שלמה. ער איז נאך ר' יוסף עקיבא'ן ספעציעל געשיקט געווארען פון דעם סמילאוויצער נגיד ר' ליבעלע, וועמעס איידעם האט, מיט זיין, ר' ליבעלעס געלט, אויסגעהאלטען די דאזיגע ישיבה. ר' יוסף עקיבא'ס פרסום האט זיי געהאט דערגרייכט און זיי האבען איהם געוואלט האבען אין דער ישיבה.

ר' לייבעלע האט געשטאמט פון פראג. ער איז שוין געווען א תושב פון סמילאוויץ פאר עטליכע צעהנדליג יאהר. גלייך ווי ער איז געקומען קיין סמילאוויץ האט ער אויפגעבויט אן אייגענעם בית המדרש און האט דארט אויסגעהאלטען צעהן תלמידי חכמים וואס זיינען שטענדיג געזעסען און געלערנט. ר' לייבעלע האט געהאט זיהן און טעכטער. ווען ער האט געדארפט חתונה מאכען זיין עלטסטע טאכטער, האט ער איינעם פון זיינע בטלנים גע-שיקט קיין ווילנע דארט פאר איהם אויסצוקלייבען אן איידעם. האט ער אויסגעקליבען ר' משה ליב'ן, וועלכער איז געווען באקאנט אלס דער טראקער עילוי, קומענדיג פון שטעטעל טראקי, ניט ווייט פון ווילנע.

פאר צוואנציג יאהר איז ר' משה ליב געזעסען ביי זיין שווער אויף

קעסט. דאן איז זיין שווער איינגעפאלען, אז וויבאלד ער האט אזא לומדישען איידעם, פארוואס זאל ער ניט גרינדען קיין ישיבה פון געקליבענע לומדים און זיין איידעם זאל זיין דער ראש ? האט ער אויסגעקליבען ר' מנחם שלמה'ן פאר זיין שליח און האט איהם ארויסגעשיקט איבער אידישע שטעט זוכען לומדים פאר זיין איידעם'ס ישיבה. ער האט נאר געוואלט האבען די בעסטע און גרעסטע לומדים פאר דער ישיבה, און ר' מנחם שלמה איז גראד געווען דער יעניגער וואס האט געקענט זאגען מבינות אויף א למדן.

ר' יוסף עקיבא, וועלכער האט ליעב געהאט יחידות, האט ניט געהאט קיין גרויסען חשק צו פאהרען קיין סמילאוויץ. ער האט אויך ניט געהאט קיין גרויס אמונה אין דער לומדות פון ר' לייבעלע'ס איידעם. ווארום די תורה וואס דער שליח, ר' מנחם שלמה, האט איבערגעזאגט פון איהם, האט אויף דעם גאונישען ר' יוסף עקיבא'ן ניט געמאכט קיין גרויסען רושם. ער איז אבער געווען דערשלאגען דורך זיין צווייטער פרוי'ס טויט און ער איז אויך געווען באטריבט איבער דעם וואס ער האט ניט געהאט קיין קינדער, און ער איז ענדליך געקומען צו דער מסקנא, אז ער זאל יא פאהרען קיין סמילאוויץ.

דער סדר פון אויפנעהמען תלמידים, איינגאנצען צעהן, פאר דער ישיבה אין סמילאוויץ, איז געווען אזעלכער: יעדער פון די צעהן האט געדארפט צוגרייטען א פלפול און זאגען דריי טעג אין פאראויס וועגען וואס פאר א סוגיא ער וועט זאגען דעם פלפול, כדי די צוהערער זאלען זיך קענען בעסער צוגרייטען און גענויער וויסען אויף ווי וויט דעם בעל דבר'ס לומדות גרייכט.

דער פלפול האט געדארפט געזאגט ווערען אין בית המדרש פאר אלע לומדים פון שטאט. נאכ'ן פלפול האט דער ראש פון דער ישיבה, דעם גביר'ס איידעם, ר' משה ליב, אליין געזאלט זאגען חדושי תורה און פרובירען אי־בערשטייגען אין לומדות די תלמידים.

דער פלפול וואס ר' יוסף עקיבא האט געזאגט איז געווען וועגען דעם ענין "טבול יום ומחוסר כפורים" אין פרק "כל הזבחים", דף י"ז. אלע צעהן תלמידים האבען געזאגט פלפולים וועגען פארשידענע סוגיות. ר' משה ליב האט דערנאך אלע צעהן פלפולים צוזאמענגעפלאכטען, זיי צושטערט און דאן זיי צוריק אויפגעבויט. ר' יוסף עקיבא אליין האט דאן געמוזט איינזעהן, אז ר' משה ליב איז א גרויסער למדן.

דריי יאהר האט ר' יוסף עקיבא געלערנט אין דער דאזיגער ישיבה. דער סדר דארט איז געווען אזעלכער: מען האט קיינמאל ניט גערעדט קיין דברי חול. אלע צעהן ישיבה־לייט פלעגען אויפשטעהן אין מיטען נאכט פראווען חצות או פון דאן ביז נאך מנחה גדולה האבען זיי ניט מפסיק געווען אין לערנען, א חוץ וואס זיי האבען זיך גענומען א שעה צייט פאר תפילת שחרית און נאכהער פאר מנחה גדולה. נאך מנחה האבען זיי געהאט א לייכטען און קורצען מאלצייט און זיך צוגעלעגט רוהען אויף א שעה. נאכדעם האבען זיי זיך ווידער גענומען צו לערנען ביז נאך מעריב. דאן האבען זיי געהאט א צווייטען מאלצייט און געשלאפען פיער שעה ביז מיטען־נאכט ווען זיי זיינען אויפגעשטאנען צו חצות.

אבער אפילו אין אט דער ישיבה, וואו ער איז געווען אזוי פארטהאן אין

תורה און עבודה, האט ר' יוסף עקיבא ניט געפונען קיין מנוחה פאר זיין אנגעוועהטאגט הארץ און האט באשלאסען צו פארלאזען סמילאוויץ.

אנטשלאסען צו פארלאזען סמילאוויטש האט אבער ר' יוסף עקיבא נאך ניט געהאט קיין באשטימטען פלאן וואוהין ער זאל ריכטען זיין בליק. ער האט נאר געוואוסט, אז ער דארף ערגעץ אוועק. איינמאל א ביינאכט האט זיך איז חלום צו איהם באוויזען זיין פאטער, וועלכער האט איהם שטארק גע'מוסר'ט פארוואס ער וויזט אזוי וויניג בטחון. ער האט איהם אנגעזאגט אז ער זאל אוועק אין א שטעטעל מיט'ן נאמען קרושטא, וואו ער וועט ענדליך געפינען מנוחה. אבער איידער ער פארלאזט סמילאוויטש זאל ער מתקן זיין דעם חטא דורך פאסטען פערציג תעניתים אין צוגאב צו די תעניתים מאנטאגס און דאנערשטאגס. אזוי ווי דאמאלס זיינען געווען די ספירה טעג, האט עס איהם געדויערט ביז סוף חודש תמוז איידער ער איז פארטיג געווארען מיט די תעניתים.

אין מיטען אב האט ער פארלאזט סמילאוויטש און איז געגאנגען פון שטעטעל צו שטעטעל און פון דארף צו דארף ביז ער האט געגרייכט קרושטא. ער איז אהין אנגעקומען א פאר טעג פאר סליחות. איידער ער איז אריין אין קרושטא גופא האט ער זיך אפגעשטעלט ביי א אידען אין א דארף, א פאר ווארסט פון שטעטעל. זייענדיג ביי יענעם אידען אין הויז, האט ער געהערט אז פאר מארגען איז אין קרושטא באשטימט געווארען א תענית צבור און אז עס איז אויסגערופען געווארען, אז אלע אידען זאלען זיך פארזאמלען אין בית המדרש צו הערען די מוסר־רייד פון דעם רב ווי א צוגרייטונג פאר די סליחות. דער תענית איז אויך געווען חל אויף די אידישע תושבים פון די ארומיגע דער־פער. זיי האבען זיך אויך געגרייט דעם קומענדיגען טאג צו געהן אין בית המדרש צו הערען דעם רב'ס דרשה.

איז ר' יוסף עקיבא אויך געגאנגען אין קרושטא אריין צוזאמען מיט'ן ישובניק צו וועמען ער איז פארגאנגען פאר נאכטלעגער. זיי זיינען אנגעקו־מען אין בית המדרש אין צייט צו הערען דעם רב'ס דרשה און נאכהער צו דאווענען בצבור מנחה און מעריב. גרויס איז געווען ר' יוסף עקיבא ס איבערראַ־שונג, וואס באלד נאך מעריב, האט דער רב איהם אפגעגעבען א ברייטען שלום עליכם. דאס האבען אויך געטהאן די גבאים און די אנדערע מתפללים. אנשטאט דער עולם זאל זיך צוגעהן אהיים נאכ'ן תענית, האט דער שמש ארויסגענומען דעם ספר הזכרונות און האט צוגעגרייט א קלפי, אז דער עולם זאל ציהען גורל.

ר' יוסף עקיבא האט זיך באלד דערוואוסט, אז דער דאזיגער גורל האט צו טהאן מיט איהם. דורך דעם וועט באשלאסען ווערען וועמעס אורח ער זאל זיין פאר דעם אוועקט־מאלצייט און אין וועמעס הויז ער זאל זיך אויפהאלטען פאר דער צייט וואס ער וועט בלייבען אין קרושטא אדער ביז ער וועט זיך דארט איינארדענען.

דאס האט ר' יוסף עקיבא'ן שטארק פאר'חידוש'ט. מען האט איהם מסביר געווען, אז דאס איז דער מנהג אין יענעם שטעטעל. אלע זיינען דארט שטארק נייגעריג מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. אנשטאט, ווי אין אנדערע קהלות, איינער זאל איבערלאזען דעם אורח פאר'ן צווייטען, האט

מען זיך אין קרושטא גאר גריסען איבער דער זכיה צו האבען דעם אורח ביי זיך. כדי איינער זאל ניט אויסכאפען קיין אורח ביים צווייטען, איז אין קרושטא געווען איינגעפיהרט די תקנה, אז ווען דארט באווייזט זיך אן אורח, זאל מען ווארפען גורל און ווער עס ציהט ארויס דעם זכה בגורל, דער זאל נעהמען דעם אורח צו זיך.

כדי יעדער איינער אין שטעטעל זאל האבען א געלעגענהייט צו זיין א זכה בגורל, האט מען די נעמען פון די וואס האבען פריהער געהאט ארויס־געצויגען דעם זכה בגורל, מעהר ניט אריינגעלייגט אין דער קלפי, ביז וואנען אלע אנדערע אין שטעטעל האבען מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים.

יענעם מאל האט דעם זכה בגורל ארויסגעצויגען דער קצב, ר' שלמה, און זיין שמחה איז געווען גרויס. זיין פנים האט געשטראלט ווי ער וואלט דא גע־האט געפונען אן אבן טוב. דער רב און די איבעריגע פון דער עדה, האבען איהם באגריסט מיט "מזל טוב", ווי עס וואלט זיך דא געהאנדעלט וועגען א גרויסע מציאה. דאס האט אויף ר' יוסף עקיבא'ן געמאכט א גרויסען רושם. ער האט אבער באלד געלאזט וויסען, אז אייגענטליך האט מען זיך אומזיסט באמיהט, ווייל ער פארלאנגט גארניט פון קיינעם און אז עס איז געגען זיין רצון, אז אימיצער זאל צוליעב איהם האבען טרחה.

דאס האט שטארק אנטוישט סיי דעם קצב און אויך די אנדערע. דער רב האט אנגעהויבען איינ'טענה'ן מיט ר' יוסף עקיבא'ן איהם צו באווייזען, אז אייגענטליך האנדעלט זיך דא ניט געווען סתם טרחה, נאר וועגען א גרויסע מצוה, און פונקט ווי יעדער איד איז מחויב מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים, אזוי איז אויך יעדער אורח מחויב צו העלפען אידען מקיים זיין די מצוה איהם צו באדינען און איהם ארויסצוהעלפען. די מצוה איז פשוט א בשותפות'דיגע. ר' יוסף עקיבא האט זיך געלאזט איבעררעדען און איז געגאנ־גען מיט ר' שלמה'ן צו איהם אין הויז.

ביי ר' שלמה'ן אין הויז האט מען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד. מען האט געשטעלט אויפ'ן טיש פון כל טוב, און אז ר' יוסף עקיבא האט מודיע געווען אז ער עסט ניט קיין פלייש אין דער וואכען און אז ער באנר־גענט זיך בכלל מיט גאר ווייניג, האבען ר' שלמה'ס בני בית געהאט פון דעם גרויס צער. יעדער האט נאר געוואלט, אז דער אורח זאל נהנה זיין אויף ווי־פיעל עס איז נאר מעגליך.

די גאנצע אידישע קהלה אין קרושטא איז באשטאנען פון פינף און דרייסיג משפחות. אלע האבען זיי זיך מפרנס געווען פון דער תבואה פון זייערע פעלדער און די גרינסען פון זייערע גערטנער. דארט זיינען אויך געווען בעלי מלאכות: וואל־בארשטער, וועבער, שניידער און שוסטער. אלע זיינען זיי געווען יודעי ספר. א היבש ביסעל פון זיי זיינען געווען בני תורה. אלע זיינען זיי געווען גרויסע יראי שמים און בעלי מידה. שטענדיג האבען זיי געדאווענט בצבור. אפילו אין צייט פון שניט, ווען יעדער איז געווען פארנומען אין פעלד, האט קיינער ניט פארפעהלט א שחרית אדער א מנחה צו דאווענען בצבור. אויב זיי האבען ניט געקענט קומען אין בית המדרש, האבען זיי גע־דאווענט אין פעלד, וואו זיי פלעגען זיך צוזאמענקלייבען און דאווענען אונ־

טער'ן פרייען הימעל אין א באשטימטען פלאץ וואס איז געווען אפגעצאמט פאר דעם צוועק אט ווי דער דין פאדערט.

פיער טעג איז ר' יוסף עקיבא געבליבען ביי ר' שלמה'ן אין הויז. אין די דאזיגע פיער טעג איז אויך אריין א שבת. דערוויל האט מען אין קרושטא שוין געהאט אויסגעפונען אז מען האט דא צו טהאן ניט מיט קיין פשוט'ען אורח. איז ביי קהל געבליבען, אז מען זאל איהם באזארגען מיט א דירה לויט זיין כבוד. ווארום אין קרושטא האט זיך געפיהרט, אז דער עניין פון באזארגען אורחים מיט זייערע באדערפענישען האט געהאט צו טהאן מיט'ן גאנצען קהל. אויב אימיצער, וואס האט ארויסגעצויגען דעם זכה בגורל, צו נעהמען צו זיך אן אורח, איז געווען ארעם, האט איהם קהל גענעבען דאס געלד אויסצוהאל־טען דעם אורח. אזוי האט אפילו אן ארעמאן געהאט די זכיה צו נעהמען צו זיך אן אורח און דער אורח זאל דערביי ניט דארפען אפקומען.

האט קהל פאר ר' יוסף עקיבא'ן אפגעדונגען א דירה ביי אליקים שמואל דעם חזן און מען האט יענעם געצאהלט אויסצוהאלטען דעם אורח מיט אלע באדערפענישען לויט זיין כבוד.

אין די עשרת ימי תשובה האט דער רב געבעטען ר' יוסף עקיבא'ן זאגען א שיעור און אלע האבען זיך איבערציינגט אין זיין גרויסע לומדות. איז ביי קהל געבליבען, אז מען זאל ר' יוסף עקיבא'ן דארט פארהאלטען און אז ער זאל דארט עפענען א ישיבה. דער רב, דערוויסענדיג זיך, אז ר' יוסף עקיבא איז אן אלמן, האט ער באשלאסען איהם צו פאר'שדכן'ען צו זיין שוועסטער, אן אלמנה. ר' יוסף עקיבא איז געווען מרוצה אויפ'ן שידוך און חופה איז אינגיכען געשטעלט געווארען. פיער יאהר שפעטער איז ר' יוסף עקיבא גע־בענשט געווארען מיט א זוהן וועמען מען האט א נאמען געגעבען משה ליב. אויפ'ן נאמען פון דעם טראקער עלוי, אין וועמעס ישיבה אין סמילאוויטש, ר' יוסף עקיבא האט געהאט געלערנט. אט דער דאזיגער משה ליב איז עס שפע־טער געווארען דער איידעם פון ר' אליעזר ראובנ'ען, דער שמיד אין דאברא־מיסל. אין פינף יאהר שפעטער איז ר' יוסף עקיבא גענומען געווארען פאר ראש ישיבה אין בעשענקעוויטש.

ר' יוסף עקיבא איז בטבע געווען א שותק און האט ליעב געהאט התבודדות. אז ער איז פארטיג געווארען מיט זיינע שיעורים, האט ער זיך פאררוקט אין א ווינקעל פון בית המדרש און געלערנט בלחש. קיינמאל האט ער זיך ניט געזעצט צו א טיש שמועסען מיט אימיצען אדער זיך צו באטייליגען אין א וועלכער עס איז שמחה, האט עס אפילו געמעגט זיין א שמחת מצוה. קיינמאל האט מען אויך ניט געהאט געזעהן א שמייכעל אויף זיין פנים און קיינמאל האט איהם אימיצער געהאט געהערט לאכענדיג.

ווען זיין זוהן משה ליב איז געווארען בר מצוה, האט ר' יוסף עקיבא ניט געפראוועט קיין שום שמחה. משה ליב איז אפגעקומען מיט זאגען א פלפול אין דער ישיבה. זיין מוטער האט געבראכט אין דער ישיבה משקה און צובייסען. ר' יוסף עקיבא האט זיך אבער אויף דעם כמעט ניט אומגעקוקט. ער האט די משקה און דאס צובייסען געלאזט ר' וואלף, דעם שמש, פארטיילען צווישען עולם און אליין ממש פון גארניט טועם געווען.

ר' וואלף דער שמש פון בעשענקעוויטש איז אליין געווען א מערקוויר־דיגע פערזענליכקייט. ער האט געהאט א זוהן, גרונם אליה. און משה ליב און ער זיינען געווען חברים. פון גרונם אליה'ן האט משה ליב זיך דערוואוסט, אז זיין פאטער, ר' וואלף דער שמש, חבר'ט זיך מיט וויכטיגע דורכפאהרער און אז א סך פון אט די דורכפארענדיגע אורחים זיינען נסתרים און באוואוסטע מקובלים. אויף איינעגע פון זיי האט מען געזאגט, אז זיי האבען גלוי אליהו. אויף אזא אופן האט אויך גרונם אליה זיך געהאט באקאנט מיט איינעגע פון די נסתרים. דאס האט משה ליב'ן שטארק פאראינטערעסירט.

נד.

נייע און אלטע נסתרים

ווען חסידישע נסתרים האבען אנגעהויבען וואנדערען איבער אידישע שטעט און שטעטלאך. — ביי ווען זיי זיינען געווען פארחיליגט און ביי ווען נים.

איינמאל איז משה ליב געזעסען מיט זיין חבר גרונם אליה און געלערנט. גרונם אליה'ס פאטער, דער שמש ר' וואלף, איז אנגעקומען און זיך צוגעזעצט לעבען זיי און זיך צוגעהערט ווי זיי לערנען. פון צייט צו צייט האט ער זיי אויפגעקלעהרט א סוגיא מיט א לייכטקייט וואס האט געצייגט, אז ער איז א גרויסער בקיא און חריף.

דערווייל איז אנגעקומען ר' ישעיה ליב, דער קרעמער. און האט זיך אויך צוגעזעצט לעבען די צוויי יונגע בחורים'לעך. ער האט אנגעהויבען אריינזאגען זיי אין לערנען און טאקע פרובירט אויסגעפינען אויף ווי וויים עס גרייכען זייערע ידיעות אין לערנען. קענטיג, אז ר' ישעיה ליב איז געווען צופרידען, ווייל ער האט די צוויי חברים שטארק געלויבט.

— זיי וועלען אם ירצה השם זיין גרויסע לומדים, — האט דער קרעמער געזאגט צו ר' וואלף'ן, — אייער אינגעל איז באמת א מצויין.

ער האט מסתמא געמיינט, אז ר' וואלף וועט זיך פון דעם פיהלען שטא־ס געשמייכעלט. ר' וואלף האט אבער אויף דעם געענטפערט:

— די חכמים האבען געזאגט, אז לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה. וואלט איך בעסער געוואלט אז מיין אינגעל זאל זיין א ירא שמים און בעל מעשה, איידער א בן תורה וואס איז א רודף אחר הכבוד.

דאס האט ר' ישעיה ליב דעם קרעמער אויפגעקאכט. בטבע איז ער גע־ווען א כעסן. אין דעם פאל האט ער ר' וואלף'ס רייד אנגענומען ווי דאס וואלט געווען געציעלט געגען איהם. האט ער זיך אנגעצונדען און געזאגט:

— איך האב געדארפט וויסען, אז איהר, ר' וואלף, געהערט צו דער "כת", און אז איהר חבר'ט זיך נאר מיט עמי הארצים, אז ביי אייך איז א מענש פון נאס טייערער פון א תלמיד חכם. איך וויים שוין פון לאנג, אז איהר האט צו טהאן מיט כלומרשטע נסתרים, וועלכע זיינען אייגענטליך נים מעהר ווי ליידאקעס און עוכרי ישראל...

משה ליב און גרונם אליה זיינען אנטשוויגען געווארען און האבען זיך

צוגעהערט. ווי ר' משה ליב האט שפעטער דערצעהלט ברוד'ן האט ער געגווי געדענקט יענעם שמועס צווישען דעם שמש און דעם קרעמער.

נאך אט דער "פארציע" וואס ר' ישעיה ליב האט איינגעטיילט דעם שמש, האט מען געקענט מיינען, אז ר' וואלף וועט איהם גארניט בלייבען שולדיג און אז עס וועט זיך אנפאנגען א מחלוקה. ר' וואלף איז אבער געבליבען רוהיג און מיט גרויס געלאסענקייט געענטפערט:

— די חכמים זאגען "אל תרצה את חברך בשעת כעסו" (זאלסט ניט פרובירען איבערבעטען דיין פריינט בעת ער איז אין כעס). דאס ווערט געזאגט אויף איינעם וואס איז אין כעס גערעכטערהייט. היינט א כל שכן, אז איינער איז אין כעס אומגערעכטערהייט. אין אזא פאל וועלען דאך קיין רייד ניט העלפען. יענער וועט דעם אמת פשוט ניט וועלען הערען. אז איהר וועט זיך בארוהיגען, ר' ישעיה ליב, און ווען דער כעס וועט אייך אפגעהן, וועלען מיר ווייטער שמועסען. איצט איז אבער קיין פעולה ניט. לאמיר בעסער שווייגען.

דאס האט אויף ר' ישעיה ליב'ן געהאט א ווירקונג. ער איז באלד געווארען רוהיגער און האט מודה געווען, אז ער האט זיך צעהיצט צופיעל. נאר באמת, האט ער שוין גערעדט געלאסענער, קען ער ניט פארשטעהן ווי אזוי ר' וואלף קען פארטראגען די אזוי־גערופענע נסתרים, וועלכע האבען נאר צו טהאן מיט עמי הארצים און מיט ווייבער.

— האבען דאך די חכמים אנגעזאגט, — האט ר' ישעיה ליב געוואלט זיך אויספיהרען אויפ'ן לומדישען שטייגער, — אז מען זאל זיך ניט מתחתן זיין מיט עמי הארצים, אז מען זאל מיט זיי ניט זיצען ביי איין טיש. און אז זיי זיינען ניט באגלויבט אין ענינים פון מעשר און טהרה, הכלל, אז מען דארף זיך פון עמי הארצים דערווייטערען. פון דער צווייטער זייט, האט מען אונז אנגעזאגט אפצוגעבען כבוד תלמידי חכמים און אז צו באזארגען זיי מיט עסען און טרינקען איז פונקט ווי מען וואלט מקריב זיין קרבנות און מען וואלט גיסען נסכים. איצט קומען מענשען און ניט נאר פאלגען זיי ניט אוים וואס די חכמים האבען אנגעזאגט, נאר טהוען פונקט דעם היפוך פון דעם, און זיי טהוען עס גאר אונטער א מאסקע פון יראת שמים. דאס איז באמת א גרויסע עוולה.

איצט, אז ר' ישעיה ליב האט גערעדט רוהיג און געלאסען, איז ר' וואלף דער שמש איהם ניט שולדיג געבליבען קיין ענטפער.

— לויט אייער השקפה זייט איהר טאקע גערעכט, — האט ער איהם געזאגט, — אבער די עצם השקפה איז א פאלשע. די נסתרים, דארפט איהר ווימען, זיינען ניט נאר גרויסע צדיקים, נאר אויך גרויסע לומדים. פאראן צווישען זיי אזעלכע וואס זיינען קלאר אין ש"ס און זיינען גרוים אין נגלה ווי אין נסתר. דערצו זיינען זיי גרויסע יראי שמים. זיי פאסטען תעניתים און נעהמען אויף זיך סגופים. זיי זיינען זיך פשוט מוסר נפש מיט דעם וואס זיי ריכטען אפ גלות, וואנדערענדיג פון שטאט צו שטאט און ישוב צו ישוב, זיי טהוען עס אבער פאר א באשטימטען צוועק — כדי משפיע צו זיין אויף אידען, אז זיי זאלען זיך נעהענטער באהעפטען מיט זייער בורא, דערפאר

וואס זיי פארשטעלען זיך אליין פאר פשוט'ע מענשען האבען זיי אויפ'ן המון א גרעסערע השפעה און קענען גיכער מחזיר אל המוטב זיין.

כדי ר' ישעיה ליב זאל האבען א בעסערע ידיעה וועגען דעם וואס די נסתרים טהוען, האט דער שמש איהם אנגעוויזען אויף די אויפגאבען וואס די דאזיגע פארבארגענע צדיקים האבען אויף זיך גענומען, וואס האט דער־וויל געצייגט, אז דער שמש איז געווען געגוי באקאנט מיט דעם ווי ער וואלט אליין געווען איינער פון די נסתרים.

אט די נסתרים, האט ער געזאגט, באקאנען זיך מיט די קרעמער און מיט די הענדלער אין מארק, ווייל דער רוב פון די דאזיגע פארשוינען קומט זעלטען אין בית המדרש אריין און הערען זיך ניט צו צו די שיעורים וואס מען לערנט דארט. אויב זיי קומען יא אמאל אין בית המדרש און הערען ווי מען לערנט, פארשטעהען זיי ניט וואס מען לערנט. די נסתרים קלעהרען זיי אבער אויף און לערנען מיט זיי אויף אז אופן וואס יענע כאפען זיך גארניט, אז מען טהוט עם מיט זיי. אין דער זעלביגער צייט פרובירען די נסתרים ווירקען אויף זיי, אז זיי זאלען זיך פיהרען עהרליך אין זייער טאג־טעגליכען לעבען, אז זיי זאלען ניט האבען קיין לויזע צונג און זאלען ניט שילטען און זידלען אדער ריידען רכילות און לשון הרע.

סיי ר' ישעיה ליב און סיי די צוויי בחורים'לעך, ר' וואלף'ס אייגענער זוהנדעל, גרונם אליה, און זיין חבר, משה ליב, האבען געעפענט מויל און אויערען. עס איז געווען אז עניו מיט וועלכען זיי זיינען געווען וויניג וואס באקאנט.

אז ר' וואלף האט זיך צורעדט וועגען די נסתרים, האט ער געהאט גאר א סך וועגען זיי צו דערצעהלען. אט האט ער אנטפלעקט פאר זיינע צוהערער, אז די דאזיגע נסתרים זיינען ניט קיין יחידים, וואס איינער איז אפגעריסען פון צווייטען, נאר אז זיי געהערען אלע צו א ספעציעלער חברה און זיינען דערפאר פארבונדען איינע מיט די אנדערע כדי צו טהאן זייער ארבייט גע־מיינשאפטליך און לויט א באשטימטען פלאן.

די חברה פון נסתרים, האט ר' וואלף ווייטער דערצעהלט, איז גאר אן אלטע. זי איז צוערשט געשאפען געווארען דורך דעם גאון און צדיק ר' אליהו בעל שם פון ווירמיזע (ווארמס) דייטשלאנד, אויף אזא אופן איז די חברה שוין געווען הונדערט און צעהן יאהר אלט. ר' אליהו בעל שם האט די חברה געגרינדעט, לויט דער מסורה, אויף דעם אנזאג פון א געוויסען מקובל, וועמעס נאמען ס'איז געבליבען אומבאקאנט. דער אנזאג איז געווען, אז מען זאל צוזאמעננעהמען גאונים און צדיקים, געקליבענע מענשען, וואס זאלען זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאר'ן כלל ישראל, זיי זאלען וואנדערען אומעטום וואו עס געפינען זיך אידישע ישובים און מעורר זיין די פשוט'ע פאלקס־מענשען צו עבודת הבורא.

דאס יאהר ווען ר' אליהו בעל שם האט געגרינדעט די חברה פון נסתרים האט געזאלט זיין שפ"א אדער שפ"ג, זינט דאן, האט ר' וואלף דערקלעהרט זיינען שוין טויזענטע פשוט'ע אידישע פאלקס־מענשען צוריקגעבראכט גע־ווארען צו עבודת הבורא.

— אט די דאזיגע צדיקים, — האט ר' וואלף אויסגעפיהרט, — זיינען

קיינמאל ניט מזלזל דעם כבוד פון די תלמידי חכמים. פארקעהרט, זיי ווילען נאר דערוועקען פארעהרונג צו תורה ביי די סאמע פראסטעסטע מענשען. קען מען דען אויף זיי זאגען, אז זיי דערפילען ניט דעם אנזאג פון אונזערע חז"ל? חלילה! זיי זיינען מוותר אויף זייער אייגענעם כבוד, ווייל זיי האבען פאר זיך געשטעלט א העכערען ציעל. האבען דאך טאקע אונזערע חכמים געזאגט "רב שמוחל על כבודו כבודו מחול". (אז א תלמיד חכם איז מוחל אויף זיין אייגענעם כבוד, מעג ער עס טהאן).

ר' ישעיה ליב איז אבער נאך מיט דעם ניט געווען צופרידען. ער האט געהאט וואס אפצופרעגען. זאל טאקע זיין, אז די ערשטע נסתרים זיינען געווען גרויסע צדיקים וואס האבען געהאט אין זינען טובת הכלל, האט ער גע־טענה'ט, אבער אויב זיי האבען נאר צו טהאן מיט פראסטע מענשען וועט דער סוף זיין, — און ער האט געוואלט האבען אז אזוי איז טאקע דער פאל, — אז זיי זאלען אליין ווערען געפאלען אין די אויגען פון המון. ער האט געבראכט דעם רמב"ם וועלכער זאגט, אז דער כבוד פון תלמיד חכם איז א מצוות עשה.

ר' וואלף איז ר' ישעיה ליב'ן גאר ניט געבליבען שולדיג. ער האט אנ־געוויזען אויף דעם וואס אזוינע אידען ווי ר' ישעיה ליב קימערען זיך מעהר פאר'ן כבוד פון די תלמידי חכמים און גאר ווייניג וועגען דעם כבוד פון רבונו של עולם אליין. פארוואס זאל ער האבען אויסצוזעצען וועגען די נסתרים וואס טהוען אזא הייליגע ארבייט, ניט קימערענדיג זיך פאר זייער אייגענער באקוועמליכקייט און זייער כבוד, ווען זייער הויפט צוועק איז צו דער־נעהענטערען אידען צו עבודת הבורא און איינצופלאנצען אין זייערע הערצער א ליעבע צו תורה און א באנעהר מקיים צו זיין איהרע מצוות?

משה ליב און גרונם אליה זיינען געזעסען פארגאפט. זיי האבען פארשלונ־גען יעדעס ווארט וואס איז געקומען צו זייערע אויערען. גרונם אליה איז געווען מיט צוויי יאהר עלטער פון משה ליב'ן און ער האט געוואוסט א סך מעהר ווי ער וועגען נסתרים, טאקע דערפאר וואס ער האט וועגען זיי געהערט פון זיין פאטער. משה ליב האט איצט נאך געוואלט פון איהם הערען וואס מעהר וועגען די נסתרים, און די מעשיות וואס זיין חבר האט איהם דערצעהלט האבען פשוט אנגעצונדען זיין פאנטאזיע.

פון יענעם טאג אן, האט משה ליב כסדר געמאנט ביי זיין חבר אז ער זאל איהם דערצעהלען וואס מעהר מעשיות פון די דאזיגע פארבארגענע צדיקים. ער האט אויך געקראגען א גרויסע תשוקה אליין אנצוקוקען א נסתר.

— טהו מיר א טובה, — האט ער זיך געבעטען ביי זיין חבר, — און באקען מיך מיט א נסתר. דו זאגסט דאך, אז דיין טאטע קען זיי און אז ווען נסתרים קומען קיין בעשענקעוויטש, חבר'ען זיי זיך מיט איהם!

גרונם אליה האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און משה ליב האט געמיינט, אז דאס זאגט ער איהם צו נאכצוקומען זיין פארלאנג. אבער צוויי, דריי חדשים זיינען פארביי און משה ליב האט נאך אלץ ניט געזעהן קיין נסתר. זיין חבר האט איהם טאקע דערצעהלט מעשיות פון נסתרים, אבער קיין ווארט ניט וועגען אימיצען פון זיי וואס זאל זיין אין שטאט.

איין מאל, ווען משה ליב איז געווען אויפ'ן וועג פון הויז אין בית המדרש, האט ער באמערקט פון וויטען א געזעמעל מענשען. עס איז געווען

א ווארעמער, זוניגער זומער־טאג. משה ליב איז געווארען נייגעריג אויסצו־געפינען וואס אזוינס עס האט צוזאמענגעבראכט אידען אין גאס אין א מיטען וואכעדיגען טאג. ער איז צוגעקומען צום געזעמעל און האט זיך דורכגעשטופט צווישען דער מענגע מענשען. ער איז באלד גשטאנען אין סאמע צענטער. אז אומבאקאנטער איד איז געשטאנען און גערעדט צום עולם.

שוין זיין אויסקוק האט ארויסגערופען משה ליב'ס פארוואונדערונג. ער איז געווען הויך געוואקסען, זיינע האר שווארץ, זיין פנים איינגעדארט. ער איז געווען אנגעטהאן אין א פעלץ און א פוטערנער היטעל, ניט קוקענדיג אויף דער זומערדיגער היץ.

זיינע רייד האבען ביי משה ליב'ן ארויסגערופען ניט ווייניגער פאר־וואונדערונג ווי זיין אויסקוק. ער האט גערעדט וועגען דעם באדייט פון האנדלען עהרליך. ער האט דערצעהלט וועגען דער גרויסער שטראף וואס עס ערווארט די וואס נעהמען צו פרנסה ביי אנדערע. אלע ארום האבען זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. משה ליב האט באלד זיך געכאפט, אז דאס מוז זיין א נסתר. ער איז געווען פארגאפט. ער האט אזוי לאנג גע'חלום'ט פון א נסתר און דא האט ער איהם געהאט פאר די אויגען! אז ער איז אנגעקומען אין בית המדרש, האט ער דערצעהלט זיין חבר וועגען דער געשעהעניש. גרונם אליה האט צו־געשטימט, אז דאס האט טאקע געמוזט זיין א נסתר. ער איז אליין געווא־רען פאראינטערעסירט איהם צו געהן זעהען און הערען.

ביידע זיינען ארויס אין גאס אנצוקוקען דעם נסתר. דער געזעמעל איז שוין געווען גרעסער. דער שמש ר' וואלף איז אויך געווען צווישען עולם. אלע האבען זיך צוגעהערט צו דעם אורח'ס רייד. די צוויי ישיבה בחורים'לעך הא־בען מעהר ניט געקענט דורכרייסען זיך דורך דעם עולם. זיי האבען אפילו ניט געקענט געננוי הערען די רייד פון דעם נסתר. ביידע זיינען געווען אנטטוישט.

מעהר האט משה ליב דעם נסתר ניט געזעהן. ער האט אויך מעהר ניט געזעהן קיין אנדערע נסתרים. אז ער איז יענעם פארנאכט געקומען אהיים, האט ער דערצעהלט זיין פאטער, דעם ראש ישיבה, ר' יוסף עקיבא, וועגען זיין באגעגעניש מיט'ן נסתר. ער האט איהם אויך דערצעהלט וואס ער האט געהערט פון זיין חבר וועגען נסתרים בכלל. זיין פאטער האט איהם אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און אז ער האט געהאט פארענדיגט, האט ער איהם אנגעהויבען אויפקלעהרען דעם ענין נסתרים, וואס איז געווען לחלוטין דער היפוך פון דעם וואס משה ליב האט זיך געהאט פארגעשטעלט. משה ליב האט זיך צום ערשטען מאל דערוואוסט. אז זיין פאטער האלט גאר ניט פון די נסתרים, און אז ביי איהם זיינען זיי, אומוויכטיגע און פראסטע מענשען וואס באנוצען זיך מיט שמות און השבעות ממש נגעגען דעם גייסט פון דער תורה

— דו מוזט זיך פון די דאזיגע נסתרים דערווייטערען, — האט ער איהם אנגעזאגט. — איך זאג עס דיר אז בגזירת כבוד אב. איך פאדער פון דיר, אז דו זאלסט זיך מעהר ניט צוהערען צו די רייד פון א נסתר אויב דיר וועט אויסקומען אזוינעם ווידער צו טרעפען, אין גאס אדער ערגעץ אנדערשוואו איך פארלאנג אויך פון דיר, אז דו זאלסט זיך אויפהערען חבר'ען מיט גרונם אליה'ן און מעהר ניט זיין נייגעריג זיך צוצוהערען צו זיינע מעשיות וועגען

נסתרים. דאָס זיינען אַלץ פּוסטע רייד וואָס זיי טאָרען ניט אַריינדרינגען אין זיין געדעכעניש.

משה ליב האָט זיך געפיהלט ווי ער וואָלט אָפּגעגאָסען געוואָרען מיט קאַלטע וואַסער. ער האָט קוים געקענט באַגרייפען פון וואַנען עס נעהמט זיך אָט דער ביטול און טאַקע אויך די שנאה מצד זיין פאַטער צו די נסתרים, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס געהאַט אַרויסגערופען ביי איהם באַוואונדערונג און דער עיקר, נייגעריגקייט. זיין פאַטער האָט געהאַט צושטערט זיין גאַנצע פאָרשטעלונג וועגען נסתרים. ער וואָלט געהאַט גרויס חשק, אַז זיין פאַטער זאָל איהם מעהר אויפקלעהרען דעם ענין. אָבער יענער האָט קוים געוואָלט מעהר ריידען וועגען דעם. ער האָט דעם ענין געהאַלטען פאַר אַ געענדיגטען. משה ליב האָט נאָר געוואוסט, אַז ער דאַרף פאָלגען זיין פאַטער און אַז ער מעג זיך פאַרלאָזען אויף איהם, אַז אויב ער מאַכט די נסתרים אוועק מיט׳ן האַנט, איז געוויס דאָ אַ גוטע אורזאַך דערפאַר.

אגב, האָט משה ליב בכלל שוין מעהר קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו ריידען און אפילו צו הערען וועגען נסתרים. זיין פאַטער האָט איהם באַלד אוועקגעשיקט קיין וויטעבסק אין דער דאָרטיגער ישיבה. ער האָט איהם מעהר ניט געוואָלט האָבען אין זיין אייגענער ישיבה, קענטיג דערפאַר וואָס ער האָט ניט געוואָלט אַז ער זאָל זיך מעהר טרעפען מיט גרונם אליה׳ן. פאַר זיין אָפּפאָהרען נאָך וויטעבסק, האָט ר׳ יוסף עקיבא משה ליב׳ן ווידער אָנגעזאָגט, און גאַנץ שטרענג דערצו, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו ריידען וועגען נסתרים אָדער נאָכצופאָרשען וועגען זייערע מעשים. ער זאָל זיך נאָר אָפּגעבען מיט תורה

זיבען יאָהר האָט משה ליב געלערנט אין דער וויטעבסקער ישיבה. ער האָט אויסגעפאָלגט זיין פאַטער׳ס אָנזאָג זיך מעהר ניט צו אינטערעסירען מיט די נסתרים אָדער זיך צוהערען וועגען דעם וואָס עס ווערט דערצעהלט וועגען זיי. פון דעסטוועגען האָבען איהם דערגרייכט רייד וועגען נסתרים אפילו אין דער וויטעבסקער ישיבה. קענטיג, אַז דער ענין פון די נסתרים איז דאָך געווען אַזעלכער וואָס מען האָט איהם ניט געקענט אינגאַנצען אויסמיידען. משה ליב האָט אָבער נאָר אויפגעכאַפּט בלויז שלעכטס וועגען די נסתרים און ניט קיין גוטס. ער איז געווען נייגעריג צו וויסען פאַר וואָס דאָס איז אַזוי. נאָר ער האָט גוט געדענקט וואָס זיין פאַטער האָט איהם געהאַט אָנגעזאָגט און ער האָט דעם ענין אינגאַנצען אויסגעמידען.

ווען משה ליב האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים פון דער ישיבה איז די ערשטע פראַגע וואָס זיין פאַטער האָט איהם געשטעלט געווען, אויב ער האָט אויסגעפאָלגט וואָס ער האָט איהם אָנגעזאָגט וועגען די נסתרים. משה ליב האָט איהם פאַרזיכערט, אַז יאָ, און ר׳ יוסף עקיבא איז פון דעם געווען שטאַרק צופרידען. פון דעסטוועגען האָט אָבער ר׳ יוסף עקיבא, צו משה ליב׳ס פאַרוואונדערונג, פּלוצים דערקלעהרט, אַז אין משך פון די אַלע יאָהרען, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז צווישען די נסתרים געפינען זיך באמת גרויסע צדיקים און אויך גאונים. פון דעסטוועגען איז ער נאָך אַלץ געבליבען ביי דער מיינונג, אַז ווען עס קומט צו דעם ענין פון קבלה, וואָס איז דער יסוד פון דעם דרך אויף וועלכען די דאָזיגע נסתרים האָבען זיך פאַרנומען, איז נויטיג, אַז

מען זאָל האָבען געמאַכט ספּעציעלע הכנות. דערפאַר האָט ר' יוסף עקיבא אויף דאָס ניי אַנגעזאָגט זיין זוהן, אַז ער זאָל זיך היטען ניט צו קומען אין קיין פאַרבינדונג מיט די נסתרים. ער זאָל, אָבער, פון דער צווייטער זייט, אויך ניט ריידען קיין שלעכטס אויף זיי.

ר' משה ליב האָט נאָך אַלץ וויניג וואָס פאַרשטאַנען זיין פאָטער און די טעמים וואָס האָבען איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל האָבען אַזאַ מיינונג וועגען די נסתרים. ער האָט אָבער זיין פאָטער קיין שאלות ניט געפרעגט, הויפּטזעכליך דערפאַר וואָס יענער האָט קלאָר געמאַכט, אַז ער איז ניט נוטה צו ריידען מעהר וועגען דעם ענין. משה ליב האָט אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטער געלעגענהייט צו ריידען מיט זיין פאָטער וועגען דעם, אָבער די געלעגענהייט איז שוין מעהר ניט געקומען. אין משך פון יאָהר איז זיין פאָטער נפטר געוואָרען.

וואָס איז שייך זיין רבי'ן אין דער ישיבה, האָט משה ליב מסביר געווען, איז ער געווען איינער פון די ביטערסטע געגנער פון די נסתרים ער האָט פּנוט געפיהרט מלחמה געגען זיי. לויט ווי משה ליב האָט איבערגעגעבען אין נאָמען פון זיין רבי'ן, האָט יענער געהאַט באַזונדער אויסצוזעצען געגען דעם וואָס "אַ געוויסער דרדקי מלמד און שפּעטער אַ שוחט, האָט זיך מיט אַמאָל דער־קלעהרט פאַר אַ בעל מופת און האָט זיך אָנגעהויבען רופען בעל שם טוב". דאָס איז געווען ר' ישראל בעל שם טוב. די נסתרים, הייסט עס, זיינען געווען זיינע נאָכפאָלגער און האָבען געהאַלטען אין דערצעהלען וואונדער וועגען דעם דאָזיגען ר' ישראל'ן. אַט געגען דעם האָט עס משה ליב'ס רבי געשטורעמט.

פאַר ברוך'ן איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען, איי אייגענטלאַך האָט ער דאָ צו טהאָן מיט נאָכפאָלגער פון ר' ישראל בעל שם טוב, פון איין זייט, און מיט זיינע געגנער פון דער צווייטער זייט. ער האָט זיך אָנגעשטויסען טאַקע אין די איידעמס פון דאַבראַמיסלער שמיד, אין די צוויי מחנות אין וועלכע די אידישע וועלט האָט אָנגעהויבען ווערען צעטיילט — אין חסידים און מתנגדים.

נה.

ר' אליהו בעל שם

די חלוצה פון קראָקע און ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם "שפּאַנישען קדוש" — דער חלום און דער פּסק פון דעם בית דין. — די מלחמה געגען בעל שם פון ווירמייזע.

ברוך האָט איצט גענומען זיך מעהר גריבלען אין דעם גאַנצען ענין. ער האָט געוואָלט וויסען מעהר וועגען חסידות און אויך מעהר וועגען די געגנער פון חסידות, באַזונדער וועגען ר' אליהו בעל שם פון ווירמייזע, וועלכער איז געווען דער גרינדער פון דער חברה פון נסתרים.

אויסגעפונען האָט ברוך גאָר שטוינענדע זאַכען. די גאונים, ר' אברהם זאב פון בעשענקעוויטש און ר' שמחה זעליג פון וויטעבסק זיינען געווען די ביטערסטע מתנגדים סיי פון חסידות און סיי פון די נסתרים. די דאָזיגע

התנגדות צו די נסתרים איז צו זיי איבערגעגאנגען בירושה. זיי האבען געהאט א קבלה פון ר' נחום'ן, דעם פרוש פון זאלקאוו, וועלכער, ווידער, האט געהאט א קבלה פון ר' שמאי זונדעל פון פראג, א זוהן פון דעם צדיק ר' פנחס זעליג פון שפייער, אז מען דארף די נסתרים רודפ'ן. ר' פנחס זעליג איז געווען דער סאמע בר פלוגתא פון ר' אליהו בעל שם.

אבער ווער איז געווען דער דאזיגער ר' אליהו בעל שם? ברוך איז ממש געווען פארגאפט ווען ער האט זיך באקאנט מיט די פרטים.

עס איז געווען אין יאהר רס"א אדער רס"ה. אין קראקע איז אנגעקומען דער שפאנישער איד, ר' יוסף יוזפא. איז אט דער ר' יוסף יוזפא געווען ניט נאר א גרויסער בן תורה נאר אויך א גרויסער צדיק. ער איז שוין דאמאלס געווען ארום פופציג יאהר אלט. גאנץ קראקע האט באלד געוואוסט, אז דער שפאנישער איד איז א פרוש, אז ער האט קיינמאל ניט חתונה געהאט און אז ער פארלאזט ממש ניט די דלד אמות של הלכה, האלטענדיג זיך תמיד אפגע־זונדערט פון מענשען.

אזוי זיינען אריבער אן ערך דרייסיג יאהר. קראקע האט שטארק פאר־עהרט דעם דאזיגען צדיק און אלע האבען שוין געמיינט, אז אזוי וועט ער פאר־ענדיגען זיינע יאהרען. פאסירט אין קראקע עפעס אזוינס וואס האט אלעמען שטארק איבערראשט.

אין קראקע האט אין יענער צייט גע'שמ'ט א געוויסער ר' לוי, א רייכער סוחר, וואס האט זיין מסחר געפיהרט מיט די פריצישע הויפען. ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה. זיין הויז איז געווען אפען פאר אלעמען. ר' לוי האט געהאט א זוהן, ר' יוסף, וועמען זיין פאטער האט חתונה געמאכט מיט דער טאכטער פון ר' אברהם דעם גאלדשמיד, א באוואוסטער ירא שמים.

נאך דער חתונה האט ר' יוסף ארויסגעהאלפען זיין פאטער אין זיינע עסקים און איז באלד געווארען דער סאמע "קאפ" פון די מסחרים. ר' יוסף איז ניט נאר געווען א גרויסער בעל שכל אין מסחר, נאר איז אויך געווען א גרויסער חכם. ער האט געקענט עטליכע שפראכען און איז בכלל געווען א ידען אין וועלטליכע ענינים. האבען די פריצים און אדעליגע, מיט וועמען ער און זיין פאטער האבען געהאנדעלט, איהם תמיד גערן געהאט. זיי האבען ליעב געהאט מיט איהם צו שמועסען וועגען פאליטיק און אלע דברים העומדים ברומו של עולם. אז א מענש קען לשונות זיינען פאר איהם אפען אלע טיהרען.

אז אידען האבען געזעהן וואס פאר א חשוב ר' יוסף איז אין די הויכע פענסטער האט מען זיך שוין מיט דעם באנוצט, אז ער זאל זיך משתדל זיין דארט ביי פארשידענע געלעגענהייטען. קהל אזוי גוט ווי יחידים האבען שטענ־דיג געוואלט דורך איהם האבען טובות און ר' יוסף האט זיך קיינמאל ניט אפ־געזאגט צו זיין דער שתדלן.

דערווייל האבען זיך ר' יוסף'ס מסחרים צעוואקסען. ער האט אפט גע־דארפט מאכען לאנגע נסיעות. באזונדער האט ער געפיהרט מסחר מיט פראג. איינמאל, אז ער איז מיט זיין משרת געווען אויפ'ן וועג צוריק אהיים, זיינען איהם באפאלען גזלנים און געטויט איהם און זיין משרת. אז די ידיעה האט דערגרייכט קראקע איז די גאנצע שטאט געווען אין טרויער.

ר' יוסף האט איבערגעלאזט אן אלמנה, וועלכע האט פון איהם ניט

נעהאט קיין קינדער. האט זי, ווי דער דין איז, געדארפט קריגען חליצה, פון דעם הרוג'ס א ברודער. אין קראקע איז געווען אן אלטער מנהג, אז חליצה פלעגט דורכגעפיהרט ווערען מיט גרויס צערעמאָניע. נאך דער צערעמאָניע האט זיך דער בית דין אויפגעהויבען און געבענשט די חלוצה, אז זי זאל אין גיכען געפינען א מאן וואס זאל מיט איהר חתונה האבען און אז זי זאל איהר נייעם מאן ברייגען קינדער. דער שמש האט דאן אויסגערופען, אז ווער עס איז גרייט חתונה צו האבען מיט דער חלוצה זאל צוקומען צום בית דין און קריגען א ברכה.

אין דעם פאל מיט ר' יוסף'ס אלמנה האט זיך בעת מעשה קיינער ניט אפגערופען, אז ער זאל זיין גרייט חתונה צו האבען מיט איהר. אבער אז עס זיינען אריבער א פינף־זעקס חדשים, איז מיט אמאל געקומען דער אלטער צריק ר' יוסף יוזפא, אדער ווי מען האט איהם אין קראקע גערופען "דער שפא־נישער קדוש", און מודיע געווען דעם בית דין, אז ער איז וויליג חתונה צו האבען מיט דער חלוצה אויב זי וועט נאר צו דעם מסכים זיין. ער האט דערביי מסביר געווען, אז ער האט אייגענטליך געהאט בדעה אויסצולעבען זיינע יאה־רען אליין. אבער צוליעב א געוויסען טעם, וואס ער האט ניט געוואלט אנטפלע־קען, האט ער באשלאסען אויף דער עלטער חתונה צו האבען.

האט דער בית דין געשיקט רופען דער חלוצה. אז זי איז דערשינען פאר'ן בית דין, און נאך איידער זי האט געהערט, וועגען וואס זי איז גערופען געווא־רען, האט זי זיך ביטער פארנאנדערגעוויינט.

— וואס וויינסטו? — האט מען איהר געפרעגט.

זי האט דערקלעהרט, אז עפעס דריקט איהר אויף'ן הארצען, אז זי האט א גרויסען סוד, אבער זי קען ביי זיך ניט באשליסען אויב זי זאל דעם סוד אנטפלעקען פאר'ן בית דין אדער ניט.

מען האט געוואלט וויסען וועגען וואס עס האנדעלט זיך. זי האט אבער נאר מגלה געווען אויף אזוי וויט, אז דאס האט צו טהאן מיט דעם וואס איהר פאטער, וועלכער איז שוין לאנג געווען אויף'ן עולם האמת, האט זיך צו איהר באוויזען אין חלום שוין א פינף־זעקס מאל און האלט איהר אין בא־פוילען עפעס צו טהאן, נאר זי קען ביי זיך ניט באשליסען אויב זי זאל איהם פאלגען אדער ניט. זי קען אויך ניט באשליסען אויב זי זאל פאר'ן בית דין מגלה זיין וואס אזוינס איהר פאטער האט איהר אנגעזאגט צו טהאן.

נאך א ישוב הדעת האט דער בית דין ארויסגעטראגען א פסק, אז זי זאל ארויסגעבען איהר סוד. די חלוצה האט דאן וויינענדיג דערצעהלט, אז צום ערשטען מאל האט זיך איהר פאטער צו איהר באוויזען אין חלום אנגע־טהאן אין זיינע שבת'דיגע מלבושים. ער האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף איהר קאפ און איהר געבענשט.

— און איצט גיב איך דיר אפ א מזל טוב — האט ער צו איהר געזאגט — וויל עס איז געווארען באשטימט, אז דו זאלסט חתונה האבען מיט דעם שפאנישען קדוש, ר' יוסף יוזפא.

די חלוצה האט ווייטער דערצעהלט, אז ווען זי האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האט זי געפיהלט א ציטער, אבער זי האט עס נאר אנגענומען פאר א פשוט'ען חלום. עס איז קיין וואך ניט אוועק און איהר פאטער האט זיך

ווידער באוויזען צו איהר אין חלום און האט איהר ווידער אנגעזאגט חתונה צו האבען מיט'ן צדיק. אויך דעם מאָל האט זי עס ניט גענומען ערנסט. א קורצע צייט איז אוועק און איהר פאטער איז נאך אמאָל געקומען צו איהר אין חלום, דאס מאָל האט ער שוין גערעדט שטרענג. ער האט איהר הארב אנגעזאגט, אז זי זאָל בעטען אימיצען ריידען מיט ר' יוסף יוזפא'ן, אז ער זאָל מיט איהר חתונה האבען. איהר פאטער האט איהר דערביי געזאגט, אז אזוי איז דער ווילען פון דעם בית דין של מעלה.

— אויב דו וועסט פאלגען וואס איך זאג דיר — האט דער פאטער צו איהר ווייטער געזאגט — וועסטו זוכה זיין פון איהם צו האבען א זוהן, אויב ניט, וועסטו האבען א שלעכטען סוף.

די דיינים האבען זיך אנגעקוקט איינע די אנדערע אין שטוינען. זיי האבען איצט עפעס געהאט איבערצוריידען צווישען זיך, און דאן האבען זיי איהר דערצעהלט וועגען דעם "צופאל" וואס ר' יוסף יוזפא איז אליין געקומען צו זיי און זיך אנגעבאטען חתונה צו האבען מיט איהר.

איצט האט שוין די חלוצה געזעהן, אז דאס איז מין השמים און זי האט איינגעוויליגט צום שידוך. אין קראקע האט זיך געפיהרט, אז די חתונה פון א חלוצה איז געווען א ענין פאר דער קהלה. איז די חתונה געפראוועט גע־ווארען פון שטאט. קינד און קייט זיינען געווען אויף דער חתונה. פאר דער חופה האבען זיך, ווי דער מנהג איז געווען, אלע כהנים פון שטאט, פון דרייצעהן יאהר אלט, אנגעטהאן אין טליתים און אין קיטלען, זיך אויסגע־שטעלט אין צוויי שורות, און ווען חתן כלה זיינען געפיהרט געווארען צו דער חופה, זיי געבענשט, האלטענדיג די הענט אין דער הויך, ווי צו ברכת כהנים.

די סעודה איז אויך געפראוועט געווארען לויט א אלטען מנהג, אין דרויסען ביים שוהל, וואו יעדער האט זיך געבראכט זיין אייגענעם מאלצייט.

אלע אין קראקע האבען געפיהלט, אז דאס איז ניט קיין געוויינליכע פאסירונג, אז עפעס זיינען אין אט דער חתונה פארבאהאלטען גרויסע כוונות.

נאך דער חתונה פון ר' יוסף יוזפא'ן מיט דער חלוצה, האט די קהלה פון קראקע אנגעהויבען מעהר זארגען פאר'ן פארעל'ס הצטרכות'ן. כל זמן ר' יוסף יוזפא איז געווען אליין האט ער זיך געקענט באנוגענען מיט גאר ווייניג, ממש מיט גארניט. געשלאָפען האט ער אין בית המדרש און געגעסען האט ער ברויט מיט וואסער. איצט האט ער געדארפט האבען א פאסיגע דירה און זיין ווייב האט געדארפט פיהרען א שטיקעל ווירטשאפט.

אויפ'ן צווייטען יאהר נאך דער חתונה איז ר' יוסף יוזפא געווארען א טאטע פון א זוהן, וועלכען מען האט געגעבען א נאמען אליהו, נאך אליהו הנביא. דאס קינד איז קוים אלט געווארען צוויי יאהר און דער פאטער האט איהם אנגעהויבען לערנען תורה. ר' יוסף יוזפא האט זיך ניט געוואלט פארלא־זען אויף קיין מלמדים.

אז דאס קינד איז אלט געווארען זיבען יאהר, פלעגט ער באגלייטען זיין פאטער האלבע נאכט צו חצות. ר' יוסף יוזפא האט איהם אנגעזאגט ניט צו ריידען מיט קיינעם ניט קיין דברי חול און ניט קיין דברי תורה. ער פלעגט

אליהו׳ן אריינגעהמען אין זיין חדר מיוחד און דאָרט, אין התבודדות, מיט איהם לערנען תורה.

צוויי וואָכען איידער אליהו איז געוואָרען בר מצוה, האָט ר׳ יוסף יוזפא גערופען צו זיך זיין ווייב און האָט איהר מודיע געווען, אז ער ווייסט, אז עס איז געקומען די צייט ווען ער זאָל אָפּגעבען די נשמה צום רבונו של עולם. ער האָט אנגעבעטען, אז מען זאָל נאָך איהם ניט טרויערען.

— דו ביזט נאָך אין די מיטעלע יאָהרען, מיין ווייב, — האָט דער זקן געזאָגט, — אויב עס וועט זיך מאַכען א פּאַסענדער שידוך זאָלסטו ניט ממאן זיין. וואָס איז שייך אונזער קינד, אליהו׳ן, וועט ער גאָר אין קורצען, נאָך דער בר מצוה, באַשליסען ערגעץ אַוועקצואוואַנדערען. זאָלסט איהם פון דעם ניט אָפּריידען. וואָרום דו דאַרפסט וויסען, אז אליהו איז געקומען אויף דער וועלט פאַר גאָר א הייליגען צוועק. זיין שליחות אויף דער וועלט איז לטובת הכלל. מיט איהם פאַנגט זיך אָן א קייט פון דורות וואָס וועלען שפּיעלען א ראָל אויף ביאת המשיח. אליהו הנביא אליין האָט מיט איהם די גאַנצע צייט געלערנט. ער איז דערפאַר גוט צוגעגרייט פאַר דער גרויסער שליחות אויף וועלכער ער איז אַרונטערגעשיקט געוואָרען אויפ׳ן עולם התחתון.

דערביי האָט דער זקן דערצעהלט זיין ווייב, אז באַלד ווי איהר ערשטער מאַן איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, האָט מען איהם, ר׳ יוסף יוזפא׳ן, מודיע געווען פון הימעל, אז עס איז דער פּסק פון דעם בית דין של מעלה, אז ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען, כדי עס זאָל געבאָרען ווערען א זוהן מיט א גאָר הויכער נשמה וואָס וועט ברייגנען א תיקון פאַר דער וועלט.

ר׳ יוסף יוזפא האָט דאַן גערופען צו זיך די ראשי הקהל פון קראָקא און האָט זיי באַדאַנקט פאַר די חסדים וואָס זיי האָבען געצייגט צו איהם און צו זיין ווייב און קינד און האָט זיי אָנגעבעטען צו זאָרגען פאַר זיין ווייב און קינד נאָכדעם ווי ער וועט פון דער וועלט אַוועק. ער האָט די ראשי הקהל געבענשט און באַלד נאָכדעם אויסגעהויכט זיין נשמה.

אליהו האָט געזאָגט קדיש און געלערנט נאָך דער נשמה פון זיין פאָטער. צום ערשטען מאָל, אז ער האָט מיט זיינע תפלות און מיט זיין לערנען זיך געצייגט פאַר׳ן עולם. אלע האָבען געקענט זעהן, אז ווי יונג ער איז, אזוי גרויס איז זיין צדקות און אז זיין לומדות האָט ממש קיין שיעור ניט.

דערווייל איז אָנגעקומען זיין בר מצוה און די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַטייליגט אין דער שמחה. עטליכע וואָכען שפּעטער האָט ער געלאָזט וויסען זיין מוטער, אז ער איז געקומען צו דער מסקנא צו פאַרלאָזען קראָקא און אוועקצואוואַנדערען ערגעץ. זיין מוטער, וועלכע האָט שוין וועגען דעם געוואוסט, האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט און איהם געגעבען איהר ברכה.

וואו אליהו האָט אוועקגעוואַנדערט און וואָס ער האָט געטהאָן פאַר א משך פון פערציג יאָהר צייט, פון יאָהר ש״י, ווען ער האָט פאַרלאָזט קראָקא, ביז ש״ן, ווען ער האָט זיך פּלוצים באַוויזען אין ווירמייזא, דייטשלאַנד, ווייס קיינער ניט. אָבער, אז מען האָט פון איהם דערהערט אין ווירמייזא, איז ער שוין געווען באַקאַנט אלס ר׳ אליהו בעל שם.

אָנגעקומען קיין ווירמייזא איז ער ניט אליין. ער איז געקומען מיט א

ווייב. מען האט זיך דאמאלס אויך דערוואוסט, אז ער האט א זוהן און צוויי טעכטער, אלע אויסגעגעבען און זיי וואוינען ערגעץ ווייט.

ר' אליהו בעל שם איז באלד מפורסם געווארען ווי א רופא חולים, א מפקד פון עקרות און ווי א מעל מופת. זיין הויז איז געווען אפען פאר אלעמען. ווער עס האט געהאט עפעס א בקשה איז געקומען צו איהם. ער האט אויף זיין חשבון אויסגעהאלטען א ישיבה. גאנצע מחנות אידען זיינען צו איהם געקו־מען פון נאהענט און פון ווייט.

דער עיקר זיינען צו איהם געקומען ארימעלייט, ממש מארבע פנות העולם. זיי פלעגען אפזיצען ביי איהם וואכען און אפט חדשים. אזוי איז ר' אליהו בעל שם אפגעזעסען אין ווירמייזע צעהן יאהר און זיין פרסום איז מיט יעדען יאהר געווארען גרעסער. אויף הונדערטע מיילען ארום האט מען גערעדט וועגען זיינע מופתים.

אין יענער צייט איז אויך געווארען מפורסם דער גרויסער גאון און צדיק ר' פנחס זעליג פון שפייער. ער איז געווען א גוט־הארציגער און פריינטליכער מענש און דערצו א גרויסער עניו און סבלן. דאך איז ער געווען מיט א שטאר־קען און אומבויגזאמען ווילען. ווען עס האבען זיך צו איהם דערטראגען די מעשיות וועגען ר' אליהו בעל שם'ס מופתים, האט ער אויסגעקליבען דריי פון זיינע בעסטע תלמידים און האט זיי געשיקט קיין ווירמייזע אויסצוגעפינען וואס פאר א מענש דאס איז דער ר' אליהו בעל שם און אויב עס איז דא עפעס א ממשות אין דעם וואס מען דערצעהלט וועגען איהם.

ר' אליהו בעל שם האט די דאזיגע שלוחים אויפגענומען מיט גרויס פריינטליכקייט. זיי זיינען ביי איהם אין הויז פארבליבען צעהן טעג. פאר דער צייט האט ער מיט זיי גערעדט תורה און האט מיט זיי געלערנט דעם זוהר און פאר זיי אנטפלעקט גרויסע סודות על פי קבלה. ר' פנחס זעליג'ס תלמידים האָ־בען זיך געפיהלט פולשטענדיג צופרידען מיט דער לומדות און צדקות פון ר' אליהו'ן.

זיי האבען זיך אויך צוגעקוקט ווי ער נעהמט אויף פארשידענע חולאים, וואס זיינען צו איהם געקומען פון נאהענט און פון ווייט, און ווי אזוי זיי ווערען אלע געהאלפען. די רפואות וואס ער האט די חולאים געגעבען זיינען באשטאנען פון געבעקס מיט האניג אדער בוימעל, נעגעלאך מיט האניג, מעד, ראזשינקע ווייַן אדער ביער. די שלוחים פון דעם גאון פון שפייער האבען פשוט זיך ניט געקענט אפוואונדערען ווען זיי האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהען ווי חולאים וואס האבען זיך ממש ניט געקענט האלטען אויף די פיס, זיינען אין א טאג אדער צוויי, נאכדעם ווי זיי האבען איינגענומען די רפואות וואס דער ר' אליהו בעל שם האט זיי געגעבען, פולשטענדיג געזונט גע־ווארען.

א סך פלעגט ר' אליהו בעל שם אינגאנצען קיין רפואות ניט געבען, נאר האט זיי אריינגענומען אין א חדר מיוחד און האט זיי געזאגט מוסר, רופענדיג זיי צו תשובה. די חולאים פלעגען אויסברעכען אין א געוויין און פון דער טי־פעניש פון זייערע הערצער טהאן תשובה. זיי זיינען דאן אין משך פון א פאר טעג געווארען געזונט.

די שלוחים האבען זיך צוריקגעקעהרט צו ר' פנחס זעליג'ן און האבען

איבערגעגעבען וואס זיי האבען געהערט און געזעהן ביי ר׳ אליהו בעל שם אין ווירמייזע. זייער מיינונג וועגען איהם איז געווען א געהויבענע. זיי האבען קיין ספק ניט געהאט, אז ער איז טאקע דאס וואס מען זאגט וועגען איהם. אגב האבען זיי אויך דערצעהלט וואס זיי האבען געהערט פון ר׳ אליהו׳ן וועגען קבלה און זיינע אויסטייטשונגען פון זוהר, וואס ער האט געהאלטען פאר א גאר הייליגען ספר, וועלכער אנטהאלט אלע סודות פון דער תורה.

דאס האט שטארק אויפגעבראכט דעם גאון פון שפייער. ר׳ פנחס זעליג האט שוין לאנג געהאט געפיהרט מלחמה געגען קבלה בכלל און געגען זוהר בפרט. פון דעם סאמע ערשטען טאג וואס דער זוהר איז אפגעדרוקט געווארען אין איטאליע און איז אנגעקומען קיין דייטשלאנד צו די דארטיגע רבנים, איז ר׳ פנחס זעליג, כאטש ער איז נאך דאמאלס געווען גאר א יונגערמאן, ארויס־געטראטען געגען דעם דאזיגען ספר.

דער זוהר איז צוערשט אפגעדרוקט געווארען אין יאהר שי״ח אין מאנ־טאווע און קרעמאנע, איטאליע. די באוואוסטע גאונים פון איטאליע אין יענער צייט, ר׳ עזריאל טרביטו, דער ראש פון דער ישיבה אין אסקולא, און דער גאון ר׳ יוסף איטאלינג, דער ראש פון דער ישיבה אין קרעמאנע, האבען דעם אפ־געדרוקטען זוהר צוגעשיקט צו דעם בארימהטען גאון און מקובל ר׳ אליעזר, דער רב פון פראנקפורט־אם־מיין. דורך איהם האבען זיך די גרויסע לומדים פון דאמאלדיגען דייטשלאנד באקאנט מיט׳ן דאזיגען ספר און האבען אויף איהם געגעבען זייער פולע הסכמה.

ר׳ פנחס זעליג, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז דאמאלס געווען, ווי געזאגט, נאך גאר יונג, איז ארויסגעטראטען געגען דעם זוהר און אויך געגען דער קבלה. ער האט באלד געוואונען א סך אנדערע אויף זיין זייט און א מלחמה איז דערקלעהרט געווארען געגען דעם זוהר און געגען קבלה און די וואס האבען פון זיי געהאלטען. די דאזיגע מלחמה האט שוין געהאט אנגעהאלטען דרייסיג יאהר.

איצט האט ר׳ פנחס זעליג געהאט געהערט פון זיינע אייגענע שלוחים, אז ר׳ אליהו בעל שם איז אויך א מקובל און האלט דערצו, ווי אלע מקובלים, דעם זוהר פאר דעם סאמע קוואל פון די קבליסטישע סודות. איז ער געווארען שטארק אויפגעבראכט און האט איינגערופען א בית דין, וואס זאל באשליסען וואס צו טהאן מיט דעם בעל שם פון ווירמייזע. באוואוסטע גאונים זיינען ארויסגערו־פען געווארען צו אן אסיפה. ר׳ פנחס זעליג האט אויפגעשטורעמט די פאר־זאמעלטע מיט דער דרשה וואס ער האט געהאלטען, אנווייזענדיג, אז ר׳ אליהו בעל שם, וואס פאר א גדול ער זאל ניט זיין אין תורה, האט זיך פשוט פארנר־מען אויף א געפעהרליכען דרך מיט דעם וואס ער האלט זיך ביי דער לעהרע פון קבלה און האלט אין אויסטייטשען אויף זיין אייגענעם אופן דעם זוהר.

נאך א לאנגער שקלא וטריא איז געבליבען, אז מען זאל אויסקלייבען נייע שלוחים, וועלכע זאלען באשטעהען פון די סאמע גדולי הדור פון יענער צייט, וואס זאלען פאהרען קיין ווירמייזע צו ר׳ אליהו׳ן און איהם מוסר מודעה זיין, אז ער מוז אויפגעבען זיין דרך, אז ער זאל אויפהערען באנוצען שמות אין היילען חולאים און ביים מפסד זיין עקרות, אז ער זאל בכלל מעהר ניט לערנען קיין קבלה און מעהר ניט מאכען קיין פרושים אויפ׳ן זוהר. די התראה זאל

זיין אזא שטארקע, אז אויב ער וועט ניט וועלען ענדערען זיין דרך, זאל ער אויפגעפאדערט ווערען צו פארלאזען דייטשלאנד, ווייל דארט וועט אזא דרך ווי זיינער ווייטער גיט געדולדעט ווערען.

נג.

נסתרים און חסידים

דער חילוק פון די אמאליגע און די שפעטערדיגע נסתרים. — דער איסור געגען דעם בעל שם פון ווירמייזע. — חדות און עצבות.

די שלוחים, וואס דער בית דין אין שפייער האט אויסגעקליבען, זיינען געקומען קיין ווירמייזע צו ר' אליהו בעל שם און האבען איהם איבערגעגעבען די פאדערונגען, אז ער זאל אויפהערען לערנען קבלה מיט'ן עולם און זאל אויפהערען זיך באנוצען מיט השבעות ביים היילען קראנקע. ר' אליהו האט די שלוחים אויפגענומען פריינטליך און האט גוטמוטיג אויסגעהערט די פאדערונגען מיט דער התראה, אז אויב ער וועט ניט פאלגען, וועט ער מוזען פארלאזען דאס לאנד. ר' אליהו בעל שם האט דאן געענטפערט על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. וואס איז נוגע דעם למוד פון קבלה, האט ער געזאגט, אז דאס איז אן ענין פון דברי הרב און דברי התלמיד, דברי הרב, דער אויבערשטער, ודברי התלמיד איז דברי מי שומעים, וועמען דארף ער פאלגען? ! וואס איז נוגע דער אופן ווי ער היילט חולאים, האט ער פארזיכערט, אז ער האט זיך קיין מאל ניט באנוצט דערביי מיט השבעות.

ר' אליהו בעל שם האט דערביי ארויסגעזאגט זיין באגעהר צו פאהרען קיין שפייער צו דעם גאון ר' פנחס זעליג'ן כדי מיט איהם זיך דורכצושמועסען און איהם באווייזען, אז ער איז אומגערעכט מיט דעם וואס ער פיהרט מלחמה געגען די וואס גיבען זיך אפ מיט קבלה.

נאך אט דער דערקלעהרונג האט ר' אליהו בעל שם זיך געלאזט אין וועג אריין קיין שפייער, אבער זיינע רייד צו ר' פנחס זעליג'ן האבען ניט געהאט קיין פעולה. ר' פנחס זעליג, האט אפילו ניט געוואלט זיך אויס'טענה'ן מיט איהם. ער האט גוזר געווען, אז ער זאל באלד ענדערען זיין דרך און זאל וועגען דעם לאזען וויסען בפני כל עם ועדה. ר' פנחס זעליג האט דאן דערקלעהרט, אז ער שטעלט ר' אליהו בעל שם און אלע זיינע נאכפאלגער אונטער א איסור, דערפאר וואס ער האט זיך אנטזאגט צו טהאן וואס ער האט פון איהם פארלאנגט. אבער אויך דער איסור האט ניט געהאט קיין ווירקונג אויף ר' אליהו בעל שם. יענער האט זיך צוריקגעקעהרט קיין ווירמייזע און האט ווייטער זיך אפגעגעבען מיט קבלה און מיט היילען קראנקע.

ר' פנחס זעליג האט איצט אנגעהויבען פיהרען א סיסטעמאטישע מלחמה געגען דעם בעל שם פון ווירמייזע. ער האט ארויסגעשיקט זיין עלטסטען זוהן, ר' שמאי זונדעל, איבער דער וועלט, אז ער זאל פאהרען פון שטאט צו שטאט און פון לאנד צו לאנד און זאל אומעטום שטעלען צו שאנד דעם נאמען פון דעם בעל שם פון ווירמייזע. ער האט אויך ארויסגעשיקט אנדערע שלוחים

איבער ווייטיגע מדינות, אז זיי זאלען מפרסם זיין, אז אט דער בעל שם פון ווירמייזע האט זיך אנגעטהאן אין א מלבוש פון געהיימניספולקייט און אז ער באנוצט זיך פשוט מיט כשוף.

נאכפאלגענדיג ר' פנחס זעליג'סביישפיעל, האבען אויך די אנדערע גאונים פון דייטשלאנד אויפגעהויבען א געשריי געגען דעם בעל שם פון ווירמייזע. אזוי האט דער קריג מצד די גאונים פון מדינת אשכנז געגען ר' אליהו בעל שם און די אנדערע מקובלים אנגעהאלטען א לענגערע צייט. זיי האבען אנגענומען, אז שבתי צבי, וועלכער האט זיך שפעטער דערקלעהרט פאר א משיח און וועלכער האט געהאט אזא מיאוס'ן סוף, איבערגעהענדיג צו אן אנדער גלויבען, איז געווען א נאכפאלגער פון דעם בעל שם פון ווירמייזע. אט צוליעב דעם טאקע איז די מלחמה געגען די מקובלים שפעטער נאך מעהר פארשטארקט געווארען.

צוליעב דעם, ווען עס זיינען אויפגעשטאנען גאר אנדערע מקובלים און גאר אן אנדער מין נסתרים, אזוינע וואס האבען נאכגעפאלגט דעם נייעם דרך פון ר' ישראל בעל שם, האבען זיך נאך אלץ געפונען אזוינע וואס האבען געפיהרט מלחמה געגען זיי און פאקטיש פאר די זעלביגע טעמים וואס מען האט געפיהרט מלחמה געגען די אמאליגע מקובלים און נסתרים.

ר' משה ליב, וועלכער האט די דאזיגע פרטים איבערגעגעבען צו ברוך'ן, האט טאקע געשטעלט ר' אברהם זאב'ן פון בעשענקעוויטש און ר' שמחה זעליג'ן פון וויטעבסק, וועלכע האבען שטארק באקעמפט די נסתרים פון זייער צייט, אויף דער זעלביגער מדרגה ווי די באקעמפער פון די נסתרים פון די פריהערדיגע צייטען. ווי ר' משה ליב האט געהאט דעם ענין אויפגעפאסט, האט עס געזאלט זיין גאר א קליינער חלוק פון ר' ישראל בעל שם טוב, וועלכער האט געשאפען די חסידישע באוועגונג, און דעם בעל שם פון ווירמייזע, וועלכער האט גאר געהערט צו אן אנדער מין מקובלים.

ברוך האט זיך צו דעם צוגעהערט און האט געהאט ווענען וואס נאכצוטראכטען. ער האט שוין געפיהלט, אז דא ווערט מצד די מתנגדים געמאכט א גרויסער טעות. ער האט שוין אליין געקענט פיהלען, אז וואס איז נוגע ר' ישראל בעל שם טוב און זיינע נאכפאלגער, האט מען דא צו טהאן מיט א גאנץ נייע לעהרע. ברוך האט דערפאר געהאט דעם באגעהר ווייטער אויסצופארשען דעם ענין און צו ווערען קלעהרער אין די שיטות וואס טיילען פארנאנדער די חסידים און די מתנגדים.

ער אליין האט אין הארצען אנגעהויבען פיהלען א ווארעמקייט און א נייגונג צו חסידות. דאס וואס ער האט געהאט געהערט ווענען חסידות האט געפונען אן אפקלאנג אין זיין הארצען. זיכער וואלט ער ניט געוואלט זיך שטעלען אין איין מחנה מיט די וואס האבען געפיהרט מלחמה געגען דעם בעל שם פון מעזשביזש און זיינע חסידים.

דערפאר האט ברוך זיך געפיהלט שטארק געטראפען פון דעם וואס ער האט זיך דערוואוסט, אז ר' אברהם זאב פון בעשענקעוויטש איז געווען איינער פון די ביטערסטע געגנער פון בעל שם און די נסתרים. אט דער ר' אברהם זאב איז געווען דער רבי פון ר' אברהם דער גערנטער פון ליאזשנע, וועמעס

איידעם ער, ברוך, האט אין א קורצער צייט ארום געזאלט ווערן. הייסט עס, אז זיין קינפטיגער שווער, וועלכער איז געווען א תלמיד מובהק פון דעם גאון פון בענשעקעוויטש, האט אויך געמוזט זיין א ביטערער געגנער פון חסידות ווי זיין רבי. דאס איז ברוד'ן גארניט געווען צום הארצן.

אט האט ער גע'חלום'ט פון א ניי לעבען. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז נאך דער חתונה וועט ער זיך קענען פיהרען ווי זיין הארץ גלוסט. אויב ברוך האט אינגאנצען איינגעוויליגט חתונה צו האבען מיט ר' אברהם'ס טאכטער, איז עס געווען דערפאר וואס ר' אברהם האט איהם צוגעזאגט נאכצוקומען אלע תנאים וואס ער האט געשטעלט. ער האט געזאלט האבען זיין אייגען הויז און גארטען אויסערען שטאט. דאס האט געזאלט איהם געבען די מעגליכקייט זיך מפרנס צו זיין דורך דער פראצע פון זיינע אייגענע הענט. ער האט אבער אויך געהאט אין זינען צו מאכען זיין הויז פאר אן הכנסת אורחים. דאס איז געווען דערפאר וואס ברוך האט אויף דעם אופן געוואלט קומען אין באריה־רונג מיט נסתרים, אט טאקע דיזעלביגע נסתרים וואס האבען פארשפרייט די נייע לעהרע פון בעל שם.

איצט האט ער געזעהן מיט אמאל די סכנה, אז אלע זיינע פלענער זאלען צושטערט ווערען. אויב זיין קינפטיגער שווער איז געווען א מתנגד, האט ער מסתמא אויך משפיע געווען אויף זיין טאכטער. יענע וועט אויך זיין א געגנע־רין פון די נסתרים און פון חסידים בכלל. ווער ווייסט אויב זי וועט ניט שטע־רען איהם אין מקרב זיין די נסתרים מיט וועלכע ער האט אזוי שטארק גע־גארט זיך צו באקאנען.

ברוך האט גוט געדענקט דעם זעלטענעם שלום בית צווישען זיין פאטער און מוטער.ביידע האבען שטענדיג איבערגערעדט צווישען זיך וועגען יעדע קלייניגקייט. קיינמאל איז צווישען זיי ניט פארגעקומען קיין חלוקי דעות. וואס דער טאטע האט געזאגט איז געווען קודש קדשים ביי דער מאמען. ער האט תמיד געגארט צו האבען אזא שלום בית ביי זיך אליין. ער איז געווען זיכער, אז דאס וועט טאקע זיין אזוי. איצט האט ער אנגעהויבען שטארק מורא צו האבען אז עס קען זיך אויסלאזען גאר אנדערש.

דאס האט איהם פארשאפט גרויס עגמת נפש און ברוך האט זיך פשוט קיין ארט ניט געפונען. ער האט אפילו ניט געהאט פאר וועמען אויסצוריידען זיין הארץ. ער האט זיך דערפיהלט עלענד און פארלאזען. ווי שטענדיג איז אזוינע שווערע מאמענטען איז ברוך אוועק אין א דערבייאיגען וועלדעל און זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראז און האט זיך פארטיעפט אין זיינע רעיונות. שעה'ן לאנג איז ער אזוי אפגעלעגען ביז ער האט מיט אמאל דערהערט א באקאנטע שטימע אנרופען איהם ביים נאמען. דאס איז געווען דעם שמיד'ס אינגסטער איידעם, ר' יצחק שאול.

— דער בעל שם טוב זאגט וועגען אברהם אבינו, — האט ר' יצחק שאול אנגעפאנגען, — וועלכער איז געווען ברייטהארציג מיט זיין געלט, מיט זיין גוף און מיט זיין נשמה, אז מיט זיין געלט האט ער געהאלפען יעדערען וואס איז צו איהם געקומען. מיט זיין גוף האט ער באדינט יעדערען וואס איז געקומען צו איהם אין הויז, און מיט זיין נשמה האט ער פארשפרייט די לעהרע פון נאט צווישען דעם ברייטען עולם. ער האט זיך ניט באנוגענט מיט צדקה

און מעשים טובים נאר האט דוקא געוואלט אז די פשוטע מענשען פון זיין דור זאלען וויסען וואס ער האט זיך דערקונדיגט וועגען דעם אויבערשטען און פון דער יצירה.

מיט דעם האט ר' יצחק שאול געוואלט מסביר זיין ברוד'ן, אז ער איז איהם גרייט צו דיענען מיט אלץ וואס איז נאר אין זיין מעגליכקייט.

אז ברוד איז נאר אלץ געבליבען אין שטילשווייגען, פארטיעפט אין זיינע מחשבות און פארכמורעט, האט ר' יצחק שאול פרובירט אויף איהם ווירקען אויף אן אנדער אופן.

— מיר, די נאכפאלגער פון בעל שם וויסען ניט פון קיין עצבות — האט ער אנגעפאנגען, — מיר האלטען דער עיקר פון חדוה. עצבות איז ביי אונז עבודה זרה. טאקע דערפאר פיהל איך מיך פרעמד דא אין דאבראמיסל. דא וויס מען ניט פון דער חדוה ווי ביי אונז אין חארקי.

ברוד האט זיך שוין מעהר צוגעהערט צו איהם. עס איז געווען אן ענין וועגען וועלכען ער האט טאקע געוואלט האבען א גענויערען באגריף — דער ענין פון חדוה און עצבות, חסידישע חדוה און מתנגדישע עצבות. ר' יצחק שאול האט פאר איהם אנגעהויבען שילדערען דעם חילוק צווישען די צוויי דרכים.

אט נעהמט אזא ענין ווי "מים שלנו", דאס וואסער וואס מען גרייט צו פאר באקען מצות, ערב פסח, האט דער יונגער חסיד געהאט א פארטיגען בייי־שפיעל. אין דאבראמיסל האט מען וועגען דעם געמאכט א גאר קליינעם וועזען. אנדערש איז אבער געווען אין חארקי. דארט איז עס געווען א גרויסע שמחה.

ר' נחמן יצחק, דער רב פון חארקי, איז שוין געווען א זקן פון זעקס־און־נייינציג יאהר און א חלוש דערצו. פון דעסטוועגען האט ער ניט אויסגעפעהלט ביי דער שמחה ווען מען איז געגאנגען שעפען וואסער פון טייך פאר מצות. ער האט שוין מעהר ניט געקענט געהן צופוס און מ'האט איהם דערפאר צום טייך געפיהרט אין א וואגען. דארט האט מען געלייגט א "קליאדקע" און, האלטענדיג זיך אנגעשפארט אן דעם שמש, איז דער זקן ארויף אויף דער "קליאדקע" אנצושעפען דאס וואסער. ר' פסח, "דער פראנצויז", א איד וואס האט געהאט א שם אין חארקי, איז געווען אנגעטהאן אין שטיוועל מיט לאנגע כאלאוועס. ער איז אריין אין וואסער ביים זייט פון אלטען רב, כדי דער זקן זאל אויף זיין פלייצע זיך קענען אנשפארען און זיך איבערגעבויגען אנצו־שעפען דאס וואסער.

אז דאס שעפען פון וואסער איז געווען פארענדיגט, האט דער רב געמאכט שהחיינו און האט אויפגעזונגען א ניגון, פארענדיגענדיג מיט א ברכה, אז מען זאל זוכה זיין צו דער גאולה. דער ניגון איז אויפגעכאפט געווארען פון עולם און ערשט דאן האט זיך דערפיהלט די גרויסע שמחה.

— דא אין דאבראמיסל, — האט ר' יצחק שאול געוואלט מאכען א פאר־גלייך, — וויס מען אפילו ניט ווי זיך משמח זיין שמחת תורה. תמיד איז מען דא פאראומערט און פארזארגט. אט איז מיר דא אויסגעקומען צו זיין סוכות צום ערשטען מאל און איך האב זיך ממש קיין ארט ניט געפונען. די אידען דא האבען, רחמנא לצלן, אויף מיר א מרה שחורה אנגעיאגט.

ר' יצחק האט האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט אנגעהויבען דער־

צעהלען ווי אזוי, ניט קענענדיג מעהר אויסהאלטען די אנגעצויגענקייט און ערנסטקייט פון די מענשען ארום, האט ער שמיני עצרת אליין זיך פרעהלאך געמאכט, האט געזונגען און געטאנצט און דאן אויך אריינגעצויגען אנדערע אין דער שמחה. שפעטער איז איבער דעם געווארען א גאנצע שקלא וטריא ביי די לומדים און אפילו ביים דיין צי מען מעג זיך אזוי פרעהלאך מאכען און אויב עס קען גאר דערפון ניט ארוים קיין חלול כבוד התורה. נע'פסק'ענט האט מען גראד, אז וואס איז נוגע פשוט'ע בעלי מלאכות איז עס פאר זיי ערלויבט.

צו די הקפות אין בית המדרש האט ר' יצחק שאול זיך אנגעבאטען צו זינגען ניגונים, פון וואס מען האט אין דאבראמיסל גארניט געוואוסט. איז ווידער געווארען א פראגע אויב מען מעג עס. דער דיין און דער רב האבען וועגען דעם געהאט א ישוב הדעת, באזונדער וועגען דעם אויב מען מעג דערביי אויך געהען א ריקודל, ווי עס פיהרט זיך אין אנדערע קהלות, און אונטער־פליעסקען מיט די הענט.

נאך לאנגען טראכטען האט דער רב גע'פסק'ענט אז מען מעג טאקע זינגען, אבער ווען עס קומט צו פאטשען מיט די הענט זאל מען עס ניט טהאן אויפ'ן פשוט'ען אופן ווי מען וואלט עס געטהאן אין דער וואכען נאר דערביי מאכען א שנוי.

ר' יצחק שאול האט דאן אויפגעזונגען א ניגון. צוערשט האט קיינער איהם ניט ארויסגעהאלפען, אבער צו דער צווייטער און דריטער הקפה האבען זיך אויך געפונען אנדערע וואס האבען אונטערגעכאפט דעם ניגון. שפעטער האבען שוין געזונגען צעהנדליגע פון די מתפללים. דער עולם האט זיך אנגע־הויבען צעווארעמען. ווארים נגינה ברייננט התעוררות און התלהבות. מען האט זיך באלד גענומען ביי די הענט און מען איז אוועק אין א ריקודל. אבער דא האט זיך דער רב אריינגעמישט און, מיט שרעק אין זיין קול, געווארענט דעם עולם, אז מען זאל עס ניט טהאן, ווייל עס קען אין דעם שטעקען א חלול כבוד התורה. דער רב האט זיך בארוהיגט ערשט ווען דער דיין האט איהם פארזיכערט, אז עס איז זיך ניטא וואס צו זארגען, ווייל אין טאנץ נעהמען א חלק נאר עמי הארצים וואס אויף זיי איז אזא ענין ניט חל.

ר' יצחק שאול האט וועגען דעם גערעדט מיט וועהטאג אין הארצען.

— אבער דאס איז נאך ניט אלץ, — האט ער ווייטער גערעדט, — איך האב יענעם שמחת תורה אויסגעפונען עפעס אזוינס וואס האט מיך איינגאנ־צען צעשרויפט.

בעת ר' יצחק שאול'ס ניגונים האבען אויפגעברויזט א גרויסע צאהל פון די מתפללים, באזונדער די פשוט'ע אידען, וועלכע זיינען אריינגעצויגען געווארען אין דעם געזאנג און דאן אויך אין די רקודים, זיינען פון דער זייט געשטאנען די לומדישע אידען און האבען ערנסט געשאקעלט מיט די קעפ ווי זיי וואלטען מיט זיך ניט געקענט צורעכט קומען וואס אזא זאך געשעהט אין זייער בית המדרש, וואו מען האט אזא מין פראווען פון די הקפות, נאך ניט געהאט געזעהן פריהער.

אבער ווי אומצופרידען די לומדישע בעלי בתים זיינען געווען, אזוי שטארק זיינען די פשוט'ע אידען געווען פארכאפט פון די ניגונים און די ריקודים. דאס האט זיי פשוט א נייע נשמה אריינגעגעבען.

ר' חיים שמעון, וועלכער האט שוין פון פריהער מקרב געווען ר' יצחק שאול'ן, האט איצט דערפיהלט נאך א גרעסערע התקרבות צו איהם. ר' חיים שמעון איז אליין געווען א מנגן. ער האט אפילו געהאט א פידעל אין הויז און האט אפט אויף איהר געשפיעלט. ר' יצחק שאול'ס ניגונים האבען איהם שטארק צענומען, ווארים א חוץ די ניגונים אליין האט ר' יצחק שאול געהאט א גאר מתיקות'דיגען קול. אויך די טענץ האבען אויף איהם געמאכט אן איינ־דרוק. ווי זיין שטייגער האט ער דאס וואס די לומדישע אידען האבען געקוקט קרום אויף די ניגונים און טענץ, צוגעשריבען צו דעם וואס זיי האלטען זיך גדלות'דיג און ווילען וואס העכער און וואס דיקער מאכען די מחיצה וואס טיילט זיי אפ פון די פשוט'ע פאלקס מענשען. האט ער זיך צוגערוקט צו ר' יצחק שאול'ן און איהם איינגערוימט אין אויער:

— וועסט באלד זעהן ווי איך וועל זיי אפשמייסען, — האט ער געזאגט.

ר' יצחק שאול האט ניט פארשטאנען וואס ער מיינט. ר' שמעון חיים האט שוין קענטיג געהאט אלץ צוגעגרייט. עס האט געהאלטען ביי די זיבעטע הקפה. ער איז צוגעגאנגען צום שמש און איהם געבעטען, אז אנשטאט ער זאל, ווי געוויינליך, אויסרופען יעדען באזונדער מיט זיין נאמען צו דער הקפה, זאל ער דאס מאל מאכען א שנוי און אויסרופען, אז מיט דער זיבעטער הקפה איז מען מכבד די גרויסע לומדים, באזונדער די וואס זיינען גרויסע עניווים.

דער שמש איז געווען פארוואונדערט. ער האט צוערשט ניט געוואלט מאכען אזא שנוי, דערצו נאך אויפ'ן פארלאנג פון איינעם וואס איז נאך אלעם ניט געווען דער סאמע וויכטיגסטער בעל הבית אין שטאט. האט ר' חיים שמעון זיך געווענדעט צום גבאי און, צי יענער האט ניט געכאפט, אז ר' חיים שמעון איז דא אויסען א שפיצעל, צי ער האט געהאלטען, אז שמחת תורה מעג מען זיך דערלויבען אזוינע זאכען, ער האט דערצו מסכים געווען.

ווי עס קוקט אויס, האט דער מאדנער כרוז פון דעם שמש גאר קיינעם ניט איבערראשט, באזונדער ניט די סאמע גרויסע לומדים וואס זיינען געזעסען אין דער מזרח וואנט. דער ערשטער האט זיך אויפגעהויבען דער רב, נאך איהם דער דיין, נאך איהם ר' שמעון סגי נהור. דער פערטער איז געווען ר' נחום דער פרוש.

ר' חיים שמעון האט דאן געהאט אויף וואס צו טיטלען מיט די פינגער.

— אט זעהט וואס עס מיינט ביי זיי עניוות! — האט ער זיך אויסגע־פיהרט, — זיי האבען אפילו ניט געכאפט דעם חוזק פון דעם אלעם.

דאס איז נאך פאר ר' חיים שמעון'ען ניט געווען גענוג. ער האט שפע־טער, מיט געמאכטער תמימות, א זאג געטהאן צו ר' נחום'ן דעם פרוש, אז איצט ווייס ער, אז ער, ר' נחום, איז דער פערטער אין דער מדרגה פון עניוות, ווייל ער איז געווען דער פערטער זיך אויפצוהויבען.

— פארוואס דער פערטער? — האט ר' נחום צוריקגעפרעגט, — אין דער אמת'ען, ווען מען וואלט אויסגערופען ביי די נעמען וואלט מען מיך געדארפט רופען דעם ערשטען, אויב מען וואלט געגאנגען לויט עניוות נאך, ווייל אלע ווייסען דאך, אז אין דעם ענין פון עניוות איז ניטא צו מיר קיין צווייטער.

ר' נחום איז ניט געווען דער איינציגער וואס האט זיך געהאלטען צו זיין

בארעכטיגט אלס דער סאמע ערשטער בעל עניו. ר' שמעון סגי נהור האט דעם כבוד געוואלט האבען פאר זיך און ער האט עס ר' חיים שמעון'ען שפעטער געזאגט אפען.

— אין דער אמת'ען בין איך געווען דער ערשטער וואס האב זיך אויפ־געהויבען, — האט ער געזאגט, — ווארום ווער קען דען צווייפלען אז איך בין דער גרעסטער עניו, אבער אימיצער האט מיר פארכאפט דעם וועג... איז עס טאקע א חוצפה.

נז.

ווען לומדים קריגען זיך ארום

א פאסירונג אין דעם דאבראמיסלער בית המדרש. — בכורים וואס קומען זיך צוהערען צו א סיום ערב פסח אין-דער-פריה. — פלפול און דרש.

ברוך האט געפיהלט ווי ער וואלט געשטאנען אויפ'ן גרעניץ פון צוויי וועלטען. בעת ער האט געקענט אריינקוקען אין זיי ביידען און זיך שאפען א באגריף וואס זיי שטעלען מיט זיך פאר אין קאנטראסט איינע צו די אנ־דערע, איז ער דאך געווען אפגעריסען פון זיי ביידען. ער האט נאך צו קיינע פון זיי ניט געהערט. האט ער זיך דערפאר געפיהלט איינזאם און דערשלאגען.

נאך שווערער האט איהם געדריקט דאס וואס ער האט אין גיכען געדארפט חתונה האבען, און ער האט נאך ניט געוואוסט וואס זיין קינפטיגער שווער שטעלט מיט זיך פאר, אויב ער געהערט ניט צו די עקשנות'דיגע מתנגדים. וואס וועט איהם דערנאך שטערען אין אויסקלייבען זיין אייגענעם דרך. ברוך האט נאך ניט געקענט ביי זיך באשליסען וועלכער דרך איז דער ריכטיגער און וועלכער איז מעהר צוגעפאסט צו זיין געמיטה. אבער ער האט ניט געוואלט זיין געפענטעט, אז ער זאל שפעטער ניט האבען די בחירה און ווייטער צו פארשען ביז ער וועט קענען באשטימען, דורך אינערליכער איבערצייגונג, וואוהין ער געהערט און וואו זיי נשמה געפינט מנוחה.

מיט א צארטער נשמה און טיעף־פיהלענדיג, האט ברוך, נאך די אלע שמועסען מיט דעם שמיד'ס איידעם זיך געפיהלט צעשרויפט, און אין דער צייט וואס ר' יצחק שאול האט ביי איהם געוואלט ארויסרופען חסידישע חדוה איז גאר אויף איהם אנגעפאלען עצבות. דער פועל יוצא איז געווען וואס ברוך האט שוין יענע נאכט — די נאכט פון ערב פסח, מיט קיין אויג ניט צוגעטהאן. ער איז שעה'ן לאנג געלעגען אויף זיין געלעגער און זיך געפייניגט אין זיינע אייגענע מחשבות. אפט האט ער ארויסגעלאזט ווייטאגדיגע זיפצען וואס זיינען געקומען פון דער סאמע טיפעניש פון זיין הארצען. עס האט איהם אזוי פאר־דריקט ביים הארצען אז ער האט זיך צעוויינט.

אין אט דעם שווערען געמיטה־צושטאנד, האט ער זיך אויפגעהויבען פון געלעגער און זיך געזעצט זאגען תהילים. ער האט זיך באמיהט צו זאגען שטיל, שעפטשענדיג, ווייל ער האט דאך ניט געוואלט אימיצען אויפוועקען אין הויז. דאס האט איהם נאך שווערער געמאכט אויפ'ן הארצען ביז ער איז אריינגע־פאלען אין א מין שלאף, ווען עס האט זיך איהם געדוכט, אז ער בלאנדזשעט

אום איבער א פארלאזענעם וועג איינער אליין, מיעד און דורשטיג. פלוצים האבען אויף איהם אנגעהויבען טריפען טראפענס רעגען. ער האט זיך אויפגעכאפט און דערזעהן לעבען זיך ר' יצחק שאול'ן, וועלכער איז געשטאנען איבער איהם מיט א קריגעל וואסער וואס ער האט געהאלטען אין גיסען אויף זיין פנים.

— וואס איז מיט דיר געשעהן? — האט ר' יצחק שאול איהם געפרעגט מיט רחמנות אין זיינע אויגען — איך האב דורך דער וואנט געהערט ווי דו ווארפסט זיך אויפ'ן געלעגער און אויך ווי דו כליפעסט. דערנאך האב איך געהערט ווי דו זאגסט שטילערהייט תהילים. איך האב פארשטאנען, אז עפעס דריקט דיר אויפ'ן הארצען און בין אריינגעקומען דיך זעהן, אבער, אריינקומענדיג האב איך דיך געפונען ליגענדיג איבער'ן תהילים א פאר'חלש'טער.

ברוך האט זיך צוערשט צעוויינט און דאן צעלאכט.

— דו ביזט צעשרויפט, — האט איהם ר' יצחק שאול געזאגט, — קום, מיר וועלען ארויס אין דרויסען. און ער האט איהם אנגענומען ביים האנט און איהם ארויסגעפיהרט אויף דער פרישער לופט וואו ער האט זיך ביסלעכווייז בארוהיגט. דערווייל האט אנגעהויבען טאגען. זיי זיינען אוועק אין בית המדרש דאווענען מיט'ן ערשטען מנין.

אנקומענדיג אין שטעטעל איז שוין דאבראמיסל געווען וואד. כאטש עס איז ניט געווען קיין מארק-טאג איז דאס שטעטעל געווען פול מיט גוים, וועלכע זיינען זיך אנגעפאהרען צו פארקויפען זאכען וואס אידען דארפען האבען ערב פסח און אויך איינצוקויפען אין די אידישע קראמען, וויסענדיג, אז טעג נאכאנאנד וועלען זיי זיין געשלאסען.

נאכ'ן דאווענען האט עפעס פאסירט וואס האט ווידער געהאט געמאכט א רושם אויף ברוך'ן און וואס ר' יצחק שאול האט אויסגענוצט ווי א נייעם שעת הכושר צו אונטערשטרייכען אז דער דרך החסידות איז א סך א בעסערער און הארציגערער.

געשעהן איז אט וואס: באלד ווי מען האט פארענדיגט דאווענען, האט דעם שמיד'ס עלטסטער איידעם, ר' זלמן מאיר, זיך געזעצט מיט דער מסכת "יבמות" ביים טיש כדי צו מאכען דעם סיום און זאגען דעם הדרן. ער איז געווען א בכור. ארום טיש האבען זיך פארקליבען אנדערע בכורים, לומדישע און פראסטע אידען וואס האבען מיט אט דעם סיום, ווי דער מנהג איז, געוואלט יוצא זיין דעם תענית וואס בכורים זיינען מחויב צו פאסטען ערב פסח.

ר' יצחק שאול האט געהאט זיין אייגענעם סיום, אויף דער מסכת חגיגה. צוליעב זיין שוואגער'ס גרויסע לומדות, האט ער יענעם נעגעבען דעם כבוד צו מאכען זיין סיום ערשט. האט ר' זלמן מאיר אנגעהויבען זאגען דעם סיום, ארויסצייגענדיג זיין גרויסע לומדות. די מעהרסטע פון די צוהערער האבען איהם פשוט ניט געקענט נאכפאלגען. ער איז פאר זיי געווען צו טיעף. איז צוגעגאנגען צו איהם ר' אהרן בינוש, דער גבאי, און צו איהם געזאגט, אז עס וואלט בעסער געווען, ווען ער וואלט געלערנט פשט כדי אנדערע זאלען איהם אויך קענען פארשטעהן. איז דער שטאלצער, לומדישער ר' זלמן מאיר געווארען ברוגז. ער האט עס געהאלטען פאר א פחיתת הכבוד, און האט מיט כעס אויסגערופען, אז אויב ער האט דא צו טהאן מיט אזוינע עמי הארצים וואס

פארשטעהען ניט אזא לייכטען ענין, ווייל ער בכלל פאר זיי ניט זאגען קיין הדרן. ער האט באַרעכטיגט זיין צאָרן דערמיט וואס דאס זאל זיין אַן ענין וואו מען האט פוגע בכבוד געווען א תלמיד חכם און דערפאר איז ער פשוט מחויב צו ציינען "נזיפה" (כעס). ער האט פארמאכט די גמרא און זיך אויפגעהויבען פון טיש. אלע רייד, אז ער זאל זיך לאזען איבערבעטען האבען ניט געהאָלפען.

איז אין בית המדרש געוואָרען א טומעל. דערוויילּ איז אנגעקומען דעם רב'ס איידעם, ר' שלמה. אויך ער איז געווען א בכור און האט געהאט זיין אייגענעם סיום. זעהענדיג אז עס טומלט זיך, האט ער צוגערופען דעם שמש און געפרעגט וואס עס איז געשעהען. אויסגעפינענדיג וועגען דעם, איז ער געוואָרען שטארק אויפגעבראַכט. ער האט צום שמש א זאג געטהאָן הויך אויפ'ן קול אז אלע זאלען הערען:

— זאג דעם שמיד'ס איידעם, אז א תלמיד חכם קען גערעכענט ווערען נאָר אזוינער צו וועמען דער מרא דאתרא גיט זיין הסכמה, ווען ניט איז עס פשוט ווי "מרידה" געגען איינעם וואס איז גרעסער פון איהם און זיין עונש איז גוט באַקאַנט.

עס איז געווען א קלאָרע אנצוהערעניש, אז דעם שמיד'ס איידעם, וועגען וועמען ער האט גערעדט מיט גרינגשעצונג, האט ניט געהאט דאס רעכט זיך צו באטראַכטען ווי א תלמיד חכם און מיט דעם באַרעכטיגען זיין ברוגז. האָבענדיג געזאָגט זיינס, האט ר' שלמה גענומען די מסכת "שבת" און אליין זיך געזעצט מאכען זיין סיום.

דאס האט אָבער ניט איינגעשטילט דעם טומעל אין בית המדרש. דאס וואס ר' שלמה האט אזוי מזלזל געווען דעם שמיד'ס עלטערען איידעם, וועגען וועמעס לומדות אלע האבען גראד גוט געוואוסט, האט געמאַכט א שלעכטען איינדרוק און צעטיילט די דעות. דערווייל איז ר' משה ליב, דעם שמיד'ס צווייטער איידעם, געקומען צו הילף זיין עלטערען שוואָגער. ניט צו בלייבען שולדיג ר' שלמה'ן קיין ענטפער, האט ער אויסגערופען הויך אויפ'ן קול:

— א בארשטער בלייבט א בארשטער אפילו ווען ער טהוט אָן א אצטלא דרבנן.

דאס איז געווען צו דערמאָנען ר' שלמה'ן, אז אויב ער איז דעם רב'ס איידעם, איז ער אָבער א קליינער מיוחס, דער זוהן פון א וואָל־בארשטער.

ר' יצחק שאול איז מיט ברוד'ן געשטאַנען אַן דער זייט. ר' יצחק שאול האט פון דעם קענטיג נאָר געוואָלט דרינגען ווי ווייט עס קען דערגעהן ווען לומדים לאָזען זיך אריין אין קליינליכקייטען און טאַקע, זוכענדיג צו באַשיצען דעם כבוד פון דער תורה, זיינען זיי די תורה גאָר מזלזל.

— עס איז א כלל, — האט ער באמערקט צו ברוד'ן און עטליכע אנדערע אידען וואס זיינען געשטאַנען לעבען איהם, — אז אין א טאָפּ וואו עס איז דאָ ווייניג וואסער זשומעט עס א סך מעהר ווען עס שטעהט אויפ'ן פייער, — און ער האט זיך אליין צעלאַכט.

די דערבייאיגע האבען געכאַפּט דעם אנדייט פון זיינע ווערטער און האבען אויך געלאַכט.

דאס האט נאָך דעם רב'ס איידעם, ר' שלמה'ן מעהר אריינגעבראַכט אין כעס. ער האט אָנגעהויבען רופען דעם שמש, שרייענדיג, אז ער זאל דעם

שמיד'ס איידעמס ארויסוואַרפּען פון בית המדרש. זייער "חוצפה", האָט ער געזאָגט, איז שוין מעהר ניט איבערצוטראָגען.

דער שמש האָט זיך אָבער ניט געריהרט. דער עולם איז געבליבען געפּלעפט.

ר' יצחק שאול האָט דערווייל געמאַכט א נייע, שאַרפע באַמערקונג וועגען דעם רב'ס איידעם.

— זיד'לען איז נאָך איהם ווייניג. ער וויל דעם צווייטען ממש צוטרעטען מיט די פיס, — האָט ער געזאָגט אין זיין געוויינליכען גוטמוטיגען טאָן, — נאָר לאָז ער זיך קאָכען.

אז עס האָט זיך אין בית המדרש אביסעל איינגעשטילט, האָט ר' יצחק שאול, וועלכער איז אליין אויך געווען א בכור, גענומען די מסכת "חגיגה" און האָט זיך געזעצט מאַכען דעם סיום. עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען, אז ער האָט געהאַט מיט וואָס צו איבערראַשען דעם עולם. אנשטאַט אריינצולאָזען זיך אין א טיפען פּלפּול, ווי זיין עלטערער שוואָגער, ר' זלמן מאיר, וואָס ווייניג האָבען פאַרשטאַנען און וואָס האָט געפיהרט צו דעם טומעל, האָט ער גאָר אנגעהויבען מסיים צו זיין די מסכת על פּי דרש.

די מסכת חגיגה ענדיגט זיך מיט א פּלוגתא צווישען ר' אליעזר און די חכמים וועגען דעם אויב די מזבחות אין בית המקדש דאַרפען טבילה פּונקט ווי די אנדערע כלים דאָרט וועגען וועלכע עס ווערען געזאָגט, אז נאָך א יום טוב דאַרף מען זיי טובל זיין צוליעב דעם וואָס אין בית המקדש זיינען אין משך פון יום טוב געווען עולי רגל'ניקעס, וועלכע האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט טומאה. דער גאָלדענער מזבח און דער קופּערנער מזבח, האַלט ר' אליעזר זיינען פּונקט ווי ערד (קרקע), און די ערד איז ניט מקבל קיין טומאה. די חכמים זאָגען אָבער, אז די מזבחות, צי זיי זיינען פון גאָלד אָדער פון קופּער זיינען פאַררעכענט ווי "מצופּין" (צוגעדעקטע זאַכען) און וועגען דעם איז שוין דאָ א חלוקי דעות אויב אזוינע ‚אַכען זיינען מקבל טומאה אָדער ניט.

ר' יצחק שאול האָט אָט די פּלוגתא אנגעהויבען פאַנאַנדערוויקלען על פּי דרש. לויט זיין דרש איז דער תלמיד חכם פּונקט ווי די ערד, ווייל ער האַלט זיך אזוי עניוות'דיג ווי די ערד. ער לאָזט זיך ממש פון אַלעמען טרעטען און טראָגט אַלץ אויף זיך מיט גרויס הכנעה און סבלנות. אָט אזא תלמיד חכם, האָט ער געזאָגט, איז טאַקע ניט מקבל קיין טומאה. וועגען דעם זיינען קיין חלוקי דעות ניטאָ. דאָס איז דער מיין פון ר' אליעזר'ן, ווייל ער רעדט וועגען אזוינע תלמידי חכמים וואָס זיינען אויך בעלי מדה.

דאַגעגען זיינען פאַראַן תלמידי חכמים וואָס זיינען ווי צוגעדעקטע זאַכען זיי פּיהלען דאָך א קליין ביסעל, א שמינית שבשמינית, זייער אייגענעם ווערטה מאַכט עס ניט אויס, ווייל אויף אזוי פיעל "גדלות" מעג יעדער מענש האָבען עס זיינען אָבער פאַראַן אזוינע וואָס האַלטען פון זיך גאָר א סך, שוין צופיעל זיי ווייזען ארויס גאוה און בלאָזען פון זיך. אזוינע זיינען שוין יא מקבל טומאה...

ווען ר' יצחק שאול האָט זיך געזעצט צו זיין סיום, יענעם ערב פּסח איי דער פריה, האָבען זיך זיינע צוויי שוואָגערס געשטעלט פון דער זייט זיך צוצו הערען. זיי האָבען דערוואַרט צו הערען א פּלפּול. ווען זיי האָבען אָבער געהערט

דרש, האבעןביידע געמאכט זויערע מינעס. ר' משה ליב איז וויטער נעבליבען הערען. דער עלטערער שוואגער, ר' זלמן מאיר, אבער, האט זיך אנגעבלאזען. ער האט עס אנגענומען מצד זיין שוואגער ווי א פחיתת הכבוד פאר תלמידי חכמים. ער האט שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן א ברוגז'ער. ער האט זיך אבער צוריקגעקעהרט און וויטער זיך צוגעהערט. קענטיג, אז ער האט געוואלט הערען ווי וויית זיין אינגערער שוואגער וועט געהן אין זיינע אויסטייטשונגען סוגיות אין דער גמרא על פי דרש.

ר' יצחק שאול איז דאן איבערגעגאנגען צו דעם וואס ריש לקיש זאגט אויפ'ן "כפלח הרמון רקתך", אז "אפילו רקנין שבך מלאים מצוות כרמון", אז דער פראסטעסטער איד איז פול מיט מצוות. דאן האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דעם וואס ר' אבוה זאגט אין נאמען פון ר' אליעזר'ן, אז אויף תלמידי חכמים קען "דאס פייער פון גיהנם ניט שולט זיין". צו דעם לעגט צו ריש לקיש, אז אפילו אויף די "רקנין" צווישען די אידען, וועלכע זיינען פול מיט מצוות ווי דער מילגרוים, קען אויך דאס פייער פון גיהנם ניט שולט זיין.

דא האט ר' יצחק שאול געפרעגט וואס אזוינס איז דא ריש לקיש מחדש, און ער האט זיך ארייגעלאזט אין א לענגערע און אינטערעסאנטע דערקלערונג וועגען ר' אבוה'ן און ריש לקיש'ן וואס האט איהם ווידער געבראכט צו דעם געדאנק, וואס ער האט שוין פריהער ארויסגעבראכט, אז דער פשוט'ער אידישער פאלקס-מענש שטעהט אויף א הויכער מדרגה און קען זיך תמיד דערהויבען צו נאך א העכערער מדרגה, און אז די עובדה פון דעם תלמיד חכם דארף זיין'ניט אפצוצאמען זיך מיט א מחיצה נאר צו העלפען דעם פשוט'ען מענשען שטייגען אין זיינע מדרגות.

ר' אבוה און ריש לקיש, האט ר' יצחק שאול מסביר געווען, זיינען געווען אין איין דור. ריש לקיש איז געווען עלטער, ווייל ער איז געווען ר' יוחנן'ס חבר בעת ר' אבוה איז געווען ר' יוחנן'ס א תלמיד. ר' אבוה, האט ר' יצחק שאול מסביר געווען, איז געווען א גרויסער עניו, כאטש ער איז געווען א גרויסער עושר און א מקורב למלכות. ער איז געווען א גרויסער בעל הלכה, אבער ער האט שטארק ליעב געהאט זיך עוסק צו זיין אין דער אגדה. ווען נאר ער האט גערעדט פאר'ן עולם איז עס געווען מעהר וועגען אגדה ווי וועגען הלכה, דערפאר וואס ער האט געוואוסט אז ער קען אויפ'ן ברייטען עולם ווירקען א סך מעהר מיט אגדה ווי מיט הלכה. זיינע רייד אין אגדה זיינען אבער געווען אנגעלעגט אויך ביי די בעלי הלכה, ווארים גאר א סך פון זיי, ווערט דערצעהלט, פלעגען קומען איהם הערען ווען ער האט גע'דרשנ'ט פאר'ן עולם. תמיד זיינען זיינע דרשות געווען דורכגענומען מיט מוסר און האבען מעורר געווען די צוהערער צו תשובה.

אין דער מסכת "סוטה" ווערט דערצעהלט, אז ר' אבוה און ר' חייא בר אבא האבען זיך אמאל צוזאמענגעטראפען אין א שטאט. ר' חייא האט דארט גערעדט וועגען הלכה און ר' אבוה וועגען אגדה. זיינען אפילו די בעלי הלכה, די לומדישע אידען, געגאנגען הערען ר' אבוה'ן. איז ר' חייא בר אבא געבליבען מיט א קליינעם עולם און ער האט דערפון געהאט גרויס פארדרוס. האט אבער ר' אבוה אליין פון דעם אויך ניט געהאט קיין הנאה. ער האט מיטגעפיהלט מיט ר' חייא'ן פאר זיין גרויסע ענטטוישונג. ער האט דאן ר' חייא'ן

פּרובירט טרייסטען מיט א משל. עס זיינען געווען צוויי מענשען, איינער פון זיי האָט פאַרקויפט טייערע שטיינער און דער צווייטער — קליינינקייטען, ווי נאָדלען און אזוי ווייטער. די טייערע שטיינער האָבען נאָר געקענט קויפען גבירים, האָט דער ערשטער געהאַט גאָר ווייניג בעלנים פאַר זיין סחורה. פאַר'ן צווייטענס סחורה זיינען אָבער געווען בעלנים איבער גענוג.

פון דעסטוועגען האָט ר' אבוה געפיהלט, אז זיין אויפגאַבע איז צוצושטעלען די סחורה וואָס דער ברייטער עולם האָט נויטיג און ניט בלויז דאָס וואָס תלמידי חכמים דאַרפען און קענען משיג זיין. דאָס האָט נאַטירליך ניט געמינערט זיין אייגענע פאַרעהרונג פון די תלמידי חכמים וועמען ער האָט שטענדיג אָפּגעגעבען דעם געהעריגען כבוד און תמיד גערעדט אין זייער שבח.

אָט דאָס איז טאַקע געווען ר' אבוה'ס מיין ווען ער האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אליעזר'ן — האָט ר' יצחק שאול אויסגעפיהרט, — אז דאָס פייער פון גיהנם איז ניט שולט אויף די תלמידי חכמים, ווייל זייער גאַנצער וועזען איז פייער, וואָרים די תורה ווערט גערופען פייער (אש), ווי עס שטעהט געשריבען "מימינו אש דת למו". ר' יצחק שאול האָט ווייטער מסביר געווען, אז א תלמיד חכם איז יענער ביי וועמען די תורה איז אריין אין אלע זיינע איברים, ווי עס ווערט דערצעהלט אין מסכת "עירובין", אז ברוריה, די טאָכטער פון ר' חנינא בן תרדיון און די פרוי פון ר' מאיר'ן, וועלכע איז געווען א גרויסע געלערנטע, האָט אמאָל געזעהן ווי איינער פון איהר מאַן'ס תלמידים לערנט בלחש און זי האָט צו איהם געזאָגט: ניט אזוי שטעהט געשריבען. עס שטעהט "ערוכה ושמורה", דאָס מיינט, אז אויב די תורה איז ביי איינעם אין אלע זיינע רמ"ח איברים, דאַן וועט זי ביי איהם אויך זיין אָפּגעהיט; אויב אָבער ניט, דאַן וועט זי ביי איהם זיין נאָר א שיפּעלכעל. אָט וועגען אזוינע תלמידי חכמים, ביי וועמען די תורה איז אריין אין אלע איברים, רעדט עס זיך אז דאָס פייער פון גיהנם האָט אויף זיי קיין שליטה ניט.

וואָס איז שייך ריש לקיש'ן האָט ער געהערט צו א גאַנץ אנדער מין. זיין נאָמען איז, ווי באַקאַנט, געווען ר' שמעון בן לקיש. ער האָט געהאַט א שטורמישע פאַרגאַנגענהייט. ער האָט זיך געהאַט פאַרבונדען מיט א באַנדע רויבער וואָס פלעגט באַפאַלען דורכפאָהרער אין דער געגענט פון ירדן. איינמאָל האָט זיך ר' יוחנן געבאָדען אין ירדן און ווען ריש לקיש האָט איהם דערזעהן האָט ער א שפּרונג געטהאָן צו איהם מיט דער כוונה איהם צו באַרויבען. ריש לקיש וועלכער איז דאַמאַלס געווען יונג און שטאַרק און האָט מיט זיין שפּרונג געהאַט געוויזען זיין גרויסען פיזישען כח, האָט ארויסגערופען ביי ר' יוחנן גרויס פאַרעהרונג.

— אָט מיט אזא כח וואָלסטו בעסער געקענט לערנען תורה, — האָט ר' יוחנן געזאָגט צום רויבער, און נאָכדעם ווי ער האָט צו איהם גערעדט, האָט ער אויף איהם געמאַכט אזא רושם, אז ריש לקיש איז געוואָרען א בעל תשובה.

ער האָט פאַרלאָזט די באַנדע רויבער און איז געוואָרען ר' יוחנן'ס א תלמיד. ער האָט זיך אזוי אויסגעצייכענט אין זיין לומדות, אז אויף אלץ וואָס ר' יוחנן פלעגט זאָגען אין תורה פלעגט ער איהם פרעגען פיער־און־צוואַנציג קשיות און ר' יוחנן פלעגט אויף דעם ענטפערען פיער־און־צוואַנציג תירוצים.

אָט אזוי האָט ריש לקיש ניט נאָר געצייגט זיין שאַרפזין נאָר האָט אויך

געהאַלפען, אז יעדער עניו זאָל גענוי אויפגעקלעהרט ווערען. דערפאר וואס ריש לקיש איז געקומען פון דער גאר נידעריגער שיכט פון פאָלק, האָט ער שטענדיג געהאַלטען מיט'ן פאָלק. ער האָט בעסער ווי אימיצער אנדערש געקענט דעם פאָלקס-מענשען. ער האָט געוואוסט, אז אפילו די נידעריגסטע האָבען אין זיך גרויסע מעלות און אז זיי זיינען "פול מיט מצוות ווי א מילגרוים".

ווען ר' אבוה האָט גערעדט וועגען די מעלות פון די תלמידי חכמים, האָט ריש לקיש געפונען פאר נויטיג אויך צו זאָגען א גוט וואָרט פאר'ן פשוט'ען מענשען, אפילו פאר'ן געפאַלענעם. ר' אבוה האָט דערקלעהרט, אז דאָס פייער פון גיהנם וועט ניט האָבען קיין שליטה אויף די תלמידי חכמים, האָט ריש לקיש, טריי צו זיין גאַנצער אויפפאַסונג, מוסיף געווען, אז אויף פשוט'ע מענשען וועט אויך ניט שולט זיין דאָס פייער פון גיהנם, ווייל אויך זיי האָבען גרויסע זכות'ן.

ר' יצחק שאול האָט דאַן אויסגעפיהרט, אז אויב עס זיינען פאַראַן אידען וואָס זיינען צו פּראָסט, וואָס ווייסען אליין ניט דעם דרך התורה אדער זיינען צו שוואַך, אז זיי זאָלען זיך קענען אויפהויבען צו א העכערער מדרגה, איז עס דער חוב פון די לומדישע אידען זיי צו לערנען און זיי צו מוטיגען און שטאַרקען.

וואָס מעהר ר' יצחק שאול האָט גערעדט אַלץ טיעפער איז געווען דער איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף די צוהערער. דער עולם ארום טיש, ביי וועלכען ער האָט געפּראַוועט דעם סיום, איז געוואָרען גרעסער. מען איז געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט, ממש קאָפּ אויף קאָפּ, ווייל קיינער האָט ניט געוואָלט פארלירען קיין וואָרט וואָס איז געקומען פון זיין מויל.

ר' זלמן מאיר האָט זיך שוין לענגער ניט געקענט איינהאַלטען. ער איז צוגעקומען צו ר' משה ליב'ן און א זאָג געטהאָן:

— לאָמיר געהן אהיים, ווי לאַנג וועלען מיר זיך צוהערען צו די דרשות זיינע וואָס פּאַסען זיך פאר ווייבער?

נח.

דער בעל תשובה

דער בחור'ל מיט "קלאַפּיגע" הענט וואָס איז געוואָרען א גרויסער למדן און בעל צדקה.

— ווען איינער האָט חשק צום לערנען. — דער ניט-פאַרקויפטער חמץ.

ווען איינער זוכט דעם ריכטיגען דרך פון עבודת הבורא, האַלט ער, נאַטירלאַך, פון דעם אַלטען כלל, אז "מכל מלמדי השכלתי". ער האַלט די אויגען אָפען און איז גרייט אויפצוכאַפּען אַלע נייקייטען וואָס ער באַמערקט. איז דערפאר ר' אליעזר ראובן דעם שמיד'ס הויז געווען ביי ברוך'ן אזא אנטפּלעקונג. דעם שמיד'ס דריי איידעמס האָבען פאר ברוך'ן פאַרגעשטעלט באַזונדערע וועלטען. אָבער בעת אין די איידעמס האָט ער געזעהן די חלוקי דעות אין דער לומדישער וועלט, האָט ער אין דעם שווער, ר' אליעזר ראובן'ען, אליין,

געזעהן די תמימות און עהרליכקייט פון דעם פשוט'ען אידישען פאלקס-מענשען.

באטש ברוך האט זיך יענעם ערב פסח שוין געהאט אנגעזעהן און אנגע-הערט גענוג, אז ער זאל אנהויבען פיהלען, אז ער שטעהט על פרשת דרכים, צווישען דעם מתנגדישען דרך און דעם חסידישען דרך, האט ער אבער נאך געהאט א סך צו לערנען פון דעם וואס ער האט געזעהן סיי אין דאבראמיסל און סיי ביי אט דעם שמיד'ס פאמיליע, וועלכע איז פאר איהם געווארען א מין גייסטינע לאבאראטאריע.

אויף יום טוב האט ביי ר' אליעזר ראובן'ען אין הויז געדארפט צוקומען א נייער גאסט — דעם שמיד'ס זוהן שמואל נחום וועלכער האט געלערנט אין א ישיבה. שמואל נחום איז געקומען ערב פסח אינדערפריה, און ברוך האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט איהם. ווארום עס איז געווען דורך ברוך'ס עצה און השפעה, מיט א פאר יאהר פריהער, וואס שמואל נחום איז געשיקט געווארען אין א ישיבה. דער דיין פון דאבראמיסל און זיינע אייגענע שוואגערס, וואס האבען שמואל נחום'ן געהאט פארהערט, האבען געהאט ארויסגעזאגט די מיי-נונג, אז קיין למדן וועט שוין פון איהם ניט ארויסקומען און האבען גע'עצה'ט איהם צו מאכען פאר א בעל מלאכה.

שמואל נחום איז שוין געווען ביי זיין פאטער אין קוזניע. ברוך האט אבער דערזעהן אין איהם די בענקשאפט צו תורה און דעם ווילען צו לערנען און ער האט גע'עצה'ט דעם שמיד צו שיקען זיין זוהן אין א ישיבה, און יענער האט עס טאקע גערן געטהאן. איצט איז שמואל נחום געווען שוין א דערוואק-סענער בחור'ל און ברוך האט אין איהם געזעהן א מערקווירדיגע ענדערונג. ניט נאר האט ער געהאט א באשטימטען דרך אין עבודה, באגרינדעט אויף מוסר, נאר האט אויך געוויזען סמנים פון גאנץ באשטימטע קענטניסען אין לערנען, א סך גרעסערע ווי לויט דער קורצער צייט וואס ער האט פארבראכט אין ישיבה.

איז ברוך דערפאר געווען שטארק פאראינטערעסירט אויסצוגעפינען ווי אזוי שמואל נחום האט אין אזא קורצער צייט געטהאן אזא גרויס פעולה. דער-וואוסט האט ער זיך גאר טשיקאווע זאכען, וואס האבען איהם איבערצייגט, אז אויב איינער האט נאר דעם ווילען צו לערנען תורה, וועט ער שוין געפינען דעם וועג. אט האבען אלע שמואל נחום'ן געהאלטען פאר א "פארשטאפטען מח". דערצו האט ער, ווען ער איז אנגעקומען אין דער ישיבה אין ארשע, זיך דערנעהרט דערפון וואס ער האט עטליכע שעה אין טאג ארויסגעהאלפען א דארטיגען שמיד כדי ער זאל ניט דארפען אנקומען צו קיין מענשען אויסנע-האלטען צו ווערען מיט זיין עסען און מיט אן ארט צו שלאפען. דאס האט פאר איהם געמאכט נאך שווערער צו דערווערבען זיך ידיעות אין לערנען.

האט טאקע צוערשט דער ראש פון דער ישיבה איהם אפילו ניט געוואלט זעצען צווישען די תלמידים. ער איז געווען צו הינטערשטעליג, אז ער זאל קע-נען אריינגענומען ווערען אפילו אין דער נידעריגסטער כתה. האט איהם דער ראש ישיבה איבערגעגעבען צו זיינעם אן ארויסהעלפער, וועלכער זאל מיט איהם לערנען באזונדער. איז אבער יענער געווען א בייזער מענש און האט

איהם אפט געשלאגען, דערפאר וואס ער האט קוים געקענט פארנעהמען דאס וואס ער האט מיט איהם געלערנט.

אין דעם בית המדרש, וואו שמואל נחום האט געלערנט, האט זיך אויפגעהאלטען א זקן, א געוויסער ר' גבריאל שלמה. יענער האט זיך פון דער זייט צוגעקוקט ווי שמואל נחום כאפט אריין קלעפ פון זיין רבי'ן, אבער איז עס מקבל באהבה און זאגט ניט קיין ווארט. האט דער זקן איהם אמאל געפרעגט, ווי דאס קומט וואס ער לאזט זיך שלאגען. אויף דעם האט שמואל נחום געענטפערט, אז ער איז אלץ מקבל באהבה דערפאר וואס ער וויל לערנען תורה און ער ווייס, אז ער איז שטארק הינטערשטעליג.

דאס האט אויף דעם זקן געמאכט א גרויסען רושם און האט זיך אנגעבאטען מיט איהם צו לערנען אבער בתנאי, אז קיינער זאל וועגען דעם ניט וויסען. שמואל נחום איז געוועזן מלא שמחה. נאכדעם ווי ר' גבריאל שלמה האט מיט איהם א לענגערע צייט געלערנט האט ער געהאט אזא פעולה, אז ער איז אריינגענומען געווארען אין דער ישיבה גופא. ר' גבריאל שלמה האט שמואל נחום'ן דאן געגעבען א בריעף צום רב פון דובראוונע און אויף זיין רעקאמענדאציע איז ער אוועקגעפאהרען אהין לערנען אין דער דארטיגער ישיבה.

ווער איז דער זקן ר' גבריאל שלמה געוועזן? שמואל נחום האט וועגען איהם אויסגעפונען מערקווירדיגע פרטים.

ער איז געוועזן א געבארענער פון ארשע. זיין פאטער, אהרן זעליג, איז געוועזן א רייכער פערד-הענדלער, א לומדישער איד און א בעל צדקה. האט ער פון זיין זוהן געוואלט מאכען א למדן, אבער גבריאל שלמה, כאטש ער האט געהאט גוטע כשרונות, האט ער אבער געהאט גאר ווייניג חשק צו לערנען. ער איז געווען א שטיפער און האט נאר געהאט צו טהאן מיט די ווייס-חברה'ניקעס. צו פופצעהן יאהר איז ער געבליבען א יתום און פון דאמאלס אן איז ער איינגאנצען ארויס לתרבות רעה. ער האט זיך אנגעהויבען חבר'ן מיט שלעכטע חברים און איז געווארען א גנב. מען האט איהם אין ארשע א נאמען געגעבען דער "קלעפיגער", דערפאר וואס ווען מען פלעגט איהם כאפען ביי דער האנט גנב'ענענדיג, האט ער געזאגט, אז עס איז ניט זיין שולד, ווייל די גנבה האט זיך "צוגעקלעפט" צו זיינע הענט.

איינמאל איז אין ארשע אנגעקומען א בכבוד'ער אורח און מיט אמאל האט ער זיך ארומגעזעהן, אז עס פעהלען איהם דער טלית און די תפילין. מען האט באלד געווארפען א חשד אויף גבריאל שלמה'ן און מען האט די גנבה טאקע ביי איהם געפונען. האט מען איהם איצט שוין מעהר ניט געוואלט אפלאזען און קהל האט געהאלטען ביים איינטיילען איהם מלקות.

האט זיך אבער דער אורח אריינגעמישט און ניט דערלאזט אז מען זאל גבריאל שלמה'ן טהאן שלעכטס. ער האט געזאגט, אז וואס איז איהם נוגע איז ער איהם מוחל פאר אלץ. וואס איז שייך להבא, האט ער געבעטען, אז מען זאל גבריאל שלמה'ן איבערגעבען אין זיינע הענט. האט מען טאקע געזעהן ווי דער אורח נעהמט גבריאל שלמה'ן אונטער זיין שוץ. ער האט מיט איהם אנגעהויבען האלטען לאנגע שמועסען און מענשען האבען זיך געוואונדערט

וואס אזוינס דער אורח טענה'ט מיט איהם אריין. נאר אידער מען האט ווע־נען עפעס געקענט אויסגעפינען איז דער אורח אוועק פון ארשע און גבריאל שלמה איז אוועק מיט איהם.

ארום פינף־און־צוואנציג יאהר זיינע פאראיבער און אין ארשע האט זיך באזעצט א פיינע בעל־הבית'ישע פאמיליע.

איינמאל, יום כפור קטן, נאכדעם ווי דער רב פון שטאט האט געהאלטען א דרשה, שטארק מוסר'ענדיג דעם עולם, איז דער דאזיגער נייער תושב ארויף אויף דער בימה און בפני כל עם ועדה, דערקלעהרט, אז ער איז עס דער אמא־ליגער גבריאל שלמה, דער גנב, ער וויל, אז אלע זאלען עס וויסען, ווייל ער וויל, אז עס זאל מעהר אויף איהם ניט בלייבען קיין פלעק פאר זיין פארגאנ־גענהייט. אויב עס איז דא אימיצער ביי וועמען ער האט עפעס געהאט גע־גנב'עט, זאל יענער זיך אפרופען און ער וועט איהם פאר דער גנבה באצאה־לען. אלס הוספה האט ער אפגעגעבען א גרויסע סומע געלט צו בויען א בית המדרש און א שוהל און אנדערע קהל'שע בנינים.

אויף דער עלטער האט גבריאל שלמה פארטיילט זיין גאנצען פארמעגען אויף צדקה און האט זיך פארקליבען אין בית המדרש, וואו ער איז געזעסען און געלערנט.

זייענדיג אין דובראוונע האט שמואל נחום אויך געהערט, אז דער אורח וואס האט גבריאל שלמה'ן געהאט מיטגענומען מיט זיך, איז געווען איינער פון די נסתרים און אז אונטער זיין השפעה איז גבריאל שלמה געווארען א למדן און א בעל מדה.

אבער אויב שמואל נחום האט אט ביי דעם דאזיגען מערקווירדיגען בעל תשובה געלערנט תורה האט ער, שפעטער אין דובראוונע, געהאט א געלע־גענהייט צו לערנען מוסר און מדות טובות ביי א געוויסען ר' שלום יחיאל פון הארקי, וועלכער, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען איז געווען א חבר פון ר' יצחק שאול'ן, שמואל נחום'ס אינגסטער שוואגער. אויך יענער איז געווען אונ־טער'ן איינפלוס פון דער נייער חסידישער תורה און דאס וואס ער האט גע־לערנט שמואל נחום'ן איז אויך געווען אין גייסט פון דער תורה פון בעל שם אזוי, אז אין דעם דאבראמיסלער שמיד'ס משפחה זיינען שוין געווען צוויי וואס זיינען געווען אונטער דער השפעה פון דער חסידישער תורה.

דערווייל איז אין דאבראמיסל אין דער ערשטער סדר נאכט עפעס פאר־געקומען וואס האט פאר ברוד'ן און פאר אנדערע געדיענט ווי א מוסר השכל.

עס איז געווען ערב פסח פארנאכט. די אידען פון דאבראמיסעל זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין בית מדרש. פון אלע הייזער האבען שוין גע־פינקעלט די יום־טוב'דיגע ליכט. דער הייליגער יום טוב האט געשמעקט פון אלע ווינקעלאך. אין בית מדרש האט מען נאך ניט געהאט פארענדיגט מנחה און מיט אמאל איז געווארען א גערודער. אהרן שמואל און בצלאל חיים, וועלכע האבען בשותפות געברויט ביער און עס פארקויפט אין די ארומיגע דערפער, האבען זיך געכאפט, אז זיי האבען פארגעסען צו פארקויפען זייער חמץ און איצט איז שוין ממש געווען נאך ליכט־בענשען!

די צוויי שותפים האבען זיך געהאלטען אין ארומקריגען. איינער האט

געוואָרפען די שולד אויף׳ן צווייטען. ביידע האָבען זיך געהאט פארלאזט איינער אויף׳ן אנדערען, אז יענער וועט פארקויפען דעם חמץ ביים רב אדער דיין, ווי עס פיהרט זיך ביי אידען. ערשט, אז די צוויי שותפים זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין בית מדרש, האָבען זיי אויסגעפונען, אז דער חמץ איז ניט פארקויפט געוואָרען.

יעדער האָט געהאַט אַ תירוץ. בצלאל חיים, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען ארומצופאָהרען מיט׳ן ביער איבער די דערפער, האָט גע׳טענה׳ט, אז ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים ערשט שפּעט נאָכמיטאָג. ער איז געווען מיעד און דאָ האָט ער שנעל זיך געדאַרפט מאכען יום טוב׳דיג, געהן אין מרחץ און זיך איבערטהאָן אין די יום טוב׳דיגע מלבושים. ער האָט אויך געדאַרפט עפּעס ארויסהעלפען אין הויז. הייגט ווי האָט איהם געקענט ליגען אין קאָפּ צו פארקויפען דעם חמץ?

אהרן שמואל, ווידער, האָט געהאט אן אנדער תירוץ. אָבער וואָס טהוט מען איצט? חמץ איז דאָך אן ענין וואָס שמעקט מיט כרת יאָהרען!

דאָס הָאָט זיך דערטראָגען צום רב, וועלכער האָט גלייך צוגערופען דעם דיין. עס האָבען זיך אויך פארקליבען די לומדים פון מזרח וואנט.

דעם רב׳ס פּסק איז געווען, אז די פעסער ביער, וואָס האָבען זיך געפונען אין זייער ברויעריי אויסער׳ן שטאָט זאָלען אויסגעגאָסען ווערען און קיינער זאָל פון דעם ניט קיין הנאה האָבען; די כלים און די גערשטע און האָבער פון וואָס דער ביער ווערט געברויט זאָלען פארשלאָסען ווערען אין דער ברויעריי ביז איבער׳ן יום טוב.

מיט דעם האָט דער ענין געזאָלט זיין דערליידיגט. בצלאל חיים האָט זיך אָבער מיט דעם נאָך ניט באנוגענט. ער האָט מורא געהאט, טאָמער איז ער מיט דעם נאָך ניט יוצא. באלד נאָך מעריב איז ער צוגעקומען צום דיין און מיט טרערען אין די אויגען געבעטען, ער זאָל איהם געבען א תשובה.

— איך בין א פּשוט׳ער איד — האָט ער געוויינט — איך האָב אלע מיינע יאָהרען פארבראכט אין א דאָרף צווישען גוים. איך בין א בעל מטופל און האלט דערצו אויס א פּאָר אלמנות מיט זייערע קינדער. זאָגט מיר, וואָס איך זאָל טהאָן, כדי די גרויסע עבירה וואָס מיר זיינען באגאנגען, זאָל אונז פארגעבען ווערען — אויף איהם קוקענדיג איז זיין שותף, אהרן שמואל, אויך צוגעקומען צום דיין.

דער דיין האָט געפיהלט גרוים מיטלייד מיט די דאָזיגע פּשוט׳ע און תמימות׳דיגע מענשען. ער האָט זיי אָנגעהויבען בארוהיגען, פארזיכערענדיג זיי, אז עס קומט זיי חלילה ניט קיין כרת פאר דעם וואָס עס איז געשעהן.

בעת דער דיין האָט געהאַלטען אין בארוהיגען די צוויי שותפים, האָט זיך דערהערט א יללה פון ווייבער, וועלכע זיינען אָנגעלאָפען אין בית מדרש און זיך געמאכט א וועג צווישען די מתפּללים צום ארון קודש. דאָס זיינען געווען די ווייבער און די טעכטער פון די צוויי שותפים, צו וועמעס אויערען עס האָט זיך שוין געהאט דערטראָגען וואָס עס האָט פּאסירט. מיינענדיג, אז דאָס מיינט, רחמנא לצלן, זייער סוף, זיינען זיי געקומען מיט יללות אין בית מדרש. דער דיין האָט געמוזט ארויף אויף דער בימה און זאָגען עטליכע

ווערטער, כדי די שותפים און זייערע בני בית זאלען זיך בארוהיגען און אויך אז דער עולם אין אלגעמיין זאל פארשטעהן, אז אייגענטליך איז שוין אלץ דערליידיגט.

דער עולם האט זיך אנגעהויבען צוגעהן אהיים און בעת אלע האבען גערעדט נאר וועגען דעם צער פון די צוויי שותפים, האבען די לומדישע אידען, צווישען זיי אויך די עלטערע צוויי איידימס פון ר' אליעזר ראובן דעם שמיד, זיך גע'פלפול'ט וועגען דעם דין בכלל און וועגען חמץ בפרט.

ר' יצחק שאול און ברוך, דאגעגען, האבען געהענדיג אהיים מעהר גערעדט וועגען דער תמימות פון די צוויי שותפים.

— דאס צייגט ווי ריין עס זיינען די הערצער פון אט די פשוט'ע אידען — האט ר' יצחק שאול באמערקט, און ברוך האט מיט איהם מסכים געווען.

אהרן שמואל איז געווען א געבארענער אין דאבראמיסעל. ער איז געווען בטבע א שווייגער און א צוריקגעהאלטענער. מען האט איהם זעלטען געהערט אויסריידענדיג א ווארט. אפילו ביים דאווענען האט מען איהם קוים געהערט. ער האט תמיד געזאגט די תפילות שטילערהייט און דאס אויך האלבע ווערטער.

בצלאל חיים איז געווען א דארפישער מענש. ער איז געקומען פון דעם דארף קאמארי און מען האט איהם דערפאר גערופען דער קאמאריער. דער ערשטער וואס האט זיך באזעצט אין יענעם דארף וואס האט געהערט צו דער פריצישער פאמיליע רעאוט, איז געווען בצלאל חיים'ס זיידע, משה בנימין, וועלכער האט געהאט דעם צונאמען "קאצאפ", דערפאר וואס ער האט גע־קענט זינגען רוסישע לידער און טאנצען רוסישע טענץ. משה בנימין איז גע־ווען א פערד הענדלער און צוליב זיינע מסחרים פלעגט ער אנשלאגען אין וויטערע רוסישע שטעט ווי סמאלענסק און אריאל. דארט האט ער זיך צו־געהערט צו די רוסישע געזאנגען און צוגעקוקט צו די רוסישע טענץ.

געווען איז משה בנימין א פרומער איד, וואס וואלט גארניט געטראכט פון נאכמאכען די גוים. האט ער אבער אמאל זיך צוגעהערט ביים עין יעקב טיש ווי גרויס עס איז די מצווה פון משמח זיין דעם עולם אויף חתונות און ווי אזוי געוויסע תנאים און אמוראים פלעגען אויף פארשיידענע אופנים משמח זיין חתן כלה. האט ער אויך באקומען חשק צו ווערען אן אונטער־האלטער אויף חתונות און טאקע דורך די רוסישע לידער און טענץ.

האט זיך משה בנימין איינגעהאנדעלט א פוטערנע רוסישע היטעל, א רוסישען קאסטיום און שטיוועל און ווען נאר עס איז ערגעץ פארגעקומען א חתונה, איז ער דארט געקומען און געזונגען און געטאנצט. אזוי האט ער באקומען דעם נאמען "קאצאפ".

ווען משה בנימין האט זיך באזעצט אין קאמארי, איז דער דאמאלסדיגער פריץ געווען איינער מיט'ן נאמען יוזעף און ער איז געווען א גרויסער אוהב ישראל. גאנץ אפט פלעגט ער אנלאדען וועגענער מיט תבואה און מיט גרינסען און פרוכט און זיי שיקען קיין דאבראמיסעל צום דאמאלסדיגען רב, ר' תנחום שמואל'ן, אז ער זאל עס פארטיילען צווישען ארימעלייט.

יוזעף'ס פריינדשאפט צו אידען האט זיך גענומען צוליב א באשטימטער געשעהעניש. ווען ער איז געווען א קינד פון אכט יאהר, איז ער ארונטערגע־

פאלען פון א פערד און צעבראכען זיין נאקען. האט מען געשיקט נאך דעם רופא און יענער האט איהם איינגעבאנדאזשירט. דאס האט אבער ניט איינ־געשטילט דעם קינד'ס וועהטאגען. יוזעף האט באקומען היץ און האט פאר־לארען זיין באוואוסטזיין.

יוזעף'ס פאטער איז געווען א פריי־געזאנגענער און דערצו א גאנץ קליי־נער אוהב ישראל. זיין מוטער איז גראד געווען דער היפוך. באזונדער האט זי שטארק געהאלטען פון אידישע צדיקים, וויסענדיג, אז דער דאבראמיסלער רב, ר' תנחום שמואל, איז א גרויסער צדיק, האט זי גענומען דאס קינד צו איהם.

האט דער רב איהם געגעבען זיין ברכה און האט געהייסען פון איהם ארונטערנעהמען די באנדאזשען. דאס קינד איז באלד אויף'ן ארט געזונט געווארען.

בעת די פריצ'טע איז מיט'ן קראנקען קינד אוועקגעפאהרען צום רב אין דאבראמיסל איז דער פריץ ניט געווען אין הויף, ווייל אנדערש וואלט ער ניט געלאזט איהר טהאן אזא זאך. ווען ער אנגעקומען אין הויף און האט געהערט, וואס די פריצ'טע האט געטהאן, איז ער אריין אין א גרימצארן.

— ווי וואגט זי טהאן אזא זאך? — האט ער געשריען — זי וועט מיך מאכען צום נארען! אלע וועלען איצט פון מיר מאכען חוזק!

דער פריץ האט באלד ארויסגעשיקט א רייטער, אז ער זאל לויפען קיין דאבראמיסעל און אנזאגען דער פריצ'טע זיך ניט נאריש צו מאכען און תיכף ומיד זיך צוריקקערען אהיים. ער האט גלייכצייטיג אויך געשיקט א צווייטען רייטער צום גלח, אז ער זאל פאר דער פריצ'טע ארויסגעבען א תשובה פאר דעם וואס זי האט פארשוועכט איהר קריסטליכקייט מיט דעם וואס זי איז געפאהרען צו א רב.

אבער איידער דער רייטער האט זיך צוריקגעקעהרט איז שוין די פריצ'טע אנגעקומען מיט יוזעף'ן. דאס קינד איז געווען פריש און געזונט. די פריצ'טע איז געווען אין זיבעטען הימעל און האט געהאלטען אין ריידען וועגען די וואונדער פון דעם דאבראמיסלער רב.

דער פריץ האט איצט געזעהן מיט זיינע אויגען דעם וואונדער וואס עס איז געשעהן. ער האט אבער אלץ ניט געוואלט פארגעבען זיין ווייב.

— דאס האט ער נאר געקענט טהאן מיט כשוף, — האט ער געזאגט — ווי אנדערש האט ער געקענט באווייזען אזא וואונדער? איצט וועט מען נאך מעהר שפאסען פון מיר!

דער פריץ האט ניט געקענט פארגעבען זיין ווייב און ער האט אויך ניט געוואלט פארגעבען דעם דאבראמיסלער רב. ער האט דעם צדיק געשאלטען און געזידעלט. דער סוף איז געווען, אז ער איז אין א קורצער צייט ארום קראנק געווארען און איז געשטארבען. יוזעף איז געווארען דער יורש און איז דער־צווינגען געווארען פון זיין מוטער ווי א פריינט פון אידען, און דאס איז ער געווען זיין גאנצען לעבען.

נט.

דער גליקליכער נשרף

דער איד וואס איז געווען מלא שמחה וואס זיין פארמעגען איז אוועק מיט'ן פייער. — גוי'ישע אכזריות. — די שרפה אין דער ערשטער נאכט. — געזונטע און קראנקע מלאכים.

בעת משה בנימין האט קיין מאל ניט דערוואַרט קיין שכר אויף דער וועלט פאר דעם וואס ער פלעגט משמח זיין חתן־כלה אויף חתונות מיט רו־סישע טענץ און געזאנג, האט ער אבער דאך באקומען זיין באלוינונג. דאס איז געשעהן אויף אזא אופן:

דער פריץ פון קאמארי, יוזעף, איז איין מאל געקומען אויף א אידישער חתונה און ער האט צום ערשטען מאל געזעהן ווי משה בנימין דער "קאצאפ", אנגעטאן אין רוסישע קליידער, האט געזונגען און געטאנצט ווי אַן "אמת'ער" רוס. איז דאס דעם פריץ שטארק געפעלען געווארען. ער האט דעם אידען פארבעטען זיך אריינצוקלייבען צו איהם אין הויף און האט איהם געמאכט פאר זיין רעכטע האנט אין אלע זיינע מסחרים. ער האט איהם א נאמען גע־געבען "מאשקע מאסקוויל".

פון דאמאלס אַן איז משה בנימין'ען אוועק גוט. ער איז נאך געווארען פרימער ווי פריהער. ער האט זיך געמאכט אַן עירוב תחומין כדי ער זאל שבתים און ימים טובים קענען געהן אין שטעטעל אריין און מען זאל אויך פון שטעטעל קענען קומען צו איהם. דארט אין הויף איז געבארען געווארען זיין זוהן יאשע.

משה בנימין האט זיך שטארק באמיהט צו מאכען זיין זוהן פאר א למדן, אבער עס האט איהם ניט מצליח געווען. האט ער איהם גענומען אין זיינע מסחרים. כאטש יאשע איז געווען א קליינער למדן, איז ער אבער געווען א גרויסער ירא שמים. ער האט אפגעהיט טאג־איין און טאג־אויס צו געהן אין דאבראמיסל דאווענען בצבור און אויך זיך צוהערען ווי מען לערנט עין יעקב און אנדערע למודים וואס ער האט געקענט פארנעהמען.

אויפ'ן זעלביגען פריצישען הויף איז אויך געבארען געווארען בצלאל חיים, וועלכער איז, ווי זיין זיידע און זיין טאטע, געווען א פראסטער מענש אבער דערפאר א גרויסער ירא שמים. שפעטער האט זיך בצלאל חיים איבער־געקליבען אין דארף קאמארי און פון דארט אין דאבראמיסל. ער איז געווא־רען א שותף מיט אהרן שמואל'ן אין ברויען ביר און איז פארקויפען די סחורה אין די דערבייאיגע דערפער.

מיט זיין תמימות און שטענדיגע אפגעהיטקייט איז גאר ניט געווען קיין חידוש וואס ער, אזוי גוט ווי זיין שותף, האט זיך געפיהלט שטארק דערשלא־גען יענעם פסח צו נאכט ווען זיי האבען זיך ארומגעזעהן, אז זיי האבען פאר־געסען צו פארקויפען דעם חמץ. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דער רב האט זיי אנגעזאגט וואס צו טהאן און וואס דער דיין האט זיי געהאלטען אין בא־

רוהיגען, אז די עבירה איז גאר ניט אזוי גרויס ווי זיי שטעלען זיך פאר, איז אבער בצלאל חיים נאך אלץ ניט געווען צופרידען און ער איז אוועק אהיים א דערשלאגענער.

דער סדר איז ביי איהם שוין יענעם מאל געווען א צושטערטער. ער האט זיך א נדר געטהאן מעהר ניט קיין הנאה צו האבען פון דעם וואס איז געווען אין דער ברויעריי. ער האט זיך ניט געוואלט באנוגענען מיט דעם וואס דער רב האט זיי געהייסען אויסגיסען דאס ביר וואס איז געשטאנען פארטיג. בצלאל חיים האט געוואלט געהן א סך ווייטער כדי צו זיין ביי זיך זיכער, אז ער האט יוצא געווען פאר'ן רבונו של עולם.

ערשט דאמאלס האט ער זיך עטוואס בארוהיגט און, פארענדיגענדיג דעם סדר, האט ער זיך געלייגט שלאפען. אבער איידער ער איז נאך איינגעשלאפען האט ער פלוצים באמערקט דורכ'ן פענסטער ווי דער הימעל איז רויט געווא־רען. ער האט באלד פארשטאנען אז ערגעץ האט אויסגעבראכען א שרפה. ער האט זיך שנעל אנגעטאן און איז ארויס אין דרויסער. דערווייל איז דער הימעל געווארען אלץ רויטער. מענשען זיינען שוין געווען אין גאס און אין דער לופט האבען זיך געטראגען קולות "פאזשאר!". מענשען זיינען געלא־פען הענדום פענדום. קיינער האט נאך ניט געוואוסט וואו דאס פייער איז.

ערשט א ווײלע שפעטער האט מען אויסגעפונען, אז די שרפה קומט פאר אויסערן שטעטעל. אט דארט וואו עס האט זיך געפונען בצלאל חיים'ס און אהרן שמואל'ס ברויעריי. עס האבען געברענט א פאר דערבייאיגע הייזער און אויך די ברויעריי. ווען בצלאל חיים איז אנגעקומען אויף דער סצענע, האט ער שוין דארט געפונען אידען און ניט־אידען לעשענדיג דאס פייער. מען האט געטראגען וואסער עמערווייז און מען האט אויך געבראכט וואסער אין קויפען. די פלאמען זיינען געווען צו גרויס אז מען זאל זיי קענען אויסלעשען.

עס האט לאנג ניט גענומען און די פויערשע הייזער ווי אויך די ברויעריי זיינען געווען פארצערט פון די פלאמען. אויב דער עולם האט עפעס געקענט טהאן איז געווען צו פארהיטען, אז דאס פייער זאל זיך ניט פארשפרייטען ווייטער און אז עס זאל זיך ניט דערטראגען קיין דאבראמיסל גופא.

מענשען, וואס האבען געזעהן בצלאל חיים'ן ביי דער שרפה, וואו זיין האב און גוטס זיינען פארצעהרט געווארען אין פלאמען, האבען געקוקט אויף איהם מיט גרויס באדויערען. דאס האט געמיינט אז ער ווערט אן ארעמאן. אבער צו אלעמענס איבערראשונג איז גאר בצלאל חיים געווען מלא שמחה. ער האט ממש געטאנצט פון פרייד. ערשט ווען ער איז געווען זיכער, אז פון דער ברויעריי וועט שוין ניט בלייבען קיין שריד ופליט, איז ער מיט גרויס פרייד געלאפען צוריק אין שטעטעל און האט אויפגעוועקט זיין שותף אהרן שמואל'ן און איהם אנגעזאגט די גוטע בשורה, אז זייער ברויעריי איז אוועק מיט'ן רויך.

— א דאנק דעם אויבערשטען, האט ער געזאגט, מיר קענען איצט זיין בטוח, אז מיר וועלען מעהר ניט נהנה זיין פון דעם חמץ אין אונזער ברויעריי, איך האב זיך סיי ווי א נדר געטאן פון דעם ניט צו האבען קיין הנאה.

צו ערשט האט אהרן שמואל קוים געוואלט מסכים זיין דערצו, אבער אז ער האט זיך דערוואוסט, אז די ברויעריי איז שוין סיי ווי פארלארען, האט

ער צונעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט מסכים געווען אַז דאָס האָט געמוזט זיין מיט'ן ווילען פון רבונו של עולם און אַז דאָס וועט זיין אַ כפרה פאַר דעם וואָס זיי האָבען ניט פאַרקויפט דעם חמץ יענעם ערב פסח.

פון גרויס שמחה איז שוין בצלאל חיים יענע נאַכט ניט געגאַנגען שלאָ־פען. ער איז אַוועק אין בית המדרש מיט אַ שפּראַץ אויפ'ן טאָג. צוליעב דער שרפה האָבען אַ סך אַנדערע שוין אויך ניט געשלאָפען די נאַכט. אין בית המדרש האָבען זיך שוין געפונען אַ היבש ביסעל מענשען. דער עולם האָט איצט נאָר גערעדט וועגען דער שרפה. אַ סך האָבען אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דאָס איז געקומען ווי אַ שטראָף פאַר דעם וואָס די שותפים האָבען ניט פאַרקויפט דעם חמץ. אָבער אַז בצלאל חיים איז אַנגעקומען אין בית המדרש, האָט ער פאַרזיכערט אַז אייגענטליך איז עס גאַרניט קיין שטראָף, ווייל ער באַטראַכט די שרפה ווי אַ ישועה. ער פיהלט איצט לייכטער אויפ'ן האַרצען און זאָרגט נאָר ווייניג איבער דעם וואָס ער האָט פאַרלאָרען זיין פאַרמעגען און זיין פּרנסה.

— זאָל דער אויבערשטער נאָר שענקען דאָס לעבען און דאָס געזונט, — האָט ער געזאָגט, — עס וועט שוין זיין פּרנסה.

האָט מען איצט נאָר גערעדט וועגען דער שרפה און וועגען דעם וואָס דאָס איז געקומען גראָד נאָכדעם ווי די צוויי שותפים האָבען זיך געפיהלט זינדיג איבער דעם וואָס זיי האָבען ניט פאַרקויפט דעם חמץ. דערווייל האָט מען פאַרגעסען זיך נאָכצופרעגען וועגען דעם ווי אַזוי דאָס פייער, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין איינעם פון די שכנ'ישע גוי'שע הייזער, איז אַנטשטאַ־נען. ערשט אויף מאָרגען האָט מען אין דאַבראָמיסל געהערט וואָס עס איז פאָרגעקומען. עס איז באמת געווען אַ מורא'דיגע פּאַסירונג.

ביי דער ברויערייי האָבען געוואוינט אַ פּאָר גוים, וואָס האָבען זיך שטענדיג צווישען זיך אַרומגעשלאָגען. טאַקע יענעם ערב פסח איז איינער פון די גוים באַפאַלען דעם צווייטען מיט אַ שטיק אייזען און האָט איהם צו־בראָכען זיינע ריפּען. דער גוי איז אַוועקגענומען געוואָרען אַהיים ממש אַ האַלב טויטער.

דער געשלאָגענער גוי האָט געהאַט אַ זוהן וועלכער האָט געוואָלט נעה־מען נקמה פאַר זיין פאָטער. איז ער אויפגעשטאַנען אין מיטען נאַכט, נאָכדעם ווי די אידען אין שטעטעל האָבען פאַרענדיגט פראַווען דעם סדר און זיינען שוין געלעגען אין די בעטען, און האָט אונטערגעצונדען דעם שכנ'ס הויז בעת אַלע זיינען שוין דאָרט געשלאָפען. כדי צו זיין זיכער, אַז קיינער פון דעם שכנ'ס משפּחה וועט זיך ניט ראַטעווען קיין לעבעדיגער, האָט דער אונטערצינ־דער פאַרשלאָסען די טהיר פון דרויסען.

דאָס פייער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער'ן הויז מיט דער שלאָפענ־דיגער פאַמיליע ווי אין אַ פּאַסטקע. דריי פון דער פאַמיליע האָבען זיך אָבער דאָך געראַטעוועט, אַרויסשפּרינגענדיג דורכ'ן פענסטער. פיער אַנדערע זיינען פאַרברענט געוואָרען. עס זיינען אויך פאַרברענט געוואָרען די פערד און די בהמות אין שטאַל.

האָט מען אין דאַבראָמיסל געהאַט פון וואָס צו ריידען און אויך ווי־וואָס נאָכצוטראַכטען. ווארום בעת פון איין זייט האָט מען דאָ געפיהלט

שוידער פון גוי'שער רציחה, האט מען פון דער צווייטער זייט געזעהן די שעהנקייט פון דער אידישער נשמה. באזונדער זיינען פון דעם געווען שטארק אנטציקט ר' יצחק שאול און ברוך. ווען ביידע זיינען יענעם פריהמארגען אנגעקומען אין בית המדרש, וועלענדיג גענויער אויסגעפינען וועגען דער שרפה, האבען זיי געפונען חברה תהילים פארזאמעלט אין בית המדרש, זאגענדיג תהילים הויך אויף'ן קול מיט גרויס כוונה.

דער יעניגער וואס איז געשטאנען אויף דער בימה און געזאגט תהילים מיט'ן עולם איז געווען בצלאל חיים. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז בצלאל חיים האט דוקא געוואלט זיין דער פארזאגער יענעם פריהמארגען און געזאגט האט ער דעם תהילים ניט ווי איינער ביי וועמען דאס הארץ איז צובראכען און ווי איינער וואס האט געליטען גרויס היזק, נאר ווי איינער וואס גיט אפ א שבח והודיה צום רבונו של עולם. עס איז געווען קלאר, אז בצלאל חיים פיהלט זיך ווי א בעל שמחה.

— אט האסטו דיר א ביישפיעל פון א פשוט'ען אידען, — האט ר' יצחק שאול באמערקט צו ברוד'ן, — און דאך קוקען די לומדים אויף איהם פון אויבען ארונטער און באטראכטען איהם ווי אז עם הארץ וועלכער האט נישט קיין חלק אין זייער וועלט.

ברוך איז מיט איהם געווען איינשטימיג. ר' יצחק שאול האט איצט פאר ברוד'ן געוואלט ציהען פון דעם אלעם א מוסר השכל:

— פון מיין פאטער האב איך געהערט אין נאמען פון בעל שם, אז דער פשוט'ער מענש איז ווי א פארזייט פעלד וואס ווערט גענערט פון דעם רעגען וואס פאלט פון הימעל און גיט איהר פרוכט צום מענשען און דער תלמיד חכם איז ווי א פעלד וואס ווערט אפגעהיט און בעארבייט און קינסטליך באוואסערט. אזא פעלד וועט ארויסגעבען בעסערע פרוכט ווי א פעלד וואס ווערט איבערגעלאזט צו דער טבע, אבער דאס געוויינליך פעלד שטעהט ניט נידעריגער פון דעם קינסטליך בעארבייטעט פעלד.

א גרויסע איבערראשונג איז פאר ברוד'ן געווען דאס וואס אויך פון דעם שמיד'ס זוהן, שמואל נחום'ען, האט ער געהאט א סך צו לערנען. נאכדעם ווי ער האט פון איהם געהערט ווי אזוי ער האט אין דער ישיבה, אין דובראוונע, געטהאן א גרויסע פעולה אין לערנען, האט ער פון איהם אויך געהערט וועגען זיינע באגעגענישען מיט מענשען און וואס ער האט פון זיי געלערנט.

אויך שמואל נחום איז שוין געווען בעאיינפלוסט פון דער חסידישער לעהרע. אויך ער האט כסדר געהאלטען אין טייטלען אויף דעם וואס די לומדים האלטען זיך אפגעזונדערט פון די פשוט'ע פאלקס-מענשען און קוקען אויף זיי פון אויבען ארונטער ווי זיי וואלטען געהערט צו גאר אן אנדער וועלט.

שמואל נחום האט אין דובראוונע געהאט ארויסגעהאלפען א פאר שעה אין טאג אין א מיהל. דאס האט ער געטהאן כדי צו דערנעהרען זיך דורך אייגענער פראצע. די מיהל האט געהערט צו א געוויסען ר' ירחמיאל הירש, וועלכער איז געווען גאר א גרויסער למדן און ירא שמים. ער האט געהאט א שם אין שטאט פאר דעם שיעור גמרא וואס ער האט געזאגט אין איינעם פון די בתי מדרשים. דער דאזיגער ר' ירחמיאל הירש האט געקוקט מיט ביטול און אפילו מיט פאראכטונג אויף פשוט'ע און פראסטע מענשען. שמואל נחום

האט עס געקענט זעהן פון דעם אופן ווי ער האט באהאנדעלט איינעם פון זיינע מענשען ברוך שמעון'ען, וועמעס עובדה עס איז געווען אויסצולאדען און אנצולאדען די וועגענער וואס פלעגען ברייננגען תבואה צו דער מיהל.

איינגאנצען האט ר' ירחמיאל הירש געהאט אין דער מיהל צוויי אידישע ארויסהעלפער, א חוץ שמואל נחום'ען. דער צווייטער צו ברוך שמעון'ען איז געווען ר' אפרים קלמן, וועלכער האט זיך אפגעגעבען מיט די זארנעס. דער דאזיגער ר' אפרים קלמן איז געווען דער היפוך פון ברוך שמעון'ען. ווי גרויס עס איז געווען ברוך שמעון'ס עם הארצות אזוי איז געווען גרויס ר' אפרים קלמן'ס לומדות. ווען ער איז געשטאנען ביי די זארנעס און געמאלען, האט ער געהאלטען אין לערנען אויף אויסוועניג.

ר' ירחמיאל הירש, דער בעל הבית, האט מיט זיין באציהונג צו אט די צוויי מענשען געוויזען ווי גרויס עס איז ביי איהם דער אונטערשיד פון א למדן ביז א פראסטען מענשען. בעת ר' אפרים קלמן'ען האט ער ארויסגעוויזען גרויס רעספעקט און האט מיט איהם אפט געשמועסט אין תורה, האט ער ברוך שמעון'ען ארויסגעוויזען פשוט'ע פאראכטונג. ר' אפרים קלמן, וועלכער האט זיך גראד באצויגען פריינטלאך צו פראסטע מענשען, פלעגט אפט אויס־ריידען דעם בעל הבית פאר זיין באציהונג צו דעם צווייטען מענשען זיינעם.

ער פלעגט ר' ירחמיאל הירש'ן דערמאנען דעם מאמר חז"ל, אז "אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך" (אז אויב דו האסט געלערנט א סך תורה זאלסטו ניט מיינען אז דו האסט מיט דעם א סך אויפגעטהאן). ר' ירחמיאל הירש פלעגט עס אויסהערען אין שטילשווייגען ווי ער וואלט ניט געוואגט ריידען אנטקעגען דעם לומדישען ר' אפרים קלמן'ען. דאס האט אבער ניט געענדערט זיין באהאנדלונג פון ברוך שמעון'ען, באזונדערס ווען ר' אפרים קלמן איז ניט געווען דערביי.

ער האט יענעם ניט נאר געהאלטען אין טרייבען אין דער ארבייט, נאר האט איהם אויך באליידיגט און דערנידעריגט.

איינמאל האט שמואל נחום צוגעזעהן אזא סצענע: עס איז געווען איינע פון די טעג ווען עס איז ניט געווען וואס צו מאהלען. ר' ירחמיאל הירש האט יענעם פריהמארגען געהאט געזאגט זיין שיעור וועגען דער סוגיא פון לייגען אן עירוב אויף א בוים. וועגען דעם געהט אן א פלוגתא צווישען רבין און די רבנן (עירובין לג). האט ער וועגען דעם געהאט געזאגט א פלפול אין וועלכען ער האט ארויסגעוויזען גרויס שארפזין און האט זיך דערפאר געפיהלט שטארק לעילה'דיג. אז ער איז געקומען אין דער מיהל האט ער פאר ר' אפרים קלמן'ען איבערגעזאגט דעם פלפול און ביידע האבען זיך אנגעהויבען מתוכח זיין.

אז די צוויי לומדים זיינען געווען פארנומען אין תורה, און אין מיהל איז ניט געווען וואס צו טהאן, האט דער פראסטער ברוך שמעון דערווייל זיך פאררוקט אין א ווינקעל און מעגלאך, טאקע אוים פארדרוס וואס ער האט ניט געקענט נאכפאלגען וואס די לומדים האבען צווישען זיך גערעדט, האט ער אנגעהויבען זאגען תהילים און פון זיינע אויגען האבען זיך אנגעהויבען גיסען טרעהרען.

דערווייל האבען די צוויי לומדים פארענדיגט זייער תורה שמועס. ר' ירחמיאל הירש האט באמערקט ווי ברוך שמעון זאגט תהילים און פארגיסט

טרעהרען. געהאלטען האט ער ביי די קאפיטלעך פון הלל און האט זיי געזאגט מיט גרויס כוונה, אבער אויף זיין עם הארצות'דיגען שטייגער, ניט דערזאגענדיג קיין ווערטער, א סך ווערטער ארויסקומענדיג פשוט פארגרייזט. איז ר' ירחמיאל הירש צוגעגאנגען צו ברוך שמעון'ן, איהם איבערגעשלאגען און געזאגט איין א טאן פון חוזק און בטול:

— ברוך שמעון, דו הרג'עסט נעבאך אוועק דעם הלל, באגראבסט איהם און באווייבסט איהם. — און ער האט זיך צעלאכט פון זיין אייגענער "חכמה"

ברוך שמעון איז געבליבען זיצען א פארשעהמטער און א דערשלאגענער ר' אפרים קלמן איז געווארען אויפגעקאכט.

— די חכמים זאגען, אז פון יעדען ווארט וואס קומט ארויס פונ'ם מויל פון א אידען אין ליוב פון אויבערשטען ווערט באשאפען א מלאך, מאכט ניט אויס צי דער, פון וועמעס מויל דאס קומט, איז א למדן אדער א פראסטער מענש. די מלאכים וואס ווערען אויף דעם אופן געבארען זיינען דערנאך די מליצי יושר פאר די דורך וועמען זיי זיינען באשאפען געווארען. — האט ר' אפרים קלמן געזאגט מיט שארפען פארוואורף אין זיין קול.

ר' ירחמיאל הירש האט נאך אלץ געלאכט. ער האט אויף ר' אפרים קלמן'ס באמערקונג געזאגט:

— די מלאכים וואס ווערען געבארען פון אזא עברי ווי ברוך שמעון'ס זיינען געוויס מיט מומים און סתם קאליקעס, רחמנא לצלן. קען מען זיך שוין משער זיין וואס פאר מלאכים דאס זיינען...

— און ווי מיינט איהר קוקען אויס די מלאכים וואס ווערען געבארען פון אונזערע חדושי תורה? — האט ר' אפרים קלמן געוואלט זיין קריטיש צו זיך אליין.

— די מלאכים וואס ווערען געבארען דורך אונז, — האט דער מילנער געהאט א פארטיגען ענטפער, — זיינען געזונטע און שטארקע, ווי אויסגעגאסען פון אייזען און שטיין. זיי לויכטען ווי די זון, זיי זיינען פרעהליכע און זינגענדיגע און גרייכען אזש צום כסא הכבוד.

— ניין, ר' ירחמיאל הירש, — האט ר' אפרים קלמן געזאגט, — מיר דוכט, אז די מלאכים וואס ווערען באשאפען, ווי איהר זאגט, מיט מומים זיינען דעם אויבערשטען א סך ליעבער ווי די מלאכים וואס איהר מיינט, ווערען באשאפען געזונט און שטארק אזוי ווי פון אייזען אויסגעגאסען.

ר' ירחמיאל הירש האט אויף דעם ניט געענטפערט. ער איז פון דאמאלס אן געוועזען אפגעהיט זיך ניט צו פארטשעפען מיט ברוך שמעון'ען בעת ר' אפרים קלמן איז געוועזען דערביי. ער האט אבער פון דאמאלס אן געוויזען נאך א גרעסערען ווידערווילען צו ברוך שמעון'ס תמימות און דער עיקר צו דעם וואס ער איז געוועזען אפגעהיט צו געהן צוויי מאל א טאג אין בית המדרש דאווענען. ער האט איהם אפילו אנגעהויבען אויסריידען וואס ער טהוט ניט זיין ארבייט ווי עס בעדארף צו זיין טאקע דורך דעם וואס ער "בטל'ט" אוועק זיין צייט געהענדיג אין בית המדרש...

ברוך שמעון האט זיך אבער איינגעשטעלט פאר זיין רעכט צו געהן אין בית המדרש דאווענען בצבור.

— די צייט צו דאווענען איז מיין אייגענע, — האט ער געזאגט מיט

תקיפות, — און איהר האט ניט קיין רעכט מיר איינצוזאגען וועגען דעם. דאס איז פונקט ווי שבתים און ימים טובים ווען איך דארף ניט טהאן קיין ארבייט.

— אבער דער אויבערשטער דארף ניט דיינע תפלות, — האט ר' ירחמיאל הירש שוין געוואלט איהם אריין אין די ביינער. — פאר אזא עם הארץ ווי ד' ועט זיין נענוג, אז דו וועסט דאוונען אין דערהיים

דא האט שוין ברוך שמעון'ען פארקוועטשט ביים הארצען. עס האבען זיך איהם געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. ער האט געזאגט:

— וואס זאל איך טהאן, אז דער אויבערשטער האט מיר ניט געגעבען קיין כשרונות צו ווערען א למדן? וואס זאל איך טהאן, אז איך מוז אוועקגעבען מיין צייט צו טראגען זעק און קען קוים זיך ווען צוהערען צו א שיעור?

ר' ירחמיאל הירש האט געהאט א פלימעניק. ר' שלום יחיאל פון הארקי, ר' יצחק שאול'ס חבר. ער האט אט דעם פלימעניק געהאט ארייננענומען צו זיך, דערפאר וואס ער האט אליין ניט געהאט קיין קינדער. ר' שלום יחיאל איז שוין געווען פארכאפט פון דעם בעל שם'ס לעהרע, האט ער גראד געהאט צוגעהערט ווי זיין פעטער איז מבייש דעם פשוט'ען און תמימות'דיגען ברוך שמעון'ען און ער האט צו איהם געזאגט:

— פעטער, דער בעל שם האט געזאגט, אז איהם זיינען מעהר ליעב די פשוט'ע מענשען מיט תמימות'דיגע הערצער ווי די לומדים וואס האלטען זיך גרויס מיט זייער לערנען און בלאזען פון זיך.

ער האט איהם דאן אנגעהויבען דערצעהלען וועגען דעם בעל שם און זיינע נאכפאלגער. זיינע רייד האבען אויפ'ן מילנער געמאכט אן איינדרוק און ער האט פון דאמאלס אן אנגעהויבען בעסער צו באהאנדלען ברוך שמעון'ען.

ם.

דער בעל שם פון זאמאשטש

ווער ער איז געווען און די ראל וואס ער האט געשפילט. — א תלמיד פון ר' אליהו בעל שם טוב. — ווי ער האט גערעטעוועט א עדה אידען פון די האידעמאקעס.

ברוך האט שוין געהאט געהערט די מערקווירדיגע געשיכטע פון ר' אליהו בעל שם פון ווירמייזע, וועלכער האט געהאט געגרינדעט די חברה פון נסתרים מיט דער אויפגאבע צו וואנדערען איבער דער אידישער וועלט און דערהויבען דעם גייסטיגען מצב פון אידען. ר' יצחק שאול האט איצט געקענט פאר איהם ווייטער שפינען דעם פאדים פון די געשיכטליכע פאסירונגען און איהם באקאנען אויך מיט אן אנדער מערקווירדיגע פערזענליכקייט. ר' יואל דעם בעל שם פון זאמאשטש, וועלכער איז געווען ר' אליהו בעל שם'ס א תלמיד.

ניט קוקענדיג אויף דער מלחמה וואס ר' פנחס זעליג, דער גאון פון שפייער, האט געפיהרט געגען דעם בעל שם פון ווירמייזע און דעם איסור וואס ער האט ארויסגערופען געגען לערנען קבלה און זוהר, פאדערענדיג פון ר' אליהו'ן, אז ער זאל פארלאזען ווירמייזע און דייטשלאנד, איז אבער דער בעל שם געבליבען אויפ'ן ארט און איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין ארבייט, פארשפרייטענדיג די לעהרע פון קבלה. די צאהל פון זיינע תלמידים זיינען

געוואקסען און די לעהרע פון דער קבלה איז דורך דעם אלץ מעהר און מעהר פארשפרייט געווארען. זיינע תלמידים וועלכע האבען, צוליעב דעם איסור, ניט געקענט זיך אפגעבען מיט קבלה אין דער אפען, האבען עס גע־טהאן פארבארגען. דאס אליין האט געגעבען דעם שטוים צו דעם, אז די דאזיגע תלמידים זאלען זיך, אונטער זייער רבי'ס השגחה, פארבינדען אין א חברה לויט א באשטימטען פלאן און לויט די באשטימטע אנזאגען פון זייער רבי'ן, און וואנדערען פון שטאט צו שטאט און פון לאנד צו לאנד, פארשפרייטענדיג זייער לעהרע און זייער דרך אין עבודת הבורא.

אויף אזא אופן איז די לעהרע פון דער קבלה דורך ר' אליהו בעל שם'ס תלמידים געבראכט און פארשפרייט געווארען אין בעהמען און אין פוילען.

דרייסיג יאהר איז ר' אליהו געזעסען אין ווירמייזע, וואו ער האט גע־האט זיין ישיבה, פון וועלכער באריהמטע גאונים זיינען געווען די תלמידים. אין יאהר שפ"ד אדער שפ"ה האט ר' אליהו פארלאזט ווירמייזע און זיך באזעצט אין פראג, וואו ער האט אויך איבערגעטראגען זיין ישיבה.

איינער פון ר' אליהו'ס תלמידים איז געווען דער גאון ר' יום טוב ליפמאן העלער, באקאנט אלס תוספות יום טוב. ער איז געווען פערציג יאהר אלט ווען ער איז געקומען צו ר' אליהו'ן אין דער ישיבה צו ערשט אין ווירמייזע, וואו ער איז אפגעזעסען דריי יאהר, און נאכהער אין פראג, וואו ער האט ווייטער געלערנט ביי ר' אליהו'ן קבלה.

דער תוספות יום טוב, וועלכער איז שפעטער געווארען דער רב פון פראג און דער ראש הרבנים פון גאנץ בעהמען, איז געווארען איינער פון די הויפט פארשפרייטער פון דער קבלה. אין שפ"ט איז ער געווען געצוואונ־גען צוליעב מסירה, צו פארלאזען בעהמען און ער האט זיך איבערגעקליבען קיין קראקע, פוילען, איבערטראגענדיג די לעהרע פון קבלה אין יעדער מדינה.

אין יענער צייט האט דער גאון און מקובל ר' מרדכי יפה, דער "בעל הלבושים", געהאט זיין ישיבה אין גראדנע, וואו א חוץ נגלה האט מען אויך געלערענט נסתר. שפעטער האט ר' מרדכי יפה זיך אריבערגעקליבען מיט זיין ישיבה קיין פוזען. איינער פון זיינע תלמידים דארט איז געווען ר' ישראל יוסף, א גרויסער חריף און בקיא און דערצו אן אויסערגעוויינליכער ירא שמים. ער האט זיך אבער אפגעגעבען נאר מיט נגלה. קיין נסתר האט ער ניט געוואלט לערנען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער האט אזוי שטארק געהאלטען פון זיין רבי'ן, ר' מרדכי יפה, האט ער זיך אבער ניט געוואלט לאזען צוריידען צו לערנען קבלה. ער האט פאר דעם געהאט זיינע איינענע טעמים.

דער דאזינער ר' ישראל יוסף האט געהאט צער גידול בנים. די קינדער וואס זיין פרוי האט געבארען זיינען אלע אויסגעשטארבען. ניט איינמאל האט ער זיך באקלאגט וועגען דעם פאר זיין רבי'ן און יענער האט איהם געטרייסט און אויך געגעבען זיינע ברכות.

אין ווינטער פון יאהר שע"ב איז ר' מרדכי יפה קראנק געווארען און ער האט געפיהלט אז זיין סוף איז נאהענט. האט ער צוזאמענגערופען זיינע בעסטע און באליעבטסטע תלמידים און האט יעדען געבענשט לויט זיינע באדערפענישען און וואונשען. ר' ישראל יוסף איז געווען צווישען אט די

תלמידים וואס האבען באקומען זיין ברכה. צו ר' ישראל יוסף'ן האט דער גאון און מקובל געהאט דאס פאלגענדע צו זאגען:

— דו גארסט צו האבען א קינד. זאג איך דיר אן, אז דו זאלסט אויף זיך נעהמען צו לערנען קבלה, טהו זיך אויך א נדר. אז דער זוהן וואס וועט דיר געבארען ווערען זאל געשיקט ווערען לערנען תורה. אז ער וועט ווערען צוואנציג יאהר זאלסטו איהם שיקען לערנען קבלה ביי איינעם וואס איז א "מובהק" אין אט דער לעהרע.

ר' מרדכי יפה איז נפטר געווארען ג' אדר שני, שע"ב, איז עלטער פון צוויי און אכציג יאהר. די תלמידים פון זיין ישיבה זיינען זיך דאן צעפאה־רען, יעדער איז אן אנדער ווינקעל. ר' ישראל יוסף האט זיך פארקליבען אין זאמאשטש וואו ער האט, לויט דעם אנזאג פון זיין רבי'ן, זיך גענומען צו קבלה. אויפ'ן צווייטען יאהר האט זיין פרוי איהם געבארען א זוהן וועמען ער האט א נאמען געגעבען יואל.

יואל איז געווען א געזונט און שטארק קינד און אויך מיט גרויסע כשרונות. ער האט זיך שטארק אויסגעצייכענט אין לערנען. ווען עס איז געקומען דער ריכטיגער עלטער האט איהם זיין פאטער משדך געווען. אז ער איז געווא־רען צוואנציג יאהר אלט, האט ער באשלאסען איהם שיקען לערנען קבלה. אבער צו וועמען שיקט מען איהם לערנען קבלה? ר' ישראל יוסף אליין האט זיך נאך ניט געפיהלט גענוג גרויס אין אט דער לעהרע, און זיין רבי האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל זיין זוהן שיקען צו אימיצען וואס איז א "מובהק".

האט ר' ישראל יוסף געהאט צער פון דעם. האט אויף זיך גענומען תעניתים און סגופים. דערצעהלט מען, אז איינמאל האט ער פון שוואכקייט איינגעדרעמעלט און אין חלום האט זיך צו איהם באוויזען זיין רבי ר' מרדכי יפה וועלכער האט צו איהם אזוי געזאגט:

— זיי דיר ניט מצער. שיק דיין זוהן קיין פראג צו ר' אליהו בעל שם.

אז ר' ישראל יוסף האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף האט ער זיך געפיהלט דערלייכטערט. ער האט אריינגערופען זיין זוהן און איהם דערצעהלט וועגען זיין נדר און זיין חלום און האט איהם אנגעזאגט צו פאהרען קיין פראג צו ר' אליהו בעל שם.

ר' יואל איז אקארשט געווען פון דער ישיבה פון ר' יואל סירקש, אין בריסק. ער האט דארט געהאט פארבראכט פינף יאהר צייט און האט זיך שטארק אויסגעצייכענט אין לערנען. ער איז צוריקגעקומען אהיים מיט כתבים וועלכע האבען איבערגעגעבען וועגען דער גדלות פון דעם יונגענמאנטשיק.

דער ראש ישיבה ר' יואל סירקש איז געווען א תלמיד פון ר' שלמה ליבוש'עס, א חבר פון ר' אליהו בעל שם פון ווירמייזא. ר' יואל האט צוערשט געהאט זיין ישיבה אין לובאמלא און דאן זי איבערגעטראגען קיין בריסק. דורך אט דער ישיבה זיינען ארויסגעקומען גרויסע גאונים וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שארפזין און כח אין פלפול.

● דער יונגער ר' יואל האט גוט געוואוסט, אז זיין רבי איז א מקובל און אז אין דער ישיבה ווערט אויך אין געהיים געלערענט קבלה. ער איז אבער ניט צוגעלאזט געווארען צו די שיעורים אין קבלה. ער איז געווען צו יונג

און דערצו ניט קיין באוויבטער. איצט, ווען זיין פאטער האט איהם צום ער־שטען מאל אנטפלעקט וועגען זיין נדר און חלום, איז ער שוין געווען א באוויבטער. ער האט דערפאר מיט פרייד אנגענומען זיין פאטער'ס אנזאג צו פאהרען קיין פראג צו ר' אליהו בעל שם.

ר' אליהו איז שוין דאמאלס געווען זעהר אלט, אבער ניט קוקענדיג אויף זיין הויכען עלטער, איז ער געזעסען יומם ולילה און געלערענט, האלטענדיג זיך אפגעשלאסען אין א חדר מיוחד אין בית המדרש פון זיין ישיבה. די ישיבה אליין איז אנגעפיהרט געווארען פון זיינע תלמידים. פון דעסטוועגען האט ער דעם יונגען ר' יואל'ן באלד אויפגענומען און האט מיט איהם אליין געלערענט, אין צוגאב צו דעם וואס ער האט געלערענט אין דער ישיבה.

פינף יאהר איז ר' יואל פארבליבען אין דעם בעל שם'ס ישיבה און פאר דער צייט האט ר' אליהו כסדר מיט איהם געלערענט. עס איז ניט באַ־קאנט צוליעב וועלכען טעם ר' יואל האט געפונען אזוי פיעל חן אין ר' אליהו'ס אויגען. געוויס האט עס געמוזט זיין צוליעב זיינע גרויסע כשרונות, זיין צדקות און אויסערגעוויינליכער התמדה. ר' אליהו בעל שם האט באַ־שלאסען איבערצוגעבען צו ר' יואל'ן אלע זיינע סודות בנוגע סגולות, רפואות און תחבולות וואס ער האט באנוצט פאר פארשידענע צוועקען.

עס איז אויך געווען אויף ר' אליהו בעל שם'ס אנזאג וואס ר' יואל האט זיך צוריגעקעהרט קיין זאמאשטש. אויפ'ן וועג קיין זאמאשטש האט ר' יואל אויך באזוכט זיין פריהערדיגען רבי'ן ר' יואל סירקש'ן פון וועמען ער האט געלערענט נגלה. איצט האט ער מיט איהם שוין אויך געקענט ריידען אין נסתר און דער יונגער ר' יואל האט געקענט א סך לערנען פון דעם אלטען ר' יואל אין קבלה.

אז ער איז צוריקגעקומען אהיים איז ער געקרוינט געווארען מיט'ן נאמען בעל שם און איז געווארען מפורסם ווי דער בעל שם פון זאמאשטש.

אין משך פון די גזרות ת"ח און ת"ט, האט ר' יואל זיך אויסגעצייכענט מיט דעם וואס ער האט געראטעוועט א סך אידישע קהלות פון חורבן. ער האט זיך, ווי מען דערצעהלט, באנוצט מיט פארשידענע מיטלען. אין איין שטאט, וועלכע האט זיך געפונען ביים טייך דניעסטער, האבען די אידען געמוזט אנטלויפען פון דארט זיך צו ראטעווען פון די האידעמאקעס וועלכע וואלטען זיי אויסגעשלאכטעט. ביים ברעג טייך איז געשטאנען א שיף און די אידען זיינען ארויף אויפ'ן שיף. זיינען אבער די האידעמאקעס אנגעלאפען און שוין געהאלטען ביים ארייגרייסען זיך אויפ'ן שיף. די שיף האט מען ניט געקענט ריהרען פון ברעג. פלוצים האט זיך באוויזען דער בעל שם פון זאמאשטש. ער האט אנגעשריבען א שם אויף א צעטעל און עס אנגעקלעפט אויפ'ן זייט פון שיף. באלד האט זיך די שיף א ריהר געטהאן און איז אוועק פון ברעג גלייך מיט'ן שטראם. די רוצחים האבען זיך ארייגעזעצט אין קליינע שיפלעך נאכצויאגען דער גרויסער שיף מיט אידען. די גרויסע שיף איז אבער געטראגען געווארען מיט'ן שטראם מיט אזא שנעלקייט, אז די רוצחים האבען געמוזט זיך צוריקקעהרען מיט ליידיגען צום ברעג. די אידען זיינען מיט'ן כח פון דעם בעל שם געראטעוועט געווארען.

ר' יואל, דער בעל שם פון זאמאשטש, האט זיך קונה שם געווען אין

דער אידישער וועלט ניט נאר מיט די מופתים וואס מען האט וועגן איהם דערצעהלט, נאר אויך מיט זיינע טאג־טעגליכע מעשים, באזונדער בנוגע הרבצת תורה. טאקי אין זאמאשטש האט ער געעפענט א ישיבה, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם וואס מען האט דארט געלערענט נגלה אזוי גוט ווי נסתר.

ווי א תלמיד פון ר' יואל סירקש, וועלכער האט געהאט זיין אייגענעם דרך הלמוד, האט דער בעל שם פון זאמאשטש, אויך אין זיין ישיבה איינ־געפיהרט דעם דאזיגען דרך, וואס איז באשטאנען הויפטזעכליך אין פאר־טיפען זיך אין דער סוגיא און אין דערקלערען אלץ אויף א לאגישען און פארשטענדליכען אופן.

די מעהרסטע תלמידים פון זיין ישיבה זיינען אויסגעהאלטען געוואָ־רען פון איהם אליין. ער האט זיך אויך געפיהרט ווי זיין רבי ר' יואל סירקש מיט דעם וואס ער האט אויסגעקליבען די בעסטע תלמידים און מיט זיי געלערענט קבלה.

דער בעל שם פון זאמאשטש האט געהאט א זוהן, אורי, האט ער פון זיין פריהסטער קינדהייט אנגעהויבען זיך אויסצייכענען אין לערנען. צו צוועלף יאהר איז ער שוין געווען קלאר אין א גרויסע צאהל מסכתות. א חוץ זיינע גייסטיגע מעלות, האט ער זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זיין קערפער־ליכער שעהנקייט. דערפאר וואס דער בעל שם האט געוואלט מקיים זיין וואס די חז"ל זאגען: "הוה גולה למקום תורה", אז מען זאל פאהרען לערנען אין דער פרעמד, האט ער זיין זוהן אוועקגעשיקט לערנען אין דער ישיבה פון ר' דוד הלוי אין אוסטרא, וואו דער סדר הלימוד איז געווען ווי אין זיין אייגענער ישיבה. ווען דער ראש ישיבה איז נפטר געווארען איז אורי געפאהרען לערנען אין ר' אברהם אבעלע גומבינער'ס ישיבה אין קאליש, וואו מען האט, א חוץ תורה, די תלמידים אויך געלערנט מדות און מוסר.

זעקס יאהר צייט האט אורי פארבראכט אין דער קאלישער ישיבה ווען ער האט זיך צוריקגעקערט אהיים איז ער ניט נאר געווען א גרויסער למדן נאר אויך דורכגענומען מיט דעם דרך פון מוסר און א גרויסער בעל מדות. זיין פאטער האט איהם באלד חתונה געמאכט און איהם באשטימט פאר'ן ראש פון זיין ישיבה צו לערנען נגלה. נסתר האט דער בעל שם אליין געלערענט מיט זיינע געקליבענע תלמידים.

אין יענער צייט האט זיך אנגעהויבען פארשפרייטען די באוועגונג צווישען בני תורה צו נעמען אויף זיך סגופים. מיט יעדען טאג איז געוואַק־סען די צאהל לומדים וואס האבען געפייניגט זייערע קערפערם ווי א טייל פון עבודת הבורא. די סגופים זיינען באשטאנען פון פארשיידענע מינים ווי איינשטייפען דעם קערפער אדער געוויסע טיילען פון קערפער מיט דיגע שטריקלאך, צו שטעהן אויף די פיס א גאנצען מעת לעת און זיך ניט צוזע־צען אדער צוליינגען, צו שלאפען א דריי־פיער שעה אין משך פון צוויי מעת לעת, און ווען מען איז געשלאפען איז מען געלעגען אויף דער הוילער ערד מיט א שטיין צוקאפענס; קייקלען זיך ווינטער אין שניי א נאקעטער, לעגען זיך מיט הוילען לייב זומער אויף א נעסט פון מוראשקעס און זיך לאזען פון זיי בייסען און דאן אפריכטען גלות.

אין דעם ענין פון סגופים איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישען די וואס האבען זיך אפגעגעבען מיט נגלה אליין און די וואס האבען זיך אויך אפגעגעבען מיט נסתר. די באוועגונג פאר סגופים האט געהאט ארומגעכאפט אלע מינים לומדישע אידען. דאס איז אויך אזוי געווען מיט אפּריכטען גלות. דאס האבען געטאן באוואוסטע גאונים, וועלכע האבען פון קיין קבלה ניט געהאלטען, און דאס האבען אויך געטאן מקובלים. דער אונטערשייד צווישען זיי איז געווען אין דעם: די בעלי הנגלה האבען אין משך פון זייערע וואנדערונגען ניט באהאלטען זייער לומדות. זיי האבען נאר ניט ארויסגעגעבען זייערע נעמען. די מקובלים האבען אבער פארבאהאלטען זייער לומדות, אנגעבענדיג זיך פאר פּראסטע מענשען. אט דערפאר האט מען זיי אנגעהויבען רופען נסתרים.

איז די נייגונג צו סגופים אויך אריינגעדרונגען אין דער ישיבה אין זאמאשטש, וואס ר׳ יואל האט אנגעפיהרט פאר א משך פון פופציג יאהר.

בעת ר׳ יצחק שאול האט געהאלטען אין דערצעהלען ברוד׳ן וועגען דעם בעל שם פון זאמאשטש איז אויך אונטערגעקומען זיין שוואגער ר׳ משה ליב און האט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

— איך האב קיינמאל ניט געהערט פון דעם בעל שם פון זאמאשטש,

— האט ער א זאג געטאן, ווי ער וואלט מיט דעם געוואלט יענעם מבטל זיין, ווארום אויב דאס האט ניט געהאט דערגרייכט צו זיינע אויערען איז עס מסתמא געווען א באווייז, אז יענער איז ניט וויכטיג.

— פאראן א סך וויכטיגע מענשען וועגען וועמען דו האסט ניט געהערט, — האט איהם ר׳ יצחק שאול אריינגעזאגט. — אין דער אמת׳ן ביזטו און אונזער שוואגער, ר׳ זלמן מאיר, פון אזא טייג געקנאטען, אז אזוינע ענינים קלעפּען זיך בכלל ניט צו אייך. נאר ווען מען זאגט א פּלפּול זייט איהר פאראינטערעסירט.

כאטש ר׳ יצחק שאול האט עס געזאגט מיט א פּארוואורף און גאר שארף, איז עס אבער פון זיין מויל ארויסגעקומען גלאט און עלעגאנט אזוי, אז זיין שוואגער האט זיך גארניט געפיהלט געטראפען און האט דעם שמועס ווייטער אנגעהאלטען.

— עפּעס האט זיך צו מיר דערטראגען לעצטענס וועגען אן אנדער בעל שם, ר׳ ישראל, זאל ער הייסען, — האט ר׳ משה ליב געוואלט וויזען, אז ער איז דאך ניט פרעמד אין אזוינע ענינים. — מען זאגט אויף איהם, אז ער האט א סך נאכפאלגער, וועלכע וואנדערען אום ווי נסתרים אט ווי די תלמידים פון ר׳ אליהו בעל שם פון ווירמייזע.

ר׳ יצחק שאול האט א שמייכעל געטאן.

— ווי עס קוקט אוים זיינען די צוויי ביי דיר כמעט גלייך, — האט ער געזאגט. — מעגליך, אז דו ווייסט גארניט, אז צווישען זיי ביידע איז פארגאנגען ארום הונדערט און פופציג יאהר. אגב זיינען צווישען זיי געווען נאך צוויי בעלי שם, איינער, ווי איך האב שוין דערצעהלט, ר׳ יואל דער בעל שם פון זאמאשטש, און דער צווייטער, ר׳ אדם בעל שם, וועלכער האט געשטאמט פון ראפּשיץ.

דאס האט ר׳ משה ליב טאקי ניט געוואוסט. אויך פאר ברוד׳ן איז עס

נאך ניט געווען קלאָהר. ברוך האָט איצט געוואָלט וויסען, וואָס אַזוינס עס איז דער חילוק צווישען די דאַזיגע בעלי שם און אויב עס איז טאַקי דאָ א חילוק אין זייערע לעהרעס, ווי דאָס איז, למשל, צווישען געוויסע גאונים וועלכע האָבען יעדער אַן אנדער שיטה אין לערנען תורה.

— דער יסוד זייערער איז דער זעלביגער, — האָט ר' יצחק שאול מסביר געווען. — די לימודים זייערע און זייערע דרכים זיינען פאַרשיידען.

ברוך האָט זיך פאַטראַכט, אָבער אויך ר' משה ליב האָט שוין גע־ציינט אינטערעס. קענטיג, אַז ער איז שוין ניט געווען נוטה ווי פריהער מבטל צו מאַכען די רייד פון זיין אייגנערען שוואָגער. חסידות איז דאָך געווען אַן ענין וועגען וואָס ער האָט זיך גערארפט פאַרטראַכטען.

ער האָט אָנגעהויבען שטעלען זיין שוואָגער פראַגען. ער האָט טאַקי באמת שוין געוואָלט וויסען מעהר וועגען חסידות און וועגען זיינע שאַפער.

— דו שטעלסט מיר צופיעל פראַגען מיט אַמאָל, — האָט ר' יצחק שאול גערעדט געלאַסען. — לאָמיר דיר ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. עס וועט ניט זיין קיין פעולה אַנצופאַנגען דיר דערצעהלען וועגען ר' אדם בעל שם און וועגען ר' ישראל בעל שם און וועגען זייערע שיטות. לאָמיר דיר בעסער איבערגעבען ווי אַזוי מיין געבורט־שטעטעל האַרקי, איז געוואָרען א פעסטונג פון חסידות און ווי אַזוי די חסידים דאָרט, וועלכע זיינען פריהער געווען פאַרבאָרגען און האָבען ניט געוואָגט אַרויסקומען אין דער אָפען, זיינען שוין איצט באַקאַנט מיט זייער לעהרע צו אַלעמען און האָבען מעהר פאַר קיינעם קיין מורא ניט זיך אָנצוגעבען פאַר חסידים.

ר' יצחק שאול האָט מיט דעם געוואָלט באַווייזען, אַז דער עניין חסידות האַלט לאַנגזאַם אין פאַרכאַפּען די הערצער און די מחות פון אידי־שען עולם און טאַקי דערפאַר וואָס די חסידים געהען בההדרגה, ניט געאייקט און ניט איבערגעכאַפּט די מאָס, פריהער פאַרבאָרגענערהייט און ערשט שפּעטער אַנטפּלעקענדיג זיך איז דער אָפען.

— די חסידים פון האַרקי, — האָט ר' יצחק שאול מסביר געווען, — ווערען אָנגעפיהרט פון דעם גאון ר' עזריאל יוסף, וועלכער פיהרט אַן מיט א ישיבה. מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז אַט דער ר' עזריאל יוסף און די אַנדערע חסידים געווען נסתרים און האָבען ווי נסתרים געוואַנדערט איבער דער וועלט. מיט א יאָהר צוואַנציג צוריק האָבען זיי זיך באַזעצט אין האַרקי אָבער אויך דאַמאָלס האָבען זיי נאָך ניט געוואָגט זיך צו אַנטפּלעקען מיט זייער נייעם דרך. האָבען זיי געלערענט חסידות און זיך געפיהרט ווי חסידים באַהאַלטענערהייט. ערשט ווען זייער צאָהל איז געוואַקסען און זייער איינ־פלוס איז געוואָרען גרויס, האָבען זיי זיך אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט.

ר' משה ליב האָט איצט אָנגעהויבען פאַרשטעהן פאַרוואָס ר' יצחק שאול'ס פאָטער, ר' ניסן, האָט זיך ניט אַרויסגעגעבען פאַר א חסיד, ווען ער איז געווען אויף זיין זוהן'ס חתונה אין דאַבראָמיסל.

— ער האָט גערעדט וועגען תורה, — האָט ר' משה ליב געזאָגט, — און ער האָט קיין ספק ניט איבערגעלאָזט מיט זיין לומודת, אָבער ער האָט גאָרניט געגעבען קיין אָנדייטונג, אַז ער איז א נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב.

— דאס איז פשוט דערפאר וואס א חסיד וועט ניט ריידען וועגען חסידות מיט איינעם וואס האט וועגען דעם ענין קיין השגה ניט, — האט ר' יצחק שאול געזאגט, — צו חסידות דארף מען זיין געהעריג צוגעגרייט.

איז עס טאקי געווען ווי א צוגרייטונג צו דעם וואס האט געזאלט ווייטער קומען, וואס ר' יצחק שאול האט ווייטער געהאלטען אין דערצעד־לען וועגען די דרכים פון די חסידים אין זיין שטעטעל, ווייל דאס וואס ער האט געהאט צו דערצעהלען וועגען די חסידים פון זיין שטעטעל איז אויך געווען אמת וועגען די חסידים פון אנדערע שטעט און שטעטלאך.

סא.

דער זינדיגער און זיין תשובה

דער וואויל-לערנער וועמען עשירות האט ארונטערגעפיהרט פון אידישען דרך. — דער רבי וואס איז געפאהרען צום תלמיד און איז צוריקגעקומען אן אנטוישטער

מיט יאהרען צוריק, איידער מען האט אין די שטעטלאך ארום נאך געוואוסט פון חסידים און חסידות, איז אין הארקי געווען רב, ר' נחמן יצחק, וועלכער האט גע'שם'ט פאר זיין גאונות. ער האט אויך אנגעפיהרט מיט א ישיבה פון צוואנציג בחורים, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע כשרונות און התמדה. צווישען די תלמידים איז געווען איינער מיט'ן נאמען ליפע ברוך, וועלכער האט געקענט עטליכע מסכתות מיט רש"י און תוספות אויף אויסוועניג. דערצו איז ער אויך געווען א גרויסער ירא שמים. האט ער געלערנט אין ר' נחמן יצחק'ס ישיבה ביז עס איז געקומען די צייט פאר איהם חתונה צו האבען.

דער רב פון הארקי איז אליין געווען זיין שדכן. ליפע ברוך איז געוואר־רען דער איידעם פון דעם רייכען פאסעסאר ר' צדוק הלל, וועלכער האט געהאט דעם פריצישען גוט רוטעפקע אין ארענדע. דער דאזיגער ר' צדוק הלל איז געווען א יודע ספר. אבער זיינע מעשים טובים האבען א סך איבערשטיגען זיין לומדות. אויסער דעם גוט אין רוטעפקע האט ער געהאט אין ארענדע אנדערע פריצישע גיטער. ער, פון זיין זייט, האט פארדונגען די טייכען און אזערעס פון די דאזיגע גיטער און אויך די מיהלען און די קרעטשמעס אזוי, אז א סך אידען האבען דורך איהם געהאט פרנסה. ער האט קיינמאל ניט גע־ריסען פון זיינע ארענדארען קיין הויכע פרייזען. די וואס זיינען געווען גע־דריקט האט ער איננאנצען געשענקט די ארענדע.

האט מען דעם דאזיגען ר' צדוק הלל'ן געבענשט פאר זיין גוטהארציג־קייט, און ער איז טאקע געווען א געבענשטער נים נאר מיט עשירות נאר אויך מיט פיינע, געראטענע קינדער, זיהן און טעכטער. ווי א בעל צדקה און מוקיר רבנים, האט דער פאסעסאר מיט א ברייטער האנט אונטערשטיצט די ישיבה אין הארקי און איז דערפאר געווען א גרויסער נכבד ביי דעם רב און ראש ישיבה.

פארשטעהט זיך, אז אויב ר' נחמן יצחק האט רעקאמענדירט ליפע ברוד'ן צו ר' צדוק הלל'ן פאר אן איידעם איז עס געווים געווען דערפאר וואס דער דאזיגער בחור'ל איז געווען ראוי צו זיין דער איידעם פון אזא רייכען שווער.

ר' נחמן יצחק האט ממש פאר'שרכנ'ט אלע קינדער פון דאזיגען פאסעסאר, ווייל אהן איהם האט דער פאסעסאר ממש קיין ריהר זיך ניט געטהאן.

אויף דער עצה פון ר' נחמן יצחק'ן האט דער פאסעסאר צוגעזאגט ליפע ברוד'ן זעקס יאהר קעסט. אין משך פון די זעקס יאהר איז ליפע ברוד געזעסען אויף דער פאסעסיע אין רוטעפקע און געלערנט מיט גרויס התמדה. צוליעב דעם, וואס ער איז אויך געווען א מעורב עם הבריות און בכלל א שעהנער אין אויסזעהן און א גוטהארציגער, איז ער געווארען דאס שיינדעל פון דער פאסעסיע. לומדישע אורחים, וואס פלעגען פארפאהרען אין דער פאסעסיע, האבען דארט געהאט מיט וועמען צו ריידען תורה. האבען שווער און שוויגער, ווי אויך דאס ווייב און די שוואגערס און שוועגערינס, געהאט פון ליפע ברוד'ן גרויס נחת.

א חוץ די אלע מעלות איז ליפע ברוד אויך געווען א מנגן און זיינע ניגונים האבען ממש געפאנגען הערצער. דערפאר האט ער אבער אויך געהאט חסרונות. ער האט שטארק מקנא געווען די וואס צייכענען זיך אין עפעס אויס, און האט ליעב געהאט זיך צו באריהמען. כאטש אט די חסרונות האבען געווירקט, אז ער זאל גראד וועלען לערנען וואס מעהר כדי קיינער זאל איהם ניט איבערשטייגען אין תורה און האט עס אויך געטהאן כדי עס זאל זיין פארוואס געלויבט צו ווערען, האט עס אבער סוף כל סוף דערפיהרט צו דעם, אז זיין גאנצער גייסטיגער מהות זאל צוליעב דעם ליידען.

בעת ליפע ברוד איז געזעסען און געלערנט, האבען זיינע שוואגערס אלע געהאלפען זייער פאטער אין זיינע עסקים. דער עלטסטער זוהן פלעגט ארומפאהרען איבער די פריצישע הויפען, מיט זיי זיך אפרעכענען פאר די מסחרים וואס מען האט מיט זיי געפיהרט און איז בכלל געווען זיין פאטער'ס פארטרעטער ביי די פריצים. האט ליפע ברוד איהם אנגעהויבען מקנא זיין, פארוואס יענער האט אזא דריסת הרגל ביי די פריצים.

אז זיינע זעקס יאהר האבען זיך געענדיגט, האט דער רב פון הארקי איהם גע'עצה'ט אז ער זאל ווערען א רב. עס זיינען געווען שטעטלאך וואס האבען איהם געהאט אנגעבאטען דעם כסא הרבנות. זיין שווער האט גע־וואלט, אז ער זאל נאך ווייטער זיצען און לערנען, צוזאגענדיג איהם ווייטער־דיגע קעסט. ליפע ברוד האט אבער באשלאסען, זיך בעסער נעהמען צו מסחר. האט ער געבעטען דעם שווער אז ער זאל איהם אדער איבערגעבען איינע פון זיינע פאסעסיעס, אדער איהם געבען עפעס אן ארבייט אין זיינע עסקים.

האט ר' צדוק הלל אויסגעקליבען איינע פון זיינע פאסעסיעס און זי איבערגעגעבען צו זיין איידעם. האט ליפע ברוד זיך אויסגעטויגט צום עסק און עס האט איהם מצליח געווען. ער האט זיך אויסגעלערנט גוי'איש און האט געקראגען א צוטריט צו פריצים. ער איז געווארען אן אפטער באזוכער ביי זיי און זיי פלעגען קומען צו איהם. דערפאר וואס ליפע ברוד האט אויך געהאט אידישע ארויסהעלפער אויף דער פאסעסיע און עטליכע אידישע שכנים, האט ער זיך אויפגעבויט זיין אייגענעם בית המדרש און האט בכל־גאנץ אפט פארבראכט אין לערנען.

דער גייסטיגער מצב פון ד' פריצים אין יענער צייט איז געווען א שפל'ער. די עלטערע ווי די אינגערע האבען פארבראכט זייערע טעג און נעכט

אין הוליאנקעס, אין שיכרות און אין שפּילען קאַרטען. דאָס וואָס ליפּע ברוך איז געווען א מנגן האָט געבראַכט דערצו, אַז די פּריצים זאָלען איהם אנהויבען פאַרבעטען צו זייערע שמחות, אָדער קומען צו איהם פאַרברייננגען און הערען זיינע ניגונים. פאַרשטעהט זיך, אַז וואָס ווייטער, האָט ער צווישען זיינע ניגונים אריינגענומען אַלץ מעהר ניט-אידישע.

ליפּע ברוך האָט זיך אויך אויסגעלערענט שפּילען אויפ'ן פידעל. דאָס האָט איהם נעגעבען נאָך מעהר דריסת הרגל ביי די פּריצים. אַז מען פאַרברייננט צווישען אַזוינע הולטאַיעס הויבט מען אַליין אָן געהן אין זייערע דרכים און מען ווערט איינער פון זיי. האָט ליפּע ברוך אָנגעהויבען אַרונטערפאַלען אין זיינע גייסטיגע מדרגות ביז ער איז ממש געוואָרען פאַרדאָרבען.

אין דערזעלביגער צייט איז איהם אין גשמיות גראָד נעגאַנגען גוט. וואָס א יאָהר איז ער געוואָרען רייכער. אַז מען האָט גרויס עשירות און מען האָט צו טהאָן מיט פאַרדאָרבענע פּריצים, ווערט מען איינער פון זיי.

ערשט איצט האָט זיך אין ליפּע ברוך'ן אָנגעהויבען צעשפּילען זיין קנאה און זיין באַגעהר זיך אויסצופּיינען. פאַרוואָס זאָל ער ניט לעבען ווי די פּריצים און אפשר טאַקע זיי איבערשטייגען? זיי פאָהרען אין קאַרעטעס, האָט ער אויך גערדאַרפט פאָהרען אין א קאַרעטע און טאַקע נאַשפּיץ, נאָך מיט מעהר גלאַנץ און פּוץ ווי די רייכסטע פּריצים. וואָס איז שייך קליידער, האָט ער געטראָגען נאָך שעהנערע און קאָסטבאַרע מלבושים ווי זיי. דאַן האָט ער אויך אָנגעהויבען אויסצופּוצען זיין הויז וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען ממש אין א פּריצישען פּאַלאַץ. אויך די הנהגה דאָרט איז געוואָרען א פּריצישע.

האָט זיך צעטראָגען איבער דער גאַנצער סביבה, אַז ליפּע ברוך איז ארויס לתרבות רעה. מען האָט גערעדט אויף איהם, אַז ער טהוט כל דבר אסור, ניט ריידענדיג דערפון וואָס ער רייסט גוים אויף די אויגען.

דאָס האָט זיך אויך דערטראָגען צו ר' נחמן יצחק'ן, דעם רב און ראש ישיבה פון האַרקי. האָט עס איהם שטאַרק נעערגערט. ליפּע ברוך איז געווען זיין ליעבלינג תלמיד און דורך איהם איז ער געוואָרען ר' צדוק הלל'ס איידעם. ער האָט געפיהלט ווי ער וואָלט געהאַט א חלק אין דעם וואָס ער איז אוועק אויף א שלעכטען דרך.

האָט דער רבי פון האַרקי געשיקט צו איהם א שליח און איהם געבעטען קומען צו איהם. האָט אָבער ליפּע ברוך געענטפערט אויף דעם מיט דעם וואָס ער האָט צוגעשיקט צו ר' נחמן יצחק'ן א קאַרעטע מיט פייערדיגע סוסים און מיט א בריעף אין וועלכען ער האָט איהם פאַרבעטען קומען צו איהם אין הויף.

דער בריעף איז גראָד געווען געשריבען מיט גרויס יראת הכבוד. ווי עס זעהט אויס האָט ליפּע ברוך געוואָלט מיט דעם ווייזען זיין דרך ארץ פאַר זיין פריהערדיגען רבי'ן און שדכן. עס האָט אָבער פּאַרט געהייסען, אַז אנשטאָט ער זאָל קומען צו זיין רבי'ן, דאַרף גאָר דער רבי קומען צו איהם. האָט דערפאַר דער רב פון האַרקי געהאַט א גרויסען ישוב הדעת וועגען דעם. דריי מעת-לעת איז ביי איהם פאַרבליבען ליפּע ברוך'ס שליח ביז דער רב און ראש ישיבה האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט וואָס צו טהאָן. זיין באַשלוס איז ענדלאַך געווען, אַז ער זאָל יאָ פאָהרען צו ליפּע ברוך'ן. ער האָט געהאָפט,

אז ער וועט נאך אויף איהם קענען משפיע זיין, אז ער זאל זיך צוריקקעהרען אויפ'ן דרך הישר.

ר' נחמן יצחק איז אבער ניט געפאהרען אליין. ער האט מיט זיך מיטגענומען געגוג באגלייטער, אז ער זאל האבען א מנין פאר דער צייט וואס ער וועט פארבלייבען ביי ליפע ברוך'ן אין הויף. מיט דעם האט דער רב פון הארקי געוואלט וויזען זיין געוועזענעם תלמיד אויף וואס פאר א שלעכטען דרך ער איז אוועק.

פון דעם אמאליגען מנין, וואס ליפע ברוך האט געהאט אויף זיין פאסעסיע, איז גארניט געבליבען. ער האט נאך טאקע געהאט דעם קליינעם בית המדרש וואו מען האט אין די ערשטע עטליכע יאהר געדאווענט דריי מאל א טאג בצבור. דאס בית המדרש איז אבער שוין געווען לאנג א געשלאסענער. ניט נאר ליפע ברוך, נאר אויך די אנדערע אידען אויף זיין פאסעסיע האבען אויפגעהערט דאווענען.

אינגאנצען זיינען דארט נאך געבליבען א דריי־פיער זקנים וואס האבען זיך געהאלטען ביים דרך התורה.

ווען ר' נחמן יצחק איז אנגעקומען אויף דער פאסעסיע, האט איהם ליפע ברוך אויפגענומען מיט כבוד. ער האט זיך אנגעהויבען פאר זיין רבי'ן אויספיינען מיט זיין עשירות און מיט דער פרעכטיגקייט פון זיין פאלאץ. דער רב פון הארקי האט זיך ביטער פאנאנדערגעוויינט.

— אזא עשירות, — האט ער געגאסען טרעהרען, — אבער אזא ארימקייט אין גייסט!

דער רב פון הארקי האט זיין תלמיד אנגעהויבען מוסר'ן און פארלאנגט פון איהם, אז ער זאל ווערען א בעל תשובה. ליפע ברוך האט זיך צו איהם צוגעהערט, אבער ער האט געשמייכעלט שפאטיש ווי ער וואלט זאגען: רבי, עס ווערען אייך גארנישט העלפען אייערע רייד. איך וועל שוין קיין בעל תשובה ניט ווערען!

ר' נחמן יצחק האט שוין געקענט זעהן אז ער וועט אויף איהם קיין השפעה ניט האבען, און ער האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים מיט א צובראכען הארץ.

אויף ווי ווייט דער באזוך פון זיין רבי'ן, דעם גאון ר' נחמן יצחק, דער רב און ראש ישיבה פון הארקי, האט אויף איהם ניט געהאט קיין השפעה. האט מען געקענט זעהן פון דעם וואס ליפע ברוך, דער רייכער פאסעסאר, האט זיך נאך אט יענעם באזוך נאך מעהר דערווייטערט פון אידישקייט. אויב ער האט נאך ניט אויסגעביטען דאס רענדעל און אינגאנצען אוועק צו די גוים, האט ער אבער שוין מיט אידען קוים געהאט א שייכות.

האבען פרומע אידען פון דער גאנצער געגענט ארום געהאט גרויס צערדערפון. מען האט פרובירט געפינען תחבולות ווי אזוי משפיע צו זיין אויף איהם, אבער מען האט ווייט ניט געקענט געהן. ליפע ברוך איז שוין באטראכט געווארען ווי א פארלארענער. אזוי איז אוועק א יאהר נאך א יאהר און ליפע ברוך איז אלץ טיפער געזונקען אין די מ"ט שערי טומאה.

ר' נחמן יצחק האט מעהר ווי אימיצער אנדערש געפיהלט דעם גרויסען צער וואס ליפע ברוך איז ארוים לתרבות רעה. ניט נאר האט איהם געערגערט

דאס וואס זיין מיח איהם צוריקצוברייננגען צו אידישקייט איז געווען אומ־זיסט. נאר אויך דאס וואס ליפע ברוך איז געווען זיין באליעבטער תלמיד און וואס ער האט אזוי פיעל האפענונג געהאט געלייגט אויף איהם.

צוליעב אט דעם האט דער רב און ראש ישיבה פון הארקי יעדען טאג, אין א באשטימטער צייט, געזאגט תהילים מיט א צובראכען הארץ און מיט געוויין. דאס האט ער געזאגט תהילים פאר ליפע ברוך'ן, בעטענדיג דעם אויבערשטען, אז ער זאל אריינשיקען אין איהם א מחשבה, אז ער זאל ווערען א בעל תשובה. ר' נחמן יצחק האט נאך אלץ געהאפט אז זיין געוועזענער תלמיד וועט ווערען א חוזר למוטב.

ר' נחמן יצחק האט זיך נוהג געווען צו געהן יעדע נאכט אין בית המדרש פראווען חצות, און פלעגט שוין דארט בלייבען ביז נאכמיטאג ווען ער האט געדאווענט מנחה גדולה, און דאן זיך צוריקקעהרען אהיים ביז מעריב צייט. פאר מנחה גדולה, איידער ער האט אויסגעטהאן דעם טלית און תפילין האט ער עס קובע געווען די צייט צו זאגען תהילים פאר ליפע ברוך'ן.

עס איז געווען דאמאלס ווען ער האט געזאגט תהילים, אין טלית און תפילין, פארגיסענדיג דערביי א סך טרעהרען. אין בית המדרש האט זיך אריינגעשלייכט אן אורח און האט זיך פארקליבען אין א ווינקעל פון וואנען ער האט געהאט געריכטעט זיין בליק אויף דעם גאון. ער האט זיך צוגעהערט צו זיין תהילים און פון זיינע אויגען האבען אנגעהויבען טריפען טרעהרען. ער איז געווען גערידהרט. ער האט געווארט ביז ר' נחמן יצחק וועט ענדיגען זאגען תהילים. דאן איז ער צו איהם צוגעגאנגען און מיט א צובראכענעם קול געזאגט:

— גוט מארגען, רבי!

דער גאון האט איהם אנגעקוקט און געפרעגט:

— ווער ביזטו, מיין קינד?

— איהר דערקענט מיך ניט, רבי? — האט דער פרעמדער געפרעגט, — איך בין דאך ליפע ברוך, אייער געוועזענער תלמיד! — און ער האט זיך פאנאנדערגעוויינט. ער האט דאן דערצעהלט:

— שוין עטליכע חדשים אז איך האב באשלאסען חרטה צו האבען אויפ'ן עבר און נעהמען אויף זיך א תשובה אויף להבא. שוין א לענגערע צייט ווי איך האב פארלאזט מיין הויף און בין אוועק אפריכטען גלות. איצט בין איך געקומען צו אייך, רבי. איך וויל אז איהר זאלט מיר זאגען ווי אזוי איך זאל פון איצט אן און ווייטער זיך פיהרען.

ר' נחמן יצחק איז געווען מלא שמחה.

— איך האב די גאנצע צייט געפיהלט אז דו ביזט נאך ניט אינגאנצען קיין פארלארענער, — האט ער געזאגט. ער האט זיין געוועזענעם תלמיד געהייסען קומען צו איהם אין דריי טעג ארום ווען ער וועט זיין גרייט פאר איהם מסדר צו זיין די פיהרונג פון זיין ווייטערדיגען לעבען.

דערווייל האט ר' נחמן יצחק גערופען צו זיך דעם מלמד פון הארקי, ר' ניסן, דער פאטער פון ר' יצחק שאול'ן, דער איידעם פון דעם דאבראמיסלער שמיד, וועלכער איז געווען א נאהענטער פריינט זיינער. ר' ניסן איז געווען

א חבר פון דער נעהיימער חסידישער חברה אין הארקי, איידער די דאזיגע חברה איז אנטפלעקט געווארען צום עולם.

עס האט זיך ארויסגעוויזען אז ר' ניסן האט שוין געהאט געוואוסט ווענען ליפע ברוך'ס באגעהר צו ווערען א בעל תשובה, ווארום געקומען איז עס טאקע דורך די געהיימע חסידים פון הארקי אויפ'ן אנזאג פון ניט קיין אנדערע ווי פון ר' ישראל בעל שם טוב. געשעהן איז עס אויף אזא אופן: איידער ר' ניסן איז געווארען דער פיהרער פון די חסידים אין הארקי, איז דער פיהרער געווען ר' עזריאל יוסף, וועלכער האט, צוזאמען מיט א צווייטען חסיד, ר' אברהם מענדעל, אפט באזוכט דעם בעל שם טוב אין מעזשבוזש. איינמאל, אז זיי זיינען געקומען צום בעל שם, האט ער זיי ביידען געגעבען וויכטיגע שליחות'ן: ר' עזריאל יוסף'ן האט ער אנגעזאגט צו נעהמען אויף זיך די אויפגאבע צוריקצוברייננען ליפע ברוך'ם אויפ'ן דרך הישר, און ר' אברהם מענדלען האט ער אנגעזאגט, אז ער זאל א געוויסען חיים שמואלן, וואס האט געוואוינט אין א דערבייאיגען דארף, מקרב זיין און איהם מאכען פאר א חסיד.

ווען ר' עזריאל יוסף איז צוריקגעקומען פון מעזשבוזש האט ער זיך גלייך פארנומען צו ליפע ברוך'ס פריצישען גוט, וואס האט זיך געפונען ארום צוואנציג וויארסט פון הארקי. אבער ווי גרייכט מען ליפע ברוך'ן, וועלכער האט געלעבט און זיך געפיהרט ווי א שררה און האט זיך נאר גע'חבר'ט מיט פריצים? ר' עזריאל יוסף האט גוט געוואוסט, אז אויף א געוויינליכען אופן וועט ער צו ליפע ברוך'ן ניט קענען צוקומען, און אויב אפילו יא, וועט ער מיט איהם גארניט קענען מאכען. ער וועט זיך פשוט צו איהם ניט צוהערען און אפשר איהם איינגאנצען פון זיין הויף ארויסטרייבען.

דער בעל שם האט איהם אבער געגעבע א שליחות און ער האט זיך געמוזט קלינען ווי די דאזיגע שליחות אויסצופיהרען. ר' עזריאל יוסף, א גרויסער למדן און ירא שמים, א בעל מקובל און א וועלט־חכם, האט ער זיך אבער תמיד מפרנס געווען פון מלאכה. ער האט געטהאן וואס עס האט זיך געמאכט אונטער דער האנט אבי ניט צו דארפען אנקומען צו קיינעם. האט ער זיך אין ליפע ברוך'ס הויף פארדונגען צו ארבייטען, פשוט ווי א שכיר יום.

האט ער געטהאן זיין ארבייט באמונה און דערוויל געהאלטען אן אויג אויף דעם "פריץ", ווי ליפע ברוך פלעגט גערופען ווערען. ער האט געוואלט ציהען די אויפמערקזאמקייט זיינע כדי ער זאל מיט איהם קענען פארקניפען א באקאנטשאפט. דאס איז ניט געווען קיין לייכטע עובדה, אבער. אז א מענש ווי ר' עזריאל יוסף, אויף וועמען מען האט באלד געקענט דערקענען דעם תלמיד חכם, טהוט עבודת פרך און דוקא דערפאר וואס ער וויל אויף אזא אופן פארדינען זיין ברויט און אנטזאגט זיך דורכאוים פון וועלכע עס איז טובות און געפעלינקייטען, מוז מען זיך אויף איהם אנהויבען אומקוקען. צוערשט איז עס דער פארוואלטער פון דעם גוט און דאן איז עס ליפע ברוך אליין.

האט אט דער בעל עבירה'ניק, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און גע־וואוסט ווי אפצושאצען א בן תורה, זיך פאראינטערעסירט אין דעם באהאלטענעם חסיד. עפעס איז ר' עזריאל יוסף געווען אנדערש פון אלע

לומדישע אידען וואס ער האט ווען געקענט. ער האט איינמאל און א צווייטען מאל פארפיהרט מיט איהם א שמועס און יעדעס מאל וואס ער האט מיט איהם גערעדט איז ער געווען פארוואונדערט פון ר' עזריאל יוסף'ס חכמה און לומדות.

ליפע ברוך, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אפיקורסישע גע־דאנקען, זייענדיג אונטער דער השפעה פון געוויסע חקירת ספרים, האט גראד ליעב געהאט צו ריידען צו פרומע אידען און זיי "באוויזען", אז ער איז גערעכט און פארשטעהט אמונה זאכען בעסער ווי זיי. די מעהרסטע לומדישע אידען האבען איהם פשוט ניט געוואלט אויסהערען, און אויב זיי האבען איהם אויסגעהערט, האבען זיי אבער זיינע געדאנקען אוועקגעמאכט מיט דער האנט אדער אויף זיי ניט געהאט וואס צו ענטפערען.

ר' עזריאל יוסף, אליין א חקרן, האט גראד זיך צוגעהערט צו אלץ וואס ליפע ברוך האט געהאט צו זאגען. ער האט פארנומען זיינע געדאנקען און זיינע ראיות און סברות. ער האט עס געטהאן כדי ער זאל דערנאך וויסען וואס איהם צו ענטפערען. אויב ליפע ברוך האט צוערשט געמיינט, אז ער האט שוין ר' עזריאל יוסף'ן "געפאקט" און איהם "איבערצייגט" מיט זיינע חקירות, איז ער גאר אין גיכען געווארען שטארק איבערראשט ווען ר' עזריאל יוסף האט איהם אנגעהויבען "דערלאנגען" אויף צוריק און גראד מיט לאגיק און מיט שכל און מיט אלע טיפע געדאנקען פון א חקרן. דער אידישער פריץ איז פשוט געווען געפלעפט.

ניט נאר האט ליפע ברוך געפיהלט, אז מען האט איהם מנצח געווען, ער האט אנגעהויבען איינזעהן די ריכטיגקייט פון ר' עזריאל יוסף'ס געדאנקען און באוויז, מיט'ן פועל יוצא, אז ער האט אין משך פון א פאר חדשים צייט אנגעהויבען פיהלען אז ער איז געגאנגען אויף א פאלשען דרך, אז ער האט פארלאזט אידען און אידישקייט אהן א בארעכטיגונג.

בּיסלעכווייז האט ר' עזריאל יוסף אויף איהם געקראגען אלץ א גרעסערע השפעה ביז ליפע ברוך האט שוין אנגעהויבען פיהלען א הרהור תשובה און האט אפען גערעדט מיט ר' עזריאל'ן וועגען דעם. דער בעל שם'ס תלמיד האט געפיהלט, אז ער האט שוין זיין שליחות געהאט אפגעטאן און אין א געוויסען טאג איז ער אריינגעקומען צו ליפע ברוך'ן און איהם מודיע געווען, אז ער פארלאזט זיין הויף, ווייל ער האט זיך אוועקצולאזען אפריכטען גלות ווי דאס איז געווען זיין דרך, כדי אויסצופיהרען געהיימע שליחות'ן פון בעל שם טוב.

— איך וועל מיט אייך מיטגעהן, — האט ליפע ברוך זיך אנגעבאטען. און פאר דריי חדשים צייט האט ער געוואנדערט מיט ר' עזריאל יוסף'ן, ביז יענער האט זיך מיט איהם געזעגענט און איז פארשוואונדען, האבענדיג פאר זיך אנדערע שליחות'ן אויסצופיהרען.

ליפע ברוך איז דאן אנגעקומען קיין הארקי צו זיין אמאליגען רבי'ן בעטען ביי איהם א תשובה און א נייעם דרך אין לעבען. ר' נחמן יצחק האט איהם גע'עצה'ט צו פארקויפען זיין גוט און זיך באזעצען אין מינסק, וואס איז דאמאלס געווען א צענטער פון תורה. דאס האט ער געטהאן און צעהן יאהר האט ער געוואוינט אין מינסק און זיך געפיהרט ווי אלע לומדישע און

פרומע אידען. שפעטער האט ער געקויפט דעם גוט סיטשין ביי הארקי און האט זיך גע'חבר'ט מיט זיין אמאליגען רבי'ן.

איינמאל איז ליפע ברוך געוועזן אין הארקי און האט אין גאס אנגעטראפען ר' עזריאל יוסף'ן. איז ער איהם געפאלען אויפ'ן האלז קושען, אויס דאנקבארקייט וואס דורך איהם איז ער געווארען א בעל תשובה. ר' עזריאל יוסף האט אבער דאמאלס געהאט אן אורזאך ניט צו אנטפלעקען זיך פאר קיינעם, ווייל די חברה חסידים זיינען נאך געווען אין געהיים, האט ער צו ליפע ברוך'ן זיך ניט געוואלט לאזען דערקענען און געלייקענט שטיין און ביין, אז ער איז דערזעלביגער וואס האט אמאל ביי איהם געארבייט אין הויף און מיט איהם געוואנדערט איבער שטעט און שטעטלאך. צי ליפע ברוך האט פארשטאנען, אז ר' עזריאל יוסף האט אן אורזאך ניט צו וועלען זיך לאזען דערקענען, אדער ער האט טאקע געמיינט, אז ער האט געמאכט א טעות, ער האט איהם אפגעלאזט און ר' עזריאל יוסף האט ווייטער געקענט אנגעהן מיט זיין חסידישע ארבייט אין געהיים.

(סוף פון ערשטען טייל)

הוספות און באַמערקונגען

צו דער זייט 4.

מער איינצעלהייטען וועגען דעם אַרעסט און באַפרייאונג פון דעם ליובאַוויטשער רבי'ן מהוריי"צ נ"ע, אין יאָר 1927, זע:

קונטרס יד. מאמרים יב־יג תמוז תרצ"א.
„התמים" ח"א, זייט ג־ה.
קונטרס המאסר והגאולה (געדרוקט אין „התמים" ח"ז).
קובץ „ליובאַוויטש" ח"ד, ח"ט.
„די יסורים פון ליובאַוויטשער רבי'ן אין סאָוועט־רוסלאַנד" — ריגע, 1930. רשימת המאסר (חלק א־ד) לקוט לד־לז.

צו דער זייט ד.

וועגען דעם באַזוך פון ליובאַוויטשער רבי'ן מהוריי"צ נ"ע אין אַמעריקע אין יאָר תרפ"ט־תר"צ זע אויך:

שיחת שמחת תורה תר"ץ ח"ג אות מד.
שיחת שבועות תרצ"ד אות־כא.
ספר השיחות קייץ ה'ש"ת ע' 4.

צו דער זייט 15.

די איינדרוקען פון דער מלחמה אין וואַרשא זע: ספר השיחות קייץ ה'ש"ת ע' 6.

צו דער זייט 17.

דאָ ווערט געבראַכט נאָך אַ פאַרצייכנונג פון רבי'ן מהוריי"צ נ"ע וואָס דערציילט וועגען דעם גרינדער פון ליובאַוויטש — ר' מאיר'ן:

החסיד ר' שמואל מאזינקער[1]) שמע מאת החסיד ר' שאול מווידז[2]): בשמחת בית השואבה שנת תקע"ה בשעת הפאַרברייינגען דיבר החסיד ר' נחמן זאב מלמד מבאציייקאוו[3]) אדות אדון העיר הגראף העושה חסד עם עניים ועם ישראל ביחוד. ויבך במרירות לבו לאמר: ומה נברא זה שאין לו נפש האלקית רק נפש טבעית ובהמית. ובכל זה יש לו מדות טובות ומתנהג עם כל אדם ברחמנות. כ"ש אני שמלבד זה שגופי נברא בטהרה

---

1) פון די „זיצער'ס" בא דעם צמח צדק. זע „התמים" ח"ח ע' ז.
2) פון די גדולי החסידים בא דעם מיטעלען רבי'ן.
3) פון די יונגעלייט וואָס זיינען געווען אונטער דעם מיטעלען רבינ'ס הדרכה בחיי פון דעם אַלטען רבי'ן. אַ האַרציקער און אַ בעל בכי. כשהי' מתפלל הי' גועה בבכי'.

כפי צווי השי״ת נתן בי נפש האלקית. הנה בודאי הייתי צריך להיות בעל מדות טובות ולכל הפחות בעל רחמים על עצמי. רחמנות האָבען אויף זיך.

הוד כ״ק אדמו״ר בעל צמח צדק שהי׳ אז אברך בן כ״ה שנה הי׳ נוכח בשעת הפארברייגגען. וכדרכו אז הי׳ מתרועע עם החסידים להיות כאחד מהם והי׳ מקפיד כשהתיחסו אליו בהדרת כבוד, והואיל אז לאמר: ליובאַ־וויטש איז געבויט אויף אהבה. אין דער גמרא איז דאָ א פלוגתא אויב שמא מילתא היא או לאו מילתא היא. איז ר׳ מאיר האַלט אַז מילתא היא. און ר׳ מאיר מדייק בשמא. ווי די גמרא דערציילט מיט דעם מענטשען וואָס זיין נאָמען איז געווען כידור, האָט ר׳ מאיר געזאָגט אַז דאָס איז מרמז אויף זיין ניט גוטער אויפפירונג ווי עס שטייט כי דור תהפוכות.

דער מייסד פון ישוב ליובאוויטש איז געווען איינער א ר׳ מאיר בעל צדקה וחסד. און מיט זיינע הנהגות טובות האָט ער משפיע געווען אויף די אַלע איינוואוינער פון ישוב א רוח אהבה. שמא מילתא הוא. עס שטייט וכל אשר יקרא לו האדם נפש חי׳ הוא שמו, דאָס איז דער ריכטיגער נאָמען וואָס דער חיות פון דעם נברא קומט דורך דעם צנור פון נאָמען.

ליובאוויטש איז דער צנור פון חסידישער אהבה און ידידות. מען בעדאַרף רחמנות האָבען אויף זיך און אויף דעם אנדערען. און איינער דעם אַנדערען העלפען ווערען בעסער אין מדות טובות און אין דרכי העבודה ווי ע״פ החסידות איז.

צו דער זייט 50.

ווי באוואוסט (זע אגרת הקדש פון אַלטען רבי׳ן ענדע סימן כה) פלעגט דער בעל שם טוב זאָגען תורה אָדער א „שיחה״ אין אידיש. דער לשון פון דעם שמועס, ווי ער איז געבראַכט אינווייניג, איז אָבער ניט דעם בעל שם טוב׳ס לשון, נאָר אַ פרייע איבערזעצונג פון דעם ליובאוויטשער רבי׳נס שליט״א פאַרצייכנונג וועלכע איז געמאַכט אין לשון הקודש. נעמענדיג אין אכט, אַז אַן ענדערונג אין אַן אויסדרוק, אָדער ניט קיין גאַנץ גענויע איבער־זעצונג פון אַ וואָרט קען אַמאָל בייטען די כוונה (זע אגרת הקדש דאָרט) ברייגגען מיר דאָ דעם רבי׳נס מהוריי״צ נ״ע רשימה:

באחת משיחותיו אומר מורנו הבעש״ט:

עד אברהם הי׳ העולם מתנהג באפילה. שלא היו צדיקי הדור לא מלמדים את בני דורם ארחות הוי׳ ולא מבקשים עליהם רחמים, מכיון שבא אברהם התחיל להאיר. ללמוד את בני דורו את דרכי העבודה בעבודת הבורא ית׳. ומוסר נפשו לעורר רחמי שמים על בני דורו. עד כי גם בעד הרעים והחטאים אנשי סדום ועמורה הוא מתפלל ומבקש רחמים עליהם.

בכל זה הנה בדורו של אברהם אבינו נקרא ההמון, וגם ישמעאל, עם הדומה לחמור. אבל בזרע ישראל נקרא ההמון בתואר עם הארץ. עם הדומה לארץ. ומה הארץ הכל דורסים עלי׳. ובה הטביע הקב״ה את כח הצומח להצמיח יבול להחיות את כל החי על פני האדמה. ובה נמצאו אוצרות זהב וכסף וכל יקר במחמדי תבל. כך ישראל אשר כפלח הרמון רקתך. דגם הריקנין מיראת אלקים מלאים מצות כרמון. ומה גם המקיימים את המצות בתום לב בפשטות דאמונה פשוטה. שהם עמי הארץ. עם הדומה לארץ. כאמור כי תהיו אתם ארץ חפץ.

צו דער זייט 54.

וועגען דער אָנפירונג פון חסידים די ערשטע צייט נאָך דעם בעל שם טוב'ס הסתלקות זע אויך: התמים ח"ב ע' מו. תורת שלום ספר השיחות ע' 94.

צו דער זייט 56.

שלשלת היחס פון דעם אלטען רבי'ן ביז דעם מהר"ל — יהודא ליוואי — מפראג: א) דעם אלטען רבי'נס פאָטער: ר' ברוך. בן — ב) ר' שניאור זלמן. בן — ג) ר' משה מפויזען. בן — ד) ר' יהודה לייב. בן — ה) ר' שמואל. בן — ואו) ר' בצלאל. בן — מהר"ל מפראג „מגזע * הגאונים המיוחסים לאדוננו דוד בן ישי".

צו דער זייט 89.

פון דעם רבי'נס מהוריי"צ נ"ע פאַרצייכנונג: אַז ר' יוסף יצחק האָט אָפּגעזאָגט דעם שיעור האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ דבר אגדה אין דעם מאמר פון רב חסדא (כתובות עה, א): קול עבה באשה הרי זה מום שנאמר כי קולך ערב ומראך נאוה. ער האָט געטייטשט אַז כנסת ישראל ווערט אָנגערופען די פרוי פון דעם אויבערשטען. וקול עבה היינו שמתפלל כתובע צרכיו ואז הרי זה מום, כי התפלה צריכה להיות בתחנונים שזהו קול ערב, וכמאמר רז"ל המתפלל צריך שיראה עצמו כאילו שכינה כנגדו.

צו דער זייט 131.

אין דער איבערזעצונג פון דער חקירה זיינען אריינגעפאַלען איניגע טעות'ן. ואין כאן מקומו לבאר.

צו דער זייט 140.

וועגען זאָגען „האזינו" זע ספר התולדות (אדמו"ר מוהר"ש. ע' 74) אַז דער מעזריטשער מגיד האָט געהייסן אויסלערנען בעל פה די שירת האזינו.

צו דער זייט 146.

ר' צבי ארי' — איז געווען אַ חבר פון, און אַ סך יאָרען געלערענט צוזאַמען מיט, דעם גאון ר' משה אבד"ק דראגאטשין בעל המחבר ספר מגיד משנה (על הס' משנת חסידים ח"א).

צו דער זייט 152.

פון דעם „געלען כהן'ס" רייד: דער נוסח פון ברכת כהנים איז: וצונו לברך את עמו ישראל באהבה. דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט צו בענטשען די אידען. מיט וואָס? — באהבה, אַז זיי זאָלען ליעב האָבען איינער דעם אנדערען.

---

* פון דער אויפשריפט אויף דער מצבה פון ר' יודא ליוואי הזקן, דער עלטער-עלטער-זיידע פון מהר"ל מפראג (מגלת יוחסין).

צו דער זייט 167.

די תורה פון בעל שם טוב ווי זי איז פארצייכענט בא דעם רבי'ן מהוריי"צ נ"ע (זע הוספה צו דער זייט 50):

איזהו חכם הלומד מכל אדם שנאמר מכל מלמדי השכלתי. וקשה האם כל אדם מלמד הוא. ומצינו שמלמד צריך שיהיו לו סגולות ומעלות שונות. ואיך אמר הלומד מכל אדם וכי כל אדם יש לו אותן הסגולות ללמד. ומה ראי' מהכתוב מכל מלמדי השכלתי. דלכאורה זהו רק כאשר האדם משכיל במה שהמלמד מלמדו. וכמו מבין דבר מתוך דבר. ואיך הלומד מכל אדם הוא חכם. אך הענין הוא דכתיב נר הוי' נשמת אדם. ובנר יש ב' דברים אור הנר וצלו. אור הנר הוא מהנר עצמו וצל האור בא ע"י כלי הנר. כן הוא בנשמה שיש בה אור וצל. האור בא מן הנשמה והצל שעל אור הנשמה בא מן הגוף שהוא הכלי. כשעומדים בתוך ד' אמות של צדיק נופלות מחשבות טובות. והן גילוי אור נר הנשמה. וכשעומדים בתוך ד' אמות של רשע נופלות מחשבות רעות. מהצדיק לומדים ועשה טוב ובזה נעשים ממזכי הרבים. ומהרשע לומדים סור מרע. ובזה נעשים כלי להרהור תשובה. וזהו הלומד מכל אדם דמכל אדם בין צדיק ובין רשע ח"ו אפשר וצריכים ללמוד. והראי' מכל מלמדי השכלתי דכל מה שברא הקב"ה בעולם הוא בשביל ללמד האדם וכתיב מלפנו מבהמות הארץ א"ר יוחנן אלמלא ניתנא תורה לישראל למדנו צניעות מחתול וגזל מנמלה. וההשגחה העליונה מזמנת להאדם ממה ללמוד. וזהו החכם הלומד מכל אדם בסור מרע ועשה טוב.

צו דער זייט 243.

ר' ארי' לייב איז דער מחבר פון בארימטען ספר „שאגת ארי'". ער פלעגט אפט זאגען: „פארשטיין די טיפקייט פון תוס' איז א זכות, פארשטיין די טיפקייט פון רש"י איז גאר א גרויסער זכות" (רבי'נס מהוריי"צ נ"ע רשימות).

צו דער זייט 274.

וועגען ר' אדם בעל שם פון ראפשיץ זע: התמים ח"א ע' י־כב, ח"ג ע' יז־יט, ח"ד ע' ז־ט.

איינע פון זיינע תורות, פארצייכענט אין די זכרונות: אם אין קמח אין תורה. בשביל לקבל דברי תורה צריכים יראת שמים. ולהיות ירא שמים צריכים ללמוד ולשמוע מוסר חכמים. וזהו אם אין קמ"ח, ר"ת קח מוסר חכמים. אין תורה.

צו דער זייט 302.

די תורה פון בעל שם טוב, ווי זי איז פארצייכענט בא דעם רבי'ן מהוריי"צ נ"ע:

אברהם אבינו ע"ה הי' נדיב בממונו בגופו ובנפשו. בממונו שהי' מאכיל ומשקה לכל עובר ושב. בגופו שהי' משמש את הבאים לביתו. בנפשו שהי' מניח את לימודיו העיוניים במחקרי אלקות. כדאיתא בספר יצירה שאאע"ה הי' חכם נפלא בחכמת המחקר אלקי. ובודאי שכל רגע ורגע היתה יקרה לו בנפשו. ועם זה הי' נדיב בנפשו להניח את עצמו בשביל ללמוד עם אנשים פשוטים שאינם מערכו כלל. כי נושא ותוכן מעלת נדיב בנפשו הוא להניח את עצמו בשביל טובת זולתו.

צו דער זייט 322.

פיר תורות פון בעל שם טוב, וואס ר' יצחק שאול האט איבערדער־ציילט, ווי זיי זיינען פארשריבען באם רבי'ן מהוריי"צ נ"ע אין די זכרונות:

א נשמה לערענט תורה מפי הקב"ה אין מתיבתא דרקיע און הקב"ה שיקט אראפ די נשמה אויף דער וועלט ניט נאר צוליב לערנען תורה נאר אויך צוליב מאכען פון אנ"י אי"ן. אפילו דער וואס איז באמת א אנ"י פון תורה און מצות בעדארף מען פון דעם אנ"י מאכען אי"ן. ווי מען איז באמת גארנישט לגבי די תמימות'דיגע פשטות פון דעם פשוט'ן אידען.

* * *

אמרו חז"ל (יומא דע"ב ע"ב) זכה נעשית לו סם חיים. לא זכה נעשית לו סם מיתה. והיינו דאמר רבא באומן לה (כשהוא מאמין בה) סמא דחיי. בלא אומן לה (שאינו מאמין בה) סמא דמותא. והנה מה ענינם של זכות ושל אמונה בענין לימוד התורה. הלא התורה היא חכמה וכל חכמה ומדע ניקנית ביגיעת המוח. ועוד זאת הלא אמונה היא בדבר שלמעלה מן השכל ותורה שהיא חכמה אין נופל בה ענין האמונה. והנה בגמרא שבת (דפ"ח ע"ב) אמר רבא למיימינים בה סמא דחיי למשמאילים בה סמא דמותא ופירש"י למיימינים עסוקים בכל כוחם וטרודים לדעת סודה. הלומד תורה צריך לדעת באמונה פשוטה כי בכל דבור ודיבור של תורה יש סוד פנימי. וצריכים לייגע את המוח ולהטריד את השכל לדעת את הסוד פנימי שבה. ולימוד כזה פועל טוהר וזכות בהלומד את התורה. וזהו זכה אם הלומד תורה נעשה זך על ידי הלימוד אז הנה אם יוסיף ללמוד באופן כזה נעשית לו סם חיים. ואם הלומד תורה לא נעשה זך ע"י לימוד התורה אלא אדרבא נעשה עב וגם אז נעשית לו סמא דמותא.

* * *

לא חרבה ירושלים אלא על שהעמידו דיניהם על דין תורה. ירושלים הוא יראת שמים. וההנהגה רק ע"פ דין תורה מחרבת היראת שמים. ולפנים משורת הדין מחזקת היראת שמים.

* * *

איש הפשוט הוא כשדה זרועה אשר למטר השמים תשתה מים ותתן את יבולה. והתלמיד חכם הוא כשדה בית השלחין אשר בעלי' משקה אותה ולפיו תתן את יבולה. וכמו המצייר שהוא אמן נפלא בציור הנה כל אומנתו הוא כשמצייר את השדה ותבואתה כאשר הם באמת כפי הדר הטבע שהטביע הקב"ה בה. וכל אומן שציורו מתאים יותר אל הטבע יותר הוא גדול באומנתו. וכן הוא באיש הפשוט ובבן תורה. בן תורה כשדה בית השלחין ויכול להיות שהיבול ממנה הוא טוב יותר מיבול שדה רגילה. אבל הדר הטבע שהטביע הקב"ה שהוא האמת הוא בשדה אשר למטר השמים תשתה מים יותר מבית השלחין.

פערזאָנען-אינדעקס

(איינגערינגלט קומט געבורט־, אָדער וואוין־שטאָט. נאָכדעם — דער קאַפּיטל).

אבוה, דער אמורא. נח.
אברהם (ליאזנע). יג־טז, יח־כא, נז.
אברהם אבינו. ח, כ, נג, נז. הוספות.
אברהם, בן שמואל (פויזן). מה, מו.
אברהם, בן שמעון (ווילנא). מב.
אברהם, דער בלעכער (דאבראמיסל). לה.
אברהם, דער גאָלדשמיד (קראקע). נו.
אברהם, דער פישער (וויטעפסק). יח.
אברהם אבא (מינסק). נא.
אברהם אבעלע גומבינער (קאליש). סא.
אברהם בנימין (דאבראמיסל). כב, לה, נג.
אברהם דן (דאבראמיסל). מח.
אברהם זאב (בעשענקאוויטש). טו, יז, יט, נו, נז.
אברהם זלמן, דער בטלן. לח.
אברהם יצחק (יאנאוויטש). כח, לא, לד.
אברהם מענדל (הארקי). סב.
אברהם שלמה (דובראוונע). כה.
אברהם שלמה (הוראדנע). מא.
אדם, בעל שם (ראפשיץ). נב, נג, סא. הוספות.
אהרן בינוש (דאבראמיסל). נח.
אהרן זעליג (ארשע). נט.
אהרן יוסף (לאדי). מט.
אהרן משה (סלוצק). מא.
אהרן שמואל (דאבראמיסל). נט, ס.
אהרן שמואל (קיידאנאוו). מא.
אורי בן יואל (זאמאשטש). סא.
אלחנן (ליאזנע). מו.
אליהו, בעל שם (ווירמייזא). לט, נה־נז, סא.
אליהו הנביא. נב, נו.
אלימלך (דאבראמיסל). מם.
אליעזר (פראנקפורט). נו.
אליעזר, דער תנא. נח.
אליעזר זונדל (ליאזנע). יא.
אליעזר ראובן (דאבראמיסל). טו־יז, לה, לו, מ, מח, נ־נג, נט.
אליקים שמואל (קרושטא). נד.
אלישע (ליאזנע). מו.
אלעקסיי, קיסר פון רוסלאַנד. מא.
אסי, דער אמורא. למד.
אפרים (דאבראמיסל). מח.
אפרים (ווילנא). מא.
אפרים קלמן (דובראוונע). ס.
אפרים שמחה (וויטעפסק). לט.
אריי יהודה (יוטינא). לד.
אריי לייב — דער שאגת ארי׳ — (מינסק). מה, מז. הוספות.
אריי לייב (פויזן). מה.
אשי, דער אמורא. לט.
באנטש זינקעוויטש (סעבעזש). לו, לז.
בנימין (ליובאוויטש). א־ג.
בנימין, בן צבי ארי׳ (ליובאוויטש). ה־ח.
בנימין וואלף (הוראדנע). מא.
בנימין סגל (מאנאסטירשצינע). נג.
בער (יאנאוויטש). כג.

בער מלמד (יאנאוויטש). כה, כו.
בעריל (דאבראמיסל). לה.
בעריל (יאנאוויטש). כז.
בצלאל (סלוצק). מא.
בצלאל (ראסאסנע). מז, מח.
בצלאל אורי (פאלאצק). ב, ג, מט.
בצלאל חיים (דאבראמיסל). נט, ס.
ברוך (וויטעפסק). למד.
ברוך (ליאזנע). מו.
ברוך (מעזיבוזש). ט.
ברוך, בן שניאור זלמן. יוד־כג, כז, כח, ל, לא, לד־לו, מ, מח, נב־סא.
ברוך בטלן (פויזען). יוד.
ברוך שמעון (דובראוונע). ס.
ברוריי. נח.
גבריאל (דאבראמיסל). מ, מג, מד, מח.
גבריאל שלמה (ארשע). נט.
גדליי זלמן (ליאזנע). מד.
גרונם אליי (בעשענקאוויטש). נד, נח.
דבורה (דאבראמיסל). נ, נא.
דבורה (וויטעפסק). לו, לח־מט.
דבורה לאה. יו"ד, כא.
דובער — דער מיטעלער רבי — (ליובאוויטש). א, ט.
דובער — דער מעזריטשער מגיד — (מעזריטש). ט. הוספות.
דוד אריי (דאבראמיסל). כב.
דוד הלוי — דער ט"ז — (אוסטרהא). סא.
דוד זילצבורג (קראקע). מא.
דוד לייב (מינסק). לא־לד.
דוד משה (דאבראמיסל). מ, מד, מח, נג, נז, נט, ס.
דינה (דאבראמיסל). נ, נא.
דניאל בר קטינא, דער אמורא. לט.
הלל, דער תנא. למד.
וואלף (בעשענקאוויטש). נד, נה.
וואלף (לוצק). ב־ה.
וואלף (ליובאוויטש). ה־ז.
וואלקאוו (שווינציאן). מב.
זבולון (ליובאוויטש). ח.
זבולון, דער שותף. למד.
זבולון בנימין (דאבראמיסל). טו, טז, נ־נג.
זבולון מרדכי (דאבראמיסל). מ, מג, מד, נב, נז, נט, ס.
זונדל וואלף (יאנאוויטש). לד.
זונדל יוסף, דער מקובל. מג.
זיגיזמונד אווגוסט, קעניג פון פולין. מב.
זיגיזמונד קיוועטשיסקי (דאבראמיסל). נג.
זכריי ירוחם (דאבראמיסל). מד.
זכריי ירוחם (נעמיראוו). מ־מד.
זכריי ירוחם (קראקע). מט.
זלאטע חוה (ליאזנע). מו.
זלמן (שצערבינא). אריינפיר 3.
זלמן אהרן (וויטעפסק). לח.
זלמן חיים (יאנאוויטש). כג־כח, לד.
זלמן לייב (באריסאוו). כה־כז.
זלמן מאיר (דאבראמיסל). לה, לו, נח, סא.
זלמן פישל (דאבראמיסל). מח.
זרח אליי קריטינגער. ז.
חאציע (יאנאוויטש). כז.
חייא בר אבא, דער אמורא. נח.
חיים (דובראוונע). נג.
חיים (וויטעפסק). לא, לב.
חיים (יאנאוויטש). כח.
חיים אליי (דאבראמיסל). מח.
חיים אליי, בן אברהם בנימין (דאבראמיסל). כב.
חיים יהושע (מאהילעוו). נד.
חיים יצחק (דאבראמיסל). מג.
חיים יצחק, דער בדחן (דאבראמיסל). מג.
חיים שמואל (הארקי). סב.
חיים שמעון (ליאזנע). מד־מט, נג, נז.
חנא טוביי (דאבראמיסל). מג.
טוביי אשר (באבינאוויטש). מד.
טעוויל (וויטעפסק). לו־לח.
יאָהאַן קאמבארי. לו, לז.
יאַן בעדניצקי (ליאדי). מט.
יאַן רעאוט (ליאזנע). מה.
יאסע, דער שניידער. כה.
יאשע (קאמארי). ס.
יהודה (הוראדנע). מא.
יהודה (פויזען). יוד.

יהודה גבריאלי. לו, לז.
יהודה ליוואי — מהר"ל (פראג) — יוד, כז, כט, ל. הוספות.
יהודה לייב סגל (וויטעפסק). לז.
יהושע פייטעל (דאבראמיסל). מז, מח.
יואל, בעל שם (זאמאשטש). סא.
יואל סירקיש — דער ב"ח (קראקע). סא.
יוזעף (קאמארי). נט, ס.
יוזעף שיוועניצקי (ליובאוויטש). נג.
יוחנן, דער אמורא. נח.
יום טוב ליפמאן העליר — דער תוס־פות יום טוב. סא.
יוסף (פראג). נו.
יוסף, דער מגיד (ליובאוויטש). ואו־ט.
יוסף, דער מולער (דאבראמיסל). מג, מד, מז, מח.
יוסף איטאלינג (קרעמאנע). נו.
יוסף גבריאלי (שפאניע). לו.
יוסף יוזפא (קראקע). נו.
יוסף יצחק — דער ליובאוויטשער רבי שליט"א — ארייגפיר 3-1.
יוסף יצחק (וויטעפסק). יז, יט, כא, כג, כח. הוספות.
יוסף כץ (קראקע). מא.
יוסף משה (יאנאוויטש). לד.
יוסף עקיבא (לופאלאב). נד, נה.
יחזקאל (פאלאצק). מג.
יחזקאל מאיר (קרעמניץ). מא.
יחיאל — דער סדר הדורות — (מינסק). נב.
יחיאל משה (פראג). כט, ל.
יעקב (וויטעפסק). כט.
יעקב, שתדלן (פויזען). מה.
יעקב אייזיק (יאנאוויטש). כז־לא.
יעקב זלמן (יאנאוויטש). כז.
יעקב פאלאק (פראג). מב.
יצחק (מאנאסטירשצינע). נג.
יצחק (קאסטיליע). נד.
יצחק גרשון (לוצק). ג.
יצחק הכהן (קרעמניץ). מא.
יצחק שאול (הארקי). לה, לו, מח, נ־נד, נז־סא. הוספות.
יקותיאל (ליאזנע). מו, מז.
יקותיאל זלמן (קראקע). לז, לט.
ירבעם. מז.
ירחמיאל הירש (דובראוונע). ס.
ירחמיאל כהן (ווילנא). מב.
ירמיי (הארקי). נב.
ירמיי, דער סופר. מג.
ישמעאל. הוספות.
ישעיי (ליאזנע). מו.
ישעיי לייב (בעשענקאוויטש). נה.
ישעיי שלמה (דאבראמיסל). מם.
ישראל (ווילנא). מב.
ישראל (לובלין). מב.
ישראל (ליסא). מה, מז.
ישראל (פאלאצק). מם.
ישראל בעל שם טוב. א, ז־ט, כ, לד, לה, מח, נב־נה, נז, ס־סב. הוספות.
ישראל חיים (דאבראמיסל). מם.
ישראל יוסף (זאמאשטש). סא.
ישראל יצחק (ווילקאמיר). לו.
ישראל שמואל (דאבראמיסל). נג.
יששכר דוב (קאבילניק). ז־ט.
כידור. הוספות.
כמעלניצקי. מ, מא.
לאה ברײנע (ליובאוויטש). ג, ה.
לוי (קראקע). נו.
לייב (יאנאוויטש). לד.
לייבעלע (סמילאוויטש). נד.
ליפסקי, גראף (וויטעפסק). כט.
ליפע ברוך (הארקי). סב.
מאיר (ליובאוויטש). א. הוספות.
מאיר שלמה (ווילנא). לח.
מאנטריסי, פרינץ (שועדען). לז.
מלכיאל צבי (דאבראמיסל). מג.
מנחם מענדל — דער פרי הארץ — (הארדאק). ז.
מנחם מענדל — דער צמח צדק. ט. הוספות.
מנחם שלמה (סמילאוויטש). נד.
מענדל (נעמיראוו). מא.
מרדכי (דובראוונע). נג.
מרדכי (פויזען). יוד.
מרדכי, דער מילנער (יאנאוויטש). כה־כז, לד.

מרדכי, דער סופר (קאלישק). מו.
מרדכי אהרן סגל (וויטעפסק). לז.
מרדכי טאקליס (בערלין). מז.
מרדכי יפה — בעל הלבושים. סא.
משה (דראגאטשון). הוספות
משה (וויטעפסק). לט.
משה (ווילנא). מא.
משה (מאהילעב). נד.
משה, בן יהודה לייב (פויזען). יוד, מם.
משה, בן מרדכי (פויזען). מג.
משה, דער וועכטער (ליאזנע). מו.
משה איסרליש — דער רמ"א. מם.
משה בנימין (קאמארי). נט, ס.
משה גרשון. לט, מם.
משה הכהן (לוצק). מא.
משה יעקב (בריסק). מא.
משה לייב (דאבראמיסל). לה, לו, נג־נה, נז, נח, סא.
משה לייב (טראקי). נד.
משה נאמן (יאנאוויטש). למד.
משה ניסן (מינסק). נא.
משה רבקש — דער באר הגולה — (ווילנא). מא, מב.
נאניא (דאבראמיסל). מז, מח.
נחום (וויטעפסק). לו־מם.
נחום (סעבעזש). לו, לז.
נחום, דער פרוש (דאבראמיסל). נז.
נחום, דער פרוש (זאלקווא). נו.
נחום טוביי (פאלאצק). מא־מג.
נחמה (וויטעפסק). לו, מם.
נחמן (לודמיר). מא.
נחמן (קאסטיליע). נד.
נחמן זאב (באצייקאוו). הוספות.
נחמן יצחק (הארקי). נז, סב.
נחמן ישראל (יוטינא). לד, לה.
ניסן (הארקי). לה, מח, נ־נג, סא, סב.
ניקאלאיעב (ליאזנע). מד, מה.
נפתלי (דאבראמיסל). מם.
נפתלי (קאלישק). לד.
נפתלי הירץ גינזבורג (פינסק). מא.
נפתלי זאב, דער גמרא'דיקער. כט, ל.
נתן נטע (לופאלאוו). נד.
נתן נטע (קאסטיליע). נד.
נתן שלמה (יוטינא). לד.
סטעפאן ווערביצקי (ליאדי). מט.
סענדער, דער געלער כהן. לב־לד. הוספות.
עזרא (ליאזנע). יא.
עזרא יהודא (דאבראמיסל). נג.
עזריאל (ליאזנע). יג, יד.
עזריאל טרביטו (אסקולא, איטליא). נו.
עזריאל יוסף (הארקי). לה, נא, סא, סב.
עזריאל יעקב. לד.
עקיבא, דער תנא. כח, ל.
פייווע, דער טענצער (דאבראמיסל). מג.
פייווע, דער טעפער (יאנאוויטש). כז.
פיניע, דער בלעכער (יאנאוויטש). כז.
פלטיאל (וויטעפסק). יז־יט, כא, לו.
פנחס (פולדא). לט.
פנחס (פראג). ל.
פנחס זעליג (שפייער). נו, נז, סא.
פנחס מרדכי (דאבראמיסל). מח.
פסח, דער פראנצויז (הארקי). נז.
פסח כץ (לוצק). מא.
פעשע (דאבראמיסל). נ.
פריידע (וויטעפסק). יוד, כא.
פרעה, מלך מצרים. מז.
פתחיי, דער מגי'. מם.
פתחיי מאיר, דער סופר (דאבראמיסל). מח.
צבי, דעם בעל שם'ס זוהן. ט.
צבי אריי (ליובאוויטש). ג, ה.
צבי אריי (מינסק). לא, לב. הוספות.
צבי הירש (בריסק). מא.
צדוק הלל (רוטעפקע). סב.
צדוק משה (וויטעפסק). לח, לט.
קדיש (וויטעפסק). יוד.
קדיש (ליאזנע). טו.
קוזיצקי (ליאזנע). מד, מה.
קרח. מז.
רבה בר אבוה, דער אמורא. למד.
רבי, דער תנא. למד.
רבקה (ליאזנע). יט־כא.
ריש לקיש, דער אמורא. נח.
רעאוט (קאמארי). נט.

רעגינא גבריאלי (שפאניע). לו.
רפאל דוד (הוראדנא). מא.
רפאל שלמה (ווילנא). מב.
שאול (ווידז). הוספות.
שאול (יאנאוויטש). כז.
שבתי כהן — דער ש"ך. מא, מב.
שבתי צבי. נז.
שילם (סעבעזש). לו.
שלום גרשון (ליובאוויטש). ז, ח.
שלום דובער — דער רבי נשמתו עדן — (ליובאוויטש. ראסטוב). א.
שלום יחיאל (הארקי). נט, ס.
שלום צבי (באברויסק). נב.
שלום שכנא (ווילנא). מב.
שלום שכנא (לובלין). מב.
שלום שלמה (ליובאוויטש). ואו.
שלמה (באריסאוו). כה.
שלמה (דאבראמיסל). כב, לה, מט, נג, נח.
שלמה (לובלין). סא.
שלמה (קרושטא). נד.
שלמה, דער בעקער (יאנאוויטש). כח, ל, לא.
שלמה, דער שינדער. כו.
שלמה לוריא — מהרש"ל. מא.
שלמה נפתלי (לודמיר). מא.
שם טוב. נד.
שמאי (ליאזנע). מו.
שמאי זונדעל (פראג). נו, נז.
שמואל (מאזינקע). הוספות.
שמואל (פויזען). מה.
שמואל זאנוויל (מינסק). מז.
שמואל יוסף (ווילנא). לז, לח.
שמואל נחום (דאבראמיסל). טז, יז, נט, ס.
שמואל נחום (מינסק). לח, לט.
שמחה זעליג (וויטעפסק). כז, כט, מ, נו, נז.
שמעון דאקטארעוויטש (קראקע). מב.
שמעון סגי נהור (דאבראמיסל). נז.
שמעיי (דאבראמיסל). מח.
שמעיי זרחיי (פאלאצק). מט.
שמערל נחום (חאטינקא). לג.
שמשון, דער מעליקער (יאנאוויטש). כז, כח.
שמשון, דער קצב (יאנאוויטש). כז.
שמשון אליי (יאנאוויטש). כט, ל.
שניאור זלמן (וויטעפסק). יוד, יח.
שניאור זלמן — דער אלטער רבי. א, ח־יוד. הוספות.
שערעמעטיאוו. לט ,מד, מו.
שרה (ווילנא). מב.
שרה (ליובאוויטש). ג.
שרה אמנו. כ.
שרה, בת צבי ארי' (ליובאוויטש). ה־ז.
תנחום (דאבראמיסל). מט.
תנחום שמואל (דאבראמיסל). מג, נט.
תרח. נג.

ספרים וקונטרסים

להשיג אצל קה"ת:

בונה ירושלים	1.25
פוקח עורים — לאדמו"ר האמצעי — עם מבוא מכ"ק אדמו"ר נ"ע	.50
שמע ישראל — מכ"ק אדמו"ר ה„צמח צדק"	.25
קונטרס התפלה — מכ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע—עם מבוא וקיצורים מכ"ק אדמו"ר נ"ע	.50
שדי חמד — עשרה כרכים	55.00
קב נקי	4.00
ספר הניגונים	8.00
קריאה לתשובה מכ"ק אדמו"ר שליט"א — אנגלית	.05
קובץ ליקוטי דינים	.25
תהלים אהל יוסף יצחק עם קובץ מכתבים של כ"ק אדמו"ר נ"ע	.75
משניות — ברכות	.30
משניות — ב"ק, ב"מ, ב"ב, סנהדרין	.75
מעשה אלפס	3.50
בית רבי — אידית	2.00
בית רבי — אידית — מכורך	2.40
חב"ד ליובאוויטש (עסקנות ציבורית) — בלה"ק או אנגלית ...כ"א	.25
מאור עינים	2.50

מכ"ק אדמו"ר נ"ע

מאמר ב' אלול תרצ"ז	.15
מאמרים לר"ה, עשי"ת, סוכות (קונטרס מג)	.25
שיחת פורים ה'תש"א — אידית או אנגלית	.25
חי אלול ה'תש"א — אידית או אנגלית	.25

יט כסלו — בלה"ק, אידית או אנגלית	.15
קובץ ליובאַוויטש — מחיר חוברת	.20
סידור תורה אור עם: א) שער הכולל. ב) דרך החיים ונתיב החיים	5.00
הקריאה והקדושה — ירחון — מחיר חוברת	.25
מפתח לשנות ה'תש"ז — ה'תש"ה	.25
ה'תש"א—ה'תש"ה — עם מפתח — מכורך ...	15.00
Some Aspects — אנגלית — העתקת מכתב כ"ק אדמו"ר נ"ע ע"ד חסידות-חב"ד, בצירוף ביוגרפיא קצרה של כ"ק אדמו"ר נ"ע	.50
ביוגרפיא קצרה של רבנו הזקן (בעל התניא והשו"ע) — אנגלית	.40
ביוגרפיא קצרה של כ"ק אדמו"ר נ"ע — אידית או אנגלית ...כ"א	.25

בהוצאת „אוצר החסידים":

מכ"ק אדמו"ר הזקן נ"ע:

תניא — פורמט רגיל או כיס	1.25
תורה אור — כל החלקים עם הוספות	3.00
לקוטי תורה — כל החלקים	6.00
שולחן ערוך — כל החלקים	6.00
מאמר כתפוח בעצי היער	.15

מכ"ק אדמו"ר האמצעי נ"ע:

תורת חיים (שני חלקים) — על ספר בראשית — מכורך	6.00
תורת חיים — ספר שמות. נדפס לראשונה. פוטוגרפיא מכ"י. 1340 ע'	10.00
אמרי בינה. ופירוש המלות — מהדורא בתרא. — מכורכים יחד	6.00
שערי תשובה — שני חלקים, מכורך	3.00
דרך חיים — מכורך	2.50
עטרת ראש	1.50
שערי אורה	2.00
שער האמונה ושער היחוד	2.50
בד קודש — עם מבוא מכ"ק אדמו"ר נ"ע	.50

מכ"ק אדמו"ר ה„צמח צדק" נ"ע:

שאלות ותשובות „צמח צדק" וחידושיו על הש"ס, עם הוספות ומילואים. בששה כרכים (יג חלקים)	18.00
דרך מצותיך — טעמי המצות	5.00
הוספה לדרך מצותיך	.50
קיצורים והערות לתניא (עם כמה הוספות)	1.25
אור התורה — על פרשת שמות	1.00
פסקי דינים	6.00
מאמר ברוך שעשה נסים	.15
רשימות על מגילת איכה	.50
מילואים לרשימות על מגילת איכה	.25
רשימות על מגילת אסתר	.25
תהלים אהל יוסף יצחק — השלם — עם פי' יהל אור	4.50
הוספה לתהלים עם פי' יהל אור	.15

מכ״ק אדמו״ר מהר״ש נ״ע:

והחרים — תרל״א	.50
מים רבים — תרל״ו	1.25
וככה — תרל״ז	1.25
חייב אדם לברך — תרל״ח	.50
זאת חנוכת המזבח, מצה זו, יונתי — תר״ם	1.25
ספר המאמרים — תרכ״ו	2.50
ספר המאמרים — תרכ״ז	3.50

מכ״ק אדמו״ר מוהרש״ב נ״ע:

חנוך לנער	.50
תורת שלום — ספר השיחות — מימיוגרף. מכורך	9.50
קונטרס ומעין מבית ה׳ — עם מבוא וקיצורים מכ״ק אדמו״ר נ״ע	1.00
קונטרס עץ החיים — עם מבוא וקיצורים מכ״ק אדמו״ר נ״ע	.50
קונטרס העבודה — עם מבוא וקיצורים מכ״ק אדמו״ר נ״ע	.50
קונטרס החלצו — רנ״ט	.25
מאמר והוא עומד עליהם — תרס״ג	.15
מאמר סמוכים לעד — תר״ף	.15
מאמר והוא כחתן — תרנ״ז	.15
מאמר זכור הוי׳ — עטר״ת	.15

מכ״ק אדמו״ר נ״ע:

ספר המאמרים — אידיש	2.00
ספר המאמרים — קיץ ה׳ש״ת	2.00
ספר המאמרים — ה׳תש״ג	2.00
ספר המאמרים — ה׳ תש״ג (מכורך)	3.00
ספר המאמרים — ה׳תש״ט (מכורך) (קונטרסים צה־צח, סא־סח)	3.00
ספר המאמרים — ה׳תש״י (מכורך) (קונטרסים סט־פא)	3.00
ספר המאמרים — ה׳תשי״א — מלוקט (מכורך) (קונטרסים פב־צד)	3.00
ספר השיחות — קיץ ה׳ת״ש	2.00
ספר הזכרונות — אידיש — 368 עמודים	3.00
ספר הזכרונות — אנגלית	3.50
ספר הקיצורים — קיצורי שערי אורה	1.00
שיחות חג הפסח ה׳תש״ג — הוצאה שני׳ עם הוספות	.50
קונטרס חי אלול ה׳תש״ג	.50
ביקור שיקאגא. מאמרים ושיחות	.50
תורת החסידות	.50
לימוד החסידות	.50
ה„צמח צדק״ ותנועת ה„השכלה״ — מרשימות כ״ק אדמו״ר נ״ע	.50
מאמר יג שבט תש״ז (קונטרס מט). מאמרים (קונטרס ג). כל אחד	.15
מאמר (פ׳ נצבים ה׳תש״ז)	.05
די רייד צו אידישע פרויען — בלה״ק׳ אידית או אנגלית כ״א	.15
קונטרסים משנת ה׳תש״ח־ה׳תשט״ו (קונטרס נב־קיז) כ״א	.15
מאמר אין הקב״ה בא בטרוניא — תרפ״ה (קונטרס קה)	.15
לקוטי דבורים — שיחות (כא־לו) כ״א	.15
קובץ מכתבים א׳ — אמירת תהלים	.25
קובץ מכתבים (ב־ג) כ״א	.15

מכ״ק אדמו״ר שליט״א:

הגדה של פסח — עם לקוטי מנהגים וטעמים, הוצאה שני׳ עם הוספות	1.00
היום יום — קובץ	1.00
ספר התולדות — אדמו״ר מהר״ש	.75
מפתח כל כתבי אדמו״ר מהורש״ב נ״ע	.50
מאמרים ושיחות כ״א	.15
אלול — ליקוט	.15
מפתחות לספר התניא	.25
מפתחות והערות לספר תורה אור	.50

מענה לשון	.30
מאמרי השתטחות לר״ה מפאַריטש	.30
פלח הרמון לר״ה מפאריטש — ע״ס בראשית	2.50
מורה שיעור — שיעורים בתניא	.10

רשימה מפורטת מיתר ההוצאות להשיג אצל „קה״ת״.

"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY
770 Eastern Parkway, Brooklyn 13, N. Y.
Telephone: HYacinth 3-9250